STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09962

PETERBURG

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

פעטערבורג

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

56

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

שלום אַש

פּעטערבורג

(ערשטער בוך פון „פאַרן מבול")

ראָמאַן

★

אַרױסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּױלישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-אײרעס, 1949

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by Sholem Ash

SHOLEM ASH

"PETERSBURG"

(NOVELA)

Hecho el depósito que marca la Ley.

Buenos Aires, 1949

ערשטער טייל

קאַפּיטל 1

ייד און קריסט

פון דער וואַרשעווער באַן האָבן זיך געשלעפּט אין דעם צעגייענדיקן שניי איין־שפּאַניקע, מיט שטרוי־אויסגעבעטע שליטעלעך איבער „וואָזנעסענסקי פּראָספּעקט", אַרויף צום „איסאַקיעווסקי פּלאַץ". רייען גאַנצע האָבן זיך געצויגן די איין־שפּאַנער. די פורמאַנעס — אַ טייל אין אַניטשעס, פאַרבונדענע „לאַפּטשעס", אַנדערע אין פּילצענע שטיוול, האָבן געפּאַרעט די שעפּס־פּעלצן, אַזוי ווי זייערע חשק־אָנגעגאָסענע שוואַרץ־גלאַנצנדיקע פערד. מענטש און פערד האָבן שווער געאָטעמט, טאָפּטשענדיק אין דער צעגאָסענער בלאָטע, וואָס האָט זיך געמאַכט אויף דער אויבערפלאַך פון דעם אייז־פאַרקאָוועטן ברוק, אין דעם שווער־פאַרכמורעטן נעפּל, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון די קאַנאַלן און געלייגט זיך איבער גאַנץ פּעטערבורג.

פון צייט צו צייט איז געקומען צופליען אַ לייכטע „טראָיקע". די שוואַרץ־בלישטשענדיקע פערד האָבן באַשפּריצט מיט בלאָטע די פורמאַנעס, און דאָס האָט זיי געגעבן אַ טעמע פאַר שילטן און רעדן. זייערע מיילער האָבן נישט גערוט. האָבן זיי זיך נישט דורכגעשאָלטן, האָבן זיי גערעדט צו די פערד, דאָ אָנרופנדיק זיי מיט די צערטלעכסטע נעמען, ווי מען רעדט צו אַן אויסדערוויילטן, און דאָ — שילטנדיק זיי אין די געשלעכטער אַריין.

דאָס האָבן די פורמאַנעס אויף זייערע איין־שפּאַניקע שליטנס נעפירט פון דעם וואַרשעווער וואָקזאַל, אין צאַרס הויפּטשטאָט, די רייכטימער פון די וואַרימע לענדער: דעם אויסדערוויילטן ווייַן פון די שאַמ-

פאַניען־פעלדער, וואָס די שטאָט האָט פאַרברויכט מער ווי אַ האַלבע וועלט. געשלאָסענע וואַגאָנען האָבן געפירט רויזן, נעלקן, פיילכן און מי־מאָזעס פון דער ריוויערע אין צאַרס הויפּטשטאָט — די פּריצייטיקע פּרוכטן, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין וואַרים־הייזער, די אויסדער־ווײלטע פּערפומען, זייפן און אַנדערע קאָסמעטיק־אַרטיקלען פון פראַנק־רייכס בעסטע פאַבריקן; פאַרשידענע מינעראַלן און מינעראַל־וואַסערן. מיט איין וואָרט: אַלדאָס בעסטע און אויסטערלישסטע, וואָס אייראָפּע האָט פאַרמאָגט, איז אַריינגעקומען אין אַ גרויסער מאַסע אין דער הויפּט־שטאָט דורך דער וואַרשעווער באַן. די רייכטימער פון רוסלאַנד־לענדער זענען אַריינגעקומען קיין פּעטערבורג דורך אַנדערע באַנהויפן.

***

אויף איינעם פון די זייטן־געסלעך, וואָס זענען אַרויסגעלאָפן פון „וואָזנעסענסקי פּראָספּעקט”, איבער וועלכע די איין־שפּאַניקע שליטנס האָבן זיך איצט געשלעפּט מיט די קאַסטנס וויין און בלומען, איז געשטאַ־נען אַ גרויס אַלט הויז. דאָס הויז איז געבויט געוואָרן אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אין פּעטערבורגער אַמפּיר-סטיל, געל אָפּגע־פאַרבט, מיט צוויי אַריינגאַנגען, וועלכע פיר שווייצאַרן אין ליווריען האָבן באַוואַכט בייטאָג און ביינאַכט. דער גרויסער אומהיימלעכער געמאַך, וועל־כער האָט פאַרנומען אַ שטיק פון דער גאַס אין פראָנט און אַ האַלבע גאַס הינטן אין הויף אַרויס, איז אײַנגאַנצן באַשטאַנען פון אייניקע רייכע וווינונגען. די הינטערשטע טרעפּ זענען געווען פאַרנומען פון אַ גענעראַלס אַלמנה, די אייגנטימערין פון הויז. די צווייטע — פון אַ רייכן גוט־באַזי־צער. דעם גאַנצן אויבערשטן שטאָק האָט פאַרנומען דער געשווווירענער אַדוואָקאַט סאַלאָמאָן אָסיפּאָוויטש גאַלפּערין.

שוין אין קאָרידאָר אַליין, וואָס האָט אַרויסגעפירט צום באַרימטן אַדוואָקאַטס אויפנאַם־צימערן, איז פון דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג פול גע־ווען מיט קליענטן. דער קאָרידאָר איז געווען אַן עכטער פּעטערבורגער, גוט באַלויכטן און גוט געהייצט, און אויסגעלייגט מיט רויטע פּלושענע דיוואַנען. די ווענט זענען געווען פאַרהאַנגען מיט גרויסע, אומגעלומפּער־טע אַמפּיר־שפּיגלען; איז אָנגענעם געווען צו וואַרטן אין אים. און די פון די קליענטן, וועלכע האָבן געוווסט אונטערצוקויפן דעם שווייצער,

האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין קאָרידאָר ביז פיר אַ זייגער, ווען די טירן פון די גרויסע פאָדער־אויפנאַם־צימערן פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט וועלן זיך עפענען, כדי זיי זאָלן זיין די ערשטע צוגעלאָזן צו ווערן.

ווען די גרויסע טירן פון אַדוואָקאַטס וווינונג האָבן זיך אויפגע־עפנט, איז דאָס גרויסע הויז איבערגעפּאַקט געוואָרן מיט מענטשן. יידן, פּויערים, פּריצים — פון אַלע רוסישע פּראָווינצן האָבן זיך געטראָגן באַ־וווהלטע מענטשן; געדריקטע פון די צאַרישע באַאַמטע, פאַרפאָלגטע פון די אוממענטשלעכע געזעצן, גערודפטע דורך געריכטן, פּראָקוראָרן, געפּיי־ניקטע פון די שטאָטישע ווילקיר־הערשנדע נאַטשאַלניקעס — האָבן די אַלע מענטשן געזוכט שוץ אין דער הויפּטשטאָט, אין די פּאַלאַטעס, אין די העכערע געריכטן, ביי די העכערע באַאַמטע. פּעטערבורג, די שטאָט פון צאַרן און באַאַמטע, די הערשערין איבער הונדערט מיליאָנען, פאַר־שפּרייט אויף אַ זעקסטל פון דער ערד, האָט צוגעצויגן טאָג־טעגלעך טויזנ־טער און צענדליקער טויזנטער פון אַלע עקן פון ווייטן און ברייטן רוס־לאַנד, וואָס זענען געקומען זוכן אין דעם מזרח־אייראָפּעאישן מעקקאַ רעכט און געזעץ, שוץ און פּראָטעקציע, קאָנצעסיעס און פּריווילעגיעס, אויף וואָס די איינציקע שטאָט האָט געהאַט צו זאָגן איבער דער גרויסער, ברייטער און רייכער אימפּעריע. אַ געוויסער טייל פון די זוכערס, אין פּע־טערבורג, האָבן אָנגעפילט די קאָרידאָרן, די אויפנאַם־צימערן, די עפנט־לעכע און פּריוואַטע, פון דעם אַדוואָקאַט גאַלפּערין, וועלכער, כאָטש אַ ייד, איז ער דאָך געווען באַרימט איבער האַלב רוסלאַנד מיט זיין גוטן קאָפּ, מיט זיין גלאַטער צונג (דער אַדוואָקאַט איז געווען פאַררעכנט אַלס איינער פון די בעסטע רעדנער אין רוסלאַנד) און מיט זיין איינפלוסריי־כער באַקאַנטשאַפט.

די ברייטע הויכע קאָרידאָרן פון דעם אַדוואָקאַטס אויפנאַם־צימערן, וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן אין פּלאָנטערדיקער ווייטקייט, זענען געווען באַשטעלט מיט הויכע, ברייטע אַמפּיר־שראַנקן פול מיט קאָדעקסן, סע־נאַט־באַשלוסן, געריכטס-אַנטשיידונגען און אַנדערע יוריספּרודענץ-ביי־כער. אַרום, אויף די הילצערנע מאַכאָנענע סאָפעס און בענק, זענען געזעסן די ווייניקער חשובע קליענטן, דאָס רוב יידן פון דער פּראָווינץ. זיי האָט מען צוערשט אַריינגעלאָזט צו די אַסיסטענטן פון דעם אַדוואָקאַט. מערס־טנס זענען דאָס געווען מענטשן, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט פון זייער

וווינונגס־אָרט. די מער קאָמפּליצירטע און אינטערעסאַנטע פּראָצעסן האָבן די אַסיסטענטן אָנגענומען פֿאַר זיך און זיי אָפּגעשיקט אין זייערע פּריוואַטע ביוראָס. די גאָר אינטערעסאַנטע, סענסאַציאָנעלע פּראָצעסן, פון וועלכע די צייטונגען וועלן שרייבן: רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסן, עלילת־דם, אָדער אַנדערע אַזעלכע, האָט מען צוגעלאָזן צום באַרימטן אַדוואָקאַט. אין די קליינע נעבן־חדרים האָבן געוואַרט רייכע און חשובערע מענטשן. דאָס זענען געווען דאָס רוב רייכע גרויסע האָלץ־סוחרים, נאַפֿט־סוחרים, אָדער צוקער־סוחרים, ערשטע גילדע, וועלכע האָבן זיך מיט דעם אַדוואָקאַט מיישב געווען וועגן קאָנצעסיעס, וועגן איינאָרדענען קינדער אין די פֿירמעס, אַז זיי זאָלן מעגן וווינען מיט זיי אין מאָסקווע, אין פּעטערבורג.

נאָר אין סאַלאָן, ווו די פֿענצטער זענען געווען באַהאַנגען מיט שווערע זיידענע פּאָרטיערן, אָנגעשטעלט מיט ברייטע, גרויסע פֿראַנצויזישע שטולן, די ווענט באַהאָנגען מיט בילדער פון לעוויטאַן, אייוואַזאָווסקי און דעם נאָר־וואָס באַרימט געוואָרענעם רעריך (אָריינגענומען אונטער דעם איינפֿלוס פון דער מיט קונסט פֿאַראינטערעסירטער טאָכטער) און פֿול מיט גרויסע, רייכע בראָנזן און פּעטערבורגער וואַזעס — האָט די דאַמע פון הויז אונטערגעהאַלטן אַן אויסערגעוויינלעכן גאַסט, וועלכער האָט אויך, ווי אַלע אַנדערע, געוואַרט אויפֿן אַדוואָקאַט, דעם „ווירקלעכן סטאַטסקי סאָוויעטניק" סענאַטאָר אַקימאָוו.

פֿאַר אַלע אַנדערע קליענטן האָט עס געהייסן, אַז דער אַדוואָקאַט עמפּפֿאַנגט נאָך נישט. ער האָט זיך היינט פֿאַרשפּעטיקט ביי זייער אַ וויכטיקן פּראָצעס, וואָס ער האָט פֿאַרטיידיקט אין סענאַט. דעם סענאַטאָר אַקימאָוו איז אויף דעם דירעקטן באַפֿעל פון דעם אַדוואָקאַט געזאָגט געוואָרן, אַז דער אַדוואָקאַט בעט ביי אים אַנטשולדיקונג, ער איז פֿאַרנומען מיט אַ זייער וויכטיקער אַרבעט, פון וואָס עס הענגט אָפּ אַ מענטשנס לעבן. און ער בעט אים, אַז ער זאָל אַ פֿערטל שעה פֿאַרברענגען אין דער געזעלשאַפֿט פון זיין פֿרוי.

דאָס וואַרטן האָט אָבער געדויערט לענגער פון אַ פֿערטל שעה. דער סטאַטסקי סאָוויעטניק, אַ נידריק־געוויקסיקער, מיט אַ גלאַנציקן הויכן שטערן, וועלכער האָט דערגרייכט ביז דעם פּליך אינמיטן קאָפּ, מיט אַ געשוירן בערדעלע, האָט מיט זיינע ווייכע, כמעט ווייבערשע הענט, נער־

ווען געריבן זיך איבער זיינע קני. זיינע בלויע אויגן האָבן אומרואיק זיך געוואָרפן פון איין עק סאַלאָן צום אַנדערן, מער איבער דעם פּאַרדרוס, וואָס דער ייד וואַגט אים צו לאָזן וואַרטן, איידער איבער דער אורזאַך, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט אין יידס סאַלאָן. ער האָט זיך אָבער געמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן נישט צו לאָזן מערקן זיין אויפרעגונג. ער האָט גערעדט מיט דער מאַדאַם וועגן גלייכגילטיקע זאַכן; וועגן דער אָפּע-רע, וועגן שלעכטן וועטער און וועגן דעם באַן-אומגליק, וואָס האָט זיך געטראָפן אין קאַווקאַז. די דאַמע, אַ מיטליעריקע, אַ דיקלעך-געבויטע ברו־נעטין, מיט שוואַרצע, גלאַנצנדיקע, זיידענע האָר, שוואַרצע, שאַרפע ברע־מען, מיט אייגיקע וווּנדערבאַרע חן־פּלעקלעך און חן־גריבלעך אין אירע באַקן, מיט איר פול מויל ווייסע, געשליפענע ציין און מיט איר פּערל־שנור אויף דעם געשיקטן פּאַריזער שוואַרץ־זיידענעם קלייד, האָט אויס־געזען ווירדיק און אָנציענד. אירע לענגלעך-געשניטענע אויגן האָבן איר פּנים געגעבן מער אַ מאָנגאָלישן, איידער יידישן אויסזען. און ווען נישט די באַזונדערע לאַגע, אין וועלכער דער סענאַטאָר האָט זיך געפונען, וואָס האָט געגעבערט אין זיין קאָפּ, ווי אַ ציין־ווייטיק זייט ער האָט זיך גע־פונען אין דעם יידס סאַלאָן, האָט ער נישט וויסנדיק פּאַרוואָס, ערשט רעכט דערפילט די ערנסטקייט פון דער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך — ווען נישט דאָס אָרט און די צייט, וואָלט ער זיך גאָר נישקשה־דיק מיט דער דאַמע אַמוזירט. זי האָט זיך געהאַלטן פריי, אומגעצוווּנגען און האָט גערעדט מיט אַ נאַטירלעכקייט, וואָס האָט דעם סענאַטאָר צו־ערשט אין אָנהייב פאַרוווּנדערט (אַז אַ יידישע פרוי זאָל זיך אַזוי האַלטן אין זיין קעגנוואַרט) — און דערנאָך אים אימפּאָנירט.

דערווייל איז דער באַרימטער אַדוואָקאַט געזעסן אין הויכן געשניצטן הילצערנעם פאָטעל, וואָס איז עפּעס אויסטערליש געמאַכט געוואָרן איז שפּאַנישן רענעסאַנס און האָט אויסגעזען ווי אַ טראָן, ביי זיין שווערן, גרויסן מאַכאָגענעם שרייב־טיש, אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט. דער גרוי־סער קאַבינעט איז געווען באַשטעלט מיט שווערע, געשניצטע ביכער־שראַנקן, באַלייגט מיט שווערע, ווייכע דיוואַנען, באַשטעלט מיט שווע־רע לעדערנע פאָטעלן, באַלויכטן מיט ליכט אונטער גרינע שיינען. זיין גרויסער קאָפּ האָר, שוואַרץ געמישט מיט גרוי, איז געווען צעשויבערט, און דאָס שוואַרץ־גרויע בערדל, וואָס האָט איינגעפאַסט זיין לענגלעך פּנים

ווי א ראָם, האָט בולטער אַרויסגעבראַכט זיינע יידישע כּאַראַקטער־שטריכן. ער האָט אויסגעזען ווי א רבילע. דערביי איז נאָך עפּעס א ישיבה־בחורשע יינגקייט געלעגן אין דעם ווייכן און גלייכן פאַרלייג פון זיין אויבערשטער באַוואַקסענער ליפּ. קיין שום פּאַפּירן, פון וועלכע ס'העננגט אָפּ דאָס לעבן פון א מענטשן, זענען נישט געלעגן פאַר אים און קיינע קליענטן זענען נישט געווען אין זיין קאַבינעט.

ער האָט זיינע ביינערדיקע לאַנגע פינגער דורכגעפירט דורך די עקן פון זיין גרויליעך בערדל, קנייטשנדיק דערביי זיין הויכן שטערן. ער האָט געקלערט פון דעם אויסטערלישן גאַסט, וואָס זיצט ביי אים אין סאַלאָן, אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי, און ער האָט זיך גוט איבערלייגט, ווי דאָ צו האַנדלען. ער האָט שוין עפּעס געהערט פון דער אומאַנגענעמער לאַגע, אין וועלכער דער אַלמעכטיקער סענאַטאָר געפינט זיך. עפּעס האָבן צייטונגען דערפון (פאַרשטעלטערהייט נאָך) צו וויסן געגעבן. און עפּעס מער האָט ער געהערט אין די קאָרידאָרן פון סענאַט. עס האַנדלט זיך וועגן א פאַלשער אונטערשריפט, וואָס דער סענאַטאָר זאָל האָבן געמאַכט, וועגן גרויסע פאַרשווענדונגען פון רעגירונגס־געלט. „ער, דער פאַרביסנסטער יידן־פיינט, דער פינצטערסטער רעאַקציאָנער, מסתמא איז ער דאָך שוין ערגעץ אַנדערשוווּ געווען. נאָר דאָרטן האָט מען די זאַך צוריק־געוויזן, נישט געוואָלט אָננעמען" — האָט דער אדוואָקאַט זיך געטראַכט — „מוז דאָך זיין אַן אורזאַך. הייסט עס, אז דער אַלמעכטיקער אַקימאָוו איז געפאַלן; אז מען זוכט זיין מפּלה; אויב נישט, וואָלטן זיי פאַרגלעט די זאַך, איידער עס וואָלט אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט. ס'איז געווים דאָ עפּעס אַן אורזאַך, פאַרוואָס דער מיניסטער וויל, אז אַקימאָוו זאָל פאַלן. הייסט עס, אז אין הויף האָט מען זיך אָפּגעשאָקלט פון אַקימאָוון. פאַרוואָס איז מען עפּעס געקומען צום ייד? קאָלעגן האָבן געראַטן, קאָלעגן האָבן צוגעשיקט — דעם יידן וועט קיינער נישט חושד זיין אין פניות צו אַקימאָוון. אָ, מיר קענען אייך. סיי־ווי־סיי איז עס א שפּיל פאַרן טייוול. און זאָל עס הייסן, אז דער ייד נעמט זיך אונטער אַלצדינג צו פאַרטיידיקן: פאַלשע אונטערשריפטן, פאַרשווענדונגען פון רעגירונגס־געלטער, און מעג עס זיין פון זיין פאַרביסנסטן שונא — אבי פאַר געלט"...

זיין קאָפּ האָט געאַרבעט פלינק, און דערביי האָט ער זיך צוגע

ברומט מיט אַ גמרא־נגונדל, פון וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּ־געוווינען:

„און אפשר טאַקע דערפאַר יאָ" — האָט דער אַדוואָקאַט ווייטער געצויגן דעם פאָדים פון זיינע געדאַנקען — „אַקימאָוו, דער „פּאָרזיצנ־דער" — לערנט ער צוריק — „און דערפאַר וואָס אַקימאָוו איז דער פּאַר־ביסנסטער יידן־פיינט, איז בעסער טאַקע יאָ" — האָט ער איבערגעוווגן דעם עפעקט אין זיין געדאַנק — „צייטונגען וועלן שרייבן פון דער „דיע־לאָ", אַ ספּעקטאַקל פאַר גאַנץ רוסלאַנד. געוויס... און דאָס, וואָס איך וועל אים פאַרטיידיקן, וועט דעם עפעקט מאַכן נאָך שיינענדיקער. די יורי שטייט אויסער יעדער פּאָליטיק און יעדער ליידנשאַפט, אַ ביישפּיל פון אומפּאַרטייאישקייט. און אָפּזאָגן זיך פון האָנאָראַר אויך. נעבטן פאַרטיידיקט אַ רעוואָלוציאָנער, היינט — אַ „סטאַטסקי סאָוויעטניק", אַ יידן־פיינט. די יורי קען נישט קיין פּאַרטיי..."

„דער „עסק" איז אָבער אַ פּאַסקודנער, אַ מיאוסער — אַ פאַלשע אונטערשריפט. קיין פּיצל אידעאַליזם נישטאָ. און מסתמא, אַז יענע האָבן עס אָפּגעוואָרפן, איז דאָ אַ ווונק פון אויבן. „אַקימאָוו, דו ביסט געפאַלן. דו האָסט זיך צופיל געטשעפּעט מיט דעם יידישן גאָט..."

זיין ערשטער באַשלוס איז איצט ביי אים קלאָר געוואָרן, און ער איז בייז געוואָרן אויף זיך, וואָס זיין יאָגן זיך נאָך באַרימטקייט, נאָך פּאָפּולאַריטעט האָט אים אַ מינוט געמאַכט קלערן וועגן „קאָמפּראָמיסן". זיין „פּרינציפּ" איז נישט צו פאַרטיידיקן דאָס, וואָס עס איז נישט ער־לעך..

„און פון וואַנען ווייס איך? מען באַדאַרף אויסגעפינען פון אים אַליין, ווי די זאַך האַלט, און ווי זי וועט זיין, אַזוי וועלן מיר האַנדלען. איז עס אַקימאָוו, אָדער דאָס איז אַן אומבאַקאַנטער איזוואָשטשיק. אומ־שולדיק — פאַרטיידיקן קעגן אַלעמען. שולדיק — אָפּזאָגן זיך, אַזוי ווי איך האָב שטענדיק געהאַנדלט אין אַלע פאַלן".

ער איז שטאָלץ געוואָרן אויף זיך איבער זיין באַשלוס. אינערלעך האָט אַ געפיל פון נקמה געפּרוווט אויפבלאָזן אין אים אַ פייערל: „גרוי־סער אַקימאָוו, וועסט זיך איצט צאַפּלען צווישן מיינע פינגער, ווי אַ יידל ביי איינעם פון דיינע קלענסטע נאַטשאַלניקעס". נאָר ער האָט געפּרוווט גלייך צו פאַרשטיקן דאָס געפיל פון האַס און נקמה דורך אַ פיל שטאַר־

קער און נענטער געפיל — דורך דעם געפיל פון אייגנליבע, מיט וועלכן זיין גאַנץ וועזן איז איצט אָנגעפילט געוואָרן, וואָס ער, אַ יידישער יונ־גערמאַן פון דער פּראָווינץ, איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז סענאַטאָרן וואַרטן ביי אים אין סאַלאָן, זוכן ביי אים שוץ. דאָס געפיל פון אייגנליבע האָט אים געגעבן געוועהר אין דער האַנט אַריין צו קעמפן קעגן דעם ראַסן־געפיל פון נקמה, און האָט אויפגעהאַלטן די וואָג פון גערעכטיקייט, וואָס ער האָט געדענקט, אַז די יורי מוז אין אַלע פאַלן און אין אַלע צייטן אָפּ־היטן.

„די, וואָס זוכן ביי מיר שוץ, זאָלן עס האָבן. מעג עס זיין ווער ס'איז. אָבער נאָר די, וואָס האָבן אַ רעכט באַשיצט צו ווערן". ער האָט געזאָגט די דאָזיקע ווערטער נישט נאָר אין זיין געדאַנק, נאָר הויך, מיט אַ באַטאָנונג, כמעט אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט פאַר די „געשוווירענע". און עפּעס ווי מיט אַ כיוון, וועלנדיק אונטערשטרייכן זיין יידישן אויס־זען, האָט ער מיט די פינגער נאָך מער צעשויבערט זיינע שטייענדיקע הויי־בע האָר, זיין קורץ בערדל, און איז אַריין, מיט די לאַנגע הענט פאַר לייגט אויף הינטן, אין סאַלאָן אַריין, צו עמפּפאַנגען דעם גאַסט.

די באַגריסונג איז געווען אַ קאָרעקטע, נאָר אַ קאַלטע פון ביידע זייטן, וואָס ביידע זייטן האָבן נישט געקאָנט העלפן. אַקימאָוון האָט דער אַדוואָקאַט נאָר געקענט פון זען, און ער האָט שטענדיק געדענקט זיינע ביטערע בלויע אויגעלעך, וואָס האָבן געקוקט אויף אים, ווען ער האָט אין אַ סענאַט־קאָמיסיע פאַרטיידיקט עפּעס אַן „עסק". דער אַדוואָקאַט האָט זיך נישט געקאָנט העלפן, זעענדיק דאָס גוט־באַקאַנטע פּנים פונעם פאָר־זיצנדן, וועלכער האָט שטענדיק געקוקט אויף אים מיט אַ לצנותדיקער פאַראַכטונג. די שוואַכע מענטשלעכע ליידנשאַפט פון נקמה האָט פאַר־ברענט די גלייכע מאָס פון דער יורי. אָבער די מאַדאַם, וועלכע האָט ווי אַ געניטע מענטשן־קענערין פאַרשטאַנען אַלצדינג, וואָס קומט פאָר אין איר מאַנס מוח, האָט אַרויסגעהאָלפן אין דער לאַגע.

— גוט, וואָס דו האָסט זיך צוגעאיילט אַריינצוקומען, סאָלאָמאָן אַסיפּאָוויטש. איך האָב מורא, אַז דער „פאָרזיצנדער" (ווי זיי האָבן דעם פּערדסעדראַטעל אַקימאָוון אָנגערופן) האָט זיך שוין געלאַנגווייליקט אין מיין געזעלשאַפט.

— אַנטשולדיקט מיר, קאָנסטאַנטין איוואַנאָוויטש, איך האָב נישט

געקאַנט פריער אַריינקומען. די פליכט פון מיין פּראָפעסיע האָט מיך צו־ריקגעהאַלטן. איך האָב געמוזט צוגרייטן „אַקטן‟, וואָס זענען זייער גוי־טיק און איילִיק. זיי מוזן מאָרגן פרי זיין אין געריכט, און אַ מענטשנס לעבן העננט אָפּ דערפון.

— איך פאַרשטיי, די פליכט פון דער פּראָפעסיע איז די ערשטע זאַך. און מיר האָבן דאָ, איבעריקנס, די צייט זייער גוט פאַרבראַכט מיט אייער פרוי. זייט מוחל, פאַרגעסן דעם פאָטערס נאָמען.

— איך האָב נאָך אייך נישט געזאָגט, — האָט די מאַדאַם געלאַכט,

— אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ.

— יאָ, יאָ, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ. מיר האָבן דאָ זייער גוט פאַרבראַכט די צייט מיט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ — האָט דער סענאַטאָר איבערגעחזרט דעם נאָמען, ווי ער וואָלט זיך אים גוט געוואָלט אויסלערנען.

די מאַנסבילן זענען געזעסן,ביידע האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן און ווי אַזוי אַרויסצופירן צום געשפּרעך, וועלכן ביידע האָבן גע־וואָלט אָנהייבן. און עס איז ווידער געווען די דאַמע פון הויז, וועלכע האָט זיי אַרויסגעראַטעוועט.

— ווי איך פאַרשטיי, איז דער „פּאָרזיצנדער‟ געקומען צו דיר, סאָ־לאָמאָן אָסיפּאָוויטש, און צוליב דיר האָט ער זיך געמיט און זיך געלאַנג־ווייליקט מיט מיר די גאַנצע צייט.

— אָ, יאָ, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט רעכט: דאָס בין איך טאַקע געקומען צו אייך, סאָל—סאָלאָמאָן, זייט מוחל.

— סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש — האָט דער אַדוואָקאַט איבערגע־חזרט זיין נאָמען.

— זייט מוחל, יאָ, צו אייך, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש.

— ווילט איר זיך נישט באַמיען אַריינצוגיין אין מיין קאַבינעט? דו וועסט אונדז מוחל זיין, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ.

— יאָ, יאָ, איר וועט אונדז מוחל זיין אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, — האָט דער סענאַטאָר איבערגעחזרט די ווערטער, — איר פאַרשטייט, אַ מאַנס־בילשע זאַך.

אין קאַבינעט ביים אַדוואָקאַט, אין די טיפע לעדערנע שטולן, ביים שיין פון די גרויסע ברייטע גרינע לאָמפּן־שירעמס, איז דאָס געשפּרעך צווישן די צוויי מאַנספּערשוינען אָנגעגאַנגען פיל אומגעצווונגענער.

— איר זייט נישט פאַרוווּנדערט מיך צו זען דאָ ביי אייך, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש? — האָט דער סענאַטאָר אָנגעהויבן.

— אַ דאָקטאָר און אַן אַדוואָקאַט האָבן קיין רעכט נישט זיך צו ווונדערן ביים אויספירן זייער פּראָפעסיע. איבריקנס, וועט איר אפשר זיין אַזוי פריינטלעך מיך צו באַקענען מיט דער אורזאַך, וועלכער איך האָב צו פאַרדאַנקען די ערע פון אייער וויזיט? דאָס וועט אויך אייניגצייטיק שטילן מיין נייגעריקייט.

— האָט איר נאָך גאָרנישט געלעזן אין די צייטונגען?

— וואָס די צייטונגען שרייבן, דאָס אינטערעסירט מיך נישט. מיר האָבן גאָרנישט געלעזן און ווייסן גאָרנישט.

— סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, מיך פירט צו אייך אַ זייער ערנסטער ענין. איר ווייסט מיינע אנשויאונגען און מיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט. אַז איך האָב דאָך ביי זיך געפּועלט צו זוכן שוץ ביי אייך, איז עס דערפאַר, ווייל איך וויל ווייזן דער וועלט, אַז איך וויל זיך נישט שיצן אונטער דעם מאַנטל פון מיניסטער פון גערעכטיקייט און איך וויל זיך נישט באַהאַלטן אין שאָטן פון „הויף", צווישן מיינע קרובים און פריינט. אויסקלייבנדיק אייך אַלס מיין פאַרטיידיקער, אַ מענטשן — אַזוי צו זאָגן — זייט מוחל פאַר די רייד — וועלכער שטייט אויסער די איינפלוסרייכע ספערן, אַזוי צו זאָגן, אפילו געשטימט קעגן זיי — זייט מוחל פאַר די רייד — וועט דאָס באַווייזן דער גאַנצער וועלט, אַז איך שטיי, אַזוי צו זאָגן, אָפן פאַר אַלעמען. אייערע רייד, וואָס וועלן קומען פון אַ מענטשן, זייט מוחל, אַזוי צו זאָגן, וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדער ספערע, צו אַן אַנדער קלאַס מענטשן, אַזוי צו זאָגן, וועלן מער געגלייבט ווערן. עס וועט מאַכן אַ בעסערן איינדרוק און זיי וועלן גיכער ווירקן אויפצווייזן מיין אומשולד, מיין אַבסאָלוטע אומשולד, אין דעם וואָס, ווי איר וועט זיך באַלד איבערצייגן, איך ביז אַריינגעפאַלן קעגן מיין ווילן און ווייסן.

סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האָט מיט אַ ביוון געלאָזט דעם סענאַטאָר זיך פּלאָנטערן מיט די ווערטער. ער האָט אים נישט אַרויסגעהאָלפן מיט קיין איין וואָרט, נישט מיט קיין איין באַוועגונג. זיין פּנים איז געווען אייזן־האַרט. אין די רייד פון סענאַטאָר, איבערהויפּט אין דעם אויסדרוק „אַנדערע ספערן". האָט ער איינגעזען, אַז זיין השערה, אַז דער סענאַטאָר איז געוואָרן געשיקט צו אים פון אַנדערע אַדוואָקאַטן, וועלכע האָבן נישט

געוואָלט אָננעמען די „דיעלאָ", איז א ריכטיקע. אין דעם אויסדרוק „אַנ־דערע ספערן" האָט ער דערקענט דעם באַרימטן שווארץ־מאהדיקן אד־וואָקאַט, דעם דעפּוטאַט סאָלאָגוב, ביי וועלכן דאָס איז געווען א באַ־ליבט וואָרט.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך אייגנטלעך? אפשר וועט איר זיין אזוי פריינטלעך, קאָנסטאַנטין איוואַנאָוויטש, מיך באַקאַנט צו מאַכן מיטן גאַנצן ענין? — האָט געזאָגט דער אדוואָקאַט טרוקן.

— עס האַנדלט זיך וועגן דער אונטערשריפט פון נאַטשאַלניק פון ביוראָ פון מיין פּאַלאַטע, פון וואַלד־ענינים, פון וועלכער איך בין דער פּאָרזיצנדער, אויף וואָס מ'האָט ארויסגעקראָגן פון „רעגירונגס-באַנק" הונדערט טויזנט רובל. די ראַדיקאַלע צייטונג און אנדערע רעוואָלוציאָנערן האָבן געמאַכט א בלבול אויף מיר, אז איך האָב עס אונטערגעשריבן די אונטערשריפט פון נאַטשאַלניק פון ביוראָ, מיכאַיל קראַסניקאָוו, וואָס דאָס איז דאָך נישט אמת. וואָרים, אזוי ווי איר ווייסט, בין איך דאָך דער פּאָרזיצנדער פון דער פּאַלאַטע, און אָן מיין אונטערשריפט האָט מען דאָס געלט נישט געקאָנט ארויסגעבן.

— האָט מען דאָס געלט ארויסגעקראָגן?

— יאָ. געוויס האָט מען דאָס געלט ארויסגעקראָגן.

— ווער?

— ווער? — דער טייוול ווייסט ווער! מיין סעקרעטאַר, צי דער וויצע-נאַטשאַלניק, צי דער נאַטשאַלניק פון ביוראָ. ווער ווייסט ווער?

— און איר, קאָנסטאַנטין איוואַנאָוויטש, האָט אונטערגעשריבן, אז מען זאָל דאָס געלט ארויסגעבן?

— דאַכט זיך, אונטערגעשריבן. איך בין דאָך פּאָרזיצנדער. וואָס ווייס איך, צי ריכטיק, אָדער נישט ריכטיק? דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר מיט אנדערע פּאַפּירן און אונטערגעשריבן.

— און די אונטערשריפט פון נאַטשאַלניק פון ביוראָ, מיכאַיל קראַס־ניקאָוו, איז געווען אונטערגעשריבן אויפן פּאַפּיר, אָדער נישט?

דער סענאַטאָר האָט זיך גלייך געזעצט.

— אָט אין דעם האַנדלט זיך דאָך די גאַנצע זאַך. דאַכט זיך, גע־ווען מיט אלע פּיטשעווקעס. איצט טענהט ער: נישט געווען. א פאַלשע

אונטערשריפט געווען. און, איבריקנס, ווער קאָן געדענקען? און וועגן דעם בין איך דאָך טאַקע געקומען מיט אייך זיך מיישב זיין.

— קאָנסטאַנטין איוואַנאָוויטש, דערלויבט מיר אייך צו דערקלערן אַ זייער וויכטיקן ענין, איידער מיר גייען ווייטער. ערשטנס, מוז איך אייך זאָגן, אַז דאָס, וואָס מיר רעדן דאָ, אין מיין ביוראָ, ווערט פאַרפאַלן צווישן די פיר ווענט. קיינער הערט אונדז דאָ נישט. איך עפן אויף אַלע טירן צו ווייזן אייך, אַז אין די פּאָר־צימערן און אין די אַנדערע צימערן געפינט זיך נישט קיין מענטש. די ווענט זענען דיק און קיינער הערט אונדז נישט. און אַלס אַדוואָקאַט איז מיין פליכט אייך צו דערקלערן... מיר דאַכט זיך, איר ווייסט עס פּונקט אַזוי ווי איך. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, זענט איר דאָך אַליין אַ געענדיקטער יוריסט.

— ניין, נאָר צוויי יאָר אַ קאַדעטישע שולע הינטער מיר.

— זייט מוחל. איך וויל אייך קלאָר מאַכן אָט־וואָס: מיר אַדוואָקאַטן זענען פּונקט אַזוי ווי די דאָקטוירים. אום צו געבן די רפואה, מוז דער דאָקטאָר וויסן די גאַנצע קראַנקהייט, כדי צו קענען שטעלן דעם „דיאַגנאָז". אין דער הינזיכט זענען מיר גאָר נישט קיין מענטשן מיט ליידנשאַפטן, נאָר ווי געלערנטע, וועלכע באַהאַנדלען אָביעקטיוו אַ וויסנשאַפטלעכן ענין. דאָס צימער דאָ, די ווענט דאָ מוזן וויסן דעם גאַנצן אמת. און דאָס געזעץ איז אַזעלכעס, אַז קיין דערקלערונג, וואָס אַ קליענט מאַכט אין אַ פּריוואַטן ביוראָ צו זיין אַדוואָקאַט, קאָן נישט גענומען ווערן אַלס עדות־זאָגן אין אַ געריכט, קאָן נישט אויסגענוצט ווערן קעגן דעם אָנגעקלאָגטן, אין קיין פאַל נישט, פון פּראָקוראָר אָדער פון אַן אַנדערן. און עס איז שטרענג קעגן דער עטיק פון דער אַדוואָקאַטישער פּראָפעסיע צו איבערחזרן אפילו פאַר די סאַמע נאָענטסטע מענטשן דאָס, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט געהערט פון זיין קליענט ביי זיך אין זיין קאַבינעט. אַלזאָ. אין דער הינזיכט קאָנט איר זיין אַבסאָלוט זיכער.

דער סענאַטאָר האָט זיך אויפגעזעצט, אויפגעהויבן זיין קאָפּ. זיינע בלויע אויגן זענען איצט באַלעבט געוואָרן, זיין נאָז און זיין אויבערשטע ליפּ האָבן געציטערט פאַר אויפרעגונג.

— איך וויל, נאָך אַלעמען, אַז איר זאָלט נישט פאַרגעסן, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש (ער האָט גזקריצט מיט די ציין דעם נאָמען), אַז איר רעדט צום „ווירקלעכן סטאַטסקי סאָוויעטניק", פאָרזיצנדן פון סענאַטאָרישן

קאָמיטעט איבער די ענינים פון מלוכהשן וועלדער־מאָנאָפּאָל, סענאַטאָר גראַף קאָנסטאַנטין איוואַנאָוויטש אַקימאָוו.

— און איך וויל, אַז איר זאָלט נישט פאַרגעסן, — זאָגט דער אַד־וואָקאַט מיט אַ גוט שמייכעלע אויף זיינע בלייכע ליפּן, פאַרציִענדיק די אויגן, — אַז איר רעדט צום פאַרטיידיקער פון דעם זעלבן קאָנסטאַנטין איוואַנאָוויטש אַקימאָוו.

ביי די ווערטער האָט דער אַדוואָקאַט צוגערוקט דאָס זילבערנע פּאַ־פּיראָסן־קעסטל צום גראַף.

— איך האָב גאָר פאַרגעסן אייך איינצולאַדן צו רויכערן, זייט מוחל.

אַ מינוט האָט געהערשט שטילקייט.

— אַז מיר וועלן אַזוי אָנהייבן, וועלן מיר ווייט נישט גיין, איז אַ שאָד אונדזער ביידנס צייט, — זאָגט דער אַדוואָקאַט. — איך האָב גע־דענקט, אַז ווען איר זענט געקומען צו מיר, אַז איר האָט מיך אויסגעקליבן צו שענקען אייער צוטרויען, וואָס איך פאַרזיכער אייך, אַז איך ווייס עס ווי צו שעצן און צו ערן, — זענט איר גרייט אינגאַנצן מיר זיך צו פאַר־טרויען; ווארים מיר מוזן האָבן איינער צום צווייטן צוטרוי און פאַרגעסן אַלץ, וואָס שיידט אונדז אָפּ, ווען מיר פאַרלאָזן דעם קאַבינעט: די פאַר־שידענע קלאַסן און ספערן, צו וועלכע מיר באַלאַנגען, די פאַר־שידענע אַנזיכטן, וואָס מיר פאַרטרעטן. מיר מוזן געדענקען: אַז מיר זע־נען דאָ ביידע פאַראינטערעסירט אין איין־און־דערזעלבער זאַך, און פּונקט אַזוי ווי אַ חולה, וואָס פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף זיין דאָקטאָר און פאַר־טרויט אים אַלע זיינע געהיימנישן, די אינטימסטע זאַכן, אַזוי מוזט איר זיך מיר פאַרטרויען. ווארים נאָר אַזוי איז מעגלעך, אַז איך זאָל אייך ביי־הילפיק זיין אַרויסצוקריגן זיך פון דער לאַגע, וועלכע איך, אַלס פּראָ־פעסיאָנעלער פאַכמאַן, מוז דערקלערן פאַר גענוג ערנסט — פאַר אייער ערע און פרייהייט.

דער סענאַטאָר איז געזעסן שווייגנדיק, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט קלענער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אונטערגעבויגן מיט זיין שוואַכן רוקן אונטער די קלאַפּנדע רייד פון דעם אַדוואָקאַטס מעטאַלענער שטימע. זיין געזיכט איז בלייך געוואָרן, זיינע אויגן — האַלב־פאַרגלע־זערט, און זיינע קליינע, קלאָרע ציין האָבן זיך אינגאַנצן אַרויסגעוויזן פון זיין נישט צוגעייענדיקער ליפּ. ער האָט די בלייכע, איידעלע הענט גע־

ריבן איינע אָן דער אַנדערער, און נישט געקאָנט באַהאַלטן פון אַדוואָקאַט די מלחמה, וואָס עס גייט אָן אין אים צווישן זיין שטאָלץ און פּאַרטיי־דיקונגס־געפיל.

— וואָס ווילט איר וויסן, אַדוואָקאַט? — האָט ער ענדלעך גע־פרעגט.

— איך וויל וויסן, אויב דאַמאָלסט, ווען מען האָט אייך געגעבן דאָס פּאַפּיר אונטערצושרייבן אויף דער סומע פון הונדערט טויזנט רובל, איז געווען די פריערדיקע אונטערשריפט פון נאַטשאַלניק פון ביוראָ, אָדער נישט?

— איך קאָן נישט געדענקען, — האָט געזאָגט דער סענאַטאָר, אויסמיידנדיק דעם אַדוואָקאַטס בליקן.

— וואָס הייסט, איר קאָנט נישט געדענקען? דאָס איז קיין תירוץ נישט. איך וויל אייך נאָכאַמאָל דערמאָנען: ווען איך רעד אַזוי צו אייך, איז עס דערפֿאַר, ווייל איך וויל אייך פאַרשפּאָרן די אומאָנגענעמלעכקייטן פון אויספרעגן פון פּראָקוראָר. און איך באַדאַרף אייך נישט דערמאָנען. אַז ביים פּראָקוראָר מוזן שוין די ענטוואָרטן זיין קלאָרע.

דער סענאַטאָר איז נאָך קלענער געוואָרן. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער ווערט איינגאַנצן איינגעקאָרטשעט אונטער דעם אַדוואָקאַטס שטאַרקער שטימע און דרינגנדע אויגן.

— איך בין דאַמאָלסט געווען אין אַזאַ צושטאַנד, וואָס איך קאָן נישט געדענקען. עס איז געווען דער געבורטסטאָג פון מיינער אַ פריינדין און עס איז געווען דערנאָך, ווי מיר האָבן אַ ביסל אויסגעטרונקען, איר פאַרשטייט דאָך, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש.

— איך פאַרשטיי. ווו האָט איר אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר, ביי זיך אינדערהיים?

— ניין, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש — האָט שוין דער סענאַטאָר זיך אונטערגעגעבן — עס איז נישט געווען ביי זיך אין קאַבינעט, אויך נישט אין ביוראָ פון סענאַט. עס איז געווען אין אָן אָרט, וואָס איז נישט שיין אויסצוזאָגן... אין דער וווינונג פון דער פּוילישער זינגערין פּעטראָוונאַ, מאַריאַ פּעטראָוונאַ...

— דאָרטן האָט מען אייך געבראַכט דאָס פּאַפּיר אונטערצושרייבן?

— יאָ, יאָ.

— און ווער האָט עס אייך געבראַכט? נישט אייער סעקרעטאַר, נישט אַ קוריער פון דער פּאַלאַטע?

— ניין, ניין. דאָס האָט מיר געגעבן דער קליינער באַאַמטער שול-גין, וואָס איז זייער אַ גוטער פריינט פון דער פּוילישער זינגערין.

— און די אונטערשריפט פון נאַטשאַלניק פון ביוראָ איז נישט גע-ווען אויפן פּאַפּיר?

— ניין. ס'איז נישט געווען. אָבער דער באַאַמטער שולגין האָט געזאָגט, אַז ער האָט עס געבראַכט פון דער פּאַלאַטע און אויף מאָרגן וועט דער נאַטשאַלניק אונטערשרייבן. עס איז צו שפּעט געווען אים צו געבן. ער איז פרי אַוועק פון ביוראָ. מיר טוען שטענדיק אַזוי.

— דער נאַטשאַלניק האָט נישט אונטערגעשריבן. דאָס האָט שול-גין אַליין אונטערגעשריבן פאַרן נאַטשאַלניק. נישט וואָר? און איר האָט געוווסט דערפון?

— ניין, ניין, נישט געוווסט דערפון. ווי גאָט לעבט — נישט גע-וווסט. ווי אַזוי געקאָנט וויסן, אַז דאָס איז ערשט געשען אויפן צווייטן טאָג?

— און דאָס געלט ווער האָט גענומען? — שולגין, צי די פּוילישע זינגערין?

— אַ העלפט שולגין און אַ העלפט די פּוילישע זינגערין.

— און איר האָט גאָרנישט גענומען?

דער סענאַטאָר האָט נאָכאַמאָל געפּרוווט אויפצוהייבן זיין פּנים מיט זיינע אויגן, נאָר זיי זענען באַלד אַנידערגעדריקט געוואָרן פון אַד-וואָקאַטס שטרענגן אייזערנעם געזיכט.

— נאָר פּופּציק טויזנט — אַן ערן-חוב צו באַצאָלן. נאָר דאָס געלט איז דאָ. מיין ווייב וויל דאָס גוט „סאַלאַמאַנקע" מיטן וואַלד פאַרקויפן צו די יידן און דאָס גאַנצע געלט באַצאָלן. און אַז מען וועט דאַרפן, וועל איך אין הויף גיין, איך וועל דעם צאַר צו די פיס פאַלן, איך וועל זיך אין אַלץ מודה זיין. שיכור געווען — און דאָס אַלץ. ער איז אַ גוטער, אונ-דזער באַטיושקאַ. און אַז מען וועט מיך נישט צולאָזן, וועל איך יעקאַטע-רינאַ זאַכאַראָוונאַ שיקן, מיין געליבט ווייב. זי וועט אָנקומען צו דער צאַרינאַ. די צאַרינאַ האָט זי גערן, און זי וועט דעם צאַר בעטן. — שעכטן, וועלן זיי מיך נישט שעכטן; אויף דער פּראָווינץ פאַרשיקן אויף אַ גע-

וויסע צייט. נישט וואָר, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש — וואָס קאָנען זיי מיר טון? שעכטן וועלן זיי מיך נישט שעכטן. נאָר פאַרן נאָמען נישט שיין. — אַריינגעפאַלן. שיכור געווען און אַריינגעפאַלן. — אַזאַ שנאַפּס געגעבן צו טרינקען, „זשים" רופן זיי אים. פון האָלאַנד קומט ער, צי פון ענג־לאַנד. אַך! דאָס זענען אַלץ די פאַרשאָלטענע ענגלענדער שולדיק, — האָט דער „סטאַטסקי סאָוויעטניק" נישט אויפגעהערט צו רעדן צו זיך.

סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין הויכער שטול און אַרויף און אַראָפּ זיך געדרייט איבער זיין קאַבינעט, גאַרנישט קוקנ־דיק שוין איצט אויפן סענאַטאָר. ער האָט נאָר צוגעוואָרפן אַ וואָרט צו אים:

— און דער פּראָקוראָר ווייסט שוין דערפון?

— אויף מאָרגן צען אַזייגער איינגעלאַדן. נאָר איר וועט דאָך מיר העלפן, נישט וואָר, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש? — איר יידן ווייסט פון אַלעם, ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן. איר האָט דעם בעסטן קאָפּ. אַלע האָבן מיך געשיקט צו אייך. נאָר צו אייך. נאָר איר אַליין קאָנט מיך אַרויסראַ־טעווען. ווען איר, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, וועט זיך נעמען דערפאַר, זאָגן זיי, איז די זאַך אַ געוואונענע. איר מיט אייער גוטן יידישן קאָפּ וועט שוין געפינען עפּעס אַן אויסטייטשונג אין געזעץ. און אַלץ וואָס מען באַ־דאַרף איז נאָר, ווי אַזוי אויסטייטשן דאָס געזעץ. און דאָס וועט איר שוין געפינען. און פּראָטעקציע וועלן מיר אויך האָבן. ביז צום צאַר וועלן מיר דערגרייכן. איינעקשנען זיך וועלן זיי נישט וואַגן. — מען באַדאַרף נאָר העלפן, ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון געזעץ. דאָס אַלץ. און דאָס וועט איר שוין מוזן טון, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש...

דער סענאַטאָר איז עפּעס מיט אַמאָל רואיקער געוואָרן און איינגע־שטילטער: ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרשולדיקט, האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז מיט דעם וואָס ער האָט זיך מודה געווען פאַרן אַדוואָקאַט, איז ער שוין דערמיט די זינד אָפּגעקומען.

נאָר סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן שטוב און איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין, קוקנדיק אויפן סענאַטאָר, אין אַ פּויזע, ווי ער פלעגט עס אָפּט טון אין זיינע רעדעס פאַר די געשווירענע אין געריכט, ווען ער פלעגט אַרויסברענגען אַ פּאַטעטישע פראַזע; זיין לאַנגע בלייכע האַנט האָט ער אויפגעהויבן אין דער הויך, האָט געוואָרפן מיט זיין

צעשויבערטער טשופרינע האָר צוריק, פון זיין „לייבן־קאָפּ" (ווי ער האָט ליב געהאַט צו הערן פון זיינע פּאַרערער), און זיך אָנגערופן מיטן פולן קלאַנג פון זיין מעטאַלענער שטימע:

— דיעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוויעטניק, פּרעדסעדאַטעל קאָנ־סטאַנטין איוואַנאָוויטש אַקימאָוו! שוין אַכט און צוואַנציק יאָר איז, ווי איך שטיי אויף מיין פּראָפעסיאָנעלן פּאָסטן צו פאַרטיידיקן אומשולדי־קע און פאַרפאָלגטע, ווי אַ געטרייער סאָלדאַט. איך האָב געהאַט איין פּרינציפּ, וואָס האָט מיך באַגלייט דורך דעם גאַנצן וועג פון מיין קאַריע־רע, וואָס האָט מיר געשאַפן אָנערקענונג ביי מיינע פריינט און פיינט. אַלע געריכטן וויסן דערפון, אַלע ריכטער, אַלע פאַרטיידיקער. איך האָב קיינ־מאָל נישט אויפגעהויבן מיין שטימע — האָט איצט דער אַדוואָקאַט אויפגעהויבן מיט פּאַטאָס זיין קול, — איך האָב קיינמאָל נישט באַנוצט מיין קלוגן יידישן קאָפּ, וועלכן איר, סענאַטאָר, זענט געווען אַזוי פריינט־לעך צו רימען — וואָס איך פאַרזיכער אייך, איך וויים ווי אָפּצושאַצן, — איך האָב קיינמאָל נישט אויסגענוצט מיינע יידישע פעאיקייטן — וועל־כע איר האָט אויך באַוויליקט צו רימען — סיידן נאָר, ווען איך בין גע־ווען אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז מיין קליענט איז אומשולדיק און איך פאַרמיידיק אַ גערעכטע זאַך, וואָס איך קאָן לײדער נישט זאָגן אין דעם איצטיקן פאַל, געערטער פאַרזיצנדער! איך קאָן, לײדער, נישט פאַר־טיידיקן אייער זאַך, עס איז קעגן מיין אָנגענומענעם פּרינציפּ.

— און דאָס וואָס איך האָב אייך געזאָגט, און דאָס וואָס איך האָב... —

— דאָס וויל איך אייך נאָכאַמאָל באַרואיקן און פאַרזיכערן, אַז דאָס וואָס איר האָט געזאָגט אין דעם קאַבינעט — וועט פאַרפאַלן ווערן צווישן די פיר דיקע ווענט פון דעם קאַבינעט, און קיינמאָל וועט עס ווייטער נישט גיין.

— הייסט עס, איר האָט פּשוט אויסגענאַרט אַ געשטענדניש, הייסט עס? צו וואָס האָט איר דאָס באַדאַרפט? גלאַט אַזוי, אויס ביטערקייט וועגן, אויס ביטרע יידישקייט וועגן.

— ניין, סענאַטאָר, רעגט אייך נישט אויף, איך האָב נישט אויס־גענאַרט פון אייך קיין געשטענדניש. איך האָב זיך נאָר געוואָלט איבער־

ציינן, אויב איך קאָן די זאַך פאַרטיידיקן אָדער נישט, אַזוי טו איך מיט אַלע און אַזוי האָב איך אויך געטאָן מיט אייך.

— צום צאַר וועל איך גיין קלאָגן זיך אויף אייך. ער וועט פאַרשטיין און מוחל זיין. און אייך! — דער סענאַטאָר האָט זיך פאַרגעסן און געוויזן אַ פויסט.

דער אַדוואָקאַט האָט אים רואיק אָפּגעענטפערט:

— איך באַדויער זייער, וואָס איר רעגט זיך אויף. גייט צום צאַר. דער צאַר קען אַלצדינג טאָן. — איך גאָרנישט.

מיט די ווערטער האָט ער אויפגעעפנט פאַרן סענאַטאָר די טיר פון קאַבינעט, רופנדיק אייַנצייטיק דעם באַדינער:

— אָסיפּ, דערלאַנג דעם פּאַרזיצנדן דעם פּעלץ!

קאַפּיטל 2

אין מאַדאַמס בודואַר

נאָכדעם, ווי דער אַדוואָקאַט האָט זיך אַביסל באַרואיקט פון דעם באַזוך, האָט ער געהייסן אַריינלאָזן צו זיך דעם געוועלעכן „עמפּפאַנג“.

עס איז געגאַנגען רויִקאַנד אין דעם קאַבינעט פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט. אַ דעלעגאַציע פון באַוואוסטע פויערן, מיט דעם גייסטלעכן אין דער שפּיץ, האָבן געבעטן, אַז דער אַדוואָקאַט זאָל פירן פאַר זיי דעם ענין אין דער פּאַלאַטע פאַר פרעמדע רעליגיאָנען, איבער דעם וואָס מען לאָזט זיי נישט דינען זייער גאָט אויף זייער אייגענעם שטייגער; יידן פון אַ שטעטל, וועלכעס מען האָט פּלוצלינג פאַרוואַנדלט אין אַ דאָרף, און דורכדעם האָבן זיי פאַרלאָרן דאָס רעכט צו וווינען אויף זייערע ערטער; זיי האָבן באַדאַרפט פאַרלאָזן זייער געבורטס־אָרט מיט האַק און פּאַק אין פאַרלויף פון אייניקע טעג; אַ יידישע מאַמע, וואָס איר אייַנציקער זון איז באַשולדיקט געוואָרן אין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, וועגן דעם באַרימטן אַרבעטער־אויפשטאַנד אין די זילבער־גרובן אין זאַבאַיקאַל, אין וועלכן עס האָט זיך געהאַנדלט אום דאָס לעבן פון צענדליקער מענטשן, וועמעס פּראָצעס דער אַדוואָקאַט האָט געפירט בשותפות מיט אַנדערע

בארימטע רוסישע אדוואקאטן. רייכע יידישע מאסקווער סוחרים, וועלכע האבן געוואלט זייערע געשעפטן פארוואנדלען אין אקציאנס־טרעסטן, כדי זיי זאלן קענען קויפן אומבאוועגלעכע גיטער, גרויסע וועלדער אין סיביר. און נאך, און נאך. די צוויי אסיסטענטן זענען אריין און ארויס פון זיין קאבינעט, צוטראגנדיק אים די נויטיקע אקטן פאר יעדן פראצעס, אין וועלכע דער אדוואקאט האט זיך געמאכט זיינע נאטיצן. דא האבן זיי אים געבראכט די דיקע ביכער מיט באשטימונגען פון סענאט־קאדעקסן, יורידישע ביכער, אין וועלכע דער אדוואקאט איז געווען א בקי, ווי א רב אין די פארשידענע שולחן ערוך׳ס.

איינער פון זיינע אסיסטענטן איז געווען זאכארי גאוורילאוויטש מירקין, א זון פון א רייכן יידישן וואלד־סוחר פון סיביר, וועלכער האט פארלאזט דעם טראדיציאנעלן שטאנד פון האנדל פון זיין פאמיליע און זיך געווידמעט דער יוריספרודענץ. ער איז געווען נאך גאר א יונ־גערמאן, ערשט פארענדיקט דעם אוניווערסיטעט. צו דעם בארימטן אד־וואקאט איז ער אנגעקומען אזוי לייכט נישט צוליב זיינע יורידישע פע־איקייטן, נאר צוליב זיימיקע סיבות. ער האט פארקערט ביים אדוואקאט נאך פון זיינע סטודענטישע יארן און האט זיך גערעכנט ווי א בן בית, ווי איינער פון דער משפחה. זיין פאטערס גרויסער פארמעגן האט דעם איינאיינציקן זון געמאכט פאר א געווינטשטן קאנדידאט פון דעם אדוואַ־קאטס איינציקער טאכטער, צו וועלכער דער יונגערמאן איז נישט גלייכ־גילטיק געווען. ער האט אבער געטון זיין ארבעט זייער באשיידן. אנגע־טון איז ער געגאנגען נאך מער ווי באשיידן, כמעט ארים, און דערצו איז ער געווען א זון פון איינעם פון די רייכסטע מענטשן פון גרויסן רוס־לאנד און האט געקאנט אויסגעבן גרויסע סומען, וועלכע זענען שטענדיק גרייט געווען פאר אים אין זיין פאטערס פעטערבורגער קאנטאר. נאר דער וויכטיקסטער אסיסטענט פון דעם בארימטן אדוואקאט איז געווען יאקאב שמולעוויטש וויינשטיין. ער איז געקומען פון יידישן תחום, ער־געץ ארום מינסק, פון ארימע עלטערן, אליין ארויפגעארבעט זיך, דורכ־געהונגערט זיינע אוניווערסיטעט־יארן זייער אמביציעז און ארבעטזאם. דער בארימטער אדוואקאט האט אים צוגענומען פאר זיין געהילף איבער זיין אומדערהערטן, כמעט פענאמענאלן זכרון. דאס איז געווען דער טיפ פון דעם אלטן יידישן בקי. ער פלעגט האבן אויף זיין קאפ אלע באשטי־

מונגען פון סעגאַט אין יעדן ענין, וואָס מען האָט באַדאַרפט. ער פלעגט אָפּזיצן אַ נאַכט און דורכשטודירן אַלע מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט באַ־דאַרפט צו אַן ענין, אַזוי אַז אויפן צווייטן טאָג האָט ער געקענט אַרויס־ווייזן זיין בקיאות און אַלעמען איבעראַשן. אַ חוץ בקיאות, האָט ער אויך אַרויסגעוויזן שאַרפזין, ווי אַ חריף. נאָר זיין חריפות איז דעם באַרימטן אַדוואָקאַט ווינציקער געפעלן געווען, ווי זיין בקיאות. נישט שטענדיק האָט זיין חריפות געשטימט מיט ערלעכקייט...

אין קעגנזאַץ צו זאַכאַרי גאַווריִלאָוויטשן, האָט יאַקאָב שמולעוויטש זייער אַכטונג געגעבן אויף זיין אויסערלעכן אויסזען. ער איז שטענדיק געווען פיין געקליידט, און עפּעס באַזונדערס אַכטונג געגעבן אויף זיינע מאַנזשעטן: זיינע מאַנזשעטן זענען שטענדיק געווען ריין, גלאַנצנדיק, רונדיק געפאַלן איבער זיינע הענט, און באַוויזן די גרויסע זילבערנע קנעפּ. ער האָט אויך גוט אַכטונג געגעבן אויף זיין לענגלעך־געשוירן שוואַרץ בערדל „אַלאַ הערצל״, וואָס איז דאַמאָלסט געווען שטאַרק אין דער מאָ־דע אין געוויסע יידישע קרייזן. עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט זייער שטאָלצירט מיט זיין אַסירישן אויסזען, וואָרים ער האָט אַלצדינג געטון, כדי דעם אַסירישן אויסזען זיינעם אַרויסצוברענגען וואָס מער בולטער. שונאים פלעגן זאָגן, אַז ער האָט צו דעם צוועק אַביסל צוגעפאַרבט זיינע ברעמען און וואָנצעס. נאָר דאָס איז נישט געווען אמת, ווייל ער האָט דאָס נישט באַדאַרפט. כמעט זיין גאַנץ פּנים איז געוואַרן באַוואַקסן מיט שטאַרקע שוואַרצע האָר. דער יונגער אַדוואָקאַט האָט געהאַט יעדן פרי־מאָרגן אַ גרויסע אַרבעט אויסצובערשטן די האָר פון זיין פּנים און איינ־צוטיילן זיי יעדן טייל אין דעם אָרט, ווו זיי באַלאַנגען: די האָר פון די באַקן — צו די באַקן־בערד און די האָר פון די וואָנצעס — צו די וואָנ־צעס, און די האָר פון דער באָרד — צו דער באָרד. עס האָט אויסגעזען, אַז די האָר האָבן זיך נישט געוואָלט צוהערן צו דעם אַדוואָקאַטס שטרענ־גן געבאָט, און קוים האָט ער זיי אָפּגעלאָזט, פלעגן זיי זיך באַלד ווידער צוזאַמענמישן ווי טראָפּנס וואַסער, וואָס רינען זיך צוזאַמען. יאַקאָב שמולעוויטש פלעגט זיי יעדעס מאָל מוזן דערמאָנען, ווו זייער אָרט איז, און באַשטראָפן זיי מיטן כמעט נאָדל־שטעכעדיקן בערשטל, וואָס ער האָט באַנוצט צו זיינע האָר אַ גאַנצן טאָג, ווען זיינע הענט זענען נאָר אַ מי־נוט פריי געווען.

ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיך. דאָס האָט מען גרינג געקאָנט זען אין זיין גאַנץ באַנעמען און אין אַלע זיינע באַוועגונגען. גערעדט האָט ער מיט אַ וואַזשנעקייט און מיט אַ זיסקייט, וואָס האָט געקאָנט אַרויסברענגען פון געדולד. ער פלעגט זיין זייער פּאַרזיכטיק און אָפּגעהיט מיט זיין אויסשפּראַך, אַז זי זאָל קלינגען גראַמאַטיקאַליש און אָן אַן אַקצענט. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַן הפסקה אין זיין רעדן, וואָס פלעגט דענערווירן. ער איז זייער שטאָלץ געווען, וואָס ער געפינט זיך אין פעטערבורג און וואָס ער קאָן פעטערבורג רעכענען פאַר זיין ווינאָרט. און כאָטש אין אַנדערע פאַלן פלעגט ער זיין אָפּגעהיט אין זיין שפּראַך, דאָך האָט ער פעטערבורג גערופן „פּיטער", און די אינדזלען — „אָסטראָווא". דערפאַר אָבער האָט ער עקשנותדיק געטריבן דאָס שפּיל צווישן רוסישן „האַ" און „גע", ביז צו לעבערלעכקייט. ער פלעגט דעם „האַ" באַנוצן אנשטאָט דעם „גע" נישט בלויז אויף עכט-רוסישע נעמען, נאָר אויך אויף יידישע. גאָלדשטיין האָט געהייסן ביי אים האָלדשטיין; ער פלעגט דערמיט וועלן באַווייזן, אַז ער קומט פון טיף אוקראַינע. און דאָס האָט זיך אים אויסגעדוכט, איז אַ גרויסער יחוס, כאָטש אַלע האָבן געוווסט, אַז ער איז אַ מינסקער, וווּ מען קאָן די „גע" גאַנץ גוט אַרויסברענגען.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, דער באַרימטער אַדוואָקאַט, האָט זיין אַסיסטענט זייער גערן געהאַט. דאָס איז געווען אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט אין אים געזען אַ שפּיגל-שיין פון זיין אייגענעם איך, פון זיין קלעטערן אויף דעם לייטער פון זיין קאַריערע. אין דעם אַסיסטענטס פּוסטער גאווה האָט ער דערקענט זיינע אייגענע שטריכן. דאָך האָט ער אין דעם געהילף געאַכטעט זיין פעאיקייט און זיין התמדה, וואָס האָט אים זייער פיל געהאָלפן אין זיין אַרבעט. דאָס האָט איינגעשטעלט צווישן זיי קאָרעקטע און רעספּעקטפולע באַציאונגען, כאָטש וויים פון פריינטלעכע, וועלכע ביידע האָבן גאַנץ גוט געפילט... וואָרים דער אַסיסטענט האָט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געהאַלטן אַ סך פעאיקער און פאַסיקער צו פאַרנעמען די פּאָזיציע פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט, — פון סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש אַליין. נאָר עס איז געווען זיין פינצטערער מזל געבוירן צו ווערן אין רוסלאַנד אין דער פינצטערער צייט, ווען אַלס ייד האָט ער נישט געקאָנט ווערן אַ „געשווירענער" און האָט געמוזט זיין צוגעשריבן אַלס העלפער צו אַן עלטערן אַדוואָקאַט (וועלכער

האט אין א גליקלעכער צייט אַרויסגעקראָגן דאָס רעכט צו פּראַקטי־
צירן).

ווי תמיד נאָכן עמפּפאַנג, האט דער אדוואָקאט געבעטן זיינע צוויי
אַסיסטענטן, אַז זיי זאָלן פארבלייבן מיט אים צו מיטאָג. יאַקאָב שמור־
לעוויטש האט זיך כמעט שטענדיק אָפּגעזאָגט. שטענדיק האט ער קיין
צייט נישט געהאַט, נאָר דאָס מאָל האָט דער אדוואָקאט געוווסט, מיט
וואָס אים צו געמען:

— מיר וועלן האָבן ביים טיש אַראָן יאַקאָוולעוויטשן פון די מאָסק־
ווער טיי־סוחרים, און די גאָלדשטיינס פון באַקו, וועלכע וואָלטן גע־
וואָלט, אַז דער געהילף זאָל זיין אָנוועזנד.

פאַר רייכע מענטשן האָט דער געהילף געהאַט א שוואַכקייט, און
קיין זאַך איז ביי אים נישט געווען וויכטיקער, ווי צו געפינען זיך אין א
געזעלשאַפט פון רייכע לייט, וועלכע ער האט קיינמאָל נישט פאַרפעלט
צו באַזוכן, ווען עס האט זיך נאָר געמאַכט א געלעגנהייט.

— אָ, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, איך בין נישט אָנגעטון ווי ס׳פּאַסט
— האט זיך דער געהילף געקווענקלט.

— דאָס איז גאָרנישט. איך נעם עס אויף זיך.

אָבער איידער דער אדוואָקאט האט פאַרלאָזט זיין קאַבינעט, האט
ער נאָך אויפגענומען דעם סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט, אשר
זילבערשטיין, זיין זונס לערער, און ער האט אָפּגענומען דעם וועכנטלעכן
באַריכט וועגן זיין זונס פּראָגרעס אין לערנען, אין מאַטעמאַטיק, און, ווי
שטענדיק, וועגן דער קנאַפּער פאַרבעסערונג. דער אדוואָקאט האט נישט
געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען עס נעמט זיך, אַז זיין איינציקער זון זאָל
אַרויסווייזן אַזוי ווייניק אינטערעס אין די למודים. דער אדוואָקאט קומט
פון א משפחה פון לויטער גוטע קעפּ, און ווי יעדער געוועגלעכער מענטש
אין אַזעלכע פאַלן, האט ער געזוכט די אורזאַך פון זיין זונס הינטער־
שטעליקייט אין לערנען אין זיין ווייבס צד. „אהא, די גריגבערגס", —
האט ער זיך געטראַכט. דערפאַר אָבער אין רוסישער געשיכטע, איבער־
הויפּט אין רוסישער קאָמפּאָזיציע, ציינט ער גרויסע פאַרשריט. אין
אַלעם, וואָס האט נישט געהאַט צו טון מיט שאַרפקייט פון שכל, נאָר מיט
געפיל, האט דער זון אַרויסגעוויזן פעאיקייטן (דער אדוואָקאט האט זיך
זייער געוווּנדערט וועגן דעם).

— דאָס איז אַלץ שולדיק דער ספּאָרט, — האָט דער סטודענט צוגעלייגט, — די גייע מאָדע. זיין גאַנצער געדאַנק איז אָפּגעגעבן דעם „פוטבאָל", צו „מעטשעס", „לינקער טויערמאַן", „רעכטער טויערמאַן", און נאָך אַזעלכע זאַכן. אַז עס איז געווען דער „מעטש" אין צירק צווישן דעם רוסישן און דעם ענגלישן טשעמפּיאָן, האָט מען קיין לעקציע נישט געמאַכט. מיר, אין „אונזער צייט", האָבן דערפון נישט געוווסט — האָט דער סטודענט געזאָגט צום אַדוואָקאַט.

דער אַדוואָקאַט האָט געמוזט שמייכלען ביים וואָרט „מיר" און האָט באַרואיקט דעם סטודענט:

— ספּאָרט איז נישט שלעכט. אָבער אַלץ דאַרף זיין מיט אַ מאָס. וואָס צופיל, איז נישט גוט. איך וועל רעדן מיט מישקאַן.

— נו, מ'וואַרט אויף אונדז ביים טיש. אַלגאַ מיכאַילאָווגאַ איז שוין אוודאי אומגעדולדיק — האָט דער אַדוואָקאַט גענומען דעם יונגן סטו־דענט אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אים דורך דעם סאַלאָן אין די ווייטערדיקע צימערן פון דער גרויסער וווינונג.

דער שפּייז־זאַל איז געלעגן אין צווייטן פליגל פון הויז, אין די אייגנטלעכע וווין־צימערן פון אַדוואָקאַט, וועלכע זענען געווען אָפּגע־טיילט פון די עמפּפאַנג־צימערן און די קאַבינעטן פון די אַרויסהעלפערס דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר. די וווין־צימערן האָבן אויך געהאַט באַזונדערע טרעפּ און אַ באַזונדערן אַריינגאַנג פון גאַס. און האָבן זיך מיט גאָרנישט צוזאַמענגעמישט מיט די אַרבעטס־צימערן פון אַדוואָקאַט. היימישע מענ־טשן זענען געגאַנגען דורך די טרעפּ פון די וווין־צימערן. די וווין־צימערן זענען באַשטאַנען פון די שלאָף־צימערן, זיין ווייבס און זיין טאָכטערס בודואַר, זיין זונס אַרבעטס־צימער, די צימערן פאַר דער דינערשאַפט, און דאָס גרויסע עס־צימער, וואָס איז געווען אַ שוועסטער־צימער פון סאַ־לאָן, מיט די פיר גרויסע פענצטער אַרויס צו דער גאַס, און איז געלעגן אין דעם עקסטרעמען ווינקל פון דעם אַנדערן פליגל פון הויז. אין זיין ווייבס בודואַר, וואָס איז געווען אַ שוועסטער־צימער פון זיין קאַבינעט, האָט ער שוין געפונען די היימישע פאַרזאַמלט, וואַרטנדיק אויף אים מיטן מיטאָג. דער מיטאָג, צוליב דעם אַדוואָקאַטס גרויסער פּראַקטיק און שפּעטן עמפּפאַנג, האָט נישט געקאָנט זיין פעסט באַשטימט אין אַ גע־זיסער שעה. עס איז שטענדיק אַרויסגעקומען שפּעט, וואָס האָט אויפגע־

רעגט די דינערשאפט און יענע מיטגלידער פון דער משפחה, וואָס האָבן זיך דעם אָוונט געקליבן צו גיין אין טעאטער. וואָרים דער אדוואָקאט האָט זייער מקפיד געווען אויף דעם, אַזביים אָוונט־עסן זאָלן אַלע מיט־גלידער פון דער משפחה צונויפזאמלען זיך ביים טיש, ווי עס פירט זיך „ביי לייטן”, און ער האָט פיינט געהאַט די באַזונדערע מאָלצייטן. דער אדוואָקאט, ווי אָלגא מיכאַילאָוונא, האָבן ליב געהאַט צו זען ביים מיטאָג די בעסערע געזעלשאפט פון דעם קרייז פון זייערע באַקאַנטע. צוליב דעם פלעגן שטענדיק ביי דעם אָוונט־עסן ביי סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש פאָרקו־מען קליינע פאַרזאַמלונגען.

אין זיין פרוים בודואַר, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אין דעם ווייבערשן חנעוודיקן סטיל פון לואי דעם זעכצנטן, צוזאַמענגעמישט, ווי יעדעס הויז אין פעטערבורג, מיט שלעכטן רוסישן אַמפּיר, און באַלויכטן מיט מאָדנע אויסטערלישער באַלייכטונג (וואָס איז דאַמאָלסט, צוליב מעיערכאָלדס טעאַטער־עפעקטן, געווען זייער מאָדערן אין פעטערבור־גער סאַלאָנען), האָט דער אדוואָקאַט שוין געפונען אַ גרעסערע געזעל־שאַפט. עס זענען געווען די שטענדיקע געסט, זיין ווייבס געסט, און אייניקע, וואָס זענען געווען געלאַדן צום עסן צוליב די פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן געזאָלט פאָרקומען נאָכן עסן אין אדוואָקאטס הויז. פון זיין ווייבס געסט איז געווען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאַאום גריגאָראָוויטש ראַזאַמין, וועמען די שטוב־מענטשן האָבן גערופן מיט דעם איינפאַכן נאָמען „דער ענגלענדער”. נאַאום גריגאָראָוויטש האָט זייער גערן קאָ־קעטירט מיט זיין ענגליש און מיט אַלצדינג, וואָס שטאַמט פון ענגלאַנד. ער איז שטענדיק געגאַנגען אָנגעטון לויט דער ענגלישער מאָדע, אין ברייטע הויזן, גוט־געשניטענע „קאַטעוועים”, מיט רייכע, עלעגאַנטע קראַוואַטן. זיינע פינגער און זיין קראַוואַט זענען געווען באַלייגט מיט מאָדנע, אויסטערלישע צירונג־שטיקער, ווי ביי אַלטע באַבעס. ער האָט געטראָגן פינגערלעך געמאַכט ווי בראַשן, און אויף זיין קראַוואַט האָבן זיך געשלענגלט דריי מאָדנע שלאַנג־רינגען מיט געלע אויגן. זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז דער „ענגלענדער” איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אין פעטערבורג געגאָלט די וואָנצעס. ער איז שוין נישט געווען קיין יונגער מענטש, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן זייער בחוריש. נאַאום גרי־גאָראָוויטש איז געווען אָלגא מיכאַילאָוונאַס אַ ווייטער קרוב, אַ קוזין,

צי עפּעס אַנדערש — וואָס האָט קיינער אויף ריכטיק נישט געוווּסט. יעדנפאַלס, ער איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, און אין באַקאַנטע קרייזן האָט מען אים גערופן: „אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס שאָטן". אַזוי ווי נאַאום גריגאָראָוויטש האָט שטענדיק צייט געהאַט (ער איז געווען אַ זון פון באַרימטן טיי־סוחר אין מאָסקווע) און סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש איז געווען שטענדיק באַשעפטיקט און פאַרנומען אין זיינע „אַקטן", האָט זיך דער „ענגלענדער" פיל מער געפונען אין דער געזעל־שאַפט פון אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, ווי איר אייגענער מאַן. מיט אים פלעגט זי אָפט אויספאָרן צו אויסשטעלונגען, צו געוועט־געיעגן, אין טעאַטער, אין נאַכט־קלובן. נאָר אַממערסטן פלעגט ער אַרומפירן אָלגאַ מיכאַילאָוונאַן אין אַנטיק־געשעפטן. איר בודואַר, און איבערהויפּט דאָס גאַנצע הויז פון סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, האָבן געטראָגן שפּורן פון דעם „ענגלענדערס" פיינעם געשמאַק און אַנטיק־קענטשאַפט. נאַאום גריגאָראָוויטש איז גע־ווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון אַלטערטימלעכקייטן און האָט זיך גע־האַלטן פאַר אַ גרויסן קענער אין די זאַכן. ער האָט יעדן טאָג אַנטדעקט אַ נייַ מייסטערווערק אין די אַנטיק־קלייטן פון פעטערבורג. און ווען ער פלעגט קומען צו אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ — און קומען פלעגט ער טעגלעך — האָט ער יעדעס מאָל מיטגעבראַכט אַ „רעמבראַנדט", אַ „וואַן־דעיק", אַ „רובענס". דאָס מאָל איז עס געווען אַ „באָשע", אַ ריכטיקן „באָשע", וואָס ער האָט אַנטדעקט אין אַ קליינעם אַנטיק־געוועלב אויף וואָזנע־סענסקי.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע געזעלשאַפטן, פאַרשלעפּט זיך אויך אַן איינציקער גוי אָדער גויע, מערסטנס, אַן אָרימע. דאָס מאָל איז עס גע־ווען די פאַראָרימטע גרעפין סאַפּאָהאַ — מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ. דאָס איז געווען אַ דאַמע אַ האַלב־פּוילישע און האַלב־רוסישע, אַן אַלטע אינטימע פריינדין פון אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ. פון וואַנען עס שטאַמט די פריינט־שאַפט, האָט מען קיינמאָל נישט געוווּסט. עס האָט געהייסן, אַז די גרע־פין מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ איז אַ שול־פריינדין פון אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, נעגאַנגען איז אין איין אינסטיטוט, ביי זיי אין שטאָט, אין כאַרקאָוו. די גרע־פין האָט חתונה געהאַט מיט אַ פעטערבורגער, ווו זי, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, געפינט זיך. דאָ האָבן זיי זיך געטראָפן און באַנייט זייער פריינטשאַפט: כאָטש דער אַדוואָקאַט האָט קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין, וווהין דער

גראַף, איר מאַן, איז אהינגעקומען: צי ער איז פאַרפאַלן געוואָרן קיין אַמעריקע, קיין אַלאַסקאַ, ווי טייל האָבן געזאָגט, אָדער ער איז געשטאָרבן, אָדער געשאָסן געוואָרן דורך אַ צופאַל אין געיעג, ווי זי האָט דערציילט. איבעריקנס, האָט דער אַדוואָקאַט קיין צייט נישט געהאַט זיך פיל אָפּצוגעבן מיט זיין פרויס פריינדין. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז די גרעפין איז אַן אָרימע, און אַז אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ שטיצט זי, באָרגט איר אויס געלט, ביז זי וועט געווינען דעם פּראָצעס, וואָס זי פירט וועגן דעם מאַנס ירושה — גרויסע גיטער אויף וואָלין. די גרעפין, כאָטש דער איינציקער נישט־יידישער מיטגליד אין דער געזעלשאַפט, איז געווען מער יידיש ווי אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, אָדער ווי אַנדערע יידישע פרויען אין איר געזעלשאַפט. די גרעפין האָט זיך אינטערעסירט מיט יידישע ענינים און געוווּסט פון אַלצדינג, וואָס עס קומט פאָר ביי יידן. זי האָט גערעדט וועגן דער יידישער לאַגע און וועגן אַלע ענינים, וואָס רירן אָן יידן אין רוסלאַנד, מיט אַזאַ פייער און ברען, און אַרויסגעוויזן צו זיי אַזאַ אינטערעס, ווי זי וואָלט אַליין געווען אַ יידישע טאָכטער. זי האָט אפילו געהאַט אַ געוויסע באַקאַנטשאַפט מיט יידישע מנהגים און האָט געוווּסט יידישע ווערטלעך — וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט. זי האָט זיך עס איינגעשאַפט, ווי זי האָט געזאָגט, מיט איר פיל אַרומגיין מיט יידן אין איר מאַנס גיטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין הארץ פון דעם יידישן ישוב אין רוסלאַנד — אין וואָלין.

די ביידע, דער „ענגלענדער" און די גרעפין, זענען געווען פון די שטענדיקע געסט אין אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס בודואַר. פון די צופעליקע געסט, וואָס האָבן זיך געפונען היינט צו מיטאָג, איז געווען איינער פון די ברידער גאָלדשטיין, פון די באַרימטע באַקוער נאַפט־קוואַלן — באָרים חיימאָוויטש גאָלדשטיין; און איינער פון די ראַזמינאַווס, דעם ענגלענדערס אַ קוזין, פון די גרויסע מאָסקווער טיי־סוחרים ראַזמינאָוו. און ווי שטענדיק אין דער געזעלשאַפט, דער שטענדיק גוט־געזעענער, גוט־באַליבטער און תמיד ווילקאָמענער, דאַוויד מאָיסעיעוויטש לאַנדוי.

די מענער האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווען דער אַדוואָקאַט איז אַריינגעקומען, האַלטנדיק אונטערן אָרעם דעם סטודענט, וועלכן ער האָט געשלעפּט איבער די פילע קאָרידאָרן און זאַלן, וואָס האָבן געפירט פון זיינע אַפּאַרטמענטן צו דער ווייבס, מיט די צוויי אַסיסטענטן הינטער אים. אַל-

גא מיכאילאָוונא האָט אים באַגריסט מיט אַ שמייכעלע, מיט איינעם פון אירע גוטע פאַרחלומטע שמייכעלעך, וואָס זי האָט געקאָנט אַרויסברענגען מער מיט אירע לעבעדיקע אויגן, איידער פון איר מויל.

— מיד, טייערער? — האָט זי אים געפרעגט.

— ניין. אָבער מיר האָבן אייך געלאָזט היינט לאַנג וואַרטן. איר מוזט אַלע זיין הונגעריק?

— איך האָב זיי שוין דערקלערט. אַקימאָוו, סענאַטאָר אַקימאָוו, האָט דיר היינט צופיל צייט צוגענומען, — האָט זיין פרוי געזאָגט.

— בעסער געווען מיט מיין „דיעלאָ" זיך פאַרנעמען. ווען איר, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, וואָלט בעסער אַ האַנט צוגעלייגט צו מיין ירושה, אָדער אַן עצה געגעבן, איידער אַזאַ אונטערשריפטן־פעלשער צו העלפן, — האָט זיך אָנגערופן די גרעפין.

(אַלע האָבן שוין געהאַט געלעזן אין די אָוונט־צייטונגען וועגן אַקימאָווס פאַלשער אונטערשריפט.)

— איך מוז אויפמערקזאַם מאַכן, אויסדריקלעך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אַקימאָווס באַזוך היינט ביי מיר שטייט נישט אין קיין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּראָצעס. — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט שטרענג.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז די מעשה איז פּונקט פאַרקערט, און אַלע זענען שטאַלץ געווען אויפן אַדוואָקאַט, וואָס אַקימאָוו האָט געזוכט ביי אים שוץ, און אויך אויף דעם אַדוואָקאַטס קאַטעגאָרישע דערקלערונג.

און כדי אָפּצוּווענדן דאָס געשפּרעך, האָט דער אַדוואָקאַט זיך געווענדט צום „ענגלענדער":

— און וואָס האָט איר היינט אַנטדעקט, נאַאום גריגאָראָוויטש — אַ „רעמבראַנדט", צי אַ „וואַן־דעיק"?

דאָס האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט מיט אַ ביטולדיקן שמייכל, און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט ער זיך געווענדט צו דעם „גוט־געזעענעם" דאַוויד מאָיסעיעוויטש: — אָנגענעם אייך צו זען. מסתמא שוין דאָ עפּעס נייעס, אַז מען זעט אייך. אַזוי גלאַט, אָן נייעס, וועט איר דאָך נישט פאַרגינען אַ פריינט אייער אָנגענעמען באַזוך. וואָס, כ'האָב געטראָפן?

— אַ קלייניקייט, — האָט געשמייכלט דאַוויד מאָיסעיעוויטש, וועלכער איז געווען דער קאָך־לעפל פון גאַנץ פּעטערבורג. קיין זאַך איז נישט

געטון געוואָרן אָן אים אין יידישן פעטערבורג. — אַ קליניקייט נאָר וועגן וועלכער מיר וועלן זיך מיט אייך דורכרעדן נאָכן עסן. באָריס חיימאָ־וויטש און דער געערטער אַראָן יאַקאָוולעוויטש, מיר אַלע דריי, האָבן אַ קליינעם ענין, — האָט דער „גוט־געזעגענער” דאַוויד מאָיסעיעוויטש גע־וויזן אויף דעם נאַפט־סוחר און אויף דעם טיי־סוחר, וועלכע האָבן ביידע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער אַדוואָקאַט האָט געמוזט שמייכלען, צוזעענדיק זייערע רח־מנות־פּנימער. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאַוויד מאָיסעיעוויטש וויל אַרויסקריגן פון זיי געלט פאַר איינעם פון זיינע וויכטיקע צוועקן, און צו־ליב דעם האָט ער זיי געבראַכט צו אים. זיי ביידע האָבן טאַקע אַזוי אויס־געקוקט: מיט טרויעריקע פּנימער, ווי הינער פאַר דער שחיטה, איבער־הויפּט דער טיי־סוחר, אַראָן יאַקאָוולעוויטש.

דער נאַפט־סוחר, באָריס חיימאָוויטש, אַ האַרטער, אַ ביינערדיק־געבויטער, אַ הויכער, מיט אַן אייזערנעם ווילן און כאַראַקטער, האָט נאָר צוגעשמייכלט צו דעם. אין זיין שמייכל האָט זיך געזען, אַז ער האָט זיך פאַרשלאָסן מיט אַן אייזערנעם שלאָס, און דאָס שליסעלע פון שלאָס איז ביי אים אַליין אין קעשענע: „אַז איך וועל וועלן, וועל איך געבן, און אַז איך וועל נישט וועלן, וועל איך נישט געבן”, — האָט זיך געדאַכט צו הערן פון זיין שמייכעלע. פאַרקערט, דער טיי־סוחר, אַראָן יאַקאָוולע־וויטש האָט צוגעהוסט. נאָר דאָס הוסטן זיינס איז נישט געווען אַ באַ־דערפניש־הוסט, נאָר אַ פאַרגעניגנס־הוסט, דאָס איז געווען אַ מאָדנע פּיעשטשען זיך: דער נגיד האָט זיך אַליין געפּיעשטשעט, צוהוסטנדיק. דאָס הוסטן איז נישט געקומען פון זיין קעל, אָדער פון זיינע לונגען, נאָר עס האָט זיך געדוכט, אַז עס קומט פון זיין בויך. זיין דיקער בויך האָט זיך צוגעטרייסלט. און ס'האָט אויסגעזען, אַזוי ווי דער נגיד וואָלט זיך נישט געוואָלט ווי טון, ווען ער הוסט, גלעטנדיק דערביי מיט זיינע ווייכע, ווייסע, פליישיקע הענט זיין זיידענעם וועסט.

נאָר באַלד איז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון אַדוואָקאַט אָנגע־ווענדט געוואָרן אויף דעם, וואָס עס האָט זיך דערהערט נינעטשקעס שטי־מע פון דער וויט:

— מיינען זיי היינט אונדז צו פאַרהונגערן, צי וואָס?

און באַלד האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרץ־געקרייזלטער קאָפּ האָר, צע־

גאָסן אין הונדערטער לאָקן און לאָקעלעך. זי איז אַריין מיט אימפּעט אין איר מוטערס בודואַר, נאָר איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן צוליב דער אָנ־ווענזנהייט פון אַזוי פיל מענטשן. אָבער נאָר אויף אַ מינוט. פאַרכאַפּנדיק מיטן אויג, אַז די מענטשן זענען באַקאַנטע, האָט זי מיט ביידע הענט געטיילט הענט אויף רעכטס און לינקס, אָנרופנדיק זיי ביים אייגענעם און פאָטערס נאָמען. מיט אַמאָל האָט זי אַלעמען איבערגעלאָזט און צוגעלאָפן צום פאָטער און צוגעשמידט זיך צו אים מיט איר לײַכטער זיידענער פי־גור: אַרומגענומען אים מיט אירע לײַכטע, לאַנגע אָרעמס, ווי צוויי ווײַ־סע העלדזער פון שוואַנען, און מיט איר קליין פּנים, וואָס איז באַשטאַ־נען נאָר פון אויגן מיט שטערן, האָט זי זיך אײַנגעגראָבן אין זײַן באָרד, קושנדיק אים לײַדנשאַפטלעך.

— דו ביסט נישט קיין גוטער, פּאַפּענקאַ. דו לאָזט אַלעמען פאַר־הונגערן. האָסט נישט געקאָנט דײַנע יידן פריער אָוועקשיקן צום טײַוול מיט זייערע „פּראָוועס"?

— מיט אַלע אַנטיסעמיטן קאָן איך זיך אַן עצה געבן נאָר נישט מיט דעם „איינעם", — האָט דער אַדוואָקאַט געגלעט די געלאָקטע האָר פון זײַן טאָכטער, — נו, ווי איז דיר געגאַנגען הײַנט, מײַן קליינע „אַנטי־סעמיטקע"?

— געהאַט צו טיי הײַנט סאָפיע אַרקאַדיעוונאַ, מיט איר גראַף זאַ־באַראָוו, — האָט זי אײַנגערוימט דעם פאָטער אין אויער אַרײַן. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי איבערגעלאָזט דעם פאָטער און גע־זאָגט צו דער מוטער:

— אויב איר מיינט, אַז איך וועל וואַרטן, ביז אייער דינערשאַפט וועט זיך אויסגראַבלען, האָט איר אַ טעות. איך האָב נאָך הײַנט אַן „אָוונט". איך הייב אָן, — און זי איז צוגעלאָפן, אָנגעטאָפּט צו זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש, צו דעם וויכטיקן אַסיסטענט, יאַקאָב שמולעוויטש, וועל־כער איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען מעשה סטאַטיק אין אַ ווינקל און גע־האַט גרויס דרך־ארץ פאַר די גדולים, מיט וועלכע ער האָט געהאַט די „ערע" צו זײַן באַקאַנט.

זי האָט דעם אַדוואָקאַטס אַרויסהעלפער געכאַפּט אונטערן אָרעם. ער איז זייער רויט געוואָרן.

— מאַמאָטשקאַ, מיר הייבן אָן. ווער עס איז הונגעריק, דער זאָל

גיין נאָך מיר! — האָט זי געשלעפּט דעם זיך בכבוד־האַלטנדיקן יאַקאָב שמולעוויטשן. ס׳האָט זיך גערעכט, אַז דאָס לעבעדיקע מיידל מאַכט אַ תּל פון זיין גאַנצער וואַזשנעקייט.

קאַפּיטל 3

ביים טיש

ביים טיש האָט שוין דער אַדוואָקאַט געפונען זיין זון מישאַ, וועלכער איז געווען אַכצן יאָר אַלט און האָט פאַרענדיקט דאָס לעצטע יאָר גימנאַזיום. דער אַדוואָקאַט האָט נאָך צייט געהאַט צו שענקען זיין זון אַ פּיל־באַדייטנדן בליק, אַ נישט באַמערקטן פון זיינע געסט, אָבער וועלכן זיין זון האָט ריכטיק אויסגעטייטשט. „דער פאַרשאַלטענער סטודענט איז שוין געווען ביים פאָטער מיט זיין ראַפּאָרט וועגן מיין לעצטער „צענזור"", — האָט מישאַ געטראַכט. אָבער מערקווירדיקערוויז האָט דער אַדוואָקאַט געמוזט פריער אויסמיידן זיין זונס ענטפער־בליק. עס איז געלעגן אַ כּוח אין די בלויע קלאָרע אויגן פון דעם ייִנגלשן יונגנמאַן, אַ שטאַרקייט, וועלכע איז געלעגן אין דער שוואַכקייט פון זיי. עפּעס מאַגנעטישעס איז געלעגן אין זיינע אויסטערלישע בלויע אויגן, וועלכע קיינער פון דער משפחה האָט נישט באַזעסן, און האָבן געמוזט פאַרוואַנדערן צו אים פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטן און וויטן מיטגליד פון דער פאַמיליע, וואָס האָט ווען עס איז געלעבט אין אַן אַנדערן דור, אונטער אַנדערע אומשטענדן, אין אַן אַנדער אָרט, און פון וועלכן דער יונגערמאַן האָט זיי גערירשנט.

דער מיטאָג איז געווען אַ ריכטיק פּעטערבורגער מיטאָג. צו דעם ברייטן גרויסן טיש, וועלכער האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע לענג פון דעם אומהיימלעך גרויסן צימער, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנגעשטעלט אַן אַ שיעור פאָרצעלאַן, זילבער און ווייסע טישטוכער, איז יעדעם מאָל צוגעטראָגן געוואָרן אַן אַנדער מאכל, אַן אַ שיעור „זאַקוסקעס", פאַרשידענע גערויכערטע פישן, שווערע בראָטנס, פאַרשידענע סאָוסן און גרינסן. דאָס געשפּרעך אַרום טיש, ווי שטענדיק אין רוסלאַנד, אין יעדער

געזעלשאַפט, צו יעדער צייט, האָט זיך גערדרייט וועגן יידן, וועגן רוס־לאַנד, וועגן רעוואָלוציע.

ווען אַ זייטיקער, וואָס קען נישט די פאַרהעלטעניש, וואָלט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, וואָס ווערט געפירט ביים טיש, וואָלט ער גע־מיינט, אַז ער געפינט זיך אין אַ פּאַטריאָטישער רוסישער געזעלשאַפט, נישט אין אַ געזעלשאַפט פון פאַרפאָלגטע יידן.

עס האָט ווער דערמאָנט רוסלאַנד, אַלס פיינט פון עסטרייך, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינספּיראַציע, וואָס זי, — עסטרייך — דער־וועקט ביי די קליינע נאַציאָנען, ביי די פּאָליאַקן און ביי די רוטענער, פאַר אייגענע נאַציאָנאַלע אַמביציעס, כדי אַזוי־אַרום צו בונטעווען קעגן רוסלאַנד.

— וואָס אָנבאַטרעפט די פּאָליאַקן, וואָלט איך זיי געשאָנקען. רוס־לאַנד האָט גאָרנישט פון פּוילן, אַ חוץ צרות. פאַרקערט, פּוילן ווערט רייך אויפן חשבון פון דעם גרויסן רוסישן מאַרק, פאַר וועלכן זי אַרבעט אויס סחורות, און אַן אונדז וואָלט זי קיין איין טאָג נישט געקאָנט עק־זיסטירן, — האָט ווער באַמערקט ביים טיש.

— נישט קיין אייל ערד אונדזערע, „מיט די היטלען וועלן מיר זיי פאַרוואַרפן", — האָט איבערגעחזרט דער טיי־סוחר אהרן יאַקאָוולעוויטש דאָס באַקאַנטע רוסישע וואָרט, שווינגענדיק זיך, ווי עס ווייזט אויס, אויס־צוטראַכטן עפּעס אָריגינעלעס, און בשעת מעשה פאַרצערט אַ ביסן פון אַן איינגעטונקט שטיקל זעמל אין דעם ווייסן געשמאַקן פיש־מאַיאָנעז, וועלכעס האָט אים זייער געשמעקט.

— און פאַרוואָס נישט, איך זע נישט איין פאַרוואָס אַ נאַציאָן זאָל זיך נישט קענען אָפּרייסן פון אַן אַנדער לאַנד, ווען זי וויל דאָס, און מיר יידן מוזן אוודאי דערצו שטרעבן, — האָט זיך, אַזוי ווי די געוווינהייט איז געווען אין רוסלאַנד, גענומען דער סטודענט אשר יעפימאָוויטש לעזן זיין לעקציע.

נאָר דער אַדוואָקאַט האָט אים איבערגעריסן מיט זיין אויטאָריטעט־שטים, וועלכע האָט געקלונגען ווי אַ פּסק־דין פון אַ ריכטער.

— פון הינטער די קאַרפּאַטן ביז צום שטילן פּאַציפיק, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון אַמעריקע. די קאַרפּאַטן און דער פּאַציפיק — דאָס זענען אונדזערע נאַטירלעכע גרענעצן, וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן; דאָס איז

אַלץ די הייליקע ערד פון אונדזער מאַמעשקען — רוסלאַנד, און ווי צו דעם, וואָס וועט דאָס דערוועגן אָנצורירן.

— וואָר, — האָט דער טיי־סוחר צוגעברומט, פאַרענדיקנדיק אַ צווייטן געשמאַקן ביסן.

— זייט מוחל, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, — נאָך אייך קומט אויס, אַז אַלע נאַציאָנען, וואָס באַלאַנגען צו דער רוסישער אימפּעריע, מוזן זיין פאַרבונדן מיט איר אויף אייביק דערפאַר, וואָס דער אָדער יענער צאַר האָט זיי איינגענומען. דאָס איז דאָך דאָס זעלבע, זייט מוחל פאַר די רייד, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, וואָס אַלע רעאַקציאָנערן און מאָנאַרכיסטן זאָגן ביי אונדז, — האָט זיך אָנגערופן יאַקאָב שמולעוויטש וויינשטיין.

— דערפאַר, וואָס די מאָנאַרכיסטן און רעאַקציאָנערן זאָגן דאָס, דערמיט וועט איר מיך נישט אָפּשרעקן, מיין טייערער יאַקאָב שמולע־וויטש. ערשטנס, קאָנען די רעאַקציאָנערן און די מאָנאַרכיסטן אויך אַמאָל זאָגן אַ ריכטיק וואָרט, און דער עיקר איז דאָ נישט וואָס זיי זאָגן, נאָר מיט דעם, וואָס זיי באַרעכטיקן דאָס פון שטאַנדפּונקט פון דער פויסט, פון דער זעלנערישער ביקס, און איך באַרעכטיק דאָס פון אַ גאַנץ אַנדע־רער זייט, פון אַ גאַנץ אַנדערן שטאַנדפּונקט. רוסלאַנד, נאָך אונדזער מיינונג נאָך, איז נישט קיין אימפּעריע, נישט קיין מלוכה, נישט קיין נאַציאָן, זייט מוחל, — רוסלאַנד איז עפּעס מער און עפּעס גרעסערס. רוסלאַנד איז אַ פילאָזאָפישע שיטה, רוסלאַנד איז אַ לעבנסשטייגער. מען קאָן זיין אַ רוס, אַפילו ווען מען לעבט נישט אין רוסלאַנד, ווען מען האָט קיינמאָל רוסלאַנד אין די אויגן נישט אָנגעזען, און פאַרקערט, עס זענען דאָ אַזעלכע רוסן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן ביי רוסישע עלטערן, גע־גאַנגען אין רוסישע גימנאַזיעס, געדינט דעם צאַר, און זענען גאָר קיין רוסן נישט. זיי זענען פראַנצויזן, ענגלענדער, — וואָס איר ווילט, נאָר קיין רוסן נישט. ווייל רוסן זיין, הייסט צו האָבן אין זיך דעם שטענדיק וואַכעדיקן געוויסן, וואָס פאָדערט ביי אונדז אַ חשבון הנפש פאַר אונדזע־רע מעשים, וואָס דאָס פאַרמאָגט נישט קיין אַנדערע נאַציאָן אין דער וועלט, אַ חוץ אונדז. רוסן — הייסט צו קאָנען צו יעדער צייט אָפּפערן מיטן פערזענלעכן גליק פאַר דעם גליק און וווילזיין פון אונדזערע מיט־ברידער. רוסן — הייסט צו לעבן אין אַ שטענדיקן פיבער. צום ערשט האָבן זיי אונדז טאַקע דעראָבערט מיט געוואַלד, די צאַרן אין פאַרשי־

דענע צייטן, די טאטארן, רומענער, קאווקאזער, סיבירטשיקעס, פאליאקן, גרוזינער, ווייסרוסן און קליין־רוסן און אלערליי קירגיזן. דערצבערט אונדז, ווי איר ווילט, מיט געוואלד, נאר דערנאך זענען מיר אלע אויסגעקאכט געווארן אין איין קעסל, וואס הייסט — רוסישע נשמה. מיר זענען אלע דערצויגן געווארן אויף איין ליטעראטור, וואס האט שטארקער אין אונדז באשאפן איין בשותפותדיקן אידעאל, ליבע פאר מענטשן. און דאס, וואס מיר האבן אלע צוזאמען דורך אזא לאנגע צייט געלעבט אונטער אן אומ־גערעכטן און אכזריותדיקן סיסטעם פון אונטערדריקונג, האט אין אונדז אלעמען בשותפות געשאפן איין אידעאל פון מענטשלעכער פרייהייט, און א בענקשאפט אזעלכע, א פאדערונג נאך גערעכטיקייט, וואס איז שטאר־קער, ווי איר ווילט, פון רעליגיע. דאס אלץ צוזאמען האט אונדז פאר־בונדן אין איין בשותפותדיקן באנד, וואס טראגט מיט זיך א גרויסע האפענונג אויף א ליכטיקער צוקונפט; דאס האט אין אונדז אויסגעאר־בעט א געוויסן סיסטעם, ווען איר ווילט, א פילאזאפישע שיטה, וועלכע מיר אלע, אלע פעלקער פון רוסלאנד, האבן זיך פרייוויליק אין איר פאראייניקט צו לעבן אונטער דעם סיסטעם. און ווער עס וויל זיך אפ־ברעכן און אונדז צעברעקלען אויף קליינע הילפלאזע, אומבאהאלפענע טיילן, וועלכעס וועט באשאפן א פעלד פון דערצבערונגען און עגאאיס־טישע אמביציעס, דער באגייט א פארראט קעגן דעם גרויסן אידעאל פון דעם גייסטיקן רוסלאנד, פון דעם ליכטיקן רוסלאנד, פון דעם רוסלאנד פון דער צוקונפט.

— בראוואָ! בראוואָ! — האט דער טיי־סוחר זיך נישט געקאנט איינהאלטן און — אויסגעשאסן.

נאר דאס מאל האט אפילו דער נאפט־סוחר, דער טרוקענער, איינ־געהאלטענער און איבערגעלייגטער בארים חיימאוויטש מיטגעשאקלט מיטן קאפ. זיינע אויגן האבן געגלאנצט און ער האט געשמייכלט און צו־געשאקלט מיטן קאפ.

און דער שטענדיק „גוט־געזעגנער" און אנגענעמער דאוויד מאיסע־יעוויטש האט זיך אפגעווישט מיט דער סערוועטקע דאס פעטע מויל פון עסן, אויפגעהויבן זיך פון טיש און איז צוגעגאנגען צו סאלאמאן אסיפא־וויטשן, ארומגענומען אים און צעקושט זיך מיט אים.

— אראפגערעדט פון דער נשמה!

האָבן אים שוין אַנדערע נאָכגעטון. נאָך אים האָט זיך געלאָזט דער טיי־סוחר און אפילו דער נאַפט־סוחר, נאָר דער „ענגלענדער" איז געבליבן זיצן רואיק. און די דאַמען האָבן צוגעשיקט צום אָראַטאָר קושן פון דערווייטנס.

— הייסט עס, נאָך אייך נאָך, זייט מוחל, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, אַז דאָס, וואָס די צאַרן האָבן צוגענומען אַזוי פיל לאַנד און אונטערטע־ניק געמאַכט אַזוי פיל פעלקער, איז געווען אַ גוטע זאַך? — האָט דער אַסיסטענט יאַקאָב שמולעוויטש געפּרווט ראַטעווען זיין סיטואַציע, וועל־כע ער האָט געהאַלטן פאַר געפערלעך אין קעגנוואַרט פון די רייכע סוח־רים.

— צוערשט איז עס נישט געווען קיין גוטע זאַך. צוערשט איז עס אפשר געווען אַן עוולה. נאָר אַרויסגעקומען איז דערפון אַ גרויסע זאַך: עס איז דערפון אַרויסגעקומען — רוסלאַנד.

— אין דער געשיכטע האָבן מיר זייער פיל אַזעלכע ביישפּילן, — קומט דער סטודענט צו הילף דעם אַדוואָקאַט.

— די יידן זענען די בעסטע רוסן. נאָכדעם ווי איר האָט אונדז דערקלערט די אידעע פון רוסלאַנד, מוזן מיר קומען צו דעם באַשלוס. איך האָב קיינמאָל נישט געהערט אין אַ רוסישער געזעלשאַפט רעדן אַזוי איבער רוסלאַנד. אין אַ רוסישער געזעלשאַפט האַלט מען אין איין שימפן אויף רוסלאַנד, נע ס'פּאַ, מאַ שערי? — האָט געזאָגט די גרעפין.

די ווערטער פון דער גרעפין האָבן ריכטיק באַוויזן דעם גאַנצן ענ־טוזיאַזם פון די אָנוועזנדע צום אָראַטאָר. צום אומגליק פון יאַקאָב שמו־לעוויטש, וועלכער, ווי־עקסטרא דערפאַר, וואָס ער האָט זיך היינט געמיט צו גלאַנצן אין די אויגן פון די רייכע סוחרים, האָט ער נישט געקאָנט רעכענען דעם היינטיקן טאָג פאַר אַ גליקלעכן. דער „גוט־געזעגנער" דאַוויד מאָיסעיעוויטש האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, ווידער אָפּגעווישט זיך דאָס מויל מיט דער סערוועט און זיך אויפגעהויבן און איז ווידער צוגעגאַנגען צו סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטשן מיט די ווערטער:

— זייט מוחל, אַלגאַ מיכאַילאָוונאַ, וואָס איך שטער אייער טיש, נאָר אייער מאַן רעדט היינט ווי אַ נביא. אַ שאָד נאָר, וואָס מיר זענען די איינציקע עדות פון זיינע געטלעכע ווערטער. גאַנץ רוסלאַנד האָט באַ־דאַרפט הערן, וואָס סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האָט געזאָגט היינט ביים

טיש. גאַנץ רוסלאַנד, אַזוי ווי איך ליב גאָט. — ביי די ווערטער איז ער נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צו סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטשן און האָט אים וואַרים געדריקט די האַנט. געקושט האָט ער אים נישט דאָס מאָל, וואָס ער וואָלט עס דווקא זייער געוואָלט, נאָר ער האָט נישט געוואַגט צופיל שטערן דעם סדר פון טיש.

דאָס מאָל האָבן אים די סוחרים נישט נאָכגעפאָלגט, נאָר דער טיי־סוחר האָט זיך באַנוגנט מיט אַ הוסטנדיקן איבערחזרן דאַוויד מאָיסע־יעוויטשעס ווערטער:

— נבואהשע ווערטער, נבואהשע ווערטער. גאַנץ רוסלאַנד באַדאַרף זיי הערן. — און ער האָט פלינק דערביי פאַרקייט דעם לעצטן ביסן.

— טייערער, דו רעדסט און עסט גאָרנישט. אַלץ איז ביי דיר קאַלט געוואָרן, דאָס פלייש, די בלינצעס — און די געסט עסן אויך נישט צו־ליב דיר. דו האַלטסט זיי געשפּאַנט מיט דיינע רייד.

— וואָס טוט זיך מיט אייך, טייערע אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ? אַ גאַנצע נאַכט וואָלט איך געזעסן און געהערט סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטשן רעדן. עס זענען דאָך גילדענע ווערטער, וואָס גייען פון זיין מויל — טייערער ווי יעדעס עסן, — האָט געזאָגט דאַוויד מאָיסעיעוויטש.

— אַ גאַנצע נאַכט, — האָט נאָך אים איבערגעחזרט דער טיי־סוחר.

סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האָט פיינט געהאַט צו ווערן איבערגעשלאָגן אפילו פון זיין אייגן ווייב. רעדן איז ביי אים געווען זיין לעבן, זיין שאַ־פונגס־פאָרם. און ביים טיש, ווען ער האָט געהאַט געסט, האָט ער געפילט דאָס באַדערפעניש צו רעדן, ווי אַמאָל זיינע זיידעס, וואָס האָבן געזאָגט תורה פאַר „זייערע" חסידים. דעם ווייבס באַמערקונג האָט אים געגעבן אַ שניט אין זיין רעדע־שטימונג, וואָס אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט נישט פאַרפעלט צו באַמערקן אין דעם קרומען בליק זיינעם, וואָס ער האָט גע־וואָרפן אויף איר, און מיט איר געשיקטקייט האָט זי געאיילט צו פאַרריכטן דעם פעלער:

— ער איז דאָך מיד. אַ גאַנצן טאָג האָט ער היינט גערעדט. צו־ערשט אין סענאַט. און דער עמפּפאַנג איז היינט געווען אַ גרויסער און אַ שווערער. און ביינאַכט שלאָפט ער אויך שלעכט. ער באַדאַרף זיך אַביסל צו שוינען באָטש ביים טיש — באָטש אַביסל אָפּרוען.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט רעכט. שוינט אייך, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, אייער געזונט איז זייער טייער — זייער טייער, — האָט דאַוויד מאָיסע־יעוויטש געזאָגט.

— שוינט אייך, שוינט אייך, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, — האָט דער טיי־סוחר צוגעהאָלפן.

פון די רייד איז סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטשעס אייגנליבע געוואָרן גע־שוינט. און ער האָט ווידער געקראַגן די צופרידענע גוטע שטימונג, פון וועלכער זיין ווייבס באַמערקונג האָט אים געהאַט אַרויסגענומען.

— עס מאַכט נישט אויס. אַמאָל, דאָרט, וועלן מיר אויסרוען. איצט איז קיין צייט נישטאָ.

און דאָס געשפּרעך איז איבערגעגאַנגען אויף ווייניקער וויכטיקע ענינים, ביי וועלכע דער יונגער דור, זיינע קינדער, האָבן אויפגעלעבט.

— פּאַפּעשקע, מאָרגן טאַנצט קאַרסאַווינאַ. מיר גייען אַלע אין טעאַ־טער. אפשר וואָלסטו מיט אונדז מיטגעגאַנגען? — האָט זיך די טאָכ־טער אָנגערופן.

— עס וואָלט נישט געווען קיין שלעכטע אידעע, — האָט דאָס ווייב צוגעהאָלפן, — וואָלסט אָפּגערוט אַביסל.

— נישטאָ קיין צייט, קינד. נעם איינעם פון דיינע קאַוואַלערן.

דאָס געשפּרעך איז איבערגעגאַנגען אויף טעאַטער, אויף באַלעט. דאָס געשפּרעך האָט שוין געפירט דער „ענגלענדער", וועלכער איז געווען אַ גרויסער בקי אין די זאַכן.

נינאָטשקע איז זיך געזעסן ביים צווייטן האַלבן טיש און האָט גע־האַט אַרום זיך, ווי איר מוטער די עלטערע, אַזוי זי — די יינגערע הערן. זי האָט געפּלאַכטן מיט אירע בליקן, באַוועגונגען, ווערטער, שמייכל און שטימונג, ווי אַ יידענע פּלעכט די טייג פון אַ קוילעטש. אָבער אַ באַזונ־דער פאַרגעניגן האָט זי געהאַט צו דערנידעריקן אין זיין ווירדע יאַקאָב שמולעוויטשן. עס איז געווען ביי איר אַ שפּיל אַזעלכע אים אַרומצווישן מיט זיין שטאָלץ, ווי מען ווישט מיט אַ שמאַטע.

— איר, יאַקאָב שמולעוויטש, — האָט זי זיך געווענדט צום אַסיס־טענט, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער איר, — האָט מיך קיינמאָל נישט איינגעלאַדן, אַז איך זאָל מיט אייך ווו אַרויסגיין — אין טעאַטער אָדער אין אַ נאַכט־לאָקאַל. פון אַלע טייוולאָנים באַקומט מען איינלאַדונגען,

נאָר פון דעם, וואָס מען וויל — קיינמאָל נישט. איך ווייס, אַז איר זענט שטענדיק פאַרנומען, נאָר אַ כבוד וואָלט עס געווען נישט אַ קליינער.

— אַזוי? נישט איינגעפאַלן גאָר.

און יאַקאָב שמולעוויטש האָט אַרויסגעצויגן זיינע ווייסע מאַנזשעטן.

— און פאַרוואָס איז אייך נישט איינגעפאַלן? איז אַ וווּנדער, וואָס יידישע מיידלעך אַנטלויפן מיט שקצים, אַז אונדזערע אייגענע יונגעלייט זענען שטענדיק פאַרנומען מיט רעוואָלוציע, אָדער מיט אַנדערע שוואַרץ יאָר. און טאָמער געפינט זיך איינער, וואָס מיט רעוואָלוציע איז ער נישט פאַרנומען און ער וואָלט שוין יאָ צייט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט אַ מיידל — איז ער אַזוי שטאָלץ, אַז מען ווייס גאָר נישט ווי אַזוי צוצוגיין צו אים.

— פון וואַנען ווייסט איר וואָס איך טו, נינאַ סאָלאָמאָנאָווגאַ?

— וואָס, איר פאַרנעמט זיך יאָ מיט רעוואָלוציע? זענט איר ביי מיר אויס מורינו! זענט איר לאַנגווייליק אַזוי ווי די אַנדערע. אייער גאַנ־צער רייץ אין מיינע אויגן איז געווען, וואָס דאָ געפינט זיך אַ מאַן, וואָס ווייסט אָפּצוהיטן זיין צייט און טראַכט פאַר זיין אייגן אינדיווידועל לעבן.

— אָ, נינאַ סאָלאָמאָנאָווגאַ, איר זענט ביטער צו מיר!

— דערפאַר וואָס איר פאַרזעט מיך. למשל היינט, צוויי שעה בין איך געזעסן אין מיין בודואַר, און דאָ זענען דאָ צוויי, דריי יונגעלייט אין שטוב. אַז עס זאָל גאָר איינעם פון זיי איינפאַלן אַריינצוקומען צו מיר. מיינט איר, מען קאָן נישט ביטער ווערן?

— אָבער נישט פאַר אייערע יאָרן און נישט פאַר אייער שיינקייט, — האָט יאַקאָב שמולעוויטש געזאָגט מיט אַ קאָקעטישן פאַרנויג, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פּאַסט זיך זייער צו זיין שיינער פיגור.

— אָט האָט איר פאַר אייעריקע, — האָט זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש געלאַכט פון איר.

נינאָטשקאַ איז רויט געוואָרן און איינגעשטילט זיך. און יאַקאָב שמולעוויטש האָט ווי אַ זיגער, מיט זיינע פינגער גלייך געמאַכט זיך די וואָנסעס, דאָס בערדל, און געטראַכט זיך: ווי געשיקט ער האָט מיט אַ גאַלאַנט וואָרט געבונדן די הענט פון דעם נאַרישן מיידל.

נאָכן טיש האָט דער אַדוואָקאַט, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעבעטן זיין פרוי און די אַנדערע געסט, זיך צוריקגעצויגן מיט זיינע געסט, דעם

טיי־סוחר אַראָן יאַקאָוולעוויטש און אשר יעפּימאָוויטש, אין דער אַנדערער העלפט פון זיין וווינונג, וווּ עס האָבן שוין געוואַרט אין סאַלאָן אויף זיי אייניקע אַנדערע הערן, וואָס זענען געקומען צו דער קליינער פאַרזאַמלונג, וואָס דאַוויד מאָיסעיעוויטש לאַנדוי האָט פאַררופן. צווישן זיי איז געווען איינער אַ קאָנקורענט, וואָס האַלפערן האָט באַטראַכט פאַר אַ גרויסן זיג וואָס יענער איז געקומען צו אים, אויך אַ יונגערמאַן, וואָס קיינער האָט נישט געקענט, אָדער נישט געוואָלט קענען, און איז געזעסן באַזונדער פון די אַנדערע. נאָר אין רוסלאַנד האָט עס געקאָנט טרעפן, אַז אין אַ געזעלשאַפט פון גרויס-קאַפּיטאַליסטן זאָלן זיך טיילמאָל געפינען גאָר אַטנקעגנגעזעצטע עלעמענטן. טאַקע, מען האָט דעם יונגנמאַן נישט פאָרגעשטעלט, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, ווער און וואָס ער איז...

דער אַדוואָקאַט האָט פאַרבעטן די הערן צו זיך אין קאַבינעט און גוט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

דאַוויד מאָיסעיעוויטש לאַנדוי האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַר קהלישע זאַכן. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער שדכן צווישן די רעוואָלוציאָנערע געהיימע עלעמענטן און דער „סימפּאַטיזירנדער" רייכער בורזשואַזיע. ער האָט אין קורצן איבערגעגעבן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. עס האַנדלט זיך וועגן וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס מען האָט אַרויסגעגנבעט פון רוסלאַנד, וועלכע דעקן אויף די גאַנצע שוואַרצע געהיימע האַנט, וואָס פירט אָן מיט דער צאַרישער רעגירונג: די אָרגאַניזירונג פון פּאָגראָמען, די אַכזריותדיקע פּייניקונג פון די פּאָליטישע געפאַנגענע אין די תּפיסות, די אונטערדריקונג פון פאַרשידענע נאַציאָנען. די דאָקומענטן וועלן קאָמפּראָמיטירן די צאַרישע רעגירונג אין אייראָפּע. צו דעם צוועק דאַרף מען האָבן אַ גרעסערע סומע געלט — צו פאַרעפנטלעכן זיי אין אויסלאַנד, אַרויסצוגעבן אויך אַ באַזונדערע צייטשריפט אין אויסלאַנד, און אויף ווייטער אָנפירן מיט דער אַרבעט (אַרויסצובאַקומען די דאָקומענטן פון פאַרשידענע דעפּאַרטאַמענטן און זיי אַריבערצוגנבענען איבער דער גרענעץ), און די מיטלען דערצו זאָל שאַפן די היינטיקע פאַרזאַמלונג פון די רייכע ייִדן.

ווי אויף יעדער פאַרזאַמלונג אין רוסלאַנד — סיי לעגאַלע, סיי אומלעגאַלע, צי עס האַנדלט זיך וועגן רעוואָלוציע אָדער וועגן געשעפטלעכע עניינים, — איז זייער פיל גערעדט געוואָרן. עס האָבן גערעדט די אַדוואָ־

קאַטן גלאַט צוליב דעם רעדן; עס האָט גערעדט דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער פאַרזאַמלונג, דאַוויד מאָיסעיעוויטש — איבער דער געפאַר, וואָס עס שטייט פאַר די, וואָס באַקומען די דאָקומענטן, און ווייל זיי שטעלן איין זייער לעבן — זאָלן די יידן געבן דאָס געלט דערצו. נאָר דער פּרעמדער יונגערמאַן מיטן שוואַרצן בערדל און אויגנגלעזער, וועלכער זעט אויס ווי אַ בית־המדרש בחור, ערשט נאָר וואָס אַרויס פון דער ישיבה — שווייגט און רעדט גאָרנישט. ער קוקט זיך נאָר אַרום מיט זיינע כיטרע, פלינקע אויגן פון זיינע אויגנגלעזער צו דער רייכער פאַרזאַמלונג, און איבער זיי־נע דינע ליפּן שוועבט אַ בטולדיקער שמייכל.

ענדלעך האָט זיך אָנגערופן באָרים חיימאָוויטש (אַזוי איז ער גע־ווען אַ שווייגנדיקער, נאָר ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן געלט, איז ער שטענדיק געווען אַ רעדעוודיקער). ער האָט געזאָגט, קוקנדיק אויפן פרעמדן יונגנמאַן.

— לאָמיר זיך נישט נאַרן, מיר זענען דאָך בורזשועז, פאַרוואָס ווענדט מען זיך צו אונדז נאָך געלט? — מיר זענען קעגן רעוואָלוציע.

— נישט וועגן רעוואָלוציע האַנדלט זיך דאָ, נאָר וועגן קאָמפּראָמי־טירן די רעגירונג פון אָרגאַניזירן די פּאָגראָמען — פרווט דאַוויד מאָי־סעיעוויטש פאַרריכטן די שטימונג.

און דער אַדוואָקאַט כאַפּט אונטער:

— וואָס רעדט איר, באָרים חיימאָוויטש! מיר קענען אייך און ווייסן, אַז איר זענט נישט קעגן רעוואָלוציע. קיין אָנשטענדיקער מענטש אין רוסלאַנד איז נישט קעגן דער רעוואָלוציע — און נאָך דערצו אַ ייד.

נאָר דאָ האָט זיך אָנגערופן דער פרעמדער יונגערמאַן, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן.

— איר ווילט ווימן, פאַרוואָס מיר ווענדן זיך צו אייך? דערפאַר ווייל דאָ איז דער קאַפּיטאַל פון רוסלאַנד. אָט האָט גערעדט דער נאַפט פון רוסלאַנד — קוקט ער אויף באָרים חיימאָוויטשן — און אָט, נעבן מיר, זיצט דער טיי פון רוסלאַנד, און דאָרט ווייטער — דער צוקער פון רוסלאַנד, און קעגנאַיבער מיר — דער וואַלד פון רוסלאַנד — ווייזט דער יונגערמאַן מיט אַ כמעט ציניש שמייכל אויף זיינע ליפּן. די אָרימע יידן נאָר זענען באַגרענעצט אין רוסלאַנד, נישט דער יידישער קאַפּיטאַל. דערפאַר ווענדן מיר זיך צו אייך.

— דערפאַר ווענדט איר זיך צו אונדז, — זאָגט באָריס חיימאָוויטש מיט אַ טרוקענעם שמייכל, — אַז מיר זענען, ווידער, נישט באַגרענעצט, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבן מיר צו אונטערשטיצן אַ באַוועגונג, וואָס איז קעגן יענער מאַכט, וואָס האָט אונדז געגעבן די רייכטימער פון דעם לאַנד אין אונדזערע הענט? און לאָמיר זיין אָפן: און אַז איר וואָלט גע-קאָנט, ווען איר וועט קומען צו דער מאַכט (וואָס מיר האָפן, אַז ס'וועט נישט אַזוי שנעל געשען), וואָלט איר דאָך געוויס נישט דעם אָרימען יידן, נאָר דווקא דעם יידישן קאַפּיטאַל, באַגרענעצט. נישט וואָר?

— איך גלויב און איך האָף אַזוי — זאָגט דער יונגערמאַן.

— און לאָמיר גיין ווייטער: נישט נאָר וואָלט איר באַגרענעצט אין דער צוקונפט די פאַרשפּרייטונג פון יידישן קאַפּיטאַל, נאָר ווי איך פאַר-שטיי, איר וואָלט אפילו געזאָרגט, אַז דער אָנגעקליבענער קאַפּיטאַל, וואָס געפינט זיך שוין אין אונדזערע הענט, זאָל, ווי איך פאַרשטיי, לויט ווי איר דריקט זיך אויס, פאַרטיילט ווערן אין ריכטיקע הענט. מיט אַנדערע ווערטער: איר וואָלט צוגענומען אַלצדינג, וואָס מיר האָבן.

— איך האָף, אַז מיר וועלן זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס אָפּרוימען פון דעם אָנגעקליבענעם קאַפּיטאַל זאָל פאָרקומען גרינטלעך.

— און דאָך, אַלס צו פאַרשטייער פון יידישן קאַפּיטאַל, וואָס איר ווילט צעשטערן, ווענדט איר זיך צו אונדז נאָך שטיצע פאַר אייער באַ-וועגונג?

— נישט אַלס פאַרשטייער פון יידישן קאַפּיטאַל. מיר ווייסן נישט קיין חילוק צווישן יידישן און נישט-יידישן. קאַפּיטאַל באַלאַנגט נישט צו קיין נאַציאָנאַליטעט און איז אינטערנאַציאָנאַל.

— דאָך צו אַלגעמיינע קאַפּיטאַליסטן ווענדט איר זיך נישט נאָך הילף, נאָר דירעקט צו אונדז, צו די יידישע.

— דערפאַר וואָס מיר ווילן אויסנוצן די אומצופרידנהייט, וואָס הערשט צווישן דעם טייל באַפעלקערונג צו דער עקזיסטירנדער מאַכט, פאַר אונדזערע צוועקן. מיר ווייסן, אַז איר זענט געבונדענע, אַז די עוולות, וואָס מען באַגייט קעגן אייך אַלס יידן, מאַכן אייך רייף צו העלפן. דער פּראָטעסט, וואָס זאַמלט זיך אָן אין אייערע הערצער קעגן דער עקזיס-טירנדער אָרדענונג, איז די טרייב-קראַפט, וואָס יאָגט אייך ווי מיט בייַ-טשן-שמיץ געבונדענע צו אונדזערע טירן, צי איר ווילט יאָ, צי איר ווילט

נישט. מיר נוצן אויס אַט אייער אומצופרידנהייט פאַר אונדזערע צוועקן, און דערנאָך, ווען מיר וועלן דערגרייכן אונדזער ציל, וועלן מיר זען, וואָס מיר קאָנען טון מיט אייך, — האָט געזאָגט דער פרעמדער יונגערמאַן, און דער שמייכל איז כמעט נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן.

— אַ דאַנק פאַר דער אויפריכטיקייט. איך, פון מיין זייט, וועל נישט צולייגן קיין האַנט. איך וועל נישט צושטייער געבן מיין געלט אונטערצוגראָבן מיין אייגענע עקזיסטענץ.

ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס געשפּרעך וואָלט זיך געענדיקט, ווען סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש וואָלט זיך נישט אויפגעהויבן און געמאַכט איינע פון זיינע שטאַרקע רעדעס דעם היינטיקן טאָג.

— מיר, יידן, — האָט ער אָנגעהויבן, און דערביי מיט די הענט באַטאָנט, — אַז מיר וועלן זיך אַמאָל דעראָבערן גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד, וועט עס נישט זיין קיין געשאָנקענע, נאָר דעראָבערטע. אַלס אַ טייל פון דעם אונטערדריקטן עלעמענט אין רוסלאַנד, העלפן מיר דער רעוואָלוציע, און מיר זאָגן פּונקט אַזוי ווי איר: מיר נוצן אויס אייער רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, אייער יוגנט, אייערע אָפּפערונגס־פעאי־קייטן, צו דערגרייכן יענעם צוועק, צו וועלכן מיר אַלע שטרעבן. דער־נאָך וועלן מיר זען, וואָס מיר קאָנען טון מיט אייך. ביז דאַן אָבער פירן אונדז די וועגן צוזאַמען, און מיר קאָנען אַלע צוזאַמענגיין אין שפּאַן צו שלעפּן דעם וואָגן: די מיט זייער טעמפּעראַמענט, אַנדערע מיט זייער געלט. האָב איך רעכט, דאַוויד מאָיסעיעוויטש?

און ווידער איז סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש געוואָרן אַ קעגנשטאַנד פון אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם.

און דער טיי־סוחר אַראָן יאַקאָוולעוויטש האָט געקאָנט מאַכן זיין שלום־שלום.

— און איך זאָג אייך, מיינע הערן, אַז מיר, רייכע יידן, מוזן אַלעמען באַצאָלן צינזן פאַר אונדזער רייכקייט. מיר מוזן באַצאָלן די רעאַקציאָ־נערן, און מיר מוזן אויך זיי באַצאָלן — ווייזט ער אויפן יונגנמאַן — מיר מוזן געבן אויף אַ קלויסטער, און אויך אויף די צוועקן. אין דעם פּרט זענען מיר ערגער פון די אָרימע יידן, גלויבט מיר, מיינע הערן — האָט

ער געזאָגט און זיך צעהוסט מיט דעם גוטן, ווייכן, נישט־זיך־ווײַ־טוענדיקן, פּיעשטשענדיקן הוסטל...

⁂

איידער דער אדוואָקאַט האָט פאַרענדיקט זיין שווערן טאָג ארבעט, נאָכדעם ווי די קליינע פאַרזאַמלונג איז זיך צעגאַנגען, איז ער, איידער ער האָט זיך באַגעבן אין זיין שלאָפצימער, צוגעגאַנגען צו דעם זונס צי־מער און אָנגעקלאַפּט אין טיר:

— מישענקאַ!

— מישענקאַ, האַלב שוין אויסגעטון, אין העמד און הויזן, האָט מיט שרעק אויפגעעפנט די טיר און איז נאָך מער דערשטוינט געוואָרן צו טרעפן דעם פאָטער הינטער דער טיר.

— מישענקאַ, באַווייז מיר אָקאָרשט דיין „דניעוניק" פון שול. היינט, דאַכט זיך, באַקומען צענזורקעס.

מישענקאַ, דער אכצן־יעריקער קינדישער בחור, האָט דעם פאָטער אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן ארויסגעקוקט פון אונטער זיינע טונקעלע ברעמען ווי עפּעס אויסטערלישע, פרעמדלענדי־שע איידל־שטיינער.

— פּאַפּענקאַ, איך בין נישט שולדיק. דאָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר סאַרמאַטין, דער לערער פון מאַטעמאַטיק, שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי ער גיט מיר אַזעלכע צייכנס.

— דו ווייסט, מישענקאַ, איך אין מיין לאַגע, אין מיין פּאָזיציע, איך קאָן נישט די קרייזן עפּעס שולדיק בלייבן.

— איך ווייס, פּאַפּענקאַ, אָבער וואָס קאָן איך טון... — האָט דער יונגערמאַן געשטאַמלט. דאַן האָט ער פאַרוואָלקנט זיין פּנים, געמאַכט אַ כמעט וויינענדיקע קינדישע גרימאַסע (וואָס דער פאָטער האָט נישט גע־קאָנט בייקומען), אין וועלכער זיינע בלויע אויגן האָבן זיך האַלב באַהאַל־טן אונטער דער אויגן־ראַם. — איך האָב מאַטעמאַטיקע פיינט.

דער פאָטער האָט אים אָנגעקוקט מיט צאָרן, נאָר דער צאָרן איז באַלד צעגאַנגען ווי אייז אין דער זון, אונטער דעם קינדיש־הילפלאָזן, אָבער דאָך שיינעם, מעכטיקן בליק פון די אויסטערלישע בלויע אויגן. ער האָט געקוקט אויפן פאָטער מיט אַ שטאָלצער איידלקייט, וואָס זיין איי־

גענער פּאָטער האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, און אָנשטאָט די פּאַטעטישע שטראָף־רעדע, וועלכע ער האָט זיך פֿאָרגענומען צו האַלטן דעם זון, האָט ער אים געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— איך האָף, מישענקאַ, אַז דו וועסט נעמען אין באַטראַכט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט: וועסט נעמען אין אַכט מיין לאַגע.

קאַפּיטל 4

ניִנאָטשקאַ טוט זיך אָן

נאָכן עסן האָט ניִנאָטשקאַ גענומען מירקינען אונטערן אָרעם און האָט זיך צו אים אַזוי אָנגערופֿן:

— זאַכאַרי גאַווריִלאָוויטש, אַז איר האָט נישט וואָס בעסערס צו טון, וואָלט איך אייך געבעטן, אַז איר זאָלט מיר בייהילפֿיק זיין אין מיין איבערטון זיך. געוועזן די זאַבאָראָווס און זענען דווקא באַשטאַנען, אַז איך זאָל צוקומען צום טאַנץ, און דאָ איז מיין סאָפֿיאַ מיט איר פֿעלד־פֿעבל געגאַנגען אין „נאַראָדני דאָם". שוין לאַנג איר צוגעזאָגט. קיינער נישטאָ, ווער עס זאָל מיר העלפֿן עפּעס. די מאַמע איז פֿאַרנומען מיט אירע געסט — און צו אַזעלכע זאַכן באַדאַרף מען אַ מענטש אָן באַזונדערע לײדנשאַפֿטן. אַז נישט דרינגט ער אויף דיר אַרויף זיין אייגענעם געשמאַק, ווי די מאַמע טוט דאָס. מיר דאַכט זיך, אַז איר פּאַסט זיך זייער דערצו.

אַרייַנגעקומען צו זיך אין איר בודואַר, האָט זיך ניִנאָטשקאַ אַרייַנגעוואָרפֿן אין איר ווייכן דיוואַן, מיט די פֿיס אונטער זיך.

דער רויטער „בוכאַרער" דיוואַן האָט געפֿלאַמט אונטער איר פֿון דעם רויטן שיין פֿון אַ לעמפּל, וואָס האָט געגאָסן פֿון אַ ווינקעלע אַרויס — און איר שוואַרצע קרוין געקרייזלטע האָר, וואָס האָט זיך אָנגעלענט אויף אַ צווייטן בוכאַרער דיוואַן, נאָר אַ פֿיל איידעלערן, מיט פֿיל געלווייסע מילך־פֿעלדער, האָט איר קליין געזיכט געגעבן אַ קאָליר פֿון אַלטן העלפֿאַנט־ביין.

— איר, זאַכאַרי גאַווריִלאָוויטש, באַזיצט אַ מאָדנעם אופֿן צו קוקן.

דאָס, וואָס אַנדערע וואָגן נישט אַרויסצוזאָגן מיט די צינגער — זאָגט איר אַרויס מיט אייערע בליקן, און לאָזט מיך זיך אייך אָפן מודה זיין, אַז איך האָב מער מורא פאַר אייערע אויגן, ווי פאַר אַנדערע מיילער.

מירקין האָט געשמייכלט, ער האָט מיט זיין ווייסער האַנט אַרומגענומען זיין שוואַרץ בערדל.

— איר אַנטדעקט ביי מיר אַ זעקסטן חוש, נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, פון וועלכן איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איך באַזיץ אים.

— איך מיין עס מיט אַן אמת, — איר באַזיצט טאַקע אַ זעקסטן חוש — מיר דאַכט זיך, אַז איר ווייסט אַלצדינג, וואָס איך טראַכט, וואָס איך גיי טון, איידער איך ווייס עס נאָך אַליין. אַ גאַנצן אָוונט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איר זיצט זיך דאָרט פאַר זיך און ווייסט אַלץ וועגן מיר. איר באַטראַכט אַלץ, וואָס איך טו און וואָס איך דענק; גאָרנישט איז פאַרהוילן פון אייך, און איך מוז אייך זאָגן, אַז אָט דעם זעקסטן חוש אין אייך האָב איך נישט ליב, זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש.

זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש האָט ווידער געשמייכלט.

— איר מאַכט מיך פאַרן טרעגער פון אייער געווויסן אין מיין ווייסן, — עס איז גאָרנישט אָנגענעם צו טראָגן די ראָלע אויף זיך, וואָס איר שרייבט מיר צו.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס האָב איך מורא פאַר אייך? יאָ, איך האָב מורא פאַר אייך, פאַר קיינעם האָב איך קיין מורא נישט, נאָר פאַר אייך.

— דאָס קאָן איך שוין נישט זאָגן. נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, עס קאָן אפשר זיין, אַז איר האָט מורא פאַר זיך. יעדער מענטש האָט פאַר עפּעס מורא. איינער פאַר גאָט, דער צווייטער פאַר אַ מענטש — און איז נישטאָ קיין גאָט — מאַכט מען זיך אַ מענטש פאַר אים מורא צו האָבן, נאָר אויף אייך וווּנדער איך זיך, — איך האָב געמיינט — אַזוי פלעגט איר דאָך זאָגן — אַז איר זעגט דורך און דורך אַ פרייער מענטש.

— אַזוי האָב איך געמיינט, און איך בין עס אויך, און דאָך האָב איך מורא פאַר אייך, און איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך ליב נישט דאָס געפיל מורא צו האָבן פאַר אייך, פאַרקערט, מיך פרייט עס זייער, און איך וויל מורא האָבן פאַר אייך, עס איז גוט, עס איז פונקט אַזוי. ווי מען ווייסט, אַז עס איז דאָ פאַר וועמען זיך מתוודה צו זיין. יאָ, זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש, מען קאָן שוין דענסטמאָל טון וואָס מען וויל, אַבי עס איז

נאָר דאָ פאַר ווערעמען זיך מתוודה צו זיין.

— אין דער ראַלע וויים איך שוין נישט, אויב איך וואָלט זיך גע־פּאַסט, גאַנץ איינפאַך דערפאַר, ווייל איך האָב פיינט צו משפטן, און נאָר צוליב דעם, ווייל איך וויל נישט, אַז מען זאָל מיך משפטן. אוי, האָב איך פיינט אַ משפט!

— אויב אַזוי, פאַרוואָס זענט איר אַזוי „ריין" — אַזוי אומאָנשטענ־דיק ריין, „אָרנטלעך", וואָלט איך געזאָגט. עס איז אַ געמיינהייט צו זיין אַזוי ערלעך און אָרנטלעך און ריין, ווי איר זענט עס, זאַכארי גאַווריל־אָוויטש.

מירקין האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען.

— זעט זיך אוים, אַז איר באַזיצט דעם זעקסטן חוש, — נישט איך, — אַז איר ווייסט אַזוי אַלץ וועגן מיר.

— יעדנפאַלס זעט איר אַזוי אוים. אָדער איר קאָנט זיך אַזוי פאַר־שטעלן. ווייסט איר, פאַרוואָס איך האָב אייך אַריינגערופן, ווייל איך וויל, אַז איר זאָלט מיר בייהילפיק זיין צו טון אַ געמיינע, שענדלעכע זאַך. איר ווייסט דאָך, אַז איך גיי היינט צו די זאַבאַראָווס. אַ פאָרשטעלונג וועט געגעבן ווערן, „לידאַ", „לידאַ מיטן שוואַן". אַ פּריוואַטע פאָרשטעלונג, וואָס קיערענאָוו האָט אָנגעשריבן. איר ווייסט וואָס דאָס איז? איך וועל אפשר אויך נעמען אַן אָנטייל אין דער פאָרשטעלונג, און איך וויל, אַז איר זאָלט מיר בייהילפיק זיין, העלפן מיר אין אָנטון. איר זאָלט מיך דאָרטן אַהין פירן אַליין, איר זאָלט וויסן דערפון, כדי איר זאָלט אויך טראָגן אַ טייל פון דער זינד. אָט צוליב וואָס איך האָב אייך אַריינגערופן. איך וויל, אַז אויך איר זאָלט זיין אין דער „זינד", אפשר וועט עס אייך אַ ביסעלע מענטשלעכער מאַכן.

— און אפשר איז עס דערפאַר, כדי איר זאָלט פון מיר אַן הסכמה אַרויסקריגן אויף דעם גאַנג, כדי עס זאָל אייך גרינגער זיין אַהין צו גיין. עס איז נישט מיין „אויסגעלאַסנקייט", צוליב וועלכער איר האָט מיך אַריינגערופן, נאָר צוליב אייער „אָנשטענדיקייט", כדי מיט אַ לייכטערן געוויסן צו טון זאַכן — האָט זאַכארי געשמייכלט.

— יאָ, אויך דאָס... אַז איר ווייסט פון זאַכן, קאָן איך זיי טון מיט אַ פיל לייכטער האַרץ. איך באַדאַרף נאָר, אַז איר זאָלט וויסן דערפון. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, זאַכארי?

— דאָס איז דערפאַר, ווייל נאָך אַלעם זענט איר אַ שוואַך, קליין מיידעלע, — זייט מיר מוחל פאַר די רייד, — נינאָטשקאַ. (זייט מיר אויך מוחל, וואָס איך דערלויב זיך אַזוי אָנצורופן אייך.) און איר באַדאַרפט אַן הסכמה אויף אַלע אייערע שוואַכקייטן; אויף אייער אייגענע אחריות האָט איר עס מורא צו נעמען.

נינאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן, וואָס זענען גע־ווען אין פּראָפּאָרציע צו איר נאָז, ווי דער דריי-עק פון אַ קמץ: שאַרף, בולט, גליענדיק. זי האָט נישט געוווסט, צי זי זאָל זיך באַליידיקן אויף זיינע ווערטער, צי זי זאָל גאָר פון זיי מאַכן אַ געלעכטער.

נינאָס פּלוצלינגעס איבעררייסן דעם פאָדעם פון זייער געשפּרעך האָט זאַכאַרין אויך אַריינגעבראַכט אין אַ קאָנפוזיע, זיין גאַנצע לאַגע איצטער איז געוואָרן אומנאַטירלעך.

„וואָס, וואָס האָב איך איר מוסר צו זאָגן"? ער איז אויף זיך בייז געווען דערפאַר. איבעריקנס, איז אים געווען אַלץ איינס.

נינאָטשקאַ האָט זיך באַלד אָבער געפונען. זי האָט זיך פונאַנדערגע־לאַכט מיט איר גאַנצער נאַטירלעכקייט, און געזאָגט שוין אין איר מייד־ליש-ווייבלעכער שפּילנדער קאָקעטעריע.

— איר מוזט מיר ווירקלעך מוחל זיין, זאַכאַרי גאַווריל אָוויטש, וואָס איך האָב אייך אָן אייער וויסן און אָן אייער צושטימונג גענומען פאַר דער „ראָלע", נאָר איר קענט דאָך אונדז פרויען, מיר זענען קאַליע-גע־מאַכטע, און מיר מיינען, אַז די גאַנצע וועלט באַלאַנגט צו אונדז, און מיר קאָנען זיך נעמען, וואָס מיר ווילן.

— ביטע זייער, אַז איך קאָן נאָר אייך מיט עפּעס דינען, זשענירט אייך נישט, איך בין שטענדיק גרייט, — האָט זאַכאַרי אויך אָפּגעענט־פערט אין דעם זעלבן טאָן.

— אָבער, איצט, זאַכאַרי גאַווריל אָוויטש, מוזט איר מיר ווירקלעך בייהילפיק זיין, אָבער גאָר אין אַ גאַנץ אַנדערער „פאָרם", נישט אַלס „געוויסן-טראָגער", נאָר פאַרקערט, איר מוזט מיר בייהילפיק זיין אויס־צוזען וואָס מער ראַפינירטער, אויסגעלאַסענער, אויב איר וועט דערלויבן. אַ געזעלשאַפט פון ליטער „עסטעטן": באָרים אבראַמאָוויטש לעוויג־שטיין, דער טאַנץ-קריטיקער, וועט זיין, און נאָך אַנדערע. אַ טאַנץ פאַר „אויסדערוויילטע", וואָס נאָר „סאָפיאַ אַרקאַדיעווּנאַס" סאַלאָן לאָזט צו

— די איינגעווייטע אין דער געזעלשאפט. און אזוי ווי סאָפיא ארקאדיעוו־נא האָט מיך געלאָזט זען דורך די פינגער, קאָן מעגלעך זיין, אז איר סאַלאָן וועט היינט ווערן אויך באַלויכטן מיט דעם שיין פון איינעם פון די גרויס־פירשטן, דער גרויס־פירשט, דער „עסטעט" — איצט פארשטייט איר שוין, ווי וויכטיק און ערנסט מיין פונקציע איז היינט?

דאָס זאָגנדיק איז ניגאָטשקא אראָפּ פון איר סאָפע אזוי לייכט און אומבאמערקט, ווי א פויגל וואָלט איבערגעפלויגן פון איין אָרט אויפן אנדערן, און איז פארשוואונדן אונטער א יאפּאנעזיש לעדער־קאָלירט ווענטל, ווו זי האָט געהאַט שטיין איר טואַלעט־טיש און איר גארדעראָבע־שאַנק. דאָס טואַלעט־ווינקל איז באַלויכטן געוואָרן מיט א מילך־ווייסער שיין.

— און וואָס וועט דאָס געגעבן ווערן היינט ביינאַכט ביי סאָפיא ארקאדיעוונא?

— איר ווייסט נאָך גאָרנישט ?— „לידאַ", „לידאַ" און איר אייגענעם געשטאַלט. „א דראַמאַטיש־פּאָעטישע טאַנץ־טראַגעדיע", פארפאַסט ספּעציעל פאַר דעם אָוונט, רעזשיסירט פון גאַרדאַנאָוו, פון קייזערלעכן טעאַטער, אויסגעפירט בלויז פון ליבהאָבער, פון דער געזעלשאפט. פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער אָדער טענצער זענען פארבאָטן.

— און וואָס איז אייער אָנטייל אין דער פאָרשטעלונג, אלס צוקוקערין, צי אויך אלס... ווען איך מעג וויסן?

— אָ, זאַכארי גאַווריליאָוויטש, ווי נאַאיוו איר זענט. אזא גריכישער אָוונט — און זיין בלויז א ניכטערער צוקוקער?! איבעריקנס, זאָל דער טאַנץ־אַקט ווערן אזוי אויסקאָמבינירט, אז אלע צושויער וועלן מיט־ארייננעצויגן אין שפּיל. טייל אלס „באַקוכסן", „נימפן", „פאַונען", „אַפּראָדיטן", „סאַבינקעס", „גריכישע געטער", יונגלינגן, ווייס איך וואָס נאָך, „פרוכטן־טרעגער", „וויין־אָנגיסער". די אידעע איז די, אז אזעלכע פּריוואַטע פאָרשטעלונגען האָבן די אויפגאַבע אָפּצומעקן דעם גרענעץ צווישן שוישפּילער און צוקוקער, צווישן „קונסט" און „לעבן", זיי מוזן פארוואַנדלט ווערן — ווי לעווינשטיין האָט זיך אויסגעדריקט — אין „טאַטן". די קונסט מוז איבערגיין אין לעבן אריין. ווער קאָן דאָ זיין צושויער? צושויער איז שטענדיק עפּעס זשענירנדעס און דערמאָנט דיך אין שפּיל, אין גרים. דאָ זאָל נישט זיין קיין שפּיל, קיין גרים, דאָ זאָל

זיין לעבן, די קונסט זאָל צו תחית המתים אויפשטיין דורך דעם לעבן — ווי לעווינשטיין האָט זיך אויסגעדריקט.

— און וואָס פאַר אַ ראָלע וועט איר שפּילן אין דעם „לעבן"? — זייט מיר מוחל פאַר דער פראַגע, נאָר אַזוי ווי איר האָט מיך שוין איינמאָל באַשטימט פאַר אייער „געוויסן־טראַגער", וויל איך אויספירן מיין חוב מיט מיין גאַנצן פליכט־באַוווסטן געוויסן. דאָך נישט די הויפּט־ראָלע „לידאַ"?

— ניין, זיי געפינען, אַז מיין פיגור איז נאָך צו אומאַנטוויקלט, צו מיידלש פאַר דער ראָלע, די קינסטלער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף סאָפיאַ ארקאַדיעוונאַ. איר פאַרשטייט, אימפּאָנירנד, „העלענאַ"־גריכיש־בלאָנד. מיר האָבן זיי נאָר צוגעוואָרפן אַ באַשיידענע ראָלע פון אַ קליינער „אַפראָדיטע", איינע פון לידאַס באַגלייט־מיידלעך. — אַזוי ווי איר זעט, זאַכארי גאַווריליאָוויטש, בין איך זיך מתוודה פאַר אייך אינגאַנצן און באַהאַלט גאַרנישט פאַר „זיין רעליגיעזער הייליקייט".

אין דעם איז נינאַטשקאַ ארויסגעקומען פון הינטער דעם יאַפּאַנעזישן ווענטל.

— איר וועט מיר מוזן העלפן צוקנעפּלען, זאַכארי גאַווריליאָוויטש, נאָר איך זאָג אייך פאָראויס, אַז אַזוי לייכט וועט עס אייך נישט אָנקומען, ווייל די גאַנצע קונסט פון דעם קלייד באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל עס נישט קאָנען צוקנעפּלען.

זי איז געבליבן שטיין פאַר אים ווי אַ פלעשל פּערפיום, וואָס מ'האָט נאָר וואָס אויפגעעפנט. זי האָט געמוזט עפּעס טון אַ כשוף מיט אירע האָר, דאָרט אונטערן ווענטל. עס איז עפּעס געווען לעבעדיקס און צאַפּלדיקס, שלאַנגען־פּיש אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געקרייזלט ארום איר קאָפּ; לעבעדיקע האָר־כוואַליעס, עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט לעבן פאַר זיך אַליין, און האָט געקאָנט לייכטן און אויסלעשן זיך... איר טואַלעט איז באַשטאַנען פון איין קליידל. גאַרנישט איז געווען צווישן איר חוה־נאַקעטיק לייב און דעם קליידל... אַ בלוט־רויט סאַמעט, אַזוי ענג און שמאָל געניית, אַז עס איז לחלוטין געווען אוממעגלעך פאַר זאַכארין צו־זאַמענצוברענגען איין האָקל צום אַנדערן איבער איר נאַקעטן רוקן...

— איינעם פאַרקנעפּלט, און דריי לאָזט אָפּן — דאָס איז די אידעע, — האָט זי אים צוגערופן, שטייענדיק מיטן רוקן צו אים.

פון דעם שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעזען איר קערנדיקער פלײשיקער רוקן, דער אײדעלער רוקנבײן, וואָס האָט זיך ווי אַ לעבעדיקער פיש גע־שלענגלט מיט אַלע זײנע רינגען. דער רוקן איז אויך געווען אַ לעבעדיקע זאַך פאַר זיך. ער האָט געציטערט און רעאַגירט אויף יעדן ריר, ווען זאַ־כאַרי האָט נישט ווילנדיק דערנענטערט זיך צו אים מיט אַ פינגער. אַ חוץ וואָס איר קערפּער איז געווען בראָנדזעדיק ברוין פון דער נאַטור, האָט ער נאָך געהאַט אין זיך די זונען־שטראַלן, וואָס ער האָט אײנגעזאַפּט אין זיך אַ גאַנצן זומער בײם ברעג ים (עס זענען פאַראַן קערפּערס, וואָס קאָ־נען אײנהאַלטן די זונען־שטראַלן פון אײן זומער צום אַנדערן), און ער האָט געמאַכט דעם אײנדרוק פון אַ פרוכט, וואָס איז רײף פון זונען־וואַרימקײט.

— נו, מער גײט עס נישט, — האָט זאַכאַרי אויסגערופן, און איז רויט געוואָרן פון די אַנגסטן, וואָס האָבן אים באַשלאָגן, אָנשטרענגנדיק זיך צו פאַרקנעפּלען אײן עק קלײד מיטן אַנדערן. — וואָס איז עס אַזעל־כעס? — דאָ פעלט אַ האַלב קלײד.

— און מער באַדאַרף מען נישט, — רופט זיך אָן ניניאָטשקאַ — אַזוי באַדאַרף עס טאַקע זײן, און זי האָט זיך אומגעדרײט און געוויזן זיך פאַר אים.

איר קערנדיקער קערפּער איז אײנגעפּרעסט געוואָרן און אײנגעשנו־רעוועט אין דער פאָרם פון דעם ענגן קלײד און האָט אַרויסגעוויזן טויזנט מאָל מער בולטער און רײפער, ווי אין דער ווירקלעכקײט, די גראַציעזע ליניעס פון איר קערפּער אין די קלענסטע און ליבסטע דעטאַלן.

— וואָס, און איר קלערט טאַקע אַזוי צו גײן?

— ווי אַזוי? — פרעגט ניניאָטשקאַ נאַאיוו און פאַרוווּנדערט.

— אַזוי, — ווײזט זאַכאַרי מיט דער האַנט אויף איר קערפּער.

— אָ, איך זאָל נאָר בשלום אַדורכגײן די קינסטלער־אינספּעקציע, וואָס שטײט בײם טויער פון סאָפיאַ אַרקאַדיעוונאַס גן־עדן. „שטרענג גרײ־ביש“, האָט מען אָנגעזאָגט. וואָס דאָס מײנט גאָר נישט צו זײן אָנגע־טון. כדי אָפּצונאַרן די נאַאיווע מלאכים, וועל איך ווײנטרויבן אָנהענגען צווישן מײנע האָר, און באַקראַנצן מײן קאָפּ מיט אַ קראַנץ פון רויטע רויזן; דענסטמאָל וועל איך אויסזען, ווי אַן אמתע באַקכוס־באַגלײטע־רין, וואָס פּאַסט זיך צו זײן טריאומף־וואָגן, — איך מײנט נישט אַזוי,

זאכאַרי גאַווריליאָוויטש? האָט זי געזאָגט פאַרקראַנצנדיק איר קאָפּ מיט רויטע רויזן.

זאכאַרי האָט געשמייכלט אין זיין וואָנסע אריין.

— אַלס אייער בייכט-פאַטער, וועל איך בעטן פאַר אייך, אַז איר זאָלט אומגעשטערט אין דעם גן־עדן אריינקומען.

— איך האָב געוווסט, אַז איר זענט אַ גוטער, צי איר ווילט עס יאָ, צי נישט — איר קאָנט נישט העלפן.

זאכאַרי איז טרויעריק געוואָרן און ווידער זיך געפילט ווי עפּעס אַרויס פון דער „ראָלע", ער האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען ווייטער זיך צו האַלטן, כדי נישט מוזן עפּעס אַנדערש צו שפּילן, וואָס וואָלט געפּער־לעכער געווען...

— און איצט מיין פּעלץ, זאכאַרי גאַווריליאָוויטש. — עס ווערט שפּעט.

זאכאַרי גאַווריליאָוויטש האָט זי איינגעוויקלט אין איר סאָבאָלנע פּע־לערינע. דאָס פוטער איז געווען אַזוי וואַרים, ווייך און לעבעדיק, ווי יונגע קינדער־לייבער... ער האָט איר געהאָלפן אָנטון די הויכע קאַלאָשן־שטי־ווועלעך, און איינגאַנצן אַן אויסגעווייקטע אינעם דעליקאַטן פּערפום, וואָס ווערט געטריבן פון דער בלום „גאַרדיניאַ", מיט אירע לעבעדיקע, רירעוודיקע האָר־פּלאָמען, איז זי אַראָפּ צוזאַמען מיט אים פאַר דער טיר, ווו עס האָט שוין געוואַרט אויף זיי זייער ברייטער פּעטערבורגער קור־טשער איוואַן, וואָס האָט איינגעהאַלטן מיט זיינע שטאַרקע לייצעס דעם שוואַרצן גלאַנצנדיקן ברייטן אוגער, איינגעשפּאַנט אין אַ נידעריקן עלע־גאַנטן שליטן.

זיי זענען געווען איינגעוויקלט אין פוטערנע דעקן, אייגעם אויפן אַנדערן, און דער שוואַרצער פינקלדיקער אוגער האָט זיך געטראָגן, ווי אַן אָדלער, באַגלייט מיט אַן אָנגענעמען קלימפּער־שפּיל, אין דעם געלן לייכטנדיקן נעפּל, וואָס איז געהאָנגען איבער די פּעטערבורגער גאַסן. דער שניי פון ברוק איז שוין געוואָרן ווייכער און נאָכגעבנדיקער און דער שליטן האָט זיך געשניטן אין אים, ווי אין אַ ווייכן פוכענעם לייב. אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן אַ שנייאיקער זיגזאַגער וואָלקן, וואָס האָט שפּי־לנדיק געשמיסן אין זייערע פּנימער. דאָס ליכט פון די רויז־באַבלומטע שוי־פענצטער, פון די לאַמטערנעס איבער דער גאַס, האָט באַלויכטן די שוואַר־

צע באוועגלעכע מאסע, וואס איז איצט אין דער טונקלקייט פון דער נאכט צוזאמענגעגליווערט געווארן אין איין פליסנדן קערפער. אלץ האט געגלאנצט און געלויכטן אין דעם געלן וואלקן. אפילו די אייז־באדעקטע בלישטשענדיקע מארמאר־הייזער, נעבן זיי, פאראלעל מיט זיי און קעגן זיי. פון אלע זייטן האבן זיך געלאזט אין גאלאפ, איינער נאכן אנדערן, שליטנס — איינגעשפאנט אין שווארצע שיינענדיקע פערד. — איין פערד האט געפרוווט דעם אנדערן איבעריאגן, מען האט נאר געהערט דאס אנגענעמע שניידן זיך פון די שליטן־שינעס איבערן שניי, און די אנגענעמע, טאנצנדיקע טריט פון די פערד אין שניי.

זיי זענען געזעסן צוזאמענגעטוליעט און צוזאמענגעהילט אין די פיל פוטערס, ווי אונטער איין דעק. זאכארי האט אנגערירט און געפילט די ווייכקייט פון איר פוטער, ווי עס וואלט איר אייגן לייב געווען. דער שניי האט אנגענעם געשמיסן זייערע פנימער, אבער זאכארי האט עס נישט געפילט. ער האט נישט געפילט די קעלט, די לופט. דא אין דעם געלן לויכטענדן וואלקן האט ער טויזנט מאל מער דערפילט די ווארימקייט פון איר אטעם, וואס טראגט זיך פון איר מויל און באקן, און איינגעטרונקען אין זיך מיטן גאנצן אטעם דעם ווארימען לייבלעכן פערפומען־געשמאק, וואס האט זיך געטראגן פון איר, פון אונטער איר פעלץ...

קיין ווארט האבן זיי איבערן גאנצן וועג נישט אויסגערעדט. אין זיין קאפ, אין זיין הארץ האבן זיך געטראגן פראזן און פראטעסטן, וואס זענען רייף געווארן און זענען געלעגן גרייט אויף זיין צונג:

— נינא סאלאמאנאוונא — צו וואס גייט איר דארט אהין? — איך בעט אייך, גייט נישט צו סאפיא ארקאדיעוונא. די געזעלשאפט איז נישט פאר אייך.

ביי נינא סאלאמאנאוונא איז גארנישט איצט געווען, נאר די דורשטיקייט צו הערן אט די פראזן פון אים. נאר דער שליטן האט זיך אפגעשטעלט פאר סאפיא ארקאדיעוונאס הויז אויף מארסקאיא גאס, און דעם געטראנק צו איר דורשט האט ער איר נישט געגעבן...

זי האט אים קאלט איר שמעקנדיקע האנט געררייכט, און איבערגעגעבן זיך צום שווייצער, וואס האט שוין געווארט אויף איר און זאכארי האט געזען דורך די באלויכטענע טירן־פענצטער, ווי זי איז באלד געווארן פארלוירן צווישן די פיל קאלאנען און לאמטערנעס, וועלכע האבן

באַלויכטן דעם וואַרימען קאָרידאָר פון סאָפּיאַ אַרקאַדיעוונאַס הויז.

אַז זאַכאַרי מירקין איז געבליבן אַליין, נאָכדעם ווי ניניאָטשקאַ איז פאַרשוווּנדן צווישן די פיל קאָלאָנעס פון סאָפּיאַ אַרקאַדיעוונאַס גרויסן קאָרידאָר, האָט ער נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טון. ער האָט אַוועקגעשיקט דעם קוטשער מיטן שליטן און גענומען זיך שלייכן אַן איינזאַמער איבער די פּעטערבורגער גאַסן. די גאַסן זענען איצט באַלעבט געוואָרן: איבער די בריקן האָבן זיך געלאָזט פיל שליטנס מיט טאַנצנדע שוואַרצע פערד, און אָנגענעם קלינגענדע גלעקלעך, און די טראָטואַרן זענען פול געוואָרן מיט מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעשטראָמט פון אַ נישט-ווייטן קינאָ. דער געלער לויכטנדער נעפּל, וואָס איז געלעגן אין דער נידעריבער פּעטערבורג פון די פיל עלעקטרישע ליכט, האָט זיך נישט געקאָנט הויבן אין דער הויך, און דורך זיין שיין האָט דער שיטנדיקער שניי געפינקלט, ווי קרישטאַל-בריליאַנטלעך. אויפגעלויכטן און אויסגעלאָשן. און פון די שטראָמען מענטשן, פון דעם געלן וואַרימען עלעקטרישן ליכט, פון די דורכלויפנדיקע פערד, פון די ווייכע שטילע גלעקלעך פון די שליטנס האָט זיך אַרויסגעגאָסן אַ וואַרימקייט און אַ היימישקייט, אַ פריילעכקייט, און אַ גוטע ליכטיקייט, וואָס האָט געמאַכט יעדעס האַרץ פלינקער קלאַפּן, יעדן פוס פלינקער זיך באַוועגן, אַלע אברים אָנגעגאָסן מיט לוסט און מיט לעבן, מירקין האָט זיך געפילט, נאָכדעם ווי ניניאָטשקאַ האָט אים אַזוי איבערגעלאָזט, ווי ער וואָלט געווען אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס. אַן איינזאַמקייט האָט אים אַרומגענומען אין דער אַלגעמיינער באַלעבונג, רעש און לעבנס-לוסט, וואָס איז געווען אַרום אים. אַ מינוט האָט ער זיך נאָך אומגעקוקט, צוריקגעגאַנגען און געוואָרפן נאָכאַמאָל אַ בליק אין דעם ליכטיקן יום-טובדיקן קאָרידאָר, מיט די גרויסע קאָלאָנעס, צווישן וועלכע ניניאָטשקאַ איז פאַרשוווּנדן, ווי ער וואָלט געוואָלט נאָך איינהאַלטן אין זיך די שפּורן פון אירע פיסלעך, וואָס האָבן נאָך ערשט וואָס דורכגעשוועבט דורך די מאַרמאָרנע גליטשנדיקע טרעפּן פון קאָרידאָר.

און אַ פאַרלאַנג האָט אים גענומען צו זיין אַצינד אין אַ וואַרימער שטוב מיט זיך אַליין, נישט צו זיין אַרויסגעשטעלט אין ווינט אויף דער גאַס. ער האָט גערופן אַן „איזוואָשטשיק” און זיך געהייסן פירן אַהיים. ער האָט זיך גוט איינגעוויקלט אין דער דעק, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דער ווינט זאָל נישט אַוועקבלאָזן די וואַרימקייט און זאָל נישט

אויסוועפּן עפּעס פון אים. אַהיימגעקומען, איז ער גלייך אַריין צו זיך אין שלאָף־צימער. נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט נאַכט־טואַלעט, האָט ער גע־לייגט זיך אין בעט אַריין. ער האָט דאָס מאָל נישט געלעזן פאַרן שלאָף, ווי ער איז געווױנט געווען. ער האָט אויסגעלאָשן דאָס עלעקטרישע ליכט און גוט איבערגעצויגן איבער זיך די קאָלדרע, און ווי אַמאָל אין זיינע קינדער יאָרן, האָט ער געוואָלט אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט אַרויסרופן אַן אילוזיע. עס איז געקומען צו אים אַ געשטאַלט, וואָס האָט געהאַט ניאַנטשקאַס פּנים און אַ קערפּער פון וועמען אַנדערש... זיינע נאָז־לעכער, זיין אָפן מויל האָבן געזוכט דעם לעצטן אָטעם פון פּערפומען וועלכע זענען אויך געווען געמישטע...

קאַפּיטל 5

די מירקינס

זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש מירקין איז אַרויסגעקומען פון אַן אייגנאַר־טיקער משפּחה. מען קאָן זאָגן, אַז ער האָט זיך אַליין דערצויגן, אָדער בעס־ער געזאָגט, ער איז געוואַקסן אָן שום דערציאונג, כאָטש ער האָט גע־ענדיקט גימנאַזיע, דעם יורידישן פאַקולטעט, און ער געפינט זיך שוין אויף פּראַקטיק ביים באַרימטן אַדוואָקאַט.

ער איז געשטאַנען איינער אַליין אין דער וועלט, אָן פאָלק, אָן פאַ־מיליע, אָן פאָטערלאַנד, אָן שטוב, כאָטש ער איז געווען אַ קינד פון די רייכסטע מענטשן אין גרויסן רוסלאַנד. ער איז דערצויגן געוואָרן אָן טראַדיציעס, סיי רעליגיעזע, סיי פאַמיליערע, כאָטש עס האָט זיך גע־רעכנט, אַז ער באַלאַנגט צו איינער פון די שענסטע משפּחות אין רוס־לאַנד, אַן אָפּשטאַם פון גבירים און רבנים. ער האָט נישט געהאַט קיין יום־טובים, נישט קיין אייגענע און נישט קיין פרעמדע, כאָטש געפּראַ־וועט האָט ער אַלע יום־טובים, סיי יידישע, סיי קריסטלעכע.

זיין זיידע, משה חיים מירקין, דער גרינדער פון דער משפּחה, דער וואָס האָט אויפגעהויבן דעם נאָמען „מירקין" פון ים פון פאַרגעסנהייט

און נישטיקייט און געמאַכט אים באַקאַנט, איז געווען אַ יידישער באַלע־באָס פון איינער פון די גרויסע שטעט אין ליטע. אַ משכיל, אַ ייד, וואָס האָט זיך געקוויקט מיט העברעאיש, און געלערנט כל ימיו דייטש און רו־סיש. איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך געקליידט „דייטש" אין זיין שטאָט און געשוירן זיך דאָס בערדל. ער איז אויך געווען אַ גרויסער בעל חשבון. שבת ביינאַכט איז זיין שטוב געווען אַ בית ועד לחכמים. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די משכילים פון שטאָט. מען האָט דיס־קוטירט איבער יצחק בער לעווינזאָנס ווערק, אויפגעלייזט חידות, פאַר־טיפט זיך אין אַ שטיקל אפיקורסות, געלעזן פאַסקווילן אויף גוטע יידן, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען בכתב פון איין האַנט צו אַ צווייטער. אויפ־געגעבן זיך „זאַדאַטשעס", אָדער גאָר צוזאַמען געשפּילט אַ קערטל.

עס זענען אָנגעקומען די גליקלעכע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס הערשאַפט. אַ נייער גייסט באַהערשט די יידן, אַ דראַנג נאָך בילדונג, אריינצוקומען אין דער גרויסער וועלט. די פאַנטאַזיע האָט גע־מאָלן די צוקונפט מיט ליכטיקע פאַרבן. יידן האָבן זיך צוגעגרייט פאַר דעם גרויסן לעבן, וואָס זיי שטייט פאָר. די ליטווישע פּראָווינץ איז גע־ווען די ערשטע, וואָס האָט ליקווידירט דעם פּוילישן ראָמאַנטיזם, דעם ווונטש צו זעלבסטשטענדיקייט, וואָס האָט נאָך דאָ און דאָרט געלעבט פאַרשטעקט אין געהיים, און אָנגעהויבן צו באַגריסן יעדן רוסישן זשאַנ־דאַר, דעם רוסישן באַאַמטן, אַלס ברענגער פון אַ נייעם גרויסן לעבן, וואָס קומט פון מזרח, און די רוסישע שפּראַך, אַלס פאַרמיטלערין אַריינצו־טרעטן אין דער גרויסער משפחה, וואָס הייסט „רוסלאַנד".

יידן, וואָס זענען דעמאָלסט געווען ווי אָפּגעשניטן פון דער אויסער־לעכער וועלט, איינגעמויערט אונטער זיבן מויערן פון זייער אייגנאַרטיקן לעבן, האָבן מיט אימפּעט, ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צופאַ־סונגס־פעאיקייט פון דעם יידישן פאָלק, צוגעגרייט זיך פאַר דעם נייעם לעבן, וואָס שטייט זיי פאָר. און ווידער איז געווען ליטע די ערשטע פּראָ־ווינץ, וואָס איז פאָראויסגעגאַנגען און איז געוואָרן דער אוואַנגאַרד פון רוסישן יידנטום.

ר' משה חיים מירקין איז געווען אַ טיפּישער פאָרשטייער פון זיין צייט. ער האָט מיט איינמאָל דערטאַפּט דעם וועג, אויף וועלכן יידן באַ־

דארפן גיין. און נישט בלויז האט ער זיך אליין געלאזט, נאר געזען, אז אנדערע זאלן זיך פארקוקן אויף אים און אים נאכטון. ער האט אגיטירט און געלט געגעבן (כאטש ער איז געווען א קארגער ביז גאר) אויף צו לערנען יידישע קינדער רוסיש. ער איז געווען אין דער דעלעגאציע ביים גובערנאטאר וועגן עפענען לערן-שולן פאר יידישע קינדער אין רוסיש. אליין, כאטש מיט א געבראכענעם אקצענט, האט ער אין גאס גערעדט נאר רוסיש. ער איז געווען דער ערשטער איינצופירן אין זיין הויז די נייע מנהגים פון גיין אן א הוט; א סאמאוואר צום טיי, און באזונדערע אויפנאם-שעהען. ער האט געקעמפט קעגן דעם פאנאטיזם, קעגן דער באזונדערער יידישער קליידונג, קעגן דעם „זשארגאן" און קעגן דעם גאנצן יידישן שטייגער. ער האט געזאגט, אז „ס'איז שוין צייט אנצוהייבן א נייע לעבן און צו ווערן מענטשן מיט מענטשן גלייך".

דאס האט אים אבער נישט געשטערט צו באשעפטיקן זיך מיט א פרנסה, וואס האט שוין גארנישט געפאסט צו זיינע ליבעראלע אנשויאונגען — ער האט געליען געלט אויף צינזן. אנגעהויבן האט ער צוערשט פון נעמען משכנות — א פראסטער שטאט-מלווה, נאר אנשטאט א שופלאד, האט ער באנוצט אן אייזערנעם קאסטן מיט פיל פרענטן און קייטן, אין וועלכן עס זענען געווען אויסגעלייגט די משכנות. יעדער משכון פארזען מיט א פאסנדן קוויטל, וואס האט געטראגן אויף זיך דעם נאמען פון דעם אייגנטימער, מיט א גומער אין רוסיש און דייטש. נישט איין כלה־מתנה, נישט איין דרשה־געשאנק האבן זיך געפונען אין קאסטן. שפעטער, אז די צייטן זענען געווארן ליבעראלער, איז ער איבערגעגאנגען צו בארגן געלט צו ארומיקע פריצים און צו הויכע באאמטע פון דער גובערניעשטאט. דא ערשט האט משה־חיים אנטוויקלט זיין אייגנטלעכע טעטיקייט. די פריצים זענען דעמאלסט געווען נישט קיין אויסגערעכנטע, ווי די היינטיקע. אין א גוטן מוט, ביי א קערטל, האט מען צווישן איין ברודער און דעם אנדערן געקאנט פארשפילן דערפער, וועלדער, שטעטלעך, גאנצע שטרעקעס לאנד, אזוי גרויס ווי גאנצע קליינע מדינהלעך. פריצים האבן זיך שטענדיק גענויטיקט אין בארעס געלט, און אנשטאט היימישע משכנות: בראשעס, קאליעס מיט גאלדענע קייטן, כלה־רינגען און שבתלייכטער, האבן צו ר' משה חיים מירקין אין אייזערנעם קאסטן אנגעהויבן צו וואנדלען וועקסלען און קוויטן און קויף־קאנטראקטן אויף גי-

טער, אויף פעלדער און וועלדער — ביז עס איז אָנגעקומען צו די גרויסע פּוסטינער וועלדער.

איינגעוויקלט אין זיין ווארימען טוליפּ, כאָטש עס איז געווען צווישן פּסח און שבועות, איינגעקאָרטשעט אין דעם גרויסן קאָטש, איינגעשפּאַנט מיט דריי ווייסע בולאַנעס, האָט זיך משה חיים מירקין געשלעפּט איבער פאַרזינקנדיקע בלאָטעס דורך אַן אומהיימלעכן וועג, אין אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער וועלט, אַרומגענומען אינגאַנצן צווישן אומענדלעך־ברייטע שטרעקעס, באַדעקט מיט דיקע דעמבעס, וואָס האָבן די שיין פון דער זון און דאָס טאָג־ליכט פאַרשטעלט מיט זייערע געדיכטע קרוינען. די דעמבעס, איינער אריינגעפלאָכטן אין אַנדערן ביי די קרוינען מיט די צווייגן, און מיט די וואָרצלען אין דער ערד, האָבן פאַרשטעלט דעם וועג דעם מענטשן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אריינגעקומען אין זייערע פאַרבאָרגענע געהיימנישן. מיטן וואַלד־שומר אויפן פראָנט ביים קוטשער, מיט דער ביקס אין האַנט, און מיטן „שרייבער” זרח ביי דער זייט, האָט זיך משה חיים מירקין געלאָזט דורך דער טיפעניש פון די פּוסטינער וועלדער, וואָס דורך אַ געשיקט געשעפטל, צופאַלנדיק דעם פּוילישן פּירשט אַ געוויסע סומע צו די וועקסלען, וואָס יענער האָט שוין געהאַט שטיין ביי אים, האָט ער אַריינגעקראָגן אין זיינע הענט אריין. ער האָט זיך אָבער אַליין נישט פאָרגעשטעלט, אַז די פּוסטינער וועלדער זענען אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, און אַזוי דיק, און זיי פאַרנעמען אַזאַ ברייטע שטרעקע, כאָטש עס איז אַלץ געווען אויפגעשריבן אויפן פּאַפּיר. פון זעקס אין דער פרי פאָרט ער שוין, און דער וואַלד־שומר זאָגט, אַז עס איז קוים אַ דריטל, אַ פערטל, אַן אָנהייב ערשט. קיין מענטשן האָבן דאָ נאָך נישט געטראָטן, און דער ערשטער, וואָס וואָגט זיך אריינצוקומען אין זיי, איז זייער באַלעבאָס, זייער אייגנטימער, וואָס זיצט איצט אין קאָטש און מאַכט פּלענער אין זיין קאָפּ, ווי אַזוי זיי אויסצונוצן, ווי אַזוי זיי אויסצוהאַקן, צו פאַרברענען, צו טון עפּעס מיט זיי... הייזלעך אויפצושטעלן, זעג־מילן, קלעצער לאָזן האַקן, און וואָס נישט? עס זעט זיך אויס, אַז די ביימער לעזן זיינע געדאַנקען, ווייסן וואָס דער סוחר קלערט וועגן זיי — און זיי פאַרשטעלן אים דעם וועג... באַשאַפן טויזנטער שטערונגען אין אַ שעה, דעם קאָטש וויטער נישט צו לאָזן פאָרן אין זייער טיפעניש אריין. דאָ פאַלן די פערד איבער אַרויסשטאַרטשענדיקע וואָרצל־צווייגן. דאָ קומען אָן אַ

שרענגע דיקע דעמבעס, וועלכע האלטן זיך אָן ביי די הענט, און פאַר־שטעלן דעם וועג, ווי אַ דיקע, געדיכטע וואַנט, און לאָזן נישט פאָרן ווי־טער. דאָ ווערט אַזאַ רעש, אַזאַ געברומעריי, אַזאַ אומהיימלעך געוויין צווישן דיביימער, אַז די פערד שטעלן זיך אַזש אָפּ, און זיי שטרעקן אויס זייערע אויערן צו פאַרנעמען דעם שאָרך: ווער קומט אָן? אָבער ר׳ משה חיים איז נישט דער ייִד, וואָס לאָזט זיך אָפּשרעקן. ווייטער, ווייטער פאָרן. שוין אויפגעגעסן דאָס פּראָוויאַנט, וואָס דאָס ווייב האָט מיטגע־געבן. מען לענט זיך אונטער דאָס האַרץ פון צייט־צו־צייט מיטן שנאַפּס, וואָס מ׳פירט מיט אַ גאַנץ פעסעלע, און מען פאָרט ווייטער. ביז, ענדלעך, מען קומט־צו צו אַ בלאָטע — נישט אַריבערצופאָרן. שטיקער שניי טור־ליען זיך נאָך פאַרדעקט אין בלעטער. אַ גרינער מאָך־טעפּיך ציט זיך אויס אויף דער צווייטער זייט זומפּ. קיין טריט האָבן נאָך דאָ נישט באַ־טראָטן, קיין מענטש האָט דאָס נאָך נישט געזען. און משה חיים הייסט ווייטער פאָרן: נישקשה, אַז מ׳וועט באַדאַרפן, וועט מען נעכטיקן אין קאָטש. „צוויי ביקסן האָבן מיר און בראָנפן אויך!” אָבער די פערד ווילן נישט פאָלגן, זיי שטרעקן אויס די אויערן און הערן זיך צו עפּעס צו, שטרעקן אויס נאָזדרעס און ווילן עפּעס דערשמעקן. פּלוצלינג הייבן זיי אָן צו קאָפּען מיט די פיס אין דער בלאָטע, אָט ווי זיי גיבן אַ נעם דעם לייכטן קאָטש, און נישט קוקנדיק אויפן קוטשערס לייצעס און בייטש, גיבן זיי זיך אַ דריי אויס, און אַנטלויפן איבער די דעמבעס, צווייגן און וואָרצלען. דער קאָטש ליגט שוין אָן איבערגעדרייטער. ר׳ משה חיים אָן אַרויסגעוואָרפענער פון איין זייט; זרח דער שרייבער פון דער צוויי־טער זייט — און די פערד שלעפּן די רעשטן פון קאָטש נאָך זיך אין גאַ־לאָפּ. אַזוי ווערט ר׳ משה חיים פאַריאָגט פון זיין אייגענעם וואַלד און דער וואַלד בלייבט נישט קיין געזעענער.

אַז די שטאָט איז געוווּיר געוואָרן, אַז מירקין האָט געקויפט „פּוס־טינע”, האָט מען געלאַכט אין די פויסטן: וואָס וועט ער טון דערמיט? קיין וואַסער איז נישטאָ, סיידן נישט אַנדערש ער וועט די דעמבעס אַליין עסן... משה חיים האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „טאַקע, וואָס וועל איך טון דערמיט? סיידן די דעמבעס אַליין עסן”.

דרייסיק יאָר האָט ר׳ משה חיים מירקין געלאָזט שטיין די פּוסטי־נער וועלדער אומבאַרירט. ער האָט דערווייל זיך גענומען צו די שטעט.

ער האָט אַנטוויקלט אַן אומדערהערטע טעטיקייט. קיין איין מינוט האָט עס אים נישט געלאָזט איינרוען. פאַר אים איז די שטאָט באַשטאַנען פון אַ פּאָר רעגירונגס־געביידעס און צעוואָרפענע הילצערנע הייזלעך פון באַלעבאַטים. דאָס איבעריקע איז געווען בלאָטעס. ר׳ משה חיים מירקין האָט זיך גענומען באַבויען אַלע בלאָטעס. גאַסן גאַנצע האָט ער אויפגעשטעלט, איינע נאָך דער אַנדערער. צווערשט הילצערנע. צווישן איין ברעט און אַנדערן האָט ער מיט חזיר־האָר באַקלעפּט. „פיר הונדערט יאָר קאָן אַזאַ הויז שטיין, אויף פיר הונדערט יאָר בוי איך" — האָט ער געזאָגט.

דערנאָך, אַז עס איז געוואָרן אַ מאָדע מויערן, האָט ער זיך גענומען הויכע קאַמעניצעס אויפשטעלן. ביי די ראַנדן פון זיינע וועלדער האָבן ציגעלניעס געברענט טאָג און נאַכט, און טאָג און נאַכט האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער שנור פון איינגעשפּאַנטע פערד און וועגן מיט ציגל פון זיינע ציגעלניעס אין שטאָט אַריין, ביז ער האָט די גרויסע ליטווישע שטאָט איבערגעמאַכט פון אַ הילצערנע אין אַ ציגלדיקע...

אויף דער עלטער, נאָענט פאַר זיין טויט, איז ער געזעסן אַן איינזאמער, אַליין, פאַרלאָזן פון זיינע קינדער, אין דעם קלענסטן צימער פון זיין גרויסער וווינונג, און האָט געהאַלטן אין איין חשבונען, וויפיל קוביק עס אַנטהאַלט זיין אומבאַרירטער פוסטינער וואַלד. חשבונען איז געווען אַ סגולה צו זיין אַסטמע, וואָס האָט אים געפּייניקט אין זיינע אַלטע טעג. קוים האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין אויסאַרבעטן פּלענער, אין אויסחשבונען זיין פאַרמעגן, האָט דאָס געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף זיין קערפּער, אַז ער האָט געקאָנט קאָנטראָלירן דעם אַסטמע־הוסט, וואָס האָט אים שרעקלעך געפּייניקט. דעמאָלסט האָט זיך אויך געמאַכט, אַז די רעגירונג האָט דעם נייעם באַן־וועג, וואָס זאָל פאַרבינדן אירע דרום־פּראָווינצן מיט די מערבדיקע דורך איין באַנען־קייט, באַשטימט צו בויען. דעם באַן־וועג איז אויסגעקומען דורכצולויפן דורך דעם פוסטינער וואַלד. און איידער וואָס־ווען, איז אויף יענער זייט גרענעץ וואַלד אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ יידיש שטעטל אויף דער טעריטאָריע פון וואַלד, פון באַן־פּאָדריאַדטשיקעס, פון באַן־אַרבעטער און פון יידן, וואָס האָבן זיך געקליבן צו לעבן פון וואַלד, ווען מען וועט אים אָנהויבן האַקן. אין דעם וואַלד האָבן געזאָלט זיין אַ פּאָר סטאַנציעס, און מען האָט אים שוין געמאָסטן נישט

אין מיילן, נאָר אין דעסיאַטינעס. די ידיעה האָט ר׳ משה חיים מירקין באַקומען אויף זיין טויטן-בעט, און זיין קאָפּ האָט באַלד אָנגעהויבן אויסאַרבעטן פּלענער און פּראָיעקטן, וויפיל שטעטלעך ער זאָל אויסבויען אין וואַלד. (דאָס האָט פאַרלייכטערט זיין הוסט און פאַרלענגערט זיין לעבן אויף אַ געוויסער צייט.) ביז די אַסטמע האָט אים פאַרכאַפּט און אָנגעהויבן צו ווערגן, און משה חיים מירקין האָט אין זיך געקלאָגט:

— דער פּוסטינער וואַלד לעבט אויף — און איך שטאַרב...

קיינער האָט נישט געהערט זיין אינערלעך קלאָגן, וואָרים דער הוסט האָט אים צוגעדישעט...

קאַפּיטל 6

גבריאל חיימאָוויטש מירקין

ר׳ משה חיים מירקין האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך צוויי זין און צוויי טעכטער. די טעכטער האָט ער חתונה געמאַכט מיט גבירים אין דער מדינה. און ווי אַ געניטער סוחר, האָט ער איינגעטיילט די איידעמס זייער טייל ירושה נאָך ביים לעבן, כדי די זין זאָלן נישט דאַרפן צעברעקלען דאָס פאַרמעגן נאָך זיין טויט. זיין עלטערער זון, יוסף מירקין, איז געגאַנגען אין זיין פאָטערס וועגן, און איבערגענומען דעם פאָטערס געשעפטן נאָך זיין טויט. ער איז פאַרבליבן וווינען אין דער זעלבער שטאָט. זיין יינגערן זון אָבער, גבריאלן, האָט דער אַלטער מירקין דווקא געוואָלט מאַכן פאַר אַן אַדוואָקאַט. אַזוי ווי אַ יידישער טאַטע וויל האָבן אַ קינד אַ לערנער, וואָס זאָל לויכטן נאָך זיין טויט, אַזוי האָט דער אַלטער מירקין דווקא געוואָלט האָבן אַ זון אַ „געענדיקטן". ער האָט דורך דעם געוואָלט אויסקויפן זיינע זינד קעגן דער השכלה און דעם ציגזן-האַנדל וואָס ער האָט געפירט. און נאָכדעם ווי מירקינס ביידע זין האָבן געענדיקט דאָס שטאָטישע גימנאַזיום (מירקינס זין זענען געווען די ערשטע יידישע גימנאַזיסטן אין שטאָט) — איז דער עלטערער זון פאַרבליבן אין דער היים, ביים פאָטער, און דער יינגערער זון איז געפאָרן אין דער

רעזידענץ־שטאָט, קיין פּעטערבורג, אויפן יורידישן פאַקולטעט, ווו עס איז נאָך דאַן, ביי די ווייניקע יידישע שילער, נישט שווער געווען אָנצו־קומען.

עס האָט זיך אָבער באַלד אויסגעלאָזט, אַז דווקא דער ייִנגערער זון האָט אַרויסגעוויזן איבערראַשנדע געשיקטקייט אין האַנדל. דער עלטע־רער איז געבליבן אַ בטלן. ער האָט נאָר פאַרטאַכלעוועט דאָס פאַרמעגן פון פאָטער, וואָס אפילו זיין „שלימזל" האָט נישט געקאָנט איינגאַנצן ביי־קומען. דער ייִנגערער זון, גבריאל, האָט נאָר צוליב דעם פאָטערס עקשנות געמוטשעט זיך מיט רוימישע רעכט. ער האָט עס אָבער באַלד פאַרנאַכ־לעסיקט. דערפאַר האָט ער זיך באַקענט מיט אַ גרופּע קריסטלעכע סטו־דענטן, צו וועלכע עס האָט אים געצויגן (ער האָט פון זיין קינדהייט אָן געהאַט אַן אָפּנייגונג צו יידן). ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט, מיט די געלט, וואָס דער פאָטער האָט אים צוגעשטעלט, פאַרדעקט זיין יידישע אָפּשטאַמונג. עס איז געווען אַ סאָרט „גאָלדענע יוגנט" פון דער דע־מאָלסטדיקער צייט, וואָס האָבן געפּראַוועט שטיק מיט סוברעטקעס, וועלכע האָבן געטאַנצט „קאַן־קאַן" און געוויזן די זאָקן אין די באַשיכטע פּיס אין די קאַבאַרעטן פון פּעטערבורגער נאַכט־לעבן. פון זיינע חברים האָט ער זיך אויסגעלערנט געוויסע געזעלשאַפטלעכע מאַניערן, אַ לייכט אומגיין מיט פרויען, און דער עיקר האָט ער דורך דער אומגעבונג גע־קראָגן אַ באַקאַנטשאַפט צווישן שפּעטערדיקע הויכע באַאַמטע, וואָס גבריאל חיימאָוויטש האָט גאַנץ גוט געוווּסט אויסצונוצן פאַר זיינע גע־שעפטן.

אין דער אומגעבונג האָט ער זיך אויך באַקענט מיט זיין שפּעטער־דיקער פרוי, נאַטאַליאַ אָסיפּאָוונאַ זאַרוכין. דער נאָמען איז געווען אַ פאַרשטעלטער, און שפּעטער, דורך איר פאָטער אַ צוגעגעבענער. איר פאָ־טער איז געווען אַ באַקאַנטער דאָקטאָר אין פּעטערבורג, פון יידישער אָפּשטאַמונג. יאָ געשמדט, צי נישט געשמדט, דאָס האָט מען נישט גע־ווּסט. אין שטוב האָט זיך געפירט, ווי אין אַלע פּעטערבורגער הייזער — קריסטלעך, פּראַוואָסלאַוונע. אָן איקאָנע אונטער אַ רויט לעמפּל, אין ווינקל, ביים דאָקטאָר אין קאַבינעט, אין עס־צימער, אין סאַלאָן. איר מו־טער האָט איינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ קריסטין. דער פאָטער — נישט. די יידישע נאָז, דער הויכער שטערן און די אויגן, און אַ ים קנייטשן האָבן

ארויסגעקוקט פון די צוויי גרויסע באקן־בערד. זארוכינס הויז האט גע־שמט פאר אן אריסטאקראטישעס. גבריאל חיימאוויטשן האט אימפאַ־נירט דער פעטערבורגער לאקיי מיט די ווייסע הענטשקעס, וואס האט דערלאנגט צום טיש. גבריאלן האט אימפאנירט די „אלעקסאנדראווסקע" אמפיר-מעבל, מיט וועלכע די וווינונג פון דאקטאר איז געווען אנגעפילט. די ברייט־בייכיקע שראנקן און די שווערע בראנדזן־באקלאפטע קאמאדן, און די גרויסע לאנגע, אומהיימלעכע טישן. גבריאל חיימאוויטשן האט אימפאנירט דאס, וואס אלע זאגן זיך „איר" אין דעם הויז. אפילו די טאכטער „דוצט" נישט איר מאמען, און די מאמע „דוצט" נישט דעם פאטער. נאר דעם שטארקסטן איינדרוק האט אויף אים געמאכט דער ווייסער אלבאסטער האלדז, וואס האט ארויסגעקוקט פון נאטאשעס „דע־קאלט", מיט בלויע אדערן דורכגעצויגן, אויף וועלכן עס האט אויף א שמאל סאמעטן בענדל געהאנגען א מעדאליאנטשיק מיט געהיימע האר, און א פאטאגראפיע פון עמיצן. דאס האט אזוי גרויסארטיק אויסגעקוקט אין גבריאלס אויגן, אז ער האט עס קיינמאל נישט פארגעסן.

אריינגעפירט אין דעם הויז אריין האט אים א קוזין פון דאקטאר, וואס איז געווען גבריאלס א גוטער פריינט און באלאנגט צו איין קרייז. און דאקטאר זארוכין, וועלכער איז געווען א פאטער פון פינף טעכטער, פון וועלכע נאטאשא איז געווען די דריטע, האט גבריאלן, ווי יעדן יונגנ־מאן, זייער גוט צוגענומען.

גבריאל האט נישט געוווסט, צי ער וועט זיך יא באדארפן שמדן, צי נישט, ווען ער וועט בעטן די האנט פון נאטאשאן (יעדנפאלס, איז דאס אויך געווען א שטיקל אטראקציע). אויסגעלאזט האט זיך, אז ער האט זיך נישט באדארפט שמדן. פארקערט, דאס, וואס גבריאל איז א ייד און ער קומט פון יידישן תחום, ווו די יידישע מנהגים ווערן נאך אפגעהיט, האט אים געמאכט גאר סקאצל־קומענדיק, ווארים דאקטאר זארוכין, כאטש ער איז געווען אינגאנצן שוין אסימילירט, אינגאנצן געלעבט א פע־טערבורגער פראוואסלאווגעם לעבן און קיין זאך האט אים נישט צו־געבונדן צו יידן, איז עפעס צוליב אן אומבאוווסטער סיבה נישט ארי־בערגעגאנגען דעם לעצטן שריט.

צום פאטערס טויט איז גבריאל אהיימגעקומען אין דער ליטווישער שטאט (ער האט שוין דעמאלסט געהאט אוועקגעווארפן דעם אוניווערזי־

טעט און געקליידט זיך ציוויל), און מיט זיינע צוויי יאָר פּעטערבורגער לעבן, וואָס ער האָט געהאַט הינטער זיך, איז ער אַזוי פאַרענדערט געוואָרן, אַז קיינער האָט אים נישט דערקענט. ער האָט שוין דאַן געטראָגן זיין יונגע בלאָנדע באָרד פאַרקאַמט אין צוויי שפּיצן, ווי עס איז דעמאָלסט געווען די מאָדע אין פּעטערבורג, נאָכן ענגלישן סטיל, אַ גאָלדענע קייט איבער אַ סאַמעטענער וועסט, ברייטע הויזן און אַ שוואַרצן סורדוט — אַן עכטער טיפּ „פּרינץ אַלבערט", מיט אַ רויז אין לאַץ, און אַ קליינעם שטייפן „דערבי"־הוט, האָט ער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף זיך פון דער גאַנצער שטאָט, אַלס פּעטערבורגער פּראַנט. מיט זיין קאָרעקטן גרויסשטאָטישן רוסיש, מיט זיינע אַסימילירטע מאַניערן, איז ער געוואָרן אַן אָנגעזעענער גאַסט נישט נאָר בלויז אין רייכע יידישע הייזער (פון וועלכע ער האָט זיך, אגב, געהאַלטן פון דער ווייטנס), נאָר אויך אין קריסטלעכע הייזער, אין די אָפיציעלע באַאַמטן־קרייזן.

דאָס איז געווען זיין אויפטו אַריינצוגעבן אַן אָנבאָט צו דער פאַרוואַלטונג פון באַן־מיניסטעריום וועגן צושטעלן „שוועלן", פאַר דער אייזנבאַן־ליניע פון די פּוסטינער וועלדער. די פּוסטינער וועלדער, וועלכע זענען געלעגן אין תחום פון דער נייער באַן־ליניע, האָבן געקאָנט צושטעלן „שוועלן" פאַר אַ פיל נידעריקערן פּרייז, ווי אַנדערע קאָנקורענטן. זיין באַקאַנטשאַפט אין די רעגירונגס־קרייזן, זיין ברייטע האַנט, זיין געזעלשאַפטלעך נאָכט לעבן, ביים קאָרטן טיש, אין בודואַרן פון צווייפלהאַפטע שיינע פרויען, האָט פיל געהאָלפן, אַז זיין אָנבאָט זאָל אָנגענומען ווערן. און מיט איינמאָל איז די פירמע „ברידער מירקין" געוואָרן באַקאַנט אין די רעגירונגס־ספערן. עס איז געווען דאָס ערשטע גרויסע געשעפט, וואָס ער האָט געמאַכט מיט דעם באַן־מיניסטעריום.

ער האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז אין שותפות מיטן ברודער וועט ער נישט ווייט קומען. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן אין דעם יידישן תחום, נישט געקאָנט פאַרליידן די בלאָטעס, די יידן, און ער האָט מיט זיי גאָרנישט געוואָלט האָבן צו טון. עס האָט אים געצויגן צו דער גרויסער וועלט. האָט ער מיט איין קלאַפּ — מיט דער גרויסציגלעכקייט, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים — ליקווידירט דעם פאָטערס געשעפטן אין תחום, איבערגעלאָזט דעם ברודער אַלע הייזער, אַלע משכנות און אַלע חובות ביי די פּריצים און פּירשטן, און

פאר זיך געגומען „פוסטינע“ מיט דעם רעגירונגס־קאנטראקט און ער איז אוועק צוריק קיין פעטערבורג, ווו עס האט שוין געווארט אויף אים נאטאשא מיט דעם אלבאסטער האלדז, און מיט דעם שווארצן שלייפל, אויף וועלכן עס הענגט דער מיסטישער מעדאליאנטשיק.

עס איז דעמאלסט געווען די צייט, ווען די רעגירונג האט אנגעהויבן צו פארווירקלעכן דעם גיגאנטישן פלאן פון דער סיבירער אייזנבאן. מיט איינמאל, פון איינציקע פונקטן, וואס ליגן איבער דעם אומענדלעכן ווייטן מהלך פון מאסקווע ביז וולאדיוואסטאק, האט מען זיך גענומען בויען די באן. ווי א לייב דערשמעקט אין וואלד, ווו עס געפינט זיך זיין שפייז, אזוי האט גבריאל דערשמעקט די גרויסע, קאלאסאלע אונטערנעמונגען, וואס לאזן זיך מאכן אין צוזאמענהאנג מיט דעם אייזנבאן־פלאן. ער האט באשאפן אין צענטר א קאנסארציום, צונויפגעפירט גרויסע יידישע קאפיטאליסטן מיט הויכע רעגירונגס־באאמטע, ארייננעצויגן א פאר שיינענדיקע נעמען פון גרויספירשטן, און מען האט זיך אוועקגעלאזט קיין צענטראל־רוסלאנד, קיין סיביר, אויפגעקויפט מדינות־ווייטע שטרעקעס וועלדער, דורך וועלכע די צוקינפטיקע באן וועט דורכגיין. און די הויכע באאמטע און גרויספירשטן האבן שוין געזען, אז דאס באן־מיניסטעריום זאלן קויפן „שוועלן“ פאר דער אומדערהערטער שינען־לענג פון דער סיבירער באן פון דעם קאנסארציום, פאר א פרייז, וואס ער אליין איז געווען ביכולת צו דיקטירן אין גאנץ רוסלאנד.

עס איז געווען נאך דער חתונה מיט נאטאליען, ווען זיינע געשעפטן האבן אים געווארפן פון איין שטאט אין רוסלאנד צו דער אנדערער. ער האט זיך שטענדיק געמוזט געפינען אינמיטן פון בוי־טעטיקייט, און ער האט איבערגעפירט זיין הויז פון פעטערבורג אין די טיפענישן פון צענטראל רוסלאנד.

זיין ווייב איז אבער געווען א שוואכע, לאנגזאמע, א פוילערקע. זי האט געהאט אין דעם מארך פון אירע ביינער די פייכטע ראסע, וואס שטייגט אויף פון די פעטערבורגער קאנאלן, צווישן וועלכע זי האט זיך דערצויגן. זי האט נישט געקאנט מיטשפרייזן מיט אים. דארט, ווו ער האט געמאכט צען טריט, האט זי געקאנט קוים איין טריט מאכן. זי איז באלד מיד געווארן פון איבערגעשפאנטקייט, וואס זיין ענערגיע, זיין טעטיקייט האט אנגעווארפן אויף איר. קוים האט מען א הויז געהאט איינ־

געפונדעוועט אין א שטאט, האט מען עס באלד געמוזט איבערפירן אין א צווייטער שטאט — און דאן איז געקומען דאס קינדלען...

מיידלעך זענען געקומען, דריי מיידלעך, איינע נאך דער אנדערער, און קיינע פון זיי האט זיך נישט געהאלטן, ביז עס איז געבוירן געווארן זאכארי. די קינדער האט זי געבוירן איבער דעם וועג פון מאסקווע ביז יעקאטערינענבורג — אין יעדער שטאט אן אנדער קינד.

ביז צו זאכאריס געבורט האט זיך גבריאל ארומגעטראגן מיט ערנס־טע מחשבות אינגאנצן איבערצוגיין צו יענער רעליגיע, וועמענס מנהגים ער האט סיי ווי סיי געהאלטן.

אייגנטלעך, האט אים גארנישט אפגעשיידט פון אלע זיינע פריינט. נישט נאר האט מען אין שטוב געפראוועט אלע פראוואסלאוונע יום־טו־בים, — אפילו אין צערקווע פלעגט מען אויך פון צייט צו צייט גיין, צוליב אנהאלטן סאציאלע באציאונגען. אלע באקאנטע, פריינט, גע־שעפטס־פארבינדעטע, אנגעשטעלטע, אלע האבן באלאנגט צו דער צערקווע, און אז עס איז געקומען א ספעציעלער טאג, א נאציאנאלער יום-טוב, א צארישער יום־טוב, האט מען זיך געמוזט ווייזן. כאטש אלע האבן געוווסט, אז זאכארי באלאנגט נאך אויפן פאפיר צו אן אנדערער רע־ליגיע, האט מען אים דאך מוחל געווען. ערשטנס, האט זיך אין דעם ארט, וווּ ער האט געוווינט אין צענטראל־רוסלאנד — קיין שום באזונדערע שנאה צו יידן נישט געפילט, קיין שפור פון אנטאגאניזם; צווייטנס, איז ער מיט זיינע מנהגים און זיין לעבן געווען אזוי גלייך מיט זיי, אז מען האט גארנישט באמערקט קיין שום אונטערשיד, און זיינע מערסטע בא־קאנטע האבן טאקע נישט געוווסט, אז זאכארי חיימאוויטש באלאנגט צו אן אנדערער רעליגיע. נאר זיין יידישער פאספארט און יידישער נאמען האט אים געשטערט אין זיינע האנדלס־באציאונגען אין די רעגירונגס־קרייזן. ער האט נישט געזען קיין שום אורזאך, פארוואס ער זאל נישט מאכן דעם שריט — אינגאנצן איבערגיין צו די, וועמענס לעבן ער האט סיי ווי סיי געלעבט.

נאך די רעאקציע האט שוין געהאלטן אין איר בליאונג — די צייטן פון פאביעדאנאסצעוו, ביי אלעקסאנדער דעם דריטן, און אפילו די הא־פענונגען, וואס מען האט געלייגט אויפן נייעם צאר, נאך אלעקסאנדערס טויט, האבן זיך אויך נישט פארווירקלעכט. פאביעדאנאסצעוו האט גע־

הערשט ביי ניקאָלייען, פונקט אַזוי ווי ביי אַלעקסאַנדערן. אין מירקינען האָט זיך דעמאָלסט דערוועקט (אַזוי ווי אין פילע פון זיין גלייכן) אַ שטילער פּראָטעסט, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס ער וועט ווייטער להכעיס אָנהאַלטן זיין רעליגיע. עס האָט אויסגעוויזן ווי אַ פּחדנות, דווקא איצט איבערצוגיין צו זיי אָן אָן אורזאַך. ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף דער צייט, ווען ביי אים וועט אַ זון געבוירן ווערן, וועט ער דעם זון אַריינברענגען אין יענעם גלויבן, כדי ער זאָל נישט באַ־דאַרפן אָן אַ פּאַרוואָס און אַ פּאַרווען ליידן איבער זיין יידישקייט. דאָס וועט זיין נאַטירלעך. אָבער ווען עס איז געקומען דערצו, איז שוין די שנאה צו יידן מצד די רעגירונגס־קרייזן געווען אַזוי פאַרביטערט, אַז עס האָט זיך ביי זאַכאַרין דערוועקט אַ קאַפּריז — דווקא נישט — דערפאַר, ווייל איר ווילט, און ער האָט זיך דערפון אָפּגעהאַלטן פאַר אַ געוויסער צייט, ביז די רעאַקציע וועט אַ ביסל אויפהערן, און ער וועט עס קאָנען טון מיט אַ רואיקערן געוויסן.

קיין אַנדער לעבן, קיין אַנדערע מנהגים, קיין אַנדערע יום־טובים האָט ער דעם זון סיי ווי סיי נישט געהאַט צו געבן און אים נישט געקאָנט געבן אויסער די, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט אָפיציעל אָננעמען „אויפן פּאַפּיר", נאָר געגאָסן פון זיי ווי געגנבעטערהייט... איז דער זון אויפגעוואַקסן אינגאַנצן אין אַ רוסישער אַטמאָספערע, אינגאַנצן אַזוי ווי אַ קינד פון זיינע שכנים. עס האָט אים מיט קיין זאַך נישט אָפּגעשיידט. ווי זיין שכנים יונגל, האָט אויך זאַכארי פאַרן שלאָפן גיין געצלמט זיך פאַר דער איקאָנע, וואָס איז געהאָנגען אין זיין קינדער־צימער, און געפרייט זיך מיט דער „יאָלקע", אָדער מיט די אָפּגעפאַרבטע אייער פון פּסח, אָדער געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן יום־טוב פון טובלען דעם הייליקן בילד אין אויפגעהאַקטן אייז... ביז צו צוועלף יאָר האָט ער גאָר אינגאַנצן נישט געוווּסט, אַז ער באַלאַנגט צו אַן אַנדערער ראַסע, צו אַן אַנדער פאָלק — צו אַן אַנדערער אמונה. חברים אין שול, אין גאָרטן, האָבן אים אויפגענומען ווי איינעם פון זיי, און נישט געוווּסט, אַז עס שיידט אים עפּעס אָפּ פון זיי.

ווען זאַכארי איז שוין געווען גענוג אויסגעוואַקסן אַריינצוקומען אין גימנאַזיע, האָט זיין מוטער פּלוצלינג פאַרלאָזט די היים און איז אַוועק אין אויסלאַנד.

מען האָט אים געזאָגט, אַז די מוטער איז קראַנק און מוז זיך היילן. יעדנפאַלס, איז דער קליינער זאַכאַרי איבערגעבליבן אַליין אין דעם גרויסן הויז — דאָרט ווייט אין טיפן רוסלאַנד. זיין מוטער האָט ער שוין מער נישט געזען.

קאַפּיטל 7

זאַכאַרים קינדהייט

דער פאָטער איז געווען שטענדיק אין וועג צווישן פּעטערבורג און יעקאַטערינענבורג. איז דער קליינער זאַכאַרי מיט זיין קאָ־רעפּעטיטאָר, סטעפּאַן איוואַנאָוויטש (אַן עלטערער רוסישער לערער פון אַ גימנאַזיע, וואָס איז עפּעס צוליב אַ זינד אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין שטעל), מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, די הויפּט־אויפזעערין, און די דינערשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קעכין, אַ שטוב־מיידל און אַ לאַקיי — געווען די איינציקע איינוווינער פון גרויסן הויז אין יעקאַטערינענבורג. דער מאַמעס צימער אויפן ערשטן שטאָק איז געווען פאַרמאַכט, נאָר דער גרויסער זאַל, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען די רייכע אומגעלומפּערטע מעבל מיט די פיל בראָנדזן, וואָס מען האָט געבראַכט פון פּעטערבורג, איז געווען אָפן, כאָטש עס האָט אים קיינער נישט באַנוצט. אויך דאָס ברייטע פיר־פענצטערדיקע עס־צימער מיט די פיר־און־צוואַנציק לעדערנע שטולן און גרויסן אומהיימלעכן טיש, איז אויך געווען אָפן. און דעם פּאַפּאָטשעס קאַבינעט מיט דעם אומענדלעכן שרייב־טיש און שווערן מאַסיוון בראָנדזענעם טינט־פאַס מיט די צוויי לאָקאָמאָטיוו־מאָדעלן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טיש אַלס פּאַפּיר־באַשווערער, מיט די גרויסע פאָטאָגראַפיעס אין פאַרגילדעטע ראַמען פון געגעראַלן און הויכע באַאַמטע, איז אויך געשטאַנען אָפן. דאָס דינסט־מיידל מיטן לאַקיי האָבן יעדן טאָג געראַוימט, געריייניקט די שווערע פּערסישע דיוואַנעס, געווישט דעם שטויב — כאָטש זייער זעלטן איז דאָרט ווער אַריינגעקומען.

אין דער ערשטער צייט, ווען דער קליינער זאַכאַרי איז געבליבן אַליין, האָט ער זייער געבענקט נאָך זיין מוטער. ער האָט זיך געשעמט

ארויסצווייזן די שוואכקייט, געוווסט שוין, אז עס איז נישט שיין פאר א יינגל, א גימנאזיסט, צו זיין אזוי סענטימענטאל. נאר ווען קיינער האט נישט באמערקט: ווען סטעפאן איוואנאוויטש איז געשלאפן (סטעפאן איוואנאוויטש, וועלכער האט נישט פיינט געהאט דעם ביטערן טראפן, האט זייער ליב געהאט צו שלאפן, און ווי עס האט זיך נאר געמאכט א געלעגנהייט, האט ער עס אויסגענוצט פאר זיין שוואכקייט), האט זיך דער קליינער זאכארי ארויפגעכאפט אויפן ערשטן שטאק, אין זאל אריין, וו עס איז געשטאנען אויף א באשטאנד, נישט ווייט פון קוימען, דער מאמעשקעס גרויסע פאטאגראפיע אין א גילדענער ראם, און געגלעט מיטן הענטל איבערן גלאז אויפן ארט פון מאמעשקעס לענגלעכן פנים מיט די לענגלעכע באקן און גערעדט דערצו ווי צו א לעבעדיקן נפש:

— מאמעשקע טייערע, איך האב דיך ליב, איך האב דיך ליב.

ער פלעגט צושטעלן זיין נעזל צום קאלטן גלאז, אויפן ארט פון מאמעשקעס ווייסן לאנגן האלדז, און קושן דאס גלאז, וואס איז קאלט געווען פון דעם, וואס מען האט אין זאל ווייניק געהייצט — און ברומען פאר זיך:

— מאמעשקע טייערע, איך האב דיך ליב, איך האב דיך ליב.

מאמעשקע האט געטראגן אויף דער פאטאגראפיע אין דער גאלדענער ראם — אזוי ווי אין לעבן ביים אויפנעמען געסט — דאס בלויע זיידענע קלייד מיט דעם ברייטן פאלדעווודיקן און האלב־קרינאלינענדיקן הינטן, אויפגעהויבן דורך א קישנדל, פארקנעפלט ביז צום לעצטן קנעפל אין טיפן האלדז אריין, א ווייסער שפיצן־שלייער, פארווארפן לייכט איבער די ארעמס, און א פעכער אין דער האנט. די האר פארקאמט הויך אין א קאקס, מיט קעמלעך־באזעצט, און איבערן גלאטיקן שטערן האט זיך ארויפגעלאזט א חנעוודיק גזשיוועלע, ווי עס וואלט געווען צוגעקלעפט. שעהען־לאנג האט דער קליינער זאכארי געקאנט שטיין פאר דער פאטאגראפיע און איינקוקן זיך אין מאמעשקעס פנים, טיף אין די ווייסלען פון די בלויע אויגן. מאמעשקעס אויגן האבן גארנישט אויף אים געוואלט רוען, זיי האבן שטענדיק ערגעץ־ווו געבליקט אן א זייט, צום פענצטער ארויס. מאמעשקעס אויגן זענען געווען אזעלכע זיסע און אזעלכע צוציענדיקע, אז דער קליינער זאכארי פלעגט צופאלן אויסקושן דורכן

גלאָז מאַמעשקעס אויגן, מאַמעשקעס גלייכע, לאַנגע נאָז, מאַמעשקעס ליפּן. אָדער איינגראָבן זיין פּנים אין דעם ווייכן הויכן האַלדז.

אַלץ האָט ער ליב געהאַט אין מאַמעשקען: די ווייסע רויזן, וואָס מאַמעשקע האָט געטראָגן אויף דער ברוסט, דעם פּעכער, דעם ווייסן שפּיצן־שאַל. ער האָט דערפילט נאָך איצט, דורכן גלאָז פון דער פאָטאָ־גראַפיע ארויס, דעם ספּעציפישן אָנגענעמען, ווארימען פּערפומען־גע־שמאַק פון מאַמעשקעס קליידער, צוזאַמען מיט נאַפטאַלין, וואָס מען האַלט אין שראַנק, כדי די קליידער אָפּצוהיטן פון מאָלן זומער־צייט... עס פלעגט אים באַפאַלן אַ גלוסטונג צו ווארפן זיך אויף דער פאָטאָגראַפיע און אויסקושן יעדעס שטיקל פון מאַמעשקעס קליידונג, וואָס ער האָט עס קיינמאָל נישט געקאָנט טון אין דער ווירקלעכקייט אין לעבן.

אין לעבן פלעגט מאַמעשקע אים תמיד אָפּשרעקן און פאַרשעמען, ווען ער האָט אַרויסגעוויזן אַ קינדערשע שוואַכקייט און זיך טוליען צו איר.

— דו ביסט שוין אַ דערוואַקסן יינגל, ביסט שוין אין גימנאַזיע, טראָגסט שוין אַ מונדיר. נישט שיין פאַר דיר אַזעלכע קינדערשע שטיק. אָדער גאָר שרעקן מיטן טאַטן:

— וואָס וועט זיין, זאַכארי, אַז פּאַפּאַ וועט געוווירן ווערן, ווי קינ־דיש דו ביסט נאָך?!

און פאַר פּאַפּעשקען האָט זאַכאַרי מער מורא געהאַט ווי פאַרן געלן לערער פון אריטמעטיק, און ווי פאַרן שווארצן מלאך מיט דער שווערד אין דער האַנט אויף דער הייליקער איקאָנע.

אָבער וואָס האָט ער געזאָלט טון, אַז ער האָט דאָך ליב מאַמעשקעס הענט, מיט אירע פינגער זיך שפּילן, אָדער צו שטיין נאָענט צו אירע קני, צו שמעקן די ווארימקייט פון אירע פּערפומען, אָדער צו גלעטן כאָטש דעם פעכער אירן, אָדער צו שפּילן זיך מיט די פרענדזלען פון איר שאַרף.

איז דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט טון אין דער ווירקלעכקייט אַמאָל אויף מאַמעשקעס רעאַלן פּנים, האָט ער געטון אין דער שטיל, בּאַ־האַלטענערהייט, ווען ער האָט אָנגעטראָפן מאַמעשקעס אַ קלייד. אפילו מאַמעשקעס אַ שיכעלע פלעגט ער צודריקן צו זיין האַרץ און קושן עס:

— מאַמעשקע טייערע, איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב...

די ערשטע צייט, ווען ער איז איבערגעבליבן אַליין אָן דער מוטער,

איז דער ייִנגל קראַנק געוואָרן. ער האָט געקראָגן גרויסע וואַרימקייט. עס האָט גענומען אַ געוויסע צייט, ביז ער האָט זיך דורכגעבראָכן דאָס בלייבן אַליין. עס איז אים אָנגעקומען אַזוי שווער, ווי עס קומט אָן שווער אַ קינד אָפּצוגעווינען פון דער ברוסט... דערנאָך, אַז ער האָט מיט דער הילף פון זיין ווילן און כאַראַקטער געבראַכט איבער זיך צו בלייבן אָן דער מוטער, האָט ער שוין איצט זיין ליבע צו דער מוטער אויסגעגאָסן אומגעשטערט אויף אירע פאָטאָגראַפיעס און קליידער־שטיקער.

די ליבע צו זיין מוטער האָט ביי דעם קליינעם זאַכאַרי איבערגעלאָזט אַן אייביקן שטריך; זי האָט באַאיינפלוסט זיינע באַציאונגען צו פרויען. אַ לאַנגע צייט, ביז זאַכאַרי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער ייִנגל, און אפילו נאָך אין היינטיקער צייט, ווען עס איז אים באַזונדערס טרויעריק, קאָן זאַכאַרי נישט אַנדערש איינשלאָפן אויף זיין געלעגער, סיידן ער מוז זיך פאָרשטעלן אין זיין אילוזיע, אַז ער נורעט איין זיין פנים אין זיין מוטערס ווייכן וואַרימען האַלדז. ער דערפילט דעם מוטער־פערפום, וואָס דרינגט אַרויס פון איר גאַנצן לייב, און עס קומט איבער אים אַ געאיידלטע און געלייטערטע צניעותדיקייט, אַ נישט־וועלטיקע גוטסקייט, וואָס נאָר ריינע מוטער-ליבע קאָן געבן... ער ווערט אַ הילפלאָז קינד צוריק, ער גיט זיך איינגאַנצן איבער אין דער זיכערקייט, אין דער באַשירעמטקייט פון דער מוטערס אָרעמס. די באַציאונג צו זיין מוטער האָט ווייטער געווירקט אויף אים און קאָנטראָלירט זיינע מיינונגען וועגן פרויען איבערהויפּט. ער קאָן זיך ביזן היינטיקן טאָג נישט צורירן צו אַ פרוי, נאָר מיט די ריינסטע און נאָבלסטע געפילן. אין יעדער פרוי, אפילו אין די אויסגעלאַסנסטע, אין די פּראָסטיטוּאירנדיקע (מיט וועלכע זיין שפּעטערדיקסטודענטן-לעבן האָט אים זעלבסטפאַרשטענדיק צוזאַמענגעבראַכט) זעט ער אַ סימבאָל פון זיין מוטער און זיין קינדער־ליבע צו איר... זי ווערט געריייניקט דורך זיין מוטערס ווייסן זיידענעם שאַרף; עס טראָגט זיך פון איר דער מוטערלעכער מילך־פערפום, וואָס ער פלעגט דערפילן, ווען ער איז אַ קינד געווען... זי שטייט אויף אַ העכערן שטאַנד, אַרומגעהילט אין אַ וואָלקן פון מוטער־גלאָרי.

ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט דאָס מוטער־משוגעת אַביסל אויפגעהערט. דאָס פלאַטערן נאָך אירע בריוו האָט שוין אָפּגעלאָזן. ער זיצט שוין נישט גאַנצע אָוונטן ביים פּיאַנאָ, אַקאָמפּאַנירנדיק צו זיין מוטער

ליבע-פערזן, וועלכע ער שיקט קיינמאָל נישט אָפּ (ווייל ער שעמט זיך פאַר איר מיט זיינע געפילן), ווי ער איז עס געוויינט געווען צו טון די ערשטע צייט. איר אָרט הייבן אָן צו פאַרנעמען „באַרישניעס", שוועסטער פון חברים, פענסיאָנערקעס, מיט וועלכע מען טרעפט זיך אין שטאָט-גאָרטן ביי מוזיק אָדער ביי אַ טאַנץ אויף אַן אָוונט, אָדער מען קוקט זיך דורך דורך די גראַטעס פון טעאַטער-לאָזשע. און זייער פיל פון זיין מוטערס אָרט האָט פאַרנומען ביים יונגן זאַכאַרין זיין אַם, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ.

מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, כאָטש מען האָט זי גערופן אויפן פאָטערס נאָמען, ווי עס פירט זיך אין רוסלאַנד צו באַצייכענען מיט דעם טיטל נאָר דעם אויסדערוויילטן קלאַס, די שטוב-מענטשן, אָבער קיינמאָל נישט די קיך-מענטשן (אַזוי ווי מען וואָלט נישט געוואָלט פאַרגינען דעם כבוד דעם פּראָסטן פאָלק צוצוגעבן, אַז זיי קומען אויך אַרויס פון אַ פאָטער), — איז געווען אַן איינפאַכע פאָלקס-פרוי, וואָס האָט געקענט קוים לעזן און דאָס האָט זי זיך אויך אויסגעלערנט ביי די מירקינס אין שטוב, און צייט זי האָט זיך אויסגעלערנט די רוסישע עברי, האָט מען זי מכבד געווען מיטן פאָטערס נאָמען און דערהויבן זי פאַר דער שטוב-אויפזעערין. די פרוי, פּראָסט, איינפאַך, האָט פאַרמאָגט אַן אינערלעכע אינטעליגענץ צום באַווונדערן. אויפן וווּנק האָט זי פאַרשטאַנען איר באַלעבאָסטע, און האָט געקאָנט אויספילן דעם וווּנטש פון איר מאַדאַם, איידער ער איז נאָך רעכט צו יענער באַוווּסט געוואָרן. זי איז אַריינגעקומען צו די מירקינס אין שטוב ביי זאַכאַרים געבורט, רעקאָמענדירט דורך אַ באַפריינדעטע פאַמיליע אַלס געזונטע מילך-רייכע אַם, און איז שוין איבערגעבליבן ביי די מירקינס אין שטוב נאָכדעם, ווי זי האָט אָפּגעוויינט דאָס קינד, צוערשט אַלס איינפאַכע צוהעלפערין. נאָר זי האָט זיך באַלד מיט איר אינטעליגענץ, מיט איר איבערגעגעבנהייט פאַר אַלעם, וואָס קומט פאַר אין שטוב, מיט איר איבער-געגעבנהייט, לחלוטין אָן איינגנליבע, — נישט בלויז געקויפט די הערצער פון אירע באַלעבאַטים, נאָר מען קאָן זאָגן, אָן צו וויסן, אָן צו באַמערקן ווי אַזוי דאָס איז געקומען, איז מאַריאַ איוואַנאָוונאַ געוואָרן זייער אַ וויכטיקער מיטגליד פון דער משפּחה. זי האָט זיך פּשוט עס אַליין געמאַכט. די באַלעבאָסטע פון דעם הויז איז קיינמאָל נישט געווען קיין געזונטע און איז דעם ערשטן האַלבן טאָג געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין, מיט איר אייגענעם קערפּער, און דעם צווייטן האַלבן טאָג — מיט גע-

זעלשאַפטלעכע פונקציעס, האָט מאַריאַ איוואַנאָוונאַ אַליין גענומען די שליסל אין האַנט אַריין, כאָטש עס האָט איר קיינער נישט געגעבן.

צום קליינעם זאַכאַרין איז זי געווען מער ווי אַן אַם, מער ווי אַ מו־טער. אַ שטיק צייט נאָכדעם, ווי זי האָט אים געהאַט אָפּגעוווינט, האָט ער אַנדערש נישט געקאָנט איינשלאָפן, סיידן זי האָט געמוזט קניען ביי זיין בעט און איינוויגן אים צום שלאָף אין אירע שטאַרקע אָרעמס (גע־ווען אַ גרויסער „פיעשטשוך" דער קליינער זאַכאַרי). אפילו ווען ער איז עלטער געוואָרן און איז שוין געגאַנגען אין גימנאַזיע, האָט זי נאָך געהאַט אויף אים אַ גרויסן איינפלוס. זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט אים געקאָנט מאַכן עסן אַ געקעכטס, וואָס ער האָט נישט גערן געהאַט און וואָס לויט דעם הויז־דאָקטאָרס רעקאָמענדאַציע, איז עס געווען נויטיק פאַר זיין וואָג און געזונט. זי האָט אים געקאָנט מאַכן טרינקען „טראַן", צו גיין שלאָפן צו דער צייט, צו נעמען זיך צו לעקציעס, צו פאָלגן זיין דערציער סטעפאַן איוואַנאָוויטש. די דאָזיקע ווירקונג האָט זי געהאַט אויף דעם יינגל מיט איר איינפאַכן פיזישן כוח. זי איז געווען שטאַרק, גרויס און מעכטיק, מיט אַ פּאָר ווייכע ווייסע אָרעמס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון איר ווייסן סטאַניק, מיט שטאַרקע, אַרויסהייבנדיקע, אַנטוויקלטע בריסטן, וואָס זענען שטענדיק געווען צוזאַמענגעפּרעסט אין איר געשנירעוועטן קאַפטאַן. (אַ שיינע געווען די מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, אַ גלאַטינקע, אַ פולע און איז שטענדיק געגאַנגען ציכטיק אָנגעטון: אין אַ שוואַרץ קלייד, אַ ווייסן קאַפטאַן, אַ ווייסן שירץ און אַ קאָלירט פּוּערישׂ טיכל אויף די פּלייצעס.) און ווען מען האָט באַדאַרפט, און אַז עס איז נויטיק געווען, האָט זי פּשוט גענומען דעם גימנאַזיסט אין אירע שטאַרקע אָרעמס אַריין און איינגעטיילט אים פּעטש אויף זיין אָפיציעלן גימנאַ־זיסטן־מונדיר...

פאַר איר האָבן אַלע מורא געהאַט אין שטוב. די דינערשאַפט, דער „דערציער", דער שטענדיק שלאָפנדיקער סטעפאַן איוואַנאָוויטש, די קינדער, און ווער ווייסט, צי די שוואַכע מאַדאַם אויבן אין דער הויך אין איר ווייסן מיט פילע וואַרימע טעפּיכער באַליגטן שלאָף צימער, האָט אויך נישט געציטערט פאַר איר, פאַר איר באַפעלערישער שטים, פאַר איר פעסטן גאַנג, פאַר איר ענערגיע און מוט, וואָס האָט געשפּראָצט פון איר.

זי איז געווען די, וועלכע האָט זיך די ערשטע אויפגעהויבן אין הויז, די לעצטע געלייגט זיך שלאָפן, נאָכדעם ווי זי האָט אַלצדינג געהאַט עקזאַמינירט, אויב אַלץ איז אין אָרדענונג. זי האָט דיקטירט די מאכלים פאַר יעדן מאָלצייט, אונטער אירע שליסל האָט זי אַלץ געהאַט באַהאַלטן.

איר זויג־קינד, דעם קליינעם זאַכאַרי, האָט זי פּשוט פאַרגעטערט. ער איז געווען איר אָפּגאָט, איר לעבן, אָפּגערעדט דערפון, וואָס זי האָט אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. זי פלעגט שעהען־לאַנג אָפּשטיין הינטער זיין טיר און איינהערן זיך צו זיין אָטעם, צי ער שלאָפט רואיק, אויב עס פעלט אים גאָרנישט. אַז ער איז קראַנק געווען (ווען עס איז אים נאָר וואָס געווען), פלעגט זי נישט אָפּטרעטן פון זיין בעט אויף אַ מאָמענט, אין אירע אָרעמס איז ער איינגעשלאָפן. דאָרט האָט ער געפונען שוץ און ווערונג פון די שוואַרצע אנגסטנדיקע אילוזיעס, וואָס יעדעס קינד ברענגט מיט מיט זיך פון די אומבאַקאַנטע וועלטן, פון וועלכע עס קומט...

נאָך איר הערשאַפט איבער דעם קליינעם זאַכאַרי האָט זי אומגעטיילט געהאַט איבער אים, צייט ער איז איבערגעבליבן מיט איר אליין אין דעם גרויסן הויז, נאָכדעם ווי זיין מוטער האָט זיך באַזעצט אין אויסלאַנד.

זי האָט אים דיקטירט וואָס אָנצוטון, אָן איר דערלויבעניש האָט ער זיך נישט געוואַגט אַראָפּצונעמען אַ שטיק וואַרים מלבוש, האָט עס אים געמעגט זיין איבערדריסיק און שווער. זי האָט אים באַפוילן וואָס צו עסן. פאַר איר און צוליב איר האָט ער זיך נישט געוואַגט צו פאַרברענגען אַן איבעריקע שעה אויף דעם שטאָטישן גליטש, ביי אַ קאָלעגע, אָדער ביי דער מיליטער־מוזיק אין שטאָטישן גאָרטן. געמוזט זיך באַווייזן אינדערהיים פונקט צו דער אויסגעזעצטער צייט פון עסן, אָדער צו דער לעקציע. אַז נישט, האָט ער באַקומען צו הערן איר שטימע, און ווען איר שטימע האָט נישט געהאָלפן, האָט זי אויך באַנוצט אירע הענט.

עס איז נישט געווען די פיזישע מאַכט, נאָך אַלעם, וואָס האָט דאָס יינגל זאַכאַרי געמאַכט אַזוי אונטערטעניק צו דער באַצאָלטער הויז־האַלטערין פון זיין פאָטער. ס'איז געווען די איבערגעגעבענע מוטערלעכע ליבע, וואָס האָט אַרויסגעפלאָסן צו איר זויג־קינד פון דער גרויסער שטאַרקער אַם, וועלכע האָט דאָס קליינע יינגל געמאַכט אונטערטעניק צו איר. דער קליינער זאַכאַרי האָט נישט געקאָנט מעיז זיין איר מוטערלעכקייט,

אין די מוטערלעכקייט פון מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט געפלאָסן איבער אַלע ברעגן פון איר גרויס וועזן אַרויס. עס האָט אַרויסגעפלאָסן פון אירע ברייטע שטאַרקע אָרעמס, פון אירע אויגן, פון איר מויל. אין יעדן וואָרט אירן האָט ער דערהערט דעם מוטערלעכן ציטער, וואָס די פרוי טראָגט צו אים. אין יעדן בליק אירן האָט ער דערזען דעם מוטערלעכן פונק, וואָס טליעט זיך אין איר צו אים. אין די לאַנגע אומהיימלעכע קאַלטע ווינטערנעכט פון צענטראַל־רוסלאַנד, ווען דער ווייסער שניי ציט איבער די וועלט און ווערט דעם מענטשנס־ערד — ווען דער פראָסט קומט אַרויס פון די סיבירישע וועלדער און רינגלט אַרום די שטאָט, ווי אַ סטאַדע אומהיימלעכע וועלף, — איז דער קליינער זאַכאַרי געלעגן אין זיין בעט, געפרוווט איינשלאָפן און נישט געקאָנט. זיין קליין לייב זוכט וואַרימקייט אונטער די פיל קאָלדרעס און דעקן. אין דער נאַכט ליגט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן און פרוווט זיך פאָרשטעלן זיין מוטערס פּנים און פיגור, וואָס איז איצט ערגעץ־ווו ווייט, און עס געלינגט אים באַין אופן נישט אַרויסצורופן זי אין זיין נאַכט־בילד. דענסטמאָל דערפילט שוין מאַריאַ איוואַנאָוונאַ (וועלכע שטייט ווי אַ געטרייער הונט שוין אַ שעה הינטער דעם שלאָף־צימער פון איר זאַכאַרין און הערט זיך איין צו זיין וואַרפן זיך אויפן געלעגער), דענסטמאָל דערפילט זי שוין די פאַרלוירנקייט און די איינזאַמקייט פון איר זויג־קינד, און אויף די שפּיץ־פינגער גנבעט זי זיך אַריין צו דעם יינגל אין שטוב אַריין, צו זיין בעט צו און נעמט זיין קליין גופל אין אירע שטאַרקע אָרעמס אַריין, און טראָגט צו צו זיין פּנימל אירע פליישיקע וואַרימע בריסטן, וואָס גיסן זיך אַרויס פון איר געשנורעוועטן סטאַניק, צו זיינע אויגן, צו זיין מויל, און זאָגט אים אין אויער אַריין מיט אַ צערטלעך מוטערדיק קול:

— טייבעלע, דו קליינס, פאַרוואָגלט יתומל, פאַרוואָס שלאָפסטו נישט? שלאָף, שלאָף, שלאָף!

דער יינגל דערפילט די מוטערלעכקייט, וואָס נעמט אים אַריין אין אַ צווייטער היים — אין דער אינערלעכער היים, ער איז באַשיצט פון אַלעם שלעכטן. ער האָט שוין פאַר גאָרנישט קיין מורא, און שלאָפט רויִק איין.

מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האַלט נאָך לאַנג אין אירע אָרעמס דאָס ליבע

קליינע לייב, און אַז זי דערהערט זיין רעגלמעסיק אָטעמען, פאַרלאָזט זי זיין שטיבל אויף די שפּיץ־פינגער.

קאַפּיטל 8

ווי אַזוי זאַכאַרי איז געוואָרן, אַז ער איז אַ ייד

פון איר, פון מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, איז ער אויך געוואָיר געוואָרן, ווער ער איז, פון וואַנען ער שטאַמט, און וועלכע איז זיין אמונה.

עס איז אַזוי געווען:

ווען זאַכאַרי איז אַלט געוואָרן אַ יאָר צוועלף (עס איז געווען דער צווייטער ווינטער, ווען מאַמעשקע איז נישט געווען מער אינדערהיים) — איז אויף ניטל־אָוונט דאָס מאָל נישט אַהיימגעקומען פּאַפּעשקע. ער האָט נאָר געשריבן: „די געשעפטן פאַרהאַלטן אים איבער די יום־טובים אין דער רעזידענץ, און מאַריאַ איוואַנאָוונאַ זאָל איינריכטן דעם יום־טוב אַליין, ווי יעדעס יאָר, און טיילן דער דינערשאַפט מתנות, ווי יעדעס יאָר. פאַר זאַכאַרין שיקט ער אַרויס פון פּעטערבורג זיין מתנה אַליין". מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט באַפוילן, אַז אָנשטאָט אַ גרויסן בוים פון פיל הונדערטער ליכטלעך, אַזוי ווי מען טוט יעדעס יאָר, ווען מאַדאַם איז אינדערהיים — זאָל מען היי יאָר קויפן אַ קליינעם בוים און נישט אַריינשטעלן אים אין גרויסן זאַל אַריין ווי יעדעס יאָר, נאָר אויפשטעלן אים אין דעם צווייטן עס־צימער. אויפן בוים זאָל מען נאָר אויפהענגען די מתנות פאַר דער דינערשאַפט, אָבער נישט פאַרן יונגן הער.

דער קליינער זאַכאַרי האָט מיט צעגליטע בעקלעך, פלאַטערנדיק ווי יעדעס קינד (און נאָך אַזאַ פילבאַר קינד, ווי עס איז געווען זאַכאַרי), אָפּגעוואַרט דעם יום־טוב, געזען וואָס מאַריאַ איוואַנאָוונאַ טוט, און האָט זיך מיט אַ פאַרצווייפלטער איבערראַשונג געווענדט צו איר וועגן אויפקלערן אים איר באַפעל:

— עס איז דאָך נישט דיין יום־טוב, טייבעלע, נישט דעם באַלעבאָס פון שטוב יום־טוב, נאָר בלויז די משרתימס יום־טוב. צוליב דעם האָב איך געהייסן אויפשטעלן דעם בוים נאָר פאַר זיי.

— וואָס הייסט עס איז נישט מיין יום־טוב? עס איז דאָך אונדזער אַלעמענס יום־טוב. קריסטוס איז געבוירן געוואָרן צו דערלייזן די וועלט.

— ניין, טייבעלע, נישט דיין יום־טוב, דו קומסט ארויס פון אַן אַנדער פאָלק, און דו גלויבסט אין אַן אַנדער רעליגיע, און דיין רעליגיע אַנערקענט נישט דעם יום־טוב, נאָר אַנדערע יום-טובים.

— וואָס הייסט איך קום אַרויס פון אַן אַנדער פאָלק? וואָס רעדסטו, ניאַניאַ? דו ביסט משוגע געוואָרן? וואָס הייסט איך גלויב אין אַן אַנדערער רעליגיע?

— יאָ, טייבעלע, — דיינע עלטערן, דיינע זיידעס, דיין מאַמעשקע גלויבן אין אַן אַנדער אמונה, איר האָט אַנדערע יום־טובים. איך וועל געוווּיר ווערן, ווען עס פאַלן אויס אייערע; איך וועל געוווּיר ווערן און מיר וועלן פּראַווען פאַר דיר דיינע אייגענע יום-טובים, וואָס דיין אמונה באַפעלט דיר, נישט קיין פרעמדע.

דער קליינער זאַכאַרי איז געשטאַנען פאַר איר מיט גרויסע אויפגעריסענע אויגן, מיט אַן אָפן מויל; זיינע אָפענע נאָזלעכער האָבן שווער געאָטעמט און ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט.

— שוין צייט צו וויסן, ביסט שוין אַ דערוואַקסן יינגל; צייט פאַר דיר זיך צו נעמען צו דיין אייגענער רעליגיע. אין שקאָלעם גייט עס און וואַקסט נעבעך אויף, ווי אַ קעלבל, אַן אומוויסנדער.

דאָס יינגל האָט בייז געשווויגן, בייסנדיק די ליפּן. עס איז אים באַפאַלן אַן אויסברוך פון כעס, און ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער ניאַניע, זי אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט די הענט און מיט די פיס. זי האָט זיך געלאָזט שלאָגן פון אים, געכאַפּט זיין קעפּל אין אירע הענט אריין און געקושט אים.

דערנאָך, אַז ער האָט זיך באַרויקט, איז ער אַרויפגעלאָפן אויפן ערשטן שטאָק אין זאַל אריין (כאָטש אינעם גרויסן זאַל איז געווען זייער קאַלט) און פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך. צוערשט האָט ער געהאַט אין זינען צוצולויפן קושן זיין מאַמעס פּנים און קלאָגן צו זיין מוטערס פאָטאָגראַפיע, צו קלאָגן זיך פאַר איר אויף דער ניאַניע, ער האָט עס אָבער נישט געטון. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער מאַמעס פּנים און צוגעלאָפן צו דער גרויסער, ברייטער, מיט זייד אויסגעבעטער קאַנאַפּע, אַנידערגע־

וואַרפֿן זיך אויף איר, אַריינגעגראָבן דעם קאָפּ אין איינער פֿון די פּילע קישנס און זיך צעוויינט.

מאַריאַ איוואַנאָוונאַ איז געשטאַנען הינטער דער טיר, געבעטן זיך ביי אים:

— עפֿן אויף, טייבעלע, וועסט דיך דאָך צוקילן; אין זאַל איז דאָך קאַלט.

זאַכאַרי האָט נישט געענטפֿערט.

— איך וועל גיין אין שטאָט אַריין און וועל געוווּיר ווערן, אויב עס געפֿינט זיך דאָ אַ ראַבי און וועל אויסגעפֿינען פֿאַר דיר דיינע איי־גענע יום־טובים, נאָר באַרואיק דיך, קינד. באַרואיק דיך, איך בעט דיך, איך בעט דיך!

ווען די ערשטע איבערראַשונג וועגן זיין נייער אמונה איז פֿון דעם קליינעם זאַכאַרין פֿאַרשוווּנדן, האָט אים אָנגענומען אַ באַגער געוווּיר צו ווערן, וואָס איז אַזוינס די נייע אמונה, צו וועלכער ער באַלאַנגט; וואָס פֿאַר אַ יום-טובים האָט זי, און פֿאַרוואָס פֿראַוועט מען דאָס נישט ביי זיי? און פֿאַרוואָס האָט מען עס באַהאַלטן פֿאַר אים? און פֿאַרוואָס זענען דאָ אַנדערע אמונות, ווי די, וואָס אַלע האַלטן? און פֿאַרוואָס גלויבן אַנדערע אין די אַנדערע אמונות? די נייגיריקייט האָט געברענט ווי אַ דורשט אין אים, און ער האָט נישט געהאַט, ווער עס זאָל אים דערלאַנ־גען דאָס געטראַנק. אַן אינערלעכער דערהאַלטונגס־אינסטינקט, געירשנט דורך זיין בלוט, האָט אים געראָטן פֿאַרלויפֿיק צו באַהאַלטן די נייעס פֿאַר זיינע חברים, נישט צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געשעמט מיט דעם נייעם. פֿאַרקערט, אינערלעך האָט אים הנאה געטון, און ער האָט זיך גע־פֿרייט דערמיט, ווי מען פֿרייט זיך מיט אַ רייכטום, וואָס מען קריגט אומ־גערינכט. ער האָט באַטראַכט די גאַנצע זאַך, ווי אַן אינטימען גרויסן סוד, וואָס מען באַדאַרף פֿאַרלויפֿיק אויסבאַהאַלטן.

און ווירקלעך האָט מאַריאַ איוואַנאָוונאַ אויסגעפֿונען פֿאַר אים די איינציקע קליינע שול, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער שטאָט; זי איז געווען באַהאַלטן אין אַ גרויסן הויף, כאָטש זי איז געווען דערלויבט, און עס האָבן דאָרט געדאַוונט אַמאָל אין אַ שבת, אַ יום־טוב און ראש־השנה און יום־כיפּור אַ צוזאַמענגעקלעפּטער מנין פֿון אויסגעדינטע ניקאָלאַיע־ווער סאָלדאַטן מיט זייערע קינדער. די דאַוונערס פֿון דער שול האָבן זיך

מיט קיין זאך נישט אונטערשיידט, נישט מיט זייער שפראך, נישט מיט זייערע געשווירענע בערד, פון די אנדערע רוסישע איינוווינער פון שטאט, און קיינעם פון די רוסישע איינוווינער פון דער שטאט איז נישט איינגעפאלן דערויף ספעציעל אויפמערקזאמקייט צו שענקען.

אמאל אין אזא שבת (עס איז אויך עפעס פונקט געווען א רוסישער יום־טוב און די קינדער זענען נישט געגאנגען אין גימנאזיע) — האט מאריא איוואנאוונא אנגעטון דעם קליינעם זאכארי זיין ווארימען מונדירפעלצל, אליין גענומען אויף זיך איר ווארימען קאפטאן, מיט דעם טוך איבערן קאפ, און האט אים צוגעפירט צו דעם שולכל; זי האט אים אריינגעשטופט אינעווייניק אריין. דאס יינגל האט עס געטון מיט א שלאגנדיק הארץ און ציטערדיקע קני. אליין האט זי זיך אבער געשטעלט פון דרויסן אויף דעם פראסט, אפווארטן, ביז ער וועט צוריק ארויסקומען. אינעווייניק האט דער קליינער זאכארי דערזען אזעלכע פרעמדע און אומבאקאנטע זאכן, אז ער האט נישט געוווסט, צי זאל ער זיך שרעקן דערפאר, צי זאל ער גאר זיך פרייען מיט זיי. עס איז גאר נישט ענלעך געווען צו קיין צערקווע, קיין איין „איקאנע" איז נישט געהאנגען אויף דער וואנט, קיין איין צלם נישט. עס זענען געשטאנען מענטשן, רוסן, אין פוטערלעך אנגעטון און איבער די פוטערלעך האבן זיי געהאט הענגען אזעלכע ווייסע טיכער, וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געזען. זיי האבן אויסגעזען, ווי ווייבער. דארט ווייטער, ביים סאמע וואנט, וו עס האבן געברענט ליכט (און וואס דארט איז געווען, ווייסט ער נישט, ווייל ער האט נישט געוואגט צוצוגיין און צוזען), איז געשטאנען אויך איינער, אויך איינגעוויקלט אין אזא ווייסן טוך, האט עפעס געזאגט, צוגעזונגען (אבער גאר נישט ענלעך צו דעם געזאנג פון דעם פאפ אין צערקווע) אין אן אומפארשטענדלעכער שפראך, און אלע האבן אים נאכגעזאגט. א וווּנדער, אלע האבן זיי געהאט אויף זיך די פוטערנע היטלעך, ווי זיי וואלטן גאר נישט געווען אין קיין צערקווע, נאר ווי אויף דער גאס. איינער פון זיי איז צוגעקומען צו אים, — ער האט נאר געזען זיין ווייסע באָרד ארויס פון פעלצל מיטן ווייסן ליילעך (די ווייסע ליילעכער, וואס זיי האבן געטראגן, האבן אים איצט אנגעהויבן שרעקן) — האט אים א בוך אין האנט אריינגעשטעקט, געבעטן אים ווייטער צו גיין אויבן ארויף. דער קליינער זאכארי האט זיך דערשראקן, איז ארויסגעלאפן פון שולכל אין דרויסן, וו מא-

ריא איוואַנאָוונאַ האָט געוואַרט אויף אים אַ געפּרווירענע. זי האָט אים צוריק אַהיים געבראַכט.

זי האָט אים גאָרנישט געפרעגט, וואָס אינעווייניק טוט זיך, און ער האָט איר אויך גאָרנישט דערציילט. ביים יינגל אָבער האָט די נייגירי־קייט נאָך מער געדורשט. אין זיין קינדערשער פאַנטאַזיע האָט דאָס בילד (די יידן אין די ווייסע טיכער איינגעהילט — די גאַנצע באַהאַלטענע אומגעבונג) — צעשפּילט זיך און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס געזען אַזאַ סודותדיקע זאַך, פון וועלכער מען טאָר קיינעם נישט דערציילן.

איינגנטלעך האָט ער זיך גאָר געפריים, וואָס ער באַלאַנגט אויך צו דער מיסטישער באַהאַלטענער אמונה, צו וועלכער קיינער פון זיינע חברים באַלאַנגען נישט, און קיינער האָט נאָך נישט געזען דאָס, וואָס ער האָט געזען.

— און פאַרוואָס גייט פּאַפּעשקע קיינמאָל נישט דאָרט אַהין דאַוי־נען? — האָט זאַכאַרי געפרעגט די ניאַניע, ווען זיי זענען שוין באַלד גע־ווען אינדערהיים.

— אויף פּאַפּעשקען טאָר מען נישט פרעגן קיין קשיות; ער וועט שוין ווייסן, פאַרוואָס ער טוט דאָס נישט, און אפשר טוט ער דאָס, ווען ער איז אין דער גרויסער רעזידענץ, דאָרט איז אפשר דאָ אַ גרעסערע „צערקאָוו" פון אייער רעליגיע.

צוערשט האָט זאַכאַרי געטראַכט, אַז ער וועט וועגן דעם שרייבן זיין מוטער און פרעגן ביי איר, אַז זי זאָל אים אַלץ דערקלערן. נאָר דאָס יינגל האָט נישט געקאָנט ברענגען איבער זיך, צו פאַרטרויען דער מוטער דעם סוד, וואָס זיין אָם האָט אים אַנטפּלעקט. ער האָט פאַרמאָגט אַ גע־ווויסע שעמעוודיקייט פאַר זיין מוטער, וואָס האָט אים נישט געלאָזט זיך אַנטפּלעקן פאַר איר. (די שעמעוודיקייט קעגן פרויען קאָן נאָך זאַכאַרי ביזן היינטיקן טאָג נישט בייקומען). האָט ער איר געשריבן וועגן זיינע לעקציעס, וועגן דעם פּראָגרעס אין לערנען, וועגן זיינע חברים, וועגן דעם שליטלען זיך און נאָך אַנדערע זאַכן פון שטאָט, ווי ער פלעגט עס טון אין אַלע אַנדערע זיינע בריוו. דעם „סוד" האָט ער פאַר איר פאַרשוויגן.

נאָר ווען זיין פאָטער איז אַהיים געקומען נאָך אַ פּאָר וואָכן, האָט דאָס יינגל געפונען גענוג מוט (כאָטש ער איז צו דעם פאָטער געווען ווינ־

ציקער צוגעלאָזן און ער האָט אים ווינציקער גערן געהאַט, ווי זיין מוטער) דעם פאָטער דעם „סוד” צו אַנטפּלעקן און צו פרעגן ביי אים אויפקלערונג. דעם מומ האָט אים געגעבן זיין גרויסע נייגיריקייט, אויסצוגעפינען וואָס ער איז אַזעלכעס.

גבריאל היימאָוויטש איז געזעסן אין זיין קאַבינעט, אין גרויסן לעדערנעם פאָטער־שטול, הינטער דעם גרויסן שרייב טיש, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען די צוויי אייזערנע לאָקאָמאָטיוו־מאָדעלן (וועלכע האָבן שטענדיק גערייצט דעם יינגלס פאַנטאַזיע). ער איז געווען באַלויכטן אין גרינעם שיין פון דעם גרויסן שרייב-לאָמפּ. קעגנאיבער אים איז געזעסן אינגאַנצן פאַרלוירן, איינגעטונקט אין דער ברייטקייט און טיפקייט פון שטול דער קליינער זאַכאַרי, אין זיין גימנאַזיע־אוניפאָרם. ער האָט געקוקט אויף פּאַפּעשקעס ברייטע געלע באָרד־שפּיצן, וועלכע זענען שיין געווען דורכגעוועבט מיט גראָע האָר, געקוקט אין פּונקט פון זיין גאָמבע, וואָס איז געווען אויסגעגאָלט און האָט אַנטפּלעקט זיין נאַקעטע פליישיקע ראָפּהענגענדיקע ליפּ. דער קליינער זאַכאַרי האָט אָפּגעגעבן דעם פאָטער אַ באַריכט וועגן זיין לערנען אין דער שולע, וועגן די צייכנס, וואָס ער האָט געקראָגן איבער אַריטמעטיקע און רוסישע גראַמאַטיקע, און ווי ער האָט זיך אויפגעפירט אין אַלגעמיין: וועגן די באַציאונגען פון זיינע לערער, פון זיינע חברים צו אים, און אַלץ אין אַ געשעפּטלעכן, כמעט „זעלנערישן” טאָן, ווי גבריאל האָט אויסגעלערנט זיין זון זיך צו האַלטן פאַר אים.

נאָכדעם ווי דער קליינער זאַכאַרי האָט שוין אַלצדינג באַריכטעט צו דער באַפרידיקונג פון זיין פאָטער (וואָס דאָס יינגל האָט אָנגעזען אין פאָטערס וויכן שמייכל צו אים), האָט ער זיך אָנגערופן אומגעריכט, גאָר נישט זיך שרעקנדיק:

— עס איז וואָר, פּאַפּעשקע, אַז מיר באַלאַנגען צו אַן אַנדער אמונה?

גבריאל חיימאָוויטש איז זיצן געבליבן. אַן אומנאַטירלעכע רויטקייט האָט פלוצלינג אַרויסגעפלאַמט אויף די ווייסע פעלדער פון זיינע גרויסע באַקן, וואָס פלעגט אים תמיד טרעפן ביי אומאַנגענעמע אונטערהאַנדלונגען, ביי אויפרעגונגען, און וואָס האָט פאַרראַטן שפּורן פון אַ קראַנקייט, וואָס זיין גוף האָט געטראָגן. די שפּיצן פון זיין באָרד האָבן געציטערט, און ער האָט געפרעגט שטרענג זיין זון:

— ווער האָט עס דיר געזאָגט?
— מאַריאַ איוואַנאָוונאַ.

דער פאָטער האָט אַן אויפגערעגטער אויפגעהויבן זיך פון טיש און גערופן מיט אַן אויסטערלישן קול, פון וועלכן זאַכארי האָט צום ערשטן מאָל דערהערט, אַז זיין פאָטער איז הייזעריק און כריפּענדיק, אין די אַנדערע צימערן אריין:

„מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, צו מיר! די מינוט!"

אַ גלעט געבנדיק דעם קליינעם זאַכארין איבערן קאָפּ (אַ צערטלעכקייט, וואָס דאָס יינגל איז נישט געוווינט געווען צו פארנעמען פון זיין פאָטער) — האָט ער אים געגעבן אַ באַפעל: גיי אריין צו דיר; ווען איך וועל דיך באַדאַרפן, וועל איך דיך רופן.

אין דער טיר האָט זיך דער קליינער זאַכארי שוין אָנגעטראָפן מיט זיין ניאַניע, וועלכע איז אויך רויט געוואָרן, אָבער געגאַנגען מיט זיכערע און פעסטע טריט.

הינטער דער טיר האָט שוין דאָס יינגל דערהערט דעם פאָטערס הויבע שטימע. די הייזעריקייט פון פאָטערס שטימע האָט דעם יינגל מער ווי אַלץ אויפגערעגט.

„ווי אַזוי האָסטו געוואַגט?" און דאַן איז געקומען נאָך אַ וואָרט, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ זידל־וואָרט, ווי „באַלוואַן", צי עפּעס אַנדערש, וועלכעס האָט דעם יינגל פארשעמט — אי פאַר זיין פאָטער, אי פאַר זיין אַם.

נאָר מאַריאַ איוואַנאָוונאַס שטימע איז נאָך העכער געווען פון זיין פאָטערס. ער האָט זי געהערט דייטלעך אין זיין צימער.

ווי לאַנג זיי האָבן זיך דאָרט געקריגט — דער טאַטע מיט מאַריע איוואַנאָוונען — ווייסט דער קליינער זאַכארי נישט. עס האָט אפשר גענומען צען מינוט, און אפשר צוויי שעה. נאָר ווען מען האָט אים דערנאָך אריינגערופן צום פאָטער, האָט ער שוין דעם לעצטן געטראָפן אַ באַרואיקטן, כאָטש זיינע באַקן זענען נאָך זייער רויט געווען און זיינע גרויסע אויערן האָבן געגליט, און אויך זיינע אויגן זענען רויט געווען. דער פאָטער האָט אים צוגערופן צו זיך, האַרט צו זיך, צו זיינע קני (אַ זאַך, וואָס ער האָט עס אויך קיינמאָל נישט געטון) און האָט זיך צו אים אַזוי אָנגערופן:

— אז דו וועסט דערוואקסן ווערן, וועסטו פון אלעם געוויר ווערן, וועסט פון דיר אליין געוויר ווערן. ביז דאן איז דיר נאך נישט צייט צו וויסן. איצט דארפסטו דיך מיט גארנישט אינטערעסירן, נאר האבן אין זינען בלויז דיין לערנען, צו זיין אן ערלעכער מענטש, אלעמען ליב צו האבן, קיינעם נישט קיין שלעכטס צו טון, צו גיין דיין ערלעכן וועג און צו מיען זיך אלעמען נוצלעך צו זיין — דאס איז אונדזער רעליגיע, — די רעליגיע פון אלע מענטשן, סיי קריסט, סיי ייד. זאגסטו מיר דאס צו?

— יא! — האט דאס ייִנגל הויך און שטארק אפגעענטפערט, כאטש ס'איז גאר נישט געווען זיין געוווינהייט צו רעדן מיט אזא זיכערער שטימע. נאך דערצו ווען דער פאטער איז געווען דערביי.

דער פאטער האט ארומגענומען מיט זיינע ווארימע הענט זיין קאפ און געזאגט צו אים:

— און איצט קוש מיך אויף דער באק און גיי שלאפן, טייערינקער!

קאפיטל 9

דער מוטערס טויט

א ייִנגל א שעמעוודיקער, א צוריקגעהאלטענער, האט ער שווער געקאנט מאכן פריינט; נאר קוים האט ער זיך צו וועמען צוגעבונדן, איז עס געווען מיטן גאנצן ברען פון זיין עקזאלטירטער נשמה; אייפערזיכטיק געווען אויף זיין ייִנגל-חבר, ווי אויף א מיידל א געליבטע. דורך די יארן פון זיין גימנאזיסטישן שטודיום האט ער געהאט א פאר אזעלכע חברים, צו וועלכע ער האט זיך צוגעבונדן און איז געקומען אינגאנצן אונטער זייער איינפלוס. נאר דאך, מיט דער גאנצער אייפערזיכטיקער ליבע, וועלכע ער האט געטראגן צו זיי, קאן מען זאגן, אז דאס ייִנגל האט זיך דאך געפילט איינזאם און איז כמעט דורכגעלאפן זיין יוגנט אן חברים.

ביים ענד פון זיין שטודיום האָט ער געהערט, אַז מאַמעשקע איז געשטאָרבן אין אויסלאַנד, געשטאָרבן, איידער ער האָט זי געזען. אויף דעם זומער (אויף די וואַקאַציעס, ווען ער וועט האָבן פאַרענדיקט די גימנאַזיע) איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז ער פאָרט קיין אויסלאַנד, נאָך זשענעווע, זיך זען מיט מאַמעשקען. נאָר איידער ער האָט געענדיקט דעם אַכטן קלאַס, אינמיטן ווינטער, איז זי געשטאָרבן.

די טרויעריקע בשורה האָט אים אָנגעזאָגט פּאַפּעשקע אַליין. אַראָפּגעקומען פּאַפּעשקע אינמיטן ווינטער קיין יעקאַטערינענבורג, אומגעריכט. זאַכאַרי גיט אַ קוק — פּאַפּעשקע טראָגט אויפן אָרעם אַ שוואַרצן באַנד, און דאָס האַרץ גיט אים אַ קלאַפּ, און ער ווייסט נישט, פאַרוואָס מאַריאַ איוואַנאָווגאַ האָט אויך באַלד דערזען דעם שוואַרצן באַנד אויפן טאַטנס אָרעם, מיט דעם שוואַרצן באַנד אויפן הוט און איז בלייך געוואָרן און האָט פאַרביסן די ליפּן. די דינערשאַפט האָט עס באַמערקט, און זיי זענען שטיל געוואָרן, געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. פּאַפּעשקע איז נאָכן אָפּוואַשן זיך אַריינגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט און האָט געהייסן אַריינרופן צו זיך זאַכאַרין.

איידער זאַכאַרי האָט נאָך צייט געהאַט זיך צו זעצן, האָט דער פאָטער זיך אָנגערופן אין אַן אומבאַקאַנטער, נישט אויפריכטיקער שטימע (ווי עס האָט זיך דענסטמאָל זאַכאַרין אויסגעדוכט):

— איך מוז דיך פאַרברייטן, מיין טייערער, פאַר זייער אַ טרויעריקע נייעס. איך האָב גענומען אויף מיר די מיסיע צו ברענגען צו דיר דאָס שליחות און בין אַליין עקסטרע אַראָפּגעקומען צו דעם צוועק קיין יעקאַטערינענבורג. איך האָב געמאַכט די לאַנגע רייזע נאָר ספּעציעל צוליב דעם, — האָט דער פאָטער געקלאַפּט מיט די ציין און געזוכט ווערטער צו פאַרענדיקן דעם זאַץ, און עס איז אים נישט געלונגען.

זאַכאַרי (ער איז שוין דענסטמאָל געווען אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, מיט ברונעטע שפּראָצנדיקע וואָנסעלעך און שפּראָצנדיקע באַקן־בערד, וועלכע האָבן אויסגעקוקט, ווי אַ ווייטערדיקער המשך פון זיינע פאות) איז געשטאַנען שטייף, ווי פאַרן דירעקטאָר פון גימנאַזיע אויף אַ פאַרהער. די פיס זענען ביי אים פאַרגליווערט געוואָרן, זיין גאַנצער קערפּער איז שטאַר געוואָרן און דאָס בלוט איז אַנטלאָפן פונעם פלייִשיקיינגלשן פנים. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ בלאַסער און האָט מיט אַ ציי־

טערדיקער ליפּ געקוקט דעם פֿאָטער גלייך אין פּנים אַריין און געשוויגן.

— איך ווייס, אַז דו באַדאַרפסט האָבן איצט מיין פֿאָטערלעכע ליבע, אַזוי צו זאָגן, מיין גאַנצע פֿאָטערלעכע האַרציקייט. צוליב דעם בין איך אַראָפּגעקומען אַהער אַליין, ספּעציעל צו דעם צוועק, — האָט דער פֿאָטער ווידער געשטאַמלט און נישט געקאָנט קוקן דעם זון גלייך אין די אויגן אַריין. ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק איבער זיין גאָלדענער פּענסנע און געקוקט אין דער נאַכט אַרויס דורכן פענצטער.

ווידער האָט זאַכאַרי דערפילט אַ נישט־אויפריכטיקייט אין פֿאָטערס טאָן, און דאָס האָט אים מער געווייטיקט, ווי דאָס שרעקלעכע נייעס, וואָס דער פֿאָטער האָט אים געבראַכט.

דאָס יינגל האָט אַלץ האַרטנעקיק געשוויגן, נאָר געציטערט מיט דער אונטערשטער פלייִשיקער ליפּ.

— דיין מאַמע איז געשטאָרבן! — האָט ענדלעך דער פֿאָטער געבראַכט איבער זיך און אַרויסגעזאָגט דאָס שרעקלעכע וואָרט. — דעם ניינצנטן פעברואַר, אַכט אַזייגער אין דער פרי, געשטאָרבן אין דעם שווייצער קור־אָרט „דאַוואָס", אין סאַנאַטאָריום פון לונגען קראַנקע געשטאָרבן.

ווידער האָט זאַכאַרי דערפילט עפּעס אַ נישט ערלעכקייט אין פֿאָטערס שטימע, און די אומאויפריכטיקייט האָט דעם יינגל פאַרשטיינערט, און ער איז געשטאַנען און האָט געשוויגן.

— אַזוי ווי דו ווייסט, איז זי קראַנק געווען, דיין מוטער, שטענדיק קראַנק געווען, געהאַט אַ פאַרגרעסערטע לעבער, און די לונגען זענען ביי איר אויך נישט געווען אין אָרדנונג, גאָר נישט אין אָרדנונג שוין פון אַ לאַנגער צייט, פון די מיידלשע יאָרן נאָך. דאָס האָט זיך צו איר גענומען פון דער פעטערבורגער לופט, פון די קאַנאַלן, פון דער פייכטקייט. צוליב דעם טאַקע איז זי די גאַנצע צייט געווען אין אויסלאַנד, געמוזט זיך אויפהאַלטן אין וואַרימע קלימאַטן, אין סאַנאַטאָריומס. ליידער נישט געקאָנט שטענדיק זיין נעבן איר, ווי איך וואָלט עס געוואָלט, ווי איך וואָלט עס געוווּנטשן — די געשעפטן האָבן שטענדיק צוריקגעהאַלטן.

ווידער האָט זאַכאַרי געציטערט מיט זיין אונטערשטער ליפּ און גאָרנישט געזאָגט. נישט געוויינט, נישט פאַרקרימט דאָס פּנים, נאָר שטרענג

און גלייך, א בלאַסער, געקוקט דעם פאָטער אין פּנים אַריין. דער פאָטער האָט אַלץ אויסגעמיטן דעם בליק פון זיין זון און געקוקט צום פענצטער צו.

— די איינציקע שולד, וואָס איך טראָג קעגן דיין מוטער, איז דאָס, — האָט דער פאָטער ווידער נאָך אַ פּויזע אָנגעהויבן צו שטאַמלען, — וואָס איך האָב זיך נישט געפונען ביי איר טויטן בעט אין דער שעה, ווען זי האָט מיך אַמנויטיקסטן באַדאַרפט. נאָר מיין פאַרענטפערונג איז די, וואָס איך האָב נישט געוווסט, ווי ערנסט עס איז די לאַגע. קיינער פון אונדז האָט נישט געוווסט. דאָס אומגליק איז געקומען אומגעריכט, כמעט פּלוצלינג, און מיינע ערנסטע פליכטן צו אונדזער פירמע, פון וועלכער טויזנטער משפּחות זענען אָפּהענגיק מיט זייער ברויט, האָט מיך געהאַלטן אָנגעבונדן צו מיין שרייב־טיש. דאָס איז מיין פאַרענטפערונג פאַר דיר, מיין זון, פאַר גאָט, פאַר מענטשן. נאָר דאָך איז עס אַן אומ־פאַרגעבלעכע זינד. יאָ, איך ווייס עס, איך פיל עס, וואָס איך, איר מאַן, האָב זיך נישט געפונען אין דער נאָענט פון איר אויסגייענדיקער נשמה. בלויז אַנע אַליין האָט זיך געפונען. איר מאַן איז נישט געווען דערביי. איך וועל עס מיר קיינמאָל נישט קענען מוחל זיין, — האָט דער פאָטער געזאָגט און פּלוצלינג אַרויסגענומען אַ ווייס טאַשן־טוך און פאַרדעקט זיך די אויגן.

„פאַרוואָס האָט ער דאָס געטון? פאַרוואָס? פאַרוואָס?" — האָט זאַכארי געשלאָגן אין זיך מיט די ווערטער, ווי מיט דער פויסט.

געמיינט מיט די ווערטער האָט ער דאָס טאַשן־טוך, וואָס דער פאָ־טער האָט זיך צוגעלייגט צו די אויגן.

— און דו זאָגסט גאָרנישט? דו שטייסט די גאַנצע צייט? פאַרוואָס שווייגסטו? פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט? — האָט דער פאָטער ווי פּלוצ־לינג זיך אָן אים דערמאָנט.

אויך זאַכארי האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ באַטויבונג, וואָס ער וואָלט געקראָגן פון אַ קלאַפּ אין קאָפּ.

— יאָ, זיי מוחל, פּאַפּעשקע, זיי מוחל. איך וויל איצט זיין אַליין, — האָט ער געזאָגט און זיך אויסגעדרייט אַרויסצוגיין.

— יאָ, איך פאַרשטיי, מיין טייערער, איך פאַרשטיי, — האָט דער

פּאַטער געזאָגט, און אַ שטראָם אויפריכטיקע טרערן האָבן געגעבן אַ שפּריץ אַרויס פון זיינע אויגן.

— הער אויף! הער אויף! — האָט דאָס יינגל פלוצלינג אָנגעהויבן צו שרייען אויף זיין פאָטער מיט אַזאַ הויכער בייזערדיקער שטימע, אַז דער פאָטער איז פאַרוואונדערט געוואָרן, אייגנטלעך נישט ריכטיק פאַר־שטאַנען, וואָס דאָס יינגל וויל. באַמערקט, ווי דעם זונס הענטביילן זיך צו פויסטן, האָט ער אים צוגעוואָרפן:

— דו באַרואיק דיך, יינגל, באַרואיק דיך. אַלץ האָט אַ מאָס. מיר קאָנען גאָרנישט מאַכן — גאָט אַליין. נאָר גבריאל חיימאָוויטש האָט שוין גערעדט צו זיך אַליין. זאַכאַרי איז אַרויסגעלאָפן און איינגעשלאָסן זיך אין זיין צימער.

— צו שטאַרק אים אָנגערירט, באַדאַרפט באַטראַכטן צוערשט, ווי אַזוי דאָס אים צו ברענגען, נישט פאַר אַמאָל. מען באַדאַרף נישט פאַר אַמאָל. צו שטאַרק, צו שטאַרק, — האָט דער פאָטער גערעדט צו זיך און אָנגעקלונגען צו מאַריאַ איוואַנאָוונען.

— גיט אַכטונג אויף אים, אייגענע, גיט אַכטונג אויף אים מוטער־לעך. איך האָב מורא — צו שטאַרק אים אָנגערירט, צו שטאַרק.

— באַרואיקט אייך, גבריאל חיימאָוויטש, באַרואיקט אייך. דאָס יינגל וועט זיך אויסוויינען, וועט אים לייכטער זיין. עס איז דאָך אַן איי־גענע געבוירענע מאַמע. און זי האָט גענומען איר ווייסן שירץ און האָט אָפּגעווישט די קאַלטע אַנגסטן פון גבריאלס גרויסן שטערן, פון זיינע באַקן, געטריקנט זיינע שפּיצנדיקע באַקן־בערד. און דער אַלטער האָט נישט באַמערקט, ווי אַנשטאָט דאָס יינגל, פּיעשטשעט די ניאַניע אים אַליין.

— איר זענט דאָך אינגאַנצן אין אַנגסטן, גבריאל חיימאָוויטש, — האָט זי געזאָגט.

גבריאל חיימאָוויטש האָט זיך געלאָזט אין זיין פאַרלוירנקייט טרי־קענען זיין פּנים פון מאַריאַ איוואַנאָוונאַס פאַרטוך, ווי אַ קליין קינד לאָזט זיך פון אַ מוטער אויסווישן די טרערן, און געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך:

— פאַרוואָס האָט ער געשריגן אויף מיר? — און פאַרוואָס האָט ער מיך נישט געלאָזט וויינען? פאַרוואָס?

פלוצלינג האָט ער באַמערקט, ווי מאַריא איוואַנאָוונא טריקנט אים דאָס פּנים און באַרואיקט אים. האָט ער זיך פאַרשעמט, זי אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט, אַרויסגענומען זיין ווייס טאַשן־טוך און אַליין געטריקנט זיך דאָס פּנים.

— דו גיי נאָר אַריין צו אים; איך האָב מורא פאַר דעם יינגל.

זאַכאַרי האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין צימער. — ער האָט נישט געקאָנט וויינען, עס האָט זיך אים גאָרנישט געוואָלט וויינען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין טיש, דאָס פּנים אָנגעלענט אויף זיינע הענט און געפּרוּווט אַרויסרופן אין זיין אילוזיע זיין מוטערס געשטאַלט, און באַין אופן נישט געקאָנט. ער האָט גאָרנישט מער געדענקט, ווי זיין מוטער האָט אויסגעזען. נישט איר פּנים, נישט איר פיגור, נישט אירע הענט, ביז ער האָט זיך נישט אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וווּ אַ קליינע פאָטאָגראַפיע פון זיין מוטער איז געהאַנגען פאַר זיין בעט.

דאָס געשטאַלט פון זיין מוטער אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט גאָר־נישט אַרויסגערופן ביי אים קיין באַזונדערע טרויעריקע געדאַנקען. זיין מוטערס פּנים האָט אים גאָרנישט דערמאָנט אין קיין לעבעדיקן נאָענטן מענטשן, וואָס איז געשטאָרבן. עס איז געווען ביי אים ווי אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ בילד, צו וועלכן מען איז צוגעוווינט, און מען ווייסט נישט מער, צי די פּערזאָן, וואָס דאָס בילד שטעלט פאָר, איז ווירקלעך געווען אין לעבן, אָדער עס איז נאָר אַ פאַנטאַזיע פון קינסטלער. וויפיל ער האָט זיך נישט געמיט אַרויסצורופן אין זיין זכרון דאָס אָנדענקען פון אַ לעבעדיקן נאָענטן מענטשן, פון איר צורירונג צו אים, כדי אַזוי אַרום אַרויסצורופן דעם גאַנצן שמערץ פון איר טויט, איז עס אים נישט געלונגען. ער האָט געוווסט, אַז ער באַדאַרף עפּעס טון, וואָס יעדער איינער טוט אין אַזעלכע פאַלן: ער מוז וויינען, ער דאַרף ווערן פאַרצווייפלט, שלאָגן דעם קאָפּ אָן וואַנט; ער באַדאַרף מיט עפּעס אַרויסווייזן זיין ווייטיק, זיין טרויער. ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון, און נישט געקאָנט טון, ווייל ער האָט ביי זיך באַין אופן נישט געקאָנט אַרויסרופן די אילוזיע פון זיין מוטערס טויט. די גרויסע פאָטאָגראַפיע דאָרט אויבן אין זאַל, דער וויי־סער האַלדז, די אויגן, דאָס פּנים — דאָס האָט שוין אַזוי לאַנג ריכטיק נישט געלעבט, און דאָך לעבט עס שטענדיק. ווען ער וויל, באַדאַרף ער

נאָר פאַרמאַכן די אויגן און ער קאָן זי זען: אָט דעם האַלדז און אָט דאָס פּנים, און דערפילן דעם פּערפום פון אירע קליידער, דעם פּערפום צוזאַמען מיט דעם נאַפטאַלין־געשמאַק. דאָס איז דאָך גאָרנישט געשטאָרבן.

ער האָט זיך געשעמט אַרויסצוקומען פון זיין צימער, דערפאַר וואָס ער וויינט נישט, וואָס ער שרייט נישט, וואָס ער טוט גאָרנישט, כאָטש ער האָט דערפילט מאַריאַ איוואַנאָוונאַס טריט פאַר זיין טיר, אַרויף און אַראָפּ: ווי אַ שטומע חיה ליגט זי הינטער דער טיר, פּרוווט אַריינקוקן דורך דעם שליסל־לאָך, דורך אַ שפּאַלט, אויסצוגעפינען, וואָס ער טוט, ווי ער פילט זיך, כאָטש זי זאָגט נאָך נישט קיין וואָרט אַריינצורעדן צו אים... און געוואָלט וואָלט ער, אַז זי זאָל אים יאָ רופן, וואָלט ער געהאַט אַ תירוץ אַרויסצוקומען פון זיין צימער...

ער האָט געהאַט צער און קרענקונג דעריבער, וואָס ער האָט זיין פאָטער איבערגעריסן די טרערן, וואָס ער האָט אויף זיין פאָטער געשריגן.

— ווי אַזוי האָב איך דאָס געוואַגט? ווי אַזוי האָב איך דאָס געטון? מיט וואָס פאַר אַ רעכט? אָ, וואָס פאַר אַ שלעכטער איך בין! וואָס פאַר אַ געמיינער מענטש. איך האָב אים איבערגעריסן די טרערן דענסטמאָל, ווען זיי זענען אַליין געקומען, פון זיך, אויף דעם טויט פון זיין ווייב, וואָס איז מיין מוטער.

ער האָט פאַרשטאַנען מיט זיין שכל די גאַנצע אומגערעכטיקייט פון זיין טאַט, אָבער געפילט האָט ער נישט, אַז ער האָט עפּעס שלעכטס געטון. געפילט אין זיך האָט ער, אַז ער האָט רעכט געהאַט, אַז מען האָט אַזוי באַדאַרפט טון, כאָטש ער קאָן זיך נישט אָפּגעבן קיין רעכענונג, פאַרוואָס און פאַרוועץ.

אַרויסגעקומען איז ער פון זיין צימער פריער, ווי אַלע האָבן עס דערוואַרט (און אַרויסגעקומען איז ער אַליין, איידער עס האָט אים נאָך ווער גערופן). געפונען האָט ער נאָר מאַריאַ איוואַנאָוונאַ הינטער זיין טיר, מיטן פאַרטוך איבער די אויגן (אַז קיינער האָט נישט געזען, האָט זי געוויינט פאַר זיך, אָבער באַין אופן נישט אַרויסגעוויזן די טרערן פאַר אַנדערע).

— וואָס מרוטשעסטו ווי אַ קו? — האָט ער זיך אויף איר געבייזערט, און קיין איין טרער האָט מען נישט אָנגעזען אויף זיין פּנים, וואָס

עס האָט דאָך אויסגעזען סקאַנדאַליעז, ווי ער וואָלט גאָר קיין האַרץ נישט געהאַט.

ער האָט זיך אַריינגעגנבעט צו זיין פאָטער אין קאַבינעט. דער פאָטער איז נאָך געזעסן, ווי פריער, ביי זיין שרייבטיש און אַרויסגעקוקט שטאַר אין דער נאַכט אַריין דורכן פענצטער. אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען אויף זיין פאָטער, ווען ער האָט איצט געקוקט אויף אים אומבאַמערקט, ווי פאַרלוירן און אומגליקלעך ער פילט זיך. „און איך, באַלוואַן — האָט זאַכאַרי מיט ווייטיק געטראַכט — האָב טאַקטלאָז איבערגעריסן זיינע טרערן. איך מיט מיין פאַרשטיינערט, אוממענטשלעך האַרץ, וואָס פאַר אַ „באַלוואַן", וואָס פאַר אַ „נאַכאַל" איך בין". ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פאָטער מיט שטילע טריט, אַ פאַרשעמטער און אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ שולדיקער:

— דו קאָנסט מיר מוחל זיין, פאַפעשקע? איך בעט דיך, זיי מיר מוחל! — האָט זאַכאַרי געזאָגט און קוים צוריקגעהאַלטן זיינע טרערן, וועלכע זענען איצט געקומען אַליין פון זיך, נישט איבער זיין מוטערס טויט, נאָר אויס פאַרדרוס, וואָס ער האָט אַזוי געהאַנדלט קעגן זיין פאָטער.

— דו ביסט עס, זאַכאַריושקע? — האָט זיך דער פאָטער אויפגעכאַפּט פון זיין וואַכעדיק טראַכטן — וואָס, האָסט זיך שוין באַרואיקט, קינד?

— זיי מיר מוחל, פאַפעשקע, איך בין געווען אַזוי גראָב, אַזוי טאַקטלאָז. זיי מיר מוחל!

— אָ, גאָר נישט, טייערער, איך פאַרשטיי דיך, איך פאַרשטיי דיך. מיר באַדאַרפן איצט ביידע זוכן טרייסט, איינער אין דעם אַנדערן. קום אַהער צו מיר, זאַכאַריושקע!

זאַכאַרי איז צוגעגאַנגען צום פאָטער, נאָר אָנשטאָט אַריינצופאַלן אין זיינע אָפענע אָרעמס, וואָס דער פאָטער האָט אויסגעשטרעקט צו אים, האָט ער גענומען דעם פאָטערס האַנט און באַגאָסן מיט וואַרימען גאַווער פון זיין מויל...

קאַפּיטל 10

דעם פּאָטערס ווייב

נאָכן ענדיקן גימנאַזיע איז זאַכאַרי אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט אין פּעטערבורג. דאָס גרויסע הויז אין יעקאַטערינענבורג איז איבער־געבליבן אָפּן, אַלס „טראַדיציע”. ער, מאַריאַ איוואַנאָוונאַ און מאַמעשקעס פּאָטאָגראַפיע האָבן זיך אויף דער צייט פון זיין שטודיום איבערגעקליבן אין דער רעזידענץ, ווו דער פּאָטער האָט געהאַט זיינע גרויסע געשעפטן. דער זון האָט געוווינט אין אַ באַשיידענער קליינער וווינונג, און דער פּאָ־טער איז ווייטער געבליבן אין דעם גרויסן האָטעל „יעוראָפּעיסקאַיאַ גאָס־טיניצאַ”, אין וועלכן ער האָט געהאַט זיין שטענדיק וווינאָרט אין פּע־טערבורג.

געקומען אין דער הויפּטשטאָט, באַקענט זיך ערשט רעכט מיטן פּאָ־טער, איז זאַכאַרי געוואָרן די אמתע סיבה, פאַרוואָס זיין מוטער האָט אים אַזוי פרי פאַרלאָזט. זיין פּאָטער און זיין מוטער זענען געווען צעשיידט. די שטילע צעשיידונג איז פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס זיין פּאָטער האָט אָנגעהאַלטן באַציאונגען מיט אַן אַנדערער פרוי, אַ געוויסע זינגערין אין פּעטערבורג. די באַציאונגען עקזיסטירן נאָך ביזן היינטיקן טאָג. דער פּאָטער האַלט זי אויס אין אַ פּרעכטיקער וווינונג אין דעם מאָדערנסטן טייל פון שטאָט, אויף „קאַמענאָ אָסטראָווסקי פּראָספּעקט”. זי האָט פּאָר איר געבוירן אַן אייגענעם עקיפּאַזש. די דאַמע איז באַקאַנט אין פּעטערבורג, אַמאָל האָט איר נאָמען גאָר געקלונגען, אַלס אַ באַרימטע שיינהייט, אונטער איר טעאַטער-פּסעוודאָנים „העלענע”. איר ריכטיקן נאָמען האָט זאַכאַרי נישט געוווּסט.

פאַר מענטשן וווינט דער פּאָטער אין האָטעל — אָבער אין אמתן איז ער נאָר איינגעשריבן דאָרט. — וווינען וווינט ער מיט דער דאַמע — מיט וועלכער, מען זאָגט, אַז ער האָט אומגעזעצלעכע קינדער — אויב עס איז וואָר, ווייסט זאַכאַרי נישט ביזן היינטיקן טאָג.

אַז דער צוואַנציק-יעריקער בחור (דענסטמאָל אויפן ערשטן קורס פון יורידישן פאַקולטעט, אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט) איז געוואויר

געוואָרן פון זיין פאָטערס אפּערע מיט דער שווישפּילערין (און געוואָר געוואָרן איז ער דאָס פון זיך אַליין, קיינער האָט אים ספּעציעל דאָס נישט אַנטדעקט, נאָר דער פאַקט איז געווען אַזוי אַלגעמיין באַוווּסט אין גאַנץ פּעטערבורג, צווישן אַלע באַקאַנטע, מיט וועלכע דער פאָטער האָט אים צוזאַמענגעבראַכט, אַז קיינער האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו באַהאַלטן דאָס פאַרן זון) — אַז ער איז געוואָר געוואָרן וועגן דער עקזיסטענץ פון דער דאַמע, האָט ער פאַרשטאַנען דעם טראַגישן טרויער און צער וואָס קוקט אַרויס פון מאַמעשקעס שיינע אויגן. ער האָט דערפילט דאָס ביטערניש, די פאַרצווייפלונג פון מאַמעשקעס שמייכל אויף אירע שיינע ליפּן, דעם באַליידיקטן שטאָלץ, וואָס קוקט אַראָפּ פון איר פּנים. די „אויסגעטווישטע", די „פאַרשטויסענע" — זי מיט איר הויכן ווייסן אַלאַבאַסטער האַלדז — ווי אויף אַ שטאָלצן שוואַן — איז געוואָרן אויסגעטווישט אויף אַ ביליקער שווישפּילערין. גאָט, וויפיל האָט זי געמוזט ליידן?! — וויפיל האָט זיך געמוזט אָנזאַמלען ביטערקייט אונטער איר הויט? — איצט קאָן ער עס זען אין דער הויכער וואַליע, וואָס בלאָזט זיך אָן אין מאַמעשקעס האַלדז — אַזוי ווי די גאַנצע ביטערקייט וואָלט זיך דאָרט אָנגעזאַמלט און זי קאָן זי נישט אַראָפּשלינגען און עס בלייבט שטעקן אינמיטן האַלדז...

ער האָט דערפילט די טרויעריקייט, וואָס הילט איין מאַמעשקעס געשטאַלט; דער „סוד", וואָס ער איז געוואָר געוואָרן, איז געווען אַ פּירוש אויף מאַמעשקעס בילד. ער האָט איצט די פאָטאָגראַפיע געזען מיט גאַנץ אַנדערע אויגן און אַלץ געקאָנט אַראָפּלעזן פון דעם פּנים, וואָס האָט שוין ערגעץ־ווו געפוילט אין דער ערד...

— גאָט, וויפיל האָט זי געמוזט ליידן, די אָרימע. — ער האָט דאָך זי געהרגעט, פּשוט געהרגעט, מיט די אייגענע הענט געטויט, — האָט דער בחור גערעדט צו זיך.

דאָך קאָן מען נישט זאָגן, אַז ער האָט געטראָגן אויפן פאָטער אַ כעס. ווען ער האָט אים נישט געזען — יאָ. אַ כעס, נישט עפּעס מער אָדער ווייניקער, אָדער גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז געווען ווי אַ רחמנות־געפיל, וואָס מען האָט צו אַן אומגליקלעכן מענטשן. „ער האָט זי (די מאַמעשקע) נישט פאַרשטאַנען, ער האָט זי נישט געקאָנט זען — דער אומגליקלעכער!" און קוים איז ער זיך צוזאַמענגעקומען מיטן פאָטער, געקוקט

אים אין פנים אריין — אין זיינע גרויסע, פולע, וואַסערדיק־בלויע אויגן, וואָס זענען געזעסן איינגעזעצט פון אויבן, אויף די פולע טאָרבעלעך פון זיינע אויגן־ראַנדן; אַז ער האָט געזען זיינע געלע באַקן־בערד, די באַקאַנטע היימישע פּאַטערישע נאָז, — איז יעדעס שלעכט געפיל צום פּאָטער פאַרשוווּנדן. עס איז איבערגעבליבן נאָר זונעשע פאַרערונג און קינדישע ליבע.

— נישט פאַר מיר אים צו משפטן. ווער ווייסט, וואָס האָט אים געבראַכט דערצו? — ווער ווייסט, וואָס ער האָט געליטן דערביי, — האָט זיך דער בחור געזאָגט.

שלעכטיקייט פון אַ נאָענטן מענטשן ציט פונקט אַזוי צו, ווי גוטסקייט, און אפשר נאָך מער... איז עס אפשר נישט געווען די אכזריות, מיט וועלכער זיין פּאָטער האָט באַהאַנדלט זיין מוטער, וואָס האָט דעם יונגן זאַכאַרי געמאַכט אונטערטעניק פאַר אים? יעדנפאַלס האָט זאַכאַרי פאַרמאָגט אַ טיפע אַכטונג צו זיין פּאָטער, נישט קוקנדיק אויף אַלע עוולות, וואָס ער האָט געפילט קעגן אים. ער האָט זיך אפילו נישט דערלויבט צו קריטיקירן דעם טאַטן אין דער שטיל פאַר זיך, און אוודאי האָט ער שוין פאַרמאַכט מאַריאַ איוואַנאָוונאַס מויל, יעדעס מאָל ווען זי האָט געפרוווּט עפּעס פאַרצוואַרפן דעם פּאָטער, אַז דער זון איז נאָר געווען דערביי, אָדער אונטערבונטעווען אים קעגן „יענער פרוי“, מיט וועלכער דער פּאָטער האָט זיך פאַרבונדן „אויף שאַנד און שפּאָט, פאַר גאָט און פאַר לייט“.

— אין אַלעם איז זי שולדיק, זי האָט אים צו אַלעם דעם געבראַכט, דו קאָנסט נישט קיין פרויען, מיין טייבעלע, — דו ביסט נאָך אַ יונגער צוציק, — כאָטש עס וואַקסן שוין ביי דיר וואָנסעס אונטער דער נאָז. — זי האָט אים געמאַכט אַזוי שלעכט קעגן דיין מוטער, די גאָטס פאַרלוירענע, היט דיך פאַר זיי.

— הער אויף, הער אויף, די מינוט! הער אויף, נישט דיר צו רעדן קעגן מיין פּאָטער, און יעדעס וואָרט קעגן זיין כבוד איז אַ באַליידיקונג פאַר מיר, — פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען? די מינוט הער אויף. ווי אַזוי וואַגסטו? — האָט ער אָנגעשריגן אויף זיין אַם און זיין דערציערין.

און וועגן „יענער פרוי“, וועלכע איז אין אַלעם שולדיק, האָט ער

אליין נישט שלעכט גערלערט, און האָט אויך נישט אַנדערע געלאָזט פון איר שלעכט רעדן. איבערהויפּט, צייט ער האָט זיך מיט איר אליין געטראָפן. יאָ, ער איז אַליין אַרויפגעגאַנגען צו איר. נאָך מער, ער האָט אפילו אַליין דעם פאָטער אויפגעפאָדערט, אַז ער וויל מאַכן די באַקאַנט־שאַפט מיט „העלענאַ סטעפאַנאָוונאַ", כאָטש דער פאָטער האָט זיך אויסגעהיט צו דערמאַנען דעם נאָמען פאַרן זון, קיינמאָל נישט גערעדט מיטן זון וועגן „יענער פרוי". ער האָט דאָך גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער זון ווייסט שוין פון אַלעם. ווען דער פאָטער האָט דערהערט דעם זון אַרויסרעדן דעם נאָמען, איז ער רויט געוואָרן. יאָ, זיינע אויערן האָבן אָנגעהויבן צו גליִען (ווי דענסטמאָל אין יעקאַטערינענבורג, ווען ער האָט געבראַכט דעם זון די בשורה פון דער מוטערס טויט), האָט זיך פאַרלוירן אַביסל ווי אַ קינד ווען מ׳כאַפּט עם ביי דער האַנט. דעם פאָטערס פאַר־לעגנהייט האָט אויף זאַכארין שרעקלעך אומאַנגענעם געווירקט. ער האָט זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז נישט גענוג טאַקטיש געווען, כאָטש ער האָט דאָך דאָס אַרויסגעבראַכט אַזוי נאַטירלעך און אָן יעדן הינטער־געדאַנק, און אַזוי איידל און דעליקאַט, ווי ער האָט נאָר געקאָנט. אָבער קוים איז דאָס ערשטע אייז געבראָכן געוואָרן, איז דער פאָטער צופרידן געווען, וואָס דער זון האָט דעם נאָמען דערמאָנט, און ער האָט זיך אָנ־גערופן צום זון שוין אויך נאַטירלעך, אין אַ גלייכגילטיקן טאָן:

— אַז דו ווילסט דווקא מאַכן באַקאַנטשאַפט מיט העלענאַ סטע־פאַנאָוונאַ, וועלן מיר אַמאָל צוזאַמען אַרויספאָרן צו איר, זי וועט זיך אויך פרייען דיך צו זען.

די „פרוי" איז גאָרנישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. פאַרקערט, זי איז געווען זייער אָנגענעם, זייער באַשיידן, און מיטן פאָטער האָט זי זיך געהאַלטן זייער אָנשטענדיק. זי האָט אים נישט געזאָגט „דו" און אויך נישט „ער". זיי האָבן זיך געזאָגט „איר", און נישט איינמאָל זיך אָנגערירט ביי די הענט... און קיין קליינע קינ־דער זענען אויך נישט געווען, וואָס זאָלן רופן זיין פאָטער „פּאַפּעשקע", ווי ער רופט אים... ניין, זי איז געווען אַ שטאַטלעכע פרוי, אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ העלע. איר לייב, וואָס האָט אַרויסגעשוווּמען פון איר לייכט קלייד, איז געווען בלענדנדיק העל, רויז קאָליר. אַ קאָפּ האָט זי געהאַט אַ בלאָנדן מיט פיל־פיל קליינע לאָקן, וואָס האָבן זיך צעשאָטן ווי פוך און

געמאכט זי העכער. זי האָט געדרוקט פאַפּיראָסן, דיניטש־קע פּאַפּיראָסן מיט מונדשטוקן. פיל האָט זי זיי געדרוקט, איינעם נאָ־כן אנדערן. געפּודערט איז זי געווען אביסל צו פיל, ווי מעל האָט זיך פון איר געשאָטן. און דער געשמאַק פון אירע פּערפומען איז געווען אַ געוויר־ציקער און אַ שטאַרקער, און געהערט זיך פון דערווייטנס...

נײן, עס זענען נישט געווען זײן מוטערס אײדעלע, שטילע פּערפו־מען, גאָר אַנדערע. און דאָס האָט אים אומבאַוווּסט הנאה געטון. זי איז געווען אַ פריילעכע און אַ גוטע, און אַ נאַטירלעכע. אַזוי ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען (דער פאָטער האָט איר געקושט די האַנט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט ברענגען איבער זיך, אַז ער זאָל איר קושן אין האַנט), — אַזוי ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים ביידע הענט און האָט אים גענומען און אוועקגעזעצט אים נעבן זיך אויפן ווייכן דיוואַן, ביי דער ווייס־מילכדיקער באַשירעמטער לאָמפּ, און האָט גערעדט צו אים אַזוי נאַטירלעך, אַזוי ווי זי וואָלט אים שוין געווען גע־קענט פון יאָרן און יאָרן, אַזוי אַז עס איז מיטאַמאָל אַוועק די שרעק און די אַנגסט, דאָס האַרץ־קלאַפּן און די קינדישע פאַרלוירנקייט, וועלכע זאַ־כאַרי האָט געהאַט ביים איבערטרעטן איר בודואַר.

— מיט אייער פאָטער זענען מיר שוין לענגסט באַקאַנט, פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן, ווען מיר זענען נאָך ביידע יונג געווען. איצט איז עס אונדז זייער אָנגענעם צו באַקענען זיך מיטן זון, איך האָב אַזוי פיל געהערט פון אייך, דורך די אַלע יאָרן פון אייער דערציאונג, נאָך פון די צייטן, ווען איר זענט אַ קליין קינד געווען. כאָטש פון דערווייטנס, אומבאַקאַנט, דאָך האָב איך מיטגעלעבט אייערע קינדער יאָרן פון פאַרברייטונגס־קלאַסן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ נאַטירלעך־פריינטלעכן שמייכל, און אים דערלאַנגט די טאַץ טיי, און די שטימע אירע איז געווען אַ וואַרימע, אַן אָנגענעמע און אַ מוזיקאַלישע.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי איז באַקאַנט מיט אַלע דעטאַלן פון זיין יונג לעבן. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מאַריאַ איוואַנאָוונען, צי זי דערגייט אים נאָך די יאָרן מיט איר שטרענג אויפּפּאַסן אויף זיין געזונט, אַז ער זאָל עסן צו דער צייט.

— מען באַדאַרף זיך, יונגער פריינט, באַפרייען פון איר, שוין צייט, נישט קיין קינד מער, אַז זי זאָל ציילן די שעהען פון אייער טאָג, — האָט

זי אים אונטערגעגעבן קוראזש.

— און ווו האָט איר געלאָזט סטעפאן איוואַנאָוויטשן? וואָס, ער האָט זיך טאַקע נאָך אַלץ נישט אויסגעשלאָפן? און פילט איר נאָך אַמאָל ווייטיק אין לינקן אָרעם, וואָס איר האָט זיך אויסגעלינקט אויפן גליטש, ווען איר זענט געווען אין פערטן קלאַס? און פון דער לונגען־אַנטצינדונג, וואָס איר האָט געקראָגן ביי דער פאַרקילונג אין זיבעטן יאָר, איז דאָך, גאָט צו דאַנקען, קיין פאָלגן נישט געבליבן. און די קאַטאַרן צו יעדן האַרבסט חזרן זיך שוין נישט איבער. און קיין „טראַן" באַדאַרפט איר אויך נישט מער טרינקען. אַזוי ווי איך זע, האָט זיך אייער ווּקס און אייער געוויכט נאָרמאַל אַנטוויקלט.

ער האָט אָנגעקוקט זיין פּאָטער פאַרוואונדערט. פון וואַנען ווייסט זי דאָס אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט? נאָר איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט צו וואונדערן זיך, האָט זי אים שוין בארואיקט:

— מיר זענען מיטגעוואַקסן מיט אייך, יונגער פריינט, נישט געזען, נישט באַקאַנט, פון דערווייטנס האָבן מיר דאָ מיטגעמאַכט יעדע אייערע קראַנקהייט, פון אַלעם האָבן מיר געוווסט.

דאָס איז אים געווען אי אַנגענעם און אי פאַרדראָסיק. אַ ביסל אַזוי ווי קנאה פאַר זיין מוטער. נאָך אַלעמען איז זי דאָך אַ פרעמדע, וואָס האָט זי זיך געהאַט צו אינטערעסירן מיט אַ פרעמד קינד, פון וועמען זי האָט געראויבט זיין פאָטער. אָבער אַנגענעם איז אים אויך געווען: עס האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס פון דערווייטנס, נישט באַקאַנט אפילו, האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדער געשעעניש פון זיין לעבן.

דאָס האָט באַלד געמאַכט נאָענט, מען וואָלט געזאָגט משפחהדיק.

זי האָט אים געוויזן אַלע זיינע פאָטאָגראַפיעס פון צווייטן קלאַס גימנאַזיע אָן. זיי זענען אויסגעשטעלט אין רעמעלעך ביי איר אויפן שפּיגל. די פאָטאָגראַפיע אויפן גליטש און די מיט אַ גרופּע חברים ביים ענדיקן דעם פערטן קלאַס, און די אין זיין מונדיר מיט אַ בוך אין האַנט, און נאָך אַנדערע, — די אַלע וואָס ער האָט געשיקט זיין מוטער, וואָס זיין פאָטער האָט צוגענומען פאַר זיך, ווען ער איז געווען־אינדערהיים. און די קנאה פאַר זיין מאַמע איז איצט שטאַרקער געוואָרן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער באַדאַרף איצט אַריינגיין אין זיין מוטערס ראָלע, פילן פאַר איר, וואָס זי קען שוין נישט אַליין, זיין אייפערזיכטיק פאַר זיין מו־

טער. „וואָס האָט זי געהאַט צוצונעמען זיינע פאָטאָגראַפיעס און צו האַלטן ביי זיך?" אָבער דער פאַקט, וואָס ער איז שטענדיק געשטאַנען ביי איר אויפן שפּיגל אַן אומבאַקאַנטער, האָט זי נענטער געמאַכט צו אים.

צום עסן האָט זי נישט איינגעהאַלטן, און דאָס איז אים געפעלן, און דער פאָטער איז אויך נישט געבליבן צום עסן (דאָס איז אים אויך געפעלן). פאָטער און זון האָבן צוזאַמען פאַרלאָזט דעם בודואַר, מיט דעם צוזאָג, אַז ער וועט באַלד זי ווידער באַזוכן. „יעדעס מאָל, ווען איר וועט פילן ווי אַריינצוקומען צו מיר, ווען איר וועט ווען, צי יאָ מיטן פאָטער, צי אָן פאָטער, — ווען עס וועט זיך אייך נאָך גלוסטן, אָן צערעמאָניעס, ווי צו אַ גאַנץ נאָענטן מענטש".

ביים אוועקגיין האָט ער איר שוין געקושט די האַנט, און די גע־ווירציקע, שטאַרקע פּערפומען האָבן שוין נישט געווירקט אַזוי ווולגאַר.

אויפן וועג, אין שליטן, האָבן טאַטע און זון געשוויגן, אָדער גאָר גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן, נאָר אינמיטן דרינען, אין אַ געשפּרעך וועגן גאָר עפּעס אַנדערש, האָט זיך דער פאָטער אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַזוי ווי ער וואָלט עס געוועזן געזאָגט פאַר זיך אַליין, אָדער ווי עס וואָלט נאָר געוועזן אַ געדאַנק פאַר זיך, וואָס ער קלערט הויך:

— נאָכאַמאָל חתונה האָבן וועל איך שוין נישט, — פאַר מיר איז עס שוין גענוג.

און דער זון האָט אויך אָפּגעענטפערט פאַר זיך, אין אַ געדאַנק, וואָס ער האָט געדענקט הויך:

— און פאַרוואָס נישט?

מער איז דערפון נישט געוואָרן גערעדט.

מאַריאַ איוואַנאָוונאַ איז געוויר געוואָרן, אַז זאַכאַרי האָט באַזוכט „יענע פרוי, וואָס איז אין אַלעם שולדיק". ווי אַזוי זי איז געוויר גע־וואָרן, איז אַ רעטעניש, קיינער האָט עס איר נישט געזאָגט, נאָר מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט געקאָנט אַרויספילן זאַכן פון דער לופט, ווי אַ גוטער פּאָליציי־הונט דערשמעקט דורכן גערוך. זי האָט עס נישט צו וויסן גע־געבן דורך ווערטער, נאָר מען האָט שוין געוווּסט.

זאַכאַרי האָט זי געפונען אַ ברוגזדיקע, זייער אַ קאָרעקטע, און ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, האָט זי אים אָנגעהויבן צו „אירצן". נאָר

דאָס מאָל איז זי געווען גאָר אומדערטרעגלעך. זי האָט געוויינט אין די ווינקלען, און מיט איינמאָל האָט זאַכארי גאָר געפונען דער מוטערס פאָ-טאָגראַפיע פאַרהאַנגען מיט אַזוי פיל שוואַרצע קרעפּע און ווייסע רויזן, אַזוי ווי זי וואָלט ערשט נעכטן געשטאָרבן.

— וואָס ווילסטו, וואָס? עס איז פּאַפּעשקעס אַ גוטער פריינט, פון לאַנגע יאָרן אָן, און זי איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי דיר דאַכט זיך. זי איז זייער אַ גוטער מענטש, די העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ, און איך בין איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס מענטשן רעדן אויף איר, איז ריינע רכילות. זי איז אַ גוטער מענטש, און דו האָסט זיך צו שעמען דערפאַר, וואָס דו קלערסט וועגן אַ ריינעם מענטש שלעכטס.

זי האָט אים געלאָזט אויסרעדן און גאָרנישט געענטפערט, נאָר צום סוף האָט זי געגעבן אַ בורטשע־אונטער אין טיכל אַריין איינע פון אירע בורטשעס, ווי זי האָט געקאָנט:

— אַלע אומגעטריי געוואָרן דער געשטאָרבענער, דער טאַטע מיטן זון. וואָס טוט זי אייך אָן אַזעלכעס, די מכשפהטע?

— דו הערסט, ניאַניאַ, דו האָסט זיך דאָ נישט אַריינצומישן, דו הערסט!

— אוודאי, ווער בין איך דאָ דען? נאָר אַ דינסט. וואָס האָב איך זיך דאָ אַריינצומישן? נאָר אַז דאָס האַרץ קרענקט, מעג איך דאָך רעדן. אַז מען ציט אוים די לאַפּאַטקעס, ווערט מען אפילו פון אייגענעם בלוט פאַרגעסן.

— אָבער, הער, ניאַניאַ, הער, עס איז דאָך נישט אַזוי ווי דו מיינסט,

— האָט זיך זאַכארי געגומען פאַרענטפערן פאַר איר.

עס האָט נישט געהאָלפן. פון דעם טאָג אָן, ווען ער האָט באַזוכט העלענאַ סטעפּאַנאָוונען, האָט ער דערפילט אַ קאַלטקייט פון זיין אייגענער אַם, עפּעס איז אין איר צו אים אָפּגעשטאָרבן.

און העלפן האָט ער זיך נישט געקאָנט, צו העלענאַ סטעפּאַנאָוונען האָט ער געמוזט אַרויפגיין. מען קאָן זאָגן, עס האָט אים איצט געצויגן צו דער פרוי. אַ פרעמדקייט, וואָס איז אים נאָענט געווען, אַ פיינט־שאַפט, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פריינטשאַפט. נאָך אַלעם איז זי דאָך געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אים געקענט און וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל שייכות צו אים אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט,

אַ חוץ זיין פֿאָטער. זי האָט געוווּסט אַלץ וועגן אים, און זי האָט געקאָנט אַזוי גוט רעדן צו אים, אַז מען קאָן זאָגן — דורך די פּאָר שעה יעדעס מאָל, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט ביי איר אין בודואַר, האָט ער זיך געפֿונען אין אַ ריכטיקער משפּחהדיקער אַטמאָספֿערע. אַן אינטעליגענטע פֿרוי, כמעט אַזוי ווי זיין מוטער איז געוועזן... נישט אַזוי ווי מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, וועלכע האָט אים ביז איצט פֿאַרטראָטן די ווייבלעכקייט און די מוטערלעכקייט.

ער איז אַרויפֿגעקומען צו איר אָן דעם פֿאָטער און האָט יעדעס מאָל געפֿונען ביי איר דאָס, אין וואָס ער האָט זיך גענויטיקט: אַ פֿירנדע האַנט פֿון אַ דערפֿאַרענער, אינטעליגענטער פֿרוי, וואָס זאָל האָבן צו אים ריין מוטערלעכע געפֿילן. און זי האָט געקאָנט רעדן. רעדן וועגן אַלעם, וועגן די אינטימסטע זאַכן, אַזוי פֿריי, אָפֿן, אין אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכן טאָן, אַז מען האָט זיך גאָרנישט באַדאַרפֿט שעמען, אָדער עפּעס באַהאַלטן פֿאַר איר.

דורך איר, קאָן מען זאָגן, זענען פֿאָטער און זון נענטער געוואָרן, צוגעבונדענער. פֿאָטער און זון, וואָס האָבן זיך כמעט איינער דעם אַנדערן נישט געקענט, זעלטן געווען צוזאַמען, זענען דורך די ערשטע פּאָר חדשים באַלד, ווי זיי האָבן זיך געפֿונען אין פּעטערבורג, זייער נאָענט געוואָרן. גבריאל חיימאָוויטש האָט געפֿילט אַ באַדערפֿעניש אָפֿט צו זיין מיט זיין זון, אַ שוואַכקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צום ערשטן מאָל זייט ער האָט קינדער. ער איז שטאָלץ געוואָרן אויף זיין זון. דער פֿאָטער פֿלעגט אָפֿט אַרויפֿקומען צו זיין זון אין זיין באַשיידענער וווינונג אויף אָוונט-ברויט, — מאַריאַ איוואַנאָוונאַס באַשיידענע מאָלצייטן, אירע פֿלייש-זופּן, — און פֿאַרברענגען מיט זאַכאַרין שעהען-לאַנג אינדערהיים. דער פֿאָטער האָט אַ סך גערעדט מיטן זון, דערציילט אים וועגן זיינע געשעפֿטן, וועגן זיינע באַגעגענישן, און אָפֿטמאָל אויך דיסקוטירט וועגן פּאָליטיק. גבריאל חיימאָוויטש האָט זייער מורא געהאַט, אַז דער זון זאָל זיך נישט אָנשליסן אין וואָסערע ס'איז פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַפֿילו דאַן, נאָך דער רעוואָלוציע פֿון פֿינפֿטן יאָר, געווען שוואַך ביי דער סטודענטשאַפֿט, דאָך איז געווען אַ געפֿאַר. דער פֿאָטער פֿלעגט דאַן אָפֿט איינטענהען מיטן זון:

— געוויס, געוויס, קיינער פֿון אונדז איז נישט צופֿרידן מיטן

הערשנדן רעזשים. געווים, געווים מוז געשען אן ענדערונג, אָבער אויף א גאַנץ אַנדערן וועג, ווי אונדזערע רעוואָלוציאָנערן מיינען. אונדזער לאַנד איז נאָך אין א צושטאַנד פון כאַאָס. ביי אונדז איז נאָך קיין זאַך נישט פעסט איינגעזעצט, אַלץ איז נאָך וואַקלענדיק. דער אַרבעטער, דער אינ־דוסטריאַל, דער פּויער, דער גוטבאַזיצער, עס קאָן יעדער פון אונדז עפּעס אַנדערש ווערן, ווי ער איז היינט.

— ווי אַזוי קאָן מען דאָ מאַכן א רעוואָלוציע? נעמט אַרויס איין שטיין, צעפאַלט זיך דער גאַנצער בנין. לאָמיר נישט אַרבעטן איין טאָג, נישט גיין אין דעם טאָג־טעגלעכן שפּאַן ווי מיר זענען עס געוווינט — וועט אַלץ אונטערגיין. איך ווייס עס ביי מיר אין מיין אייגן געשעפט. לאָמיך פּרוּוון מאַכן איין נייע ענדערונג, ווערן זיי אַלע אַזוי צעשראָקן, צעפּירט, אַז עס נעמט מיר חדשים־לאַנג, ביז איך קאָן זיי אַריינפירן צו־ריק אין זייער רוטינע. פון האַלץ־העקער ביז צום אינזשעניער זענען זיי אַזוי. מיר קאָנען נאָר געדענקען בלויז איין שריט, דעם לעצטן און דעם נאָענטסטן — צוויי שריט פאַר אונדז קאָנען מיר שוין נישט זען. רעוואָ־לוציעס לאָזט זיך מאַכן אין איינגעפונדעוועטע לענדער, וווּ אַלץ האָט זיין פעסטגעזעצט אָרט, ווו די מענטשן קאָנען געדענקען. ווען דו וועסט צעברעכן איין אָרדענונג, וועלן זיי אויפן צווייטן טאָג צוריק אַריין אין דער נייער אָרדענונג יעדער אויף זיין פּלאַץ. דאָ, אַז דו וועסט עפּעס צע־ברעכן, וועט אַלץ צוזאַמענפאַלן. איך ווייס עס פון מיין אייגן געשעפט. לאָמיך היינט איבערגעבן מיינע פּויערים די זעג־מילן, וועלן זיי די זעגן צעברעכן, אָבער קיין נייע וועלן זיי נישט אויפבויען. און די באַנען וועלן זיך מוזן אָפּשטעלן, ווייל מיר וועלן נישט האָבן קיין שוועלן די שינעס אונטערצושטיצן.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז דעם פאָטערס ווערטער זענען געבליבן אָן איינפלוס אויף זאַכאַרין. עס איז נישט געווען די ריכטיקייט, די לאָגיש־קייט פון זיינע אויספירונגען, וואָס האָט דעם זון איבערצייגט — נאָר דאָס, וואָס זיין פאָטער זאָרגט זיך אַזוי איבער אים, אינטערעסירט זיך מיט אים, א זאַך צו וועלכער זאַכארי איז דאָך נישט געוווינט געווען, און דאָס האָט אים וואַרעם געמאַכט צו זיין פאָטער, און ער איז אים דאַנקבאַר געווען.

— אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, מיין זון, נאָר דו היט זיך אויס

דערפון. האָב אין זינען דיין לערנען, זון, דיין אייגן לעבן — מיין לעבן, וואָרום נאָך אַלעם האָב איך דאָך קיינעם נישט מער ווי דיך אַליין, טייערער!

ניין, זיין פאָטער זאָל רעדן צו אים אַזעלכע רייד, זאָל זיך אַזוי אַנטפּלעקן פאַר אים, מיט אַזעלכע סענטימענטן! — זיין פאָטער, וואָס האָט אים איבערגעלאָזט אַליין אַ קינד יאָרן-לאַנג ביי אַן אַם און אינ־טערעסירט זיך מיט אים נאָר אַזוי פיל, וויפל ער האָט געפונען פאַר ניי־טיק פאַר מענטשנס וועגן, און פלעגט פון צייט צו צייט מתנות צושיקן מיט אַ לאַקאָנישן בריוו: „קאָן נישט קומען, טייערינקער, אויף יום-טוב. פאַרנומען". (מיט געלט דאָס הויז צו פירן האָט דער קאָנטאָר באַזאָרגט.) דער פאָטער וואָס האָט זיין מוטער פאַרטוישט אויף אַ שוישפּילערין, אַ זינגערין, און אַכט יאָר כסדר זי נישט געזען, ביז זי איז געשטאָרבן: — דער פאָטער זאָל זיך אויסדריקן, אַז ער האָט גאָרנישט מער אין זיין לעבן נאָר זיין זון, ער לעבט פאַר זיין זון! ווי אַזוי זאָל מען אַזאַ פאָטער נישט ליב האָבן און נישט צוהערן זיך צו זיינע רייד?

קאַפּיטל 11

דער מאַמעס שאָטן פאַרשווינדט

גבריאל חיימאָוויטש איז אַלט געוואָרן. — שוואַרצע רינגען האָבן זיך אים אָנגעהויבן צו מאָלן אַרום זיינע אויגן, און די אויגן־טאָרבעלעך זענען וואָס אַמאָל מער לויזער און געפּאַלדעוועטער געוואָרן. אַז ער איז געקומען צום זון אין די אָוונטן, איז ער געווען שטענדיק מיד, געמוזט זיך אָפּרוען אויף דער קאַנאַפּע. און וואָס עלטער ער איז געוואָרן — אַלץ מער איז ער געוואָרן סענטימענטאַלער און אַלץ מער האָט ער אַרויסגע־וויזן זיין צוגעבונדנקייט צום זון. ער האָט אים שוין איצט, אין די לעצ־טע יאָרן פון זיין שטודיום, יעדן טאָג באַזוכט — דאָס וואָס ער האָט פריער געטון איין מאָל אין אַ יום־טוב. ער האָט איצט פיל גערעדט וועגן זייער אָפּשטאַם, וועגן זייערע עלטערן, און באַדויערט, וואָס ער האָט אַזוי

פארנאכלעסיגט זיין אמונה און דאס גאנצע לעבן געלעבט צווישן פרעמ־דע, — א זאך וואס ער האט שטענדיק אויסגעמיטן צו רעדן מיטן זון דערפון. — וואס מער זיי האבן אונדז פיינט, אלץ מער הייב איך אן צו פילן אונדזער אייגענעם ווערט, און אונדזער ווערט איבער זיי; מען באדארף זיך נאר פארשטעלן זיי א האלב יאר אין אונדזער אייגענער לאגע — וואס וואלט געווארן פון זיי?

„אונדז" — האט דער פאטער דערמיט געמיינט יידן; און „זיי" — די קריסטן. — דער זון האט אים אנגעקוקט פארוואונדערט. — פון וואנען נעמען זיך צום פאטער אזעלכע געדאנקען, וואס געשעט דאס מיט דעם אלטן?

עס איז געווען די אלגעמיינע רעאקציאנערע שטימונג פון לאנד און די ספעציפישע יידן־פיינטשאפט און אונטערדריקונג, וואס האט דעם גאנץ פארפרעמדטן גבריאלן צוריקגעבראכט אין די יידישע רייען.

— איך באדויער זייער, וואס איך האב דיר נישט געגעבן קיין יידי־שע דערציאונג, און געהאלטן דיך אזוי פרעמד פון אלעם דורך דיין גאנ־צע יוגנט; נאר — גארנישט — עס וועט זיך נאך לאזן פארריכטן. מען באדארף זיך איצט אנהייבן צו פאראינטערעסירן מיט אונדזערע אייגע־נע — האט ער אמאל דערהערט פון פאטערס מויל, ווען ער איז א מידער געקומען צו אים.

— וואס איז געשען, פאפעשקע?

— גארנישט איז געשען — נאר איך האב עס שוין איבערן האלדז — זייערע רעדעס אין דער „דומע", זייערע אויסנאם־געזעצן — זייער גאנצע שטעלונג צו אונדז!

זאכארי האט געשוויגן.

— איך באדויער, וואס איך האב זיך נישט באזעצט דאן מיט מיין משפחה אין אויסלאנד — און דיך אויך נישט דארט דערצויגן — אין אן אנדערער אטמאספערע — אפשר וואלט בעסער געווען.

נישט דער פאטער, נאר דער זון איז רויט געווארן. צום ערשטן מאל, וואס דער פאטער דערמאנט זיין משפחה. — אין די דאזיקע ווער־טער האט ער דערפילט דעם פאטערס איינזאמקייט — און אנטוישונג.

— דאס גאנצע לעבן אפגעלעבט, ווי אין א חלום; געמיינט: מען ארבעט פאר וועמען, מען איז עפעס, מען העלפט בויען א לאנד — מען

זוערט מיט־אריינגעפלאָכטן אין לעבן אריין — מען איז אַ מיטגליד פון אַ גרויסער נאַציע. גאָט מיינער, איך בין דאָך גאָרנישט מער, נאָר רוס. — עפּעס אַנדערש בין איך דאָך נישט, קיינמאָל דאָך עפּעס אַנדערש נישט געווען, מיין אייגנעם האָב איך דאָך פאַרנאַכלעסיגט — קיינמאָל עס נישט געהאַט, און דאָך מיטאַמאָל דערפילסטו דיך, אַז דו האָסט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט, ווי אויף דער גאַס, אין שטוב ביסטו קיינמאָל נישט אריינגעקומען.

און איינמאָל האָט אים דער פאָטער ארויפגענומען אין קאַנטאָר אריין, אים איבערגעגעבן אַ גרעסערע סומע געלט און געהייסן אים, ער זאָל עס אַוועקפירן צו אַ געוויסער יידישער פערזענלעכקייט, פאַר זייער אַן ערנסטן יידישן צוועק, אין וועלכן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישן כבוד.

— איך וויל זיי וויזן, אַז איך בין מיט זיי אין איצטיקן טרויעריקן מאָמענט — און איך וויל, אַז מיין זון אַליין זאָל זיי איבערגעבן דאָס געלט, — איך וויל זיי וויזן, אַז איך מיט מיין זון זענען מיט זיי.

דאָרט, ביי דער יידישער פערזענלעכקייט, אַז מען האָט דערהערט, פון וועמען די סומע געלט קומט — האָט מען זיך פאַרוואונדערט, צוערשט אפילו געקווענקלט זיך אָנצונעמען:

— פון גבריאל חיימאָוויטש מירקין — געמיינט, אַז ער באַלאַנגט שוין צו די אַנדערע...

דאָס איינציקע אָרט, אין וועלכן דער פאָטער האָט זיך גוט געפילט, איז דאָן געווען ביי העלענאַ סטעפאַנאָוונען, ווו ער פלעגט איצט מיטן זון פאַרברענגען זיין פרייע צייט. עס איז געווען כמעט דאָס איינציקע הויז, וואָס דער פאָטער און זון האָבן באַזוכט אין פעטערבורג. צוליב זיין אָפּגעזונדערטקייט פון יידן — האָט דער פאָטער כמעט נישט געהאַט קיין צוגאַנג צו יידישע הייזער. אין די קריסטלעכע הייזער פון באַן־מיניסטעריום־באַאַמטע, פון אַנדערע באַאַמטע, גענערעלער, מיט וועלכע דער פאָטער האָט געהאַט צו טון געשעפטלעך, און ווו ער פלעגט אָפט זיין פריוואַט — זעט זיך אוים — האָט ער זיך לעצטנס שלעכט געפילט און האָט זיי אויסגעמיטן. נאָר ביי העלענאַ סטעפאַנאָוונען האָט דער פאָטער זיך געפילט אינדערהיים (איצט האָט ער זיך שוין נישט זשענירט פאַרן זון), אונטער איר ווירקונג האָט ער צוריקגעקראָגן זיין זיכערקייט,

זיין פעסטן טאָן, זיינע האָפענונגען האָבן אויפגעלעבט, און ער האָט צו־ריקגעקראָגן זיין מוט און זיין הומאָר.

זי האָט שוין ארויסגעפילט, וואָס פאַר אַ טאָן אָנצושלאָגן, אים אריינצוברענגען אין אַ גוטער שטימונג. מיט איין בליק אויף אים האָט זי באַלד געוווּסט, אויף וואָס פאַר אַן אָרט דער שוך קוועטשט און געזוכט אַ דערלייכטערונג. אַז זי האָט אים דערזען מיט די טריבע אויגן — האָט זי שוין פאַרשטאַנען די אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס ער האָט היינט גע־האַט. און ווי מיט אַ בלאָז פון אַ פעכער — ווי מיט אַ וויש מיט אַ פלעדערוויש — האָט זי פון אים געקאָנט די שלעכטע געדאַנקען אָפּנעמען:

— טאָקע זיך דאָ איבער וואָס צו ערגערן, דאָס לעבן זיך צו פאַר־ביטערן... זיי זענען דאָך אַלע פאַרקויפטע נשמות — מיט אַ דריי־רובל־דיקן קאָנסטו דאָך זיי אַלע קויפן, — פון קלענסטן ביז צום גרויספירשט. דו מאַך נאָר זיי דאָס געלט שמעקן — וועסטו זען, ווי זיי וועלן שטיין פאַר דיר אויף די לאַפּקעס ווי הינטלעך.

— און ווער זענען זיי גאָר, וואָס האָבן זיי געטון און וואָס טוען זיי פאַר רוסלאַנד? — קענען זייערע שלעכטע ווילנס קומט דאָך דיר אוים אויסצופירן דיינע פּלענער. מיין נישט, אַז מען ווייסט נישט דערפון, געווען ביי מיר היינט מיכאַיל געאָרגעוויטש פון דער גרויסער „בירזשאָווקע". מיר האָבן גערעדט וועגן דיין „באַיקאַלסקי־פּלאַן". איבעריקנס, האָסטן געלעזן וואָס די מאָסקווער מאָרגן־צייטונג שרייבט וועגן דעם צוואַנציק־יעריקן יובילעאום פון דער טראַנס־סיבירישער באַן? זיי שטעלן דאָך דיך אַוועק פון אויבן־אָן. אין דער נייער אַלגעמיינער רוסישער ענצי־קלאָפּעדיע — הער איך — פאַרנעמסטו אַזש דריי גאַנצע זייטן. איך האָב זי דאָ — ס'האָט אַריינגעשיקט מיר מיכאַאיל געאָרגעוויטש. מיין נישט, אַז רוסלאַנד ווייסט נישט. רוסלאַנד ווייסט, ווער עס בויט זי און ווער עס צעשטערט זי — און וועט אַמאָל אַלעמען דערפאַר באַצאָלן מיט אַ פולער האַנט.

די אַלע אַרטיקלען זענען געוואָרן אינספּירירט דורך העלענאַ סטע־פאַנאָוונאַן און געקויפט געוואָרן פאַר גבריאל חיימאָוויטשס געלט, און זענען שטענדיק געווען אָנגעגרייט אין העלענאַס בודואַר — אויפצוהייבן די שטימונג פון אַלטן...

ווען דער זון האָט געזען דעם איינפלוס, וואָס די פרוי האָט אויף

זיין פאָטער — האָט ער זיך אַמאָל אָנגערופן צו אים אין שליטן, יוען זיי זענען צוזאַמען אַהיימגעפאָרן פון איר הויז:

— פּאַרוואָס זאָלסטו, פאָטער, נישט חתונה האָבן מיט איר? — איך מיין, עס וואָלט אפשר גוט געווען פאַר דיין...

דער פאָטער האָט אים נישט געלאָזט אויסרעדן. ער האָט אים איבערגעהאַקט מיט אַ בליק, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין הויכן קאָלנער אין דער נאַכט אַרויס:

— איך האָב דיר שוין געזאָגט איינמאָל, אַז פאַר מיר איז גענוג געווען דאָס מאָל...

אין אַ ווײַלע אַרום: —

— העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ איז נישט פון אונדזער גלויבן. דאָס איז אויך אַן אָפּהאַלט צו די פיל אַנדערע. און דיר, מיין זון, ראָט איך אויך נישט, אַז דו זאָלסט דיר אויסקלייבן דיין באַשערטע צווישן פרעמדע. — איך בין אַ ליבעראַל, שטענדיק געווען, און צווישן ייד און קריסט איז ביי מיר קיין חילוק נישט, — דאָך וואָלט איך עס נישט געוואָלט זען — כל זמן... — נאָר דעם זאַץ האָט דער פאָטער נישט פאַרענדיקט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער פאָטער אַוועק — אין דער יידישער קהלה — און געלאָזט זיך אָפיציעל פאַרשרייבן — זיך און זיין זון — פאַר מיטגלידער. ער האָט עס נישט געטון ביז איצט — האָט ער געזאָגט — ווייל זיי זענען אין פעטערבורג פרעמדע — צוגעשריבן צו יעקאַטערינענבורג — און דאָרט איז קיין יידישע קהלה נישטאָ.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער פאָטער אָפיציעל אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט יידישע ענינים און געגעבן גרויסע סומעס געלט אויף יידישע צוועקן.

דורך זיינע נייע אינטערעסן האָט ער זיך אויך באַקענט מיט דעם באַרימטן יידישן אַדוואָקאַט סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, צו וועמען זיין זון, זאַכאַרי, איז אָנגעקומען אַלס געהילף, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט פאַרענדיקט זיין אוניווערסיטעט־שטודיום.

דער פאָטער איז אפילו געווען קעגן דעם, אַז דער זון זאָל זיך באַשעפטיקן מיט אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק. ער האָט נישט אַנדערש גערעכנט, אַז זיין זון וועט אַריינטרעטן אין זיין קאָנטאָר אריין נאָך זיין שטודיום און מיט דער צייט איבערנעמען זיין פירמע, וואָס ער האָט

ארויסגעארבעט אַלס איינס פון די רייכסטע און אַנגעזעענסטע געשעפטן פון דער רוסישער גרויס־אינדוסטריע. ווי גרויס איז געווען דעם פאָטערס אנטוישונג, ווען דער זון האָט אים דערקלערט זיינע ווונטשן! עס האָט געהאַלטן ביי אַ קריג, נאָר די געשיקטע, שטענדיק וואכזאַמע העלענאַ סטעפאַנאָוונאַ האָט דאָס אויך פאַרגלעט. אונטער איר איינפלוס האָט דער פאָטער צוגעשטימט, אַז דער זון זאָל אויף אַ פּאָר יאָר לערנען די אַדוואָקאַטישע פּראַקטיק ביים באַרימטן אַדוואָקאַט, כדי — ווי עס זאָל נישט זיין — זאָל ער האָבן זיין פאַך אין האַנט. און דער זון האָט זיך נישט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער אידעע — דאָך אַריינצוטרעטן אין פאָטערס קאַנטאָר, נאָר מען האָט עס אָפּגעלייגט נאָר אויף אַ פּאָר יאָר און פאַררעכנט די צייט, וואָס ער דינט ביים אַדוואָקאַט, אַלס פאַרזעצונג פון זיין בילדונג.

שוין העכער אַ יאָר צייט, ווי זאַכאַרי געפינט זיך אַלס געהילף פון באַרימטן אַדוואָקאַט. ער וווינט נאָך אַלץ באַזונדער אין זיין סטודענטן־וווינונג, און דער פאָטער אין האָטעל. און נישט אָפיציעל ביי העלענאַ סטעפאַנאָוונען. כאָטש לעצטנס רעדט דער פאָטער וועגן דעם, אַז מען זאָל נעמען אַ גרויסע וווינונג, און פאָטער און זון זאָלן וווינען צוזאַמען.

זאַכאַרי לייגט עס דערווייל אָפּ.

קיין באַזונדערע פאַרפאַלן האָבן זיך נישט געטראָפן מיט אים. אַ חוץ דאָס, וואָס זאַכאַרי האָט זיך באַלד ביים אָנהויב פאַרליבט אין דעם באַרימטן אַדוואָקאַטס טאָכטער, נינאָטשקאַ, וועלכע האָט שוין געשמט אַלס שיינקייט אין פעטערבורג. עס איז אויך געווען צו דערוואַרטן — עס איז געווען די ערשטע פרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אין לעבן, אַלס יונגער מענטש, נאָך דער געשטאַלט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך פון זיין מוטער פון זיינע קינדער יאָרן.

פון דעם זונס שטילע סענטימענטן האָט געוווסט דער פאָטער, האָט געוווסט העלענאַ סטעפאַנאָוונאַ. כאָטש ער האָט קיינעם וועגן דעם קיין וואָרט נישט פאַרטרויט — האָבן אפילו געוווסט נינאָטשקאַס עלטערן, — און מער פון אַלע נינאָטשקאַ אַליין, און אַלע האָבן דערויף געקוקט ווי אויף אַ געווינטשענע זאַך, און אָפּגעוואַרט די אַנטוויקלונג פון דער

געשעעניש, ביז זי וועט פירן צו דעם גליקלעכן רעזולטאַט, וועלכן אַלע האָבן זיך געוואונטשן, אַז ער זאָל וואָס שנעלער געשעען.

יאָ, איידער מיר פאַרענדיקן דאָס דערציילן וועגן זאַכאַרים קינדער־און לערן־יאָרן, געפינען מיר נאָך פאַר נויטיק צו דערמאָנען פאָלגענדן עפּיזאָד, וואָס האָט נישט קיין דירעקטע שייכות צו אונדזער דערציילונג, נאָר דאָך איז עס אינטערעסאַנט צו וויסן.

נאָכדעם, באַלד נאָכדעם ווי זאַכאַרי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די סטודענטן־קליידער און אָנגעטון זיך אין ציווילע, אַ טאָג צוויי נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט באַקומען זיין דיפּלאָם — קומט ער אַמאָל אַהיים אין אָוונט צו זיך — געפינט ער, צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג, מאַריאַ איוואַנאָוונען נישט אין דער היים. (אַ זעלטנהייט, וואָס פלעגט זיך טרעפן צוויי מאָל אין יאָר, ביי גרויסע יום־טובדיקע פייערלעכקייטן, ווען מאַריאַ איוואַנאָוונאַ גייט אין צערקווע. אַזוי, אין מיטן יאָר, פלעגט זי זייער זעלטן פאַרלאָזן די וווינונג, ווייל אין פעטערבורג האָט זי זיך געפילט פרעמד און קיין פריינט נישט געהאַט.) ער גייט אַריין צו איר אין צימער, זעט ער אירע זאַכן געפּאַקט אין איר קאַסטן, אפילו איר נאַכטלעגער שוין איינגעפּאַקט און פאַרבונדן אין פּאַסקעס. ער קאָן זיך נישט דערקלערן, וואָס דאָס זאָל הייסן, און וואַרט אָפּ מיט גרויס אומגעדולד אויף איר צוריקקומען. ווען זי באַווייזט זיך שפּעטער אַן אָפּגעמאַטערטע, — קוקט ער זי אָן דערשטוינט און פרעגט, ווייזנדיק אויף איר קאַסטן:

— מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, וואָס איז דאָס? — מיר פאָרן ערגעץ?

— עס איז געקומען די צייט אויך פאַר מיר, זאַכאַרי גאַווריל־אָוויטש, — זאָגט זי אים פלוצלינג מיטן נאָמען און מיטן פאָטערס נאָמען, — געקומען די צייט אויך פאַר מיר, אייך צו פאַרלאָזן. צוגעזאָגט דער טויטער, איידער זי האָט פאַרלאָזט די שטוב אויף שטענדיק, (דענסט־מאָל, ווען איר זענט נאָך אַ קליינער געווען), אַז איך וועל איר בן־יחיד נישט פאַרלאָזן, ביז ער וועט נישט די לערן־קליידער אויסטון. איצט זענט איר שוין, גאָט צו דאַנקען, דערוואַקסן און מיך באַדאַרפט איר שוין נישט, די שבועה צו דער געשטאָרבענער האָב איך געטריי אָפּגעהיט — קאָן איך שוין גיין מיין וועג.

זאַכאַרי האָט זי געלאָזט אויסרעדן און געקוקט אויף איר, ווי ער

וואָלט נישט געוווסט, וואָס זי וויל, ער האָט זי נישט ריכטיק פאַרשטאַ־נען, געמיינט, אַז עס איז עפּעס מיט איר געשען.

— וואָס איז מיט דיר, ניאַניאַ? — דו ביסט פון זינען אַראָפּ, ווייטער גאָרנישט, אַנדערש קאָן איך דיך נישט פאַרשטיין.

— ער באַדאַרף דאָך מיך שוין נישט, צו וואָס באַדאַרף ער מיך?

— ווען ער איז קליין געווען — איז געווען אַן אַנדערע זאַך, היינט איז ער דאָך שוין אַ דערוואַקסענער, און ער האָט דאָך שוין צו וועמען צו גיין, ווער עס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען אויך.

זאַכאַרי האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

— אָ, דאָס מיינסטו! דו קאָנסט דאָך נישט שטענדיק נאָכגיין נאָך מיר מיט די ווינדעלעך אין דער האַנט, איך בין דאָך שוין אַ דערוואַקסענער אויך.

— נישט דאָס מיין איך — איך מיין שוין עפּעס אַנדערש.

— —וואָס מיינסטו? —

— ער ווייסט שוין וואָס איך מיין — „יענע פרוי" — צו וועמען איר טראָגט אַלע אייערע הערצער אַהין — וואָס האָט אייך כשוף אָנגעטון — צי וואָס?

זאַכאַרי האָט זי אַרומגענומען און זי געקושט:

— דו ביסט אייפערזיכטיק? —

— נישט איך בין אייפערזיכטיק — נאָר דיין מאַמע אין גרוב איז אייפערזיכטיק — אָט, וועמען עס טוט וויי. — איר אייגענער זון איז איר פאַלש געוואָרן.

זאַכאַרי איז בלייך געוואָרן — און זי אָפּגעלאָזט.

עס האָט נישט געהאָלפן. זי האָט לענגער נישט געוואָלט בלייבן אין דעם הויז — „געהאַלטן איר שבועה" צו דער טויטער, און איצט מוז זי גיין. קוים מיט צרות איז זאַכאַרין געלונגען, מיטן פאָטערס אַריינמישן זיך (פאַר וועלכן זי האָט אויס אַלטער געוווינהייט דאָך דרך־ארץ געהאַט, דאָך דער באַלעבאָס), זי צו באַוועגן צוריקצופאָרן אין יעקאַטערינענבורגער הויז אַריין, מיט אַ געזיכערטער עמעריטור־פּענסיע ביז אירע לעצטע טעג.

מאַמעשקעס גרויסע פאָטאָגראַפיע האָט זי מיטגעפירט מיט זיך

צוריק קיין יעקאַטערינענבורג — און אַוועקגעשטעלט צוריק אין דעם קאַלטן, אומבאַוווינטן זאַל.

און מיט איר איז מאַמעשקעס לעצטער שאָטן פאַרשוווּנדן...

קאַפּיטל 12

אַ מאָדנע דערקלערונג

צו מאַרגנס אינדערפרי, ווען זאַכאַרי האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער, האָט ער געהאַט עפּעס אָפּגעמאַכט ביי זיך וואָס צו טון. אויס זיינע קינדישע יאָרן האָט ער געהאַט די געוווינהייט קיינמאָל נישט צו שטעלן אַ זאַך אויף זיך, אַרויסצובאַקומען ביי וועמען דאָס איז אַן הס־כמה. ער האָט באַשטימט, איידער צו טון דעם דעציזירנדן שריט ביי ני־נאָטשקען, צו פאַרטרויען זיך פאַר איר מוטער. עס האָט אים אויסגעזען פיל לייכטער אָנצוקומען צו נינאָטשקען דורך איר מוטער. — מיט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט ער זיך געפילט שוין אַ צייט משפּחהדיק, ער האָט אין איר געהאַט פריער אַנטדעקט די מוטער, איידער נאָך — אין ני־נאָטשקען די כּלה. און דאָס האָט אים געמאַכט זיין וועג צו איר פיל אויס־געטראָטענער, ווי צו נינאָטשקען, — און אגב, זיינע געפילן צו אָלגאַ מיכאַילאָווגען האָבן זיך נישט באַשרענקט אויף ריין מוטערלעכע; נאָר דער מוטערלעכער רעספּעקט האָט געהאַמעוועט די אַנדערע געפילן...

ער האָט זיך אין דעם טאָג מער זאָרגזאַמער אָנגעטון ווי אַן אַנדערש מאָל, און געשטעלט זיך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אין איר בודואַר.

פרויען רופן צו הילף זייער מוטערלעכן אינסטינקט, ווען זיי דאַכט זיך אויס, אַז מיט זייער ווייבלעכקייט אַליין זענען זיי שוין נישט אימ־שטאַנד צוצוציען צו זיך די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט. פאַר געוויסע מענער האָבן פרויען נאָר אַ באַזונדער פאַרגעניגן אויסצושפּילן זייערע מוטערלעכע געפילן: צו שטראָפן זיי, צו שרייען אויף זיי, און דערביי צערטלען זיי... דאָס טוען זיי נישט, חלילה, אויס אויסגערעכנטקייט, נאָר אויס הוילער נאַטירלעכער נייגונג.

דער זעלבער פאַל איז געשען מיט אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ. כאָטש די מוטער האָט נאָך מיט גאַרנישט רעזיגנירט פאַר איר דערוואַקסענער טאָכ־טער — פאַרקערט, איר רייפע, פולע ווייבלעכקייט האָט דער מוטער גע־געבן אַן איבערגעוויכט איבער דעם נאָך נישט געשטעלטן כאַראַקטער פון איר טאָכטער (און אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ האָט געוווּסט פון דעם) — דאָך האָט זי נישט פאַרפעלט אַריינצונעמען אין אירע רייצן די באַזונ־דערע גנאָד, מיט וועלכער די נאַטור און דער עלטער האָבן זי באַשאָנ־קען — און דאָס איז געווען איר וואַרימע מוטערלעכקייט.

ווען זאַכאַרי איז אַריינגעקומען אין איר בודואַר, האָט ער זי געפונען זיצנדיק אין איר שטול, אין איר באַליבט ווינקל, ביים קאַמין, ווי פאַר־וואָלקנט אין איר אייגענעם סוד, וואָס איר פיגור און וועזן האָט געוועבט אַרום זיך. זי איז געווען באַשעפטיקט מיט איר האַנט־אַרבעט.

אין אָלגאַ מיכאַילאָווגאַס בודואַר איז געווען וואַרים, ליכטיק און אָנגענעם. ווי תמיד, אין אירע שוואַרצע זיידנס מיטן שפּיצן־קאָלנער (אָל־גאַ מיכאַילאָווגאַ האָט זיך געהאַלטן אין שוואַרצן, דער קאָליר, וואָס האָט אַמבולטסטן אַרויסגעבראַכט דעם איידעלן טען פון איר פּנים, אונטער־געשטראָכן די שוואַרצקייט פון אירע ברעמען און האָר, און צוגעגעבן איר פיגור אַ וויכטיקייט). דאָס וואַרימע ליכט פון דעם פּאַרמעט־שיין אונטער דער ווייסער כינעזישער וואַזע איז געפאַלן אויף אירע ווי פּערל־פינקלענדע שוואַרצע האָר, וואָס זענען געלעגן גלאַט פון ביידע זייטן שייטל פון איר אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. ביים אַריינקומען האָט זי מירקי־נען ווי גאָר נישט באַמערקט, כאָטש זי האָט אים דורך דער טיר צוגע־רופן מיט איר מוזיקאַלישער שטימע. דאָס האָט שטענדיק געמאַכט מיר־קינס האַרץ שנעל קלאַפּן: „אָך, איר זענט עס? קומט נאָר אַריין, טייע־רינקער!” זי איז ווייטער געבליבן איבערגעבויגן איבער איר האַנט־אַרבעט. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אויפגעהויבן צו אים איר פּנים און אָנגעקוקט אים ליב און איבעראַשט, ווי מען קוקט אויף אַן איינן קינד.

— אָך, איר זענט עס, זאַכאַרי גאַווריל‏אָוויטש? קומט נאָר אַריין. מאַניעטשקאַ (די דינסט) האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט געפרעגט אויף מיר. קומט אַהער דאָ צו מיר, מיין יונגער פריינט. איך האָב געפילט, אַז איר ווילט מיך זען. צוליב אייך אָוועקגעשיקט דעם אָרימען נאַאום

גריגאָראָוויטש, — האָט זי אים אַנטקעגנגעשמייכלט און אויסגעשטרעקט צו אים איר אויסגעאיידלטע, גוט־געפּלעגטע האַנט צום קושן.

— יאָ, איך האָב אייך געוואָלט זען, זייט מוחל פאַר דער פרייהייט.

— און איר האָט גוט געטון, וואָס איר זענט געקומען. ערשטנס, האָב איך אייך געוואָלט גוט אויסזידלען, איר וועט עס דערלויבן אַן עלטערער פרוי. זאָגט מיר, איך בעט אייך, זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש, פאַרוואָס האָט איר געלאָזט נעבטן גיין נינאָטשקען אויף דעם קאָשמאַרנעם אָוונט? איך האָב געמיינט, אַז איר זיצט אייך דאָרט ביידע ביי נינאָטשקען. צום סוף בין איך היינט געוווּיר געוואָרן, אַז נישט נאָר איר האָט זי געלאָזט גיין, נאָר איר האָט איר נאָך געהאָלפן קומען אַהין.

מירקין האָט געשוויגן. מירקין איז אין דער אַנוועזנהייט פון עלטערע פרויען מער געקומען אין פאַרלעגנהייט, ווי צווישן יונגע, זיינס גלייכן.

— וואָס איז מיט אייך, זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש? — האָט זי אים געפרעגט, און בשעת מעשה געקוקט אין זיין פּנים אריין מיט אירע שוואַרצע, רונדיק־קאַרשעדיקע אויגן.

— וואָס מיינט איר, אָלגאַ מיכאַילאָווּנאַ? האָט מירקין אויפגעהויבן זיינע בליקן מיט שרעק צו איר ווי אַ קליין קינד פאַר אַ מוטער.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ רעכט צו זאָגן אייך מוסר, זייט מיר מוחל פאַר דער אָפנהאַרציקייט, איר ווייסט, ווי מיר אַלע אין דעם הויז האָבן אייך ליב, דורך דעם נעם איך זיך די פרייהייט צו רעדן מיט אייך אַזוי אָפן... וואָלט איך געווען געזאָגט: שוין צייט צו זיין פאַר אייך אַ מאַן, אַן אומאָפּהענגיקער פרייער מאַן מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס איז שוין צייט אייך אַרויסצוגיין פון דער קינדער־שטוב, זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש. זייט מיר מוחל, נאָר איך זאָג עס מיט מיין גאַנצער ליבע צו אייך. איר זענט דאָך נישט בייז אויף מיר...

— אָ, ניין, אָלגאַ מיכאַילאָווּנאַ, ניין. פאַרקערט, איך דאַנק אייך זייער. איך דאַנק אייך, — האָט זאַכאַרי געזאָגט, רויט ווערנדיק.

— צו אַלעם ערשטן, פאַרוואָס זענט איר אַזוי אומרואיק? אַ מאַן טאָר קיינמאָל נישט זיין אומרואיק. אויף דעם האָבן נאָר מיר, פרויען, אַ רעכט. פאַרוואָס זענט איר נישט אַזוי זיכער? מיט איין וואָרט, פאַר־וואָס זענט איר נאָך אַזאַ קינד? — האָט אָלגאַ מיכאַילאָווּנאַ זיך פאַר־

געסן און איז אַרויס פון איר געדולד, — שוין צייט פאַר אייך צו זיין אַ מאַן, איר הערט, זאַכאַרי, אַ פרייער, פעסטער, אַנטשיידענער מאַן, — האָט זי צו אים געזאָגט מיט אַ מוטערלעכער שטרענגקייט.

— יאָ, יאָ, אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ, רעדט, איך בעט אייך, רעדט, האַלט אייך נישט צוריק, איך דאַנק אייך פאַר אַלעם.

— איך ווייס, דאָס איז אייער דערציאונג שולדיק. איך ווייס. שטענדיק אונטער פּאַרטיכער פון באָבעס: שטענדיק האָבן באָבעס אייך באַוואַכט. צוערשט מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, און איצט האָט איבערגענומען איר ראָלע די „שיינע העלענע". אָ, איר פּאַסט שוין גאָרנישט די ראָלע. און דאָס איינציקע, וואָס איך וואָלט מיר געוווּנטשן פון אייך איז: באַ־פרייט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון באָבעס, זייט שוין אַמאָל איר אַליין. קיינער נישט, נאָר איר. זאָגט איר מיר דאָס צו?

מירקין האָט אויסגעהערט אירע שטראָף־רייד. זיין פּנים האָט גע־גליט, און עס איז אים גוט געווען. אַ געפיל, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט פאַרמאָגט, האָט אָנגעגאָסן אַלע זיינע אבֿרים. עס איז געווען דאָס געפיל, וואָס אַ קינד האָט, ווען די מוטער לייגט עס שלאָפן און דעקט עס גוט צו מיט אַ וואַרימער דעקע...

— און וואָס וואָלט איר געמיינט, דאַרף איך טון? — האָט מירקין געפרעגט, — זאָגט מיר, אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ.

— אָ, דאָס איז דאָך טאַקע די צרה מיט אייך, זייט מיר מוחל, וואָס איר פרעגט שטענדיק אַנדערע: „וואָס באַדאַרף איך טון?" וואָס מיינט איר, איך וועל איבערנעמען די ראָלע פון מאַריאַ איוואַנאָוונען, אָדער פון דער „שיינער העלענע"? ניין, נישט צוליב דעם רעד איך דאָס מיט אייך. נישט פרעגן אַנדערע, נאָר זיך אַליין. אָפּהאַקן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, מיט אַלע איינפלוסן. אויפהערן פרעגן אַנדערע, און אַרויפוואַרפן דאָס קלערן, דאָס אַנטשיידן און דאָס אחריות אויף אַנדערע, נאָר איבער־נעמען דאָס אַלץ אויף זיך אַליין. אפשר איז עס זייער באַקוועם צו פאַר־לאָזן זיך אויף אַנדערע, אָבער עס איז נישט זייער מאַנלעך, זאַכאַרי גאַוו־רילאָוויטש. דאָס פּאַסט פאַר אַ ייִנגל, נישט פאַר אַ מאַן.

— איר האָט רעכט, איר האָט רעכט, — האָט מירקין גערעדט מער צו זיך, ווי צו אָלגאַ מיכאַילאָווגען.

— איך ווייס, אַז איר פאַרשטייט מיך, און צוליב דעם נעם איך

מיר די פרייהייט צו רעדן צו אייך אזוי. קיין זאך גייט מיר נישט אָן, נאָר אייער ווילזיין. גלויבט איר מיר דאָס?

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, אָלגא מיכאילאָוונא, — האָט מירקין געזאָגט און אויסגעזוכט איר האַנט און זי באַדעקט מיט קושן און מיט דער וואַרימקייט פון זיין רויט פּנים.

זי האָט נישט צוריקגעצויגן פון אים איר ווייסע קליינע האַנט. מיט איר צווייטער האַנט האָט זי געגלעט זיינע האָר. און באַלד האָט ער אָנגעלענט זיין קאָפּ אויף איר שויס און עס איז אים גוט געווען.

— וואָרים איר זענט דאָך נאָך אַזאַ קינד, מיט אייערע זיבן־און־צוואַנציק יאָר, און עס איז שוין צייט צו זיין אַ מאַן, זאַכאַרי.

אַ מינוט האָבן זיי געשוויגן. פּלוצלינג האָט אין אָלגא מיכאילאָוונען אליין דערוואַכט אַ צערטלעכקייט. זי איז אַליין שוואַך געוואָרן. זי האָט ערשט איצט באַמערקט, ווי ער האַלט אַלץ איר האַנט צו זיינע ליפּן און צערטלט זי. זי האָט זיך געלאָזט און האָט צו אים געזאָגט:

— און איצט האָב איך אייך אויסגעזידלט. איר זענט געקומען צו מיר נאָך אַ ראַט, נאָך וואַרימקייט, און איידער איך האָב אייך נאָך אויסגעהערט, האָב איך אייך אויסגעזידלט. זייט מיר מוחל, טייערינקער.

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, — האָט מירקין נישט אויפגעהערט צו מורמלען פאַר זיך.

— און וואָס האָט איר מיר געוואָלט זאָגן, זאַכאַרי, ווען איר זענט אַריינגעקומען צו מיר?

— גאָרנישט האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, גאָרנישט, איך בין צו אייך געקומען, איר זאָלט מיך אויסזידלען. דאָס איז אַלץ. איך ווייס, אַז איך האָב עס באַדאַרפט און פון אייער האַנט. יאָ, און נאָך עפּעס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, — האָט זיך מירקין ווי אָן עפּעס דערמאָנט און האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען זוכנדיק ווערטער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, — איך האָב געוואָלט פון אייך בעטן די האַנט פון אייער טאָכטער, פון נינאָטשקען... וועט איר זי מיר געבן?

אָלגא מיכאילאָוונא איז איצט, ביי איר גאַנצער מוטערלעכער זיכערקייט, וואָס זי האָט קעגן דעם שוואַכן יונגנמאַן אויסגעשפּילט, אַ ביסל פאַרלוירן געוואָרן. אָבער דאָס האָט נאָר געדויערט איין מינוט. איר שיין פּנים האָט זיך אָנגעהויבן צו רויטלען, ווי ביי אַ קליין מיידל. באַלד

איז די רויטלעכקייט פאַרלוירן געוואָרן אין דער איידעלער קרעם־ווייס־קייט פון איר הויט.

— און מיט נינאָטשקען האָט איר שוין גערעדט וועגן דעם? — האָט זי אים געפרעגט, און מען האָט געהערט די באַוועגונג פון איר האַרץ גאַנץ הויך.

— ניין.

— און ווי אַזוי רעדט איר דאָס מיט מיר צוערשט? — האָט זי אָנגעהויבן צו שמייכלען און באַווייזן אירע ווייסע ציין, וואָס זענען געזעסן אין איר מויל אויפגעצויגן, ווי די פּערל אויף איר האַלדז.

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל צוערשט מיט אייך איבער־רעדן. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיט אייך איז מיר לייכטער צו רעדן. איר פאַרשטייט מיך, איר ווייסט אַלץ... און איך האָב אייך געוואָלט בעטן, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, איר זאָלט מיר העלפן דאָס דורכצופירן.

— וואָס דורכפירן? — האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ געפרעגט.

— אָט דאָס... איך מיין נינאָטשקאַס איינשטימיקייט, ווען איך בין אייך נישט דערווידער. דאָס הייסט, ווען איר, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, זענט איינשטימיק דערצו... האָב איך אייך געוואָלט בעטן...

— און פאַרוואָס זאָלט איר דאָס אַליין נישט טון?

— איך וועל עס טון. שוין לאַנג געוואָלט טון. יעדן טאָג קום איך אַהער מיט דעם געדאַנק דאָס צו טון, און איך טו עס נישט.

— אָט דאָס איז דאָך, וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך — אַנטשיידנ־קייט. ווי אַזוי קאָן איך פאַר אייך דאָס טון, אַז איר אַליין זענט נישט פאַרטיק דערצו?

— פאַרטיק בין איך יאָ, געוויס. איך קלער דאָך וועגן דעם און איך וויל דאָך דאָס, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ.

— און פאַרוואָס טוט איר דאָס נישט? וואָס, איר האָט מורא, אַז נינאָטשקאַ זאָל אייך נישט אָפּזאָגן?

—יאָ, דאָס אויך, אָבער נישט בלויז דאָס. גוט, וועט זי מיר אָפּ־זאָגן. וואָס קאָן דאָ זיין, וועט דאָך דאָס יעדנפאַלס פאַר מיר קלאָר זיין, — האָט זאַכאַרי גערעדט צו זיך.

— און דאָך, פאַרוואָס טוט איר דאָס נישט?

— אָט דאָס איז עס דאָך, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, עס פעלט מוט.

— זאַכאַרי גאַווריִלאָוויטש, — האָט פּלוצלינג אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ מיט אַן אויפגערעגטער שטימע געזאָגט, — איר ווייסט, וואָס איר פאַר־לאַנגט פון מיר? איר ווייסט, וואָס איר רעדט? איר ווילט זיך דערקלערן ניִנאָטשקען אין ליבע, און דאָך טוט איר עס נישט, ווייל אייך פעלט אוים מוט. זאָל איך עס זיין די, וועלכע זאָל רעדן פאַר אייך? איר ווייסט דאָך, איך בין איר מוטער. ניִנאָטשקאַס גורל איז מיין אייגענער. ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט רעדן מיט איר וועגן דעם, אפילו אַז איך זאָל עס וועלן? אייער אַריינקומען אין אונדזער משפחה איז מיר זייער סימפּאַ־טיש. איך זאָג עס אָפן, אַז עס איז מיר סימפּאַטיש. יאָ, זייער געוווּנטשן (און זי רויטלט זיך ווי אַ קליין מיידל). דאָך, ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט רעדן מיט איר אין נאָמען פון אַ מאַן, וואָס האָט אַליין קיין מוט נישט איר דאָס צו זאָגן? איר ווייסט, וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר אין דער ראָלע, אין וועלכער איר שטעלט זיך אַליין אַריין?

— ניין, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ. ניין, עס האַנדלט זיך נישט וועגן מוט. יאָ, איצט זע איך עס. עס איז מוט, און נאָך עפּעס אַנדערש. וואָלט עס זיך געהאַנדלט בלויז וועגן מוט, וואָלט איך עס געקאָנט ווי עס איז טון. נאָר עס איז דאָך עפּעס אַנדערש. אייך קאָן איך דאָס זאָגן מיטן גאַנצן האַרצן, אָפן, מיט מיין גאַנצן באַגער, מיט מיין גאַנצן ווונטש. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, איך בעט ביי אייך די האַנט פון אייער טאָכטער, און ניִנאָטשקען קאָן איך עס נישט זאָגן, — האָט מירקין דערנידעריקט זיין שטימע.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ איז שטיל געוואָרן, דערשראָקן אַ ביסל. זי האָט שווער געאָטעמט, און איר האַרץ האָט ווידער הויך געקלאַפּט, נישט ווייסנ־דיק פאַרוואָס. ווען מירקין האָט אַרויסגערעדט די לעצטע עטלעכע ווער־טער, האָט ער איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, מיט אַזאַ אָפנקייט און מיט אַזאַ דרייסטקייט, וואָס זי האָט עס קיינמאָל ביי אים נישט באַ־מערקט. און זי איז פון דעם שטאַרק פאַרווונדערט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן געפלאַמט און זיינע ליפּן האָבן געציטערט. זיין אָטעם, זיין גאַנץ פּנים, זיינע באַוועגונגען האָבן אויסגעדריקט עפּעס אַ פאַרלאַנג, וואָס זי האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואָלט פאַרשטיין.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט זיך ווייטער גערויטלט. נאָר ביסלעכווייז איז ווידער די רויטלעכקייט פאַרלוירן געוואָרן און אויסגעמישט זיך מיט

דער איידעלער ווייסקייט פון איר הויט. ווידער האָט זי זיך נאָר אויף איין מינוט פאַרלוירן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און געזוכט אויסצומיידן זיין ברענענדיקן, חלושדיקן בליק, וואָס האָט איבערראַשנד־מוטיק גע־לויכטן איר אין פּנים אַריין. זי האָט זיך אָבער באַלד געשטאַרקט, און עס איז איר געלונגען צוריקגעווינען איר גלייכגעוויכט און רואיקייט. און טרוקן, מיט אַ זאַכמעסיקן טאָן, האָט זי אים געפרעגט:

— זאָגט מיר, זאַכאַרי גאַווּרילאָוויטש, האָט איר ליב נינאַ סאַלאָ־מאָנאָוונען?

— איך ווייס נישט, — האָט זאַכאַרי אָפּגעענטפערט, נישט אָוועק־נעמענדיק זיין ברענענדיקן בליק פון איר.

— איר ווייסט נישט? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פאַרוואונדערטן שמייכל, ביי וועלכן זי האָט ווידער באַוויזן אירע שיינע ציין, — איר ווייסט נישט? און דאָך בעט איר איר האַנט ביי מיר?

— ווייל איך וויל... איך וויל, אַז איר זאָלט מיין מוטער זיין.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אַ ציטער געטוו. איר קליינער, רונדיקער, אויסגעבעטער קערפּער האָט זיך אין איר שטיל אַ וואַקל געטון, זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן, און אירע קליינע הענט האָבן זיך צונויפגעדריקט אין פויסטן, און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי געזאָגט:

— הערט אויף, הערט אויף רעדן נאַרישקייטן...

דאָך האָט זי אים אַ ציִ געטון צו זיך מיט אירע קראַמפּהאַפטיקע הענט, וועלכע האָבן איצט אינגאַנצן געציטערט, און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי אים אַ קוש געטון אויפן שטערן.

מירקין האָט געזוכט איר האַנט.

— און איצט באַרואיקט אייך, קליינער יינגל — האָט זי שוין גע־זאָגט אין איר רואיקן, שמייכלענדיקן טאָן. — מיר וועלן שפּעטער רעדן דערפון, דאַכט זיך נינאָטשקאַ גייט.

קאַפּיטל 13

ווי זאַכאַרי איז געוואָרן אַ חתן

פון דערווייטנס האָבן זיך טאַקע דערהערט האסטיקע טריט. פון הינטער דער טיר האָט נינאָטשקאַ גערופן.

— מאַמע, איר זענט אַליין?

איידער אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט נאָך צייט געהאַט אירע געדאַנקען צו זאַמלען, האָט נינאָטשקאַ, צוזאַמען מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר, זי אויפגעעפנט און איז אַריינגעקומען אין נעגליזש, אין אירע יאַפּאַנישע „פּיזשאַמעס", אין איר פוטער־באַנייטן זיידענעם שלאָפראָק. אירע צעוואָרפענע האָר זענען געפאַלן ווילד איבער איר נאַקעטקייט. אָנגעטראָפן זאַכאַרין, האָט זי זיך גאָרנישט פאַרוונדערט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געווען געריכט דאַרויף, און זיך אָנגערופן:

— נו, געוויס ווי שטענדיק, ביי מאַמעשקען. אָ, איך באַדויער, וואָס איך האָב אייך געשטערט, אָבער גוט, וואָס איך האָב אייך אָנגעטראָפן, זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש. איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, אַז ווייטער אַזוי וועט עס נישט גיין, אָדער איר וועט מוזן מיטגיין מיט מיר אין מיינע ערטער, אָדער איך וועל מיטגיין מיט אייך אין אייערע ערטער. עס איז גאָרנישט קיין פאַרגעניגן צו ווערן אָפּגעפירט פון אַ קאַוואַליער ביז צו דער טיר און צו מענטשן צו גיין אַליין, ווען יעדע דאַמע איז מיטגעקומען מיט איר אייגענעם באַשיצער. אַז נישט, וועט אויסקומען צו שאַפן זיך אַזאַ באַגלייטער, וואָס זאָל אַ שריט ווייטער פירן פון דער טיר. געהערט, מאַמעשקע, זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש האָט מיך נעכטן צוגעפירט צום קאָרידאָר פון סאָפיאַ אַרקאַדיעוונאַס הויז און נישט ווייטער. און בחנם, איר מעגט עס באַדויערן, אין אַ געוויסער אַרט איז עס געווען אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט.

— נינאָטשקאַ, וואָס טוסטו? זע, ווי דו ביסט אָנגעטון?

— וואָס איז דען, עס איז דאָך קיינער נישטאָ, — האָט זי זיך אומגעקוקט אויף מירקינען.

נישט די מוטער און נישט מירקין האָבן געשאָנקען פיל אויפמערק־זאַמקייט צו אירע ווערטער. זיי זענען ווייטער געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי הערן זיך גאָר נישט צו צו אירע רייד, און זיי קאָנען זיך נאָך נישט אַרויסאַרבעטן פון דער אַנדערער וועלט, אין וועלכער זיי זענען געווען פאַרזונקען ביי נינאָטשקאַס אַריינ־קומען.

— אַ, איך זע, איך האָב געשטערט. וועגן עפּעס ערנסטעס געווען גערעדט. איך בעט איבער טויזנט מאָל; איך וויל נישט איבערפירן די שטימונג, — זאָגט זי און וויל זיך דערווייטערן.

נאָר דאָ האָט זיך פּלוצלינג מירקין אויפגעהויבן, ווי באַהאַלטנדיק זיי־נע אויגן אין אַן אַנדערער זייט, אין אַ ווינקל צו, וווּ קיינער איז נישט געזעסן, און האָט זיך אָנגערופן:

— נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ! איך בעט אייך, טוט מיר אָן דעם כבוד, דעם אומפאַרדינטן כבוד, — האָט מירקין ווי אַ טרינקענדער אָנגעכאַפּט זיך אין דעם וואָרט, — איך בעט אייך, איך ווייס, איך האָב נישט פאַר־דינט דעם כבוד; איך ווייס, איך ווייס, — האָט מירקין געשטאַמלט און פּלוצלינג זיך געשטאַרקט און אַרויסגעזאָגט שנעל און זיכער:

— באַגליקט מיך מיט אייער האַנט. יאָ, דאָס איז עס, וואָס איך האָב אייך געוואָלט בעטן.

נינאָטשקאַ האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

— וואָס, איר זענט משוגע געוואָרן, צי וואָס? אַזוי פּלוצלינג אינ־מיטן דרינען? אויף מיר איז דאָך אפילו קיין אָנשטענדיק קליידל נישטאָ.

— לאַכט נישט, איך בעט אייך. איך ווייס, עס איז נישט פאַר מיר, נאָר פון דעם הענגט אָפּ מיין גליק, — קוקט ער פּלוצלינג אויף אָלגאַ מיכאַילאָוונען מיט בעטנדיקע בליקן און לייגט צו: — מיין גליק און מיין לעבן.

— ניין, איך לאַך נישט, נאָר איך פאַרשטיי נישט. אַהאַ! איצט זע איך ערשט (האָט נינאָטשקאַ פּלוצלינג אויסגעשריען, ווי זי וואָלט דערזען עפּעס שרעקלעכס), וועגן דעם איז דאָ גערעדט געוואָרן; איצט פאַרשטיי איך שוין די ערנסטע שטימונג, — האָט זי געזאָגט, און זי אַליין איז ערנסט געוואָרן און בייז.

— יאָ, — האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ פון

איר שטול אראפ, — זאכארי גאווריל‏אָוויטש האָט געבעטן דיין האַנט ביי מיר, נינאָטשקא.

— און ווי שטענדיק, איז ער פריער געגאַנגען צו דער מאַמען, אייידער ער האָט עס מיר פארטרויט.

מירקין האָט זיך די מינוט פארלוירן, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט, ווייטער מער קוקנדיק אויף אָלגא מיכאַיל‏אָווגען, ווי אויף איר טאָכטער.

— עס איז דערפאר, נינא סאָלאָמאָנאָווגא, ווייל איך האָב נישט געוווסט, ווי איר וועט עס אָננעמען, ווייל איך האָב נישט געוואָגט פאר אייך...

— און פאר דער מוטער האָט איר יאָ געוואָגט?

— יאָ, פאר אייער מוטער האָב איך יאָ געוואָגט, — האָט מירקין געענטפערט זיכער.

— אויב אַזוי, גייט, איך בעט אייך, צו מיין מוטער נאָך אַן ענטפער, — און זי האָט זיך אוועקגעדרייט צו דער טיר.

— נינא, ווי אַזוי קאָנסטו דאָס? דו האָסט דען קיין האַרץ נישט?

— האָט אָלגא מיכאַיל‏אָוונא זיך אָנגערופן פון איר שטול אראָפ, — זאכארי האָט נאָר פאר מיר פארטרויט זיך.

— דאָס איז מיין עסק, מאַמע, נישט וואָר? — האָט נינאָטשקא איבערגעשלאָגן דער מוטערס רייד, און איר פנים האָט מיטאַמאָל אויסגעדריקט אַ מאָדנע גרימאַסע פון צער און צאָרן, וואָס די מוטער האָט נישט דערקענט אין איר.

— יאָ, טאָכטער, דו האָסט רעכט, — האָט אָלגא מיכאַיל‏אָוונא געזאָגט און אראָפּגעלאָזט אירע שיינע אויגן צו דער ערד, פארשעמענדיק זיך פאר דער טאָכטער.

נאָר דאָ איז עפּעס פלוצלינג געשעען: נינאָטשקא, אָנשטאָט ארויסצוגיין צו דער טיר, ווי זי האָט געפּלאַנט, איז זי צוגעפאַלן צו דער מוטער, ארויפגעפאַלן אויף איר האַלדז און האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, באַדעקט מיט קושן איר געזיכט, איר האַנט און געבעטן זיך ביי איר מיט אַ וויינענדיקער שטימע:

— זייט מיר מוחל, מאַמעשקע, אום גאָטס ווילן, זייט מיר מוחל. איך האָב אייך נישט געוואָלט באַליידיקן: איך האָב עס גאָרנישט גע-

וואָלט. זייט מיר מוחל, — האָט זי זיך אויך געווענדט צו זאַכאַריס זייט.

— וואָס זאָל איך דיר מוחל זיין, מיין קינד? איך האָב דיר גאָרנישט וואָס מוחל צו זיין, — האָט די מוטער אַרומגענומען הארציק איר טאָכטער.

מירקין איז געשטאַנען די גאַנצע צייט פון דער סצענע צווישן מוטער און טאָכטער, ווי אויף הייסע קוילן, אַמבעסטן וואָלט געווען, ווען עס עפנט זיך איצט די פּאָדלאָגע, און ער ווערט ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן; ער האָט נישט געפונען גענוג כוחות אין זיינע פיס אויפצוהייבן זיך און אַרויסצוגיין פון צימער, וואָס זיין טאַקט און זיין געפיל האָבן אים דיקטירט. די פיס האָבן אים פשוט נישט געדינט; זיי זענען געווען ווי אונטערגעשניטן, ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך, ווי פאַרענטפערנדיק זיך:

— דאָס איז אַלץ מיין שולד, אַלץ מיין שולד. איך בין אַ נאַר; איך בין אַ גרויסער נאַר; איך האָב גאָרנישט געזאָגט. זייט מיר מוחל, — און ער האָט דאָך אָנגעהויבן זיינע שוואַכע פיס צו שלעפּן צו דער טיר.

— ניין, זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש, גייט נישט אַוועק. איך בעט אייך, גייט נישט אַוועק. איר האָט דאָך עפּעס געבעטן ביי מיר, איך בין דאָך אייך שולדיק אַן ענטפער. גייט נישט אַוועק. האַלט אים איין, מאַמעשקע. איך בעט אייך, האַלט אים איין, נאָר איין אויגנבליק, איך קום באַלד צוריק, און איר, מאַמעשקע, גייט אויך נישט אַוועק. געדענקט אָן גאָט און גייט נישט אַוועק. איך בין באַלד צוריק דאָ. — און מיט די ווערטער איז זי אַרויסגעלאָפן פון צימער, ווי אַ ווינטער.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ און מירקין זענען איבערגעבליבן אין די פּאָזיציעס, אין וועלכע נינאַטשקאַ האָט זיי פאַרלאָזט, ווי פאַרשטיינערט, ווי אויף קאָמאַנדע. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ אויף איר אָרט אין איר ווייכן באַקוועמען פאָטער־שטול, און מירקין אין מיטן צימער, דאָרט, ווו ער איז געשטאַנען. נישט קיין איין וואָרט האָבן זיי אויסגערעדט צווישן זיך און נישט איינמאָל זיך געקוקט אין פּנים אריין. עס איז געווען, ווי אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ וואָלט איינגאַנצן פאַרלוירן יענעם מוטערלעכן שטאָלץ און באַוווסטזיין, וואָס זי האָט ערשט פאַר אַ פּאָר מינוט אַזוי רייכלעך פאַרמאָגט. זי איז געוואָרן, ווי אַ קליין שול־מיידל, וואָס מען כאַפּט ביי דער האַנט ביי עפּעס אַן אומאָנגענעמען ליגן. די רויטלעכקייט, וואָס האָט

איצט אַרויסגעשלאָגן אויף איר פּנים, איז שוין געבליבן שטיין. זי האָט מיט איר ווייסער שיינער האַנט געהאַלטן פאַרמאַכט אירע אויגן־הייטלעך און איר ברוסט האָט זיך הויך געהויבן, באַוועגנדיק די פּערל, וואָס האָבן געבליצט ווי לעבעדיקע טראָפּן אַראָפּ פון איר שיינעם פולן ברוסט־ברעט. זי האָט געוווסט, אַז זי מוז עפּעס זאָגן, אַז זי מוז עפּעס טון אַרויסצו־קומען פון אָט דער אוממעגלעכער, כמעט סקאַנדאַליעזער לאַגע, אין וועל־כער זי געפינט זיך. זי מוז זיך ראַטעווען. און דאָך האָט זי זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, געשטאַנען ווי אַ פּאָר אַ ריכטער. אין דער זעלבער לאַגע האָט זיך געפונען מירקין, און אפילו אין אַ קאָמישערער. ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוווט אויפהייבן זיינע אויגן און עפּעס זאָגן, נאָר זעענ־דיק אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס פאַרמאַכטע אויגן־הייטלעך, האָט ער אויך גע־שוויגן.

די סיטואַציע האָט געדויערט אַ מינוט פינף און אפשר מער, און ני־נאָטשקאַ איז אַלץ נישט געקומען. דער סקאַנדאַל איז אַלץ געוואַקסן. דאָך האָבןביידע נישט געפונען גענוג מוט און ענערגיע אויפצוהייבן זיך פון זייערע ערטער. עס איז געווען, ווי נינאָטשקאַס געבאָט האָט זיי צוגע־שמידט צו זייערע ערטער, צו וואַרטן, וואָס דאָ וועט זיין.

ענדלעך האָט זיך נינאָטשקאַ באַוויזן. זי איז געווען אָנגעטון נישט ווי שטענדיק אין עפּעס פאַנטאַסטישעס, נאָר אין אַ בירגערלעך־קאָנסער־וואַטיוון קלייד, לאַנג ביז צו די קנעכלען (וואָס איז דענסטמאָל די מאָ־דע געווען) אין שוואַרץ־סאַמעט, פאַרוואָרפן מיט אַ שאַרף פון ווענעציאַ־נישע שפּיצן. די שפּיצן האָבן איר האַלדז ווייכער און ווייבלעכער גע־מאַכט. אירע האָר זענען אויך דאָס מאָל געווען „לייטישער" פאַרקעמט און [illegible]האַלטן זיך ביי די פּאָר שפּילקעס צוגעבונדן צו זייערע ערטער און נישט געפלויגן אין דער הויך. נינאַ האָט אויסגעזען פאַרנעמער און גע־זעצטער און דערוועקט צו זיך רעספּעקט.

— איצט, זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש, קאָנט איר מיר זאָגן, וואָס איר האָט מיר צו זאָגן, — האָט זי זיך אָנגערופן צו דעם פאַרלוירענעם מיר־קינען.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט געפונען איצט די ענערגיע. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און געפּרוווט אַרויסגיין מיט לייכטע טריט.

— ניין, מאַמעשקע, איצט איז שוין צו שפּעט. קוים האָט ער עס

שוין געזאָגט אין אייער קעגנוואַרט, קאָנט איר ווייטער הערן, — האָט נינאָטשקאַ געפּרווט איינהאַלטן די מוטער.

אָן ווערטער, נאָר מיט אַ קוש אין שטערן, האָט זיך אָלגאַ מיכאַי־לאָוונאַ אַרויסגעמאַכט פון אירע הענט און געוואָלט פאַרשווינדן.

— ניין, מאַמעשקע, איר מוזט אומבאַדינגט בלייבן, אַ נישט, גיי איך אויך אַוועק. וואָרים די דערקלערונג, וואָס וועט דאָ אָפּגעגעבן ווערן, באַלאַנגט אויך צו אייך...

— נינאָטשקאַ, וואָס איז מיט דיר? — האָט די מוטער אויסגערופן און איז בלייך געוואָרן.

— גאָרנישט, מאַמעשקע, איר מוזט בלייבן דאָ. ביטע, זעצט אייך צוריק אויף אייער אָרט. — און זי האָט אָנגענומען מיט אירע הענט איר מוטער אונטער איר אָרעם און האָט זי צוגעפירט צו איר פריערדיקן אָרט, צום פאָטער־שטול. די מוטער האָט אויסגעפירט איר געבאָט, ווי אונטער אַ היפּנאָז.

אַז די מוטער איז שוין געזעסן אויף איר פּלאַץ, האָט זי זיך אָנגע־רופן צום בלייבן מירקינען:

— און איצט, וואָס האָט איר מיר צו זאָגן? איך בין גרייט צו הערן.

— נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, איך בעט אייך מיך צו באַגליקן מיט אייער האַנט! — האָט מירקין אַרויסגעזאָגט זיינע אין געדאַנק אויסגעלערנטע ווערטער, ווי אַ באַפעל.

— און איר, מאַמעשקע, האָט געגעבן אייער צושטימונג? — האָט נינאַ זיך געווענדט צו דער זיצנדיקער מוטער.

— נינאָטשקאַ, וואָס איז מיט דיר? ווי קום איך דאָ אַהער? דאָס האָסט דו דאָך צו אָנטשיידן, נישט איך, — האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ גע־פונעץ איר לשון און געזאָגט אין אַ שמייכל.

— ניין, מאַמעשקע, אַזוי ווי איר האָט באַשטימט, אַזוי וועט זיין. איר האָט געגעבן אייער צושטימונג, יאָ צי ניין?

— יאָ, — האָט די מוטער אָפּגעענטפערט מיט אַ נידעריקער שטי־מע, פאַרשעמט.

— אויב אַזוי, גיב איך אויך מיין צושטימונג. דאָ, זאַכאַרי גאַווריִ־לאָוויטש, האָט איר „אונדזער" האַנט.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט געוואָלט אויפשטיין. זי האָט מיט אירע

קליינע ציין זיך געגעבן א שארפן ביס אין איר ליפ אריין און געשוויגן.

מירקין האט נישט געוואגט צו נעמען איר האנט אין זיינע, נאר ני־נאטשקא האט זיין האנט אנגעכאפט און פעסט זי געדריקט, צובויגנדיק זיך צו אים, און האט אים געקושט.

— און איצט, טייערער, קומט צו דער מאמען. זאל זי אייך אויך קושן, — האט נינאטשקא צוגעפירט מירקינען צו איר מוטער, פון וועל־כער עס האט זיך דערהערט דאס הארץ־קלאפן פון דערווייטנס.

— מאמעשקע, קוש אים!

רויט ווערנדיק ווי א פארשעמטע כלה, האט אלגא מיכאילאוונא, אונטער איר מאכטערס באפעל, צוגעלייגט אירע ליפן צו מירקינס שטערן.

— און איצט וועלן מיר ברענגען די בשורה צום פאטער, — האט נינאטשקא געזאגט. זי האט אנגעקלונגען נאכן לאקיי, וועלכן זי האט אפ־געשיקט אין פאטערס קאבינעט אריין מיט דער ביטע, אז ער זאל דא באלד אריינקומען.

די פאר מינוט, איידער סאלאמאן אסיפאוויטש האט זיך באוויזן, זענען זיי אלע דריי געזעסן און האבן נישט געוווסט, וואס צו רעדן און וואס צו טון. די שטימונג איז נאך דער דערקלערונג געווארן נאך מער פיינלעכער ווי פריער. נאר קוים האט זיך דער בארימטער אדוואקאט באוויזן אין דער טיר, מיט זיינע צעשויבערטע האר, האט אלגא מיכאי־לאוונא גלייך צוריק געפונען איר גאנצע זיכערקייט, איר ווייבלעכן לייב־טן שטאלץ און איר מוטערלעכע וויכטיקייט. אין א גערירטער שטימע האט זי איר מאן אנגעזאגט מיט גרויס פרייד:

— סאלאמאן אסיפאוויטש, א גרויס גליק איז געשעען אין אונדזער פאמיליע: זאכארי גאוורילאוויטש האט ערשט־וואס געבעטן נינאטשקאס האנט און נינאטשקא האט זי אים נישט אפגעזאגט, — האט זי באטאנט דעם לעצטן האלבן זאץ.

דער אדוואקאט, וואס האט אויף דעם געשעעניש שוין לאנג אויס־געווארט, האט אויסגערופן:

— גאט צו דאנקען, איך בין גליקלעך. — און צעקושט זיך מיט מירקינען.

— און איצט, מיין טייערע, הייס דעם לאקיי, אז ער זאל שאמפאניער

ארײַנשטעלן אין אײַז. זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש, איר בלײַבט דאָך מיט אונדז צום עסן.

— מאַמעשקע, איך מײן, אַז זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש האָט באַדאַרפט איצט פאָרן צו זײַן פאָטער אים אָנזאָגן די בשורה, — האָט זיך אָנגערופן נינאָטשקאַ.

ווידער רויט ווערנדיק, וואָס זי, אַלס מוטער האָט פאַרגעסן אין דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער טאַקטישקייט, האָט זי זיך אָנגערופן פאַרשעמט:

— יאָ, נינאָטשקאַ, דו האָסט רעכט. זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש באַדאַרף פאָרן צו זײַן פאָטער; איך האָב זיך פאַרגעסן. דאָס איז פון פרייד, — און זי האָט אַרויסגענומען איר געשטריקט קליין זײַדן טיכל און אויסגעווישט זיך אַ טרער פון איר אויג.

— אָבער שפּעטער אומבאַדינגט קומען. נישט אַנדערש, נאָך הײַנט אָוונט, מיט גבריאל חײמאָוויטשן, געהערט? — האָט זי אָנגעזאָגט איר צוקינפטיקן אײדעם, וועלכער האָט זיך איצט אַראָפּגעבויגן איבער איר ווײַסער האַנט.

נאָר בײַם טיש, בײַ דער אַלגעמײנער פרײלעכער שטימונג, וואָס דער פאָטער און דער זון מישענקאַ האָבן אַרויסגעוויזן צוליב דעם פרײלעכן נײַעס, האָבן מוטער און טאָכטער אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט די בליקן.

קאַפּיטל 14

אַ טראָפּן אין ים

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דער פריער־דערמאָנטער געשעעניש, ווען מירקין איז צוגעקומען צום הויז פון אַדוואָקאַט צו דעם נאָכמיטאָגדיקן עמפּפאַנג, האָט ער אָנגעטראָפן פאַרן הויז אַ רעדל מענטשן. צוגעקומען נענטער, האָט עס אים גענומען אַ גוטע ווײַלע, ביז ער האָט געקאָנט אויסגעפינען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אין מיטן דעם רעדל איז געשטאַנען אַ ייִדישע פרוי (אַזעלכע האָט זי געמוזט זײַן; מירקין האָט

ביז דענסטמאָל נאָך נישט געזען אזא „עקעמפּלאַר". עפּעס מאָדנע אָנ־געטון, א טובענעם, אויפגענייטן טשופּעק איבערן קאָפּ, מיט שוואַרצע בענדער, מיט א פּאַטשיילע אַרומגעהילט) — געשטאַנען האַלב געפרוירן, מיט א רויטער נאָז און רויטע פאַרוויינטע אויגן. זי האָט געפּישטשעט ווי א פויגל, אין א שפּראַך, וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען. אין האַנט האָט זי געהאַלטן א שטיקל פּאַפּיר, א בריוול אַזעלכעס, וואָס איז געווען צוזאַמענגעקנייטשט און אויסגעדרייט. זי האָט עס בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער האַנט, נאָר געוויזן פון דערווייטנס, אַז זי וויל צום באַרימטן אַדוואָקאַט האַלפּערן, „אַז ער זאָל זיין א מליץ־יושר פאַר איר זון, משה בן ר' חיים" — האָט זי געברומט פאַר זיך, ווי אַן אָפּגעמוטשעטע הון קרעכצט. שפּעטער איז מירקין געוווירר געוואָרן, אַז א גוט־האַרציקער טרעגער האָט זי פון דער וואַרשעווער באַן־סטאַציע, ווו זי איז אָנגעקומען מיט א פריערדיקן צוג, אַהערגעפירט, לויט דעם אַד־רעס, וואָס איז געווען אָנגעוויזן אין בריוועלע, צו דער טיר פון אַדוואָ־קאַט. דער הויז־דינער האָט זי אָבער נישט געוואָלט אַריינלאָזן, איר גע־זאָגט, אַז דער „עמפּפאַנג" הייבט זיך ערשט אָן ביים באַרימטן אַדוואָ־קאַט פון פיר אַזייגער אָן. די יידענע וואָס האָט קיין איין וואָרט רוסיש נישט פאַרשטאַנען, האָט נישט געוווסט, וואָס דער גוי וויל פון איר. זי האָט זיך געריסן אין דער הויך צום אַדוואָקאַט, און דער שווייצער האָט זי אַלץ געטריבן פון קאָרידאָר. זי איז געשטאַנען שוין לאַנג אויף דער קעלט פאַרן הויז, געמיינט, אַז זי וועט אָנטרעפן א יידן, ביי וועמען זי וועט קאָנען עפּעס פרעגן, נאָר קיין ייד איז נישט פאַרבייגעגאַנגען. עס זיי־נען יאָ דורכגעגאַנגען פאַרשוינען מיט בערד, און זי האָט געמיינט. אַז עס זענען יידן, האָט זי צו זיי גערעדט אין איר לשון, האָט זי קיינער נישט פאַרשטאַנען. איז זי אַזוי, די יידענע, געשטאַנען פון פרימאָרגן אָן. א געפרוירענע, איינגעהילט אין איר טוך, מיט איר פוילישער קופּקע, וועל־כע זי האָט אָנגעטון צוליב „פּייטערבורג", און אַלץ געברומט פאַר זיך: „אַז ער זאָל זיין א מליץ־יושר פאַר מיין זון משה בן ר' חיים". דער שוויי־צער האָט זי אָבער פאַר דער טיר אויך נישט געלאָזט שטיין, און גענומען זי טרייבן (ווייל די יידענע האָט יעדן איינעם, וואָס איז אַריין אָדער אַרויס פון קאָרידאָר, און וואָס האָט זיך איר געקאָנט אויסווייזן, אַז דאָס איז דער באַרימטער „מליץ־יושר", באַאומרואיקט, אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל,

און גענומען קושן, און מיט טרערן אין די אויגן געוויזן אויפן ברייוול.
די יידענע האט בשום אופן נישט געוואלט אוועקגיין פון הויז. דאס האבן באמערקט א פאר פארבייגייענדיקע און זיי האבן זיך אפגעשטעלט צו באטראכטן די יידענע. א טאטערישער פרוכטן־הענדלער האט זי אנגענומען פאר איינער פון זיין ראסע און צו איר גערעדט טאטעריש, און די יידענע האט אים נישט געקענט צוריק אפענטפערן. ווער ווייסט, מיט וואס דער אינצידענט וואלט זיך געווען געענדיקט (געווים מיט דעם, וואס די יידענע וואלט אוועקגעפירט געווארן אין צירקל אריין), ווען עס וואלט זיך נישט באוויזן מירקין.

אז דער שווייצער האט אים דערזען, האט ער די יידענע אפגעלאזט און דערקלערט, וועגן וואס עס האנדלט זיך.

— פון פרימארגן זיצט זי דא, אנגעקומען גלייך פון באן מיטן פעקל אין האנט. מ'האט איר געזאגט, אז דער עמפפאנג הייבט זיך ערשט אן פיר אזייגער, און זי וויל נישט אפטרעטן. זי באאומרואיקט יעדן פארבייגייענדיקן.

מירקין האט אים שטיל געמאכט און שוין מיטגענומען די יידענע מיט זיך.

די יידענע האט אנגענומען מירקינען פארן גרויסן מליץ־יושר, און א מבול פון ווערטער האבן זיך געשאטן פון איר מויל, אזוי ווי זי וואלט זיי געוועזן ארויסגעזאגט, נאר כדי איינצושלינגען זיי צוריק:

— האר לעבן, איר קאנט מיר ראטעווען מיין קינד. איר אליין, דער הייליקער רבי האט עס געזאגט. אוי, פאניע קרוין!

מירקין האט נישט פארשטאנען קיין אייןווארט, וואס די יידענע זאגט, נאר דאך האט ער עפעס יא פארשטאנען. עס איז געווען א נייע זאך, וואס האט זיך דערוועקט אין אים. וואס פרעמדער די יידענע איז אים פארגעקומען, וואס אומפארשטענדלעכער זי האט גערעדט, אלץ מער האט אים גערייצט די נייגיריקייט אויסצוגעפינען, ווער זי איז אזעלכע. ער האט זי אוועקגעזעצט אין פאדער־צימער און האט צו איר עפעס געזאגט, נישט מיט ווערטער, נאר דורכן ווונק, דורך די האנט־באוועגונגען, און ער איז אריינגעגאנגען אין די אינערלעכע צימערן פון אדוואקאט.

אלגא מיכאילאוונא איז נישט געווען אינדערהיים. איר דינסט האט אים דערציילט, אז זי איז ארויסגעפארן מיט נאאום גריגאראוויטשן,

וועלכער איז געקומען נאָך איר. דער אַדוואָקאַט איז נאָך אין סענאַט. נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ געפינט זיך אין איר צימער. זי איז נישט אין זייער אַ גוטן מוט. זי האָט קאָפּ־ווייטיק.

מירקין האָט זיך אַרומגעדרייט אין די גרויסע צימערן. ער איז אַריין צו זיך, אין בשותפותדיקן קאַבינעט, וואָס ער האָט געהאַט מיט ווינשטיינען און אָנגעהויבן איבערצוקוקן אַקטן, וואָס ער האָט באַדאַרפט צוגרייטן פאַרן אַדוואָקאַט.

דער קאָפּ איז אים אָבער נישט געווען צו דער אַרבעט. די יידענע אין קאָרידאָר, פון וועלכער עס האָט זיך אַלץ געהערט אַ שטיל זיפצן, ווי אַ זשיפּען פון אַ האַלב־געשאָכטענער הון (ער הערט איר זשיפּען דאָ ביי זיך אין קאַבינעט), לאָזט אים נישט צורו. עס רייצט זיין נייגיריקייט: „ווער זענען זיי דאָס אַזעלכע — דאָרט, ווייט, ווייט, טיף אין תחום? ווי אַזוי לעבן זיי דאָרט? וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדן זיי דאָס? ווי פרעמד און ווייט דאָס איז אַלץ — ווי מענטשן פון אַ גאַנץ אַנדער לאַנד, פון לענדער, צו וועלכע מען קומט קיינמאָל נישט, ווי עסקימאָסן, אָדער אַן אַנדערער נישט-אויסגעפאָרשטער שבט פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע".

דורך דעם יאָר, וואָס ער האָט פּראַקטיצירט ביים באַרימטן אַדוואָקאַט, איז אים שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט יידן, וואָס קומען פון יידישן תחום, פון אויבן-אויף באַקאַנט צו ווערן מיט זייער לעבן, מיט די ספּעציפישע יידישע פּראָבלעמען, וואָס די אויסנאַם־געזעצן און די באַגרענעצונגען שאַפן פאַר זיי. אָבער דאָס וואָס היינט, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. אַ סוד פון דער טיפענישפון אומבאַקאַנטע און געהיימנישפולע וועלטן. ער דערפילט ערשט איצט, ווי יענע וועלטן גייען אים אָן.

ער האָט אַליין נישט געוווסט, אַז ער וועט זיין אַזוי פאַראינטערעסירט אין דעם פאַל. און פאַרוואָס איז ער אייגנטלעך אַזוי פאַראינטערעסירט?

שפּעטער, אַז מען האָט די יידענע צוגעלאָזט צום באַרימטן אַדוואָקאַט, איז געווען זייער שווער אויסצוגעפינען די ריכטיקע סיבה, וואָס עס האָט זי געבראַכט צו קומען קיין פעטערבורג. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען איר שפּראַך. די האַפענונגען, וועלכע מען האָט געלייגט אויף

יאַקאָב שמולעוויטש (אויפן ערשטן אַסיסטענט), וועלכער איז דאָך אַליין געקומען פון תחום, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אָפּגענאַרטע. יאַקאָב שמולעוויטש האָט זיך באַליידיקט: אַז מען האָט גאָר געקאָנט דערוועגן זיך צו טראַכטן וועגן דעם, אַז ער פאַרשטייט „זשאַרגאָן". ביי זיי אין שטוב איז קיין אַנדער וואָרט אַ חוץ רוסיש, זייט דריי דורות, נישט גע־רעדט געוואָרן. ער, מער פון אַלע אַנדערע, האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער גאַנצער מעשה. בשעת־מעשה האָט ער צווישן זיין גראָבן און קליינעם פינגערל געהאַלטן זיין האָר־בערשטל (אַ קונץ־שטיקל פון אים) און באַ־האַלטענערהייט זיך געבאַרשט די וואָנסעס און דאָס בערדל, רעדנדיק דערביי מיט זיין כאַראַקטעריסטישן „ר" רוסיש.

— איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי קאָן מען זיך דאָס לאָזן אַליין אין דער רעזידענץ נאָך יורידישע עצות, נישט קענענדיק די שפּראַך פון אונדזער לאַנד.

פון דער סיטואַציע האָט אַרויסגעראַטעוועט דער באַרימטער אַד־וואָקאַט אַליין. ער האָט זיך גוט דערמאָנט יעדעס וואָרט פון זיינע קינ־דעריאָרן און זיך געפרייט דאַרויף, וואָס ער האָט אַ געלעגנהייט צו רעדן אַ שפּראַך, וואָס איז געווען זיין אייגענע קינדער־ און מוטער־שפּראַך. און כאָטש דער יידענעם אויסרעדן איז אים געווען פרעמד און שווער צו פאַר־שטיין (זי האָט גערעדט מיט אַ טיפן פּוילישן אַקצענט, זינגענדיק די ווערטער, און אַזוי ווי זי איז נאָך געקומען פון אַ חסידישער משפחה, האָט זי באַנוצט פיל גמרא־ווערטער), דאָך האָט ער זיך געמאַטערט און האָט כמעט אַלץ פאַרשטאַנען.

זי האָט דערציילט אין איר כאַראַקטעריסטישן לשון אַ שווידערלעכע געשיכטע:

„אַ זון האָט זי אַן איין איינציקן ביי דער מאַמען און ביי גאָט. אַ לערנער גאָר אייגער אין דער וועלט — היתר־הוראה אין דער קעשענע, אַ באַווייבטער שוין, מיט צוויי קינדערלעך. האָט מען אים, צוליב דעם וואָס מען האָט פאַרגעסן אויסצושטרייכן פון די ביכער זיינעם אַ יונגן ברודער, וואָס איז, לאַ־עלינו, געשטאָרבן, צוגענומען אין סאָלדאַטן. איז ער דאָך אָבער אַ פרומער ביז גאָר, און איידער אָפּצוווייכן פון גאָטס וועג אויף אַ האָר, איז דאָך שוין גלייכער הונדערט מאָל דער טויט, לאַ־עלינו. און ווער שמועסט נאָך פון עסן טרפות און אַלע טמא זאַכן. גענוג, ער

האָט זיך נעבעך אויסגעריכט א ביטער שווער יאָר, וואָס דאָס איז גאָר נישט צו באַשרייבן. מען האָט אים אָנגעטון כלערליי געברענטע צרות און אכזריות, וואָס אַזעלכעס שטייט גאָרנישט אין דער תוכחה. מען האָט געריסן פון אים זיין לייב לעבעדיקערהייט. ער איז פון גאָטס וועגן, חלי־לה, נישט אָפּגעטראָטן אויף אַ האָר. ביי די גויים אין די הענט האָט ער זיך אויפגעפירט יידישלעך. איז געגאַנגען אויף זייערע דינסטן און האָט געברומט דאָס דאַווענען אויסנווייניק. ווי ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער אָנגעטון אַ טלית און תפילין, אָדער אַריינגעקוקט אין אַ יידיש ספר, וואָס ער האָט מיטגענומען אין זיין רוקזאַק אַריין. האָבן נישט געקאָנט אי־בערטראָגן די גויים, וואָס ער האַלט אַזוי געטריי זיין אמונה, און זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים, חלילה עובר צו זיין אויף גאָטס געבאָט. און אפשר איז עס געווען גאָטס אַ זאַך. מען האָט אים געוואָלט אויספּרווון „מן השמים", צי ער וועט קאָנען ביישטיין די נסיונות און האַלטן זיך ביי זיין אמונה, ווי אין קו־הישר שטייט געשריבן. גענוג צו זאָגן, איינ־מאָל האָבן זיי מיט אים אַ שפּאַס געטריבן. דער עלטסטער זיינער, מיט נאָך אַ פּאָר זיינע חברה־לייט, פעלדפעבל, ווי מען רופט דאָס ביי זיי, זענען געגאַנגען און האָבן גענומען אַ שטיק „דבר־אחר" און געשטופּט אים אין מויל אַריין. האָט ער זיך דאָך אוודאי געוועהרט. ווי דען אַנ־דערש? אַזוי ווי עס שטייט געשריבן, אַז אַ ייד מוז זיך דאָס לעבן חלילה איינשטעלן און נישט אָפּטרעטן פון ריכטיקן וועג. גענוג, זיי האָבן אים אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד. שיכור זענען זיי געווען. וואָרים ווען זיי וואָלטן נישט געווען שיכור, וואָלטן זיי דאָך פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר אַזאַ זאַך נישט טון. אפילו די אייגענע אמונה פאַרבאָט דאָס. גענוג, זיי האָבן אים מיט געוואַלד דאָס חזיר אין מויל געשטופּט. וויי, וואָס מיינע אויערן האָבן דאָס דערלעבט צו הערן! ר' יודלס איינאיינציקן זון, דעם אור־החיימס אַן אייניקל, זאָל מען טון אַזאַ זאַך (איז די יידענע פלוצ־לינג אַרויס מיט אַ גרויס געוויין). און ווי זיי האָבן אים דעם דבר־אחר געשטופּט אין מויל אַריין, האָט ער זיך דאָך אוודאי געוועהרט, האָט ער ביי זיין עלטסטן דאָס העמדל צעריסן, און אַ צווייטן עלטסטן האָט ער געביסן אין דער האַנט. מען ווייסט דען, וואָס מען טוט ביי אַזאַ זאַך? האָבן זיי אים פאַרקלאָגט פאַר די גרויסע נאַטשאַלניקעס, אַז ער האָט זיינע עלטס־טע מעיז פנים געווען, און פאַר דעם קומט בעונותנו הרבים אַ גרויסע

שטראָף. גענוג, עס איז קיינער נישט געווען, וואָס זאָל זיך פּאַר אים אָננעמען, ווער האָט דען געזאָלט וויסן? ער האָט אפילו אהיים נישט געשריבן אויך, און זיי האָבן אים פאַרמשפּט אויף צוואַנציק יאָר „ארעסטאַנטסקע ראָטע”, וואָס דאָס הייסט קאַטאָרגע, און מען שיקט אים שוין אַ געבונדענעם אין קייטן אַוועק. האָב איך דאָך נישט געוווסט וואָס צו טון, בין איך אַריין צום רבין זאָל לעבן, און אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט דעם קאָפּ אין רבינס טיר, ביז מען האָט מיך גלייך צוגעלאָזט צו אים. האָב איך דאָך עפּעס געמאַכט אַ גוואַלד, אַז מען זאָל אַזעלכעס צולאָזן, אַז דעם אור־החיימס אַן אייניקל זאָל יונגערהייט פאַרפוילט ווערן אין די תפיסות! האָט מיר דער רבי געזאָגט, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, אַז מען זאָל זיך ווענדן נאָך פּעטערבורג, אַז דאָרט געפינט זיך אַ גרויסער מליץ־יושר, אַן אוהב־ישראל, וואָס ווען ער זאָל נאָר וועלן, קאָן ער דיין זון ארויסראַטעווען. וואָס וועט אַ מאַמע נישט טון צוליב אַ קינד? האָב איך זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, און בין געקומען צום גרויסן האר נאָך פּעטערבורג: — „האר לעבן!” — איז די יידענע ארויס מיט אַ בראָך טרערן, געוואָרפן זיך צו די פיס פון אדוואָקאַט, געכאַפּט זיין האַנט קושן; „ראַטעוועט מיר מיין קינד, מיין איינציקן לערנער!”

אַ לאַנגע ווײַלע איז דער אדוואָקאַט געבליבן זיצן אַ בלייכער און אַ שווייגנדיקער. ער האָט זיינע פינגער נערוועז דורכגעפירט איבער זיינע גרויסע קודלעס האָר, נערוועז זיין בערדל געצופּט. די יידענע האָט איצט געשטופּט צו אים דאָס בריוול, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

— נאָ, לייענט, האר לעבן, לייענט, וואָס דער הייליקער רבי שרייבט וועגן אים. דער הייליקער רבי האָט עס אַליין אָנגעשריבן מיט זיין אייגענער האַנט צום האר לעבן. דער האר וועט זיך אַ גרויס שטיק עולם הבא פאַרדינען. אַלע עבירות וועלן אים שוין פאַרגעבן ווערן, פאַר אַזאַ גרויסע מצוה, צו ראַטעווען אַ יידישע נשמה פון גוייִשע הענט.

די ווערטער האָבן גערירט דעם אדוואָקאַטס האַרץ, מער ווי אַלץ. עס איז נישט געווען די הבטחות, וואָס זי האָט אים צוגעזאָגט. עס איז געווען דער נאַאיווער שטאַרקער גלויבן, וואָס האָט זיך געהערט פון דער יידענעס רייד, וואָס האָט גערירט דעם אדוואָקאַטס האַרץ.

דער אדוואָקאַט האָט זיך אויפגעהויבן און געדרייט זיך איבערן צימער אַרויף און אַראָפּ. ער האָט נאָך גאָרנישט געזאָגט. זיינע צוויי אַסיס־

טענטן זענען געשטאַנען ביים טיש, באַטראַכט די יידענע מיט נייגיריקייט.

— איך זע נישט, איך זע גאָרנישט, וואָס מען קאָן דאָ מאַכן! — האָט געהאַלטן אין איין רעדן פאַר זיך דער אַדוואָקאַט, אין אַ שפּראַך, וואָס די יידענע האָט נישט פאַרשטאַנען, — ער איז פאַראורטיילט דורך דעם קריגס־געריכט.

— און צוליב אַזאַ קלייניקייט, איבער אַ שטיקל חזיר, לאָזט אַ מענטש זיך זיין אייגן לעבן פאַרלירן? — האָט פּלוצלינג יאַקאָב שמולעוויטש געפונען דער יידענעס לשון אין זיין מויל, — וואָס וואָלט געווען, אַז ער וואָלט געוווען אויפגעגעסן דאָס שטיקעלע חזיר?

— האַר לעבן, וואָס רעדט דער האַר? טויזנט מאָל גלייכער דער טויט, איידער חלילה! — האָט די יידענע אויסגעשריגן.

— דאָ קאָן איך נאָר, מיין ליבע יידענע, איין איינציקער מענטש העלפן. און דאָס איז דער צאַר אַליין! — האָט פּלוצלינג דער אַדוואָקאַט זיך אָנגערופן. — קריגס־געריכט, אויף דעם איז קיין אַפּעלאַציע נישטאָ. קיין מענטש קאָן אייך דאָ נישט העלפן.

— דער רבונו של עולם! — שטרעקט אויס די יידענע די האַנט צום הימל.

דער באַרימטער אַדוואָקאַט האָט זיך פאַרשעמט פאַר דער יידענעס ענטפער, און ער האָט געזאָגט ווי פאַר זיך:

— געוויס, געוויס, דער רבונו של עולם. אָבער דער רבונו של עולם קאָן עס נאָר טון דורך דעם צאַר, דערפאַר ווייל ער איז פאַרמשפּט געוואָרן דורכן קריגס־געריכט. אָבער ווער וועט גיין צום צאַר? ווער קאָן אים די זאַך פאָרברענגען? איר ווייסט, אין וואָס פאַרא צייטן מיר לעבן? — האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט ווי פאַר זיך.

— דער רבי האָט מיר געזאָגט, וואָס איך זאָל טון, דעם קייסערס האַרץ אויף צום גוטן איבערצוקערן, — האָט די יידענע דעם אַדוואָקאַט געטרייסט — אויך דער קייסער איז ביים רבונו של עולם אין די הענט.

אַ שמייכל איז פאַרלוירן געוואָרן אויפן אַדוואָקאַטס ליפּן.

— דערווייל קאָן מען אייך יעדן אויגנבליק דאָ כאַפּן. קיין ווינרעכט אין פעטערבורג האָט איר דאָך נישט, און מען קאָן אייך אהיימשיקן מיטן עטאַפּ.

— איז שוין גאָר קיין עצה נישטאָ פאַר מיין בראָך? — איז די יידענע געבליבן בלינד דערשראָקן.

— איך ווייס נישט, וואָס מיר קאָנען דאָ טון. איך זע נישט קיין מעגלעכקייט, קיין אויסוועג... אַ צוטריט צום צאַר האָבן מיר נישט.

— איך וועל נישט גיין פון דאַנען. דער רבי האָט מיך געשיקט צום גרויסן האַר, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער רעדט. מיין קינד איז אין סכנה. וווהין זאָל איך גיין? איך וועל זיך אַוועקלייגן פאַרן צאַרס פּאַלאַץ. זאָלן זיי מיך צעטרעטן מיט די פיס. איך האָב שוין פאַר גאָרנישט קיין מורא, מיין קינד איז ביי די גויים אין די נעגל. — און די יידענע האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אַנידער פאַר די פיס פונעם אַדוואָקאַט.

דער אַדוואָקאַט איז געבליבן אין פאַרלעגנהייט און געקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט אַן עצה ביי זיינע צוויי אַסיסטענטן. יאַקאָב שמולעוויטש האָט געמאַכט אַן אומאָנגענעמע גרימאַסע. דאָס זעלבע האָט אויך געטון דער אַנדערער. דער אַדוואָקאַט האָט זיך אין דער שטיל אָנגעהויבן צו באַראַטן מיט זיינע אַסיסטענטן.

— סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, אפשר וועט זיך דאָך לאָזן עפּעס מאַכן? דאָס, דאָס איז דאָך אומדערהערט... — האָט מירקין אַרויסגעשטאַמלט.

— וואָס קאָן מען מאַכן מיט איר? זי האָט דאָך קיין ווינרעכט נישט. מען קאָן זי דאָך יעדן אויגנבליק אַרויסשיקן. יאַקאָב שמולעוויטש,

— ווענדעט ער זיך צו זיין אַסיסטענט, — קאָן מען נישט עפּעס זען איינצואָרדענען דורך אונדזערע קליענטן, וואָס קומען פון „תחום"? זיי מוזן דאָך עפּעס האָבן אַ וועג, ווי אַזוי זיך דערוויל איינצואָרדענען אין פּעטערבורג. גיט אַ פרעג, למשל, די פרוי הורוויץ, זי קומט אויך, דאַכט זיך פון וואַרשע. איר ווייסט שוין, די מוטער פון אונדזער רעוואָלוציאָנער.

— איך וויל דערמיט גאָרנישט האָבן צו טון. מיר קאָנען נאָך האָבן אומאָנגענעמלעכקייטן.

— איך וועל זיך דערצו נעמען. איך וועל עס איינאָרדענען, — האָט זיך אָנגערופן מירקין.

— וואָס ווייסט איר פון ווינרעכט! איר האָט דאָך דערמיט קיינמאָל נישט געהאַט צו טון, — זאָגט דער אַדוואָקאַט, און גייט אַליין אַרויס אין קאָרידאָר, וווּ עס האָבן געוואַרט די אָרימע קליענטן אויף

זייער רייע, לויפט דורך מיט זיינע פלינקע דורכנעמענדיקע אויגן די ווארטנדיקע, וואס האבן זיך אויפגעשטעלט ביים אדוואקאטס דערשיינען. באמערקט א יידן, געגעבן א ווונק צו אים. דער ייד מאכט זיך גלייך די בארד, הוסט זיך אויס און גייט נאכן אדוואקאט.

— וויינשטיין פון ווילנע, דער פאטער פון סטודענט לעוו אסיפא־וויטש וויינשטיין, — זאגט דער אדוואקאט, וואס האט געדענקט די נע־מען און די „עסקים" פון אלע זיינע קליענטן.

— יא, איך האב געקראגן א בריוו, — הייבט דער פאטער אן צו דערציילן פון זיין „עסק".

— נישט וועגן דעם וויל איך רעדן מיט אייך. איך האב צו אייך א בקשה. איר האלט זיך דאך אויף אין פעטערבורג אומלעגאל, פארשטייט זיך — האט נישט קיין מורא, איך וועל אייך נישט ארויסגעבן. קאנט איר נישט מיטנעמען די יידענע און זי אויך איינארדענען?

— איך האלט זיך אויף ביי דער „קוואסנעצאווא", — זאגט דער ייד א פארשעמטער און לאזט אראפ דעם קאפ.

— איך האב אייך נישט געפרעגט, ווו און וואס — דערהויבט דער אדוואקאט זיין שטימע אין א בייזערדיקן טאן. — מיר אלע לעבן נישט אין רוסלאנד, ווי מיר וואלטן געוואלט, נאר ווי מיר מוזן. נעמט מיט די יידענע.

— עס זענען אפילו דארט פאראן אויך פרויען. איך מיין...

— איך האב אייך נאך אמאל געזאגט, אז איך ווייס נישט און וויל נישט וויסן, וואס פאר אן ארט דאס איז. זייט אזוי גוט און נעמט מיט די פרוי מיט זיך.

— גייט מיט מיט דעם יידן, — ווענדעט זיך דער אדוואקאט צו דער פרוי, — ביז מיר וועלן באטראכטן, וואס מיר קאנען טון.

— יאקאב שמולעוויטש, נעמט דעם נאמען פון איר זון און פאלק, ווו ער האט געדינט. זייט אזוי פריינטלעך...

— גייט, גייט, — העלפט דער אדוואקאט אויפהייבן די יידענע פון דער ערד. — ווי זאגט איר, אלץ איז אין גאטס הענט.

— און איצט נאך דער רייע. ווער איז דער נעכסטער?

פארן אדוואקאט האט זיך פארגעשטעלט א דעפוטאציע פון אוני־ווערסיטעט סטודענטן... מיט זייער גלח בראש...

קאַפּיטל 15

מאַדאַם קוואַסנעצאָווא

ניט ווייט פון אַדוואָקאַטס וווינונג, אויף דער זעלבער גאַס, האָט זיך געפונען דאָס אָרט, וואָס איז באַוווּסט געווען אין דער הויפּטשטאָט, אַלס „קוואַסנעצאָוואַס אינסטיטוט". ס'האָט זיך געפונען אין אַ הויז, אויף אַן אומהיימלעכן גרויסן הויף. דער הויף איז שטענדיק געווען אַ פאַרוואַלגערטער. אַ סוחר פון אַלטוואַרג האָט געלאָזט דאָרט שטיין זיינע אַלטע מעבל־שטיקער, אַן אייזן־הענדלער — זיין פאַרלעגן אייזן־אָפּפאַל, און אַ הערינג־סקלאַד — אומענדלעכע שורות פון טונען... דער הויף איז געווען ווי אַ לאַבירינט. אז מ'איז אַריינגעקומען אין אים, האָט מען מער זיך פון אים נישט געקאָנט אַרויסקריגן. אין דעם דאָזיקן הויז האָט די קוואַסנעצאָווא געהאַט איר „זאַוועדעניע", וואָס האָט ביי אַ טייל פּעטער־בורגער איינוווינער (און דאָס דווקא צווישן די בכבודע באַאַמטישע קרייזן) זיך גערופן „קוואַסנעצאָוואַס אינסטיטוט", און נישט בחנם.

אין אַ קעלער פון דעם הויז, בשותפות מיט איר פאַרוואַלטער וואַסיל אַלעקסאַנדראָוויטש, האָט די קוואַסנעצאָווא געהאַט אַ „טיי־לאַווקע". בלויע שילדן, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען אויסגעמאָלט, ווי ווייס־העמדיקע רוסן שוויצן אַרום אַ סאַמאָוואַר טיי, זענען געהאַנגען פאַר דעם איינגאַנג פון גאַס אַרויס. נאָר די לעבעדיקע רוסן מיט די אויפגעפּראַל־טע באַבערדטע ברוסטן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון די אויפגעקנעפּלטע ווייסע העמדער — האָבן געפּאַרעט אין די הינטערשטע שטובן פון קע־לער, און פון די אויפגעעפנטע טירן האָט געזעצט אַ רויך, ווי פון אַ שוויץ־באָד אַרויס. אויפן ערשטן שטאָק איבער דער „טיי־לאַווקע", האָט זיך געפונען דער „אינסטיטוט". אין איין קוואַרטיר פון איין זייט קאָרי־דאָר זענען די גרויסע, ברייטע, אומהיימלעכע צימערן פון דעם אַלטן פּע־טערבורגער הויז איבערגעמאַכט געוואָרן אין קליינע קעמערלעך, אָפּגע־צוימט איינס פון אַנדערן מיט דינינקע האָלצערנע ווענט, און באַ־קלעפּט — ווי אין איילעניש — מיט שטענדיק זיך שיילנדיקע באַבלימ־

טע טאַפּעטן. דער „זאַל“, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט מיט זיינע פיר אויגן־פענצטער צו דער גאַס אַרויס — איז איבערגעבליבן אומבאַרירט. באַמעבלט מיט רויטע פּלושענע קאַנאַפּעס און פאָטעלן, אַרום שוואַרצע געשניצטע טישן, האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן די געסט, וואָס זענען געקומען צו די דאַמען פון דעם „אינסטיטוט“. אין אַ צווייטער וווינונג, וואָס איז געלעגן וויז־אַ־ווי דעם „אינסטיטוט“, אויפן זעלבן קאָרידאָר, איז אויף דער פראָנט־טיר געשטאַנען אויפגעקלאַפּט אַ מעשן בלעכל מיט דער אויפשריפט: „פּריוואַטע וווינונג פון מאַדאַם קוואַסנעצאָוואַ“.

דאָרט אין דער וווינונג איז אַריינגערונען אַ שטראָמל טרערן, וואָס האָט זיך געגאָסן ווי אַ שטראָמל בלוט פון דער וונד, וואָס האָט זיך גערופן „רוסלאַנד“...

קוואַסנעצאָוואַ האָט די מאַדאַם געהייסן נאָר אין איין טייל וווינונג, ווו עס האָט זיך געפונען דער „אינסטיטוט“. אָבער אויף איר אייגענער קוואַרטיר, וויז־אַ־ווי פון „אינסטיטוט“, האָט זיך די מאַדאַם גערופן נאָך ביי איר יידישן נאָמען, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון די אָדעסער געגנטן — דבורה־לאה ברוינשטיין.

אַלע „איקאָנעס“ פון איר נייעם גלויבן האָבן זיך געלויכטן אונטער רויטע פלעמעלעך אין די קליינע קעמערלעך פונעם „אינסטיטוט“. אויף איר אייגענער וווינונג האָט די מאַדאַם געהאַט אויסגעהאָנגען אַן „אל־מלא־רחמים־לוח“, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעמאָלט דריי מצבות, וואָס האָבן געטראָגן אין דער רוסישער און יידישער שפּראַך די נעמען פון איר פאָטער, מוטער און מאַן. די טעג אין רוסישן און יידישן קאַלענדאַר, אין וועלכע עס פאַלן אויס זייערע יאָרצייטן, זענען געווען אויפגעשריבן אויפן „לוח“. איבער די טישן האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט סדורים און חומשים, וואָס זענען נישט לאַנג צוריק באַנוצט געוואָרן, און אויף אַ קליין שענקל, איבער וועלכן טאַקע עס איז געהאָנגען דער אויבן דערמאָנטער „אל מלא רחמים“, האָבן זיך געפונען צוויי מעשענע לייכטערלעך, אין וועלכע עס האָבן נאָך געשטעקט צוויי אינמיטן אויסגעלאָשענע ליכט.

די „קוואַסנעצאָוואַ“ איז געווען אַ באַיאָרטע, פליישיקע פרוי מיט אַ רויט פול פנים, און אַן אויסערגעוויינלעך דיקן האַלדז, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ ברייט־ראַנדיקער קוימען פון אַ גוט אונטער־

געהייצטן קעסל, אָן וועלכן איר ברייט־ברוסטיקע און ברייט־ביינִיקע פּי־גור — (וואָס איז געווען ווי געגאָסן פון איין שטיק) — האָט דערמאָנט. זי האָט געטראָגן אַ ברוין שייטל אויף אירע גרויע האָר, נישט צוליב פרומ־קייט, נאָר צוליב איר „פּראָפעסיע". זי האָט באַלאַנגט צו דער „רעכט־גלויביקער אמונה", וועלכע זי האָט אָנגענומען צוזאַמען מיט איר מאַן, צוערשט אויס ריין מאַטעריעלע גרונטן, כדי צו קאָנען וווינען אין פּע־טערבורג אומגעשטערט און צו קאָנען פריי אָפּגעבן זיך מיט איר באַשעפ־טיקונג. נאָר שפּעטער איז זי איבערגעגאַנגען אין דעם גלויבן אריין מיט אַ רעכטן אמת. זי האָט פרום געהאַלטן די אַלע רעכט-גלויביקע יום-טו־בים, רעגלמעסיק באַזוכט די צערקווע און ווי נאָר זי האָט געהאַט אַ גע־לעגנהייט, האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכטל פאַר איר פאַרשטאָרבענעם מאַנס נשמה. נאָר דאָס האָט איר נישט געשטערט ווייטער זיך צו קלאַמערן צו דער אמונה, פון וועלכער זי האָט געשטאַמט, אויס דעם איינפאַכן פּראַק־טישן גרונט: אין צווייען איז שטאַרקער... צוזאַמען מיט די רעכטגלויבי־קע יום־טובים האָט זי אויך געפּראַוועט די יידישע, וועלכע זי האָט גאַנץ גוט געדענקט און געהאַלטן פון זיי אַ פּינקטלעכן חשבון. דבורה־לאה האָט מיט אַ געשיקטקייט געקאָנט אַזוי די יום־טובים פון דיביידע גע־טער צוזאַמענבינדן, אַז מען האָט גאָרנישט אָנגעזען, אַז זיי שטייען איינס צום אַנדערן אין אַ סתירה. דבורה-לאה האָט שלום געמאַכט אין דעם טויזנט-יעריקן קריג, וואָס די באַגרינדער פון די אמונות האָבן אריינגע־וואָרפן צווישן די מענטשן. צווישן די באַמאַלטע אייער, חזיר-קעפּלעך, קוכנס, וואָס זי האָט אויסגעשטעלט אויף איר פּסח־טיש פאַרן פּאָפּ צו באַשפּריצן מיטן הייליקן וואַסער, האָט זי אויך נישט פאַרפעלט אריינ־צונעמען די יידישע מצות. ביינאַכט האָט זי אָפּגעריכט דעם סדר, צו־מאָרגנס איז זי געגאַנגען אין צערקווע אריין זיך קושן מיט אַלע: „קריס־טוס איז אויפגעשטאַנען". נעבן דעם קריסטוס־בוים האָט זיך געפונען אַ יידישער חנוכה־לאָמפּ, וועלכן זי האָט געלאָזט באַלויכטן אין זיינע אַלע ניין ליכטלעך.

דעם שלום צווישן די געטער, קעגן די אָנגענומענע דאָגמעס פון די הערשנדע רעליגיעס, — האָט נאָך איינגעטלעך איינגעפירט איר מאַן, אַנשל קולאַק, וואָס האָט זיין געשעפט, צוזאַמען מיט זיין ווייב, איבער־געפירט פון אָדעסער פּאָרט — אין דער הויפּטשטאָט אריין. צוליב דעם

ליכטיקן אָנדענקען פון געשטאָרבענעם האָט דבורה־לאה נישט געענדערט אויף אַ האָר פון זיין פירן זיך, סיי אין זיינע געשעפטלעכע וועגן, און סיי אין זיין גלויבנס-שטייגער...

די אַלע יום־טובים, סיי די יידישע, סיי די רעכט-גלויביקע, האָט דבורה־לאה געפּראַוועט פּריוואַט, ביי זיך אין שלאָף־צימער, וואָס איז געלעגן אָפּגעזונדערט, אין דער ענד פון איר גרויסער וווינונג. דאָרט האָט זי געהאַט הענגען אי אַן איקאָנע, אי אַ „ר׳ מאיר בעל־הנס״־פּושקעלע, אויף איר אַדרעס פון סאַמע דער הייליקער שטאָט „ירושלים״. און כדי אונטער אַ בילד פון דעם הייליקנס קבר, וואָס איז איר געוואָרן צוגעשיקט די געטער נישט צו מאַכן אייפערזיכטיק, — האָט דבורה־לאה יעדעס מאָל, ווען זי האָט אין דעם איקאָנע־לעמפּל אריינגעגאָסן פרישן אייל — אויך אריינגעוואָרפן איר שיינע נדבה אין פּושקעלע, וואָס זי פלעגט — ווען עס איז פול געוואָרן — אַליין אָפּטראָגן און איבערגעבן מיט אירע אייגענע הענט צו אַ גבאי פון דער סינאַגאָגע. דאָרט, אין איר שלאָף־צימער, פלעגט זי ווינען, עסן, פאַרברענגען, און ציילן ביינאַכט, ביים אַראָפּגעלאָזענעם ראָלעט, איר אָפּגעשפּאָרטן פאַרמעגן, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרשטעקט אין אַ סעקרעטנעם אָרט... די איבעריקע שטובן פון איר וווינונג האָט זי אָפּגעגעבן פאַר נאַכט לעגער פאַר יידן, וואָס האָבן זיך געמוזט אויפהאַלטן אין דער רעזידענץ אומלעגאַל.

דבורה-לאה האָט געהאַלטן איר „אינסטיטוט״ ציכטיק, שטרענג און אָנשטענדיק, געפירט מיט אַ פעסטער האַנט, צו קיין סקאַנדאַלן נישט צוגעלאָזט. איר „קליענטעלע״ איז געווען אַ געציילטע און איז באַשטאַנען בלויז פון באַווייבטע בכבודע מענער, וועלכע האָבן געוואָלט באַגיין אַן עבירהלע אין דער שטיל, אָן איבריקן רעש... אָן רעקאָמענדאַציע האָט זי קיין געסט צו זיך נישט צוגעלאָזט (דערויף האָט שוין זאָרגפעלטיק אַכטונג געגעבן איר פאַרוואַלטער, וואַסיל אַלעקסאַנדראָוויטש, וועגן וועלכן מיר וועלן שפּעטער דערציילן). מיט פּאָליציי האָט זי זיך געפירט קאָרעקט, פּינקטלעך אויסגעצאָלט זייער אָפּגעמאַכטן געהאַלט (אַזוי אַז דער „רעווירנאָווע״ אויף דער גאַס האָט זי געגריסט יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך באַוויזן). צווישן דער שכנימשאַפט איז זי געווען געאַכט, נישט קוקנדיק אויף איר פּרנסה — צוליב איר פריינטלעכקייט און אָפענער האַנט אין צדקה־זאַכן. (די „דאַמען״ האָבן געהאַט דעם שטרענגסטן באַפעל אויף

קיין אופן נישט צו באַלעסטיקן די שכנים.) אפילו צווישן דער העכערער באַמטנשאַפט האָט מען זי געקענט און געאַכט. — איז ביי איר אין הויז געווען די זיכערסטע וווינונג פאַר די נישט־לעגאַלע יידן אין פעטער־בורג.

זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט זי די ווילטאַט געטון נישט צוליב לוין — דבורה־לאה האָט פון אירע קוואַרטיראַנטן קיין באַצאָלט נישט גענומען, זי האָט עס געטון אויס מצוה וועגן, פאַר דער נשמה פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן (קיין קינדער האָבן זיי, נעבעך, נישט געהאַט).

נישט איינמאָל האָט זי באַמערקט, דורכגייענדיק פאַרביי דעם הויז פון אַדוואָקאַט, ווי עס האַלטן זיך אויף אין קאָרידאָר, וואַרטנדיק אויף דער „אויפנאַם", באַזאָרגטע, דערשראָקענע יידן און ווייבער, וואָס אין זייער אויסזעען, אין די קאַפּאָטעס, אין די אַנגסטדיקע אויסדרוקן פון זייערע פּנימער, האָט מען גלייך דערקענט, אַז זיי קומען פון „תחום". דבורה־לאה פלעגט זיך אָפּשטעלן פאַרן הויז און פאַרפירן געשפּרעכן מיט די באַזאָרגטע יידן. אַ חוץ די צרות, וואָס האָבן זיי געבראַכט פון זייערע ווייטע פּראָווינצן אין דער הויפּטשטאָט, איז נאָך צוגעקומען די זאָרג פון אויפהאַלט אין דער הויפּטשטאָט, די אימה פאַרן פּאָליציי־צירקל. דבורה־לאה האָט צוערשט פון רחמנות וועגן אַריינגענומען אין איר וווינונג איי־נעם אָדער אַן אַנדערן יידן. ביסלעכווייז איז איר שטוב פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ רעגולערן אומלעגאַלן האָטעל פאַר רעכטלאָזע. זי פלעגט שוין קומען אַליין פון צייט צו צייט און נאָכפרעגן צווישן די באַזאָרגטע יידן, צי עס באַדאַרף נישט ווער אַ נאַכטלעגער. צוערשט האָט מען זיך דערשראָקן פאַר איר, זי האָט אָבער באַלד געוווּנען צוטרויען — און ביס־לעכווייז איז איר קוואַרטיר געוואָרן אַ באַהאַלטענער אַדרעס, וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן די אומגליקלעכע פון האַנט צו האַנט, פון מויל צו מויל.

דאָס איינציקע, וואָס דבורה־לאה האָט פאַרלאַנגט פון אירע אומלע־גאַלע קוואַרטיראַנטן (אַ פאַרגיטיקונג פאַר איר גאַסטפריינטלעכקייט), איז געווען, אַז זיי זאָלן אָפּריכטן זייער דאַוונען ביי איר אין דער וווינונג. דבורה־לאה פלעגט זיך צוהערן פון אַ שפּאַלט פון טיר, פון איר שלאָף־צימער אַרויס, צום לאַנג שוין אָפּגעוווינטן, אָבער נאָך טיף איינגעזונ־קענעם טרויעריקן יידישן דאַוונען־ניגון, וואָס האָט געשלומערט אין איר,

און מיט אַ גראָבן קרבן־מנחה־סדור אויף אירע קני פּלעגט זי מיטברו־מען די געבעטן...

אין די מערסטע פאַלן האָבן די קוואַרטיראַנטן גאָרנישט גע־ווּסט, וואָס פאַר אַ וווינונג דאָס איז, און וועלכער זיי האַלטן זיך אויף. די „דאַמען" פון דבורה־לאהס „זאַוועדעניע", האָבן געהאַט דעם שטרענגן באַפעל, אויף קיין פאַל נישט איבערצוטרעטן די שוועל פון איר פּריוואַט־וווינונג. אויך פּלעגט דבורה־לאה נאָר אין זעלטענע פאַלן, ביים באַזוך פון אַ הויך געשטעלטן באַאַמטן אין איר „אינסטיטוט", זיך געפינען אויף דער צווייטער זייט פון איר וווינונג, — ווען עס איז נויטיק געווען זיך צו באַמיען פערזענלעך און רעפּרעזענטירן זיך פאַרן הויכן גאַסט. דאָס געשעפט איז געטריבן געוואָרן דורך איר באַגלויבטן פּאַרוואַלטער, וואַסיל אַלעקסאַנדראָוויטש, דורך וועלכן עס איז אויך געגאַנגען די קאָמוניקאַציע צווישן דעם „אינסטיטוט" און דבורה־לאהס שלאָף־צימער.

אַזוי אַרום איז די וווינונג פון דבורה־לאה, ווי־זאָ־ווי פון „אינסטיטוט", פאַרוואַנדלט געוואָרן מיט דער צייט אין אַ צוזאַמענקונפט פאַר פיל פון די, וועלכע דער ווילקיר פון די אויסנאַם־געזעצן און באַרבאַרישע באַאַמטע האָט געבראַכט צו זוכן שוץ אין דער הויפּטשטאָט. די קוואַרטיר איז מיט דער צייט געוואָרן אַן „אַדרעסני סטאָל" פון יידישע צרות און פּיין. די שטובן פון דער וווינונג האָבן זיך געווייקט אין טרערן, ווי אַ שוואָם אין וואַסער... צווישן די ווענט זענען געהערט געוואָרן סרעבצן פון צעבראָכענע הערצער, פון קלאָגעדיקע תהלים־זאָגערס, און וועמענס גורל די אייגנטימערין פון דער קוואַרטיר האָט נישט קיין קליינעם אָנטייל גענומען. אויף דער קוואַרטיר האָט אויך דער גורל געבראַכט אסתר האָדלקלאַפּאַייזן, וואָס איז געקומען פון דער ענד פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, צו זוכן גערעכטיקייט פאַר איר זון אין דער הויפּטשטאָט.

ווען מאַדאַם קוואַסנעצאָוואַ איז געוווּיר געוואָרן די סיבה, וואָס האָט געבראַכט די יידישע פרוי קיין פּעטערבורג (אַגב, דער יידענעס שטרענגע רעליגיעזיטעט, איר אַלטע יידישע קליידונג האָט נישט ווינציק רעספּעקט און אַכטונג גלייך איינגעפלאָסן ביי דער מאַדאַם פון דער „זאַוועדעניע"), איז זי אַזוי גערירט געוואָרן, אַז זי האָט געלאָזט אַריינרופן איר פּאַרוואַלטער וואַסיל אַלעקסאַנדראָוויטש, מיט וועלכן זי האָט זיך

געמוזט טיילן מיט דעם איינדרוק, וואָס זי האָט ערשט נאָר וואָס איבער־געלעבט.

וואסיל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט גיכער אויסגעזען, ווי אַ פּראָוואַל־טער פון אַ געשעפט, וואָס פאַרקויפט הייליקע בילדער פאַר גלויביקע, איידער פון אַזאַ „זאַוועדעניע". אַזוי ווי זיין באַלעבאָסטע, איז ער גע־ווען נישט אין זיין ערשטער יוגנט און האָט דערוועקט צו זיך אַכטונג דורך זיינע גלאַט־געשמאַלצטע, שוין פאַרגראָעטע האָר, וואָס האָבן זיך רעגלמעסיק אַראָפּגעלאָזט איבער זיינע אויערן, דורך זיין גוט־געפּלעגטע באָרד און דורך זיין בכבודע קליידונג. וואסיל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט שטענדיק אין זיין דינסט אין „אינסטיטוט", ווי ביי זייער אַ בכבודער באַשעפטיקונג, געטראָגן זיין שוואַרצן סורדוט, און די סאַמעטענע וועסט, איבער וועלכער עס איז געהאָנגען אַ גאָלדענע קייט.

פּונקט ווי זיין באַלעבאָסטע, איז ער געווען שטרענג רעליגיעז, און מען קאָן זאָגן, אַז דעם רעליגיעזן קולט, וואָס האָט געהערשט נישט נאָר בלויז אין דעם הויז פון דער „קוואַסנעצאָווא", נאָר אויך אין איר „אינ־סטיטוט", האָט מען אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די שטרענג־רע־ליגיעזע געפילן פון וואסיל אַלעקסאַנדראָוויטש. (אין פּעטערבורג איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל אויף גאָטספאַרכטיקע פרויען: „אַזוי רעליגיעז, ווי אַ „דאַמע" פון דער קוואַסנעצאָוואַס „אינסטיטוט".) זעלבסטפאַר־שטענדלעך, איז דער באַגריף פון די „דאַמען" פון „אינסטיטוט" אין דעם ווערטל געווען איבערגעטריבן, נאָר וואָס איז יאָ וואָר געווען, איז דאָס: אַזוי ווי וואסיל אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען זייער אַ פליכט־באַוווס־טער מענטש, האָט ער אַכטונג געגעבן נישט בלויז אויף דער גוטער באַ־נעמונג פון די „דאַמען" (למשל, אויף זייער אַרט באַגריסן זיך מיט די בכבודע באַאַמטע, פון וועלכע עס איז באַשטאַנען די קליענטעלע), נישט נאָר בלויז אויף זייער היגיענישע ריינקייט (וואָס דאָס איז געווען נויט־ווענדיק פאַר דעם געערטן געזונט פון די געערטע באַזוכער), נאָר אויך אויף די מאָראַלישע און רעליגיעזע פירונגען פון די „דאַמען". ער האָט געזאָרגט וועגן דעם, אַז די „דאַמען" זאָלן רעגלמעסיק באַזוכן די צערק־ווע יעדן שבת פאַרנאַכט, ווהין ער פלעגט זיי פערזענלעך באַגלייטן און זיי זאָלן אַכטן די פּאָפּן און אַנדערע רעליגיעזע מענטשן. וואסיל אַלעק־סאַנדראָוויטש איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז ווען אַ

מענטש היט אָפּ די רעליגיעזע מנהגים, איז ער שוין ממילא אין בעסטער אָרדענונג, און עס קאָן דורך אים קיינעם קיין שלעכטס נישט געשען...

דערביי מוז מען צוגעבן, אַז וואַסיל אַלעקסאַנדראָוויטש איז נישט דווקא אָנגעגאַנגען, אַז מען זאָל אָפּהיטן די מנהגים פון זיין קירכע. אין דער הינזיכט איז ער געווען זייער ליבעראַל. יעדע אמונה איז ביי אים געווען וויכטיק, און ער האָט געהאַלטן יעדן מענטש, וואָס היט אָפּ זיין אייגענע רעליגיע, פאַר אַ פאַרטרויענסווערטן און אָנשטענדיקן מענטשן...

שונאים זאָגן אַפילו, אַז דאָס וואָס די „קוואַסנעצאָוואַ" האַלט פון ביידע רעליגיעס, איז עס דער איינפלוס פון וואַסיל אַלעקסאַנדראָוויטשן, צו וועלכן, ווי שונאים זאָגן, די מאַדאַם איז נישט גאַנץ גלייכגילטיק זייט איר מאַנס טויט. דאָס זאָגן שונאים און לצנים. דער אמת איז, אַז דאָס אריינגעמען צו זיך אויף קוואַרטיר פרומע אומלעגאַלע קוואַרטיראַנטן איז געווען מיט דער פולער איינשטימיקייט און סימפּאַטיע פון וואַסיל אַלעק־סאַנדראָוויטשן (וואָס איבעריקנס אָן זיין אָנטייל אין דעם „פאַרברעכן" וואָלט עס געווען צוליב פּאָליצייאישע סיבות פאַר דער „קוואַסנעצאָוואַ" אוממעגלעך אויסצופירן). ער איז געווען אַזאַ איבערגעגעבענער פריינט פון אַלע רעליגיעזע מענטשן, אַז ער האָט אַפילו מוחל געווען די קוואַר־טיראַנטן פון „קוואַסנעצאָוואַס" ווינונג דאָס וואָס זיי בעטן פאַר דער נשמה פון זיינס אַ „קאָנקורענט" — דער „קוואַסנעצאָוואַס" מאַן, אַנשל קולאַק. וואַסיל אַלעקסאַנדראָוויטש איז, ווי שונאים זאָגן, אייפערזיכטיק געווען אויפן געשטאָרבענעם ביים לעבן, און ער קאָן אים נישט מוחל זיין די צוגעבונדנקייט פון דער „קוואַסנעצאָוואַ" צו אים, אַפילו נאָך זיין טויט...

קאָן מען זיך דאָך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק די געשיכטע פון אסתר־האָדל, דערציילט אין דער איבערזעצונג פון דבורה־לאה, האָט געמאַכט אויף וואַסיל אַלעקסאַנדראָוויטשן. ער האָט ארויסגענומען זיין קאָלירטן טאַשן טוך פון דער הינטער קעשענע פון זיין בכבודן סורדוט, גוט אויסגעשנייצט זיך זיין רויטע נאָז, און אויסגעווישט די אויגן און געזאָגט אין אַ וויינענדיקן טאָן:

„אַזאַ זאַך זאָל קאָנען געשען אין אונדזער הייליקן רוסלאַנד, דער־פאַר וואָס אַ מענטש וויל האַלטן זיינע רעליגיעזע געבאָטן! ניין, איך מוז עס דערציילן דעם געערטן פּאָרזיצענדן אַקים מאַקסימאָוויטש צאַפּוכין, ווען ער וועט אונדז דאָס נעכסטע מאָל באַערן מיט אַ וויזיט. איך בין זי־

כער, אז דער געערטער אקים מאקסימאָוויטש, וואָס איז אַן אויסגעקאָכ־
טער מיט די הויכגעשטעלטע קרייזן, וועט עפּעס געפינען אַן עצה".

און צו ר'ער יידענע האָט ער זיך אָנגערופן אין זיין שפּראַך:

— דו זיץ דאָ מיט אונדז. מיר וועלן שוין זען, וואָס מיר קאָנען טון פאַר דיר. מיר האָבן, גאָט צו דאַנקען, גרויס באַקאַנטשאַפט, און וואָס אַנדערע קאָנען נישט — קאָנען מיר.

די יידענע אסתר־האָדל איז פון די רייד אָפּגעשפּרונגען, דערפאַר, ווייל דער „ערל" האָט זי באַרירט מיט דער האַנט, וואָס איז דעם געאַכטן וואסיל אַלעקסאַנדראָוויטשן זייער געפעלן.

און די מאַדאַם פון הויז האָט אַרויסגענומען דאָס צווייטע טאַשן־טוך פון דער קעשענע פון איר קלייד, אָפּגעווישט איר נאָז און די פולע באַוואַסערטע אויגן, און געזאָגט:

— מוטער לעבן, איר זענט אַריינגעפאַלן אין גוטע הענט. דער קריסט דאָ (ווייזט זי אויף וואסיל אַלעקסאַנדראָוויטשן) איז אַ פּרימער גוי און ער האָט גרויס באַקאַנטשאַפט צווישן נאַטשאַלסטווע. עס קומט צו מיר אַריין די גאַנצע וועלט, די שענסטע מענטשן, די העכסטע לייט. גאַנץ פּעטערבורג וועלן מיר אויפּקאָכן. דערווייל זיצט אייך דאָ ווי לאַנג איר ווילט. איר וועט אייך קריגן אייער כשר עסן פון יידישן רעסטאָראַן. עס וועט אייך גאָרנישט פעלן, פון אַלעם בעסטן. נאָר זיצט אייך און בעט צו גאָט, ווי מען האָט אייך געבאָטן.

און אסתר־האָדל האָט פרום די אויגן פאַרגלאָצט און אָנגעהויבן צו שאָקלען זיך ווי ביים דאַווענען:

— דעם רבינס כוח, — מען זעט דאָך באַשיינפּערלעך, דעם הייליקנס וווּנדער.

און דער ייד, וואָס האָט זי אַהער געבראַכט, האָט צו איר געזאָגט, נישט אָן קנאה, מיט אַ קרעכץ:

— הלוואי זאָל איך אַזוי באַלד געהאָלפן ווערן, ווי איר וועט גע־האָלפן ווערן!

דערויף האָט זיך אסתר־האָדל אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מיט אַן איבהדיקן ניגונדל:

„אשרי האיש..."

מאַדאַם „קוואַסנעצאָווא" און וואסיל אַלעקסאַנדראָוויטש זענען גע־

שטאַנען מיט גוט־בליקנדיקע פּאַרחלומטע אויגן, צוגעקוקט צו דער יידע־נעס שאָקלען און געפּרייט זיך, וואָס אַזאַ פרומע פרוי איז אַריינגעקו־מען צו זיי אין קוואַרטיר, — ביז מען האָט געלאָזט וויסן וואַסיל אַלעק־סאַנדראָוויטשן, אַז מען באַדאַרף אים אין „אינסטיטוט"...

קאַפּיטל 16

די שוואַם אין טרערן

מירקין האָט אַליין נישט געוווסט, אַז דאָס באַגעגעניש מיט דער וויטער פּראָווינציעלער פרוי וועט אויף אים אַזאַ איינדרוק מאַכן. צו־ערשט אַ וואונדערלעכע זאַך: ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס די יידענע האָט געזאָגט. פון וואַנען? עס איז געווען, ווי אַ קליין באַהאַלטן אָדערל וואָלט זיך אין אים אויפגעעפנט און איינגעזאַפּט אין זיך די אומפּאַר־שטענדלעכע ווערטער און צעלאָזט זיי אין זיינע חושים. און איצט האָט ער זיי.

ביז איצט האָט ער געהאַט אין די ענינים פון טאָג־טעגלעכן ווילקיר, וואָס זענען פאַרגעבראַכט געוואָרן פאַר דעם גרויסן אַדוואָקאַט, אַ ריין פּראָפעסיאָנעלן אינטערעס, אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיין פּראָפעסיע איז אים איבערהויפּט אָנגעגאַנגען. דורך דער יידענע, דורך איר לעבעדיקן היינטיקן גוואַלד, האָט ער געקראָגן אין די אַלע עוולות אַ ריין פּערזענ־לעכן אינטערעס. אָן אייגענע זאַך. צי איז עס געווען דער עלעמענ־טאַרסטער געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פון דעם בלינדן גלויבן, וואָס לעבט נאָך אַזוי שטאַרק אין דעם פאָלק, וואָס האָט מירקינען אַזוי טיף אָנגערירט? דורך דעם יאָר, וואָס אים קומט אויס צו פּראַקטיצירן ביים באַרימטן אַדוואָקאַט, איז ער נישט איינמאָל דערשטוינט געבליבן פאַר די מוראַדיקע זאַכן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. נאָר דאָס מאָל איז עפּעס אַנ־דערש געווען. ער איז געבליבן דערציטערט און דערשטוינט פאַר דעם טויזנט־יעריקן געהיימניש, פאַר דער אומצוגענגלעכער מיסטישער פאַר־באָרגעניש, וואָס לעבט נאָך אַזוי פריש און אַזוי מעכטיק דאָרט טיף צווי־

שן די מענטשן, וועלכע באַלאַנגען צו איין ראַסע, ווי ער. ער איז דערצי־טערט געבליבן פאַר דעם גלויבן, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט.

ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, זיך אָנצונעמען פאַר דער יידענע, איר צו העלפן מיט וואָס ער וועט קאָנען. אַז זי האָט זיך אַ פּאָר טעג נישט באַוויזן, האָט ער באַשטימט זי צו זוכן אין איר וווינונג: אפשר דאַרף זי עפּעס, געלט, אָדער עפּעס אַנדערש? אפשר קאָן זי גאָרנישט זיין דאָרט, ווו זי איז? און אפשר געפינט זי זיך שוין אין אַ צירקל און וואַרט אָפּ־געשיקט צו ווערן מיטן עטאַפּ אין איר היים?

ער האָט געוווּסט, אַז עפּעס איז נישט רעכט מיט דער קוואַרטיר, אויף וועלכער די יידענע געפינט זיך — כאָטש וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר די קוואַרטיר, האָט ער נישט געוווּסט. עס זענען געווען זאַכן ביים אַדוואָקאַט, וועלכע מען האָט באַהאַלטן פון אים. פון אַלע די געהיימנישן האָט נאָר געוווּסט זיין קאָלעגע יאַקאָב שמולעוויטש, מיט וועלכן דער באַרימטער אַדוואָקאַט פלעגט זיך אָפּטמאָל איינשליסן אין זיין קאַבינעט, מישב זייענדיק זיך עפּעס מיט אים, אָן מירקינס דערביי־זיין. די קוואַס־נעצאָוואַס קוואַרטיר האָט געמוזט זיין איינע פון יענע געהיימנישפולע זאַכן, ווייל מען רעדט קיינמאָל נישט וועגן איר. ער האָט זיך דעם אַדרעס פאַרשריבן אין געהיים.

אַמאָל אין אַן אָוונט, נאָכן עמפּפאַנג, איז ער אַהין אַוועק אויפצו־זוכן די יידענע פון פּראָווינץ. אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּ צו דער קוואַסנעצאָווא, וועלכע זענען געווען אויסערגעוויינלעך העל באַלויכטן, האָט מירקין פאַרנומען איינצלנע פריילעכע טענער פון אַ שלעכט גע־שטימטער פּיאַנאָ, אַרויסרייסנדיק זיך פון דער פריש אָפּגעפּאַרבטער טיר פון קוואַסנעצאָוואַס „אינסטיטוט". כאָטש דער ניגון, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער פאַרמאַכטער וווינונג, איז געווען אַ פריילעכער, פּאָפּולערער קאַבאַרעט־נומער, דאָך האָט ער געווירקט אַזוי טרויעריק, אַז עס האָט מירקינען אַרומגענומען אַן אומפאַרשטענדלעך בענקעניש.

אַז מירקין האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר פון דער קוואַסנע־צאָוואַס וווינונג, האָט פון דאָרט אַרויסגעדרונגען אַ גאַנץ אַנדערער ני־גון, אַ ניגון פון צעבראָכענע שטימען, וואָס זאָגן תהלים אין אַן איכה־טאָן. אַ מינוט איז מירקין געבליבן שטיין און האָט זיך צוגעהערט צו די ביידע פאַרשידנאַרטיקע ניגונים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די

צוויי באַזונדערע וווינונגען, וואָס זענען געווען איינע נעבן דער אַנדערער, און זיי האָבןביידע געטראָגן דעם זעלבן נאָמען, נאָר מיטן חילוק, וואָס אויף דער טיר, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דער קאַבאַרעט־ניגון, איז געשטאַנען אויפגעשריבן: „אינסטיטוט גאַספּאַזשי קוואַסנעצאָוואַי"; און אויף דער טיר, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס תהלים־זאָגן, איז געשטאַנען אויפגעשריבן: „קוואַרטירא גאַספּאַזשי קוואַסנעצאָוואַי". אַ מינוט האָט זיך מירקינען אויסגעדוכט, אַז די ניגונים מישן זיך צוזאַמען, ווי זיי וואָלטן איינער דעם אַנדערן דערפילט און צוזאַמענגעגאָסן זיך אין איין האַרמאָניע...

אַז מירקין איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין (וואָס איז אים, איי־בעריקגס, נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען, און עס איז אים ערשט געלונגען נאָכדעם, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דער מאַדאַם קוואַסנעצאָוואַ אַליין, וואָס איז צו דעם צוועק אַרויסגערופן געוואָרן פון איר שלאָף־צימער), האָט ער געטראָפן אַ צוויי־דריי ווייבער מיט אַ פּאָר פאַרזאָרג־טע יידן, וואָס זענען געזעסן יעדער אין אַן אַנדער ווינקל, טייל ביים טיש, אַנדערע אויף אַ באַנק ביים שענקל, אויף וועלכן עס האָבן נאָך געהאַלטן אין ברענען די צוויי ליכטלעך אין די לייכטער, און יעדער איינער פון זיי האָט זיך געשאָקלט איבער זיין תהלימל און געזאָגט מיט אַ צעבראָכן האַרץ. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זייט די יידענע איז אַריינגעקומען צו דער קוואַסנעצאָווען, איז איר וווינונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריכ־טיקן בית־מדרש. זי, די יידענע, האָט געהאַט אַ סגולה פון איר רבין יעדן טאָג זיבן און דרייסיק מאָל איבערצוזאָגן געוויסע קאַפּיטלעך תהלים, אַזוי לאַנג ווי זי וועט זיין אין פּעטערבורג, און זי וועט געווים געהאָלפן ווערן. זענען די אַנדערע איינוווינער אויך אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער יידענעס תהלים־זאָגן, און זיי האָבן איר נאָכגעטון, און ביי דער קוואַס־נעצאָווען איז אָנגעגאַנגען אַן אמתער געיעג אויף תהלים־זאָגן. דאָס תהלים־זאָגן ביי דער קוואַסנעצאָווען אויפן קוואַרטיר איז שוין נישט גע־מאָסטן געוואָרן אויף דער אייל, נאָר אויף דער וויאָרסט; ווער עס וועט קענען מער וויאָרסטן תהלים אַרויסוואַרפן פון מויל אַ טאָג...

פונקט אַזוי ווי פּאַציענטן אין אַ שפּיטאָל זענען אייפערזיכטיק, ווען דער דאָקטאָר שענקט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט אַ קראַנקן, אַזוי זע־נען אַלע איינוווינער פון דער קוואַסנעצאָוואַס וווינונג שוין לאַנג איי־

פערזיכטיק געווען אויף דער פרומער יידענע פון דער פוילישער פראָווינץ, מיט וועלכער אַלע האָבן זיך אַזוי אינטערעסירט. און איצט, דערזעענדיק דעם געהילף פונעם בארימטן אַדוואָקאַט אַריינקומענדיק אין דער קוואַרטיר און נאָכפרעגנדיק זיך אויף דער יידענע, איז אַ געמורמל דורכגעגאַנגען צווישן די קוואַרטיראַנטן. אַ פרוי, אָנגעטון אין שוואַרצן, שוין האַלבנדיק אויף איר קאָפּ אירע אייגענע האָר, וועלכע זענען געשטאַנען אַביסל צעשויבערט, מיט אַן אויסערגעוויינלעך ענערגיש באַלעבאַט פּנים, וואָס האָט, טראָץ די קנייטשן אויף איר נידעריקן שטערן, צוגעצויגן צו זיך מיט די ליבלעכע אויגן און מיט דער גראָדער, גראַציעזער ליניע פון דער נאָז, מויל און גאָמבע, האָט זיך אָנגערופן פון אַ ווינקל אַרויס:

— גיט נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ וואָרע זיי מאַכן דאָס פאַר דער יידענע, פון אַדוואָקאַט ביז צו דער קוואַסגעצאָוואַס געסט, אַזוי ווי זי אַליין וואָלט געווען די איינציקע מאַמע דאָ, וואָס האָט אַ זון. איך וועל זיך אויך אָנטון אַ קופקע, אפשר וועלן זיי זיך אויך אינטערעסירן מיט מיין זון.

— זי איז דאָך עפּעס אַנדערש. זי האָט דאָך אַ זון אַ ווויל־לערנער, און ער זיצט פאַר זיין יידישקייט, — האָט אַ צווייטע יידענע געפּרווט די ערשטע בארואיקן.

— מיין זון איז אויך אַ ווויל־לערנער, אַ קליינער לערנער איז ער? צו איין און צוואַנציק יאָר דריטן פאַקולטעט געווען, און ער קען שפּראַכן, וואָס נאָר צוויי־דריי מענטשן אין דער וועלט קענען זיי. אַלע פּראָפעסאָרן רימען אים. אָט דאָ האָב איך בריוו פון זיינע פּראָפעסאָרן. וואָס, דווקא באַנק־קוועטשן הייסט לערנען? אַנדערע זאַכן זענען ביי אייך גאָרנישט? געגומען אַ יונגן בוים און אים אונטערגעהאַקט די הענט!

— וואָס גלייכט זי זיך צו יענער? יענע האָט אַ זון אַ רב, וואָס זיצט איבער זיין יידישקייט!

— איך האָב אויך אַ זון אַ רב, אויך אַ רב, און ער זיצט אויך איבער יידישקייט. וואָס דען, ער האָט עמיצן באַגנבעט, עמיצן דערהרגעט?

— ווער האָט אים געהייסן אָפּגעבן זיך מיט „יענע זאַכן".

— „יענע זאַכן" זענען פּונקט אַזוי נוצלעך און גוט, ווי נישט וועלן חזיר־עסן, גלייבט מיר, און אפשר נאָך מער. זיי וועלן מער נוצן ברענגען

דער וועלט. איך שעם זיך גאָרנישט מיט מיין קינדס „פאַרברעכן". הלוואי וואָלטן אַלע מאַמעס קינדער געווען אַזעלכע „פאַרברעכער", ווי מיין זון, וואָלטן מיר היינט שוין גאַנץ אַנדערש אויסגעזען. — און איבערלאָזנדיק די ווייבער אין איר ווינקל, איז זי צוגעגאַנגען צו מירקינען, וועלכער איז געשטאַנען נעבן דער פּוילישער יידענע אין דער קופּקע און זי עפּעס אויסגעפרעגט.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פּאַניע געהילף, ווי לאַנג איז דער שיעור, ווי לאַנג נאָך וועל איך דאָ זיצן אין דעם טמא הויז, און צוהערן זיך צו זייער תהלים־זאָגן? איך האָב איבערגעלאָזט אינדערהיים אַ פולע שטוב מיט קינדערלעך, און בין געקומען ראַטעווען מיין זון. ווילט איר עפּעס טון פאַר מיר, צי נישט? זאָגט מיר. דאָרט, ביי אייך אין דער קאַנ־צעלאַריע, לאָזט מען צו אייך נישט צו, — האָט זי געזאָגט צו מירקינען.

— שווייגט, שווייגט, וואָס רעדט איר? זי וועט דאָך דערהערן! — וויזט די צווייטע יידענע אויף דער טיר פון שלאָף־צימער, וווּ די קוואַס־נעצאָווא געפינט זיך.

— זאָל זי הערן! איך האָב שוין פאַר קיינעם קיין מורא נישט. וואָס קומט מיר אַרויס פון זייער תהלים־זאָגן, אַז עס רינט אַלץ אַריין דאָרט אַהין, צו זיי אונטער די בעטן... — וויזט די יידענע מיטן פינגער, וווּ עס געפינט זיך דער „קוואַסנעצאָווא־אינסטיטוט".

מירקין האָט זי געקענט. עס איז געווען פרוי הורוויץ פון וואַרשע. שוין צוויי חדשים זיצט זי דאָ איבער דעם „ענין" פון איר זון, אַ סטודענט פון פילאָלאָגישן אינסטיטוט, וועלכער ווערט באַשולדיקט אין אָנגעהערן צו אַ געהיימער פּוילישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דעם ציל „אַראָפּצוואַרפן די הערשנדע אָרדענונג". בעת דער רעוויזיע האָט מען געפונען ביי אים אַ גאַנצן אַרכיוו פון זיין פּאַרטיי, פאַרשריבן אין אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך.

— די פּאַפּירן פון אייער זון געפינען זיך ביים פּראָפעסאָר פון זיין אינסטיטוט. זיינע נאָטיצן זענען געשריבן אין דער אַלטער קאָפּטישער שפּראַך. אין גאַנץ רוסלאַנד געפינען זיך נאָר אייניקע מענטשן, וואָס פאַרשטייען זי, און ביז עס וועלן נישט אָנקומען די איבערזעצונגען פון די נאָטיצן פון פּראָפעסאָר, קאָן מען גאָרנישט טון, — האָט איר מירקין געענטפערט.

נישט קוקנדיק אויף דעם נישט צו פיל האָפּענונג דערוועקנדן ענט־פער, וואָס מירקין האָט איר געגעבן, איז דאָך מאַדאַם הורוויץ שטאָלץ געוואָרן. אַ פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע שיין באַלעבטע, גרויסע אויגן, און אַ נחת־גרימאַסע האָט זיך קענען איר ווילן צעגאָסן איבער אירע גלאַטע, גראַציעזע ליפּן.

— און מענטשן מיינען, אַז עס איז נאָר דאָ איין מאַמע אויף דער וועלט, וואָס האָט אַ קינד אַ וויל־לערנער...

נאָר איידער זי האָט נאָך פאַרענדיקט דעם זאַץ, האָט די מינע פון נחת זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרימאַסע פון צער אויף אירע ליפּן. אירע אויגן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט טרערן, און זי האָט געזאָגט ווי פאַר זיך:

— איידער מ׳האָט דאָס דערלעבט צו זען ענדיקן די גימנאַזיע, מיט גרינע גאַל איז אָנגעקומען דאָס קווארטל צו באַצאָלן. יעדער מונדיר. יעדעס בוך... מיין מאַן איז אַן אָרימער לערער, האָט אַ שולע פאַר אָרימע קינדער. גאַנצע נעכט אויפגעזעסן, און ביז מ׳האָט דאָס שוין דערלעבט צו זען ענדיקן... דאָס ברויט איז אין די גדערים זויער געוואָרן, ביז עס איז שוין אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט. וועלטן האָט מען איינגעלייגט... און דאָ מיט איינמאָל גענומען און פאַרשיקט, און מ׳ווייסט אפילו נישט, ווו זיין געביין געפינט זיך!

— האָט ער זיך נישט געדאַרפט אַריינלאָזן אין „יענע זאַכן". ווער האָט אים געהייסן? — לאַכט זיך אַ ייד, וועלכער איז ביז איצט געווען פאַרנומען מיט זיין תהלים. ער האָט געמאַכט אַ קנייטש אין תהלים, אויפגעשטעלט זיך און אָנגערופן זיך אין אַ בייזן לשון:

— אַזעלכע זאַכן זענען גוט פאַר רייכע מענטשן. ווי קומען אָרימע לייט דערצו? אַן אָרימאַן מוז שווייגן, זען און הערן און שווייגן... די גימ־נאַזיע געענדיגט, אין אוניווערסיטעט אַריינגעקומען. נישט איינער וואָלט זיך דאָס געווונטשן, וואָס נאָך ווילסטו, יידל פאַרך? אַלדאָס שלעכטס קומט אַרויס פון זיי. וואָס איז דאָס דיין עסק?

— אוי ווי, קענען מלכות צו גיין! — האָבן ביי דער יידענע פון דער וויטער פּוילישער פּראָווינץ די באַקן זיך אָנגעהויבן קנייטשן, גע־ווויר ווערנדיק, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

נאָר די מוטער פון דעם סטודענט, פרוי הורוויץ, איז פּלוצלינג

אויפגעשפרונגען. די האָר אויף איר קאָפּ, וועלכע זענען שטאַרק געזעסן מיט זייערע וואָרצלען אין איר קאָפּ־הויט, האָבן זיך אויפגעשטעלט. אויפגעהויבן האָבן זיך אויך די נאַטירלעך־געקרייזלטע צוויי לאָקן, וואָס זענען געפאַלן איבער די שטערן. דאָס פייערל אין אירע אויגן האָט איצט געברענט מיט אַ כעס, פאַר וועלכן די מענטשן, וואָס האָבן זיך אין הויז געפונען, האָבן זיך דערשראָקן, אויסגעמיטן איר בליק און זיך צו־ריק אויף זייערע ערטער אוועקגעזעצט. אַ סעקונדע האָט זי פאַרביסן מיט אירע קליינע ציין די אויבערשטע ליפּ, וואָס האָט איר לאַנגער גאָמ־בע געגעבן נאָך אַ לענגערן אויסשניט. איר שטאַרקע ברוסט האָט זיך געהויבן פון איר לייכטן שוואַרצן קאַפּטאַנדל, און זי האָט זיך אָנגערופן:

— וועמענס דען עסק איז עס אָפּצוגעבן זיך מיט „יענע זאַכן", די נגידימס? פאַר זיי איז גוט אַזוי ווי עס איז. אוי, איז פאַר זיי גוט! וואָס פעלט זיי דען? זיי קאָנען וווינען אין פעטערבורג, זיי קאָנען האַנד־לען מיט וואָס זיי ווילן. זיי קומט קיין זאַך נישט אָן שווער. ניין, עס איז נאָר דער עסק פון די אָרימעלייט. און איך בין שטאָלץ דערויף, וואָס מיין זון גיט זיך אָפּ מיט „יענע זאַכן". אַז ער וואָלט מיר אַליין געוועזן געפרעגט, וואָלט איך אים געוועזן געהייסן זיך אָפּגעבן מיט „יענע זאַכן", ווייל איידער אַזאַ וועלט, זאָל בעסער אַלצדינג אונטערגיין. איך האָב נישט קיין מורא, זאָלן זיי מיך אויך צונעמען".

— האָט איר דאָך טאַקע דאָס, וואָס איר ווילט!

— האָב איך טאַקע דאָס, וואָס איך וויל! — האָט די יידענע גע־זאָגט זיכער און שטאָלץ און זיך אוועקגעדרייט פון זיי.

ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען אין דער טיר פון איר שלאָפצימער וואָלט זיך נישט פלוצלינג באַוויזן קוואַסנע־צאָווא אין איר האַרטן קלייד, ווי עס וואָלט געמאַכט געוועזן פון לעדער, און אין איר ברייטער, אויך ווי פון לעדער, שערץ. פון איר באַנד האָט אַראָפּגעקלונגען אַן אויסערגעוויינלעך־גרויסער בינט שליסלען פון די פאַרבאָרגענע ווינקלען פון איר גרויס הויז, וועלכע האָבן באַגלייט אירע טריט מיט אַ קלאַנג. זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון דעם קוואַרטיר־צימער, און גוט באַקוקנדיק מיט אירע קליינע מייזל־אויגן פון איר פאַרפּעצט פּנים אַרום די אַלע קוואַרטיראַנטן, האָט זי זיך אָנגע־רופן, נישט אָן גוטסקייט און נישט אָן אַ שמייכעלע:

— און איך האָב געמיינט, אַז מענטשן, וואָס געפינען זיך אין אַזעלכע אומגליקן, גיבן זיך אָפּ מיט דאַוונען, מיט תפילה טון. צום סוף קריגט מען זיך גאָר.

די קוואַרטיראַנטן האָבן זיך איינגעשטילט, און יעדער איז זיך אַוועק אין זיין ווינקל. נאָר דאָס יידל, וואָס האָט זיך צעוואָרטלט מיט דער מוטער פון דעם סטודענט, האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכעלע:

— אָ, ווער קריגט זיך, דער געהילף פון דעם אַדוואָקאַט איז געקומען, רעדן מיר זיך אויס פאַר אים דאָס האַרץ.

די קוואַסנעצאָווא האָט אָן אַ וואָרט אָפּצוגעטפערן פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר פון איר שלאָפצימער, און די קוואַרטיראַנטן האָבן זיך איינגעשטילט.

קאַפּיטל 17

אַ תפילה ביינאַכט

דורך דער גאַנצער צייט פון דער אויבן באַשריבענער סצענע איז געזעסן אַ ייד ביים פענצטער; עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט זיך גאָרנישט איין, וואָס קומט פאָר אין דער גרויסער שטוב. קיין תהלים האָט ער נישט געזאָגט, קיין ספר האָט ער נישט געהאַלטן. אָנלעהנענדיק זיין אומגעוועגלעך גרויסן קאָפּ מיט זיין לאַנגער באָרד אויף זיין אומגעוועגלעך גרויסער האַנט, האָט ער אַרויסגעקוקט אין דער נאַכט אַריין, אַ פאַרקלערטער און אַ שווייגנדיקער.

דער ייד האָט שוין לענגסט צוגעצויגן מירקינס אויפמערקזאַמקייט מיט זיין אויסערגעוועגלעכן וווקס און מיט זיין פאַרפרעמדט שווייגן. עס האָט אויסגעוויזן, ווי דער ייד וואָלט גאָרנישט געווען אָנוועזנד דאָ אין שטוב — אַזוי פאַרטיפט איז ער געווען עפּעס אין זיך. פאַררוקט דאָס קליינע ליטווישע קאַפּעלושל אויף אַ שפּיץ פון זיין גרויסן שטערן, האָט ער מיט אַן עק פון זיין גרויסער ברייטער באָרד פאַרשטעלט זיין פּנים, פאַרמאַכט די אויגן און ערגעץ־ווו אַריינגעקוקט אין זיך אַריין. נאָכדעם

ווי מירקין האָט זיך איבערצייגט, אַז דער יידענע, אין וועלכער ער איז פאַראינטערעסירט געוואָרן, פעלט פאַרלויפיק גאָרנישט, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס פון די קוואַרטיראַנטן, האָט ער פאַרלאָזט די קוואַרטיר. דער פרעמדער ייד האָט זיך אויפגעהויבן און איז אים נאָכגעגאַנגען. אין דרויסן, אין קאָרידאָר, אויף די אויסערגעוויינלעך באַלויכטענע טרעפ, אין געררויש פון דעם קאַבאַרעט־ניגון, וואָס האָט זיך געהערט פון דער שלעכט־געשטימטער פיאַנאָ פון דער קוואַסנעצאָוואָס „אינסטיטוט" אַרויס, האָט דער ייד מירקינען אָפּגעשטעלט. מירקין איז מיטאַמאָל דערשראָקן געוואָרן פאַר דעם אומנאַטירלעכן וווקס פון דעם פרעמדן ייד, פאַר זיין גרויס פּנים, פאַר זיין לאַנגער באָרד און פאַר זיינע אויסגעצויגענע הענט. מירקין האָט קעגן דעם יידן אויסגעזען, ווי אַ יינגל קעגן אַ דערוואַקסענעם מענטשן. מיט אַ מעכטיקער מעטאַלענער שטימע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט פאַר מירקינען:

— פאָרזיצנדער פון טאָלעסטינער קהילה, משה ברוך כאָמקין!

מירקין איז שטיין געבליבן אָן לשון.

דער ייד האָט זיך אינפאָרמירט ביי מירקינען וועגן זיין „עסק". ער איז געקומען אין אַ שליחות פון זיין קהילה, אַ קליין שטעטל אַרום ווילנער געגנט; מען האָט פלוצלינג דאָס שטעטל פאַרוואַנדלט אין אַ דאָרף און באַפוילן די יידן צו פאַרלאָזן זייער היים. דער ייד האָט די טירן פון אַלע שתדלנים פון פעטערבורג אָפּגעשלאָגן און איצט געפינט זיך דער „עסק" אין די הענט פון באַרימטן אַדוואָקאַט. מירקין האָט אים נישט געקאָנט געבן קיין איבעריק קלאָרן ענטפער, ווייל ער האָט אַליין נישט פיל געוווסט פון דעם יידנס עסק, און אָפּגעפּטרט אים מיט אַלגעמיינע הבטחות: „מען טוט אַלץ, וואָס מען קאָן". דער ייד האָט אים אויסגעהערט אין ערנסטער פאַרקלערונג, אין טיפן שווייגן. נאָר ווי מירקין איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס אַרויס, האָט דער ייד אים נישט פאַרלאָזט און איז געגאַנגען נעבן מירקינס זייט אין שווייגעניש. מירקין האָט זיך פאַרוונדערט און אים געפרעגט, צי ער באַדאַרף אויך גיין אַרויף, צו „איסאַאַקיעווסקי", וואָרום ער, מירקין, גייט דאָרט אַהין.

— איך קאָן גיין אויף איסאַאַקיעווסקי פּלאַץ אויך: וואָס איז דער חילוק? — האָט דער ייד געזאָגט ווי פאַר זיך און איז ווייטער געגאַנגען נעבן מירקינען און האָט געשוויגן.

מירקין האָט אפילו בדעה געהאַט צוערשט צו נעמען אַ שליטן, נאָר דער ייד האָט אים פאַראינטערעסירט. האָט ער באַשטימט בעסער צו גיין.

— אַז עס איז זיך נישטאָ וואָהין צו טון! — האָט דער ייד געזאָגט ווי פאַר זיך. — שוין באַלד אַ חודש, ווי איך האָב נישט קיין טלית און תפילין אָנגעטון אין דער שטאָט.

— און פאַרוואָס? — פרעגט מירקין.

— איך וועל דאָך נישט תפילה טון אין אַן אומריין אָרט, — האָט דער ייד געזאָגט אין רוסיש.

מירקין האָט געשוויגן.

— צוויי וואָכן האָב איך זיך אויף דער גאַס אַרומגעוואַלגערט און נישט געוואָלט אַהין אַריינגיין שטיין. איך בין דער פּאַרזיצנדער פון אונ-דזער קהילה. איך האָב דערוואַקסענע קינדער, אויסגעגעבענע טעכטער. קיינמאָל אין מיין לעבן האָבן מיינע פיס נישט איבערגעטרעטן די שוועל פון אַזאַ הויז. איצט אויף דער עלטער, איך דער פּאַרזיצנדער פון דער טאָלעסטינער קהילה, וווין אין אַזאַ הויז...

אַ לאַנגע ווילע האָט דער ייד ווידער געשוויגן, ביז ער האָט זיך אָנגערופן:

— צוויי וואָכן קיין העמד נישט איבערגעטון, אין קיין מענטשלעך בעט נישט געלעגן. געוואַלגערט זיך פון איין טיי-לאַווקע צו דער אַנדע-רער, אויפן וואָקזאַל גענעכטיקט, אַמאָל שוין פאַרהאַלטן געוואָרן אויך — אויסגעקויפט זיך פאַר געלט. ווי לאַנג איז דער שיעור? כ׳האָב עס נישט לענגער געקאָנט אויסהאַלטן. וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אייגענעם עסק — כאַטש דאָס פאַרמעגן פאַרלירן, אָדער חלילה דאָס אייגענע לעבן, וואָלט איך קיין איין שעה נישט געבליבן אין דער זינדיקער שטאָט. נאָר עס האַנדלט זיך וועגן אַ גאַנצער עדה. קהל האָט געשיקט מיך, דעם פּאַרזיצנדן פון טאָלעסטינער קהילה.

דער ייד האָט ווידער פאַרשוויגן, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס אַראָפּ-געשלונגען אין זיך און געוואַרט, ביז ער וועט עס גוט פאַרדייען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

— אָבער גאָט בעטן אין אַזאַ הויז — ווי קאָן מען? נארישע מענ-טשן זאָגן נאָך תהלים. עס איז דאָך דער גרעסטער חילול-השם. עס רינט

דאָך אַלץ דאָרט אַריין — צו זיי... די יידענע האָט דען נישט רעכט, די פרוי הורוויץ פון וואַרשע...

ער פאַרשווייגט ווידער.

— אָבער וואָס איז זיך דאָ צו קלאָגן אויף אייגענע עוולות, מ'שטיינסגעזאָגט? וואָס איז דער מענטש, אַז זיי האָבן זיך גענומען גאָט אַליין צו משפטן? צוועלף פויערים וועלן אים משפטן אין קיעוו — דעם יידישן גאָט.

(דער ייד האָט געגעבן אָנצוהערן אויף דעם פאַרשטייענדן ביילים־פּראָצעס.)

נאָר דאָס מאָל איז דער ייד פאַרשוויגן געוואָרן אויף אַ לענגערע צייט, ווי ער וואָלט דאָרט געהאַט אַראָפּצושלינגען אַ שווער, שווער מאכל, וואָס ער באַדאַרף עס לאַנג צו פאַרדייען.

די נאַכט איז געווען אַ שוואַרצע און אַ פינצטערע. קיין איין שטערן האָט זיך אין הימל נישט באַוויזן, נאָר אַ טיפע שווערע טונקלקייט האָט געדעגנט פון אויבן. אין דער טונקלקייט האָבן די ליכטער פון די לאָמ־טערנס און געוועלבער אַרויסגעשיינט מיט אַ בולט־ברענענדיקן פייער און באַלויכטן רונדיקע קרייזן אַרום זיך, איבערלאָזנדיק דעם גאַנצן חלל ווידער פאַרפאַלן אין אַ שווערער טונקלקייט... פון דער פינצטערער נאַכט האָבן זיך דאָך די סילועטן פון די מעכטיקע הייזער אַרויסגעשניטן און געשטאָכן מיט זייער מאַסיווקייט דעם שוועבנדיקן נאַכט־חלל. זיי האָבן אויסגעזען נישט ווי הייזער, נאָר ווי שאָטנס פון מעכטיקע, נישט אָנ־זעענדיקע וועזנס, וואָס געפינען זיך ערגעץ־ווו אין דער לופטן.

זיי זענען איצט אַרויסגעקומען אויף דעם ברייטן אומהיימלעכן אי־סאַאַקיעווסקין פּלאַץ. זיי זענען ביידע, ווי צוויי טראָפּנס, פאַרלוירן גע־וואָרן אין דעם ים פון פינצטערניש, וואָס האָט איינגעשלונגען דעם גרויסן פּלאַץ. דער מעכטיקער סאָבאָר, געבויט פון גראַניט און שטאָל, האָט זיך צעלייגט איבערן גאַנצן פּלאַץ און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע נאַכט, וואָס ליגט איצט איבער דעם פּלאַץ, באַשטייט פון גראַניט און שטאָל — נישט דורכצושפּאַרן. קיין פונק פון אַ ליכט האָט זיך נישט געזען איבערן פּלאַץ, נאָר פון איין זייט גאַס איז געשטאַנען אַ גרויס און מעכטיק הויז און פון אַלע זיינע הויכע רייכע פענצטער האָט זיך אַרויסגעגאָסן אַ יום-טובדיק ליכט.

— היינט איז א זיצונג פון מיניסטאָרן־ראַט, — האָט מירקין גע־זאָגט, קוקנדיק אויף דעם באַלויכטענעם פענצטער פון דעם גרויסן הויז אַרויס, ווו עס האָט זיך געפונען דער מיניסטאָרן־ראַט.

— היינט איז א זיצונג פון מיניסטאָרן־ראַט, — האָט דער ייד נאָך אים אָפּגעענטפערט.

מירקינען איז עפּעס אומהיימלעך געוואָרן פאַרן ייד. ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך גיי צו טראַאיצקי בריק. און איר?

— איך גיי אויך דאָרט אַהין, צום ווינטער־פּאַלאַץ.

— וואָס האָט איר ביים ווינטער־פּאַלאַץ צו טון?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי... יעדן אָוונט, איידער איך לייג זיך שלאָפן, גיי איך זיך איבער צום ווינטער־פּאַלאַץ.

— צום ווינטער־פּאַלאַץ? נאָך וואָס?

— נאָך וואָס, פרעגט איר? — איך גיי דאָרט אַהין תּפילה טון, — ענטפערט אָפּ דער ייד.

מירקין איז דערשטוינט געבליבן, אָבער געשוויגן. אַזוי אויך זיין באַגלייטער. אַזוי זענען זיי שוין געגאַנגען איבערן גאַנצן וועג.

דער פּאַלאַץ פאַרן צאַרס שלאָס איז נאָך מער געווען איינגעטונקט אין דער פינצטערניש, ווי דער איסאַאַקיעווסקי פּלאַץ.

די הייזער פון די פאַרשידענע מיניסטעריומס אַרום דעם פּלאַץ זע־נען אַלע געווען אויסגעלאָשן און איינגעשלונגען אין דער נאַכט אַריין. אין מיטן פּלאַץ האָבן זיך נאָר געפינקלט די קעמפּנדיקע ליכטער פון די פיר לאַמטערנעס אַרום ניקאָלאַיס דענקמאָל, וואָס די נאַכט האָט זיי גע־וואָלט דורכאויס איינשלינגען. די נאַכט האָט אויך געוואָגט אויסצוציען אירע לאַפּעס אויפן קייזערלעכן שלאָס. דער גרויסער שלאָס איז גע־שטאַנען ווי א טויטן־הויז, אַריינגעוואָרפן אין דער נאַכט אַריין. נאָר פון א הויכן שטאָק האָט זיך אַרויסגעפינקלט איין־איינציק פאַרגעסן ליכטל פון א הויך פענצטער אַראָפּ. דאָס ליכטל, האָט זיך געדאַכט, דרינגט נישט פון פענצטער אַרויס, נאָר עס הענגט ערגעץ־ווו אין דער לופטן. א ווינט האָט גענומען בלאָזן פון דעם אָפענעם ניעווא־ברעג, און האָט גענומען טראָגן די פּאָלעס פון די קאַפּאָטעס און די היטלעך פון די גייענדיקע. דער ייד איז געבליבן שטיין אויפן מיטן פּלאַץ, אַזוי ווי ער

וואַלט געוואַלט פאַרהיטן זיין היטל פון קאָפּ. אַזוי האָט זיך אויך מיר־קין אָפּגעשטעלט. פלוצלינג האָט מירקין דערזען, ווי דער ייד הייבט אויף איבער זיין קאָפּ זיינע אומנאַטירלעך לאַנגע הענט, וואָס האָבן זיך אין דער פינצטערקייט פון דער נאַכט נאָך העכער אויסגעוויזן. מירקי־נען האָט זיך געדאַכט, אַז דער ייד דערגרייכט ערגעץ־ווו מיט זיינע הויכע הענט די נישט־געזעענע וועלטן. און פלוצלינג, טייטלענדיק מיט זיין מעכטיקער האַנט צו דעם לויכטנדיקן ליכטל פון ווינטער־פּאַלאַץ, זאָגט דער ייד אין אַ בעטנדיקער מעטאַלענער פעסטער שטימע, וואָס איז געקומען, דאַכט זיך, נישט פון זיין קעל, נאָר פון ערגעץ־ווו נאָך טיפער:

— וואַרף דיין אַנגסט אויף די גויים, וואָס קענען דיך נישט און אויף די פעלקער, וואָס לעסטיקן דיין נאָמען. צעפיר דאָס הויז און לאָז נישט איבער אַ שטיין אויף אַ שטיין — אַזוי ווי דו האָסט צו אשור און צו בבל געטון!

— וואָס איז דאָס? — פרעגט מירקין דערשראָקן, אָנכאַפּנדיק דעם יידן ביי דער האַנט.

— מיין תפילה פאַר גאָט. — ענטפערט אָפּ דער ייד און פאַר־שווינדט אין דער פינצטערער נאַכט, איבערלאָזנדיק מירקינען אַ פאַר־וווּנדערטן און אַ דערשראָקענעם איינעם אַליין.

קאַפּיטל 18

אין רעסטאָראַן „דאַנאָן"

אין רעסטאָראַן „דאַנאָן", אויף מאָרסקאַיאַ, האָט דער אַלטער גבריאל חיימאָוויטש מירקין געגעבן אַ פאַמיליען־מאָלצייט לכבוד דער כלה פון זיין זון, נינאָטשקאַ, און אירע עלטערן. עס זענען נאָר דערביי געווען די נאָענטסטע מיטגלידער פון דער משפּחה: דער באַרימטער אַד־וואָקאַט מיט זיין פרוי, די כלה מיט איר חתן, און גבריאל חיימאָוויטש. יאָ, נאָך איינער: אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס קוזין, איר „נישט־אָפּטרעטנדיקער

שאָטן", נאאום גריגאָראָוויטש, וועלכער האָט זיך גערעכנט צו דער משפחה. זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט דערביי העלענא ניקאָלאַיעווגאַ, גבריאל חיימאָוויטשעס אומגעזעצלעכע פרוי, געפעלט. זי האָט עפּעס אַליין אַזוי געהאַט איינגעאָרדנט, אַז זי איז אויף אייניקע טעג אַרויסגע־פאָרן צו אירער אַ פריינדין קיין גאַטשינע, ביז די פאַמיליע־פייערלעכ־קייטן, וועלכע האָבן געזאָלט פאָרקומען צוליב די תנאים פון זאַכאַריש־קען, וועלן זיין פאַראיבער, און זי וועט קיינעם נישט שטערן. דאָס עסן איז פאָרגעקומען נאָך אַן אָפּערע־פאָרשטעלונג, ווו מען האָט געהערט שאַליאַפּינען אין „מעפיסטאָ" און געזען דעם נייעם פּעטערבורגער טאַנץ־שטערן, די קאַרסאַווינא. אין דער לאָזשע אין טעאַטער איז אויך געווען מישענקאַ, דער כלהס ברודער. נאָר אין רעסטאָראַן האָט דער אַדוואָקאַט בשום אופן נישט געוואָלט געבן די דערלויבעניש דעם זון מיטצוגיין, כדי עס זאָל נישט עמיצער באַמערקן זיין גימנאַזיע־אוניפאָרם און צוליב דעם זאָלן זיך נישט אַנטוויקלען קיין נייע שוועריקייטן ביים זונס היי־יאָריקן פאַרענדיקן די גימנאַזיע. דער אַדוואָקאַט איז שוין סיי־ווי־סיי געווען באַזאָרגט, צוליב זיינע שלעכטע צייכנונגען אין מאַטעמאַטיק.

די מענער האָבן געטראָגן אויף זייערע פראַקן זייערע אוניווערסי־טעטס־אויסצייכנונגען, און גבריאל חיימאָוויטש, ווי שטענדיק, זיין „אננאָ" פון דריטער קלאַס, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר זיינע פאַר־דינסטן אין די אַזיאַטישע אייזנבאַנען.

דאָס עסן האָט מען סערווירט פאַר דער קליינער געזעלשאַפט אין אַ פּריוואַטן קאַבינעט, איבער דעם פאַמיליען־כאַראַקטער, וואָס דאָס עסן האָט געטראָגן, און אויך איבער דער אַנטיסעמיטישער שטימונג, וואָס האָט דעמאָלסט דערגרייכט אין דער צאַרישער הויפּטשטאָט צו דער העכס־טער מדרגה, צוליב דעם פאַרשטייענדן ביילים־פּראָצעס. (דעם פּראָצעס האָט מען פאַר דעם באַרימטן אַדוואָקאַט נישט געטאָרט דערמאָנען, ווייל צוליב זיין נישט קאָנען דורכקומען מיט דעם פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, איז די הויפּט־פאַרטיידיקונג איבערגעגעבן געוואָרן נישט אים, נאָר זיי־נעם אַ קאָנקורענט.)

דער גרויסער, הויכער זאַל, אין וועלכן די קליינע געזעלשאַפט האָט זיך געפונען אַרום דעם ברייטן רונדיקן יום־טובדיק באַדעקטן טיש, איז באַגאַנסן געווען מיט צעבערס עלעקטריש ליכט, וואָס האָט אַרויסגע־

שטראָמט פון אַלע ווינקלען פון באַלקן און פון די ווענט. דאָס ליכט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן די הויכע מאַרמאָרענע זיילן פון זאַל, און האָט זיך געפינקלט אין טויזנטער רעגנבויגנס אין קרישטאָל, און געבלישטשעט אַרויס פון פאַרגאָלדעטן בראָנדז. הינטער יעדן שטול פון יעדן גאַסט איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער קעלנער אין בלאַנק־ווייסן אָנגעטון, וועלכער האָט מיט לייכטע, נישט־געזעענע באַוועגונגען באַדינט זיין הער, ביי דעם מיט בלומען באַדעקטן טיש.

דאָס עסן איז געווען, ווי תמיד אין רוסלאַנד, רייך, פיל און אויסטערליש. פּאָרטוגעזישע אויסטריצעס, וואָס מ׳האָט אין ספּעציעל געאייזטע וואַגאָנען געבראַכט פון אויסלאַנד, רוסישער קאַוויאַר, פראַנצויזישער שאַמפּאַניער. די קעלנער זענען געלאָפן הין און צוריק און אַריינגעבראַכט פאַר די געסט צו ווייזן די לעבעדיקע גליטשיקע פאָרעלן, וואָס האָבן זיך געצאַפּלט אין די נעצן. אין זייערע בלויע שליימיקע שופּן איז נאָך געלעגן דער קאַלטער סוד פון די בערג־וואַסערן, פון וואַנען מען האָט זיי אַרויסגעכאַפּט. רחמנות־דערוועקנדע, פּישטשענדיקע, מיט גלאַנציקע פּעדערן באַקליידטע פייגל אין שטייגן. דאָס אויג־דערקוויקנדיקע, מיט זייערע נאַטור־פאַרבן, ספּעקטאָווע גרינסן, אַז זיי זאָלן נאָך מיט זייער לעבעדיקן אָטעם דערוועקן דעם אַפּעטיט צו זיך פון די עסערס.

דאָס געשפּרעך ביים טיש איז אָנגעגאַנגען לאַנגזאַם און אַביסל שטייפלעך. די מחותנים האָבן זיך ווייניק־וואָס געקענט. די מוטער מיט דער טאָכטער זענען גבריאל חיימאָוויטשן געפעלן געוואָרן פון ערשטן אויגנבליק: אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ מיט איר שווייגנדיקער האַלטונג און נינאָטשקאַ מיט איר האַרציקער ליבלעכקייט, פאַר וועלכע גבריאל וואָלט אַלצדינג אוועקגעגעבן. דעם אַדוואָקאַטס צוריקגעהאַלטענע קאַלטקייט האָט דעם אַלטן מירקין אַביסל אָפּגעשטויסן (סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם כבוד, וואָס ער אַליין און אַנדערע זענען אים שולדיק און, ווי מענטשן, וואָס לעבן אונטער דער זון פון באַרימטקייט, האָט ער שטענדיק דערוואַרט, ביי יעדער נייער באַקאַנטשאַפט, פון וועמען דאָס זאָל נישט זיין, דעם אויסדרוק פון באַגייסטערונג). אָבער גבריאל חיימאָוויטש האָט זיך אויך נישט געהאַלטן פאַר אַבי־ווער. די קילקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן די צוויי הויפּט־מחותנים, האָט שטייפלעך פאַרשווערט דאָס געשפּרעך. נאָר מ׳האָט אייגנטלעך גאָרנישט גע־

דארפט רעדן. פאר א גוטער געמיטלעכער שטימונג האט געזארגט דער שאמפאניער און די גוטע מוזיק, וואס איז געשפילט געווארן פון א רו־מענישן ארקעסטער.

נאר דערפאר האט די קילקייט, וואס האט געהערשט צווישן די מע־נער, געגעבן א געלעגנהייט נינאטשקאס באלעבטן טעמפעראמענט ארויס־צווייזן זיין רירעוודיקן טאלאנט צו פארקניפן די מענער און זיי אריינ־צוברענגען אין א פריינטלעכער שטימונג. אין אירע אויערן זענען געזעסן גאקעט-בלויז די גרויסע ניס־ברילאנטן פון דעם ריינסטן ווייס־בלויען קא־ליר, וואס גבריאל חיימאוויטש האט מיט אייניקע טעג צוריק אויסגעכאפט ביים בארימטן פעטערבורגער יוועליר „פארזשע". די ברילאנטן זענען גע־ווען באשטימט פאר א גרויספירשטעלעכער געליבטער, נאר דער אלטער מירקין האט זיי אויסגעדונגען און צוגעשיקט פארן טעאטער־גיין אין אן אומענדלעך־גרויסן בוקעט ניצער־פיילכן. (א, ער האט געוווסט, דער גבריאל חיימאוויטש, ווי אומצוגיין מיט דאמען.) אויף איר נאקעטן הויכן מיידלש־קינדישן האלדז זענען געווען די געציילטע אריענטאלישע פערל, וואס זאכארים מוטער האט איבערגעלאזט נאך איר טויט א מתנה פון איר פאר זאכארים כלה. נאר מער ווי די בריליאנטן און מער פון די פערל האבן לעבעדיק געצאפלט אירע טינט־שווארצע פארלאקטע האר און איר ברוין־טונקעלער אפגעברענטער קערפער, וואס האט זיך, ווי א יוועל פון זיין ראם, ארויסגעגאסן פון איר שווארץ־שפאניש שפיצן-קלייד, אויפ־גענייט אויף בורשטין־קאלירנדיקן אטלעס...

זי איז געזעסן צווישן איר פאטער און איר צוקינפטיקן שווער. איר חתן האט זי איבערגעגעבן צו איר מוטער (ער איז דאך געווען אינגאנצן א פארכאפטער פון אלגא מיכאילאוונאס שטילער פארנעמלעכקייט), און זי אליין מיט אירע צוויי נאקעטע הענט, געפלאכטן צווישן איר פאטער און איר שווער, האט דא נאך דעם איינעם „אוכאזשעוועט", און דא נאך דעם אנדערן, און נישט איינמאל האבן זיי ביידע געמוזט שמייכלען אין איין שמייכל, וואס נינאטשקאס חן האט ביי זיי ארויסגערופן מיט איר געשיקטן מאנעוור.

דאס געשפרעך האט זיך איצט געדרייט ארום דער פראגע פון ווי־נונגען, אין צוזאמענהאנג מיט דעם פארשטייענדן איינארדענען זיך פון דעם נייעם פאר. (זעלבסטפארשטענדלעך, איז וועגן לעצטן נישט דער־

מאָנט געוואָרן, כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.) נאַאום גריגאָראָוויטש, דער „קוזין“, איז געווען דער הויפּט־אָנפירער און באַלעבטסטער אָנטיילנעמער אין דעם געשפּרעך. דאָס פּראָבלעם איז געווען, ווי אַזוי איז בעסער איינצואָרדענען זיך: אָדער אין אַ מאָדערן הויז, וואָס האָט אַלע נייע באַקוועמלעכקייטן, אין דעם נייעם פּאָרנעמען קוואַרטאַל אויף „קאַמענע־אָסטראָווסקי פּראָספּעקט“, וואָס איז געוואָרן אין פּעטערבורג זייער מאָדערן, צי (ווי דער „ענגלענדער“ האָט געהאַלטן און איין אַגיטירן פֿאַר זיין פּראָיעקט) אין אַן אַלטן אַלעקסאַנדראָווסקי „אָסאָבניאַק“ אויף דער אַריסטאָקראַטישער „נאַבערעזשני“, געבויט פֿון דעם באַרימטן אַרכיטעקט „קוואַרענגהי“, אָדער אין אַן אַנדערן קוואַרטאַל, נישט ווייט פֿון „אַדמיראַלטייסקי“, וואָס מען קאָן נאָך קריגן פֿאַר אַ גוטן פּרייז. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, דאַרף מען עס צופּאַסן צו די נייעסטע פּאָדערונגען, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, מיט צענטראַל-באַהייצונג און אַ פּריוואַטער ווינדע, נישט צו באַדאַרפֿן קריכן אויף די אומהיימלעכע הויכע שטיינערנע טרעפּן. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, מוז עס געמאַכט ווערן דורך אַ פּעאיקן אַרכיטעקט, אַז ער זאָל נישט איבערפֿירן דעם סטיל פֿון הויז, און עס אויסמעבלירן מיט אַלטע אַנטיק-מעבל, אַלעקסאַנדרינסקי אַמפּיר, אָדער פֿראַנצויזישע לואיסן, וועלכע ער, דער „ענגלענדער“, וואָס איז אַ מבין אין די זאַכן און קען אַלע פֿאַרוואָרפֿנסטע אַנטיק־געשעפֿטן פֿון פּעטערבורג, נעמט זיך אונטער דאָס איינצושאַפֿן; און אַמאָל קאָן מען נאָך אָנטרעפֿן אויף אמת גוטע שטיקלעך.

— אַזאַ הויז, ווו טויטע מומעס, למשל, וואַנדערן אַרום ביינאַכט און זעצן זיך אַוועק אויף די אַלטע פֿאָטעלן אין די ווינקעלעך, ווו זיי זענען געוווינט געווען צו מאָטלען ביי זייער לעבן, אָדער קומען פֿון קבר אַרויס אויפֿצוזוכן זייערע ליבע־בריוו און אַנדערע זינד, וואָס זיי האָבן פֿאַרגעסן אין די שופֿלאָדן פֿון די אַלטע שראַנקן, — האָט נינאָטשקאַ חוזק געמאַכט אין איר בעסטן הומאָר, אין וועלכן זי האָט זיך געפֿונען.

— טיילמאָל ביסטו גרויזאַם, נינאָטשקאַ, — האָט זיך אָנגערופֿן אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ און אונטערדריקט אַ שמייכל, וועלכער האָט זיך באַוויזן און באַלעבט אירע שיינע אויגן, — אָפּטמאָל קלער איך: פֿון וואַנען קומט עס צו דיר?

— ניין, מאַמעשקע, איך מיין עס מיט אַן אמת — עס איז אפשר

דאָמאַנטיש אַזוי צו לעבן אין אַלעקסאַנדראָווסקי גייסט, עכט פּעטער־בורגיש, ווי די „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ". אָבער מיר האָבן גענוג אונדזערע אייגענע גייסטער אין אונדזער היינטיקן לעבן, און מיר דאַרפן נישט אַרויסרופן אַלטע פון קבר אַרויס. ווי מיינסטו, פּאַפּעשקע. — האָט זי געזאָגט, אויסשטרעקנדיק איר נאַקעטע רעכטע האַנט צום פאָטער, און גע־ווענדט זיך מיט איר באַלעבט פּנים צו איר לינקער זייט, צו גבריאלן: — ווי גאָט איז מיר ליב, איך האָב אַליין מורא פאַר די גייסטער וואָס ווױ־נען אין מיר, דאַרף איך נאָך האָבן אַ הויז מיט גייסטער...

— האָט נישט קיין מורא, נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, מירן אייך העלפן די גייסטער פאַרטרייבן, אי פון הויז, אי פון אייך אַליין, — האָט דער אַלטער מירקין געקושט איר אויסגעשטרעקטע לינקע האַנט.

און כדי איבערצובעטן דעם אָפּגעשמיסענעם „ענגלענדער", האָט דער באַרימטער אַדוואָקאַט געזאָגט צו אים פון איבערן טיש:

— נו, וואָס קאָן מען טון, נאַאום גריגאָראָוויטש? גאָר אַ גאַנץ נייער דור דער היינטיקער. קיין איין ברעקל ראָמאַנטיק נישט, טרוקענער רעאַליזם. נישט ווי מיר.

— דאָס איז אמת, — האָט געזאָגט דער אַלטער נאַאום גריגאָראָ־וויטש, האַלב אין געלעכטער, האַלב אין אַ קרעכץ, און בשעת מעשה גע־קוקט אין אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס שיינע אויגן.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, וועלכע איז געזעסן אויף דער צווייטער זייט פון גבריאל חיימאָוויטש, האָט מיט אַ גראַציעזער באַוועגונג אויפגעהויבן אַ האָר, וואָס האָט זיך איר אַראָפּגעגליטשט איבער איר שטערן און צוריק אַרויפגעלייגט אים אויפן שוואַרצן גלאַטן שייטל, ווו ער האָט באַלאַנגט. זי האָט זיך אָנגערופן:

— און דאָך בין איך זיי נישט מקנא, די נייע. — און ווענדנדיק זיך מיט איר שמייכל צו נאַאום גריגאָראָוויטשן, האָט זי געזאָגט דירעקט צו אים: — נישקשה, מיר, נאַאום, בלייבן געטריי אונדזער דור.

די אין וויים געקליידעטע קעלנער האָבן דערווייל סערווירט מיט כמעט נישט־געזעענע, אינגאַנצן אומגעהערטע באַוועגונגען, די פאָרעלן, וואָס האָבן ערשט מיט אַ פּאָר מינוט פריער אַזוי פריש־לעבעדיק געצאַפּלט זיך אין נעץ. גבריאל חיימאָוויטש האָט אויף זיין גאָפּל אָנגענומען אַ שטי־

קל ווייסע פלייש פון דער פּאַרעלס בויך, און מיט דער צווייטער האַנט געוויזן אויף זיין זון:

— אַט דער האָט זיך נאָך פאַרוואַנדלט אין פריערדיקן דור אַריין.

— זאָגט עס נאָכאַמאָל, גבריאל חיימאָוויטש, — האָט נינאַטשקאַ צו אים געזאָגט, — איך האָב עס שוין איינמאָל מיטגעטיילט מיין נייעם הער. איך ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי איך וועל דורכקומען מיט אים; אָדער ער וועט זיך מוזן צופּאַסן צו מיין דור, אָדער איך צו זיינעם, וואָס איך גלויב קוים.

— נישקשה, מיר נעמען אים זייער גערן אויף אין אונדזער דור אַריין. נישט וואָר, נאַאוּם? — האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ געזאָגט, און אַליין נישט באַמערקנדיק, וואָס זי טוט, האָט זי איר נאַקעטע גראַציעזע האַנט אַרויפגעלייגט אויף איר שכנס אַקסל.

פון דער באַוועגונג האָבן זיך ביידע געריוויטלט, אי אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, אי מירקין; מ'האָט עס אָבער קוים באַמערקט.

מירקין איז געזעסן איבערגעבויגן, כמעט איינגעהויקערט איבער זיין טעלער. ער האָט עפּעס נישט געוואָגט אויפצוהויבן זיין בליק און אַרי־בערצוקוקן דאָרט, אויף יענער זייט, וווּ עס זענען געזעסן זיין כלה און זיין פאָטער. דערפאַר אָבער איז זיין גאַנץ וועזן פול געווען מיט אָלגאַ מיכאַי־לאָוונען. ער איז גליקלעך געווען, וואָס ער זיצט נעבן איר, וואָס די באַ־וועגונגען פון אירע הענט זענען אַזוי נאָענט צו אים. ער האָט טיף גע־טרונקען דעם איידעלן געשמאַק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר שאַרף, פון איר קלייד, פון איר אָפענעם בוזעם. ער האָט איינגעאָטעמט דעם אָטעם פון איר פיגור, פון אירע האָר, פון איר נשמה אַרויס. איר לייבטער, גאָרנישט ווילגדיקער און דערביי אַזוי פיל זאָגנדיקער בליק, האָט אים נישט דענערווירט, נישט געררייצט, נישט גערופן, נאָר האָט אים אַריינגע־בראַכט אין אַ פּאָלקאָמער רואיקייט, אין אַן אַבסאָלוטער זיכערקייט. ער האָט זיך גאָרנישט געפילט זינדיק מיט דעם געפיל צו איר, וואָס האָט באַוווינט זיין גאַנץ וועזן. פאַרקערט, ער האָט זיך דורך דעם געפילט גע־איידלט אויסגעלייטערט און בעסער. און וואָסערע מאָדנע קאָמישע גע־דאַנקען — געדאַנקען, וואָס זענען נאָך פאַרטויבט אין אַן אומקלאָרער ווייטקייט; געדאַנקען, וואָס זענען נאָך נישט רייף, וואָס ער וויל זיך זיי נישט אינגאַנצן דערקלערן... דורך זיין לעגאַלער פאַרבונדנקייט צו ני־

נאַטשקען האָט זאַכאַרי זיך געפילט שולדיק אין עפּעס. און אַ מינוט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַזוי זיצנדיק אין דעם רייכן זאַל מיט זיין כלה, מיט זיין פאָטער, אַז עפּעס קומט דאָ פאַר נישט ריכטיקס, נישט ערלעכס. אָבער ער האָט נאָר באַדאַרפט פון דער זייט וואַרפן אַ בליק אויף דער הויכער, גלייכער פיגור פון אָלגאַ מיכאַילאָוונען, כאַפּן איר איידעלן אָטעם, אום אויסצוגעפינען, אַז אַלץ איז ריכטיק און באַדאַרף אַזוי זיין.

עס איז געווען אַזוי, ווי דאָס געפיל פון אַ קינד צו אַ מוטער, וואָס ער האָט געהאַט פאַר אָלגאַ מיכאַילאָוונען, וואָלט געבשרט און רעכט גע־מאַכט יענעם נישט קלאָרע געפיל, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיין כלה...

קאַפּיטל 19

קאַרשן אין שניי

נאָכן עסן האָט גבריאל חיימאָוויטש פאַרגעשלאָגן דער געזעלשאַפט דורכצופאָרן זיך אויף די „סטרעלקעס" צו די ציגיינער. דער אַדוואָקאַט האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דערפון. „שוין נישט פאַר אונדז, גבריאל חיימאָוויטש — פאַר אַזעלכע יונגעלייט, ווי איר זענט". נינאַטשקאַ האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, דווקא באַשטאַנען דערויף. דער אַדוואָקאַט מיט זיין ווייב זענען אַהיים געפאָרן. די איבעריקע געזעלשאַפט איז געפאָרן אויף צוויי שליטנס איבער דער „ניעווע" אין פולן גאַלאָפּ צו די „אָסטראָ־וואָ".

אין ערשטן שליטן זענען געזעסן נינאַטשקאַ און גבריאל חיימאָ־וויטש. זיין ברייטע פיגור און דער גרויסער, ברייטער שאָפּענער פעלץ האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן שליטן און דאָס קליינע מיידל אינגאַנצן אין זיך אריינגענומען. דער פורמאַן האָט געוווסט, וועמען ער פירט און וווּ־הין ער פירט זיי, און מיט אַ גאַלאָפּ, וואָס מען האָט זיך נאָר געקאָנט דער־לויבן אין פעטערבורג מיט געסט פון רעסטאָראַן „דאַנאָן" נאָך צוויי אַזייגער ביינאַכט, האָט ער זיך געלאָזט איבער דער ברייטער „ניעווע" ווי אַ פייל פון בויגן, אַזוי, אַז זאַכאַרי און נאַאום, וועלכע זענען געווען

אין צווייטן שליטן נאָך זיי, האָבן זיי צייטנווייז פאַרלוירן פון די אויגן.

דער ווינט פון פלינקן גיעג האָט אויפגעהויבן קרישטאָל־רייִנעם שניי, וואָס איז ווי אַ ווייסע דעק געלעגן איבער דער „ניעווע”, און זיי געפּאַטשט אין פּנים אַריין, כאָטש די נאַכט איז געווען אַ רואיקע און אַן אויסגעשטערנטע און אַ ליכטיק באַלבנהטע. גבריאל חיימאָוויטש, וועלכער איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט חשק פון דעם שאַמפּאַניער, וואָס ער האָט געטרונקען, איז ווי צוריק יונג געוואָרן. עס האָט זיך מיט אַמאָל געגעבן אַ וועק אויף אין אים די גאַנצע לעבנסלוסט פון פאַרשווונדענע טעג...

און איצט, האַלטנדיק נעבן זיך די קליינע ניניאַטשקאַ האָט ער, ווי אַמאָל זיין זון, אַרייגעטרונקען אין זיך דעם פּערפום, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אונטער איר וואַרימען פעלץ, און ער האָט איר געסודעט אין אויער מיט זיין קאַלט־וואַרימען אָטעם:

— איך בין אייער גליקלעך, זייער גליקלעך, נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, וואָס איר האָט איינגעשטימט צו ווערן זאַכאַרים ווייב. איך בין זייער גליקלעך. און איך דאַנק אייך זייער.

— און איך אויך, פּאַפּעשקע... דערלויבט מיר אייך אָנצורופן פּאַ־פּעשקע. גבריאל חיימאָוויטש, איך בעט אייך... — און זי האָט איר וואַ־רים פּנים צוגעטראָגן און צוגעלייגט צו זיינע פלייִשיקע קאַלטע באַקן.

— מיר וועלן זיין פריינט, נישט וואָר, ניניאַטשקאַ?

— יאָ, פּאַפּעשקע, נישט אַנדערש, נישט אַנדערש, — און זי האָט מיט איר האַנט אַרומגענומען זיין ברייטן רוקן און אָנגערירט זיינע באַקנ־בערד. — איך האָב אַזוי ליב באַקנבערד. פאַרוואָס טראָגט נישט זאַכאַרי קיין באַקנבערד? איך האָב ליב, אַז אַ מאַנספּאַרשוין זעט אויס ווי אַ מאַנספּאַרשוין, שטאַרק, ברייט. איך וועל אים מאַכן טראָגן באַקנבערד, דעם זאַכאַריושקאַ. אַזוי ווי זיין פּאָטער.

— יאָ, ער איז דאָך נאָך אַ ייִנגל, דער זאַכאַרישקאַ. מען באַדאַרף אים אויפוועקן. אַ גוטער, אַ האַרציקער, נאָר אַ ייִנגל. איך ווייס נישט, וואָס צו טון מיט אים.

— יאָ פּאַפּעשקע, דאָס איז, וואָס איך זאָג. איך ווייס נישט פאַר־וואָס איך האָב אים ליב געקראָגן, דעם זאַכאַרישקאַ. נישט אַנדערש, נאָר דאָס בלוט אין אים... דערפילט זיין פּאָטער אין אים... — לאַכט ניניאַטש־

קאַ און טוליעט זיך צו אים. גבריאל חיימאָוויטש איז מיט אַמאָל ערנסט געוואָרן:

— איך בין אַזוי גליקלעך. דו ווייסט אַליין נישט, קינד, ווי דו האָסט גליקלעך געמאַכט אַן אַלטן פאַרלאָזענעם מאַן...

— וואָס פאַר אַן אַלטער זענט איר, פּאַפּעשקע? איך וואָלט געוואונטשן, אַז זאַכאַריושקאַ זאָל זיין אַזוי אַלט ווי איר.

— יאָ, מיידל, אַן אַלטער און אַ פאַרלאָזענער, שטענדיק געווען אַן איינזאַמער. ביי אונדז איז דאָך קיין פאַמיליע נישט געווען, און איצט וועסטו אונדז אַ פאַמיליע מאַכן. ווי איך האָב געבענקט נאָך דעם!...

— רעדט נישט אַזוי, פּאַפּעשקע! עס פּאַסט פאַר אייך נישט אַזוי צו רעדן. איר זענט אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ פעסטער, פּאַפּעשקע. אייך פּאַסט צו רעדן גאָר אַנדערש.

— דאָס איז פון פרייד, טאָכטער, פון פרייד... — און דער אַלטער האָט איר קאָפּ צוגעבויגן צו זיין ברוסט, — פון פרייד און פון גליק.

— נו, איר האָט דאָס אַ מאַניער, פּאַפּעשקע, אַ דאַמע אַ מתנה צו דערלאַנגען. בריליאַנטן אין אַ בוקעט פיילכן באַהאַלטן. די יונגע וואָלטן זיך ביי אייך לערנען באַדאַרפט. נישט ביי די היינטיקע, וואָס פאַר אַ דער־פאַרונג!

גבריאל האָט באַהאַלטן אַ שמייכל אין זיינע צוויי באָרד־שפּיצן אריין.

— אָך, פּאַפּעשקע, נישט איינע געווען ביי אייך, וועלכער איר האָט געקאָנט אויף אַזאַ מאַניער דאָס האַרץ מיטן קאָפּ פאַרדרייען. גוט, וואָס מען האָט נישט געלעבט אין אייער צייט, — סטראַשעט זי אים מיטן פינגער.

— געווען, מיידעלע, געווען, — ברומט דער אַלטער.

— איר וועט מיר אַלץ מוזן דערציילן, אַלץ. פּאַפּעשקע, קיין סו־דות פאַר מיר!

אין דעם האָט זיך דער שליטן אָפּגעשטעלט אין אַ וויים־באַשנייט וועלדל, פאַרן באַרימטן ציגיינער־קאַבאַרעט „פּאָנטאַנקאַ".

— און ווו זענען זיי? — האָט נינאָטשקאַ געפרעגט. — כ'האָב גע־מיינט, אַז זיי זענען מיט אונדז.

— דאָס פערד ווייסט באַלד, וועמען עס פירט, — רופט זיך אָן דער

אַלטער. נאָר פון דערווייטנס האָט זיך שוין געהערט דאָס קלימפּערן פון צווייטן שליטן.

— אין „פּאָנטאַנקאַ” האָט מען דעם אַלטן גוט געקענט. קוים האָט מען אים דערזען, האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטון פון קעלנער ביז דעם טאָטערשן באַלעבאָס מיטן שרויט-באַשפּריצטן פּנים, וועלכער איז געקומען צולויפן פונעם פרייַלעכן, רוישיקן זאַל אַרויס.

— אַך, גבריאל חיימאָוויטש, פּאָטערל אונדזערער! ווי לאַנג איז עס שוין, ווי מיר האָבן נישט געהאַט דעם כבוד אייַך צו זען ביי אונדז! נעמט צו די פוטערס! וואָס פאַר אַ גליק, וואָס פאַר אַ יום־טוב! דאָס „רויטע צימער” איז דערווייל באַזעצט, נאָר מיר וועלן עס פרייַמאַכן פאַר אייַך. גיי, קאָלקע, און זע אַרויסצופּטרן די לייט. איר וועט זיין געדולדיק אַ מינוט, נישט אין אַלגעמיינעם זאַל, ניין, אין מיין ביוראָ, ביז עס וועט פאַרטיק ווערן.

פופצן פאָר הענט זענען גרייט געווען צוצונעמען די פוטערס און זיי צו באַדינען, נאָר דער טאָטערשער באַלעבאָס האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיי. ער אַליין האָט געוואָלט האָבן דעם גאַנצן כבוד.

— און נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ איז נאָך מיט אייַך? — נאָך נישט אַנטלאָפן?

— נאָך דאָ, פּאָטערל, נאָך דאָ, ווי אַנדערש? וועט דאָס זיין אַ פרייד! באַוויליקט איר זי צו באַשטעלן מיט דער גאַנצער קאַפּעליע צו אייַך אין קאַבינעט?

— ניין, נאָר זי אַליין מעג קומען, און די אַקראָבאַטין־טענצערין, נישט אַנדערש, נאָר די אַקראָבאַטין־טענצערין.

— ווייל, פּאָטערל, ווייל, איר האָט באַדאַרפט זען, וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג זי האָט איצט געגעבן, די אַקראָבאַטין, אין גרויסן זאַל. דער זאַל איז געגאַנגען כאַדאָראָם. מען האָט די סערוועטקעס געוואָרפן, ווי גאָט לעבט. און אַ פובליקום האָבן מיר היינט אַן אויסדערוויילטס, פיל הויכע נאַטשאַלסטוואָ פאַראַן, נישט די קליינע, וואָס צאָלן נישט. און פון הויף איז מען אויך דאָ. פירשט באַרים האָט אָנגעזאָגט, און פירשט אַרבאַזאָוו מיט זיין געזעלשאַפט, און פון האַנדלס־מיניסטעריום, און פיל רייכע לייט, אַזוי, אַז זיי האָבן אויסגעדונגען איינער ביים אַנדערן די פאָר בריליאַנטן, וואָס „קאָקאָטשקע” האָט געהאַט צו באַשענקען די אַקראָבאַטין. געמאַכט

א גוט געשעפט היינט, „קאַקאַטשקע״, — האָט דער טאַטער נישט אויפֿגעהערט צו דערציילן.

— דו לאָז איבער דיין „קאַקאַטשקע״ מיט דער אַקראָבאַטין און היים בעסער דעם שאַמפּאַניער אויף אייז שטעלן, — זאָגט דער אַלטער מירקין, — און זע, אויב דאָס צימער איז שוין פריי.

— וועלכן ווינטשט איר, מאַנאַפּאָלקע?

— ווי שטענדיק.

א פּאָר קעלנער זענען אַוועקגעלאָפן אויספירן דעם באַפעל, און באַלד האָט מען די געזעלשאַפט אריינגעפירט אין „רויטן קאַבינעט״, וואָס איז נאָך פול געווען מיט רויך פון פרעמדע מענער און מיט פּערפומען פון פרעמדע דאַמען, וואָס דער טאַטער האָט געהאָלפן צו פאַרטרייבן מיט זיין סערוועט.

— אַך, גבריאל חיימאָוויטש, געדענקט איר יענע יאָרן, וואָס איז אָנגעבראָיעט געוואָרן מיט דער נאַטשאַלסטוואָ פון באַן-מיניסטעריום. אַך, איז דאָס געווען א צייט, ווען איר האָט געהייסן נאַטאַליא סטעפאַנאָוונען אין א באַליע אָנגעוואַרימטן שאַמפּאַניער אריינזעצן... נישט אַנדערש, נאָר אין באַליע אריינזעצן, — האָט דער טאַטער געזאָגט, איבערדעקנדיק דעם טיש מיט פרישן באַדעקעכץ.

— ווער האָט דיך געפרעגט, באַלוואַן! — שרייט אויף אים גבריאל,

— וואָס מאַלסטו מיט דער צונג, אז מען באַצאָלט דיר נישט דערפאַר?

נאָר דער טאַטער האָט שוין געקענט זיינע געסט. וואָס מער זיי האָבן געשריגן אויף אים, אז ער זאָל האַלטן זיין מויל און נישט פּלוידערן, אַלץ מער האָבן זיי געוואָלט, אז מען זאָל דערציילן פון זייערע גבורות.

— אָדער, דעמאָלסט, גבריאל חיימאָוויטש, ווען איר האָט געגעבן דאָס מיטאָג פאַר דעם פּאָרזיצנדן פון דער באַן-קאָמיסיע, גראף קאַרמין, ווען איר האָט געהייסן, אז נאַקעטע פראַנצויזקעלעך זאָלן באַדינען די געסט...

— איך האָב דאָך דיר באַפוילן צו שווייגן, פאַרשטאַנען? — האָט גבריאל חיימאָוויטש געזאָגט אין דעם טאָן, וועלכן ער באַנוצט פאַר זיינע אָנגעשטעלטע, און מען האָט אים געפאָלגט. זיינע געל-גרויע באַקנבערד האָבן זיך אויפגעשטעלט, זיינע ברעמען האָבן זיך אויפגעשטעלט, און די

צוויי טשופּרינעס, וואָס זענען געלעגן גלאַטיק פון ביידע זייטן פון זיין שרונט, האָבן זיך אויך באַוויגן.

— איך הער, — האָט דער טאַטער טאָטער געזאָגט, ווי אַ סאָלדאַט, און שוין געטון זיין ווייטערדיקע אַרבעט אין שווייגן.

— אין רוסלאַנד קאָן מען ניכטערהייט גאָרנישט אויפטון. מען דאַרף זיי צוערשט אָנשיכורן, אום עפּעס דורכצופירן: אַז נישט, לייגן זיי דיר שטיינער אין וועג, — האָט דער אַלטער מירקין זיך געווענדעט צו די אַרומיקע, ווי פאַרענטפערנדיק זיך פאַר עפּעס. — פאַרשטענדלעך, מען האָט געמוזט אַמאָל אויסטרינקען, און ער דערציילט דיר דאָ מעשיות!

— אַך, פּאַפּעשקע, בייזער דיך נישט, — האָט נינאָטשקאַ אים צערטלעך געגלעט איבער זיינע באַקן מיט איר נאַקעטער האַנט, וואָס זי האָט איצט באַפרייט פון דער הענטשקע. און מירקין האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי זי האָט עס געוואָגט.

גבריאל חיימאָוויטש האָט געשמייכלט און איבערגעבעטן דעם טאַטערשן באַלעבאָס מיטן וואָרט „באָלוואַן”, וואָס יענער האָט אָנגענומען פאַר אַ קאָמפּלימענט און געדאַנקט דערפאַר מיט אַ שמייכל.

דערווייל האָבן די קעלנער געבראַכט דעם שאַמפּאַניער, די גלעזער, פּרוכטן. די פּרוכטן זענען געווען אויסגעבעט ווי לייבעלעך פון קליינע קינדער אין וואַטענע קעסטעלעך. דאָס פרישסטע גרינס פון באַרנעס און דאָס רויטלעכע ליכט, וואָס די זון האָט באַקושט מיט אירע שטראַלן, האָט אַראָפּגעשיינט פון די פלוימען און אויסטערלישע פערסיקעס. נאָר נינאָטשקאַ, וואָס איז געזעסן מיט גבריאל חיימאָוויטשן אויף דער באַקוועמער קאַנאַפּע, האָט מיט אירע דינע פינגערלעך געזוכט עפּעס צווישן די פּרוכט, אָנגענומען אַ באַרנע — אָוועקגעלייגט: אַ מילגרוים — אַ שמעק געטון, און לאַנגווייליק אָוועקגעלייגט.

— וואָס ווילסטו, נינאָטשקאַ? — האָט דער אַלטער מירקין געפרעגט.

— גאָרנישט, עפּעס אַ נאַרישער פאַרלאַנג, נאָר גאָרנישט...

— וואָס אַזעלכעס, זאָג, מיידעלע! געדענק אָן גאָט, זאָג!

— עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט קאַרשן. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר ווען מיר זענען דורכגעפאָרן די געפרוירענע „ניעווע” אין ווינט און שניי, האָב איך עפּעס געקלערט פון קאַרשן.

גבריאל חיימאָוויטש האָט געגעבן אַ ווונק צום קעלנער און געהייסן אַריינרופן דעם באַלעבאָס.

ווען דער מיט שרויטן באַשפּריצטער טאַטער האָט זיך געשטעלט פאַר גבריאל חיימאָוויטשן מיט דער גאַנצער בערייטקייט אים צו דינען, האָט אים דער אַלטער מירקין געזאָגט:

— זאָג נאָר, אַלטיטשקער, איז נישט מעגלעך ערגעץ־ווו קאַרשן צו באַקומען? גיב נאָר אַ קוק.

— נישט מעגלעך, פּאַטערל, ווי גאָט איז ליב, נישט מעגלעך. טעלעגראַפירט שוין דריי מאָל נאָך ניצע: „שיקט קאַרשן!" „נאָך נישט רייף געוואָרן אין די וואַרים־הייזער!" האָט מען געענטפערט! — קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין דער טאַטער.

— דו זאָגסט נישט קיין ליגן? — קוקט אים אָן גבריאל חיימאָוויטש מיט זיינע אויפגעהויבענע ברעמען.

— פּאַפּעשקע, ווי אַזוי קאָנט איר דאָס? און עם לוינט זיך, אסור, נישט, — האָט נינאָטשקאַ אים באַרואיקט.

— ניין, באַריניע, גבריאל חיימאָוויטש קאָן אַלץ זאָגן אויף מיר, אַלץ וואָס אים ווילט זיך, — קלאַפּט זיך דער טאַטער אין ברוסט, — ער האָט מיך דאָך געקענט, ווען איך בין נאָך געווען אַ שיק־ייִנגל אין דעם אַלטן געשעפט, און ער איז דאָך מיין בעל־טובה. ער האָט דאָך מיר דאָס געלט אויסגעבאָרגט דאָס געשעפט אָפּצוקויפן, ווען דער אַלטער באַלעבאָס איז געשטאָרבן. אַרויפגעקומען אין קאַנטאָר. „וויפיל דאַרפסטו?" „אַזוי פיל און אַזוי פיל". „גיי צו דער קאַסע!" מיך נישט געקענט און מיר געטרויט. און דאָס געלט אָפּגעצאָלט בלויז מיט געטראַנקען, מיט טרינקגעלט בלויז. אָט אַזעלכער איז גבריאל חיימאָוויטש.

— און וועגן דעם האָב איך אויך געהייסן שווייגן. געהערט?

— געהערט, גבריאל חיימאָוויטש.

— און דאָך זאָגסטו אַ ליגן. דו האָסט יאָ קאַרשן.

— נאָר איין־איינציק קערבל, אַ טוץ, צי אַ שטיק צוואַנציק אינגאַנצן. פאַרן גרויספירשט באָרים. נאָך מיט אַ וואָך צוריק באַשטעלט. „דו טעלעגראַפיר נאָך מאָנטע קאַרלאָ, און לאָז דיר ברענגען קאַרשן אויפן צוויי־און־צוואַנציקסטן. אַז נישט, וועל איך פון דיר די הויט אָפּשינדן אַ לעבעדיקן", האָבן זיי באַוויליקט צו לאָזן וויסן פון פּאַלאַץ דורך זייער־

סעקרעטאַר. געמיינט, אַז זיי וועלן שיקן אַ קעסטעלע באַטש, און דאָ שיקן זיי דיר אַ סך פּאַפּירן, פּיל וואַטע, ווי אַ קינד דיר איינגעוויקלט, אַז עס זאָל זיך נישט צוקילן. איינגאַנצן אַ שטיק צוואַנציק, נאָך נישט רייף געוואָרן אין די וואַרים-הייזער, שרייבן זיי. נאָר איך וועל זיי אייך אוועקגעבן. איך ווייס, אַז דער פּירשט וועט מיך שלאָגן, מיט זיין שפּיץ-רוט וועט ער מיך דורכשמייסן. זאָל ער שלאָגן, נישקשה, דיר בין איך אַ דאַנק שולדיק, מיין בעל-טובה. איר ווייסט, ער האָט דאָך מיר דריי-סיק טויזנט רובל געבאָרגט צו קויפן די „אינסטיטוציע", און ער האָט מיך רעכט נישט געקענט, אַ יינגל נאָך געווען. אַלץ האָב איך אים צו פאַרדאַנקען. דערלויבט, גבריאל חיימאָוויטש, אייער געערטע האַנט צו קושן.

— גענוג, האָב איך געזאָגט! גיי ברענג די קאַרשן, דער באַרינע האָט זיך פאַרגלוסט „קאַרשן אין ווינטער".

דאָס זאָגנדיק, האָט גבריאל חיימאָוויטש אַרויסגענומען פון זיין בר-זעם-קעשענע אַ קליין נאָטיץ-ביכל און, נישט קוקנדיק אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט, האָט ער מיט זיין גאָלדענעם בלייפעדער פון דער זייגער-קייט עפּעס פאַרצייכנט.

— זאַכאַרי, פאַרגעס נישט מאָרגן אַרויפצוקומען צו מיר אין קאַנ-טאָר, איידער דו גייסט אין געריכט. איך האָב עפּעס מיט דיר איבערצור-רעדן, — האָט דער אַלטער מירקין פּלוצלינג, צו אַלעמענס באַוואונדערונג, געזאָגט צו זיין זון.

דערווייל איז דער טאַטערשער באַלעבאָס אַוועק, און די געזעלשאַפט האָט אַ געוויסע צייט געטרונקען שאַמפּאַניער אין שווייגן. אין אַ מינוט צען אַרום האָט ער זיך באַוויזן. אין זיינע הענט האָט דער טאַטער גע-טראָגן אַ גרויסע פאַרצעלייענע שיסל פול מיט ווייסן, אומבאַרירטן שניי, און, אַזוי ווי אויף להכעיס דער נאַטור און ווי זיך צו רייצן מיט איר, זענען אין שניי געלעגן אויסגעבעטע רויטע, פלייִשיקע קאַרשן. יעדער קאַרש באַזונדער האָט אַרויסגעלאַכט מיט זיין פרילינג-רויטקייט פון דער ווינ-טערדיקער ווייסקייט.

— איך דאַנק אייך, גבריאל חיימאָוויטש, — האָט דער טאַטער געזאָגט און געשמייכלט דעם טעלער קאַרשן פאַר גינאַטשקען...

גינאַטשקאַ האָט גענומען אַ קאַרש, אים צוערשט איבערגעוואַשן אין

פרישן שניי, איינגעטונקט אים אין איר גלאָז שאַמפּאַניער, און דערלאַנגט גבריאל חיימאָוויטשן אין מויל אַריין.

— פּאַרזוכט, פּאַפּעשקע.

דערנאָך האָט זי גענומען דעם טעלער און צוריק דערלאַנגט דעם דערשטוינטן טאַטער.

— נעמט עס צו, באַהאַלט עס פאַרן פּירשט. אַ שאָד אייער הויט.

— וואָס איז מיט דיר, נינאָטשקאַ? — האָט דער אַלטער מירקין געפרעגט.

— גאָרנישט, פּאַפּעשקע. צוערשט האָט זיך מיר עס פאַרגלוסט. איך האָב געמיינט, אַז מען קאָן עס נישט קריגן. געזען, אַז מען קריגט עס, גלוסט זיך עס מיר נישט מער, — האָט זי צו אים געשמייכלט מיט אירע שוואַרצע אויגן אין זיין רויטן פּנים אַריין.

— נעם עס צו! — האָט דער אַלטער באַפוילן דעם טאַטער מיט אַ בייזער שטימע.

— פּאַפּעשקע, בייזערט אייך נישט, — האָט נינאָטשקאַ געזאָגט צום אַלטן, מיט איר קליינעם פינגער אויפן מויל, קוקנדיק מיט אירע אויגן אים אין פּנים אַריין.

דער אַלטער האָט באַלד געמוזט שמייכלען, אַזוי אַז דער טאַטער האָט שוין געוואָגט אים צו פרעגן:

— גבריאל חיימאָוויטש, נאַטאַשאַ סטעפּאַנאָוונען באַוויליגט איר צו לאָזן דערשייגען? זי גייט אויס אייך צו זען.

— גוט, — האָט דער אַלטער געצויגן זיין וואָרט.

קאַפּיטל 20

אַ פּעטערבורגער נאַכט

מירקינען איז אויסגעקומען צו זיצן אויף דער צווייטער זייט טיש, אין איין רייע מיט דעם „ענגלענדער". ער האָט געשוויגן. דער „ענגלענדער" האָט זיך יאָ אָנגערופן מיט אַ וואָרט אָדער צוויי. מירקין האָט

אָבער ווי אויף צו להכעיס קיין וואָרט פון זיך נישט געקאָנט ארויס-ברענגען.

ער האָט געקוקט אויף זיין פאָטער, און די גאַנצע ווייטקייט, וואָס איז געלעגן צווישן אים און זיין פאָטער דורך זיינע קינדער־יאָרן, האָט זיך ווידער באַנייט:

— ווער איז דאָס אָט דער ברייט ביינעקער, ברייט פליישיקער מענטש, וואָס זיצט דאָ קעגנאיבער אים מיט זיין כלה? — מיט זיין צו־קינפטיק ווייב, מיט דער מוטער פון זיינע צוקינפטיקע קינדער? — ווער איז ער דאָס דער מענטש מיט די רויטע לאַנגע באַקן-פעלדער, מיט זיינע צעשפרייטע געל-גראָלעכע באַקן-בערד, וואסערדיקע בלווילעכע אויגן? די אויגן-טאָרבעלעך, וואָס פאַלדעוועז זיך אין אַלטן מירקינס פּנים, זענען דעם זון יאָ באַקאַנט, און עס דערמאָנט אים, אַז ער האָט אַ שייכות מיט אים, אָבער דער גאַנצער שטאַרק-געשניטענער קערפּער קומט אים פאָר צום ערשטן מאָל, ווי פון אַ פרעמדן מענטש.

— וואָס האָט ער דאָס געטון די גאַנצע צייט איינער אַליין אין פּעטערבורג אָן זיין פאַמיליע? — מיט וועמען איז ער דאָס געווען? — ווער איז ער? ווער קען אים?

ניניאַטשקאַ האָט שוין אַלץ געוווּסט, וואָס עס טוט זיך דאָרט אונטער מירקינס שטייף־געפּרעסטן העמד, אונטער דעם גלאַנצנדיקן הויכן שטערן זיינעם. זי האָט פלוצלינג אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט, אַ נאַקעטע, אַ ברוינע, אַ דיניטשקע פון איר שפּיציקן אַרבל אַרויס פון איבער דעם טיש. מיט אירע נערוועזע, דינע פינגער אָנגעהויבן אים אַרויסצוכשופן:

— קום דאָ אַהער, זאַכאַרישקאַ, קום אָט דאָ אַהער, נעבן מיר; איך האָב דאָך דיך אַ גאַנצן אָוונט נישט געזען, — (איז זי פלוצלינג איבער-געגאַנגען צו אים אויף „דו״, צום ערשטן מאָל, צייט זיי קענען זיך. און אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַליין געוועזן דערשראָקן דערפאַר, האָט זי צוגע-לייגט:) — איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך אייך, קומט דאָ אַהער צו מיר, איך בעט אייך, אָט דאָ אויף דער קאַנאַפּע. זייט מיר מוחל, נאַאום גרי-גאָראָוויטש, וואָס איר וועט דאָרט בלייבן אַליין.

פאַרשעמטערהייט, גערויטלטערהייט איז מירקין אריבערגעגאַנגען צו איר און אַוועקגעזעצט זיך נעבן איר, אויף דער צווייטער זייט פון זיין פאָטער.

נינאָטשקאַ איז שוין געווען אין איר בעסטער שטימונג נאָך די פּאָר גלעזלעך שאַמפּאַניער. זי האָט גענומען איר גלאָז און דערלאַנגט מירקי־נען אין מויל אַריין. מירקין האָט אַ שלוק געגעבן — און דאָס זעלבע גלאָז דערנאָך דערלאַנגט זיין פאָטער, און דערנאָך האָט זי אַליין געטרונקען.

— אַזוי, איצט ווייס איך אייערע ביידנס געדאַנקען, — האָט זי געשמייכלט, און אַרויפלייגנדיק איר האַנט אויף מירקינס אַקסל, האָט זי דורכגעפירט מיט אירע פינגער איבער זיינע האָר:

— ווייסט איר, גבריאל חיימאָוויטש, אַז זאַכארישקאַ איז אַ זייער גרויסער פריינט מיט מיין מאַמעשקען, מיט אָלגאַ מיכאַילאָוונען, אָבער אַזעלכע גרויסע פריינט, אַז אָפּטמאָל בין איך אייפערזיכטיק אויף איר. יאָ, איך זאָג עס אָפן, און איך האָב מורא, אַז צוערשט האָט זיך זאַכאַ־רישקאַ פאַרליבט אין מאַמעשקען, און ערשט דערנאָך אין מיר. נישט וואָר, זאַכארישקע, זייט אייך מודה.

— יאָ, איך האָב אָלגאַ מיכאַילאָוונען זייער גערן און איך אַכט זי זייער, — זאָגט מירקין מיט אַ שמייכל.

— אויף אָלגאַ מיכאַילאָוונען קאָן מען נאָך אייפערזיכטיק זיין, — זאָגט דער פאָטער.

— אָבער איך בין גאָרנישט אייפערזיכטיק, — לאַכט נינאָטשקאַ, — פאַרקערט, איך בין זייער גליקלעך, וואָס דו, זאַכארישקאַ, האָסט אַזוי ליב מיין מאַמען. דאָס מאַכט מיך נאָר צו דיר נענטער, משפּחהדיקער, אַזוי צו זאָגן — אַזוי ווי צו נאַאום גריגאָראָוויטשן. נאַאום גריגאָראָוויטש „אוכאַזשעוועט" אויך נאָך מאַמעשקען, דערפאַר האָב איך אים אויך זייער גערן, — שטרעקט זי אויס צום „ענגלענדער" אַריבער די האַנט. — איך ווייס נישט, איך האָב אַ שוואַכקייט צו אַלע, וואָס האָבן אַ שוואַכקייט צו מאַמעשקען, און איך ווייס נישט, אויב דאָס איז נישט געווען די סיבה פון אונדזער גאַנצן פאַרקנסן זיך.

אַלע זענען אַביסל זשענירט געוואָרן פון נינאָטשקאַס רייד. אַ שטיל־קייט איז איינגעטראָטן, נאָר די פיינלעכקייט פון דער שטילקייט איז באַלד פאַרשוווּנדן, ווען עס האָט ווער זיין שמאָל־געשניצט קעפּל אַריינ־געשטעקט צווישן די פאָרהאַנגען, וואָס האָבן געהאַנגען איבער דער איינ־גאַנגס־טיר פון „רויטן קאַבינעט", און געפרעגט מיט אַן אויסדרעסירטער רוסישער אויסשפּראַך:

— נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, דערלויבט אַ מינוט אַרייַנצוקומען צו אייך?

— דאָס זענט איר, באָרים אַבראַמאָוויטש? קומט נאָר אַריין.

עס זענען דאָ קירכן־מייז, טעאַטער-מייז און אויך קאַבאַרעטן-מייז. פאַרשידן זענען די מייז, אַזוי ווי אַנדערש עס זענען די אינסטיטוציעס, וועלכע זיי באַוווינען. די קאַבאַרעטן־מויז איז אַן איינזאַמע אין איר גרויסקייט, אַ פאַרחלומטע אין דער וועלט פון רעאַלקייט, אויסדערוויילט פון אַלע איבריקע מייז פון דער גאַנצער מייזן־וועלט דורך איר עסטעטישן דורשט, וועלכן קיינער קאָן קיינמאָל נישט שטילן. אַלץ וואָס איז דאָ אין אונדזער אָרים וועלטל איז נאַריש, געמיין און טאַלאַנטלאָז — און סוקנדיק אויף אירע געפּוצטע נעגל, זוכט זי אַ דערלייזונג פאַר איר טראַגישן „איך" אין אַ גרויס וואָרט, אין אַ נײַ וואָרט, וואָס זאָל קומען און באַפרייען די וועלט פון איר געפאַלנקייט. די וועלט — פאַרשטייט זיך, די מייזן־וועלט. און דאָס וואָרט — אַ נייער וועג אין דער קונסט, אַן אויסדרוק פון נײַע פאָרמען און אַ נייעם געוויכט פון אינהאַלט. און אַזוי ווי די קאַבאַרעטן־מויז קאָן נאָך געפינען געטראַנק פאַר איר דורשטיקער נשמה אין אַבסטראַקטע פאָרמען, — דערוואַרט זי די וועלט-דערלייזונג דורך דעם טאַנץ, וואָס איז — נאָך איר מיינונג נאָך — דער פּאַסנדסטער אויסדרוק פאַר דעם ריטם פון מאָדערנעם מענטשן (אגב ציט זי אויך דורך דעם טאַנץ, וואָס זי האָט געהאָלפן מיט אירע עסטעטישע עסייען פּאָפּולער צו מאַכן אין די פּעטערבורגער סאַלאָנען — איר בידנע חיונה), נאָר אַזוי ווי דאָס גרויסע טאַנץ־וואָרט קומט נישט, און וועלכן עס זאָל זיך טראָגן דאָס „געשריי פון אונדזער צייט" (ווי זי האָט זיך אַנומלט אויסגעדריקט) האָט זי זיך אוועקגעוואָרפן. דאָס „אַוועקוואַרפן" איז באַשטאַנען פון ליגן גאַנצע טעג אויף איר געלעגער און דערלעקטירן זיך מיט אַ גריכישער ביבל און פּאָרנאָגראַפישע פאָטאָגראַפיעס, וואָס גוטע פריינט האָבן אויפגענומען ביי איינער דערפאַרונג, און די נעכט פאַרברענגען אין די סאַלאָנען פון דעם מין פון סאָפיא אַרקאַדיעוונאַ, אין וועלכע ס'ווערן געגעבן „פּריוואַטע" פאָרשטעלונגען. דאָס עיקר „אַוועקוואַרפן" זיך באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס די עסטעטישע מויז פאַרברענגט גאַנצע נעכט אין קאַבאַרעט „פאַנטאַנקע" און זוכט אַ היילונג פאַר איר פאַרדורשטער נשמה אין די פּערפומען פון שיינע דאַמען און געשענקטן סעקט, און אויך אין שפּילן זיך

מיט די דערוויילֿ נאָך ליידיק־שטייענדיקע סובּרעטינס און ציגיינער־מיידלעך... די קאַבּאַרעטן־מויז איז נישט קיין אַנדערע, נאָר ווי דער באַריִמטער טאַנץ־קריטיקער באָריס אַבּראַמאָוויטש לעווינשטיין, וועמענס אויסגעשניצט פּנים האָט איצט אַריינגעקוקט מעפיסטאָפעליש דורך די פאָרהאַנגען ביי דער טיר פון „רויטן קאַבּינעט".

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דער געזעלשאַפט אין זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט, אַ הויכער, אַ דאַרער און אויסגעצערטער, ווי אויסגעשניטן פון האָלץ, אין אַ שוואַרצן סורדוט, מיט אַ שוואַרץ וועסטל פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח, פאַרקנעפּלט ביז אַרויף צום סאַמע קאָלנער (אַן אייגענע מאַניער אַזעלכע). ער פאַרבויגט זיך אַרטיק און גערירט אין אַ סאַלאָן־מאַניער, וואַרט געדולדיק ביז מען וועט בעטן אים זיצן און בויגט זיך אַריבּער אין דער האַלבער פיגור צום קושן נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַס אויסגעשטרעקט ווייס הענטל.

— פאַרבּענקט זיך נאָך אַ מענטשן אין דער „סאַכאַראַ", וואָס הייסט פּעטערבורג. איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב זיך געראַטעוועט צו אייך. געהערט פון סאָפיאַ אַרקאַדיעוונען, אַז איר געפינט זיך דאָ. די הערן וועלן דאָך מיר מוחל זיין מיין פרייהייט.

— אָבער, באָריס אַבּראַמאָוויטש, מיר האָבן געבענקט נאָך אייך. זעצט אייך נאָר, איך בעט אייך. דאָס זענען אַלע אונזעריקע. מיין פּאַפּעשקע, גבריאל חיימאָוויטש, דאָס איז מיין חתן, און נאַאומען קענט איר דאָך. איר קומט אונדז זייער צונוץ, און איר קומט אויך אין זייער אַ ריכטיקער מינוט. מיר פירן דאָ אַ געשפּרעך, אין וועלכן איר קאָנט אונדז זייער באַלערנען. מיר גאַרן נאָך אייער וואָרט, מייסטער.

דער אַלטער מירקין האָט אפילו אויפגעהויבן זיינע הויכע ברעמען איבּער זיין שטערן ביי ניִנאָטשקאָס ווערטער. מען האָט געזען, אַז עס געפעלט אים נישט, וואָס זי ציט אַריין אַ ווילד־פרעמדן אין דעם אינטימען פאַמיליען־געשפּרעך, אָבער ניִנאָטשקאַ האָט אים שוין געוווסט, ווי צו צוימען, און מיט אירע קאַלטע פינגערלעך האָט זי אים אויסגעגלייכט די קנייטשן איבערן שטערן.

— באָריס אַבּראַמאָוויטש איז דאָך אַן אייגענער מענטש. מיר קאָנען פאַר אים גאַנץ פריי רעדן, און ער איז דאָך אַזאַ קלוגער. איר וועט אים הערן באַלד, פּאַפּעשקע, — האָט זי ווי געוואָלט אַרונטערלאָזן דאָס

געשפּרעך אויף אַ גידעריקערן טאָן, ווי איר אינסטינקט האָט איר דיקטירט, אַזוי ווי מען וויל אָפּלאָזן אַ פּאַסיק, ווען ער קוועטשט צופיל דעם בויך.

— מיר זענען אַלע נייגיריק צו הערן, וואָס איר האָט דעריבער צו זאָגן, — ווענדעט זי זיך צו באָריס אַבראַמאָוויטשן, — מיר רעדן וועגן משפּחה־געפילן. וואָס איז משפּחה? באָריס אַבראַמאָוויטש, דערקלערט אונדז.

— משפּחה, משפּחה, — ציט באָריס אַבראַמאָוויטש צוויי פינגער פון דער לינקער האַנט, — משפּחה איז מאַטעריע, דער מיטגליד איז די פאָרם, געקנאָטן פון דער מאַטעריע.

— און אַז מען פאַרליבט זיך, למשל? אין וואָס פאַרליבט מען זיך, באָריס אַבראַמאָוויטש, אין דער מאַטעריע אָדער אין דער פאָרם? — פרעגט נינאָטשקאַ.

— פאָרם ענדערט זיך, מאַטעריע איז שטענדיקס. ליבע איז עלעמענטאַר, סעקסועל. דאָס עלעמענטאַרע אין מענטשן זוכט דאָס שטענדיקע, נישט דאָס דורכגייענדיקע. מען פאַרליבט זיך נישט אין אויסערלעכקייט, נאָר אין בלוט, אין ראַסע, אין דער מאַטעריע. צוערשט האָבן מיידלעך חתונה געהאַט אין שבט אַריין, דערנאָך צו דער משפּחה, ערשט גאָר צום לעצטן, אין אונדזער דעקאַדענטישער צייט, צום איינצלנעם. ווייסט איר, ווי אַזוי יעגערס כאַפּן ווילדע חיות? זיי כשופן זיי אַריין אין די פאַנגשטאַנגען, וואָס זיי לייגן אויס פאַר זיי, דורך סעקסועלן געשמאַק פון זייערע מינים. דער מענטש ווערט אויך אַזוי אַרום געפאַנגען. יעדע משפּחה האָט איר אייגענעם משפּחה־געשמאַק, — איך וואָלט געזאָגט סעקסועלן געשמאַק, אַז איך זאָל זיך דערלויבן פריי אויסצודריקן.

— נו, פּאַפּעשקע, האָט איר געהערט? דאָס איז באָריס אַבראַמאָוויטש. אויף אייער געזונט. טרינקט, באָריס אַבראַמאָוויטש. אויב אַזוי, נאָך אייך נאָך, קומט אויס, אַז ווען איך האָב זיך פאַרליבט אין זאַכאַרי גאַווריל‎אָוויטשן, וואָלט איך שוין באַדאַרפט איינציייטיק פאַרליבן זיך אין זיין פּאַפּעשקען, — האָט נינאָטשקאַ געלאַכט. — איך מוז זיך טאַקע מודה זיין, אַז איך האָב אים טאַקע זייער גערן, דעם פּאַפּעשקע, — האָט זי געזאָגט, אָנשפּאַרנדיק איר קאָפּ אויף דעם אַלטנס ברוסט.

דער אַלטער האָט איר אַ קוש געגעבן אין שטערן און געזאָגט:

— גאַנץ אויף אַלע ביידע זייטן.

אין דעם האָט זיך די טיר לייכט אויפגעעפנט און דער טאַטערשער באַלעבאָס האָט אַריינגעלאָזט נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונען מיט איר יידישן מוזיק־באַגלייטער.

נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ איז נישט געווען קיין ציגיינערין. זי איז געווען אַן אַרמענערין מיט סעמיטישע גרויסע לעבעדיקע אויגן, וועלכע האָבן געהאַט אין זיך דעם גאַנצן צער און לייד, וואָס איר פֿאָלק איז אויסגעשטאַנען פון אומטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג. זי איז שוין נישט געווען אין איר ערשטער יוגנט. אַ פרוי אין די פּערציקער, אַ פלייִשיקע, אַ דיקלעכע; אירע פּעך־שוואַרצע האָר זענען געווען פאַרקעמט שרונט־גלאַטיק, מיט אַ גרויסן געפלאָכטענעם קאָקס פון הינטן, און לויטן סטיל פון די שפּאַנישע ציגיינערינס האָט זי געטראָגן אַ גרויסן קאַם אין אירע האָר און אַריינגעזעצט אין די האָר אונטער דעם קאַם רויטע נעגעלעך־בלומען. צוערשט, אַז זי האָט דערזען איר גוט באַקאַנטן גבריאל חיימאָוויטשן, האָט זי אים געוואָלט אַנטקעגנלויפן מיט אירע פלייִשיקע אויסגעשטרעקטע אָרעמס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגענומען פון די לאַנגע פרענזן פון איר שפּאַנישן קרעם־ווייסן טוך, וועלכעס האָט אַרומגענומען איר קערנדיקן, גוט דערהאַלטענעם קערפּער (טראָץ דעם רוישיקן נאַכט־לעבן). נאָר עס איז נענוג געווען איין ערנסטער בליק פון אַלטן מירקינס אויפגעהויבענע ברעמען, אַז עס זאָל צוימען אירע טריט און איר דערמאָנען איר שטעלע.

זי איז געבליבן שטיין פון דערווייטנס, מיט אַ פאַרלוירענעם פאַרלעגענעם שמייכל אויף אירע ליפּן, און לייכט זיך פאַרבויגן הינטער איר באַגלייטער, דעם יידישן „ציגיינער"־שפּילער אויף דער מאַנדאָלינע.

דער באַגלייטער האָט גענומען גרימפּלען אויף דער מאַנדאָלינע, און נאַטאַליאַ סטעפּאַנאָוונאַ האָט מיט אַ טרוקענער, אָנשטענדיקער, נאָר געשעפטסמעסיקער מינע אָנגעהויבן צו זינגען אירע ציגיינערשע ראָמאַנסן. איר שטימע, כאָטש האַלב פאַרטרונקען פון אַלקאָהאָל, האָט געהאַט אין זיך רירנדיקס און עלעגישעס. זי האָט געזונגען זייער געפּילפּול און זיך אַליין איבערגענומען מיט דעם גורל פון די פאַרלוירענע העלדן־ציגיינער, קאָזאַקן מיט די פאַרפאַלענע מיידלעך פון ליבע, צאָרן און אייפערזוכט, מיט וועלכע עס ווימלען די ראָמאַנטיש־ציגיינערשע ראָמאַנסן. און ווי אויף יעדן רוסישן מענטשן, האָבן די ציגיינערשע לידער געהאַט אויך

זייער ווירקונג אויף דער קליינער געזעלשאפט. דער שאמפאניער, די ציגיינערשע לידער און בארים אבראמאוויטשעס קלוגע רייד האבן נינאטשקען אריינגעבראכט אין א בענקנדיקער שטימונג, א שטימונג פון קאבארעט־טראגישעס.

זי האט אנגעשפארט איר קעפל אויף זאכארישקעס ברוסט און שפילנדיק זיך מיט זיינע פינגער, האט זי מיטגעברומט נאך דער זינגערין:

„נאך אמאל...

„נאך פיל, פיל מאל”...

פלוצלינג האט זי זיך אנגערופן צום אלטן אין דער שטיל:

— גבריאל חיימאוויטש, שיקט אוועק די זינגערין. איך בעט אייך, מיר וועלן זיין אליין מיט אייגענע.

גבריאל חיימאוויטש האט געגעבן דער זינגערין, וואס ער האט איר געוואלט געבן, און געזאגט מיט א שמייכל:

— דער בארינ׳ע ווילט זיך נישט מער. די בארינ׳ע האט אירע שטימונגען, נו, גיי דיר, נאטאשקא. אן אנדערש מאל וועלן מיר עס פארבעסערן.

— איך האב אויך אמאל געהאט מיינע שטימונגען. היינט באדארף איך זיך צופאסן צו אנדערע, — האט נאטאליא געזאגט, און איז אוועקגעגאנגען א באליידיקטע.

נינאטשקען איז אומאנגענעם געווארן.

— איך ווייס נישט פארוואס, איך קאן נישט גלייכגילטיק אויסהערן ציגיינערשע לידער. זיי וועקן מיך צופיל אויף, ווי זיי וואלטן עפעס געמאנט.

און דערנאך האט זי צוגעלייגט ווי פאר זיך:

— עס איז, ווי איך וואלט פאר זיי עפעס מורא געהאט.

נינאטשקא האט גענומען איר שאמפאניער גלאז אין האנט אריין, געהאלטן דעם ראנד צו אירע קליינע ליפן, און געזאגט האלב ווי אין שפאס, האלב אין ערנסט, לאכנדיק איינציייטיק צו ביידע, — אי צום פאטער, אי צום זון, ווי נאר זי אליין האט עס געקאנט:

— איר וועט מיך דארפן גוט היטן!

— פארוואס, נינא סאלאמאנאוונא? — האט דער אלטער געפרעגט.

— איך ווייס נישט פארוואס, נאר אפטמאל האב איך מורא פאר זיך

אַליין. עס איז, ווי איך קען זיך אַליין נישט; איך ווייס נישט, וואָס איך וועל טון מאָרגן. איר הערט? אָט נעמלעך ווען איך בין געווען יענעם אָוונט ביי סאָפיאַ אַרקאַדיעוונאַ. איר באַדאַרפט עס באַדויערן, זאַכאַרישקאַ, וואָס איר האָט מיך דאָרט אַליין אַהינגעשיקט. — אינטערעסאַנט געווען דער אָוונט, זייער אינטערעסאַנט. איך האָף, אַז פון היינט מאָל אָן וועט איר מיך נישט לאָזן מער גיין אויף אַזעלכע אָוונטן, — האָט זי געזאָגט צו איר חתן, סטראַשענדיק אים מיטן פינגער. — האָב איך דאָרטן אָנגעטראָפן אויף אַ מענטשן, אַ פרוי אַזעלכע; פיל אינטערעסאַנטע מענטשן געווען דאָרט אויף דעם אָוונט. נישט וואָר, באָריס אַבראַמאָוויטש? האָב איך אָנגעטראָפן דאָרט אויף אַ פערזאָן, האָט זי מיר דערציילט. נו, וועגן דעם פויערל, וואָס איז איצט אַזוי פּאָפּולער אין די פּעטערבורגער סאַלאָנען. צוערשט האָב איך עס נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי קאָנען אינטעליגענטע, אַריסטאָקראַטישע קולטורעלע פרויען זיין צוזאַמען מיט פּויערטעס, כאַמקעס, און גאָרנישט אייפערזיכטיק זיין איינע אויף דער אַנדערער; זיי האָבן זיך גאָר ליב איינע די אַנדערע, און די רייכע לערנען זיך פון די פּראָסטע וואָס מער גרעבער און פּראָסטער צו זיין, כדי צו געפעלן דעם פויערל, אַזוי ווי ער וואָלט זיי צוזאַמענגעגליט אין איין הייליק פייער. דערנאָך האָט זי מיר דערקלערט, די פערזאָן — דעם ענין, אַזוי צו זאָגן. זי האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין דעם טעם דערפון. און איך מוז זאָגן, אַז עס איז נישט דורכגעגאַנגען ביי מיר אָן אינטערעס. וואָרים נאָך אַלעם, ווייסט דאָך דער טייוול, ווער מיר זענען דאָס אַזעלכע.

דער עולם איז שטיל געוואָרן, אַפילו באָריס אַבראַמאָוויטש. נינאָטשקאַ האָט זיך אומגעקוקט אויף איר חתן, און פלוצלינג, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס, אַזוי ווי זיך אַליין צו פאַרענטפערן, איז זי עפּעס בייז געוואָרן, און ווענדנדיק זיך צום אַלטן מירקין, האָט זי געזאָגט אין אַ וויינענדיקן טאָן:

— גבריאל חיימאָוויטש, איך האָב אים שוין געזאָגט, דעם זאַכאַרישקען, און איך זאָג אים נאָכאַמאָל: עס איז אַ געמיינהייט, אַז אַ מענטש זאָל זיין אַזוי אָנשטענדיק, ווי זאַכאַרישקאַ. ער פאַרשעמט מיך שטענדיק און דערמאָנט מיך שטענדיק, ווי זינדיק איך בין, ניין, ניין, זאַכאַרישקאַ, — ווענדעט זי זיך פלוצלינג צו איר חתן, — איך בין נישט פאַראינטערעסירט געוואָרן אין דעם פויערל, נאָר וואָס האָט מיך ווירקלעך פאַר־

זוונדערט, — זאָגט זי צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, — וואָס איך בין גישט אויפגעבראַכט, געוואָרן דעריבער... וואָס ס'האָט מיך נישט אָנגע-כאַפּט קיין עקל פאַר דעם אַלעם. — נו, נאָך אַלעמען בין איך דאָך, אַזוי צו זאָגן, אַ מאָראַלישער מענטש, כאָטש זאַבאַרישקע מיינט אפילו, אַז איך בין פאַרדאָרבן. וואָס מיינט איר וועגן דעם, באָרים אבראַמאָוויטש? אפשר וועט איר אונדז זאָגן אייער באַלערנדיק וואָרט?

— אין רוסלאַנד, מיינע טייערע, צווישן רוסישע מענטשן, — האָט באָרים אבראַמאָוויטש געגומען זיין גלאָז און באַנעצט זיינע פאַרטריקנטע ליפּן, — הערשט אַ גאַנץ אַנדערער סאָרט מאָראַל, ווי אין אַלע אַנדערע טיילן פון דער וועלט. איך וואָלט זיך אפילו דערלויבט צו זאָגן — אַ העכערער סאָרט מאָראַל, נישט דער עגאָאיסטישער, וואָס שטייט אויף דער וואַך אַלס שומר פון אייגנטום, נאָר איך וואָלט זיך אויסגעדריקט „אַ קאָלעקטיווע מאָראַל". עס איז די מאָראַל פון אַ משפּחה, נישט פון אַן איינצלנעם מענטש. עס איז, אַזוי צו זאָגן, „מיר אַלע". מיר לעבן נאָך אין אַ פּריערדיקן סדר־העולם, אָדער שוין אין אַ שפּעטערדיקן, אין אַ קאָלעקטיוויזם — ווי עס האָט אַמאָל געמוזט הערשן, ווען שבטים האָבן רעגירט, אין דער צייט פון דער „מוטערטום". דורך דעם עקזיסטירט נישט ביי אונדז קיין פּריוואַטלעבקייט. האָט איר באַמערקט, אַז ביי אונדז איז גאָר נישטאָ קיין באַהאַלטענעס? גאַנץ רוסלאַנד איז ווי איין גרויס באָד־הויז. אין אייראָפּע שעמט זיך איין מענטש פאַרן אַנדערן מיט זיין נאַקעטקייט, ביי אונדז האָבן מיר אַ באַזונדערע הנאה, ווען מיר קאָנען זיך ווייזן איינער דעם אַנדערן אַ נאַקעטער... און אַזוי ווי עס איז אויסערלעך, אַזוי איז אויך אינערלעך. נישט נאָר קאָן אַ רוסישער מענטש נישט האַלטן קיין סוד, נאָר ער האָט עפּעס אַ באַזונדער פאַרגעניגן, אַז ער האָט אין וואָס זיך מודה צו זיין און פאַר וועמען מתוודה צו זיין זיך. און טאָמער האָט ער שוין גאָרנישט אויף זיין געוויסן, טראַכט ער אויס נישט געשטויגענע נישט געפלויגענע זינד, אַבי ער זאָל זיך נאָר האָבן אין וואָס מתוודה צו זיין. וואָס באַווייזט דאָס? דאָס באַווייזט, אַז דער רוסישער מענטש קאָן נאָך נישט לעבן אַליין מיט זיין אייגענעם איך, אין זיין אייגענער וועלט. דער רוסישער מענטש, ווי קיין אַנדערער, באַדאַרף האָבן די סביבה פון קאָלעקטיוויזם, אַלס די נאַטירלעכע פאָרם פון זיין לעבן, נישט נאָר אין סאָציאַלע ענינים, ווי עס לעבן ביי אונדז די פּויע-

רים, נאָר נאָך פיל מער באַדאַרף ער האָבן דעם קאָלעקטיוויזם אין זיין אינטים אייגן לעבן: ער האָט מורא צו זיין אַליין מיט זיך. ער מוז האָבן אין זיך זיין מיטמענטש. גאַנץ רוסלאַנד איז פאַרברידערט און פאַר־שוועסטערט. נישט קוקנדיק, וואָס ביי אונדז זענען אפשר די סאָציאַלע שיכטן פיל בולטער און טיפער געגראָבן, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, זענען אָבער נאָר די גריבער פון אויבן־אויף, אין וועלטלעכע גיטער. דער רייכערער מענטש פאַרגינט זיך דריי מאָל אַ טאָג „וואָדקע”, אָנשטאָט וואָס דער אָרימער — נאָר איין מאָל. אָבער אינערלעך, אין כאַראַקטער, אין דער נשמה, איז נאָך רוסלאַנד איין קאָלעקטיווע מאַסע. דורך דעם — דאָס טיילן זיך מיט זינד, מיט מצוות, מיט אינטימע זאַכן, מיט איין וואָרט, — מיט דער נשמה. אפשר ביי אַנדערע פעלקער איז דאָס סאָ־ציאַלע לעבן געקומען דורך צוגעוווינטקייט און נויט. ביים רוסישן איז עס געוועזן אַ נאַטור-באַדערפעניש, אַזוי ווי עס איז לופט און שפייז.

די ווערטער זענען געקומען ביי אים מיט אימפּעט, ווי ער וואָלט זיי פון זיך אַרויסגעוואָרפן, און דערביי אָבער האָט ער עס געמאַכט אַזוי, ווי עס וואָלט אים אַלץ געווען לאַנגווייליק, אפילו זיינע אייגענע קלוגע ווערטער.

— דאָס איז באָרים אַבראַמאָוויטש, — האָט נאַכאַמאָל נינאָטשקאַ אויסגערופן. — פּאַפּעשקע, האָט איר שוין געהערט אַזעלכעס? אויף אייער וויל, — טרינקט מיט מיר.

— אָבער יעדעס פאָלק, וואָס איז שטאָלץ אויף זיינע באַזונדערע אייגנשאַפטן, קלערט אַזוי פאַר זיך. ביי אונדז אויפן פאַקולטעט האָבן מיר געהאַט אַ חבר אַ ייד, אַ ציוניסט — אַלע אייערע אויספירונגען וואָס איר האָט געמאַכט אויפן רוסישן פאָלק, באָרים אַבראַמאָוויטש, האָט ער כמעט געבראַכט אַלס ראיה אויף דעם יידישן פאָלק, אין זיינע אַגיטאַ־ציע-געשפּרעכן וואָס ער האָט געפירט מיט מיר, צו געווינען מיך פאַר זיינע אידייען, — רופט זיך אָן דער יונגער מירקין.

— וואָס מיינט איר, עס איז טאַקע דאָ אַ גרויסע ענלעכקייט אין דער הינזיכט צווישן דעם רוסישן און יידישן פאָלק, אין דעם בשותפות־דיקן לעבן, אין דער צוזאַמענגעקניפּטקייט. יעדעס פאָלק, וואָס איז דורכ־געגאַנגען אַ ליידנדיקע געשיכטע, האָט די אייגנשאַפט פון ברידערלעכ־קייט, נאָר מיט דער אונטערשיד, וואָס דער רוסישער מענטש האָט גערן

זיך צו טיילן מיט זיין חבר אין עברות, וואָס ער איז באַגאַנגען, האָט דער ייד נאָר ליב צו טיילן מיטן אַנדערן זיינע מצוות. עברות באַהאַלט ער, אָדער ער איז זיי גאָר מבטל. דאָס קומט דערפון, וואָס דער רוסישער מענטש האָט ליב צו האָבן אַ באַשוועט געוויסן; אָן אַ פּעקל עברות קאָן ער זיך גאָר נישט רירן, און טאָמער באַגייט ער זיי נישט, טראַכט ער זיי אַליין אויס אויף זיך, אַבי נאָר אַרומצוגיין מיט קינס צייכן אויפן שטערן. דער ייד, פאַרקערט, האָט ליב צו האָבן אַ ריין געוויסן, שטענדיק צו זיין אויסגעהיט. אין דעם באַשטייט די גאַנצע ביטערקייט פון יידן, שטענדיק צו האַלטן אַ ריינע „קאָנטע" אין זיינע ביכער, ווי ער וואָלט זיך גע־רעכנט יעדער אויגנבליק אויף אַ רעוויזיע, און מעג ער נאָך אָפּטון די געמיינסטע פאַרברעכנס, וועט ער שוין וויסן אַזוי זיי צו כשרן ביי זיך, אַז עס וועט אַרויסקומען אַ מצווהלע. אַנישט וועט ער גאָר גאָט נעמען אין שותפות אַריין, אַזוי ווי עס איז געווען מיטן פּאַטריאַרך יעקב. ווען אַ גוי וואָלט אָפּגעטון לבנען דאָס וואָס יעקב האָט געטון, — כאָטש דעם פאַקט מיט די שטעקלעך ביים וואַסער, — וואָלט ער זיך לכל הפחות גע־האַלטן פאַר אַ שולדיקן; יעקב האָט גאָר דערפון געמאַכט אַ „מצווהלע" פאַרן ווייב, פאַר די קינדערלעך. דער ייד קאָן זיינע טאָג־טעגלעכע ענגאָ־איסטישע ריין ברוטאַלישע אינטערעסן פאַרוואַנדלען אין הייליקייטן. דאָס, זאָלט איר מיר מוחל זיין פאַר די רייד, איז אַ יידישע ביטערקייט.

— אַראָפּגערעדט פון דער נשמה, באָריס אַבראַמאָוויטש, — שטרעקט אויס צו אים נינאָטשקאַ איר האַנט פון איבערן טיש. — איך האָב אָפּט־מאָל געקלערט וועגן דעם. עס זענען דאָ מענטשן, וואָס זיי מעגן אָפּטון נאָך וואָס פאַר געמיינהייטן, קומען ביי זיי אַרויס די פאַרברעכנס הוילע לויכטנדע מצוות מיט שטראַלן באַקראַנצט; און פאַרקערט, ווידער, זענען דאָ אַזעלכע, מעגן זיי נאָך האָבן די ריינסטע כוונות, וואָס זיי טוען, קומט אַרויס אַן עברהלע. אָט, נעמט מיך, למשל, וואָס איך זאָל נישט וועלן טון אַ גוטע, אַן אָנשטענדיקע זאַך, קומט עפּעס שטענדיק אַרויס דערפון אַזעל־כעס, וואָס לאָזט נישט דערנאָך דאָס געוויסן רוען. און איך זאָג אייך, אין דער הינזיכט האָב איך פיינט די יידן. עס איז אַ געמיינהייט און אַ נידערטרעכטיקייט שטענדיק גערעכט צו זיין. בין איך שוין גליקלעכער, אַז איך בין אַ זינדיקע, ווי אַלע גויים זענען, און אויך פּאַפּעשקע איז אין דער הינזיכט גאָר נישט קיין ייד. ער האָט אויך ליב אַביסעלע צו טראָגן אויפן

גְעוויסן. נישט וואָר, פּאַפּעשקע? — ווענדעט זי זיך צום אַלטן. — און נאַאום גריגאָראָוויטש האָט אויך עפּעס אויף זיין געוויסן. אָ, איך ווייס עס. נאָר אָט דער, — ווייזט זי אויף איר חתן, — איז אינגאַנצן אַ ייד. שטענדיק ריין, ווי אַ טויב. איך ווייס גאָרנישט, ווי איך וועל ביי זיין זייט קאָנען אָפּלעבן מיין לעבן. נאָר עס ענדערט זיך, גאָט צו דאַנקען. — יאָ, זאַכאַרישקאַ? קום, לאָמיר אויסטרינקען פאַר זאַכאַרישקאַס זינדיקע געדאַנקען. דאָס מאַכט אים אַזוי נאָענט צו מיר. טרינק, זאַכאַרישקאַ, — דערלאַנגט זי אים דעם שאַמפּאַניער כוס צום מויל: פאַר דיינע זינד.

— מיר וועלן זיך מיען, אַז זיי זאָלן זיין וואָס מער, נאָר דו זאָלסט נישט דערנאָך חרטה האָבן, מיידעלע, — זאָגט דער אַלטער מירקין.

אין דער טיר האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ, און ווידער איז די געזעלשאַפט געשטערט געוואָרן. צווישן די אויפגעשפּרייטע פאָרהאַנגען האָט זיך באַוויזן אַ הויכע שלאַנקע, בלאָנדע פרוי מיט ווייסע רויזן אין אירע אָרעמס. אירע גאָלדענע האָר האָבן זיך, זעט אויס, פון דעם לאַנגן באַלעבטן אָוונט אַביסל פריי געמאַכט פון דער פריזור, אָנגעהויבן זיך צו צעלאָזן, ווי אַ ווינט וואָלט זיי געבלאָזן. זי האָט אויסגעשטרעקט פון דער ווייטנס נאָך אירע ווייסע, לאַנגע הענט פון איר פיקסענער פעלערינע אַרויס מיט די גרויסע רויזן-קעפּ, און זיך אָנגערופן מיט אַ מעלאָדישער שטימע:

— זיי מיר מוחל, נינאָטשקאַ, מיין פרייקייט. נאָר געהערט, אַז דו ביסט דאָ מיט דיין חתן, האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, אַז איך זאָל דיך נישט קושן און גראַטולירן דיר.

— אָך, סאָפיאַ אַרקאַדיעוונאַ, איר זענט דאָ? — האָט זיך נינאָטשקאַ אויפגעכאַפּט און איז איר אַנטקעגנגעקומען. די פרויען האָבן זיך האַרציק און לאַנג צעקושט.

— דערלויבט מיר אייך פאָרצושטעלן, גבריאל חיימאָוויטש מירקין, מיין פּאַפּעשקע; זאַכארי גאַוורילאָוויטש מירקין, מיין חתן, און נאַאום גריגאָראָוויטש ראַזמין. גרעפין אַרבוזאָוו — סאָפיאַ אַרקאַדיעוונאַ.

די הערן זענען געשטאַנען אין שווייגן.

— ניין, איך וויל נישט שטערן. זייט מיר אַלע געזונט און גליקלעך. איך האָב נאָר געוואָלט מיט דיר צעקושן זיך, נישט מער. זייט מוחל, — האָט די גרעפין געזאָגט און זי האָט אַ בליק געוואָרפן אויף די מענער, זיך לענגער אָפּגעשטעלט מיט אירע גרויסע טרויעריקע אויגן אויף

זאַכאַרין, ווי זי וואָלט אים געוואָלט דורך דעם אויגנבליק קענען לערנען.

דער גראַף, וואָס האָט געוואַרט אויף איר ביי דער טיר אין זיין פעלץ שויַן, האָט געמוזט אַריינקומען נאָך זיין פרוי. ער איז געווען אַ יונגער נאָך, אַ רואיקער, האַלב אַ פאַרשלאָפענער, מיט מאָנגאָלישע אויגן.

— זייט מוחל מיין פעלץ, — האָט דער גראַף געזאָגט מיט אַ ביטול־דיקן שמייכל, געשאָקלט קאַלט די הענט פון די מענער, געזעגנט זיך און גענומען זיין פרוי אונטערן אָרעם און זי אַרויסגעפירט.

— דאָס איז די גרעפין אַרבוזאָוו — סאָפיאַ אַרקאַדיעוונאַ? — האָט דער יונגער מירקין עפּעס געפרעגט דערשטוינט.

— יאָ, וואָס וואונדערט זי דיך? ווייל זי איז אַזוי יונג און שיין? וואָס האָסטו געמיינט, אַז זי איז אַן אַלט ווייב? — האָט נינאָטשקאַ געפרעגט.

— ניין, איך וואונדער זיך, איך וואונדער זיך, — האָט מירקין געזאָגט ווי פאַר זיך, — וואָס זי איז אַזוי טרויעריק, אַזאַ ווייטיקדיקער בליק אין אירע אויגן, און איך האָב געמיינט, אַז זי איז תמיד אַ פריילעכע.

— אין וואָס דערקענסטו דאָס, אַז זי איז טרויעריק? — פרעגט נינאָטשקאַ.

— אין איר רעדן, „בלייבט מיר אַלע געזונט און גליקלעך". גליקלעכע מענטשן רעדן נישט אַזוי.

— דאָס איז וואָר, — איז מסכים דער קלוגער באָריס אַבראַמאָוויטש.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, מיר קומט פאָר, אַזוי ווי זי וואָלט געשטאַמט פון יידן. נאָר געוויס נישט? — פרעגט זאַכאַרי.

— דו האָסט געטראָפן. זי איז טאַקע אַ יידישקע, נאָר זי איז איבערגעגאַנגען אויף פּראַוואָסלאַוויע, כדי צו קאָנען חתונה האָבן פאַר איר גראַף. נאָר ווי אַזוי ביסטו דאָס געפאַלן אויפן געדאַנק, אַז זי איז אַ יידישקע? זי זעט דאָך גאָרנישט אויס ווי אַזעלכע.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, עס איז מיר אַזוי איינגעפאַלן. אין אירע אויגן ליגט עפּעס אַזעלכעס — און: „זייט מיר אַלע געזונט און גליקלעך", — האָט מירקין נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דער גרעפינס ווערטער פאַר זיך.

— נו, נו, זאַכאַרישקאַ... די גרעפין האָט אויף דיר, זעט אויס, אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט. אויף מאַמעשקען בין איך נישט אייפערזיכטיק. אָבער אויף דער גרעפין וועל איך זיין אייפערזיכטיק.

— בעסער אזוי. האָסט אַליין געזאָגט, מיידעלע, אַז דו ווילסט, אַז זאַכארי זאָל אויך עפּעס האָבן אויפן געוויסן, — האָט דער אַלטער מירקין געלאַכט.

נאָר איידער זיי האָבן נאָך צייט געהאַט זיך צו באַפרייען פון דער גרעפּינס איינדרוק, זענען זיי ווידער איבערראַשט געוואָרן פון אַן אַנדערן באַזוך. אַ קלאַפּ אין דער טיר, און צוויי דינער פון קאַבארעט האָבן אַריינגעבראַכט אַ זעלטן גרויסן קאָרב מיט רויטע רויזן, וואָס זיי האָבן אים קוים דערשלעפּט. הינטער זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ יונגערמאַן, אַ דאַרער און אַ הויכער מיט זייער אַ שאַרף־סעמיטישן אויסזען, וואָס האָט זיך אַמבּולטסטן אַרויסגעוויזן אין זיין אויסגעשניטענער ביינערדיקער נאָז און אַראָפּהענגענדיקער ליפּ. די פּראַצעסיע איז אָנגעקומען פאַרן טיש, ווו די דינער האָבן אוועקגעשטעלט דעם קאָרב בלומען פאַר נינאָטשקען און אָפּגעטרעטן. אויף זייער אָרט, פאַרן בוקעט, איז געבליבן שטיין דער יונגערמאַן. ער האָט זיך פאַרבויגן פאַר נינאָטשקען, פאַר גבריאל חיימאָוויטש, און די צוויי עקן פון זיין לאַנגן פראַק האָבן זיך פאַרשפּרייט. ער האָט זיך אָנגערופן אין אַ פייערלעכן טאָן: — גבריאל חיימאָוויטש, דערלויבט מיר אייך צו גראַטולירן צו דער פרייליכער געשעעניש אין אייער משפּחה.

דער אַלטער מירקין האָט געלאָזט פאַלן די אויסגעשטרעקטע האַנט פון דעם יונגנמאַן, און געגעבן אַ שטאַרקן קלימפּער מיטן טיש־גלאָק. און ווען דער דערשראָקענער טאַטערשער באַלעבאָס האָט זיך באַוויזן אין דער טיר, האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן אין זייער אַ רואיקן געשעפטלעכן טאָן:

— הייס דיינע דינער, אַז זיי זאָלן אַרויסטראָגן דעם קאָרב בלומען נאָך דעם הער. — און ער האָט אוועקגעבויגן זיין בליק און אָנגעהויבן רעדן צו די ביים טיש.

— נו, מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען, גבריאל חיימאָוויטש. — האָט געזאָגט דער יונגערמאַן, וואָס איז אַרוים מיט אַ קאָפּ-שאָקלען פון אַ פריילעכן געמאַכטן שמייכעלע אויף זיינע קליינע וואָנסעלעך.

— דאָס איז מישקאַ מאַלאַדיעץ, ערשטער קאָמבינאַטאָר אין דער רעזידענץ, — דערקלערט פאַר דער געזעלשאַפט זיין האַנדלונג דער אַלטער. ער האָט שוין פאַרמאָגט מיליאָנען, פאַרלוירן און ווידער זיי באַקומען. ער זוכט אַ געלעגנהייט שוין זייט יאָרן אַריינצוקומען מיט אונדז

אין געשעפטלעכע פֿאַרבינדונגען. איך לאָז אים נישט אַריין אין קאַנטאָר... נו, עס איז שוין צייט צו גיין. זעט זיך אויס, אַז מען איז אין זאַל גע־ווויר געוואָרן, אַז מיר געפֿינען זיך דאָ.

דער אַלטער האָט אָנגעקלונגען נאָך דער רעכנונג, און נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלאָזט דער דינערשאַפֿט אַ רייכן טרינק געלט, האָט ער אונטער דעם טיפֿן פֿאַרבויגן זיך און גוטע ווונטשן פֿון באַלעבאָס און די־נערשאַפֿט געהאָלפֿן ניאַטשקען צו פֿאַרלאָזן דעם קאַבאַרעט.

צוקומענדיק אָבער צו דער טיר פֿון זייער קאַבינעט, האָבן זיי ווי־דער אָנגעטראָפֿן אַ גרופּע יונגע מענער, וואָס האָבן זיי געפּרוווט פֿאַר־שטעלן דעם וועג. צוויי ציוויל־געקליידעטע יונגעלייט מיט בענדלעך אין די לאַצן פֿון זייערע פֿרעק און אייניקע אָפֿיצירן אין אוניפֿאָרמען.

— נאָך אַלעם זענען זיי דאָך „ביילי־סעם“... אַלע זענען זיי „ביילי־סעם“, ווי זיי ווילן זיך נישט פֿאַרשטעלן אין פֿראַקן, — האָט איינער פֿון די ציוויל־געקליידעטע געזאָגט, — און די איבעריקע האָבן געלאַכט מיט אַ שיכור געלעכטער.

דער אַלטער מירקין האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט גע־האַלטן ניאַטשקען פֿעסט אונטערן אָרעם און געזוכט אַ וועג, ווי אויס־צומיידן די שכורע געזעלשאַפֿט. נאָר זאַכאַרי האָט זיך אָפּגעשטעלט, בלייך געוואָרן און געטראָטן אין פּנים אַריין דעם יונגנמאַן, וואָס האָט זיי באַליידיקט.

— ווער האָט עס געזאָגט?

נאָר איידער זאַכאַרי האָט נאָך צייט געהאַט צו פֿאַרענדיקן דעם זאַץ, האָט ער דערפֿילט, ווי אַ שטאַרקע האַנט נעמט אים אָן ביים אָרעם און שלעפּט אים אַוועק מיט ענערגיע.

— אַ גוטע נאַכט, מיינע הערן. זייט אַזוי פֿריינטלעך, און גיט אַ וועג אַ דאַמע, — האָט זיך אָנגערופֿן דער אַלטער מירקין צו דער שכורער געזעלשאַפֿט, מיט אַ גוטמוטיק שמייכעלע. פֿון זיך אַליין, ווי אינסטינק־טיוו, האָבן זיי אָפּגעטראָטן דעם וועג פֿאַר ניאַטשקען, פֿאַרבויגט זיך, פֿאַרגעסנדיק אַפֿילו צו פֿאַרענדיקן זייער לאַכן.

— וואָס ווילסטו, געשאָסן צו ווערן אויפֿן אָרט, יינגל? ווען איך וואָלט געוואָלט רעאַגירן אויף שכורים, וואָלט איך די סיבירישע באַן נישט

געוועז געבויט, — האט דער אלטער געזאגט צום זון, ווען זיי זענען ארויסגעקומען.

אויף דער גאס האט זיי אפגעפרישט דער קילער, מחיהדיקער פראס־טיקער ווינט, וואס טוט שטענדיק אזוי וויל נאך א רויך־פארשטיקטן אוונט. ס'האט נאך אויסגעזען טיפע נאכט, ווי די נאכט וואלט זיך ערשט אנגעפאנגען, כאטש עס איז שוין געווען גאנץ שפעט אויפן זייגער. קיין לבנה איז שוין נישט געווען, און די שטערן האבן שוין אויך געהאלטן אין פארשווינדן. ארום די אפווארטנדיקע שליטנס, פאר דער טיר פון קאבארעט, האט זיך צונויפגעקליבן די ארומיקע ארימע באפעלקערונג פון די פעטערבורגער אינדזלען. זיי האבן אפגעווארט די געסט, וואס קו־מען ארויס פון רעסטאראן, כדי נדבות צו באקומען. עס זענען געווען מוטערס מיט קינדער אונטער די טיכער ביי די בריסטן, יינגלעך און מיידלעך ביי די שירצן, האלב־נאקעטע אלטע לייט. מיט בארוועסע פיס האבן זיי געטראטן אין שניי, געציטערט פון קעלט, בלאזנדיק און הויכנ־דיק אין די פינגער, כאטש זיי האבן זיך אלע געהאט ארומגעקליבן ארום א פייער, וואס דער באלעבאס פון קאבארעט האט פאר דעם צוועק גע־לאזט אנצינדן פאר זיי. דער יונגער מירקין, בלייך, אויפגערעגט פון דער סצענע, וואס ער האט נאר וואס איבערגעלעבט, האט נאך נישט צייט געהאט צונויפצוזאמלען זיינע חושים. דער אלטער מירקין, ווארטנדיק אויף די שליטנס, וואס א דינער איז געלאפן רופן, האט א קללה צעביסן צווישן זיינע ציין, קוקנדיק אויף די ארימע לייט אין דער קעלט.

— „סדום!" —

— גבריאל חיימאוויטש, געדענקט אין גאט, וואס איז געשען? מען האט געוואגט אייך צו באליידיקן ביי מיר אין הויז? — איז דער טא־טערשער באלעבאס אים נאכגעקומען צולויפן אין דרויסן צו די שליטנס ארויס.

— באלוואן, גארנישט איז געשען. ווער זאגט עס איז עפעס געשען? נא, דא האסטו הונדערט רובל, און צעטייל אויף קוילן פאר זיי דא, פארן כבוד פון נינא סאלאמאנאוונא האלפערן, — האט דער אלטער מירקין ארויסגענומען א הונדערטער פון זיין ברוסט־טאש און דערלאנגט דעם באלעבאס, אנווייזנדיק אויף די ארימע ווייבער מיט די קינדער.

דער וועג אהיים איז צוגעגאנגען אין שווייגן. כאטש די פיינלעכ־

קייט פון דעם אומאָנגענעמען אינצידענט איז פיל געמילדערט און גע־לאָשן געוואָרן דורך דעם אַלטן מירקינס פאַרהאַלטן זיך און האַנדלען, דאָך איז דער וועג געוואָרן פאַרבראַכט אויף שטילן נאָכדענקען. נאָר ביי דעם טויער פון אַדוואָקאַטס הויז, ווען ניאַטשקאַ האָט געוואַרט אויפן שווייצער, אַז ער זאָל איר עפענען, האָט זי אַ פלינקן קוש געגעבן איר חתן אין זיין מויל אַריין (צום ערשטן מאָל אין זיין מויל), און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— און נאָך אַלעמען געפעלט מיר אייער פאָטער בעסער פאַר אייך!

קאַפּיטל 21

אַ באַגעגעניש

צומאָרגנס האָט זיך מירקין אויפגעהויבן אין די שפּעטע שעהען פון טאָג. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פאָטערס אָנזאָג צו קומען אין קאַנטאָר אַריין, איידער ער גייט צום באַרימטן אַדוואָקאַט. עס איז שוין געווען שפּעט, און ער האָט זיך געאיילט מיטן אָנטון, גענומען אַ שליטן און פאַר־פאָרן צום גרויסן באַנק־הויז אויף „נעווסקי“, וווּ זיין פאָטער האָט געהאַט זיין קאַנטאָר.

כאָטש עס איז געווען סוף מערץ, און די קעלט האָט געהאַט די לעצ־טע טעג אביסל נאָכגעלאָזט, האָט זיך מיט איינמאָל געמאַכט אַ נייער פראָסט, דער שניי אויפן ברוק איז אויסגעטרוקנט געוואָרן האַרט און גע־קרישלט זיך, ווי פאַרפל. מענטשן זענען געלאָפן איבער די גאַסן מיט פאַרבונדענע אויערן, איינגעקאַרטשעט, און געהויכט זיך אין די הענט. אין דער לופטן איז געשטאַנען אַ נעפּל, וואָס איז געפרוירן געוואָרן — און האָט מיט אַ פאַרבלייערט מילכיקן וואָלקן אַרומגעהילט גאַנץ פּעטער־בורג. דער הימל איז געווען, ווי אַ גרויסע געפרוירענע שויב, דורך וועל־כער די מלאכים מיען זיך אַראָפּצוקוקן אויף דר'ערד און קאָנען נישט. די זון, וואָס האָט דורך אַ צופאַל פון צייט צו צייט זיך דורכגעריסן דורך דעם נעפּל, איז אויך געווען צוגעפרוירן צו איר אָרט און זיך נישט גע־

קאַנט רירן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט שוין דאָרט איבערבלייבן אַ צוגעפרוירענע אין די אייביקייטן אַריין.

דאָס באַנק־הויז פון דער פירמע „מירקין״ האָט זיך געפונען אין איינעם פון די נייע נעווסקי־הייזער. דער שוואַרצער מאַרמאָר האָט זיך געגלאַנצט פון פראַסטיקן טוי, וואָס האָט אים באַדעקט. נאָר קוים איז מירקין אַריינגעקומען אין די מעכטיקע גרויסע זאַלן, האָט אים אַרומגע־נומען אַזאַ היץ פון די פיל מענטשן, באַוועגונגען, אַז עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז די מענטשן פאַרען פון זיך...

עס האָט אים גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז מען האָט אים צוגעלאָזן צום פאָטער. דער וואַרט־צימער, וואָס האָט געפירט צום שעפס קאַבינעט, איז געווען פול באַזעצט מיט אינטערעסאַנטן, טייל אין ציוויל־קליידער, טייל אין אוניפאָרמען — מענטשן מיט וואַזשנע שטייפע מינעס און האַרטע קראַגנס — און אויך אָרימע אַרבעטנדיקע מיט רוסישע שוואַר־צע העמדלעך און שטיוול; פרויען אין ערנסטן שוואַרצן, פרויען אין טי־בער; יונגע, שיינע און עלטערע, באַאַמטע מיט מעדאַלן און מיט דיקע פּאָרטפעלן אונטערן אָרעם, וואָס האָבן געמאַכט אַ ברוגזדיקע מינע, וואָס מען דערלויבט זיך צו רויבן פון זיי זייער טייערע צייט.

נאָר די צוויי שווייצערן אין באַנקישע אוניפאָרמען מיט הויכע גע־פוצטע שטיוול האָבן ענערגיש, כאָטש מיט דרך־ארץ און מיט אַ לייכטן שמייכל, וואָס נאָר רוסישע לייט קאָנען אַרויסברענגען פון זיך, צוריק־געהאַלטן דעם געדראַנג פון די מענטשן, ביי יעדן אויסגעפרעגט וועגן דעם כאַראַקטער פון זיין וויזיט און אָפּגעפירט די וואַרטנדיקע צו פאַר־שידענע דעפּאַרטאַמענטן, פון וואָס די לעצטע זענען אומצופרידן געבליבן נישט האָבנדיק די געלעגנהייט צו זען דעם שעף אַליין.

— באַפוילן נישט צו שטערן — אַ וויכטיקע באַראַטונג — עס וועט זיך לאַנג פאַרציען. — ווילט איר זיך ווענדן צום סעקרעטאַר אַקים סטע־פאַנאָוויטש?

מירקין האָט זייער זעלטן באַזוכט זיין פאָטער אין קאַנטאָר; די שווייצערן אָבער האָבן אים דאָך געקענט.

— זיי האָבן געזאָגט צו דערלויבן צו וואַרטן, זיי וועלן זיך באַלד באַווייזן.

די שווערע טיר פון פאָטערס קאַבינעט האָט זיך אויפגעעפנט. אַז

אראמאט פון אנגענעמען סיגאר־רויך מיט א היימישער ווארימקייט האט זיך צושפרייט איבערן קאבינעט. דערנאך האט זיך באוויזן דער קליינער בלאנדער פארזיצנדער אקימאוו, וועלכן זאכארי האט דערקענט פון זיין באזוך ביים אדוואקאט, און הינטער אים — זיין פאטערס ברייטע פיגור און זיין הויכע באסאווע שטימע, וועלכע האבן באגלייט דעם סענאטאר ביז צו דער טיר.

— וואסילי, פירט זאכארי גאווריליאוויטש אין קאבינעט, — האט ער זיך געווענדעט צו איינעם פון די שווייצערן. — איך קום באלד אריין, — האט ער צוגעגעבן צום זון, נאכדעם, ווי ער האט דעם סענאטאר באגלייט ביז צו דער טיר. ער האט זיך ארומגעקוקט ארום אויף די ווארטנדיקע, וועלכע האבן זיך אויפגעהויבן ביי זיין דערשיינען, און געווענדעט זיך צו זיי מיט זיין באפעלנדיקער שטימע, געמילדערט דורך זיין ארטיקייט.

— איר וועט מיר מוחל זיין, מיינע הערן, עס איז מיר אוממעגלעך אייך היינט צו זען, איר וועט זיך באדארפן ווענדן יעדער צו זיין אפטיילונג, צו וועלכער ער באדארף. זיי האבן אינסטרוקציעס אייך אנטקעגן צו קומען מיט וואס זיי קאנען נאר. וואסילי, וועגן די פענסיעס פירט צום סעקרעטאר; ער ווייסט באשייד.

— גבריאל חיימאוויטש, איך האב צו אייך א געשעפט פון ערשטער וויכטיקייט, — האט זיך צוגעריסן צו אים א שלאנקער הויכער הער אין א שטייפן קראגן.

— מיט געשעפטן וועט איר זיך ווענדן אין דער ריכטיקער אפטיילונג. איך באדויער, איך האב קיין צייט נישט, — האט דער אלטער מירקין געזאגט מיט א שמייכל אין זיינע באקנבערד און צוגעמאכט די טיר הינטער זיך.

— פאפעשקע, איז דאס נישט געווען אקימאוו, וואס איז נאר־וואס ארוים פון דיר? — „סטאטסקי סאוויעטניק”, אקימאוו?

— יא, — האט דער פאטער אפגעענטפערט דעם דערשטוינטן זון, אריינשטעקנדיק זיינע געלע מיט זומער־פלעקלעך באשפרינקלטע הענט אין די זייטן־קעשענדלעך פון זיין ברייטער סאמעטענער וועסט, איבער וועלכער די גרויסע קייט פון זיין זייגער האט זיך געבאמבלט.

— דער אונטערשריפט־פעלשער, וואָס טוט ער דאָ ביי דיר? — האָט זאכארי געפרעגט.

— אונטערשריפט־פעלשער! — האָט דער אַלטער האַלב פאַרקרימט זיין אויבערשטע ליפּ, — עס איז, ווי מען רופט דאָס אָן, און דאַך, נאָך אַלעם, איז עס אַקימאָוו, סענאַטאָר, פאָרזיצנדער פון די וואַלד־קאָנצעס־יעס, ווירקלעכער „סטאַטסקי סאָוויעטניק".

— ער איז געווען ביי סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש מיט זיין „עסק". ער האָט אים אָבער געוויזן די טיר.

— אומזיסט האָט ער עס געטון, צו פלינק זיך געאיילט. מען באַדאַרף נישט אַזוי געשווינד משפטן. אין רוסלאַנד קאָן דיך דאָס אַלעמען טרעפן. איר, אַדוואָקאַטן, ווייסט נישט מער, נאָר געזעץ. אויב עס איז פאַרשריבן אין קאָדעקס, איז עס אַ געזעץ. אז נישט — נישט. ניין, מיין יינגל, רוסלאַנד האָט אַן אַנדער פאַרשטענדעניש פון רעכט. ווי האָט זיך נעכטן אויסגעדריקט דער באָרים אַבראַמאָוויטש, אַז אין רוסלאַנד איז דאָ אַן אַנדערער באַגריף פון עטיק און מאָראַל. אַ קלוגער מענטש אָט דער טאַנץ־קריטיקער. מען זעט גאָרנישט אָן אויף אים. און דאָס זעלבע איז אויך מיט רעכט: דאָס, וואָס ביי אַנדערע פעלקער הייסט אַ פאַרברעכן, איז עס נאָך נישט קיין מאָס פאַר רוסלאַנד. מיר האָבן דאָ אַן איינזעלנעריש מיטן מענטשן, נישט מיטן געזעץ. ווי האָט ער זיך אויסגעדריקט, דער „טאַנץ־מייסטער": „אַ מאָראַל נישט פאַרן איינצלנעם, נאָר פאַרן גאַנצן שבט". אָט דאָס איז אויך מיט רעכט. „רעכט נישט פאַרן איינצלנעם, נאָר פאַר דער גאַנצער משפּחה — פאַרן שבט".

— פאַר דער קאַסטע, פאַר דעם קלאַס, — מיינסטו פּאַפּעשקע.

— אָ, דאָס רעדסטו שוין ווי אַ סאָציאַליסט, און דאָס האָב איך פיינט, נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען סאָציאַליסטן, נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווילן אָט זייערע דאָקטרינעס, ווי אַ מאַשינקע צופּאַסן, פון דייטשן, פון ענגלישן אויפן רוסישן מענטשן. דאָס דייטשע העמדל פּאַסט זיך אָבער נישט פאַרן רוסישן מענטש. ווען עס וועט אַמאָל קומען אַן אַנדערע גערעכטיקייט, אַ סאָציאַלע גערעכטיקייט, ווי איר רופט עס אָן, וועט עס נישט ווערן אימפּאָרטירט צו אונדז פון פרעמדע לענדער, נאָר זי וועט אַרויסוואַקסן פון דער טיפעניש פון דער אינערלעכער רוסישער נשמה, צוגעפּאַסט לויט איר כאַראַקטער, באַגריפן און אייגענער מאָס פון יושר

— אזא אייגענע רוסישע פּרוכט. איך האָב דאָך דיר שוין איינמאָל געזאָגט, אַז רוסלאַנד איז נאָך נישט פאַרטיק. דער רוסישער מענטש האַלט זיך ערשט אין אַרויסשיילן. דער רוסישער מענטש איז נאָך וואַקלענדיק. הײַנט קאָן ער דיר זיין אַ מיליאָנער, אַ צאַר איבער מדינות, אַ גרויסער סוחר, אַ גרויסער גוטבאַזיצער, און צומאָרגנס — אַ שכור, אַ נע־ונדניק, אָן אַ ריכטיקער סיבה; ער איז נאָך יונג, דער רוסישער מענטש, און ווי אַזעלכן באַדאַרף מען אים באַהאַנדלען — ווי אַ קינד, ווי אַן אומשולדיק קינד, וואָס ווייסט אַליין נישט, אַז עס טוט שלעכט... אָט האָסטו זיך נעכטן געוואָלט אַנטקעגנשטעלן אַ שכורן מענטשן דערפאַר, וואָס ער האָט דיך באַליידיקט, טיף באַליידיקט. וואָס וואָלט געווען, ווען איך שלעפּ דיך נישט אַוועק? זיין חבר וואָלט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און דיך דערשאָסן אויפן אָרט. אפשר וואָלט מען אים באַשטראָפט מיט אַ חודש דערפאַר, און אפשר דאָס אויך נישט. און איך בין זיכער, אַז מיט דעם, וואָס איך האָב זיי געזאָגט „גוט נאַכט", האָבן זיי זיך פאַרשעמט. און הײַנט, אָט דער זעלבער יונגערמאַן, אַז עס וועט אים ווער אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, אַז ער האָט פאַרשעמט אַ חתן אין דער קעגנוואַרט פון זיין כלה, כאָטש אַ ייד, וועט אים זיין געוויסן פּייניקן און ער וועט גרייט זיין צו קומען צולויפן און דיך איבערבעטן. איבעריקנס, ווייסטו, ווער עס האָט אונדז נעכטן באַליידיקט? נישט קיין אַנדערער, ווי אַקימאָווס זון. איך קען אים גאַנץ גוט, נישט איינמאָל שוין געווען ביי מיר געלט באָרגן.

— אַקימאָווס זון! — שרייט אויס מירקין, — און דו האָסט דעם פאָטער געזאָגט דערפון?

— דאָס איז ער טאַקע געווען ביי מיר, דער פאָטער זיינער, מיך איבערבעטן. איך ווייס נישט, ווער עס האָט אים געזאָגט דערפון, אַז מיר האָבן נעכטן געהאַט אומאָנגענעמלעכקייטן מיט זיין זון. דער זון, זאָגט ער, שעמט זיך די אויגן צו ווייזן פאַר מיר, און האָט דעם פאָטער געשיקט, אַז ער זאָל קומען מיך איבערבעטן. אפשר מיינסטו, אַז ער האָט דאָס געטון צוליב עפּעס אַן אויסרעכענונג, דערפאַר ווייל ער באַדאַרף מיין טובה? — איך בין איבערצייגט, אַז נישט, אַז דאָס געוויסן האָט אים געטריבן, און אפשר האָבן אים די חברים אַליין אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף שפּעטער. איך האָב אָבער יאָ אויסגענוצט די געלעגנהייט

און האָב דעם פּאָטער געבאָרגט די הונדערט טויזנט רובל, וואָס ער האָט באַדאַרפט גוטמאַכן, די ביכער אויסצוגלייכן. איך ווייס, איך האָב דער־מיט געהאַנדלט זייער יידיש, נאָר איך האָב זיך נישט געקאָנט העלפן. דאָ האָט שוין מיין ראַסע געאַרבעט.

— די ביכער אויסצוגלייכן, — לאַכט מירקין — מילד אויסגע־דריקט — פאַלשע אונטערשריפט.

— איך האָב דיר איינמאָל געזאָגט: אין רוסלאַנד איז נישטאָ קיין פאַרברעכן: אין רוסלאַנד איז נאָר דאָ אַ פּאַרזען, אַ טעות, און איך בין איבערצייגט, אַז מען וועט עס אַזוי דאָרט אויך אויפפאַסן, איך מיין אין הויף. די ביכער אויסצוגלייכן, נישט קיין פאַלשע אונטערשריפט.

— און ער האָט זיי גענומען פון דיר?

— צוערשט האָט ער זיך געקווענקלט, ווי הייסט, — זאָגט ער, איך בין געקומען דיך איבערבעטן פאַר מיין זונס גראָבקייט, און דו ווילסט מיר מיט אַ טובה באַצאָלן? — דאָס גייט נישט, דאָס פאַרשעמט מיך צופיל, כאָטש מיט אַן אמת גערעדט, ווייס איך ווירקלעך נישט, פון וואַ־נען דאָס געלט צו נעמען. אין מיניסטעריום ווילן זיי שוין אַלץ אויסגלייכן. דער פּראָקוראָר האָט געקריגן אַ באַפעל, דערוויייל די „דיעלאָ" צוריקהאַל־טן. יעקאַטערינאַ זאַוורוכאַוונאַ האָט זיך דער צאַרין געוואָרפן צו די פיס און דאָס „פּויערל" האָט אויך צוגעהאָלפן — „אַן אייגענעם מענטשן באַ־דאַרף מען אַרויסהעלפן פון דער בלאָטע, — האָט ער געזאָגט, — גאָט האָט געהייסן". נאָר דאָס געלט הייסן זיי צוריקגעבן, די ביכער אויס־צוגלייכן, און איך ווייס עס נישט פון וואַנען צו נעמען, און דו קומסט מיט אַן אָפענער האַנט. דאָס איז צופיל קריסטלעך, — האָט ער אויסגע־רופן. — דו ווייסט דאָך, — זאָג איך, — אַז יידן זענען די בעסטע קריסטן, — און אויסגעשריבן דעם טשעק. איבעריקנס, איז עס נישט אַזאַ שלעכט געשעפט. דער אָקימאָוו וועט נאָך אַמאָל צוריקקומען, ער איז נאָך נישט פאַרפאַלן: יעקאַטערינאַ זאַוורוכאַוונאַ און דאָס „פּויערל". און אַ מענטש געדענקט לענגער אַ טובה, וואָס מען טוט אים דענסטמאָל, ווען ער איז געפאַלן, ווען ער ליגט אין דער טיפעניש, איידער דענסטמאָל, ווען ער שטייט אין דער הויך — נאָך דערצו אַ רוסישער מענטש.

— איך דערלויב מיר צו צווייפלען, אַז דאָס איז געווען דער מאָטיוו פון דיין האַנדלען, פּאַפּעשקע, — האָט מירקין געזאָגט.

דער אַלטער מירקין האָט זיך מיט זיינע ביידע הענט גלייך געמאַכט די וואָנסעס, ווי ער וואָלט עפּעס אָראָפּגעשלונגען דאָרט, אונטער זיין האַנט, און נישט געוואָלט, אַז עס זאָל ווער באַמערקן, אויסגעצויגן זיך די צוויי לאַנגע שפּיצן פון זיינע באַקנבערד און אויף צוריק זיך אַ וואַקל געגעבן אין זיין טיפער באַקוועמער לעדערנער פאָטערשטול.

— איך בין אַ סוחר, איך האָב מיינע פּרינציפּן אינעם האַנדל, איך האָב אָבער אויך מיינע מעטאָדן; איך שעם זיך נישט מיט זיי. זיי האָבן מיך געפירט צום וועג פון מיין דערפאָלג. נאָר דאָס מאָל האָב איך נישט געקלערט וועגן זיך און איך גלויב, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן, וועט פאַר דיר און דיינע קינדער (ווען אַזעלכע וועלן זיין) סטייען רייכלעך. נאָר האָסטו מיר דען נישט אַמאָל דערציילט וועגן אַ יידענע, וואָס איז געקומען פון תחום צו אייך דאָרט וועגן איר משוגענעם זון? מען האָט אים עפּעס דאָרט פאַרשיקט אויף צוואַנציק יאָר „אַרעסטאַנטסקע ראָטע”. איר קאָנט זיך נישט קיין עצה געבן. דעם אורטייל האָט אַרויסגעגעבן דאָס קריגס־געריכט, און דער צאַר אַליין קאָן אים נאָר באַגנעדיקן... איר האָט נישט קיינעם, ווער עס זאָל די זאַך ברענגען פאַר דעם צאַר? נישט וואָר? האָט דער אַלטער מירקין אַריבערגעבויגן זיך איבער זיין ברייטן מאַכאָגענעם טיש און מיטן מאַסיוון בראָנדזענעם פּאַפּיר־מעסער אין האַנט געטייטלט צום זון:

— זיי מוחל, פּאַפּעשקע, זיי מוחל, איך האָב גאָרנישט געמיינט.

— באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, איך ווייס עס, — האָט דער אַלטער געשמייכלט, — איך האָב וועגן דעם אַלעם דערציילט אַקימאָוון. איך האָב אים געשילדערט דעם יידישן סאָלדאַט, בעסער, דעם פרומען יידן אין סאָלדאַטסקע קליידער, וואָס זיין אמונה איז דאָס איינציקע, וואָס ער פאַרמאָגט, און איז גרייט פאַר איר זיין לעבן אַוועקצוגעבן. אָ, גוט צו האָבן אַן אמונה, — האָט דער אַלטער געקרעכצט פאַר זיך.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט, דער אַקימאָוו? — האָט מירקין גע־פרעגט דעם פאָטער אומגעדולדיק.

— געזאָגט? געוויינט האָט ער, ווי אַ קליין קינד געוויינט, אויפ־ריכטיק, אמת געוויינט, אין הארצן זיך געשלאָגן און געשווירן זיך, אַז דאָס ערשטע מאָל, ווען מען וועט אים צולאָזן צום צאַר, וועט ער זיך וואָרפן פאַר אים צו די פיס און נישט בעטן פאַר זיך, נאָר פאַר דעם

יידישן סאָלדאַט. אַלצדינג וועל איך דעם באַטיושקע דערציילן. — און איך גלויב אים, און נאָך מער, אַז דער יידישער סאָלדאַט וועט אַרויס־העלפֿן אַקימאָוון. — דער צאַר וועט זיך צעוויינען, ווען ער וועט דער־הערן, און וועט שוין איינצייטיק אַקימאָוון אויך באַגנעדיקן. איר קענט נישט דעם רוסישן מענטשן. דאָס זענען דאָך קינדער; זיי שלאָגן און ווייסן נישט פֿאַרוואָס, טוען גוטס און ווייסן נישט פֿאַרוואָס. איר וועט מיר נאָר באַדאַרפֿן צושטעלן דעם נאָמען און פֿאַלק פֿון סאָלדאַט, און די שטאָט, פֿון וואַנען ער קומט, כדי איך זאָל עס אַלץ איבערגעבן אַקי־מאָוון. ער דערוואַרט נאָך די טעג צו ווערן צוגעלאָזן צום צאַר, ווען ער וועט נאָר די „ביכער אויסגלייכן". איך וועל אייך לאָזן ווייסן דערפֿון.

פּאַפּעשקע! — האָט מירקין אויסגעשריגן ווי אַמאָל, ווען ער איז נאָך אין יעקאַטערינענבורג געווען, ווען דער פֿאָטער האָט אים פּלוצלינג איבערראַשט מיט אַ באַזוך, אַזוי האָט ער זיך איצט געוואָלט וואַרפֿן צו אים.

— און דו האָסט זיך נעכטן געוואָלט שלאָגן פֿאַר אַ באַליידיקונג פֿון אַ שכור, און ביסט בייז געווען, וואָס איך האָב דיך אָוועקגעשלעפּט. אַ דועל! זע, וויפֿל גוטע זאַכן עס זענען דערפֿון אַרויסגעקומען, פֿון דער נעכטיקער באַליידיקונג: אַ מענטש האָט חרטה געהאַט, אַ צווייטער מענטש געראַטעוועט געוואָרן, און דיין יידענע וועט קאָנען אַ פֿריילעכע פּאָרן אַהיים. און חלילה אַנדערש — וואָלט איך היינט געהאַט צו באַ־קלאָגן אַ טויטן, — לאַכט דער פֿאָטער.

— דו האָסט רעכט, פּאַפּעשקע, — האָט מירקין געזאָגט, ווי אַ ייִנגל, וואָס מען לערנט אַ לעקציע.

— נאָר נישט וועגן דעם האָב איך געוואָלט רעדן מיט דיר. איך האָב דאָך דיך צו עפּעס גערופֿן. יאָ, וואַרט נאָר אַ מינוט. זעץ זיך, זעץ זיך (דער אַלטער האָט דערווייל אַרויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכל, אויס־געטון זיין פּענסנע אויף דער נאָז און אַריינגעקוקט).

— יאָ, וועגן נינאָטשקען האָב איך געוואָלט רעדן מיט דיר. ווילסט עס דאָ? אָדער אפשר לאָמיר גיין ווו, איך בין שוין היינט פּאַרטיק מיט מיין טאָג אַרבעט, און דאַנקען גאָט, דעם בעסטן טאָג פֿאַר אַ לאַנגע, לאַנ־גע צייט. געראַטעוועט דער יידענע איר זון. ווייסטו וואָס גאָר, — פֿאַלט איין דעם אַלטן, — דו האָסט נאָך נישט געגעסן? — קלינג אָן, אַז דו

וועסט היינט נישט קומען אויף „עמפפאנג". איך וויל איבערהויפט, אז דו זאָלסט ענדערן דיין לעבנס־שטייגער. וועגן דעם וויל איך טאַקע דאָס רעדן מיט דיר, און מירן פאָרן אין „אייראָפּעיסקי". דאָרט וועט אונדז קיינער נישט שטערן, אפשר וועלן מיר דערנאָך צוזאמען אריבערפאָרן צו אָלגאַ מיכאילאָוונען. איך וואָלט געוואָלט אויסגעפינען, ווי נינאָטשקאַ פילט זיך נאָך דער נעכטיקער אומאָנגענעמלעכקייט.

קאַפּיטל 22.

טאַטע און זון

אז טאַטע און זון האָבן זיך ביידע שוין געהאַט באַקוועם געמאַכט אין אַ ווינקל־טיש פון גרויסן „אייראָפּעיסקע" זאַל, וואָס איז נאָך צוליב די פּריז שעהען כמעט ליידיק געווען, האָט דער פאָטער אָנגעהויבן צוערשט אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט צו זיך אליין געוועזן גערעדט.

— זי איז נישט קיין איינפאַך מיידל, די נינאָטשקאַ דיינע, זייער אַן אינטערעסאַנטע, דערפאַר אָבער אויך אַ קאָמפּליצירטער כאַראַקטער. אַ שווערע „זאַדאַטשע", ווען דו וועסט מיר מוחל זיין פאַרן אויסדרוק. איך האָב מורא, מיין זון, דו מוזט זיך פאַרבערייטן דערצו, דאָס הייסט דו מוזט אָנהייבן צו פירן גאָר אַ גאַנץ אַנדער אַרט לעבן, ווען דו ווילסט איר מאַן זיין, ווען דו ווילסט מיט איר גליקלעך זיין.

מירקין האָט געשוויגן, הערנדיק געשוויגן.

— איך קען זיך אויף פּרוּוען. יאָ, זי איז נישט קיין איינפאַכע, די נינאָטשקאַ: זי איז אָבער דערפאַר אַן אויסערגעוועהנלעכער, אינטערעסאַנ־טער, ווארימער מענטש — מיט אַ געפיל פון אַן עכטן רוסישן מענטש. ניין, שרעק זיך נישט פאַר אירע ווערטער. איך ווייס עס, איך קען זיך דערויף. מיידלשע רייד, אַביסל קאָקעטסטווע, ווייבערישע קאָקעטסטווע — אָבער אין טיפן, אין אמתן איז זי אַ האַרציקער, אַ גוטער, אַ ריינער מענטש. ניין, ניין, מיך שרעקן גאָרנישט אירע ווערטער, נאָר דערציען באַדאַרף מען זי. יעדעס ווייב באַדאַרף מען דערציען. אַ ווייב נעמט מען זיך נישט אַ פאַר־

טיקס, און וועגן דעם אַט וויל איך רעדן מיט דיר; דו וועסט דאָך מיר דערלויבן?

— רעדט אומגעשטערט, פּאַפּעשקע!

— אין איין וועג בין איך זייער גליקלעך, וואָס דו האָסט דיר אויסגעקליבן דיין נינאָטשקען. איך מיין, אַז דאָס איז די פרוי, וואָס דו באַדאַרפסט; זי וועט דיך אויפוועקן. יאָ, מיין זון, דו באַדאַרפסט, מען זאָל דיך אויפטרייסלען. דו מאַכסט דעם איינדרוק, ווי דו וואָלסט געוועזן געשלאָפן. זיי מוחל פאַר די רייד; מיט דיין גימנאַזיע, אוניווערסיטעט, מיט דיין עטלעכע און צוואַנציק יאָריקן לעבן, ביסטו נאָך נישט אַרויסגעקומען פון דיין יינגלשן חלום. איך ווייס, איך ווייס — דאָס איז מיין שולד: דיין דערציאונג, דיין שטענדיק אַליין זיין, אָן אַ פאַמיליע — דאָס איז מיין שולד. נאָר צייט, זאַכאַרי, אַרויסצוגיין פון אַט די קינדערשע חלומות, צייט ווערן אַ מאַן — אַ מאַן מיט אַן אייגענעם ווילן, מיט אַ שטאַרקן ווילן, מיט אַ פאַרלאַנג נישט אַלעמען צו קוקן אין די אויגן אַריין. דו באַליידיקסט דיך נישט אויף מיר, וואָס איך רעד צו דיר אַזוי פריי?

— ניין, ניין, — זאָגט מירקין, — די זעלבע ווערטער, אַט פּונקט די זעלבע ווערטער, האָט מיר געזאָגט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ.

— אויב זי האָט דיר אויך דאָס זעלבע געזאָגט, בין איך צופרידן. דו מוזט דיך נעמען אין די הענט אַריין. איך וויל, אַז מיין זון זאָל זיין אַ שטאַרקער זעלבסטשטענדיקער מענטש. אין דער הינזיכט, מיין איך, וועט דיר נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ זייער פיל העלפן; זי וועט דיך, אַזוי צו זאָגן, מיטרייסן מיט זיך, און איך בין צופרידן.

— און נאָך דיר נאָך, פּאַפּעשקע, וואָס באַדאַרף איך טון אַזעלכעס?

— פרעגט פלוצלינג מירקין, איבעררהאַקנדיק דעם פאָטערס רייד.

— דאָס ערשטע, גלויב איך, באַדאַרפסטו ענדערן דיין באַשעפטיקונג

— די באַשעפטיקונג, וואָס דו האָסט דיר אויסגעקליבן. אַ פּראַקטיצירנדיקער אַדוואָקאַט איז נישט זייער צוגעפּאַסט פאַר דיינע פעאיקייטן. ווען דו וועסט מיר מוחל זיין, פאַר דעם לעבן, וואָס איך פאַרשטיי, דיר וועט אויסקומען צו פירן נאָכדעם, ווי דו וועסט זיך פאַרבינדן מיט נינאָטשקען, איז עס גאָרנישט קיין צוגעפּאַסטע פּראָפעסיע — און זי איז אויך נישט פאַר דיר. דו באַדאַרפסט אַריינקומען צו אונדז אין דער פירמע. מיר וועלן דיך באַשטימען פאַר אַ וויצע־פּאַרזיצענדן מיט אַ יערלעכן געהאַלט, וואָס

וועט דיר געבן א מעגלעכקייט צו פירן א לעבן, ווי נינאטשקא דערווארט. קיין סך ארבעט וועסטו נישט האבן. מיר האבן גוטע פראקורענטן, טיכטיקע מענטשן. — אמאל אויף א זיצונג ארויסהעלפן מיט א דעה, פארשטענדיקן זיך מיט אונדזערע יורידישע קאנסולענטן. דאס וועט דיך מאכן אומאפהענגיק, דאס וועט דיר געבן א פאזיציע, א שטעלונג אין דער געזעלשאפט, וואס יעדער איינער דערווארט, דו וועסט פארנעמען אלס מיין זון: עס וועט דיר אויך געבן מאכט. מענטשן וועלן זיין אונטערטעניק צו דיר; דו וועסט זיך באדארפן ארומזען וועגן א וווינונג, א רייכע, פארנעמע, ערשטקלאסיקע וווינונג אין שטאט — אן „אסאבניאק”, ווי דיין „ענגלענדער” וויל, אדער א מאדערנע. דיין „ענגלענדער” האט נישט וואס צו טון, קאן ער ארומלויפן און דיר איינשאפן אנטיקע מעבל. דו וועסט באדארפן האבן דיין אייגענעם אויטאמאביל, פערד האלטן אייגענע. ווי אזוי מיינסטו, — נינאטשקא וועט זיך אריינציען צו דיר אין דיין קאוואלערסקע וווינונג, וואס דו האסט? זי דערווארט דאך פון דיר א הויז, וווּ זי זאל קאנען צונעמען פריינט און זיך נישט באדארפן שעמען, און זי האט עס רעכט צו דערווארטן אויך; און דו אויך, מיין זון. נישט אומזיסט האט דיין זיידע געארבעט און אנגעזאמלט פארמעגנס; און דיין פאטער האט זיך געמיט ווי ווייט ער האט געקאנט, און מיט גאטס הילף איז אים געלונגען עפעס אנצוקלייבן, אז זיין זון זאל געניסן דערפון, אז זיין זון זאל גליקלעך זיין.

— דענקסטו, טאטע, אז דאס איז גליק, — א רייך הויז? צונעמען געסט, בעלער געבן, ווי סאפיא ארקאדיעוונא?

דער אלטער מירקין איז אביסל פארוואונדערט געווארן אויף דער פראגע און פארטראכט זיך, און מיט דער פענסנע, וואס ער האט אראפגענומען פון זיין נאז, אין דער האנט, האט ער געגעבן א ווונק צום קעלנער, וועלכער האט איצט זיך דערנענטערט מיט דעם וויין, אז ער זאל נישט שטערן. נאכדעם, ווי דער קעלנער האט אן גערודער אוועקגעשטעלט דעם ווייסן „גראף” מיט די גלעזער אויפן טיש, האט אים דער אלטער נאכגערופן:

— מיטן סערווירן די פיש קאנסטו ווארטן ביז מירן דיך רופן, שטער נישט.

— געהערט, — האט דער קעלנער געזאגט און דערווייטערט זיך.

— גליק, — האט דער אלטער צעקייט דאס ווארט, און זיינע אויגן,

וואָס זענען איצט רויט געוואָרן, האָבן זיך אָנגעבלאָזן און אַרויסגעזעצט זיך אויף די געשוואָלענע ראַנדן פון זיינע אויגן־טאָרבעס, — גליק — ווער ווייסט, וואָס גליק איז: אַזוי פיל מענטשן געזען, און קיינער האָט מיר נאָך נישט געזאָגט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס. איך וויל אָבער, אַז מיין זון זאָל האָבן אַ היים, וואָס זיין פאָטער האָט עס נישט געהאַט. — און דער אַלטער איז פאַרשוויגן געוואָרן.

— פאַפּעשקע, — האָט מירקין אויסגערופן.

— וואָס איז דאָ צו פאַרשווייגן, איך ווייס מיין שולד; און אפשר איז עס מיין שולד אויך נישט, אַ קללה אַזעלכע, צי וואָס? יעדנפאַלס איז עס נישט געווען. דיר ווינטש איך עס אַנדערש. עס גלוסט זיך אַביסל אָנצו־װאַרעמען, זון, איז כאָטש ביי דיין פייער, ווען דו וועסט דערלויבן, זיי מוחל... די עלטער. עס ווערט לאַנגווייליק און עס בענקט זיך נאָך עפּעס. יאָ, יאָ, איך וואָלט דיך געוואָלט זען גליקלעך.

מירקין איז שטיל געבליבן. זיין האַרץ איז איצט ווייך געוואָרן צום פאָטערס גורל און אָנגעגאָסן מיט רחמנות צו אים ווי אין אַמאָליקע יאָרן.

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי?

און ווי אויף עפּעס אַנדערש אַרויפצופירן דאָס געשפּרעך, האָט דער אַלטער צוגעלייגט:

— און נאָך אַלעם גלויב איך, אַז נינאָטשקאַ וועט זיין אַ גוט ווייב; זי וועט מאַכן אַ וואַרים הויז; עס שאַדט נישט, וואָס זי האָט קאַפּריזן. דאָס איז גאָרנישט; חתונה־האָבן, וועט זי זיין דאַמען־אַרטיק, ווי אָלגאַ מי־כאַילאָווונאַ.

— דו גלויבסט אַזוי, פּאַפּעשקע?

— איך ווייס עס. נישט איינמאָל שוין דאָס געזען, נאָר דו באַ־דאַרפסט דיך אויך אַביסל ענדערן, מענלעך ווערן. אָבער זאָג מיר נאָר, האָסטו ווירקלעך ליב נינאָטשקען, אַז דו האָסט זיך באַשלאָסן אויף דעם שריט? עפּעס זעסטו מיר אויס אַביסל קאַלטלעך צו איר, אפשר דיין נאַ־טור.

— מיט אַן אמת גערעדט, ווייס איך נישט, פאָטער.

— וואָס הייסט דאָס? אַך, איר יונגער דור! שווער אייך צו פאַרשטיין. וואָס הייסט דו ווייסט נישט? און דו גייסט טון אַזאַ שריט!

— יאָ, געווים. ווי הייסט אַנדערש? נאָר נאָך נישט צוגעוווינט — קומט נאָך אוים אַביסל פרעמד.

— אָ, דאָס מיינסטו? דאָס וועט זיך באַדאַרפֿן ענדערן, און מיט דער חתונה וועט זיך דאָס ממילא ענדערן. מען באַדאַרף נאָר מאַכן אַ גרוי־סע וואַרימע היים, אַן אמתע היים, אַ פריצישע, ס'איז צייט, זון, שוין לאַנג צייט. און אפשר וועל איך זיך אויך איבערציען צו אייך, ווען איר וועט דערלויבן. פאַרמיאַוסט געוואָרן דאָס האָטעל־לעבן.

— ווי אַזוי? — פרעגט מירקין דערשטוינט.

— פשוט, מיר וועלן נעמען אַ גרויסע וווינונג, אָדער אַ הויז קויפן. יאָ, בעסער קויפן אַ הויז: מירן עס אַ נאָמען געבן „הויז מירקין". איך וועל דאָרט האָבן מיין אייגענע וווינונג. נינאָטשקאַ וועט זיין די מאַדאַם. מירן אויפנעמען בשותפותדיקע געסט, געבן אָוונט־מאָלצייטן פאַר פריינט. מיט איין וואָרט, מיר וועלן אין פעטערבורג פאַרלייגן אונדזער היים — „הויז מירקין". נאָך יעקאַטערינענבורג וועלן מיר דאָך שוין נישט צו־ריקקערן; נישטאָ דאָרט וואָס צו זוכן מער.

מירקין האָט געשטאַמלט אַ ווײַלע, איידער ער האָט אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט:

— און מיט העלענאַ סטעפּאַנאָוונען וואָס וועט זיין?

— מיט העלענאַ סטעפּאַנאָוונען? מיט העלענאַ סטעפּאַנאָוונען — וואָס זאָל זיין מיט איר? זי האָט איר אייגענע היים.

— איך מיין, העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ וועט דאָס גערן האָבן, זיי מוחל, גערן האָבן, וואָס דו וועסט וווינען מיט אונדז?

— וואָס האָט זי יאָ גערן צו האָבן אָדער נישט? זי האָט זיך איר לעבן.

— פּאַפּעשקע, איך בעט דיך איבער, וואָס איך וואָג דאָס, נאָר ווי אַזוי וועט דאָס זיין מיט איר?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, וואָס ס'זאָל זיין מיט איר. העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ האָט געגוג געלט, און אַז זי וועט באַדאַרפֿן, וועל איך איר נאָך געבן. עס מוז דאָך אַמאָל אַן ענדע נעמען, — האָט דער אַלטער גע־שמייכלט.

— פּאַפּעשקע, דו מיינסט דאָך נישט איבערצורייסן מיט העלענאַ סטעפּאַנאָוונען? — האָט מירקין כמעט אויסגעשריגן.

— שוין לאנג באשטימט, און איצט וועל איך עס אויספירן. איך מיין, אז זי איז פארגעברייט דערויף!

— פאפעשקע, ווי קאנסטו דאס? די פרוי האט דאך דיר איר לעבן אוועקגעגעבן, — האט דער זון אויסגעשריגן.

— וואס ווייסטו, וואס זי האט מיר געגעבן — איר לעבן אדער נישט. נישט דיר דאס צו משפטן. און דו האסט דאך נישט געוואלט, אז דיין פאטער זאל ווייטער פירן אזא אומקלאר לעבן. ניין, אויך צייט שוין פאר דיין פאטער מיט לייט גלייך צו ווערן.

— אבער פאפא, פאפא, ווי הייסט, ווי אזוי קאנסטו דאס? טוט דיר גארנישט לייד די פרוי, וואס האט פאר דיר אזוי פיל געטון?

— יא לייד, אדער נישט לייד, מען באדארף עס טון. און פאר א זאך, וואס מען באדארף טון, טאר מען זיך נישט אפשטעלן, וואס עס זאל נישט קאסטן. איבעריקנס, די געשיכטע מיט העלענא סטעפאנאווערנען איז מיינע אן אייגענע און דו וועסט דאך מיר דערלויבן מיינע עסקים אליין צו ברענגען אין ארדענונג.

מירקין האט שוין געשוויגן.

— נו, קעלנער, איצט קאנסטו דערלאנגען די פיש, — האט דער אלטער מירקין געגעבן א ווונק צו די פון דערווייטנס ווארטנדיקע מענטשן.

דאס עסן איז שוין צוגעגאנגען אין שווייגן, אדער אין א געשפרעך וועגן נישט אינטערעסאנטע און קיינעם נישט אנגייענדיקע זאכן.

נאכן עסן זענען זיי ביידע פארפארן צום בארימטן אדוואקאט. ווען זיי זענען אריינגעקומען צו אלגא מיכאילאווונען, איז זיי נינאטשקא שוין אנטקעגנגעלאפן מיט א בריוו אין דער האנט.

— שטעלט אייך פאר, דער „נאכאל”, וואס האט אונדז נעכטן גע-וואלט באליידיקן, איז נישט געווען קיין אנדערער, ווי דער יונגער אקי-מאוו, דער זון פון דעם באקאנטן פעלשער, — זאגט מיט פארוווּנדערונג נינאטשקא.

— ווי אזוי? פון וואנען ווייסטו עס, מיידעלע? — וווּנדערט זיך דער אלטער מירקין, אראפנעמענדיק זיין גאלדענע פענסנע און איבער-ווישנדיק די גלעזער.

— אט, נאר־וואס געקריגן פון אים א בריוו, וו ער בעט איבער, שכור געווען, זאגט ער. און בלומען צוגעשיקט.

— דאָס איז אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט, — זאָגט דער אַלטער, נעמענדיק דעם בריוו פון נינאַטשקאַס הענט.

דער זון איז געשטאַנען בײַ דער סצענע און אים אָנגעקוקט. אַ גע־וואַלדיקער געדאַנק איז אים געקומען אויפן זינען און אַ שרעק איז אים באַפאַלן, ווי עס באַפאַלט אַ שרעק שוואַכע מענטשן, ווען זיי ווערן בײַז — אַ שרעק פאַר זײַן פאָטער.

— „ער האָט דאָך איר דעם בריוו געקויפט, אַזוי ווי ער קויפט אַלצ־דינג".

די ווערטער זענען געלעגן אויף די ליפּן פון דעם יונגנמאַן, נאָר דאָך האָט ער מיט די ליפּן באַרירט נינאַטשקאַס האַנט און געשוויגן.

(ענדע פון ערשטן טייל)

צווייטער טייל

קאפיטל 1

מישענקא

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ איז געווען אַ רירנדע מוטער פאַר פרעמדע קינ־דער, דאָרט, ווו איר מוטערלעכקייט איז געווען אַ באַזונדערע באַצירונג צו איר ווייבלעכקייט. אָבער זי איז שוין גאָרנישט געווען אַזאַ וואַרימע מו־טער צו אירע אייגענע קינדער, ד. ה. דאָרט, ווו די מוטערלעכקייט איז באַ־שטאַנען פון ערנסטע פליכטן און האָט פאַרלאַנגט קרבנות אויפן חשבון פון איר אייגענער פרייהייט.

נינאָטשקאַ איז פרי דערוואַקסן געוואָרן, דאָס הייסט זי האָט מיט געוואַלט אַרויסגעבראָכן זיך פון די צוימען פון איר דערציערין און פון איר קינדער־צימער, און אַליין זיך דערקלערט אַלס דערוואַקסענע, צום פאַרדרוס און פאַרצווייפלונג פון איר מוטער. דאָס ייִנגל אָבער, כאָטש ער איז שוין געווען אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע, האָט זיך איר, צוליב זיין ווייבערשן כאַראַקטער, נאָך איינגעגעבן צו האַלטן אין די קייטן פון קינ־דער־רעזשים, דאָס הייסט, עס האָט זיך דעם באַרימטן אַדוואָקאַט מיט זיין פרוי אויסגעוויזן, אַז זייער מישענקאַ איז נאָך אַ קינד, און זיין לעבן שפּיגלט זיך נאָך אַלץ אָפּ אין זיין קינדער־צימער...

אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך דאָרט אָפּ אין מישענקאַס האַרץ און מוח הינטער די ווענט פון זיין צימער...

זיין פאָטער איז געווען צופיל באַשעפטיקט, אַז ער זאָל זיך באַקענען מיט זיינע קינדער, און זיין מוטער צופיל פאַרנומען מיט זיך אַליין.

צווישן מוטער און טאָכטער, נאָכדעם ווי נינאָטשקאַ איז דערוואַקסן געוואָרן, האָט זיך אויסגעוועבט אַ געוויסע פריינטשאַפט. אָלגאַ מיכאַי־

לאָוונאַ האָט שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז ניניאַטשקאַ איז אַ מענטש, אַ דערוואַקסענער מענטש — אַ פרוי פאַר זיך, — און אַלס גלייכע מיט גלייכער זענען אריינגעטראָטן צווישן זיי פריינטלעכע באַציאונגען, וועלכע דער בשותפותדיקער „סוד", וואָס הערשט שטענדיק צווישן ווייבער, האָט געהאָלפן אויסצוועבן צווישן זיי. גאַנץ אַנדערש זענען אָבער געווען די באַציאונגען צווישן מוטער און זון.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט איר איינציקן זון זייער האָלד געהאַט. ווען מישענקאַ איז געווען אַ קליינטשיקער און מען האָט אים געקאָנט גלעטן איבערן בלאָנדן קעפּל, זענען אויך אירע געפילן צום יינגל נישט געווען באַזונדערס וואַרים; זי האָט ליבער געהאַט דאָס מיידל. נאָר צייט מישענקאַ האַלט זיך פאַר אַ דערוואַקסענעם, איז איר דער יונגער בחור מיט די שיינע בלויע אויגן און קינדערשן אומשולדיקן אָנבליק פון זיין פנים פאַרגעקומען פרעמד, און מ'קאָן אפילו זאָגן אומסימפּאַטיש. און אַ מאָדנע זאַך: די אומסימפּאַטישקייט צו איר זון האָט אַרויסגערופן ביי דער מוטער דווקא זיין שיינקייט... ווען מישענקאַ איז נאָך געווען אַ קינד, האָבן אים די ווייבער, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס פריינדינס, אַרויפגעשטעלט אויפן טיש און געהאַלטן אין איין באַטראַכטן זיין שיין פנים, זיינע געלאָקטע האָר און זיין איידעלע פיגור. ווייבער האָבן אים ליב געהאַט צו קושן, צו גלעטן און צו באַגייסטערן זיך מיט די ווירקלעך וואונדערבאַרע איידעלע ליניעס פון זיין יונג קערפּערל, ווי מיט אַ הינטל פון אַ גוטער ראַסע. שוין דענסטמאָל האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ געפילט אַ ווידערגעשמאַק פאַר איר ליאַלקעדיק אויסגעוואַקסן קינד. עס איז געווען ווי אַ באַהאַלטן קנאה־געפיל וואָלט דאָרט אין איר געווירקט איבער דעם, וואָס דאָס קינד ציט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון דער מוטער צו זיך — און עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס מענטשן באַגייסטערן זיך אַזוי מיט איר קינדס שיינקייט.

— אַ ליאַלקעלע אַזעלכע, — פלעגט זי זאָגן.

זי האָט נאָך געקאָנט פאַרטראָגן זיין שיינקייט, ווען מישענקאַ איז קליין געווען; נאָר ווען דאָס יינגל איז אויסגעוואַקסן און נישט פאַרלוירן די מיידלשע ווייכקייט זיינע, האָט זיך פשוט ביי דער מוטער אַנטוויקלט אַן אַנטיפּאַטיע צו אים.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט געחלומט וועגן אַ זון, וואָס וועט זיין אַ

שטאַרקער, אַ מענלעכער, אַ הויך־געוואַקסענער, מיט אַ ברייטן רוקן, מיט שטאַרקע מוסקולנע הענט, מיט אַ פּנים אַ שטעכעדיקס פון די פרישע האָר פון באָרד, וואָס רייסן זיך אַרויס — און דאָ איז גאָר אויסגעוואַקסן אַ יינגל מיט אַ שלאַנקן בויגזאַמען ווייכן קערפּער און אַ פּנים פון אַ מיידל: גלאַטיק, לענגלעך, אומשולדיק, נאָר אַרומצוגעמען און צו גלעטן עס, מיט גרויסע בלויע אויגן, וואָס קוקן דיר קיינמאָל נישט גלייך, נאָר ערגעץ אָן אַ זייט. און טאָמער דערוועגן זיי זיך יאָ דיר צו קוקן גלייך אין פּנים אַריין, איז שטענדיק עפּעס מיט אַ מין באַהאַלטענעם געדאַנק, מיט אַ זינדיקן געדאַנק און באַוועגונגען נישט קיין דרייסטע, פעסטע, נאָר פוילע, בעטנדיקע — עפּעס ווי ס'וואָלט געוואָלט, אַז מ'זאָל עס אָנרירן, פּיעשטשען עס... פון וואַנען קומט דאָס צו אים? די ענלעכקייט צו איר אַליין האָט די מוטער געמאַכט פרעמד און קאַלט צו איר זון און נישט איינמאָל האָט זי זיך אויסגעדריקט צו איר נישט אָפּטרעטנדיקן שאָטן, דעם „ענגלענדער" נאַאום גריגאָראָוויטש, אין פאַרטרויעלעכע שמועסן:

— דווקא דאָס מיידל איז ביי מיר אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע, מיט כאַראַקטער און ווילן, ווי אַ יינגל, און דאָס יינגל — די גוטע יאָר ווייסן עס — מישענקאַ זעט דאָך אויס ווי אַ „באַרישניאַ"...

מישענקאַ האָט דערשפּירט דער מוטערס געפיל צו אים. ער האָט איר באַצאָלט מיט דערזעלבער מאָס. ווען ער האָט נאָך פאַר זיין פאָטער געהאַט אַ געוויסן רעספּעקט צוליב זיין באַרימטקייט אין שטאָט (כאָטש זיין פאָטערס גרויסער נאָמען האָט דעם יינגל נישט פאַרבייגעלאָזט אָן קנאה צו אים) און אויך צוליב זיין ערנסטער און שטענדיקער באַשעפטיקונג, האָט ער דערפאַר אָבער פאַר זיין מוטער פאַרמאָגט נאָר גרינגשעצונג און אַ געוויסע פאַראַכטונג. ער איז געוועזן דער איינציקער אין הויז, וואָס האָט זיין מוטער דורכגעזען דורך און דורך. נישט איינמאָל האָט ער זי אין זיין געדאַנק פאַרגליכן צו דער מוטער פון זיין פריינט, צו מאַרקאָוויטשעס מוטער, וועלכע גיט אַוועק איר לעבן פאַר איר זון. פאַרגליכן דאָס, וואָס זיין פריינטס עלטערן טוען פאַר זייער זון, און וואָס זיין מוטער האָט געטון פאַר אים, און ער האָט זי געהאַלטן דעריבער פאַר אַן עגאָאיסטקע, אַ ליידיק־גייערין, וואָס גייט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַרום מיט געדאַנקען פון אַ שטענדיק כלה־מיידל, און איז מקנא דער טאָכטער

אויף אירע כלה־יאָרן. מוטער און זון האָבן געוווסט פון זייערע געפילן פון איינעם צום אַנדערן.

מישענקאַ האָט כמעט געלעבט אָפּגעזונדערט פון זיינע עלטערנס הויז. דער פאָטער — ווי געזאָגט — איז געווען צופיל באַשעפטיקט. אַ חוץ דעם אָפיציעלן אינטערעסירן זיך מיט זיין שטודיום, מער מיט זיינע צייכענונגען פון קלאַס־זשורנאַל, וואָס דאָס איז וויכטיק געווען פאַר זיין ווייטערדיקער קאַריערע, האָט ער זיך מיט זיין זון נישט אָפּגעגעבן. די מוטער האָט שוין בולט דערשפּירט די געפילן, וואָס איר קינד פאַרמאָגט פאַר איר. זי איז צופיל שטאָלץ געווען, אַז זי זאָל זיך פאַר אים אויספּיינען און אים אַרויסווייזן מער צערטלעכקייט, וויפיל זי האָט באמת פאַרמאָגט פאַר אים. ווילנדיק אויסמיידן אומאָנגענעמלעכקייטן און הויז־סצענעס, וואָס אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט פיינט געהאַט, האָט זי אים אַמבעסטן אויסגעמיטן, און מישענקאַ האָט געלעבט אַליין מיט זיך, מיט די שטרעבונגען פון זיין קרייז חברים, און צוזאַמענסטן מיט זיין פריינט און שול־חבר אָסיפּ מאַרקאָוויטש.

***

עס איז געווען נאָכן אָונט־עסן ביים באַרימטן אַדוואָקאַט. די עלטערן זענען אַוועק אין דער אָפּערע, וווהין גבריאל חיימאָוויטש האָט ווידער אַמאָל איינגעלאַדן. מישענקאַ איז איבערגעבליבן אַליין און האָט אָפּגעוואַרט זיין חבר אָסיפּ. ביז דער חבר איז געקומען, האָט מישענקאַ זיך באַשעפטיקט דערמיט, וואָס ער האָט נאָכגעקוקט אין דער אָוונט־צייטונג, אין דער בערזע־אָפּטיילונג, דעם קורס פון אַקציעס, ספּעציעל פון די סיבירישע זילבער־גרובנס, אין וועלכע ער, מישענקאַ, איז געווען „פאַראינטערעסירט"...

אין דער בערזע איז מישענקאַ געווען אייגנטלעך מער פאַראינטערעסירט טעאָרעטיש, און דער אינטערעס איז צו אים געקומען פונעם איינפלוס פון זיין חבר מאַרקאָוויטש.

מישענקאַ האָט געהאַט אַ גרויסן חשק שנעל עפּעס וואָס צו ווערן. זיין פאָטערס באַרימטקייט האָט דעם יינגל צוגעדריקט. ער האָט געהאַט אַמביציעס אַליין עפּעס צו ווערן פאַר זיך, וואָס זאָל מאַכן זיין נאָמען קלינגען אַזוי ווי זיין פאָטערס. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז דורך אַ פּראָפעסיע וועט ער עס קיינמאָל נישט דערגרייכן, אפילו ווען ער זאָל

שוין ענדיקן אויף אַדוואָקאַט און אַריינטרעטן אין פּאַטערס ביוראָ. וועט ער שטענדיק זיין דעם פּאַטערס זון, און צו לערנען האָט מישענקאָ קיין גרויסן חשק נישט געהאַט. האָט ער געטרוימט וועגן לופט־פּליעריי, וואָס האָט דענסטמאָל אָנגעהויבן זייער באַרימט צו ווערן און איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן, און וועגן בערזע־שפּעקולאַציעס, וואָס וועט אים מיט איין מאָל רייך מאַכן.

אין אַ רעגירונגס־שולע פאַר לופט־פּליעריי, צו וואָס ער וואָלט חשק געהאַט, האָט ער געוווּסט, וועט פאַר אים, אַלס ייד און אַלס זון פון אַ ראַדיקאַלן אַדוואָקאַט, אוממעגלעך זיין אָנצוקומען. מישענקאָ האָט זייער ערנסט געקלערט וועגן שמדן זיך צוליב דעם צוועק. עס האָט אים נאָר פון דעם אָפּגעהאַלטן זיין אומאַנטשיידענער כאַראַקטער און זיין מורא: אפשר וועט אים אויסקומען צו ליידן מאַטעריעל, ווען דער פּאַטער וועט אים אָפּשניידן פון יעדער הילף. ווידער, וואָס אָנבאַלאַנגט בערזע־טראַנ־זאַקציעס, איז וויפיל מישענקאָ האָט זיך נישט געמיט צו באַקומען דערין אַן איינבליק, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אָריענטירן אין זיי, ווי זיין חבר אָסיפּ מאַרקאָוויטש. אין גרונט, האָט עס אים אויך ווייניק אינ־טערעסירט. ער האָט נאָר אויבערפלעכלעך אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס אין דער בערזע צוליב זיין חבר. האָט ער נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טון. צו לערנען? ער וואָלט מער געוווּנטשן, אַז עס זאָל אַרויסקומען עפּעס אַזעלכעס, אַז עס זאָל ווערן אונטערגעשניטן זיין לערן־קאַריערע. צו אַן אַנדערער באַשעפטיקונג האָט ער אויך קיין באַזונדערן חשק נישט גע־האַט, און זיין פּאַראינטערעסירטקייט מיט אַקציעס און לופט־פּליעריי איז ווייטער פון לעזן ציימונגען נישט געגאַנגען.

דערווייל האָט מישענקאָ אַנטדעקט אין זיך אַן אייגנשאַפט, וואָס האָט אים צוערשט פּאַרוווּנדערט, דערנאָך אַמוזירט און איצט שוין פּאַר־אינטערעסירט: ער איז זייער געפעלן מיט זיין שיינקייט. און ווירקלעך האָט מישענקאָ ביים ערשטן אויגנבליק, ווען מען האָט אים דערזען, גע־מוזט אַרויסרופן באַוווּנדערונג מיט זיין אויסערגעוויינלעכער יינגלשער גראַציע. די אויפמערקזאַמקייט האָבן אים געשאָנקען ביידע געשלעכטער, סיי פרויען און סיי מענער... עפּעס איז געלעגן אין זיין בויגזאַמער פיגור אַזאַ ווייכקייט, אַז עס האָט זיך געגלוסט צוגיין צו אים און אים צו גלעטן, אַזוי ווי עס גלוסט זיך צו גלעטן אַ שיינעם ראַסעדיקן סיבירער הונט,

ווען ער באַוועגט מיט זיינע מוסקולירטע אויסגעטאָקטע אברים און הויבט אויף זיין שיינעם אײדעלן קאָפּ. עפּעס איז געלעגן אין דעם גלאַטן פּנים פון דעם מיידלשן יונגנמאַן (און מײנסטן אין זיינע טיפע אויגן), אַזאַ טרויעריקער, אײדעלער, זינדיק־ריינער בליק, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך די הערצער סיי פון יונג, סיי פון אַלט. די אויגן־שניטן זענען ביי אים געווען ווי ביי זיין מוטער: לענגלעכע, מאַנגאָלישע און באַשירעמטע מיט געדיכטע, אויסגעקעמטע, ווי איינציקווייז אַריינגעזעצטע, טונקעלע הער־רעלעך. דער אויגן־פּאַס איז ביי אים געזעסן אויך ווי ביי זיין מוטער, בולט אויסגעבויגן און אויסגעהויבן. ווי לבנות האָבן זיינע אויגן אַרויס־געשיינט אונטער אַ ווייבלעכן שטערן־שאַרבן — אויגן בלויע, אויסטער־ליש בלויע און קלאָרע, טיפע. ער האָט געקאָנט קוקן פון זיי מיט אַזאַ אומשולדיק־תאווהדיקן בליק, אַז עס האָט זיך געצווייפלט, צי דער יונגער־מאַן מיינט עפּעס דערביי, צי נישט... און צי ווייסט ער איבערהויפּט עפּעס דערפון. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שיינער בחור גייט אַרום מיט אַ מעסער אין האַנט און ווייסט נישט, ווען ער שעכט.

און צוערשט האָט מישענקאַ טאַקע גאָרנישט געוווסט, אַז ער פּאַר־מאָגט אַזאַ באַזונדערן כוח אין זיינע אויגן, אין זיין עלאַסטישער ווייבער פיגור, אין זיינע פולע געפּיעשטשעטע און זיך בעטנדיקע באַוועגונגען. דערנאָך האָט מען אים געזאָגט — עס האָבן אים געזאָגט חברים אין קלאַס — מיידלעך, חברטעס, אויף קינדער־טענץ. דערנאָך, אַז ער איז אויסגעוואַקסן, און זיין שיינקייט האָט נאָך מער זיך אַנטוויקלט, האָבן אים אָנגעהויבן צו שענקען אויפמערקזאַמקייט פרויען, סיי יונגע, סיי אַלטע — פרויען פון דער געזעלשאַפט, זיין מוטערס און זיין שוועסטערס חברטעס — פרויען פון אַלע שיכטן ביז צו די דינסטמיידלעך אין הויז. און עס האָבן זיך געפונען אַפילו מענער, וואָס האָבן עס אים געזאָגט. און געזאָגט האָט מען עס אים אויף פאַרשידענע מינים, אויף שפּאַס און אין ערנסט: מיט די אויגן, מיטן מויל, טייל מיט בלישטשענדיקע בליקן, אַנדערע מיט לאַשטשענדיקע גנבהשע גלעטן — ביז דער יונגערמאַן איז געוווּיר געוואָרן וועגן זיין קראַפט.

היינט ווייסט ער שוין, און נישט עס איז אים זיין שיינקייט צו־זווידער און צו לאַסט און איבערדריסיק, ווי עס איז אים אַמאָל געווען (ווען ער איז נאָך געווען אַ קינדיש יינגל, ווען די ווייבער האָבן אים

בגנבה געקושט), נאָר היינט ווייסט ער שוין וועגן זיין שיינקייט, און ער ווייסט שוין אויך, אַז דאָס איז זיין שטאַרקייט, און איז פאַראינטערעסירט וואָס מער אַרויסצוברענגען זיין באַזונדערן חן, און וואַרט שוין אויף דער צייט, ווען ער וועט זיך קאָנען קליידן ציוויל און ביים בעסטן שניידער אין שטאָט. און אפילו היינט לייגט ער זייער גרויס געוויכט אויף זיינע העמדער, אויף זיינע קאָלנערס, אויף זיינע שקאַרפעטן און אויף זיינע טאַשן-טיכלעך, אַז זיי זאָלן זיין פון איין קאָליר און פאַרב. אין זיין וועסטן-טעשעלע האַלט ער שטענדיק אַ שפּיגעלע, ווי אַ מיידל, און נעמט עס אַרויס ביי יעדער געלעגנהייט און שפּיגלט זיך דערינען שעהען-לאַנג, אויספּרובירנדיק די לאָקן פון זיינע האָר, אויף וועלכער זייט זיי לייגן זיך בעסער, און באַמיט זיך אַרויסצוברענגען דעם שאָטן-קאָליר פון זיין ריין-גלאַטיק פּנים און זיינע בלויע אויגן, אַזוי ווי ער טוט דאָס איצט, נאָכדעם ווי די ציפּערן פון די פאַרשידענע אַקציעס זענען אים לאַנגווייליק געוואָרן.

עס האָבן זיך דערהערט טריט דערנענטערן, נאָר אַנשטאָט זיין חבר אָסיפּ מאַרקאָוויטש, וועמען מישענקאַ האָט דערוואַרט, האָט זיך אַריינגעגנבעט דורך דער טיר און איז געבליבן ביי איר שטיין ווי אַ הונט, זיין מוטערס דינסטמיידל אַנושקאַ.

זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. איר שוואַרצער קאָפּ האָר, באַקליידט מיט אַ ווייס דינסט-שלייפל, האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעבויגן אויף איר ברוסט, ווי אַ פעלד-גאָפּע, וואָס באַהאַלט איר קאָפּ צווישן די פליגל.

— וואָס ווילסטו? — האָט מישענקאַ געפרעגט אין אַ קאַפּריזנעם, פּיעשטשענדיקן טאָן.

און ווי אַ פעלד-גאָפּע האָט זי נאָך נידעריקער געבויגן איר קאָפּ, און פון אירע פליגן-הענט האָט זי איר פּנים אַרויסגעבויגן, און מען האָט נאָר אַרויסגעזען אויגן און אַ מויל.

— טייערער, טייערער, טייערער... האָט זי געשטאַמלט פאַר זיך, און אויג און מויל האָבן געחלשט, בייגנדיק זיך נאָך אים.

— וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט אַריינקומען אין מיין צימער, אַז איך וועל דיך נישט רופן?

— זייט מוחל, הימלישער. נישט אויסגעהאַלטן.

— נו, גיי, גיי, מען וועט באַלד קומען.

— נאָר איין מינוט, איין מינוט לאָזט קוקן אויף אייך, קיינער איז נישטאָ.

— איך וויל נישט, גיי די מינוט. אז נישט, מיטן פוס ארויסקאָפּען ווי א הונט!

— נאָר נאָך איין מינוטעלע. שוין, איך גיי שוין, דאָס האַרץ פרייט זיך, — האָט זי די שוואַרצע פאַרחלשטע אויגן אויסגעפּוטשעט צו אים.

מישענקאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און האָט אָנגעהויבן מיט האַסטיקע טריט צוצוגיין צו איר. וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צו איר, האָט מען אָנגעזען, אַז איר דינער קערפּער, אין שוואַרצן איינגעהילט, האָט פאַר ציטערקייט זיך געבויגן און איינגעקאָרטשעט ווי א קריך־וואָרעם. אירע הענט, וועלכע האָבן זיך אַליין אַרומגעהאַלטן ביי איר ברוסט, זענען ווי קראַנקע שלאַנגען אויסגעדרייט געוואָרן, און איר ווייס פּנים, וואָס האָט אַרויסגעחלשט פון אונטער אירע הענט, איז געוואָרן נאָך בלייכער, שאַרפער און לעבעדיקער. איר אָטעם האָט אויך געהעשעט, שלאָגנדיק אין איר האַרץ, און טראָגנדיק וואַרימקייט פון אירע נאָזלעכער און פון אירע ציטערנדיקע אָפענע ליפּן, וואָס האָבן זיך מאָדנע קראַנק־האַפט פאַרקרימט, ווי א ביטערקייט פון א סם וואָלט אַרויסגעשלאָגן אויף זיי.

— נו, גיי, די מינוט! — האָט ער זי אָנגענומען ביי איר רוקן און געפּרוווט זי ברוטאַליש אַרויסשטופּן פון דער טיר.

נאָר דאָס דינסטמיידל האָט געגעבן א פאַל צו זיינע פיס און האָט ווי אַ שלענגלעכע חיה אַרומגעבונדן זיך אַרום זיי מיט אירע בויגזאַמע עלאַסטישע, ווייכע הענט. זי האָט איר ווייס פלייִשיק פּנים איינגענאָרעט צווישן זיינע קני, קושנדיק מיט היסטערישער ליידנשאַפט זיינע לאַנגע הענט, און אַרויסגערעדט די ווערטער ווי א דורשטיקע:

— שיינער, געטלעכער! אך, דו, ווי א מלאך זעסטו אויס!

זי האָט אויפגעהויבן איר בלייך פּנים צו אים, ווי צו א הייליק בילד, און האָט געזאָגט אין א געבעט, מער מיט אירע אויפגעריסענע שוואַרצע אויגן, איידער מיט אירע פאַרחלשטע ליפּן:

— קיינער איז נישטאָ, אַלע זענען אַוועק. לאָז מיך דיך גלעטן.

— טראָג זיך אָפּ די מינוט!

— איך הער, טייערער, איך הער. איך גיי, איך גיי, — האָט זי גע־זאָגט, און איר דינער קערפּער האָט געציטערט אין פיבער.

ווען זי האָט געוואָלט זיך אויפהייבן פון איר אָרט אויסצופירן זיין באַפעל, האָט זי נישט געקאָנט. ווען זי האָט אַרויפגעבויגן איר פאַרחלשט פּנים צו אים, האָבן זיך אירע פולע לאַנגע צעפּ צעלאָזט און זענען אַראָפּ־געפאַלן אויף דער ערד. מישענקאַ האָט נישט באַמערקט, ווי ער טרעט אויף זיי מיט זיינע פיס; זי האָט אים גאָרנישט געזאָגט, האָט נאָר אַרויפ־געקוקט צו אים און געשמייכלט.

— און פאַרוואָס גייסטו נישט? איך האָב דאָך דיר געזאָגט!

זי האָט אים נישט געענטפערט, נאָר געשמייכלט אין זיין פּנים אַריין.

— וואָס איז מיט דיר, ביסט משוגע געוואָרן, צי וואָס? דו הערסט דאָך, מען קלינגט. ווילסט, איך זאָל גיין עפענען די טיר, פאַרשאָלטענע?

זי האָט אים ווידער נישט אָפּגעענטפערט, נאָר אַרויפגעקוקט צו אים און געשמייכלט, אויסציענדיק איר קאָפּ צו אים, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַ פאַרגעניגן געוואָלט אָנטון, זיך ווי צו טון דורך אירע אויסגעריסענע האָר, אויף וועלכע ער טרעט.

— גיי צום טייוול! — גיט ער איר אַ שטופּ און וויל אַליין גיין עפענען די טיר. ערשט איצט, מאַכנדיק אַ טריט, האָט ער באַמערקט, ווי זיינע פיס זענען פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין אירע האָר, אויף וועלכע ער האָט געטראָטן די גאַנצע צייט. מער אויס גוט־דערצויגנקייט, איידער אויס מיטגעפיל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— איך האָב דיר ווי געטון? נישט באַמערקט, זיי מוחל.

— אַך, גאָרנישט! — האָט זי אויסגערופן מיט פריידיקע אויגן און האָט אים געשמייכלט מיט גליק אין פּנים אַריין.

קאַפּיטל 2

זיין חבר אָסיפ מאַרקאָוויטש

אין קאָרידאָר האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן. נאָכדעם ווי אַנושקאַ האָט אים געהאָלפן דעם מאַנטל אַראָפּנעמען, איז געבליבן שטיין אַ פּראָגט. אַלצדינג האָט אויף דעם יונגנמאַן געפּאַסט: דער קאָליר פונעם

שניפּס צום קאָליר פון טאַשן-טיכל; דער קאָליר פון די זאָקן צום קאָליר פון דער וועסט — אַן אויסגעשניטענע וועסט פון גרוי-ברוין. — שטייט ער אַ ווײַלע און קוקט זיך אַרום. די לאַנגע נאָז שנופּט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַזוי אַרום דערשמעקן, וואָס ער דערזעט נישט. עס זענען דאָ מענטשן, וואָס זעען מיט די אויגן; עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זעען מיט די ליפּן. ער האָט דערזען מיט דער נאָז... די נאָזלעכער זענען געווען שאַרף, ווי גוט געשליפן גלאָז אין אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט צוערשט מיט די נאָז לעכער דערשמעקט די גאַנצע שטוב, איידער נאָך ער האָט זי גוט דערזען.

בעפאָר ער האָט געמאַכט אַ טריט ווייטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים שפּיגל אין קאָרידאָר, אַרויסגענומען אַ קעמל און פאַרקעמט די גלאַטיק געפאַלענע און זאַרגפעלטיק געשניטענע האָר, זיי נאָך צוגעגלעט מיט די הענט, אַ לעצטן פּרווו געגעבן דעם שניפּס, צי ער זיצט ענג פאַרקניפּט און פּאַסט פונקט אַריין אין קליינעם אויסשניט פון קראַגן. און אַזוי ווי ער וואָלט נישט געוואָלט גלויבן דעם גרויסן שפּיגל, וואָס שטייט אין קאָרידאָר — נעמט ער נאָך אַרויס אַ קליין געשליפן שפּיגעלע פון זיין וועסטל-קעשענע און גיט זיך אַ לעצט מאָל אַן עקזאַמענער אַדורך — צי אַלץ ליגט ביי אים אין אָרדענונג, נאָר דערביי שטערט אים מישענקאַס שטימע פון זיין טיר אַרויס.

— דאָס ביסטו, אָסיפּ?

—יאָ, דאָס בין איך, — ענטפערט אָפּ דער יונגערמאַן, און זיין שטימע פאַרראַט עפּעס אַן אינערלעכע מורא און נישט קיין זיכערקייט.

— דו ביסט נישט אין מונדיר? — פרעגט מישענקאַ אַרויסקומענדיק פון זיין שטוב אין קאָרידאָר אים אַנטקעגן.

— ניין, — זאָגט דער יונגערמאַן ווי דערשראָקן, — דיינע עלטערן זענען דאָך נישטאָ?

— ניין, ניין, קיינער איז נישטאָ. זיי זענען אַלע ערגעץ-ווו אַוועק מיט דער נייער משפּחה, מיט די מירקינס.

— איך האָב זיך ליב אָנצוטון ווי אַ מענטש, נישט שטענדיק ווי אַ יינגל אין מונדירל, — ענטפערט אָפּ דער יונגערמאַן אויף מישענקאַס פראַגע, — נו. וואָס טוסטו?

— האָסט געזען היינט די בערזע? סיבירישע זילבער איז אַרויף אויף

פופצן פונקטן. פאפאטשקא האט געבאפט דורך היינטיקן טאג א רובל פופציק טויזנט, צי גאנצע זעכציק; באדארפסט מיך הארכן און קויפן א פאר אקציעס.

— יא, געלעזן, קיין געלט נישט געווען, — ענטפערט אפ מישענקא, — קום אריין צו מיר.

— קום אריין אין סאלאן.

— פארוואס אין סאלאן? איך האב עס נישט ליב, קום אריין צו מיר. אנושקא וועט אונדז ברענגען עפעס צו טרינקען.

— מירן נאר אביסל זיצן אין סאלאן, איך האב ליב אייער סאלאן.

אן חשק האט אים מישענקא אריינגעפירט אין סאלאן, וועלכן ער האט האלב באלויכטן.

— מער ליכט, איך בעט דיך. איך האב ליב, ווען סאלאנען זענען באלויכטן.

מישענקא האט געמאכט מער ליכט, און דער יונגערמאן האט זיך אוועקגעזעצט אויף איינעם פון די אויסגעבעטע שטולן, זייער עלעגאנט פארלייגט א פוס אויף א פוס, און ווען ער האט גערעדט מיט מישענקען, איז זיין קאפ נישט געווען דערביי. זיינע שווארצע באוועגלעכע אויגלעך האבן שנעל ארומגעבלאנדזשעט פון איין זאך אויף דער אנדערער, איינגעטרונקען אין זיך די רייכע בילדער, די רייכע מעבל און די רייכע דיוואנעס, וואס האבן באפוצט דעם סאלאן.

— און ווו זענען זיי דאס אוועק, דיינע? — פרעגט דער יונגערמאן און ווארפט א גנבהשן בליק אויף דעם זילבער־שענקל, און זיין דינע אויבערשטע ליפ גיט זיך פאר קנאה אזש א קנייטש און דריקט אויף זיינע ציין.

— אין טעאטער אריין, צי אין א רעסטאראן? דער גוטער יאר ווייסט זיי. זינט זיי האבן זיך מיט די מירקינס משדך געווען, האלט מען אין איין ארומפארן אין די רעסטאראנען; דער אלטער מירקין לאזט נישט אפ.

— א גרויסע „שישקע”, דער מירקין אייערער, דאס ערשטע האלצקאנטאר אין גאנצן לאנד.

— איך האב זיי נישט ליב, די נייע משפחה... דער אלטער ווי דער אלטער, נאר דער חתן — אזא ווונדערלעכער, א פרעמדער. מען ווייסט

קיינמאָל נישט, וואָס ער קלערט, און דאַכט זיך מער פאַרליבט אין מאַ־מאַטשקען ווי אין נינאַטשקען. זיצט גאַנצע טעג ביי מאַמאַטשקען. און דאַכט זיך, זי האָט אים אויסגעשדכנט פאַר דער טאָכטער. יעדנפאַלס, זי האָט אים צוגעקעטעוועט. איך האַלט זיך פון זיי פון דערווייטנס.

אָסיפּ האָט געלאַכט מער מיט זיין אויפשנופנדיק שאַרף דין נעזל, איידער מיט זיינע ליפּעלעך. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַ גלאַנץ גע־געבן און אויפגעגעסן די רייכע גאָלד־באַצירטע בילדער, וואָס האָבן גע־האַנגען אויף דער וואַנט, און ער האָט זיך אָנגערופן:

—אומזיסט האַלטסטו זיך פון דערווייטנס. דו ווייסט, ווער עס זענען אַזעלכע די מירקינס? ער שטורעמט דאָך די בערזע; מיט איין מאַך קאָן ער אָנפילן דיינע קעשענעס מיט געלט. אָ, ווען איך וואָלט אַזא מש־פּחה געהאַט, וואָלט איך געוווסט ווי זי אויסצונוצן.

— מיך אינטערעסירן זיי נישט. נו, גענוג געזעסן אין סאַלאָן. איך האָב פיינט זייערע זאַלן. קום, מיר וועלן אַריין צו מיר. אַנושקאַ וועט אונדז ברענגען עפּעס אויסצוטרינקען.

— ניין, אין עס־צימער, ווי גאָט איז דיר ליב. איך האָב אַזוי ליב אייער „סטאָלאָוואַיאַ”, — האָט זיך דער יונגערמאַן געבעטן ביי מישענקען.

ווען אָסיפּ איז דורכגעגאַנגען דורך די פיל צימערן, וואָס האָבן גע־פירט פון זאַל אין עס־צימער, האָט ער אויף איין מינוט נישט אַראָפּגע־נומען זיינע אויגן פון די מעבל פון די זאַכן, וואָס האָבן באַקליידט די צימערן. ער האָט זיך גאַרנישט געקאָנט זאַט אָנקוקן, אומבאַוווסט האָט זיך דאָרט ביי אים אין האַרץ געזאַמלט אַ ביטערקייט און אַ כעס, וואָס די קנאה האָט אַרויסגערופן. ער האָט זיך פאַרגליכן צו מישענקען, וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר אַ האַלבן אידיאָט. און עס האָט אים געקרענקט: פאַרוואָס איז אים, אָסיפן, נישט באַשערט געווען געבוירן צו ווערן ביי אַזעלכע באַרימטע און רייכע עלטערן, נאָר מישענקען!

וואָרים כאָטש אָסיפּ מאַרקאָוויטש האָט לייכט אַרויסגעוואָרפן פון מויל, אַז זיין פּאַפּאַטשקאַ האָט היינט ביי אַ בערזע־שפּעקולאַציע גע־מאַכט „אַ פופציק טויזנט רובל און אפשר די גאַנצע זעכציק” (וואָס, אגב, האָט עס פאַרווונדערט אַביסל דעם נאַאיוון מישענקען, פאַרוואָס לעבן זיי ווידער אַזוי אָרים?), — האָט דאָך היינט אָסיפּס מוטער, מאַדאַם מאַר־קאָוויטש, געמוזט פאַרקויפן אין אַן אַנטיק־קלייטל אויף „סאַדאָוועַ” דאָס

לעצטע האלבע טוץ זילבערנע גאָפּל און מעסער צו קאָנען איינשאַפן איר זון דאָס פאַנטאַסטיש גרויע אויסגעשניטענע וועסטל מיט דעם טיכל, וואָס זאָל צופּאַסן צו דעם קאָליר פון זיין קראַוואַט, כדי ער זאָל קאָנען גיין צו די „האַלפּערינס״. איר זון האָט איר פּאַרטרויט, אַז ער איז אַהין דאָרט פאַרבעטן, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער זאָל זיך דאָרט באַ־געגענען מיט די מירקינס, מיט וועלכע די האַלפּערינס האָבן זיך משדך געווען. וואָרים די מאַרקאָוויטשעס, ווי אָרים זיי זענען נישט געווען, האָבן דווקא געוואָלט, אַז דער זון זאָל זיך חברן מיט רייכע קינדער, און פאַר דעם צוועק, אַז זייער קינד זאָלן אַריינקומען אין רייכע הייזער, איז נישט געווען קיין זאַך צו טייער. די מוטער איז גרייט געווען צו ברענגען יעדן קרבן. זיי זענען אַמאָל אַליין געווען רייך, די מאַרקאָוויטשעס — דאָרט אין פּוילן, פון וואַנען זיי קומען. נאָר זייט אָסיפּ געדענקט, האָבן זיינע עלטערן שטענדיק געלעבט דאָ אין פּעטערבורג אין גרויסער נויט. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ מעקלער אויף דער בערזע און קיינמאָל געגוג נישט פאַרדינט צו באַזאָרגן די משפחה מיט פּרנסה. שטענדיק האָט מען זיך געגויטיקט, געוווינט אין פינצטערע דריי צימערן. דער פאָטער און די מוטער זיינע האָבן זיך קיין קלייד נישט געמאַכט פאַר יאָרן און יאָרן — איבערגעלאַטעט אַ מאַנטל און געגאַנגען אין אָפּגעטראָגענע שיך. אַליין האָט מען זיך באַגנוגנט מיט גאָרנישט, נאָר פאַרן קינד, פאַר זייער זון, האָט געמוזט זיין פון אַלעם בעסטן און שענסטן, אַז ער זאָל מיט גאָרנישט פאַרשעמט ווערן פאַר זיינע רייכע חברים, מיט וועלכע זיינע עלטערן האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל זיך חברן.

ביי די מאַרקאָוויטשעס אין שטוב האָט מען געחלומט וועגן רייכ־קייט. מען האָט פאַרגעטערט רייכקייט. מען האָט געוווסט אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך ביי רייכע מענטשן. יעדע געשעעניש אין דער משפחה פון באַראָן גינצבורג, פון די פּאָליאַקאָווס און יעדן אַנדערן גביר האָט מען געוווסט ביי די מאַרקאָוויטשעס אין שטוב פיל פריער, איידער עס איז נאָך אין אמתן געשען, און דיסקוטירט וועגן דעם. און אויפן זון האָט מען געלייגט מיט קיין זאַך נישט באַרעכטיקטע האָפענונג (אַ הוץ בלויז מיט דעם ווונטש), אַז ער וועט ווערן רייך. ווי אַזוי? האָט מען נישט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג — אַ שדוך. ער, דער זון, מוז באַלאַנ־גען שוין צו זיי, צו די רייכע. אין דעם גייסט האָט מען אים דערצויגן

און מען האָט אים געיאָגט צו דעם, אַז ער זאָל זיך חברן מיט זיי. די מאַרקאָוויטשעס האָבן געהונגערט, און דאָס ייִנגל האָט מען געשיקט אין אַן אויסדערוויילטער גימנאַזיע, וווּ עס גייען נאָר די קינדער פון די רייכע ייִדן. מען האָט אים בלויז נאָר פאַר דעם צוועק געלערנט, און, ווי כדי צו פאַרשטעלן זיין אָרימקייט, האָט מען אים איבערגעטריבן רייך אָנגעטון, אין די בעסטע מונדירן און לאַקירטע שיך. און אַז עס איז געלונגען אָסיפּן צו שליסן אין דער שולע פריינטשאַפט מיט רייכע חברים, איז מען אינדערהיים ביי די מאַרקאָוויטשעס מער גליקלעך און שטאָלץ געווען, ווי זיי וואָלטן אַליין רייך געוואָרן. אַז אָסיפּ איז אַהיימגעקומען פון אַ באַזוך ביי אַ רייכן חבר, האָט מען אים אינדערהיים געהאַלטן אין איין אויספרעגן. זיין שטענדיק פאַרטוענע און פאַרזאָרגטע מוטער (וואָס אויף אירע פּלייצעס איז דאָך געלעגן דער גאַנצער עול צו שאַפן דאָס, וואָס דאָס ייִנגל האָט באַדאַרפט) האָט אים געהאַלטן אין איין פרעגן, ווי עס זעט אויס דער זאַל, און ווי עס זעט אויס די „סטאָלאָוואַיאַ", און מיט וואָס מען האָט אים מכבד געווען? און וועמען ער האָט דאָרט געטראָפן, און מיט וועמען ער האָט גערעדט?

און עס איז געווען, ווי דאָס ייִנגל וואָלט זיך געוווּען פאַרגעברייט צו זיין קאַריערע, צו זיין אַמאָל רייך. ער האָט געקאָנט אָפּשטיין פאַר די גרויסע רעסטאָראַנען נאָר צו זען די טואַלעטן פון די דאַמען. ער האָט געקאָנט די נעמען פון די אויסטערלישע שפּייזן פון דער שפּייז־קאַרטע פון די גרויסע רעסטאָראַנען (כאָטש ער האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכט); געוווּסט אַלע מאָדעלן פון אויטאָמאָבילן, געקענט די נעמען פון אַלע באַרימטע כאַריסטקעס, טענצערינס און קורטיזאַנקעס, וואָס זענען באַרימט געווען אין דער לעבּ־וועלט; די אַדרעסן פון אַלע אויסדערוויילטע פרייַלעכע הייזלעך. ביז צו דער לעצטער „האָסע" אויף דער בערזע, וועגן וועלכער זיין פאָטער האָט אים אינפאָרמירט.

אַז ער איז אַרייַנגעקומען צו אַ רייכן חבר, האָט ער נאָר געוואָלט זיצן אין סאַלאָן, פאַרברענגען אינעם שפּייז־זאַל, אָדער אין אַ שיינעם בודואַר, כדי ער זאָל דערנאָך קאָנען דערציילן פאַר זיינע עלטערן, ווי עס וווינט זיך ביי אַ נגיד און ווי עס זעט דאָרט אויס, אָדער נישט דווקא בלויז צוליב דעם. ער האָט טאַקע באמת אַ גרויסן חשק געהאַט צו פאַרברענגען אין די רייכע צימערן, וועלכע ער האָט נישט אינדערהיים געהאַט.

אָבער איינציימיק מיט דער פּאַרערונג פון רייכע, און מיטן פאַרלאַנג אַריינצוקומען אין זייערע רייען, האָט זיך ביי דעם ייִנגל דערוועקט אַזאַ קנאה צו זייער לעבן, אַז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ביטערער שנאה. זיינע דיקע ליפּן פלעגן בלייך ווערן, יעדער טראָפּן בלוט איז אַנט־לאָפן פון זיי, און נישט ווייסנדיק, פלעגט ער אין געהיים צונויפדריקן אַ פויסט און אַ קללה האָט זיך געריסן פון זיין פון קנאה פאַרברענט האַרץ איבער דעם וווילטאָג, אין וועלכן אַנדערע געפינען זיך. ער האָט זיך גע־פילט, ווי ער שטייט שטענדיק אין דרויסן און קען נאָר בלויז אַריינקוקן דורך דעם פענצטער אין די ליכטיקע און וואַרימע הייזער אַריין...

אויך איצט, ווען מישא האָט אים דורכגעפירט דורך פיל רייכע צי־מערן, געוויזן זיין מוטערס בודואַר, זיין שוועסטערס שטוב, וועגן וועל־כער אָסיפּ האָט אים נישט אָפּגעלאָזט (ער האָט געוואָלט אַלצדינג זען), האָט ער אויך געברענט פאַר אייפערזוכט. ער האָט פאַרגליכן זייער אָרימע, פינצטערע קליינע וווינונג, וועלכע זיי מוזן תמיד באַלויכטן מיט עלעקטריע (אַזוי, אַז ער ווייסט קיינמאָל נישט, ווען עס איז טאָג און ווען עס איז נאַכט), מיט דער רייכער וווינונג. ווען ער האָט פאַרגליכן זיין אייגענע לאַגע ביי זיינע אָרימע עלטערן, וואָס נעמען אַוועק דעם ביסן פון מויל, כדי אים צו קויפן אַ פּאָר לאַקירטע שיך, מיט מישענקאַס, די מענגלעכ־קייטן, וואָס מישענקאַ האָט צוליב זיין באַרימטן פאָטער (און איצט דורך זיין שוועסטערס שדוך מיט דעם מעכטיקן מירקין) און זיין אייגענע לאַ־גע ביי אַ טאַטן, אַן אָרימען מעקלער — האָט די פראַגע: „פאַרוואָס אַלץ איינעם, און דעם אַנדערן גאָרנישט”? געזעגבערט אין זיין קאָפּ, ווי ביי יעדן אָרימען. ער האָט פיינט געהאַט זיין חבר פאַר זיין גליק און רייכקייט און אים אָנגערופן אין זיין האַרץ מיט די שענדלעכסטע נעמען. איין מינוט זיך פאָרגעשטעלט זיך אַליין אין מישענקאַס לאַגע — גאָט, ווי ווייט ער וואָלט געקומען!

ביי דעם געדאַנק האָט ער אָפּגערוט. דער געדאַנק האָט אים געגעבן שטאָף פאַר זיין פאַנטאַזיע וועגן די גרויסע זאַכן, צו וועלכע ער וואָלט געקאָנט דערגרייכן, ווען ער וואָלט געווען אויף מישענקאַס אָרט. דערנאָך, אַז ער איז געזעסן אין אַ באַקוועמער, טיפער, אויסגעבעטער שטול, אין גרויסן, מיט פיל ליכטער באַלויכטענעם, עס־צימער, האָט ער זיך שוין אינגאַנצן געפונען אין מישענקאַס שטוול. ער האָט זיך געזען אַלס זון פון

דעם הויז. אלס איידעם פון דעם בארימטן אדוואקאט, און עס איז אים אזוי גוט געווען אין דער לאגע, אז עס האט זיך בשום אופן נישט גע-גלוסט ארויסצוטרעטן, — ווען מישענקא האט אים געשלעפט און גע־וועקט, — אין ניכטערן לעבן אריין.

— נו, וואס ווען מיר דא זיצן, ווי די ווייבער ביי מאמאס עמפ־פאנג אין די פאטער־שטולן? מיר האבן דאך געזאלט ערגעץ־ווו גיין? — זאגט מישענקא.

— ווו ווען מיר גיין, אז מיר האבן קיין געלט נישט? איך האב פופציק קאפיקעס, און דאס זענען אויך די לעצטע, וואס מאמאטשקא האט געהאט (ער האט זיך צוריקגעכאפט אין דער לעצטער מינוט, רויט ווערנדיק, ווארים אין זיין פארנומענקייט, אין זיין פאנטאזיע האט ער געוואלט זאגן אן אמת, נאר נאך געווען צייט געווען ארויסצודרייען זיך.)

— וואס מאמאטשקא האט מיר געגעבן.

— און דארט באדארפן מיר האבן כאטש א צען־רובלדיקן פאר אונדז ביידן. פון וואנען וועסטו נעמען? גלייבער, אז מיר זאלן בלייבן דא אביסל.

— ווארט נאר א מינוט, איך וועל נאך זען, — רופט זיך אן מישענ־קא און לאזט איבער זיין חבר און גייט אליין אפ אין זיין צימער. ער גיט צוויי שנעלע קלונגען אין עלעקטרישן גלאק, וואס דאס איז געווען אן אפגעמאכטער סימן.

אין דער טיר האט זיך באוויזן אנושקא. זי האט נישט ווי פריער באהאלטן איר פנים אין אירע הענט. נאר דאס גליק, אז זי זאל געדופן ווערן פון אים, האט איר געגעבן די דרייסטקייט צו קוקן אים אין פנים אריין מיט פולע שמייכלענדיקע אויגן, מיט גאנצן בלייכן גליקלעכן פנים און מיט די אויפגעהויבענע פארחלשטע ליפן.

— אנושקא, איך באדארף האבן צען רובל, דו האסט נישט?

גליקלעך דערפון, וואס ער ווענדט זיך צו איר נאך עפעס, און דער־שראקן איבער עפעס־וואס, האט איר שמייכל און בליק געווארפן זיך צווישן גליק און פארצווייפלונג.

— איך האב נאר פינף רובל, א גאלד־שטיקל, וואס דער אלטער הער מירקין האט מיר איבערגעלאזט, ווען ער איז דא געווען צום לעצטן מאל; איך וועל עס באלד ברענגען, — זאגט זי אין א ציטערנדיקן פלא־

טער, און אין דעם שיין פון אירע אויגן ברענט אַ געשליפן ליכט, וואָס דריקט אויס אַ ברענענדיקע בקשה פאַר אים צו באַוויליקן.

— איך באַדאַרף צען רובל, נישט פינף. פינף וועט מיר נישט סטייען, — זאָגט מישענקאַ און אַ קרענקלעכן קאַפּריז, פאַרמאַכט זיינע אויגן און קנייטשט זיין קליינעם שטערן — אַ באַוועגונג, וואָס ווירקט שטאַרק אויף דער שוואַכער אַנושקען.

— איין מינוט נאָר, איך וועל אַרויפלויפן צום שווייצער; איך וועל מיר צובאָרגן ביים שווייצער. ביי דער דינערשאַפט שעם איך זיך שוין, — זאָגט אַנושקאַ, קוים דעם אָטעם כאַפּנדיק.

— נו, גיי שנעל, איך וואַרט.

— די מינוט.

אַנושקאַ איז פאַרשוווּנדן, און מישענקאַ איז צוריק אַריין צו זיין חבר אין עס־צימער. אין אַ פאָר מינוט אַרום האָט אַנושקאַ איר קעפּל אַריינגעשטעקט דורך דער טיר פון עס־צימער און האָט אַריינגערופן מיט אַ קוים אָטעם־כאַפּנדיקער שטימע:

— מישאַ סאָלאָמאָנאָוויטש, דערלויבט אויף אַ מינוט, עס איז ווער דאָ, וואָס וויל אייך זען.

מישענקאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס אין קאָרידאָר, צומאַכנדיק די טיר הינטער זיך. אין דרויסן האָט שוין געוואַרט אויף אים אַנושקאַ און האָט מיט אַ מאָדנעם טריאומפירנדן גלאַנץ אין אירע אויגן (וואָס מישענקאַ האָט גאָרנישט באַמערקט) געזאָגט אַ גליקלעכע:

— באַקומען, מישאַ, דער שווייצער האָט מיר אויסגעבאָרגט, — און זי האָט דערלאַנגט אים דאָס געלט, וואָס איז וואַרים געווען פון איר האַנט.

— גוט, — האָט מישענקאַ געזאָגט, — איך וועל אָפּגעבן, ווען איך וועל באַקומען פון פּאַפּאָטשקען.

— מען באַדאַרף נישט, מען באַדאַרף נישט, איינציקער, לייכטנדי־קער, — שטייט זי מיט געביילטע פויסטן און קוקט אים אין פּנים אַריין, ווי מען קוקט צו אַ גאָט.

— ווי דו ווילסט, — זאָגט מישענקאַ, — און דרייט זיך אויס און גייט צוריק אַריין אין עס־צימער און רופט אויס צו זיין חבר: געלט איז דאָ, צען רובל. מיר קאָנען גיין!

אַסיף האָט אַ שמייכל געגעבן, אַ קרומען שמייכל אויף זיין בלוט־לאָזער ליפּ. זיין שווארץ אויג האָט אַ פינקל געגעבן און זיין לאַנגע, דינע נאָז האָט אַ צוק געגעבן.

— דו באַדאַרפסט שוין גאָרנישט זאָרגן, מישענקאַ, דיין שיין פּנים וועט פאַר דיר אַלצדינג טון.

אויף מישענקאַס לענגלעכע אויסגעשניצטע באַקן איז אַן איידעלע רויטקייט אַרויסגעקומען און האָט ווי אַ שיינענדיקער טוי זיי באַלויכטן. דאָס איז געווען פון דער זעלבער מיידלשער רויטלעכקייט, וואָס קומט אַזוי לייכט אַרויס אויף זיין מוטערס פּנים, און פּונקט ווי ביי זיין מוטער, איז די רויטלעכקייט זיך צעגאַנגען אין דער שאַטנדיקער ליכט־פאַרב פון זיין איידעלער הויט, פון וועלכער זי האָט אַרויסגעשיינט ווי פון אונטער אַ דינעם דורכזיכטיקן שלייער.

קאַפּיטל 3.

נאַאום גריגאָריעוויטש ראָזמין

דאָס הויז פון דער פאַמיליע מירקין איז געוואָרן געקויפט. נישט אַזוי ווי דער „ענגלענדער" נאַאום גריגאָריעוויטש האָט עס זיך געווונטשן: אַן אַלטער „אַלעקסאַנדראָווסקי אָסאָבניאַק". עס איז געווען אַ מאָדערן הויז אין אַמעריקאַנער סטיל, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, לייכט צו פירן, וואָס אַן אינזשעניער האָט געהאַט פאַר זיך אויפגעשטעלט און איז געוואָרן געצוווּנגען צו פאַרקויפן עס צוליב געלט־נויט. נישט אויף דער „נאָבערעזשנאַיאַ", נאָר ערגעץ ווו אין דער נאָענט פון פינלענדישן באַן־הויף, אין אַ געזונטער געגנט פון שטאָט. דער אַלטער מירקין, גבריאל חיי־מאָוויטש, האָט עס גענומען אין דער האַנט אריין און מיט זיין געוווינ־הייט דורכצופירן זאַכן — איז ער צוגעטראָטן צו דער גרינדונג פון דעם „הויז מירקין" מיט זיין גאַנצער מירקינשער ענערגיע און לעבנס־קראַפט. עס האָט זיך שוין געהאַט געדאַכט, אַז די ענערגיע און לעבנס-קראַפט האָט ביי דעם אַלטן, אין דער לעצטער צייט, אָנגעהויבן אָפּצולאָזן (צו

דער פרייד פון זיינע שונאים). זייט אָבער דעם גליקלעכן געשעעניש אין זיין פאַמיליע, האָט זיך זיין ענערגיע ווידער באַנייט, ווי עס וואָלטן דאָרטן אינעווייניק אין אים אויפגעעפנט זיך נייע באַהאַלטענע קוואַלן פון לעבנס־ און חשק־שטראָמען. די מעקלערס האָבן געקראָגן דעם באַפעל אויפצוזוכן אַ פאַסנדיק הויז, און נאָכדעם ווי נינאָטשקאַ האָט עס אַקצעפּטירט, האָט ער דאָס הויז גלייך געקויפט. צענדליקער פאָר הענט פון מויערער, טישלער, שלאָסערס, מאלערס זענען באַשעפטיקט צוצופּאַסן דאָס הויז לויט די באַדערפענישן פון דער מירקינשער משפחה... אויף דעם מירקינשן אויטאָמאָביל פירט איצט דער „ענגלענדער" נאַאום גריגאָריעוויטש אַרום אָלגאַ מיכאַילאָוונען, נינאָטשקען און זייער אָפט אויך זאַכאַרין איבער פאַרשידענע אַנטיק־געשעפטן, אַרומצוקוקן פאַסנדע מעבל־שטיקער, וואָס דער „ענגלענדער" צוזאַמען מיט די דעקאָראַטאָרן זוכן אויס פאַר דעם הויז. וואָרים דער אַלטער מירקין איז איילִיק און וויל נישט אַנדערש, נאָר אַז ווען דאָס הויז וועט פאַרטיק ווערן, זאָל פאַרקומען די חתונה פונעם יונגן פאָר. נאָך וואָס אָפּלייגן?

יאָ, זאַכאַרי ווערט אויך פון צייט־צו־צייט מיטגעשלעפּט פון זיין כלה, אויפגעמונטערט דורך אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, צו וועלכער ער פילט זיך (זייט ער איז אַריינגעטראָטן אין אַזאַ נאָענטן פאַמיליען־באַנד) מער צוגעצויגן און טוט שוין, וואָס זי וויל פון אים. ער שלעפּט זיך מיט דעם „ענגלענדער", נאַאום גריגאָריעוויטש, איבער די פאַרשידענע אַנטיק־געשעפטן, גאַלעריעס, בילדער־אויסשטעלונגען, וווּ מען קויפט איין דעם הויז־באַזיץ פון די מירקינס. ער ווערט אויפגעפאָדערט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג איבער דער אָדער יענער קונסט־זאַך, וואָס זאָל באַצירן אויף לעבן־לאַנג דאָס הויז פון די מירקינס. נאָך אַלעמען איז עס דאָך זיין הויז. דאָס הויז פון יונגן מירקין, וועלכעס ווערט איצט געגרינדעט. די מעבל, די בילדער, די אויסשטאַטונגען ווערן דאָך פאַר אים איינגעשאַפט, פאַר זיין טאָג־טעגלעכן לעבן. ער וועט דאָך באַדאַרפן וווינען מיט זיי זיין גאַנץ לעבן. פאַרוואָס זאָל ער זיין גלייכגילטיק צו זיי?

אָבער דער זאַכאַרי מירקין פילט גאָרנישט, אַז די אַלע זאַכן, וועגן וועלכע עס האַנדלט זיך דאָ, ווערן דאָס איינגעשאַפט פאַר זיין געברויך. ער פילט גאָרנישט, אַז דאָס הויז, וואָס ווערט דאָ געגרינדעט, איז פאַר אים — זיין הויז. אָפּטמאָל זאָגט ער יאָ אַרויס זיין מיינונג איבער דער־

אָדער יענער זאַך, ווענן דער איינריכטונג פון דעם אָדער פון אַן אַנדערן צימער, טיילמאָל פון אייגענעם חשק, אַן אַנדערשמאָל ארויסגעפּאָדערט דורך אַ פראַגע פון זיין כלה, אָדער פון זיין כלהס מוטער. שטענדיק אָבער מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט, ווי עס וואָלט זיך גאָרנישט געוועז געהאַנדלט ווענן זיין אייגענער היים, נאָר גלאַט אַזוי ווענן אַ קונסט-זאַך אין דער וועלט אַריין.

מען שרייבט עס צו צו זיין פלעגמאַטישער נאַטור און מען מאַכט זיך נישט פיל דערפון. ער אַליין גיט צו וויסן דורך זיין גלייכגילטיקן שמייכל, דורך זיינע קאַלטע באַמערקונגען, אַז מען זאָל זיך נישט רעכע־נען מיט אים אין די זאַכן, ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין קונסט־פאַר־שטייענדיקער מחותנתטע, וואָס וועט באַלד זיין שוויגער זיין.

נאָר איינמאָל איז עס געווען, ווען מען האָט אים גערופן, אַז ער זאָל זען אַן אַלט פראַנצויזיש געשניצט שלאָף־צימער, וואָס דער „ענג-לענדער" האָט דווקא געוואָלט, אַז זיי זאָלן עס זיך איינשאַפן. זאַכארי האָט באַטראַכט דאָס גרויסע אומגעלומפּערטע בעט מיט די זיילן און באַל־דאַכין, וואָס האָט געדאַכט זיך, אַז עס איז גאָרנישט צוגעפּאַסט פאַרן מענטשלעכן געברויך, נאָר פאַר עפּעס שפּילנדיקע הימלישע מלאכימלעך, האָט אַן אומפאַרשטענדלעכער שמייכל, אומבאַקאַנט ביי אים, אַרויסגע־גליטשט זיך איבער זיינע ליפּן. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאַר־שטעלן, וואָס פאַר אַ שייכות ער האָט מיט דעם בעט. ער האָט זיך אָנ־גערופן צו דעם קונסט-ליבנדיקן נאַאום גריגאָריעוויטש, וואָס האָט אים געפירט אָנקוקן דאָס שלאָף־צימער:

— איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי מענטשן קאָנען טוישן זייערע בעטן? אַ בעט איז דאָס איינציקע מעבל־שטיק, וואָס אַ מענטש קאָן אָנ־רופן זיין אייגן. עס איז, אַזוי צו זאָגן, זיין אייגנטלעכע היים, ווי זיין הויט.

— איר רעכנט דאָך נישט מיטצוברענגען אין דער נייער וווינונג אַריין אייער בחורש בעט? — האָט דער „ענגלענדער" צווייִדייטיק גע־שמייכלט.

— פאַרוואָס נישט? — וווּנדערט זיך זאַכארי, — פאַרוואָס זאָל איך עס ענדערן?

— נו, אַ שיין לעבן וועט דאָס זיין. איר וועט ברענגען אין דער

וווינונג אריין אייער בחורש בעט, ניניאַטשקאַ — איר מיידלש בעט, און ווו וועט דאָס געבוירן ווערן דער דור מירקין, אויף וועלכן אַלע וואַרטן אַזוי אומגעדולדיק פון אייך און צו מערסטן, ווי איך פאַרשטיי, אייער פאָטער?

ווי לייכט און ווי געלעכטעריש די באַמערקונג איז נישט געזאָגט געוואָרן, דאָך האָט זי מירקינען אויפגעדעקט דאָס גאַנצע פּנים פון זיין לאַגע — און אויך דאָס מוסר זאָגן פון זיין פאָטער און פון אָלגאַ מיכאַילאָווּנען. ער האָט דערפילט דעם שריט, וואָס ער גייט טון און דאָס גאַנצע אחריות, וואָס ער נעמט אויף זיך מיט דעם שריט.

— דאָס מיינט מען טאַקע מיך, מיך אַליין, — האָט ער זיך געזאָגט אין געדאַנק, נאָר צום „ענגלענדער" אין אַ וויץ:

— מיינט איר נישט, נאַאום גריגאָריעוויטש, אַז דאָס בעט איז צו אַלט, כדי צו געבוירן אין אים אַ נייעם דור?

געזאָגט האָט ער דאָס פּשוט. נאָר אַרויסגעקומען איז דערפון עפּעס אַנדערש. עס איז געווען דער טאָן, וואָס האָט געמאַכט נאַאום גריגאָריעוויטשן דערשטוינען, נאָר אַלס גוט דערצויגענער אייראָפּעער (פאַר וועלכן דער „ענגלענדער" האָט זיך געהאַלטן אין קעגנזאַץ צו זיין גאַנצער אומגעבונג), האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן פון צו מאַכן אַ באַמערקונג בנוגע אַ זאַך, וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדערנס פּריוואַטלעכקייט; ער האָט אָפּגעלענקט דאָס געשפּרעך אויף אַן אַנדערן וועג:

— זעט זיך אויס, אַז איר האַלט די זאַכן פון איינריכטן אייער וווינונג צו גרינג, אַז איר זאָלט שענקען דערויף אייער אויפמערקזאַמקייט. אומזיסט — פאַר מיר זענען די זאַכן, וואָס זאָלן צוזאַמען מיט מיר פאַרברענגען מיין גאַנץ לעבן — זייער וויכטיק. יעדעס מעבל־שטיק, וואָס איך נעם אריין אין מיין וווינונג; יעדעס בילד, אויף וועלכן עס וועט מיר אויסקומען צו קוקן, קומט מיר פאַר ווי אַ לעבעדיקע זאַך, מיט וועלכער עס וועט מיר אויסקומען צו טיילן מיין טעגלעך לעבן. מיינט נישט, אַז די זאַכן זענען טויט. אַז איר וועט זיך אריינקוקן אין זיי, איינלעבן זיך מיט זיי — וועט איר הערן דעם טאָן פון יעדער באַזונדער, יעדע שטול וועט אייך דערציילן פון דער עפּאָכע, אין וועלכער זי איז געמאַכט געוואָרן, פון דער נשמה פון איר בעל־מלאכה, וואָס האָט זי אויסגעדיכטעט, פון דעם קינסטלערישן קאַפּריז, וואָס האָט אויסגעגאָסן איר ליניע.

אין דעם בויג, אין דעם אויסשניט — אז איר וועט זיך איינגעווינען צו קוקן — וועט איר הערן די וועלן פון דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע פון זייער מייסטער, — אין די ליניעס פון אייער מעבל נישט ווינציקער, ווי אין די סטראָפן פון אַ ליד. מען דאַרף קענען אַראָפּלעזן פּאָעזיע פון מעבל־שטיקער (פון אַן אַלטער קאָמאָד, פון אַן אַלטן שראַנק, פון אַ טיש, פון אַ באַנק) נישט ווינציקער ווי מען באַדאַרף הערן מוזיק, אָדער פילן פּאָעזיע, אָדער רעאַגירן אויף פאַרבן — און מיר איז אַ וואונדער אויף אייך, זאַכארי גאַוורילאָוויטש, וואָס איר זענט אַזוי גלייכגילטיק צו די אַלע זאַכן, אַזוי ווי איר וואָלט זיך געשעמט אַרויסצוצייגן אייערע עסטעטישע באַדערפעניש. אייער פאָטער — זעט איר — האָט עס גלייך פאַרשטאַנען, און ער איז איצט פאַראינטערעסירט אין יעדן מעבל־שטיק, וואָס קומט אַריין אין דער נייער ווינונג, נישט ווינציקער ווי אין די קוואַליפיקאַציעס און כאַראַקטער פון אַ נייעם אָנגעשטעלטן, וואָס ער נעמט צו אין זיין געשעפט. ער וויל, אַז מיר זאָלן דווקא אויסריכטן די ווינונג מיט עכטע, אמתע שטיקער, נישט קוקנדיק אויף קיין פּרייז. יעדן טאָג פרעגט ער מיך דורך דעם טעלעפאָן, ווי עס האַלט מיט דעם אויסריכטן פון דער ווינונג. איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז ער וועט אַזויפיל אינטערעס אַרויסווייזן צו די זאַכן.

— אַזוי איז ער פאַראינטערעסירט, מיין פאָטער, אין דער ווינונג?

— וואונדערט זיך זאַכארי, און לייגט צו אין האַלבן שפּאַס: אויב אַזוי, וואָלט איר באַדאַרפט אפשר, נאַאום גריגאָריעוויטש, מיין פאָטער ווייזן דאָס בעט, צי עס פּאַסט זיך, אַז עס זאָל אין אים געבוירן ווערן דער נייער דור „מירקין". וואָרים נאָך אַלעמען גלויב איך, אַז מיין טאַטע איז אַממיינסטן פאַראינטערעסירט אין דעם נייעם מירקינשן דור, מער פון מיר, און מער פון נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ.

— זאַכארי גאַוורילאָוויטש, וואָס זענט איר היינט אַזוי ביטער? נאָך גוט, וואָס די דאַמען זענען נישטאָ מיט אונדז. איך האָב נישט געוווסט, אַז איר קאָנט אַזוי רעדן וועגן די זאַכן, מיט אַזאַ — דערלויבט מיר פריי אַרויסצורעדן — ציניזם.

— איך גלויב נישט, אַז איך האָב באַליידיקט אייערע אומשולדיקע געפילן, נאַאום גריגאָריעוויטש. מיר זענען דאָך צווישן בחורים.

— ניין, נאָר דער טאָן, וואָס איר באַנוצט, איז אַ גאַנץ נייער, זאַ־

בּאַרי גאַווריליאָוויטש. ביי אַן אַנדערן וואָלט עס מיך נישט געווען געוווּנדערט, אין אונדזער היינטיקער צייט, נאָר פון אייך, — דערלויבט מיר אייך אָפן צו זאָגן — האָב איך דערוואַרט, אַז איר וועט זיך אַנדערש אויסדריקן וועגן אייער צוקונפטיק פאַמיליען־לעבן. אָדער איר וועט גאָרנישט רעדן וועגן דעם. איר ווייסט דאָך, מיר האַלטן אייך דאָך צווישן די ראָמאַנטיקער, און אויך אַנדערע — אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ!

ביי אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס נאָמען האָט זיך מירקין געראָטלט.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר וועט עס אַזוי ערנסט נעמען, נאַאום גריגאָריעוויטש, — אַ שטימונג אַזעלכע.

— איך ווייס עס, איך ווייס עס, — זאָגט נאַאום גריגאָריעוויטש,

— אָבער דערלויבט מיר אייך גאַנץ אָפן צו זאָגן, אַז עס שאָקירט מיך, ווען איך הער, ווי היינטיקע יונגעלייט דריקן זיך אויס וועגן די הייליקסטע און אינטימסטע געפילן מיט אַזאַ רואיקייט. איך קאָן עס נאָך נישט איבערטראָגן.

מירקין האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דער „ענגלענדער" נעמט עס אַזוי צום האַרצן. וואָרים, נאָך אַלעמען לאַכט ער דאָך אויס זיך אַליין, זיין אייגענעם גורל. — וועמענס עסק איז עס?

פאַרן „ענגלענדער" האָט מירקין פאַרמאָגט אַ געוויסע גרינגשעצונג, ווי אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער אומגעבונג פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט. דער אַדוואָקאַט, אפשר גאָרנישט מיינענדיק דערביי (און אפשר אויך צוליב אומבאַוווּסטן אייפערזוכט־אינסטינקט), האָט באַאיינפלוסט אַלע זיינע אַרומיקע קעגן „ענגלענדער". ביי יעדער באַגעגעניש מיט נאַאום גריגאָריעוויטשן האָט דער אַדוואָקאַט נישט אויסגעמיטן די געלעגנהייט צו מאַכן גיפטיקע ביטול-באַמערקונגען אויפן „ענגלענדערס" אַדרעס, כּדי אים אויסצולאַכן. זאַכאַרין אָבער, ווי גרינג ער האָט נישט געשעצט דעם לייִדיק־אַרומגייענדיקן פעטערבורגער „דענדי", האָט אָבער פאַרבונדן אַ געוויסע נאָענטקייט, אַ שייכות צו אים. דאָס איז געווען דאָס אינטימע באַהאַלטענע געפיל, וואָס דער „ענגלענדער" האָט פאַרמאָגט צו אָלגאַ מיכאַילאָוונען (פון וועלכן זאַכאַרי, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע הויז-מענטשן, האָט געוווּסט). אייפערזוכט צעטיילט נישט בלויז די קאָנקורענטן, אין אַ געוויסער מאָס פאַרבינדט זיי דאָס זעלבע געפיל צו איין און דער זעלבער פּערזאָן, וואָס מאַכט זיי פאַר שונאים...

אזוי ווי די פערזאָן, וועלכע זיי ליבן בשותפות, וואָלט זיי ערגעץ־ווו אין געהיים פאַרברידערט...

— זאַכאַרי האָט געוווסט, אַז דער „ענגלענדער" האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אייגן גליק פאַר אָלגאַ מיכאַילאָוונען. צוליב איר איז ער פאַר־בליבן זיצן אַן אַלטער בחור, און ער לעבט אין זיין פאַנטאַזיע נאָר מיט איר. ער פאַרפעלט נישט אַרויסצווייזן זיינע געפילן צו אָלגאַ מיכאַי־לאָוונען ביי יעדער געלעגנהייט, באַשענקט זי ביי זיין יעדעס מאָל קו־מען אין הויז מיט קליינע אויפמערקזאַמקייטן. אַמאָל מיט אַן אַלטער פּאָרצעלייענער טיי־טאַץ, אַמאָל מיט אַ מיניאַטור, כאָטש ער מאַכט זיך דורך דעם לעכערלעך פאַר אַלע אַרומיקע. עס איז געווען, ווי דעם „ענג־לענדער" וואָלט עס גאָרנישט געאַרט, וואָס מענטשן קלערן וועגן אים. ער איז נאָכגעגאַנגען זיינע געפילן דאָרט, ווו זיי האָבן אים געפירט, נישט זאָרגנדיק זיך, וואָס אַנדערע טראַכטן וועגן דעם.

— נאַאום גריגאָריעוויטש, וואָס איז דער ציל פון אייער לעבן? — האָט זיך פּלוצלינג זאַכאַרי אָנגערופן צום „ענגלענדער", ווען זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל אַהיימצופאָרן.

נאַאום גריגאָריעוויטש האָט אים אָנגעקוקט. זיינע בלויע אויגן זע־נען געוואָרן באַדעקט ווי מיט אַ טוי. ער האָט מיט זיין זיידן טיכל פון ברוסט־טאַש איבערגעווישט זיין צעוואָרעמטן שטערן און געהאַלטן אין איין אָנקוקן זאַכאַרין. ער האָט צוערשט געמיינט, אַז דער לעצטער לאַכט פון אים, און וויל מיט דער פראַגע אָנשפּילן אויף זיין לערקייט. נאָר דער ערנסטער אויסדרוק פון זאַכאַרים פּנים און די שטילקייט, מיט וועלכער ער האָט אים די פראַגע געפרעגט, האָט באַלד דעם „ענגלענדער" איבער־צייגט אין דער אויפריכטיקייט, און איינציייטיק אויך דערקלערט זאַכאַ־רים פאַרהאַלטן זיך: עפּעס וואָס מוז עגבערן אין דעם יונגנמאַנס מוח.

— איך וועל מיט אייך זיין אויך אזוי אָפן, ווי איר זענט געווען מיט מיר. מיר וועלן אויף אַ מינוט אוועקלייגן דעם ראָמאַנטישן נעפּל, אין וועלכן איך האָב זיך אויסגעקליבן צו לעבן פאַר מיין אייגענער באַקוועמלעכקייט און גלוסטונג, און פּרווון קוקן די זאַכן אין תוך אַריין: קיינער האָט מיך נישט געפרעגט, אויב איך וויל געבוירן ווערן, אַז איך זאָל זיך אויסזוכן אַן אורזאַך דערפאַר און אַ ציל. מיין פאָטער האָט גע־האַט אַ געוויסע פיזיש־סעקסועלע באַדערפעניש, בין איך געבוירן גע־

וואָרן (איר זעט, איך בין איצט דער ציניקער). וואָלט ער געווען געוווסט פון די מעטאָדן, וואָס מיר באַנוצן היינט אויסצומיידן אומבאַקוועמלעכקייטן, וואָלט איך גאָרנישט געווען געקומען אויף דער וועלט, אַלס אַ פינפטע קינד, וואָס איך בין... און אַלס „צופאַל“, וויל איך דורכלעבן מיין לעבן אונטער די אומשטענדן, וואָס פאַסן מיר אַמבעסטן לויט מיין געמיט און איינדרוקס-פעאיקייטן. איך באַטראַכט זיך פּונקט אַזוי ווי אַ פליג, ווי אַ גרינסל, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין לעבן אַריין. דורך איר אינסטינקט רייסט זיך די פליג אָדער דאָס בלעטל צום זונען-שטראַל, די בין צו דער בלום, אַזוי רייס איך זיך דורך מיין אינסטינקט צו יענע שטראַלן, צו יענעם האָניק, וואָס איז צוגעפּאַסט צו מיין גומען. דורך מיין פּאַטערס אַנגעזאַמלטע פאַרמעגנס איז מיר געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט אויסצופיינערן מיינע לעבנס-באַדערפענישן אין מויזנטער פאַרשידענע פאָרמען און ניואַנסן. מיין פּאַטערס רייכטום דערלויבט מיר אויך די אויסגעפיינערטע באַדערפענישן צו באַפרידיקן, און איך געניס פון די שיינקייטן, וואָס זענען אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך פאָרמען, ליניען און קאָלירן, אין אַלטע מעבל-שטיקער, אין אַלטן פאָרצעליין, אין אַלטע בילדער. וואָלט מיין געשמאַק נישט אַזוי קרענקלעך געוואָרן אויסגעבילדעט, וואָלט איך וואַרשיינלעך באַגנוגנט זיך מיט יענע פאָרמען, וואָס די מעגלעכקייטן און די אומגעבונג וואָלטן מיר געשאַפן. איך וואָלט זיך געווען געפרייט מיט דער זון, מיטן שניי אויפן ברוק, מיט אַ שפילנדיקן הימל, מיט אַ קאָנצערט, וואָס איך וואָלט געווען געהערט. וואָלט איך געבוירן געוואָרן אויפן דאָרף, ביי אַנדערע אומשטענדן: מיטן וואַלד, מיט פעלד, און זומער און ווינטער מיט דער פּשוטער לאַנדשאַפט. איך גלויב, אַז ביי דעם שטימונגס-געמיט, וואָס איך באַזיץ, וואָלט איך אין יעדער לאַגע געווען געפונען מיין פרייד און גליק, מיין שפּייז צו מיין גומען, ווייל איך גיי דורך דעם לעבן ווי אַ פליג, ווי אַ זונען-שטראַל, וואָס רייסט זיך דורך אַ שפּאַלט. איך נעם אויף אין מיר אַלצדינג, וואָס טראָגט שפּייז פאַר מיין ראַפינירטן אינסטינקט, פאַר מיין דורשט. איך זויג מיר אויס די פאָרמען, וועלכע זענען אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר מיין אינדיווידועלן געברויך פון יעדער זאַך, וואָס איך געפין. נעמט כאָטש מיינע סעקסועלע באַדערפענישן: אַנדערע זוכן זייער צופרידנקייט דורך איבערגעזעטיקטקייט; איך געפין מיין צופרידנקייט אין שטענדיקן הונ־

גער... אין דעם לעבצן נאָך לוסט. איר ווייסט אַלע וועגן מיינע געפילן צו אָלגאַ מיכאַילאָוונען. איך באַהאַלט זיי גאָרנישט. דורך דעם, וואָס איך האָב זיך פאַרליבט אין אַ פרוי, וואָס וועט קיינמאָל נישט זיין מיר צו־געגלעך (וואָס איך וועל קיינמאָל נישט דערוועגן אַפילו אין מיין געדאַנק זי אַרויסצורופן צו זעטיקן מיין בענקשאַפט) — איז דאָס אַ צוגעפּאַסטע פאָרם פאַר מיינע (גראָב גערעדט) סעקסועלע באַדערפעניש. קיינער האָט נישט אַרויפגעוואָרפן אויף מיר דעם ראָמאַנטישן מאַנטל, וועלכן אַלע וואַרפן מיר פאָר. איך האָב זיך איינגעהילט אין אים דערפאַר, ווייל ער איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר מיין אינערלעך געשטאַלט. איך האַלט נישט דאָס ביסל אָרימע יאָרן אַלס אַ צוועק פאַר זיך, נאָר אַ קליין באַ־גרענעצט, מיט טויט אָנגעצייכנט שטראָמל, אין וועלכן מיר זענען צופע־ליק אַריינגעפאַלן, וואָס גיסט זיך אין אייביקן ים פון פאַרניכטונג.

— און דאָס באַפרידיקט אייך? — פרעגט זאַכאַרי, — איר קאָנט זיך באַגנוגענען?

— און מיט וואָס קאָן מען זיך יאָ באַגנוגענען? דאָס איז אפשר דאָס איינציקע געטלעכע, וואָס מיר פאַרמאָגן, דער איינציקער שפּור פון איי־ביקייט. לאָזט איבער דאָס „באַגנוגענען".

— אויב אַזוי, צו וואָס ווידער דאָס געבוירן ווערן?

— ווען מיר וואָלטן נאָר געקאָנט דאָס פאַרמיידן.

זאַכאַרי האָט אַ מינוט געקלערט, דאַן האָט ער געזאָגט ווי פאַר זיך, און ווי עס האָט זיך דעם „ענגלענדער" אויסגעדאַכט, שטיל:

— מיר קאָנען אָבער פאַרמיידן דאָס לעבן.

דער „ענגלענדער" האָט אויך אַ מינוט געשוויגן, ווי ער וואָלט געווען זאַכאַרים געדאַנק גוט צעקייט, אָפּגעענטפערט אויך אין דער שטיל, ווי פאַר זיך:

— יאָ, דאָס קאָנען מיר פאַרמיידן.

דערויף זענען שוין ביידע שטיל געוואָרן.

קאַפּיטל 4

העלענאַ סטעפּאַנאָווּנאַ

— נו, גאָט צו דאַנקען, מיט העלענאַ סטעפּאַנאָווּנען אַלץ אויסגע־גליכן, — רופט זיך אָן דער פאָטער צו זאַכאַרין, ווען דער לעצטער איז אַריינגעקומען אין דעם מירקינשן קאַנטאָר צום פאָטער אין קאַבינעט.

— ווי הייסט? — פרעגט דערשטוינט זאַכאַרי.

— וואָס מיינסטו, „ווי הייסט?" — מיר זענען מיט גוטן דורכגע־קומען, אומאָנגענעמלעכקייטן פארמיטן, גאָט צו דאַנקען. — נאָך אַלעמען איז זי אַ קלוגע פרוי, העלענאַ סטעפּאַנאָווּנאַ, — זאָגט דער אַלטער. און נעמט אַרויס זיין ברייט טאַשנטוך און ווישט זיך איבער זיין רויטן שטאַרקן קאַרק און האַלדז, אויף וועלכע עס האָבן אָנגעהויבן אַנגסטן אויסצושלאָגן. זאַכאַרי האָט געשוויגן.

— נו, איצטער שטייט שוין, גאָט צו דאַנקען, גאָרנישט מער אין וועג. מען האָט באַדאַרפט, אַז דיין „ענגלענדער" זאָל וואָס שנעלער איינ־אָרדענען די וווינונג. קיין סך יאָרן וועלן שוין סיי ווי סיי נישט איבער־בלייבן צו לעבן.

זאַכאַרי האָט אַלץ געשוויגן.

— און דו פירסט זיך אויך שוין אויף, מיין זון. נינאָטשקאַ האָט זיך געקלאָגט אויף דיר, אַז מען זעט דיך גאָרנישט לעצטנס. איך פאַר־שטיי נישט, ווי אַזוי דערוואַרטסטו, אַז זי זאָל דיר נאָכלויפן? די נאַ־רישקייטן מוזן אויפהערן.

— וועלכע נאַרישקייטן? — האָט זאַכאַרי געפרעגט ווי אין חלום.

— איך מיין דיינע משוגעתן, ווען דו וועסט מיר מוחל זיין פאַרן אויסדרוק. ווי אַנדערש קאָן מען דאָס אָנרופן? אַ יונגערמאַן קריגט דאָס שענסטע מיידל פון פעטערבורג, און איידער ער האָט זי נאָך רעכט אָנ־געקוקט, פאַר דער חופה נאָך, אין זיינע חתן־יאָרן, פאַרנאַכלעסיקט ער זי שוין. ווי שטעלסטו דיר פאָר דיין צוקונפטיק לעבן? וואָס איז עס אַזעל־כעס — מיט וואָס טראָגסטו דיך אַרום? — זאָג, געפעלט דיר נישט?

מיינסטו, אַז עס איז נישט פאַר דיר? — טאַ שניידט מען אָפּ. און באַלד, וואָס פאַר אַ וועג איז עס אַזוי צו האַנדלען? מען קלייבט אַ וווינונג פאַר דיר און דו ווייזט נישט אַרויס דעם קלענסטן אינטערעס. און לאָמיך דיר זאָגן, אַז איך הייב זי אָן צו באַדויערן, די נינאָטשקאַ דיינע. — וואָס איז עס אַזעלכעס? — מען באַדאַרף דאָך אַמאָל וויסן, אייגנטלעך, וואָס מען וויל?

זאַכאַרי האָט געלאָזט דעם פאָטער אויסרעדן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך גוט געוועזן איינגעהערט צו זיינע רייד. נאָר איינגעהערט האָט ער זיך צו עפּעס אַנדערש, און אויף דעם פאָטערס פאָרוואורף איז ער מיט איינמאָל אַרויס מיט אַ כעס, וואָס מ'האָט עס ביז איצט נישט באַמערקט ביי אים.

— אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך. דאָס איז דאָך אומדערהערט, דאָס איז דאָך...

— וואָס מיינסטו? וואָס איז אומדערהערט?

— דיין האַנדלען קעגן העלענאַ סטעפּאַנאָוונען. ווי אַזוי קאָנסטו דאָס?

דער פאָטער איז רויט געוואָרן. זיינע אויערן האָבן אָנגעהויבן צו גליען. מען האָט אָנגעזען, אַז פאַר אויפרעגונג קאָן ער נישט געפינען קיין ווערטער. אָבער דאָס האָט נאָר געדויערט אַ קליינע ווײַלע. באַלד האָט ער זיך געגעבן אַ וואַקל צוריק אין דער באַוועגלעכער שטול, און האָט געזאָגט רואיק, קאַלט, מיט אַן אונטערשלאַג פון אַ לצנותדיקן שמייכל:

— עס איז אפילו זייער מאָדערן, אינגאַנצן לויט דער צייט, אַז קינדער זאָלן עלטערן אָנווייזן אויף זייער פירן זיך — אָנשטאָט פאַרקערט.

— נאָר איך דערוואַרט נישט פון קיינעם, אַז ער זאָל זיך אַריינמישן אין מיינע פּריוואַטע זאַכן, אפילו פון מיין אייגענעם זון נישט.

— ווי אַזוי איז דאָס אייגנס, פּריוואַט? — דאָס איז אונדזער אַלעמענס.

נאָר דער אַלטער מירקין האָט זיך שוין געהאַלטן פעסט אין די הענט.

— טאָקע דערפאַר ווייל עס איז אונדזער אַלעמענס עסק — האָב איך באַדאַרפט מאַכן וואָס שנעלער אַ סוף דערצו. פון וואַנען ווייסטו, אַז עס איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען? אפשר באַזיצט נאָך דיין פאָטער אַזויפיל מענטשלעך געפיל ווי דו? — און אפשר שפילן נאָך ביי אים מיט

אויך אַנדערע פּאַקטאָרן? סענטימענטאַלע, עגאָאיסטישע, אַזוי צו זאָגן, און ווען איך בין באַשטאַנען אויף דעם קרבן, איז עס נישט געווען צוליב מיין אייגענער באַקוועמלעכקייט, נאָר טאַקע צוליב דער אַלגעמיינער זאַך. פון וואַנען ווייסטו, ווי ניוּאַטשקאַ און אירע עלטערן וואָלטן זיך באַצווינגן דערצו, ווען אין אַ שיינעם טאָג וואָלט דאָרט אַ רעפּאָרטער צו וויסן געלאָזט וועגן מיינע באַציאונגען מיט העלענאַ סטעפּאַנאָוונען אין אַ צייטונג. וואָרים, ווי דו זאָלסט מיך נישט וועלן פאַרלייקענען, בין איך דאָך דער פאָטער פון דעם זון. און איך האָב אַ כלל, אַז איידער איך גיי טון אַ שריט, קלייב איך אָפּ אַלע שטרויכלונגען, וואָס ליגן אויף מיין וועג.

דעם פאָטערס רואיקער און זעלבסטפאַרשטענדלעכער טאָן האָט אַנטוואָפנט דעם יונגן מירקין. ער איז געשטאַנען קעגנאיבער זיין פאָטער, ווי אַ קינד, וואָס שטייט פאַר אַ גרויסן באַלאָן, וועלכן עס וויל אָנכאַפּן מיט זיינע קליינע הענטלעך און קאָן נישט, ער גליטשט זיך אַרויס. ווי יעדער שוואַכער כאַראַקטער, ווען ער דערפילט זיין אָנמעכטיקייט, ווערט ער בייז, אַזוי האָט זאַכאַרי אויך געמיינט זיין גאַנצן פולוער אויסצושיסן קעגן זיין פאָטער, ווען ער האָט געזאָגט.

— איך גיי אַהין צו איר, איך גיי צו העלענאַ סטעפּאַנאָוונען, זי איבערבעטן, זי צו באַרואיקן — האָט דער יונגער מירקין נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט.

— גיי טאַקע אַהין צו איר, זי דערוואַרט דיך. זי ווייסט נישט, פאַר וואָס דו מיידסט זי אויס אין דער לעצטער צייט — ווי אונדז אַלע. איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל דיך אַהינשיקן, אָבער זי „איבערצובעטן", זי צו „באַרואיקן", צו „פאַרזיכערן" האָסטו נישט וואָס. וועסט זיך באַלד איבערצייגן אין דעם. און אַז דו וועסט זי זען — גיב איר טאַקע איבער, אַז אַלץ איז געוואָרן אַזוי איינגעריכטעט, אַזוי ווי זי האָט געוווּנטשן. איבעריקנס, איך שרייב איר וועגן דעם.

— זיי מוחל, פאָטער, אַז איך וועל זיך אָפּזאָגן אויסצופירן די ישליחות דיינע.

— אפשר האָסטו רעכט, זאַכאַרי, און זיי מיר מוחל פאַר מיין אומטאַקטישקייט, — האָט דער פאָטער רואיק געזאָגט.

מירקין האָט זיך אויפגעהויבן, און מיט אַ פאַרשעמטן „זיי געזונט" צו זיין פאָטער איז ער אַראָפּ, ווי אַ ייִנגל וואָס האָט געכאַפּט אַן עליה,

געגומען אַ דראָשקע (דער שניי איז זיך שוין צעגאַנגען איבער דעם פּע־טערבורגער ברוק) און געהייסן זיך פירן אויף „קאָמעני אָסטראָוו", צו העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַס וווינונג.

ער האָט זי אָנגעטראָפן אַזוי ווי זיין פאָטער האָט אים פאַרזיכערט, גאָרנישט אין דער טראַגישער פאַרצווייפלטער לאַגע, אין וועלכער ער־האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ מוז זיך געפינען, נאָכ־דעם ווי זי האָט זיך צעשיידט מיט זיין פאָטער. פּונקט ווי שטענדיק, האָט זי אים אויפגענומען אַ שמייכלענדיקע, מיט אויפריכטיקער צופרידנקייט, וואָס זי האָט אַזוי געשיקט געקאָנט אַרויסברענגען דורך איר אָפענעם שמייכל און האַרציקע ווערטער.

ווי תמיד, איז זי געווען איבערגעטריבן אָנגעפּודערט, און אירע בלאָנדע האָר צעשאָטן אין לאָקעלעך, וועלכע זענען געהאָנגען, ווי צוגע־העקלטע טראָלדזן פון איר קאָפּ אַראָפּ. זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט אירע ראָזע אָנגעפּודערטע און מיט קרעם אויסגעווייכטע הענט פון אירע ברייטע אַראָפּהענגענדיקע באַטיסטענע אַרבל, און אַריינגעפירט אים צו זיך אין צימער, אַוועקגעזעצט אים נעבן זיך אויף דער חנעוודיקער אויס־געהאַפטענער „טיי־סאָפע", אין איר באַליבט ווינקל. ווי תמיד, זענען אַלע שפּיגל־טישלעך, קאָמאָדעלעך און אַנדערע שפּיל־מעבל פון איר פרויען־צימער נאָך אַלץ באַשטעלט געווען מיט פאָטאָגראַפיעס פון זיין פאָטער און פון אים אַליין, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען. זי האָט גערעדט צו אים אָפנהאַרציק, מיט גרויס אינטערעס, און האָט אים אויסגעפרעגט וועגן נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ און וועגן דער פאָרשטייענדיקער חתונה זייע־רער.

— אַזוי ווי איך פאַרשטיי, איז עס שוין גאָרנישט ווייט. איר וואַרט נאָר, ביז איר וועט פאַרטיק ווערן מיט דער איינריכטונג פון אייער וווי־נונג?

— יאָ, אַזוי איז עס.

— העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ, איך בין געקומען אייך איבערבעטן פאַר מיין פאָטערס אומדערהערטער האַנדלונג. מיר אַלע, נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ און איך, קאָנען מיט גאָרנישט פאַרענטפערן דעם פאָטערס אומפאַרשטענד־לעכע האַנדלונג, און איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז אונדזער גאַנצע סימ־פּאַטיע איז אויף אייער זייט.

— אָ, דאָס מיינט איר, — שמייכלט לייכט העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ, און באַווייזט די חן־גריבלעך אין אירע באַקן. — איך האָב זיך גערינכט דערויף, און איך בין געווען צוגעגרייט דערויף.

— נאָך די אַלע יאָרן פון אייער צוזאַמענלעבן? — וואונדערט זיך מירקין.

— איך קען אייער פאָטער צו גוט, אַז איך זאָל זיך נישט ריכטן אויף איבעררעאַשונגען. אויף אייער פאָטער איז זיך גאָרנישט צו וואונדערן, מיין יונגער פריינט. ער איז דאָך נישט קיין געוועגלעכער מענטש, ווי מיר אַלע. מיר אַלע, אַז מיר קומען אין אַ געוויסן עלטער — ווייסן מיר, וווּ מיר געהערן. אייער פאָטער איז אַ שטענדיקער באַנייער. קיין עלטער עקזיסטירט נישט פאַר אים. ער קאָן אַראָפּוואַרפן פון זיך זיין ווינטער־פעל, אַזוי נאַטירלעך ווי אַ חיה, און מיט אַן אמת גערעדט — בין איך צופרידן וואָס עס האָט זיך אַזוי געענדיקט. ער איז געווען, אייער פאָטער, צו רירעוודיק אפילו פאַר מיר. איך בין אַן עלטערע פרוי און איך ווייס, אַז איך האָב שוין גאָרנישט מער צו דערוואַרטן פונעם לעבן. אייער פאָטער וואַרט אַלץ נאָך אויף נסים. ער רעזיגנירט קיינמאָל נישט, און ער האָט רעכט אויך. ער באַנייט זיך שטענדיק. אָט, דאַכט זיך שוין, אַז גבריאל חיימאָוויטש איז שוין אָנגעקומען מיט זיין שיפל צו אַ ברעג און וועט וואַרפן דעם אַנקער, און מיטאַמאָל, ער ציט אַרויף דעם אַנקער און צילט ווידער צו אַן אַנדערן פאָרט. ווער ווייסט וואָס עס איז נאָך צוגעגרייט אין דער צוקונפט פאַר אייער פאָטער.

— איך וויל אים גאָרנישט באַשיצן, פאַרענטפערן. זיין טאַט באַרעכטיקט אייך צו האָבן יעדע מיינונג וועגן מיין פאָטער, העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ, און איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז איר האָט אונדזער גאַנצע סימפּאַטיע.

— אָבער פאַרקערט, איר זענט זיך זייער טועה, מיין יונגער פריינט. מיר זענען מיט גבריאל חיימאָוויטשן אין די בעסטע באַציאונגען. איך האָב פון אים די בעסטע מיינונג, איך האָב עס אים אַליין געראַטן צו טון. איך האָב אים שטענדיק געזאָגט: „מיט אייך, גבריאל חיימאָוויטש, באַדאַרף מען שטענדיק זיין געפּאַקט, גרייט אויף דער רייזע". און דורך די יאָרן, וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען, האָב איך אויסגעלערנט זיך צוויי זאַכן וועגן אייער פאָטער. ערשטנס: אַז מען טאָר זיך

נישט שטעלן אים אין וועג אריין, ווייל ער וועט צעברעכן אלע צוימען; און צווייטנס, אז עס האט קיין נוץ נישט, ווייל ער וועט עס סיי ווי סיי טון. עס דרימלען אין אים געהיימע זאפאסן פון ענערגיע און מען ווייסט קיינמאל נישט, ווען אזא זאפאס לעבנס־שטראם וועט זיך אריינלאזן אין זיינע אדערן און באנייען זיין בלוט. איך האב עס אים שטענדיק געזאגט: „איך וועל עס שוין דערפילן, ווען אן עקספלאזיע באדארף קומען, וועל איך אייך אליין שיקן אין וועג אריין", און איך האב עס אויך דערפילט פיל פריער פאר אים. עס איז געווען אינעם מאמענט, ווען איר האט זיך פארקנסט מיט נינא סאלאמאנאווענען. דענסטמאל האב איך אים געזאגט: „איצט איז די צייט". איך אליין האב אפשר צוגעהאלפן אט די לעבנס־קראפט אין אים ארויסצורופן. און פאר וואס נישט? עס וואלט געווען א זינד פאר גאט, פאר אונדז אלעמען, א שאד צו לאזן גיין לאבוד אט די טייערע ענערגיע, וואס דערוועקט זיך אין אייער פאטער. ער אנטוויקלט דאן אזא טעטיקייט; זיינע כוחות ווערן באנייט, זיין דענקען ווערט פריש און ער שאפט דענסטמאל זיינע גרויסע פלענער. ניין, נאך נישט פארביי די צייט פאר גבריאל חיימאוויטשן. און צו וואס אים שטערן? איך גלויב אין אים צופיל, איך אכט אים און איך ליב אים, אז איך זאל מיך ווארפן פאר א שטערונג אויף זיין וועג. מיט איין ווארט, איך אליין האב דאס געטון. איך אליין האב ארויסגערופן די ענדע. איר האט נישט פאר גארנישט אייער פאטער עפעס פארצווווארפן.

— דער פאטער האט געמיינט, אז ער האט באדארפט פאר מענטשן עס טון, אז זיין באציאונג צו אייך (וואס איך פארשטיי נישט פארוואס איר האט זי נישט לעגאליזירט) קאן אין א געוויסער מאס שלעכט באאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג צו אונדז און שטערן אונדז אין אונדזער געזעלשאפטלעכער שטעלונג, וועלכע ער דערווארט, אז נינאטשקא וועט פארנעמען נאך אונדזער אפיציעלן פארבינדן זיך; איך קאן אבער בשום אופן נישט פארשטיין וואס פאר א שייכות דאס האט צו אונדז.

— אייער פאטער האט רעכט. איך בין איינפארשטאנען מיט אים. נינאטשקא מוז פארנעמען איר פאסנדיקע שטעלונג אין דער געזעלשאפט. אויך איר. און דאס וואס אייער פאטער האט אומלעגאלע באציאונגען צו א געוועזענער זינגערין, איז זעלבסטפארשטענדלעך א שטערונג. און נאר איין זאך קאנט איר אויפווארפן אייער פאטער: ווען גבריאל חיימאוויטש

האָט וועמען עס איז אין לעבן ליב, דאָס הייסט, ווען אייער פֿאָטער איז פּעאיק אויפֿן קלענסטן קרבן, אָפּזאָגן זיך פֿון זיין מינדסטער איינגליבע, איז עס נאָר פֿאַר איינעם, — פֿאַר זיין זון. אַלץ איבעריקס עקזיסטירט נאָר פֿאַר אים, ווי שפּייז פֿאַר דער חיה אין וואַלד. איך בין איבערצייגט, אַז זיין ליבע און איבערגעבנקייט צו זיין קינד איז געווען דער איינציקער מאָטיוו פֿון זיין האַנדלען. און אַזוי באַדאַרפֿט איר עס אויך נעמען. דווקא די לעצטע איצטיקע טאַט זיינע איז געשען נאָר אויס ריינע אידעאַלע גרונדן. איך פֿאַרזיכער אייך, דאָס איך פֿיל מיט אים מיט. איך וואָלט אויך אפשר אַזוי געווען געהאַנדלט, ווען דאָס מזל וואָלט בעסער געווען צו מיר. פֿאַר מיין קינד וואָלט איך אַלץ אימשטאַנד געווען מקריב צו זיין, אפֿילו מיין ליבע צו גבריאל חיימאָוויטשן.

— אָך, איר זענט צו איידל, העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ, — קושט זאַכאַרי שטאַרק גערירט איר האַנט.

— אָבער, אַזוי ווי איך פֿאַרשטיי, האָט אייער פֿאָטער בדעה זיך צו באַזעצן מיט אייך אינעם הויז, וואָס איר עפֿנט אויף. איז עס נישט אַזוי? — זאָגט זי פּלוצלינג.

— יאָ, ער געפֿינט דאָס האָטעל־לעבן נישט מער אַמוזאַנט. וואָס דענקט איר דעריבער?

— געוויס וועט עס פֿאַר גבריאל חיימאָוויטשן זיין אַ קוואַל פֿון נחת די נייע משפּחהדיקע דערפֿאַרונגען, איך קען אים פֿאַרשטיין און איך פֿיל מיט אים מיט, כאָטש מען זאָגט אַז „האָטעל־געסט לעבן זיך זייער שלעכט איין אין אַ היים". עס ציט זיי, אַזוי צו זאָגן, צוריק אין „וואַלד" אַריין. אַ כשוף אַזעלכער ביי זיי, זאָגט מען. אין דעם פֿאַל וועט אָבער זיין אַ צווייטער כשוף, כדי אייער פֿאָטער איינצוהאַלטן אין דער „היים"; איך מיין די איידעלע נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, צו וועלכער, ווי איך פֿאַרשטיי, אייער פֿאָטער איז זייער צוגעבונדן, און ווי איך בין זיכער, וועט זי אויסנוצן אַלע אירע רייצן, כדי גבריאל חיימאָוויטשן צוצוקייטלען צו דער „היים".

זאַכאַרי, נישט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, האָט פֿון דער לעצטער פֿראַזע פֿון העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ געפֿילט זיך אומאָנגענעם, און ווי תמיד אין אַזעלכע פֿאַלן, האָט ער נאַריש געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אויסמיידנדיק אַרויסצוברענגען אַ וואָרט. ענדלעך האָט ער זיך אויפֿגעהויבן

און טיף פאַרנייגנדיק זיך פאַר העלענאַ סטעפּאַנאָוונען, האָט ער זיך געקליבן צו גיין.

— יאָ, איידער איר גייט, — רופט זיך אָן העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ פּלוצלינג. — איך האָב אַ קליין פּעקל איבערצוגעבן אייער פאָטער. וואָלט איר נישט געוואָלט זיין אַזוי פריינטלעך און עס מיטנעמען? אייער פאָטער האָט עס פאַרגעסן ביי מיר, אָדער ער ווייסט אַליין נישט, אַז עס געפינט זיך דאָ, און עס איז פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז עס וואָלט געווען אַ שאָד, אַז עס זאָל פאַרלוירן גיין.

— איר וועט מיר מוחל זיין, העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ, אַז איך וועל זיך אָפּזאָגן אויסצופירן דאָס מאָל אייער שליחות. אויך דער פאָטער האָט מיר געוואָלט עפּעס מיטבאַפעלן צו אייך, און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. ווייל עס ווילט זיך מיר נישט אין דעם, פאַר אונדז אַלע, אומאַנגענעמער געשעעניש מיט קיין זאַך מיטהעלפן.

— אָבער, מיין יונגער פריינט, מען באַדאַרף נישט נעמען זאַכן טראַגיש, ווען זיי זענען עס נישט. אייער פאָטער און איך זענען שוין אַלטע לייט (כאָטש גבריאל חיימאָוויטש מיינט נישט אַזוי) און וואָס אָנבאַטרעפט דאָס קעסטעלע, וואָס איך האָב אייך אָנגעבאָטן מיטצונעמען פאַר אייער פאָטער, אַנטהאַלט דאָס אַזעלכעס, וואָס האָט אפשר מער אינטערעס, אַ וויכטיקערן אינטערעס פאַר אייך, ווי פאַר אייער פאָטער. עס האַנדלט זיך נעמלעך וועגן אייער געשטאָרבענער מוטערס בריוו. אין זיין צייט פלעגט אייער פאָטער וויכטיקע דאָקומענטן און בריוו באַהאַלטן ביי מיר, איבער זיין שטענדיקן אַרומוואַנדערן. אַנדערע דאָקומענטן, פון אַ פינאַנציעלן כאַראַקטער, האָט ער אַרויסגענומען, נאָר דאָס פּעקל האָט ער, זעט זיך אויס, פאַרגעסן. איך האָב סיי ווי סיי געדעכנט אין אַ שיינעם טאָג אייך עס איבערצוגעבן, ווייל איך ווייס, אַז זיי וועלן אייך זייער אינטערעסירן.

זי האָט אים איבערגעגעבן אַ רוסיש זילבערן שאַכטעלע, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון אַ קאַסע, פאַרבונדן דורך אַ ווייבערישער האַנט, מיט אַ ראָזן באַנד, צולייגנדיק:

— גלויבט מיר, אַז איך האָב זיי אָפּגעהיט, ווי אַ הייליקייט. וואָרים, נאָך אַלעמען, וואָס איז געווען צווישן מיר און אייער פאָטער, האָב איך אייער פאַרשטאָרבענער מוטער פאַרגעטערט.

מירקין האָט צוגענומען דאָס פּעקל, און נישט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט ער זיך זייער קאַלט פאַרבויגן פאַר איר, און שנעל פאַרלאָזט איר הויז, קוים אָנרירנדיק קאַלט איר דערלאַנגטע האַנט.

קאַפּיטל 5

אַ שטימע פון קבר

מירקין איז אַראָפּגעלאָפן פון העלענאַ סטעפאַנאָוונאַס טרעפּ, און אַ קללה מיט אַ זידל־וואָרט זענען צעביסן געוואָרן אין זיינע ציין. דער משפחה-אינסטינקט, געקומען צו אים מער דורך דעם ירושה־בלוט איידער דורך דער דערציאונג האָט זיך געגעבן אַ צאַפּל.

— פּאַפּאָטשקאַ האָט גוט געטון. נאָך אַלעמען איז זי דאָך אַ פאַלשע פּאַלקע. ווי זי האָט מיך געוואָלט בונטעווען קעגן טאַטן מיט אירע כימרע, גלאַטינקע ריידעלעך. געמיינט — נישט פאַרשטאַנען דעם ווונק, די אומפאַרשעמטע אָנצוהערענישן אויף נינאָטשקען... ווי געמיין, באַדאַרפט איר אָפּענטפערן אויפן אָרט.

אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס זילבערנע רוסישע קעסטעלע מיט זיין מוטערס בריוו, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. ער האָט געגעבן אַ בליק אויפן קעסטעלע: „מען דאַרף זיי אָפּגעבן פּאַפּאָטשקען אַזוי ווי זיי זענען. צו וואָס דערוועקן אַלטע זכרונות? מאַמאָטשקע אַליין וואָלט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל וויסן איר סוד".

ער האָט גענומען אַ דראָשקע, אָנשטאָט אָבער צו פאָרן אויף „נעווסקי", אין פאָטערס קאַנטאָר אַריין, האָט ער זיך געהייסן אַהיימפירן. די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטן דאָס זילבערנע קעסטעלע אויף זיינע קני און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האַלט אויף זיך אַ האַנט פון אַ טויטן מענטש, וואָס באַלאַנגט אין קבר. „מ׳דאַרף עס איבערגעבן אַזוי ווי עס איז דעם פאָטער", האָט ער צו זיך נאָכאַמאָל געזאָגט, „עס איז זייער ביידנס סוד, דעם פאָטערס מיט דער מוטערס".

דאָך האָט ער עס מיטגענומען מיט זיך, און נישט וויסנדיק אַליין

פאַרוואָס, האָט ער זיך איינגעשלאָסן מיט דעם קעסטעלע אין זיין צימער און אָנגעזאָגט דער דינסט, אַז מען זאָל אים נישט שטערן.

ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס קעסטעלע אויף זיין טיש, און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אַלטער סאָפע, וואָס האָט איבערגע־וואַנדלט מיט אים פון זיינע סטודענטן־יאָרן. ער האָט געקוקט אויף דעם קעסטעלע און האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָרט, אויפן טיש, שטייט אַ קעסטעלע אַש, אַש פון אַ טויטן מענטש. עפּעס אַ חלום ליגט דאָרט, וואָס באַלאַנגט נישט צו אים. און ער האָט נאָכאַמאָל באַשטימט פאַר קיין פאַל עס נישט אויפצועפענען און אַריינצוקוקן:

— איך וויל נישט וויסן, וואָס דאָרטן טוט זיך — עס באַלאַנגט נישט צו מיר.

פלוצלינג האָט ער דערפילט אַ קוריאָזיטעט. ער איז נייגיריק גע־וואָרן — נייגיריק און נישט מער. קיין ריכטיקן אינטערעס האָט ער דע־רין נישט געהאַט.

די קוריאָזיטעט האָט שוין געהערשט איבער אים. ער האָט זיך אויפ־געהויבן, גענומען דאָס קעסטעלע, אַראָפּגעריסן דאָס פּאַפּיר, אויפגעעפנט דאָס טירל און מיט כעס (דערפאַר וואָס ער איז שוואַך געוואָרן און נישט אויסגעפירט זיין אייגענעם באַשלוס) האָט ער מיט איינמאָל אַרויסגע־וואָרפן אַלצדינג, וואָס דאָס קעסטעלע האָט אין זיך געהאַט.

עס האָבן זיך געגעבן אַ שיט אַלטע בריוו איבערן טיש, בריוו גע־שריבן מיט אַ דראָבנער, איידעלער האַנטשריפט, וואָסביים אָנבליק פון דער באַקאַנטער שריפט האָט עס געגעבן אַן אָנגענעמען שטאָך. אַ ציי־טער איז דורכגעגאַנגען דורך זיינע גלידער, דער ציטער וואָס ער האָט געהאַט, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, ווען עס האָט זיך אים געמאַכט אָנצורירן עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט באַלאַנגט צו מאַמאָטשקען.

צוערשט האָבן זיך אים געוואָרפן אין די אויגן די פאַרשידענע פּיר־מעס, אַדרעסן, וואָס זענען געווען אָפּגעדרוקט אויף די בריוו און קאָנ־ווערטן: אַדרעסן פון האָטעלן, פּענסיאָנאַטן מיט שיינע גראַווירטע ציי־כנס און מאָנאָגראַמען. ער האָט אויפגעכאַפּט איין בריוו און געוואָלט אָנהייבן צו לעזן. ער האָט אָבער פלוצלינג באַמערקט מאַמאָטשקעס אַ פאָ־טאָגראַפיע, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן די בריוו.

ער האָט דאָס בילד גענומען אין האַנט אַריין. עס איז געווען אַ

קליינע קאבינעט־פאטאגראפיע, געמאכט ערגעץ־ווו אין אויסלאנד, אפגע־בלאקירט. די מאמע האט אויף איר אויסגעקוקט זייער טרויעריק און קרענקלעך. אירע אויגן האבן גלייכגילטיק געקוקט און זענען געווען אויס־געלאשן אונטער אירע אזוי איידל אויסגעבויגענע ברעמען. געטראגן האט זי א הויכן הוט אויף דער פאטאגראפיע, אן ענגליש געשניטענעם רייזע־קאסטיום און א ברייט שפיצן־קעלנערל ארום איר האלדז. אין דער האנט האט זי געהאלטן א שירעם.

— ווי שיין זי איז, ווי שיין! ווי אזוי האט ער נישט געקאנט פילן איר שיינקייט? ווי אזוי האט ער געקאנט זי נישט פארשטיין?

אויס קינדישער געוווינהייט האט ער צוגעטראגן די פאטאגראפיע צו זיינע ליפן. דעם קוש האט ער נישט אויסגעפירט, ווייל ער האט זיך אינמיטן פארשעמט פאר זיך אליין.

ער האט געכאפט א בריוו צו לעזן, אן אנהייב פון א זייטל: „ווען איך האב אויף זיך אליין גענומען די שטראף צו זיין אפגעשיידט פון מיין קינד (וואס איז דאך די איינציקע פרייד פון מיין לעבן), האב איך עס נישט געטון צוליב מיינס א זינד, נאר צוליב דעם אורטייל פון מיין גורל, וואס האט אזוי צוגעפסקנט. איצט אבער זע איך, אז איך האב צו טייער באצאלט. איך האב באדארפט קעמפן מיט מיין גורל, ווי שוואך איך בין נישט און ווי ווייניק אויסזיכטן איך האב געהאט אויף א נצחון. בעסער געווען צו פאלן אין קאמף מיטן גורל, איידער אים פחדנותדיק אויסצומיידן, ווי איך האב עס געטון".

— גענוג, גענוג. צו וואס? — האט צו זיך זאכארי געזאגט און אוועקגעווארפן דעם בריוו. די נייגיריקייט האט אבער אים ווייטער גע־כשופט. ער האט אויפגעכאפט א צווייטן בריוו, וואס האט געטראגן אויף זיך די פירמע פון א בארימטער שווייצארישער סאנאטאריע פאר שווינד־זוכט־קראנקע:

„דו מוזט מיר ווירקלעך מוחל זיין, אז נאך דעם אלעם, וואס איז צווישן אונדז פארגעקומען, העך איך דיך נישט אויף צו פייניקן מיט מיינע בריוו. מיין נארישן שטאלץ, וואס האט מיך געקאסט מיין פרייד און פאראורטיילט מיך צו זיין אפגעשניטן פון מיין קינד, — בין איך שוין לאנג בייגעקומען, און עס איז מיר אויך נישט קיין חילוק, וואס דו וועסט דענקען וועגן מיר. נאך אלעמען האב איך דאך נישט צו וועמען

צו שרייבן, נאָר צו דיר, ווייל קיין אנדערע אינטערעסירן מיך נישט. און היינט, ווען די זון איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעקומען נאָך אַ לאַנגן ווינ־טער, און איך האָב דערזען די רויטע שפּיצן פון די ביימער, האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו ווערמען צו שרייבן. זיי מוחל". —

— גאָט, גאָט, וויפיל זי האָט געליטן, די אָרימע! זי האָט אים ליב געהאַט ביז צו דער לעצטער מינוט, נאָך דעם אַלעם, וואָס ער האָט איר אָנגעטון.

ער האָט ווידער אַוועקגעוואָרפן דעם בריוו און געכאַפּט דעם גאַנצן פּאַק און אַרייַנגעוואָרפן אין קאַסטן אַריין. נאָר אויפן טיש איז נאָך אי־בערגעבליבן איינער, אַזוי ווי אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט אים עקסטרא געוואָן אַוועקגעלייגט און צוגעגרייט פאַר זיינעטוועגן.

זאַכאַרי האָט אים גענומען און איבערגעלעזן דאָס לעצטע זייטל:

„איך ווייס, אַז זאַכאַריושקאַ וועט מיר קיינמאָל עס נישט קאָנען מוחל זיין, וואָס איך האָב אים אַזוי יונג פאַרלאָזט און אים בארויבט פון מוטערלעכער ליבע, וואָס וועט זיך געוויס אָפּרופן אויף זיין כאַראַק־טער. איך האָב גאָרנישט צו פאַרלאַנגען און גאָרנישט צו דערוואַרטן פון מיין קינד, ווייל איך האָב אַזוי הפקרדיק אַוועקגעוואָרפן פאַר אייגנליבע, פאַר אָנגעריירטן שטאָלץ, פאַר פאַרווונדעטער ערע. איך זע איצט דעם גאַנצן פעלער אין מיין אומפאַרגעסלעכן פאַרברעכן. וואָס איז שטאָלץ? וואָס איז ערע, פאַר וועלכער מען איז אַלצדינג מקריב? אַן אמתע מוטער ווייסט נאָר פון איין זאַך: פון מוטער ליבע, און מיין אָרט איז געוועזן אינדערהיים. אַ פאַרשעמטע, אַ קרענקלעכע, אַ פאַרלאָזטע, אַן אויסגע־טווישטע — אבי נאָר אינדערהיים, נעבן מיין קינד. און גוט איז מיר געשעען, וואָס דאָס מזל האָט מיך אַזוי באַשטראָפט. און גוט איז מיר גע־שען, וואָס דו האָסט מיך אַזוי האַרטנעקיק געמשפּט. גוט איז מיר געשען — וואָס מיין קינד וועט פאַר מיר גאָרנישט פאַרמאָגן. איצט, ביי דער ענדע פון מיין לעבן, זע איך דאָס אַזוי קלאָר איין, און עס איז מיר גאָר־נישט איבערגעבליבן, נאָר ביי אייך אַלעמען מחילה צו בעטן און מערסטן ביי דיר, וואָס דיך האָב איך ליב, וואָס איך מוז דיך ליב האָבן קעגן מיין ווילן, צי דו טוסט מיר גוטס, צי דו טוסט מיר שלעכטס. און אפשר דערפאַר, וואָס דו טוסט מיר שלעכטס, ליב איך דיך מער. זע, ווי איך בין שוין ביינגעקומען מיין שטאָלץ! איך בין זיך מודה פאַר דיר, אַז איך האָב

ליב די האַנט, וואָס שלאָגט מיך, און איך בין פּעאיק אַלצדינג צו טון, שלום צו מאַכן מיט מיינע ערגסטע שונאים, ווען דו וועסט עס פון מיר פאַרלאַנגען. וואָרים, מיט גאָטס הילף בין איך בייגעקומען דעם נאַרישן שטאָלץ..."

מירקין האָט מער נישט געקאָנט לעזן. ווי מען פאַרמאַכט אַ שרייענדיק מויל, האָט ער אַריינגעוואָרפן דעם בריוו צווישן די איבעריקע — און פאַרמאַכט דאָס טירל איבער זיי.

— אומגליקלעכע מאַמאַטשקאַ! ער האָט דיך פאַרמוטשעט און דו האָסט אים ליב געהאַט ביז צו דער לעצטער מינוט!

ער האָט זיך פאַרוואונדערט, פאַרוואָס ער איז נישט בייז אויף זיין פאָטער. פאַרקערט, דורך די האַרץ־שרייענדיקע בריוו פון זיין מוטער האָט ער צו זיין פאָטער דערשפּירט אַ משפּחהשע נאָענטקייט, אַזוי ווי ער וואָלט צוזאַמען מיט זיין מוטער בייגעקומען דעם שטאָלץ:

— וואָס איז דאָ צו מאַכן, אפשר האָט ער אויך אַנדערש נישט געקאָנט?

— יעדנפאַלס איז קלאָר איין זאַך, אַז ווינען מיט אונדז צוזאַמען באַדאַרף ער נישט, — איז אים געקומען פּלוצלינג אויפן זינען דער געדאַנק, — אין דער הינזיכט האָט העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ זייער רעכט. איך וועל עס אים קלאָר זאָגן, און נאָך היינט. קלאָר אים אַרויסזאָגן, אַז ער האָט נישט וואָס צו ענדערן זיין אַרט לעבן. דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט אין אַ האָטעל — מוז ער ווייטער אַזוי לעבן. פאַרפאַלן — ער האָט אַזוי געוואָלט.

ער האָט צוריק איינגעפּאַקט דאָס זילבערנע קעסטעלע אינעם פּאַפּיר, פאַרבונדן עס מיט דעם בענדעלע, אַזוי ווי העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ האָט עס אים געגעבן, און גענומען עס אוועקטראָגן צו זיין פאָטער.

— קיין איין טאָג באַדאַרף דאָס נישט איבערבלייבן מיט מיר. דאָס באַלאַנגט צו אים און ער באַדאַרף דאָס אויפעסן, אויב ער קאָן.

אַז ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער גאַס, איז נאָך געווען גרויסער טאָג און די זון האָט געשיינט און עס איז געווען פרילינג. לייכטע, אויפמונטערנדיקע ווינטן האָבן געבלאָזן, און מענטשן, פאַרשוויצטע, זענען געשטאַנען אויף דער גאַס און האָבן אויפגערוימט דעם לעצטן שניי, אַריינגעשאָפלט אים אין גרויסע פורן. עס האָט זיך אַנטפּלעקט די אויר־

בערפלאַך פון דער פאַרברוקירטער גאַס; עס האָט זיך אַנטפּלעקט די ערד אַרום דיביימער, און מירקין האָט זיך פאַרוואונדערט, אַז פּעטערבורג שטייט — ווי יעדע שטאָט — אויף ערד, און נישט אויף שניי.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ זוניקער און אַ פרייליכער. מענטשן זענען גליקלעך געווען, האָבן הויך גערעדט, געלאַכט און זענען פלינקער געגאַנגען ווי אַן אַנדערש מאָל. דאָ און דאָרט האָט מען באַמערקט שוין, ווי איינער און אַ צווייטער האָט זיך באַוויזן גייענדיק איבער דער גאַס אָן אַ פּעלץ און אָן אַן אויבערציער, וואָס דאָס האָט פאַרוואונדערט נאָך אַזאַ לאַנגן ווינטער.

מירקין איז אויך אויפגעמונטערט געוואָרן פון דער פרייער פרילינגסלופט. דער פרילינגס־ווינט האָט פאַריאָגט פון אים די אומאַנגענעמע דעראינערונג פון דעם באַזוך ביי העלענאַ סטעפּאַנאָוונען און האָט אים מער אַריינגעטריבן אין דער עלעגישער שטימונג, וואָס זיין מוטערס בריוו האָבן אויף אים אָנגעהויבן. ער האָט גענומען אַן איינשפּאַנער און געהייסן זיך פירן אין זיין פאָטערס קאָנטאָר אויף „נעווסקי". ווען ער האָט געהאַלטן דאָס קעסטעלע אין דער האַנט, האָט עס אים שוין נישט ווי פריער דערמאָנט אָן אַ טויטער האַנט פון אַ חלום אַרויס, נאָר אָן עפּעס לעבעדיקס, נאָענטעס און הייליקס. נאָך אַלעמען באַדאַרף מען אויף זיי גוט אויפּפּאַסן, משפּחה־רעליקוויען, — האָט ער זיך געטראַכט, — זאָגן פּאַפּאָטשקען, אַז מען זאָל זיי איינשליסן אין קאַסע.

— און באַלד שיעור זיי פאַרגעסן. ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט, מאַמאָטשקעס בריוו? — האָט ער זיך מער פאַרוואונדערט אויפן פאָטער, איידער בייז צו זיין אויף אים.

דעם פאָטער אין קאָנטאָר האָט ער שוין נישט מער געטראָפן, כאָטש עס איז נאָך געווען אַ שטיק צייט פאַר דעם טאָג־שלום. מען האָט אים געזאָגט, אַז ער איז ערגעץ־ווו אַרויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט.

געשלאָגן זיך מיט דער דעה, צי איבערלאָזן דאָס קעסטעלע ביים פאָטער אויפן טיש, צי מיטנעמען עס מיט זיך. באַשטימט — מיטנעמען עס מיט זיך און דערווייל עס איבערלאָזן ביי נינאָטשקען.

— זאָגן איר וועגן די בריוו, צי נישט? — האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה. באַשטימט — יאָ צו זאָגן.

— עס וועט זי אינטערעסירן, און נאך אלעמען באדארף זי וויסן דערפון.

ער האט גענומען א דראשקע, אויף פארן צום אדוואקאט. עס איז שוין צייט געווען צום עמפפאנג.

אריינגעקומען צום אדוואקאט, האט ער געוואלט אריינגיין צו נינאטשקען און דערציילן איר וועגן די בריוו. נינאטשקא איז אויך אינדערהיים נישט געווען. „דא איז געווען גבריאל חיימאוויטש, אנגעקומען מיט זיין אויטא, און ערגעץ־ווו צוזאמען ארויסגעפארן, דאכט זיך, אויף א שפאציר" — האט געזאגט דאס דינסטמיידל אנושקא.

כאטש עס האט זיך געטראפן זייער אפט, אז זיין פאטער זאל פארפארן מיט זיין אויטא צו נינאטשקען און זי ערגעץ־ווו מיטנעמען, — דאך האט עס דאס מאל גאנץ אנדערש באריורט מירקינען. ער איז געבליבן פון דער גייעס, ווי עס וואלט עפעס געווען געשען אן אויסערגעווענלעכע זאך. און דאס וואס די זון האט איצט אזוי ברייט און ליכטיק אריינגעשייגט דורך די גרויסע פענצטער, און דאס וואס ער האט באמערקט אויפן וועג, דאס מען קערט שוין אפ דעם לעצטן שפור פונעם שניי פון די פעטערבורגער גאסן — דאס אלץ, דאס פלוצלינגדיקע ארויספארן פון זיין פאטער מיט זיין כלה, האט אים געמאכט מער פארוואונדערט און באפרעמדט, אזוי אז דער ערשטער פרילינגס־טאג, וואס האט זיך אזוי פלוצלינג באוויזן אין פעטערבורג, האט נאך מער פארשטארקט זיין חשד, ווי דער פרילינג וואלט געווען א שותף צו זיין פאטער און צו זיין כלה אין דער פארשווערונג, וואס ווערט דא געמאכט קעגן אים.

— און דאס וואס איז? — האט ער געפרעגט זיך אליין, ווי עס וואלט עפעס אויסערגעווענלעכס געווען געשען.

עס האט זיך אים מיטאמאל אויסגעדאכט, אז די גאנץ נאענטע פריינטשאפט, וואס איז אזוי ענג געשלאסן געווארן צווישן זיין פאטער און זיין כלה דורך דער קורצער צייט פון זיין שדוך, קוועלט נישט ארויס פון ריינע משפחהדיקע געפילן, וואס האבן זיך אזוי פלוצלינג דערוועקט אין זיין פאטער (צוליב זיין עלטער און זיין בענקשאפט נאך א היים, ווי מירקין פלעגט עס זיך ביז איצט אויסטייטשן). די קליינע און גרויסע אויפמערקזאמקייט, וואס זיין פאטער שענקט זיין כלה, טראגן א

באַפרעמדטן, נישט דערקלערטן כאַראַקטער און שטאַמען פון זיינע פאַר־דאַרבענע, אומקלאָרע, זינדיקע אינסטינקטן.

אַ היץ האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זאַכאַרים ליב, וואָס האָט געמאַכט זיין העמד צוגעקלעפּט צו זיין הויט. אַ נאַסקייט איז אים באַפאַלן.

— וואָס איז דאָס? בין איך משוגע געוואָרן? — האָט ער זיך גע־פּרוּווט באַרואיקן. — דאָס זענען דאָך נישט דערלאָזבאַרע געדאַנקען, אָט די וואָס איך קלער. איך גיי פון זינען אַראָפּ, נישט אַנדערש. וואָס איז דאָס אַזעלכעס? איך וועל אים דערהרגענען, ווי אַ הונט! — איז אַ שרעק־לעך וואָרט דורכגעלאָפן דורך זיין גאַנץ ליב און געמאַכט אויפציטערן יעדן טראָפּן בלוט אין זיינע אָדערן און אַ טרייסל געגעבן זיינע אברים, ווי עס וואָלט ווער זיינע נאַקעטע נערוון אָנגערירט.

ער האָט מיטאַמאָל אַליין דערזען, ווי עס וואָלט ווער אַ פאַרהאַנג אויפגעהויבן פון די געשעעניש. „מאַמאַטשקאַ און איך — מיר זענען איינס. איך טראָג מאַמאַטשקאַס גורל".

ער האָט זיך געוואָלט ווערן קעגן דעם געדאַנק, געפילט זיך, ווי עס האָט ווער אַ משוגעים־העמדל אַרויפגעוואָרפן אויף אים, און ער וויל עס אַראָפּטרייסלען. האָט ער שטאַרקער באַטאָנט און העכער געזאָגט דאָס שרעקלעכע וואָרט:

— דערהרגענען, ווי אַ הונט דערהרגענען. פאַר אַלעמדינג!

אינערלעך האָט ער געוווּסט, אַז דאָס זענען הוילע ווערטער; אַז בחינם איז דאָס ווערן זיך און דאָס פּרוּוון אַראָפּטרייסלען פון זיך דעם אָנגעוואָרפענעם גורל — ער בלייבט אין אים.

אָבער די ליפּן האָבן נאָך געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— דערהרגענען, ווי אַ הונט דערהרגענען!

ער איז געשטאַנען, ווען ער האָט גערעדט צו זיך די ווערטער, אין קאָרידאָר, צווישן די אויפנאַם־צימערן און דער פּריוואַטער וווינונג פונעם אַדוואָקאַט. ער האָט געוווּסט, אַז יעדן אויגנבליק קאָן ווער אַרויסקומען פון דעם אַדוואָקאַטס משפחה און אים באַמערקן אַזוי שטיין. עס האָט זיך מירקינען אויסגעדוכט, אַז אַלע מוזן איצט קאָנען אַראָפּלעזן זיינע גע־דאַנקען פון זיין שטערן. אפשר אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ אַליין קאָן אַרויסקומען פון איר צימער און אים אַזוי טרעפן. און עס איז געווען די אימה פאַר אָלגאַ מיכאַילאָוונען, וואָס האָט אים אַרויסגענומען פון זיין פאַרלווירנ־

קייט. ער איז אריין אין דער צווייטער אפטיילונג פון דער וווינונג, ווו עס האלטן זיך אויף די קליענטן, און כדי עפעס צו טון, כדי וועגן עפעס אנדערש צו קלערן און מיט וואס אנדערש זיך פארנעמען, איז ער אריינגעגאנגען אין דעם בשותפותדיקן עמפפאנג־צימער, וואס ער האט געהאט מיטן ערשטן העלפער פונעם אדוואקאט, יאקאב שמולעוויטש ווײַנשטיין, וועלכן ער האט שוין אנגעטראפן זיצנדיק איבער א פאק אקטן.

— א, איר זענט עס, יאקאב שמולעוויטש? — רופט זיך מירקין אן א דערשטוינטער, ווי ער וואלט אים צום ערשטן מאל באגעגנט נאך א לאנגער פארלאזנקייט. — גוט, וואס איך האב אייך געטראפן. איר וועט זיך היינט מוזן באגיין אן מיר, עפעס זייער וויכטיקס צו באזארגן.

— דאס מיינט איר? — ענטפערט אים אפ יאקאב שמולעוויטש, גישט אויפהויבנדיק זיין פנים פון די פאפירן ארוים, אין וועלכע ער האט עס געהאט איינגעגראבן. — מיר זענען דאך סיי ווי סיי צוגעגרייט צו אייער אוועקגיין.

— צוגעגרייט צו מיין אוועקגיין? — וווּנדערט זיך מירקין.

— נו, יא. מען זאגט דאך, אז איר האט בדעה צו ענדערן אייער פראפעסיע, אייער גאנץ ארט לעבן.

— א, דאס מיינט איר? יא, יא, איך האב בדעה צו ענדערן מיין פראפעסיע, מיין גאנץ ארט לעבן. יא, יא, — שטאמלט פאר זיך מירקין און פארלאזט זיין חבר, א פארווונדערטן איבער זיין צעשטרייטקייט.

קאפיטל 6

דער געראנגל מיטן מזל

מירקין האט אנגעהויבן צו שפאנען איבער די פעטערבורגער גאסן און ווי זיין געדאנקען־גאנג וואלט זיך געווען פארפלאנטערט אין דער פראזע, וואס יאקאב שמולעוויטש האט אין זיינע געהירן אריינגעווארפן — האט ער געהאלטן אין איין איבערחזרן פאר זיך די ווערטער:

— צוגעגרייט צו מיין אוועקגיין.

ווי צו להכעיס אים (ווי עס האָט זיך אים אויסגעוויזן), האָט זיך דער טאָג באַין אופן נישט געוואָלט ענדיקן. דער טאָג איז געשטאַנען אַ זוניקער, אַ שיינענדיקער און אַ בחורשער. דער טאָג האָט זיך געפרייט מיט די מענטשן, און די מענטשן האָבן זיך געפרייט מיט אים. די פערד זענען פלינקער געלאָפן איבער דער בריק, די מענטשן זענען שנעלער גע־גאַנגען, און אַלע האָבן זיך ערגעץ־ווו געאײַלט צו אַ גרויסן יום־טוב, צו וועלכן ער איז נישט געבעטן געוואָרן.

אַז ער, מירקין, איז אַרויסגעקומען פאַרן איסאַקיעווסקי פּלאַץ, האָט ער זיך פאַרוואונדערט, ווי ער איז דאָס מאָל אַזוי ברייט געוואָרן, און אַזוי גרויס. און נאָך אַ זאַך: פּיאָטערס דענקמאָל און דער איסאַקיעווסקי קאַ־טעדראַל שטייען אין אַ וואַלד מיט ביימער. פון וואַנען האָבן זיך דאָ ביימער גענומען? יעדן טאָג, דורך דעם גאַנצן ווינטער, איז ער צוויי מאָל דורכגעגאַנגען דורך דעם פּלאַץ און קיינמאָל נישט באַמערקט, אַז עס גע-פינען זיך דאָ ביימער. און איצט שטייען זיי הויכע, ווי אַ מוטערס אַ האַנט וואָלט זיי אָפּגעוואַשן, אָפּגעצוואָגן די קעפּ. זייערע בעזימדיקע צווייגן וואַרפן אַ שאָטנדיק איידל געוועב פון אַ נעץ איבער דער פון שניי באַפרייטער ערד. אַ רויטער פוך הויבט זיך אויף איבער די נאַקעטע צווייגן. די וועלט איז באַפרייט און גרויס און שיין. „צוגעגרייט צו מיין אַוועקגיין — אַלץ איז צוגעגרייט פאַר מיין אַוועקגיין, און פּונקט אַזוי ווי דאָרט, אין קאַנטאָר ביים אַדוואָקאַט, וועט זיך ווייטער פירן דעם עמפּ-פאַנג, אַ טאָג נאָכדעם, ווען כ׳וועל אים פאַרלאָזן — אַזוי וועט דאָס אַלץ ווייטער שטיין, ווייטער לעבן, אַ טאָג נאָכדעם, ווי איך וועל אַוועקגיין״ — האָט ער געטראַכט.

— אָבער ווו וועל איך גיין? — האָט ער זיך געפרעגט. און כדי צו פאַריאָגן עפּעס פון זיך, נישט צו קלערן, האָט ער זיך געלאָזט מיטן שטראָם מענטשן. אַלץ האָט געאײַלט צו „נאַבערעזשנאַיאַ״, צו דער ניעווע.

אויפן ברעג ביי דער ניעווע, איבער דער גאַנצער ברייט פון דער טראָאיצקי־בריק, איבער דער גאַנצער לענג אויף דער „נאַבערעזשנאַיאַ״, פון ווינטער־פּאַלאַץ אָן ביז ווייט אַראָפּ — איז געווען אָנגעשטעלט מיט מאַסן מענטשן, וואָס האָבן באַטראַכט דאָס שפּיל פון די קריעס אייז אי־בער דער ניעווע. עס איז געווען אַ שפּיל פון גיגאַנטן. גאַנצע אייז־בערג

זענען אָנגעקומען צו שווימען און אָנגעשלאָגן זיך איינס אָן אַנדערן ביי די באָקעס. אַנדערע אייז־בערג האָבן בלאָקירט פֿאַר זיי דעם וועג צום פֿינישן אויסגוס, האָט זיך איינער אויפֿן אַנדערן אַרויפֿגעגליטשט, איין בארג אויפֿן אַנדערן — האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל פֿון איין קריע מיט דער אַנדערער, וועלכע איז שטאַרקער געווען, שווערער און מעכטיקער — האָט איר שוואַכערע חברטע אונטערגעטונקט אין וואַסער, צעבראָכן, צעקרישלט און געמאַכט זי שווימען.

די מענגע מענטשן, אַלט און יונג, מענער און פֿרויען, זענען אַלע פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם געמיינזאַמען שפּיל, וואָס זיי האָבן באַטראַכט. מיט אַ זאָרגלאָזער יינגלשער פֿריילעכקייט האָבן זיי זיך, אומבאַקאַנטע פֿרעמדע מענטשן, געטיילט מיט די איינדרוקן, דורכגערעדט זיך אויף הויך-לשון.

מירקין האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז פֿאַרטרונקען געוואָרן צווישן דער מענגע. דאָ, אין דער מאַסע, האָט ער זיך פֿאַרלוירן פֿון זיך אַליין, אַנטלאָפֿן פֿון זיין אייגענער וועלט, און איז אַ מינוט פֿאַרכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע — אין דעם שפּיל פֿון ווינטער מיטן פֿרילינג.

נאָר באַלד האָט אָנגעהויבן עגבערן אין זיין קאָפּ, ווי ביי אַ מענטש, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ געפּערלעכער, געהיימער קראַנקהייט, וועלכע מען פֿאַרטרויט פֿאַר קיינעם נישט, און מען מוז שטענדיק קלערן וועגן איר... אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס זילבערנע קעסטעלע מיט דער מוטערס בריוו, וואָס העלענאַ סטעפּאַנאָוונאַ האָט אים געגעבן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס זילבערנע קעסטעלע איז שוין צוגעוואקסן צו אים און וועט שוין דאָרט איבערבלייבן ביי אים אַ צוגעוואקסנס דאָס גאַנצע לעבן. — אין אמתן — ער האָט שוין מער גאָרנישט געפֿילט, אַז ער האַלט עפּעס אין דער האַנט. — אין קאָפּ, צי אין האַרץ, צי ערגעץ אַנדערש־ווו האָט אַ פֿאַרבאָרגענע האַנט געוואָרפֿן אויף אַ לייוונט, פֿאַר זיינע גייסטיקע אויגן, האַלב פֿאַרטושטע בילדער, ווי מען זעט אין אַ הינער פּלעט, דאָס לעבן וואָס וועט זיין נאָך אים, און עס איז געווען מיטאַמאָל, ווי עס וואָלט זיך פֿאַר אים אויפֿגעעפֿנט אַ בוך, אַזוי האָט ער קלאָר פֿאַרשטאַנען איצט דעם גאַנצן מיין פֿון דער פֿראַזע: „זיי זענען צוגעגרייט צו מיין אוועקגיין". און פֿאַרוואָס נישט?

אייגנטלעך איז דאָך אַלץ ריכטיק, און באַדאַרף דאָך אַזוי זיין. דאָס-

גייע הויז פון די מירקינס איז שוין באלד פארטיק. פאפאטשקא און ני־נאטשקא וועלן זיך דארט ארייניציען, פאפאטשקא וועט זיין גליקלעך, ענדלעך געפונען א היים. נינאטשקא וועט זיין גליקלעך, אלגא מיכאי־לאוונא וועט זיין גליקלעך — אלע וועלן זיין גליקלעך, צופרידן. אלץ וועט אזוי זיין, ווי עס באדארף צו זיין. נאר איך בין נישט צופרידן — באדארף איך אוועקגיין. ער וועט אוועקגיין, ווי א ווינטל וועט פארביי־בלאזן. אלדאס איבעריקע וועט איבערבלייבן. די גאס וועט זיין די זעל־בע, מענטשן וועלן זיך ווייטער איילן. ביי אלגא מיכאילאוונען אין שטוב וועט זיין ווי תמיד. די מעבל וועלן ווייטער שטיין אויף זייער ארט; די גרויסע שאפעס מיט די אקטן. די קליענטן פון דער פראווינץ וועלן זיצן אין קארידאר, אין ווארט-צימער. ארום זיי וועט זיך פארען יאקאב שמו־לעוויטש. דער בארימטער אדוואקאט וועט זיין אפגעזונדערט אין זיין קאַ־בינעט, און אלע וועלן ווארטן מיט אימה אויף דער טיר פון קאבינעט, ווען זי וועט זיך עפענען. אלגא מיכאילאוונא מיט איר ווייס לייב, דארט הינטער איר שווארץ קלייד, מיט איר אראפגעבויגענעם צניעותדיקן קאפ, וועט זיצן אין א פאטעל, אין איר באליבט ווינקל, און באטראכטן א קאַ־פע טעצל, א בילדל אדער אן אנדער מתנהלע, וואס נאאום גריגאריעוויטש האט איר געבראכט. אפשר וועט זי דערביי צו אים שמייכלען, און דער „ענגלענדער" וועט זיך שמעלצן פאר נחת. אין איר בודואר וועט זיך ני־נאטשקא א האלב-נאקעטע ארומוואלגערן אויף איר דיוואן מיט אירע גע־קרייזלטע לאקן, לעזן אן אומאנשטענדיק בוך, וואס דער טאנץ-קריטי־קער האט איר אויסגעבארגט, אדער זיצן ערגעץ-ווו פארבארגן אין אן אפגעזונדערטן ווייטן צימער מיט איר פריינדין, די בלאנדע גרעפין, און קושן זיך אדער טון אנדערע אינטימע זאכן... זיין פאטער וועט אין ערשטן האלבן טאג, ווי שטענדיק, זיין באשעפטיקט אין זיין קאנטאר, זיך נישט לאזן שטערן. נאך דעם דערליידיקן די פאסט, וועט ער פאר־פארן נאך נינאטשקען מיט זיין אויטאמאביל און זי ארויסנעמען. זיי וועלן זיצן אין א „קאבאק" ערגעץ-ווו הינטער דער שטאט און טרינקען רוסישן שנאפס (פארוואס דווקא אין א „קאבאק" און טרינקען רוסישן שנאפס? ער האט זיך נישט געקאנט באפרייען פון דעם בילד, וואס צוליב א קאפריז פון זיין פאנטאזיע האט זיך אים אויסגעמאלט). אדער אפשר וועלן זיי שוין ווינען דענסטמאל צוזאמען אין נייעם הויז, זיי ביידע —

פּאַרוואָס ניִשט? ווי אַזוי וועט אויסזען דאָס נייע הויז מיט די אַלע זאַבן, וואָס נאַאום גריגאָריעוויטש האָט פאַר זיי איינגעשאַפט, און ווי וועט אויסזען זייער צוזאַמענלעבן, דעם פאָטער זיינעמס מיט נינאָטשקען? — דאָס קאָן ער זיך ניִשט פאָרשטעלן.

— און איך, ווו וועל זיין? איך — וועל ניִשט זיין. די האַנט, דער פוס. די זייט, וואָס איך טאַפּ אָן, דער קערפּער מיינער וועט ניִשט זיין... ערגעץ אַנדערש־ווו זיין... ווו אַנדערש־ווו? — ניִין. עס וועט פון אים עפּעס אַנדערש ווערן.

ער קאָן זיך בשום אופן ניִשט פאָרשטעלן, צי זיין געזונטער לעבנס־אינסטינקט פאַרשטעלט פאַר זיינע אויגן דאָס בילד, ווי אַזוי אין קערפּער וועט אויסזען זיין „איך" — ווען ער וועט ניִשט זיין... אָנשטאָט דעם וויל ער איבערשרייען זיין פּחדנות-געפיל מיט דעם „ענגלענדערס" פילאָזאָפישע באַרעכטיקונג, וועלכע ער שרייט כמעט אַרויס הויך:

— אַז איך בין אַ פליג. וואָס איז דער חילוק, ווען איך וועל זשור־מען אַביסל ווינציקער? אַז איך בין אַ גרעזל — וועל איך אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד אַביסל פריער. אין הונדערט יאָר אַרום פון היינט, אין צוואָנציק יאָר. איין טאָג נאָך מיין טויט, איין שעה, איין מינוט — וואָס וועט מיר זיין דער חילוק, צי איך האָב אויסגעלעבט די גאַנצע פאָרציע זיבעציק יאָר, צי אַ פערטל פאָרציע נאָר? און פאַר די מענטשן אָט דאָ אַרום, פאַר די מענטשן וואָס שטייען אָט דאָ נעבן מיר — עקזיסטיר איך דאָך איבערהויפּט ניִשט. אַזוי פיל מיליאַרדן באַשעפענישן לעבן אויף דער וועלט, און קיינער ווייס ניִשט אויב איך לעב יאָ, אָדער ניִשט. וואָס־זשע איז דער חילוק, צי איך לעב טאַקע פאַקטיש, אָדער ניִשט?

ער קוקט אין וואַסער אַראָפּ און זעט, ווי עס קומט אָן צו שווימען אַן אומפאָרעמדיק קאַנטיק שטיק אייז פון אַ מעכטיקער גרויס. דאָס שטיק אייז האָט געטראָגן אויף זיך שפּורן פון אַ דאָרף, צי פון אַן אַנדערן ישוב. און שטיקער האָלץ זענען געווען איינגעפרוירן אין אים, און אַנדערע מענטשלעכע געברויכלעכע אָפּוואַרפן. דאָס שטיק אייז האָט אַרויסגע-רופן אויפמערקזאַמקייט ביי פיל באַאָבאַכטער, ווייל עס האָט דערמאָנט, אַז עס קומט פון אַ מענטשלעכן ישוב. ער האָט זיך געטראַכט: ווען איך וואַרף זיך אַזוי איצט אין וואַסער אַריין, וואָלט עס פּונקט געווען צייט, אַז דאָס שטיק אייז זאָל מיין לייב צעררייבן. עס וואָלט אפשר אַ שטיק

פון מיר מיטגעשלעפּט מיט זיך אין זיין גאַנג. און ווײל איך, אַז עס זאָל מיך דערגרייכן — באַדאַרף איך זיך שוין אַצינד אַראָפּוואַרפן, אַז נישט, וועל איך עס פאַרשפּעטיקן, עס וועט שוין אַוועקשווימען. ער האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט אין דער גרויסער קריע, וואָס האָט זיך צוליב איר שווערקייט און שפּיציקייט אָנגעטשעפּעט אָן אַנדערע שטיקער. אירע שפּיצן האָבן זיך גענעצט אין וואַסער, נאָר איר אויבערפלאַך אין מיטן איז געווען אומבאַרירט און האָט אויסגעזען אַזוי ווי עס וואָלט נאָך געווען געשטעקט אין אַ מענטשלעכן ישוב. מען האָט נאָך אָנגעזען דערויף אַן אויסגעפאָרענעם וועג פון אַ שליטן, אַ שטיק האָלץ האָט זיך געוואַל־גערט אויף איר, אויך שאַרבנס פון צעבראָכענע טעלער, אַן אַלטער טאָפּ און שטרוי. און דווקא דער ישוב, וואָס האָט געלעבט אויפן שווימענדיקן שטיק — האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ סענסאַציע פון לעבן. ער האָט געזען אַ דאָרף, און ווינטער־שליטנס זענען געפאָרן אויף אים. אפשר האָבן מענטשן זיך געליבט אויף אים.

און דווקא דאָס שטיק אייז, וואָס האָט געזאָלט צעמאָלן זיין געביין, האָט אים צוריקגערופן צום לעבן... ער האָט זיך אומגעקוקט און פאַר־וווּנדערט זיך, וואָס די וועלט איז אַזוי ליכטיק און פריי, אַזוי גרויס און אַזוי ברייט. ער האָט דערזען דעם אומענדלעכן הימל, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער צווייטער זייט ניעוואַ. גרינגע דעכער פון הייזער, גאָלדענע טורעמס פון צערקוועס זענען פריילעך און שפּילנדיק באַהעלט געוואָרן פון דער זון. די גאָלדענע נאָדל פון דער „אַדמיראַלטעיסקי" האָט געשפּילט אינגאַנצן ווי אַן אָנגעצונדן ליכט — געפינקלט פון זיך שטראַלן אַראָפּ, וועלכע זענען ערגעץ־ווו אין דער לופטן אויפגעריבן געוואָרן און אויסגעמישט זיך מיט דער לופט. די הייזער אויף יענער זייט, די פּעטראָ־פּאַוולאָווסקע פעסטונג מיט אירע קלויסטער־שפּיצן, האָט אויסגעזען ווי אַ קינדער־שפּיל. אין אמתן, די גאַנצע ערד, די גאַנצע וועלט האָט אויס־געזען ווי אַ געלעכטער, ווי אַ שפּילצייג. ריכטיקעס, גרויסעס, ערנסטעס, אמתעס — איז נאָר בלויז געווען דער הימל, דער הימל און זיין אומענד־לעכקייט, וואָס האָט דאַכט זיך העכער אויפגעהויבן זיין געוועלב איבער דער וועלט. דער הימל איז אויך געווען ווי איין אומענדלעכער ים. אין אים זענען אויך געשוווּמען קריעס־וואָלקנס, נאָר די קריעס־וואָלקנס דאָרט אויבן זענען נישט געווען ממשותדיקע, קאַנטיקע, אָפּגעשניטענע און אָפּ־

געוויגענע, ווי די קריעס אייז. זיי זענען געווען צוזאַמענגעוועבטע דורך קנוילן רויך. אַן עלאַסטישקייט האָט ציטערנדיק און ווינטיק דורכגעפּאַלדעוועט דורך דעם גאַנצן הימלישן געוועב — ווי אַ ווינט בלאָזט אין אַ צוזאַמענגעפּאַלענער פּלאַכטע. אין דער דורכזיכטיקער, לייכטער פרילינגס־ספּערע האָט קיין ממשותדיקס, ווי ערד, לאַנד, הייזער זיך נישט געזען. זיי זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דער דורכזיכטיקער, שפּינוועבנדיקער, באַוועגלעכער ספּערע. אַלץ האָט זיך געוואַקלט, ווי פאַרבן שימערן. איבער דער וועלט האָט געהערשט דער הימל. דער הימל מיט זיינע שווימענדיקע, ליכטיקע און טונקעלע וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך געבאָדן אין די טיפענישן פון דער הימלישער בלויקייט. אַמאָל האָבן די וואָלקנס אויסגעזען פאַרווישטע, פאַרוועבטע און פאַרטרונקענע, ווי שימערירנדע לייבער פון אומגעזעענע ברואים, הינטער אַ באַוועגלעכן געוועב פון דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען. און אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען. עס איז געווען, ווי אַ נקבה־בריאה וואָלט אַרויפגעטויכט פון דער טיפעניש פונעם הימלישן ליכט־ים און אויסגעשפּרייט צו טריקענען אירע פאָכנדיקע פליגלען. אין אַן אַנדערש מאָל זענען די וואָלקנס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַדע געוואַשענע שעפּסן, געפליגלטע שעפּסן, וואָס הויערן אויף אַ הימל־פעלד און טריקענען זייער פעדער־וואָל. אין דער לופט האָט אַרומגעשוועבט אַן עטער, אַ רויטער־פּיילכן־עטער, אַרויסגעאָטעמט פון נאַקעטע ביימער־צווייגן, פון דעם מויל פון דער באַפרייטער ערד; אַן עטער וואָס האָט אָנגעטרונקען יעדן לעבעדיקן נפש מיט לוסט, און אויך אָנגעטרונקען דעם קראַנקן זאַכאַרי. זיינע אָדערן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט־כוחות, זיינע מוסקולן מיט חשק. ער האָט דערפילט דעם טעם פון זיין בלוט, פון זיין לעבעדיקן בלוט, אויפן ראַנד פון זיין מויל.

— ניין, עס איז נישט גלייך אַ טאָג צו אַ יאָר. דורך יעדער מינוט באַנייט זיך די אייביקייט; דורך יעדער עמפּפינדונג — דער גאַנצער שאַפונגס־פּראָצעס. דורך יעדן ציטער — דער האַרץ־נערוו פון דער וועלט. דאָס איז לעבן — אייביקייט.

— ווער זאָגט אַ פליג? אַ מענטשלעכער אָדלער מיט אומגעצוימטן, אומבאַגרענעצטן ווילן. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פאַר לעבן! אַלדאָס איבעריקע איז קרענקלעך, פּלאָגעניש און פּחדנות. איך, זאַכאַרי

מירקין, ארויסגעווארפן דורך א צופאל פון אן אטאמל אין לעבן אריין, בין דער צוועק און דער ציל פאר זיך אליין. איך בין די וועלט, דער אור־גיוועדסום, דער גאנצער שאפונגס־פראצעס. דורך יעדן אטעם מיינעם אטעמט די וועלט. דורך יעדן מיין חשק־דערוועק — דערהויבן זיך חשק־וועלן איבער דער וועלט, אין דער לופט. אט איצט דערפיל איך דעם חשק. איך לאז אים אפן, און אלע מיינע אדערן עפענען זיך. מיין בלוט טרינקט פון דעם חשק ביז צו שכרות. ניין, ביז צו דער באוווסטזיניקער ניכטערקייט.

און ער האט אויפגעעפנט די מיילער פון זיינע הויט־קעמערלעך, צו טרינקען א געטראנק, וואס אן איינגעשלאסענער חשק דארט אין אים, האט איצט פרייגעלאזט.

ער האט געגעבן א ווארף אראפ פון זיך א קיטל, א רייס אראפ א חתימה אויף א לאנג־פארחתמעט פלעשל, און דער געטראנק איז גע־קומען.

אין זיך האט ער איצט געהאט אלגא מיכאילאוונען... יא, אלגא מי־כאילאוונען אליין. א נאקעטע, אן אויסגעבעטענע, מיט איר'ע שטארקע, דיקע, מוטערלעכע בריסטן. זי האלדזט אים ארום מיט איר'ע פעסטע ארעמס. ער דערפילט די קילקייט און די גלאטיקייט און די ווייכקייט פון איר לייב, פון איר רייפן געפאלדעוועטן בויך, וואס ער האט זיך שטענ־דיק אין זיין געהיימער פאנטאזיע פארגעשטעלט, אז ער ציטערט דארט אונטער איר זיידן-שווארץ קלייד, פונקט אזוי ווי רעמבראנדטס בילד „דיאנא", וועלכע ליגט א נאקעטע אויף אירע ווייכע קישנס אוןווארט אויף וועמען... שעהען־לאנג פלעגט ער אפשטיין ביי דעם בילד, אין זיינע באהאלטענע געדאנקען זיך אויסמאלן עפעס... אצינד האט ער די געדאנ־קען פריי געלאזט, און עס איז געווען, ווי דאס מירקינשע בלוט, וואס איז איינגעהאלטן, איינגעשלאסן און פארמאכט געווען אין אים, האט זיך אויפגעכאפט, מיט דער גאנצער קראפט אפגעריסן זיך פון די קייטן — און האט אנגעהויבן צו ווירקן אין אים.

— ניין, נישט שטארבן. פאר וועמענס באקוועמלעכקייט? איך וועל אויפפאדערן, אויפפאדערן מיין לעבן פון אייך און נעמען באצאלט פון יעדן איינעם, וואס האט מיר עפעס צו געבן. קיין נארישע סקרופולן און שוואכקייטן. פאפאטשקא האט רעכט — און אזוי באדארף איך אויך

טון. איך בין אַ מירקין! געגוג שוואַך געווען, איינגעהאַלטן און סענטי־מענטאַל. צייט אויפצוהערן אַ קינד צו זיין — אַ שוואַכער, סענטימענ־טאַלער. צייט צו פאַדערן פון לעבן דאָס זייניקע.

און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט די שווערקייט פון זילבערנעם קעס־טעלע — מיט דעם אַלעם וואָס עס האָט אַנטהאַלטן אין זיך — אין זיין האַנט. און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אָט דאָס קעסטעלע איז אין אַלעם שולדיק געווען, וואָס ער איז אַזוי שוואַך און קינדיש געווען ביז איצט, — וואָס ער האָט גאָרנישט געוואָגט און אויף גאָרנישט דעציר־דירט געווען. עס האָט אים אָנגענומען אַ פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון דעם קעסטעלע. געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער טראָגט אַרום דאָס קעס־טעלע אין זיין האַנט זיין גאַנץ לעבן, פון ערשטן טאָג אָן, זייט ער איז געבוירן געוואָרן — ביז איצט. און דאָס קעסטעלע האָט אים אין אַלעם געשטערט. — צייט, צייט צו באַפרייען זיך דערפון. און ווי ער וואָלט געוואָלט מיט איין מאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך די אומגעזעענע קייטן, וואָס האָבן אים צוגעהאַמערט און צוגעבונדן צו זיין מוטער, האָט ער גענומען דאָס קעסטעלע מיט אַלץ, וואָס עס האָט אַנטהאַלטן אין זיך און גע־געבן אַ וואָרף אַראָפּ אין וואַסער אריין צווישן די קריעס אייז.

עס האָט זיך איבערגעקוליעט אויפן וועג פון פאַלן, און איידער די בריוו האָבן נאָך צייט געהאַט אַרויסצופאַלן, איז עס שוין פאַרשוואונדן צווישן די קריעס אייז.

— גאָט מיינער, וואָס האָב איך געטון?! — האָט ער אויסגעשריגן אין ערשטן אויגנבליק פאַר שרעק, נאָר אינעווייניק האָט ער דערפילט אַ דערלייכטערונג און אַ באַפרייאונג — ווי מיט דער טאַט וואָלט זיך עפּעס געענדיקט און עפּעס זיך אָנגעהויבן.

מענטשן זענען אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דעם פאַל פון קעסטעלע, און מען האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם וואַרפער. כדי אויסצומיידן מענטשלעכע באַאָבאַכטונג, האָט ער אָנגעהויבן פלינק אַוועקצוגיין — אויסגעמישט זיך מיט דער מענגע, וואָס האָט געשטראָמט צום ניעווסקי פּראָספּעקט.

דער „ניעווסקי" איז נאָך מער געווען באַלעבט, ווי די „נאַבערעזש־נאַיאַ" און די „טראָאיצקי"־בריק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז גאַנץ פּעטער־בורג געפינט זיך דעם ערשטן טאָג פון פרילינג אויף דער גאַס. איבער

דער גאַנצער לענג פון „ניעוושקי״, ווו עס איז נאָר געווען אַ שפּילקע פרייער פּלאַץ, זענען געשטאַנען קונים ביי אויפגעשלאָגענע ביידלעך און האָבן געקויפט באַמאַלטע פסח-אייער, פאַרשידענע ווורשטן און פליישן, לעקעכלעך און קיכלעך, און אַנדערע זיסקייטן. פויערן, פויערטעס, בעלי־מלאכות האָבן פאַרקויפט היימיש־געמאַכטע שפּילוואַרג פאַר קינדער: ליאַלקעס, זעלנער, הילצערנע אייער. קינדער האָבן זיך געפרייט מיטן שפּילוואַרג, ווייבער זענען געשטאַנען און גערונגען זיך מיט די סוחרים, און מענער האָבן געקוקט אויף זיי מיט פרילינגס־דערוואַכטע פאַרלאַנגען.

דער פסח האָט זיך אָנגעהויבן.

קאַפּיטל 7

דערוועקט בלוט

אַז מירקין איז אַהיימגעקומען אַ מידער, מיט אַן אויסגעמאַטערטער נשמה, האָט ער געפונען אַ בריוול וואַרטן אויף אים, געשריבן בשותפות פון זיין פאָטער און זיין כלה: „אַרויסגעפאָרן נאָך „נאָוואַיאַ דערעווניאַ״ לכבוד דעם ערשטן פרילינגס־טאָג. זיי וועלן דאָרטן בלייבן צום עסן. פאַרפאָרן נאָך אים. באַדויערן וואָס נישט געטראָפן אינדערהיים. נישט אַנדערש, נאָר ער זאָל מיטנעמען אָלגאַ מיכאַילאָוונען און אויף אַ געדינגענעם אויטאָמאָביל אַרויסקומען צו זיי, ווו זיי וואַרטן אויף אים״. נינאָטשקאַ האָט צוגעשריבן: „זאַכאַריושקאַ טייערער, זע, נאָר נישט אָפּ; אַז נישט, וועל איך בייז ווערן. און מיט דיר וועט מאַמאָטשקאַ מיטקומען. דו קאָנסט ביי איר אַלץ פּועלן״.

דאָס דינסטמיידל האָט אים געזאָגט, אַז פונעם אַדוואָקאַט האָט מען צו אים שוין אייניקע מאָל אָנגעקלונגען, און אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט צו וויסן געלאָזט, אַז נישט אַנדערש, אַזוי ווי ער וועט נאָר אַהיימקומען, זאָל ער גלייך קומען צופאָרן אָדער אָנקלינגען.

מירקין איז אַ מינוט געבליבן שטיין איבעראַשט פון דער נייעס. ער

האָט אַ מינוט געצווייפלט, וואָס צו טון, און ווידער געהאַט דאָס געפיל, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט, ווען ער האָט זיך צוגערירט צו זיין פאָ־טער: ווי אַ קינד שטייט ביי אַ גרויסן באַלאַן און ווייסט נישט ווי אים אָנצוגעמען. באַלד האָט ער זיך אַליין געזאָגט: „געוויס וועל איך גיין, געוויס. און וועגן פאָרן נאָך „נאָוואַיאַ דערעווניאַ" וועלן מיר זען. אפשר דאָרטן און אפשר אַנדערש־ווו".

ער האָט אָנגענומען דאָס רערל פון טעלעפאָן און האָט אָנגערופן אָלגאַ מיכאַילאָווגען.

זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן הויך צו קלאַפּן. דאָס האַרץ איז געוואָרן אַ זאַך פאַר זיך, וואָס זיצט אין אים. ער האָט זיך אינערלעך געזידלט, פאַרוואָס ער קאָן זיך נישט קאָנטראָלירן. נאָר זיין האַרץ איז שוין געווען אַן אַנדער וועזן, און ער האָט דעריבער קיין שום שליטה נישט געהאַט.

— ווו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן, זאַכאַריושקאַ? מיר האָבן שוין געשיקט שטאַפעטן איבער דער שטאָט אייך זוכן, — האָט זיך דער־הערט פון דער צווייטער זייט אָלגאַ מיכאַילאָווגאַס אָנגענעמער ווייבער־שער ווייבער קול.

— פאַרכאַפּט געוואָרן פון פרילינג, זייט מוחל. איך האָב אַרומגע־בלאָנדזשעט איבער די גאַסן, ווי אַ שכורער, געזען, ווי דאָס אייז גייט איבער דער ניעוואַ, — האָט מירקין געזאָגט אין אַ וואויל־יונגערישן טאָן, און אַליין זיך פאַרוואונדערט איבער זיין דרייסטקייט אַזוי צו רעדן מיט אָלגאַ מיכאַילאָווגען.

— קומט גלייך צו פאָרן. די „יונגע" (אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ האָט גע־רופן דעם אַלטן מירקינען און נינאַטשקען מיטן נאָמען „די יונגע") זע־נען אַרויסגעפאָרן נאָך „נאָוואַיאַ דערעווניאַ", און וואַרטן אויף אונדז. נאָר איך האָב מורא, אַז עס איז שוין צו שפּעט.

— איך קום גלייך צופאָרן, — האָט מירקין פאַרזיכערט.

ער האָט זיך אַרומגעוואַשן, באַגאָסן זיך מיט „אָ־דע־קאָלאָן", און איבערגעטון זיך אין פרישע וועש, אַ שוואַרצן אָנצוג, און זאַכאַרי האָט זיך געפילט אַ ביסל אויסגעהיילט פון זיין קרענק. נאָר די גאַנצע צייט פון זיין איבערטון זיך האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געפיל, וואָס האָט אים פאַרשאַפט ביטערקייט און דערוועקט אין אים אַ כעס אויף זיך אַליין. ער האָט געמלעך ביי זיך אויסגעזען ווי אַ צום טויט

פאראורטיילטער, וועלכער גרייט זיך צו צום לעצטן מאָלצייט, וואָס ער האָט זיך אויסגעבעטן ביים תלין. „פאַרוואָס? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, — ווער צווינגט מיך, אַז איך זאָל אַנדערש זיין ווי איך בין, ווי פּאַפּאָטשקאַ, ווי נינאָטשקאַ, ווי די גאַנצע וועלט? פאַרוואָס זאָל איך אַנדערש נעמען דאָס לעבן, ווי אַלע איבעריקע?"

נאָר העלפן האָט ער זיך נישט געקאָנט. מיט אָט דעם געפיל האָט ער גענומען די דראָשקע צו פאָרן צו אָלגאַ מיכאַילאָוונען, און מיט דעם געפיל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ בלומען־האַנדל צו קויפן בלומען פאַר אָלגאַ מיכאַילאָוונען.

נישט זייענדיק געניט אין די זאַכן, האָט ער געקויפט אַ גאַנצן בוים בעז, וואָס האָט געמוזט אַרויסרופן אויפמערקזאַמקייט שוין מיט זיין אומגעווענלעכער גרויס; אַרויף אויף דער דראָשקע און פאַרפאָרן אויף „קאַזאַנסקאַיאַ", צו דעם קאָרידאָר, וואָס פירט אַרויף צו דער פּריוואַטער וווינונג פונעם אַדוואָקאַט.

מיט נישט קיין קאָנצענטרירטן האַרץ, וואָס האָט געשלאָגן אָן זיין דעה, און מיט דעם געפיל פון צום טויט פאַראורטיילטנס לעצטן מאָלצייט, וואָס האָט ווי אַ גריל אין אַ קוימען נישט אויפגעהערט צו מאָנען אין אים, איז ער אַרויף אויף די טרעפּ, לאָזנדיק פאָראויס דעם שוויי־צער טראָגן דעם גרויסן בוים בעז, און אַריינגעקומען אין שטוב.

— און דאָס וואָס איז? — האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ געפרעגט כמעט אַ דערשראָקענע, ווען זי האָט דערזען מירקינען אָן אויסגעפּוצטן, מיט אַ בלייך פּנים, האַלטנדיק אין דער האַנט דעם אויסערגעוועינלעך הויכן בוים בעז.

— זייט מוחל, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, היינט איז געווען דער ערשטער פריילינגס־טאָג, און איך האָב געפילט דאָס באַדערפעניש אייך צו ברענגען בלומען. זייט מוחל, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, פאַר דער פרייהייט, — האָט מירקין געזאָגט דרייסט. נאָר ער איז זייער בלייך געווען.

— מיר בלומען? ווי קום איך דערצו?

— יאָ, אייך, דווקא אייך, — האָט מירקין איבערגעחזרט.

— נו, זאָל זיין. אַ דאַנק אייך. אַ גאַנצן בוים, ווי האָט איר דאָס געקאָנט דערשלעפּן? — קומט דאָ אַהער צו מיר, זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש, — האָט זי אים איינגעלאַדן צו זיך אין איר ווינקל אַריין, — איך וואַרט

אויף אייך פון פינף א זייגער אָן. געווען דאָ אייער פּאַפּאָטשקאַ, צוגע־נומען ניניאָטשקען און אַוועקגעפאָרן אין „נאָוואיאַ דערעווניאַ”. מיר האָבן געזאָלט נאָכקומען, אומזיסט געוואַרט אויף אייך. איצט וועט שוין זיין צו שפּעט אַרויסצופאָרן. ווו זענט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן? מיטאָג האָט איר שוין געגעסן?

— זייט מוחל, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, נישט געוווּסט, אַז איר וואַרט אויף מיר. איך בין היינט שכור געווען פון דעם ערשטן פרילינגס־טאָג, אַרומגעשלייכט זיך איבער די גאַסן, געזען ווי דאָס אייז שווימט איבער דער ניעוואַ. אַזויפיל מענטשן געווען אויף טראָאיצקער בריק, אַרומגע־וואַלגערט זיך אויף „ניעווסקי”, באַטראַכט די שפּילוואַרג, וואָס מען פאַר־קויפט אויף פּסח. איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס איז געווען מיט מיר היינט.

— וואָס פאַר א ייִנגל איר זענט נאָך, זאַכאַרי! זיך געלאָזט פאַר־פירן פון פרילינג און איבערגעלאָזט אַן אַלט ווייב איינע אַליין וואַרטן אויף אייך. איך בין דאָך דאָ איינע אַליין. סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש איז פאַרפאָרן אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס זיי האָבן היינט ביי לאַנדוין. מי־שענקאַ איז אַוועק צו זיין פריינט מאַרקאָוויטש מאַכן לעקציעס צוזאַמען, און דאָ וואַרט איך אויף אייך. אפילו נאַאום גריגאָריעוויטש האָט היינט נישט אַריינגעשמעקט. אַלע האָט איר מיך פאַרלאָזט אין ערשטן פרי־לינגס־טאָג. זעט, ווי מען קאָן רעכענען אויף אייך!

מירקין האָט זי אָנגעקוקט, ווען זי האָט גערעדט די אויבנדערמאָנ־טע ווערטער. עס איז געווען, ווי דער שטן אַליין וואָלט זי געווען אַזוי אַוועקגעזעצט, אַז זי זאָל זיין שפּייז פאַר זיינע געדאַנקען, פאַר זיינע גע־פילן און חושים. אַנדערש ווי אַלע מאָל, איז זי היינט נישט געווען אַרומ־געהילט אין שוואַרצן זיידנס, נאָר איז געווען אָנגעטון אין א טיף־אויסגע־שניטן רויט זיידן קלייד, א קלייד געמאַכט פאַר רייכע פרויען, א קלייד, וואָס העלפט אַרויסברענגען די שטאַרקייט, די שאַרפקייט פון א רייפן, סאָלידן פרויען־קערפּער. פאַלנדיק שלאַבריק איבער אירע רונדע אָרעמס, איבער איר אויסגעבעטן קאַרק, איבער איר פולער ברוסט, האָט עס אַנט־דעקט דאָ און דאָרט די העלקייט פון איר הויט. וואָס איז געווען דורכגע־וועבט מיט בלויע אָדערן און האָט אַרויסגעשמעקט מיט דער זיסקייט פון מוטער־מילך... באַצויגן מיט א צניעות־שעמעוודיקער רויזיקייט... דער

קערפער, וועלכער האָט אַזוי לאַנג געשלומערט אין די פאַרבאָרגעניש פון זיינע פאַרלאַנגען, האָט זיך אַנטדעקט פאַר אים מיט אַלע זיינע גלוסטונ־גען און איינגעקנעטענער תאווה, וואָס ליגט דאָרטן אין די פאַלדן פון איר הויט, אונטער אירע בריסטן, אין איר בויך, אין אירע ווייסע זייטן־עקן, אין אירע שטאַרקע היפטן, דאָרטן, אונטער דעם זייד. די מחשבות האָבן פאַרשכורט דאָס לעצטע ביסל באַוווסטזיין; דאָס לעצטע ביסל ניכטער־קייט פון זיינע חושים איז פאַרשוווּנדן.

— וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי פרעמד, זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש?

— האָט זי געפרעגט, האַלב דערשראָקן, און זיך געריוויטלט ווי אַ כלה־מיידל, ווי איר בלוט וואָלט אָפּגעצעטפּערט אונטער דער גלוט פון זיינע דורשטיקע בליקן.

— אָ, גאָרנישט, — האָט זאַכאַרי געשמייכלט טאַקע פרעמד. — איר טראָגט היינט אַ ניי קלייד?

— ווי איר באַמערקט! פון ווען אָן שענקט איר דאָס אויפמערק־זאַמקייט צו פרויען-קליידער, זאַכאַרי? וואָס איז דאָס היינט מיט אייך?

— איר מוזט מיר ווירקלעך מוחל זיין, איך ווייס נישט, צי איז אין דעם שולדיק דער פרילינג, וואָס איז געקומען צו אונדז אַזוי פּלוצלינג... איך בין היינט נישט אַליין... ווי שכורלעך...

— זייער צופרידן אייך צו זען אַזעלכן. איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר קאָנט זיך אַזוי איבערנעמען מיט אַ פרילינגס־טאָג. דאָס איז אַ סימן פון אייער לעבנס־פרייד.

—ווירקלעך, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ. איך פיל זיך היינט, ווי אַ יינגל...

— און ער האָט איבערגעהאַקט.

— נו, דערציילט מיר, וואָס האָט איר היינט געטון אַ גאַנצן טאָג?

— וואָס דערציילן? פאַרשידנס, נאַרישקייטן געקלערט, פרילינגס־שטימונגען אוודאי. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, וואָלט מען אפשר אַרויסגעפאָרן נאָך „נאָוואיאַ דערעווניאַ", אָדער ערגעץ אַנדערש־וווּ? די נאַכט איז היינט וווּנדערלעך. אַזאַ עטער שטייט היינט אין דער לופט, אַזעלכע ווינ־טן יאָגן, און אַזאַ פרעמד ליכט, ווי אַ שימער פון די ווייסע נעכט, וואָס דערנענטערן זיך צו אונדז, וואָלט שוין אָנגעקומען.

— וווּהין וועלן מיר פאָרן? איר האָט באַדאַרפט פריער קומען, זיי

וועלן זיך אוודאי באַלד צוריקקערן. נו, וואָס איז מיט אײַך היינט אָוונט? אַזוי פּאַטעטיש... איך האָב אײַך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכן.

— איך ווייס נישט, איך ווייס אַליין נישט, — האָט זאַכאַרי געזאָגט און צוגעמאַכט די אויגן מיט זײַן האַנט.

— עפּעס וואָס קאָכט זיך דאָרט אין אײַך, עפּעס איז דאָרטן ביי אײַך נישט קלאָר. וואָס האָט געטראָפן? דערציילט, זאַכאַריושקאַ, — האָט זי גוט־מוטערלעך איר האַנט אַרויפגעלייגט אויף זײַן אַקסל.

זאַכאַרי האָט אַ צוק געגעבן. אַ טרייסל איז דורכגעגאַנגען דורך זײַן אינערלעכס, ער האָט געכאַפּט איר האַנט, און צודריקנדיק צוערשט צו זײַן האַלדז, האָט ער איינגעגראָבן אין איר זײַנע ליפּן און זײַנע אויגן.

אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ כוואַליע רויטקייט, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר פּנים און אויף דער הויט פון איר לייב. זי האָט פלינק צוגענומען פון אים זײַן האַנט.

— מיט אַן אמת גערעדט, — האָט זי געזאָגט, — ווען איך וואָלט אײַך נישט געקענט, וואָלט איך פאַר אײַך מורא געהאַט. איר זענט עפּעס אַזאַ פרעמדער...

דאָס זענען געווען ווערטער, וואָס האָבן אים מוט געגעבן.

— אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ, איך האָב אײַך ליב, אײַך אַליין... אײַך, אײַך האָב איך ליב. עס איז מיר גאַנץ גלייך, וואָס איר וועט קלערן וועגן מיר, און אַזוי איז עס שוין, פאַרפאַלן... איך גיי אויס נאָך אײַך... איך דורשט נאָך אײַך. נאָך אייער לייב, נאָך אייער נשמה, נאָך אײַך אינ־גאַנצן... האָט רחמנות אויף מיר, נעמט מיך צו צו זיך, נעמט מיך צו אינ־גאַנצן, אינגאַנצן צו אײַך, טיף צו אײַך. איך קאָן מער נישט לעבן אָן אײַך, איך וועל שטאַרבן... איך וועל... — האָט ער גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און זיך געבויגן און געניוויגט צו איר מיט זײַן מויל, אויגן, שפּיצ־פינגער, מיט זײַן גאַנצן קערפּער, בלייבנדיק אַ צוגעשמידטער זיצן אויף זײַן אָרט.

אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ איז אויפגעשפּרונגען און דעם ערשטן אויגנבליק האָט זי געהאַט בדעה אים צו פאַרלאָזן און אַרויסצוגיין, ווי איר געוויסן, איר פרויען־שטאָלץ און איר מוטערלעכע פליכט האָבן געפאָדערט פון איר. נאָר אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט זיך אָנגערופן אַן אַנדער געפיל: די געוווינהייט צו אים און די געטריישאַפט צו דעם פאַריתומטן ייִנגל,

וועלכער האָט קיינמאָל נישט געגאָסן פון מוטער־ליבע. פרויען זענען קיינ־מאָל נישט גלייכגילטיק צו מוטערלאָזע קינדער. עס איז אַזוי ווי אַ געהיים נאַטור־געזעץ וואָלט געווען געווירקט אין זיי איינע די אַנדערע צו פאַר־טרעטן. אין דעם פאַל איז נאָך צו הילף געקומען דאָס, וואָס זאַכארי איז איר צוקונפטיקער איידעם; וואָס זאַכארי האָט פון שטענדיק אָן גע־האַט אַ נייגונג צו איר, און איר פאַרטרויט מער ווי זיין מאַמע. דאָס האָט אָלגאַ מיכאַילאָוונען דערמאָנט אָן אירע מוטערלעכע פליכטן, וואָס זי מוז האָבן צו דעם יונגנמאַן, וועלכער האָט געפונען אַ היים ביי איר.

דערצו האָט זאַכאַרים צושטאַנד ארויסגערופן רחמנות. דאָס רחמנות אויף אים האָט איר האַרץ ווייך געמאַכט. זי איז גרייט געווען אַלץ צו טון פאַר דעם יונגנמאַן, אַזוי ווי ער וואָלט איר איינן קינד געווען. זי האָט זיך געזען אין דער ראָלע פון זיין מוטער, וועלכע זי מוז פאַרטרעטן, דורך דעם צוטרויען און צונייגונג, וואָס דער יונגערמאַן האָט איר גע־שאָנקען. אים פאַרלאָזן איצט, הייסט אים שטופן מיט די אייגענע הענט אין אָפּגרונט. זי מוז זיין שטאַרק. זי מוז פאַרטרעטן איצט די שטאַרקע מוטער האַנט, וואָס אים האָט געפעלט דורך זיין גאַנץ לעבן.

זי איז געבליבן שטיין ביים קוימען און, אָנגעלענט אויפן מאַרמאָר־ברעט פון קוימען, האָט זי פאַרמאַכט מיט איר האַנט אירע אויגן. איר נאַנצער אויפגעוועקטער קערפּער האָט געציטערט, און מען האָט געזען, ווי ער באַוועגט זיך אונטער די לייכטע פאַלדן פון איר זיידן קלייד.

אַ מינוט האָט אַזוי געדויערט דאָס קעגנזייטיקע שווייגן.

— וואָס, איר זענט משוגע געוואָרן, צי וואָס? ווי אַזוי האָט איר גע־וואַגט? ווי אַזוי?

— איך בין משוגע געוואָרן... נאָך ערגער. איך ווייס, אַז איך דאַרף נישט לעבן...

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אים איצט אָנגעקוקט מיט אירע אויגן פון אונטער איר האַנט. זי האָט אים אָנגעקוקט פרעמד, פאַרשנדיק און פאַר־וווּנדערט. עס איז געווען דאָס קינדערשע געוויין אין זיינע אויגן, דער קינדערשער, חלושדיקער פאַרלאַנג און זיינע ליידן, דאָס קינדערשע גע־שריי פון זיינע אויסגעשטרעקטע הענט צו איר, וואָס האָט זי אָנגעבונדן צו איר אָרט און אָנגעגאָסן איר האַרץ מיט רחמנות צו אים.

— איך ווייס, אַז יעדער אויגנבליק, וואָס איך בלייב דאָ מיט אייך,

איז אַ זינד, נאָכדעם ווי איר האָט מיר אַנטדעקט אייערע פרעמדע, אומ־פאַרשטענדלעכע געפילן... איך טאָר דאָ מער קיין איין אויגנבליק נישט פאַרבלייבן מיט אייך.

— אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ, גייט נישט, פאַרלאָזט מיך נישט. איר קאָנט מיך נישט פאַרלאָזן...

ער האָט מיטאָמאָל אַוועקגעדרייט זיין פּנים פון איר, וואָרים זיינע אויגן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט טרערן.

איר האַרץ האָט אַ טרייסל געגעבן און אירע הענט האָבן געציטערט. אויך אירע אויגן זענען פול געוואָרן. זי האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו אים, און האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיין קאָפּ, קוקנדיק אים אין פּנים אַריין.

— זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש, וואָס איז אייך? וואָס איז מיט אייך גע־שען? דערציילט מיר!

— איך ווייס נישט, אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ. איך בענק נאָך אייך, און אָן אייך וועל איך שטאַרבן, — האָט ער אויפגעהויבן זיין פּנים פון צווישן אירע הענט און געקוקט איר אין די אויגן אַריין מיט זיין קינדערש גע־בעט.

— איך האָב דאָך אייך ליב אַזוי ווי אַ מוטער... איר האָט דאָך דאָס געבעטן ביי מיר, איז אייך דאָס נישט גענוג?

מירקין האָט געשוויגן, נאָר אַלץ געקוקט איר אין פּנים אַריין מיט אַ לעכצנדיק געבעט.

— וואָס איז אייך? דערציילט מיר. איך האָב אייך ליב ווי מי־שענקען, און אפשר נאָך מער. און ווי קאָנט איר האָבן אַזעלכע געדאַנקען צו אַ פרוי, וועלכע איר האַלט פאַר אַ מוטער?

אירע לעצטע ווערטער האָבן זאַכאַרין אינגאַנצן פאַרטויבט, ער האָט מיט זיין פּנים געגעבן זיך אַ גראָב איין אין איר האַלדז, אין זיינע נאָז־לעכער און אָפן מויל זענען געקומען צושלאָגן מוטער־ווערלן און פרויען־ווערלן, וואָס האָבן פון דעם אויפגעברויזטן בלוט זיינע אָדערן אָנגעטריבן מיט ענערגיע, און קראַפט אַריינגעיאָגט אין זיינע מוסקולן. ער האָט זי אַרומגענומען, און די לאַנגע, לאַנגע אויסגעווייטיקטע בענקשאַפט נאָך איר איז צו אים וואָר געקומען. ער האָט דערפילט די ווייכקייט פון איר לייב און די גלאַטיקייט, די קילקייט; ער האָט זיך געפילט ווי אַן אויס־

געהונגערט קינד, וואָס פאַלט צו, נאָך טעג וואַרטן, צווישן דער מוטערס בריסטן.

— וואָס טוט איר? דאָס איז דאָך זינד... סדומישע זינד... איך בין דאָך... איך בין דאָך, אַזוי צו זאָגן, כמעט אייער מוטער...

איר אָטעם האָט זיך קורץ אָפּגעהאַקט, זי האָט עלאַסטיש, שלאַנגענדיק, זיך אונטערגעגעבן צו די אָנגעצויגענע מוסקולן פון זיינע הענט, ווי אַן אויסגעהונגערטע מוטער, איז איר גאַנץ לייב אָנגעגאָסן געוואָרן מיט מילך, ווי אַ ברוסט... זי האָט זיך איבערגעגעבן מיט אַ ווייטיקדיקער אַנטציקונג אין זיינע אָרעמס.

— וואָס טוט איר מיט מיר? וואָס טוט איר? — האָט זי שוואַך גערעדט, אָנגעלענט איר פּנים אויף זיין קאָפּ.

— מוטער, אייגענע, געבוירענע... — האָט ער פאַרצוקט גערעכצט.

זייערע הערצער האָבן צוזאַמען געקלאַפּט, ווי זייער בלוט וואָלט זיך געוואָלט אַרויסשלאָגן פון זייערע לייבער און אויסמישן זיך...

— מוטער, מוטער... — האָט ער נישט אויפגעהערט צו קרעכצן.

— וואָס?... וואָס?... האָט זי אונטערגעשטאַמלט.

— טו אַלץ פאַר מיר. אַלץ, אַלץ...

— יאָ, אַלץ... אַלץ... אַלץ... — האָט זי אין דער שטיל אָפּגעענטפערט.

פון אירע אויפגעריסענע ליפּן איז געקומען איר וואַרימער גאַוועראון גערונענען איבער זאַכאַרים האַלדז און נאַקן...

קאַפּיטל 8

אין אייגענער קלעם

ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, וואָס שלעפּט איר פאַרוואונדעטן קערפּערגעגעץ אין אַ לאָך אַריין צו שטאַרבן רואיק, אַזוי האָט זאַכאַרי איצט אַהיימגעשלעפּט זיין איבעריקן קראַנקן גוף. ער האָט אים נישט געפילט. זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרהילט אין אַ שוואַרצן נעפּל, ווי אַן

אייביקע, אומענדלעכע נאכט וואָלט אים שוין געווען ארומגערינגלט. אין דער פינצטערער נאכט האָבן זיך געטראָגן שטראַלן. שטראַלן אין פאַר־שידענע רעגנבויגנדיקע קאָלירן, וואָס ער האָט דערזען אביסל פריער, ווען ער איז מיט זיין גאַנץ וועזן אריינגעפאַלן אין אייביקער מוטערלעכקייט... די קאָלירן האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלאָשן פאַר זיינע אויגן. אויף זיי־נע ליפּן האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן א זיס־זינדיקער געשמאַק, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן עפּעס. ער האָט געוואָלט אויפהאַלטן דעם טעם אויף די ליפּן ביז צו דער לעצטער מינוט, ביז צום לעצטן הויך.

ער האָט זיך נישט געוווּנדערט, פאַרוואָס ער פילט נאָך דאָס אַלץ. אין אמתן האָט ער גאָרנישט געוווּסט, אז ער פילט דאָס אַלץ. דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אויף דער דראָשקע, אויפן וועג אהיים, איז ער געווען אין א חלום. אַלץ האָט זיך געדרייט, ווי א קארו־זעל, ארום אים. די נאַכט, די שטערן, די אַנגעצונדענע לאַמטערנעס, די באַלויכטענע הייזער, די באַוועגונג פון פורן און מענטשן. אַלץ האָט זיך געפלאָכטן ארום אים, ווי ליכטיקע צעפּ פון א מכשפה. ער אַליין איז נאָך געשווומען אין דעם שווארצן וואָלקן און מיט די אויגן געווען פארזונקען אין אָפּגרונט פון קאָלירטע ליכט...

נאָר קוים איז ער אהיימגעקומען צו זיך, דערזען די באַקאַנטע שטוב מיט די באַקאַנטע מעבל אין זיין ארבעט־צימער, דעם דיוואַן, אויף וועלכן ער רוט זיך אויס טייל מאָל, די פאָטאָגראַפיעס, וואָס הענגען פאַר אים אויף דער וואַנט, די שטול, וואָס שטייט פאַר זיין שרייב טיש, די פּאַ־פּירן, וואָס ליגן אויף אים; ווען ער האָט זיך ארומגעקוקט אין זיינע איי־גענע פיר ווענט, האָט ער זיך אויפגעוועקט. און ער האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, וואָס עס איז געשען מיט אים. די נאַכט מיט די פינקלדיקע ליכטער איז פאַרשוווּנדן. אויף די ראַנדן פון די ליפּן האַלט זיך נאָך אויף דער לעצטער טעם פון דער זינדיקער ווארימקייט. ער וווּנ־דערט זיך, פאַרוואָס ער לעבט נאָך? פאַרוואָס איז דער טויט אַליין נישט געקומען, ווען מען דאַרף אים, ווען מען איז רייף פאַר אים? פאַרוואָס וואַרט ער ביז מען וועט אים אַליין ארויסרופן? ער ווונדערט זיך, פאַר־וואָס ער קאָן נאָך גיין, באַוועגן זיך, רירן מיט זיינע הענט? באַלאַנגט ער שוין דען נישט דאָרט אַהין צו יענע לייט, וועלכע גייען נישט?...

ער וואַרפט זיך אויפן דיוואַן און פאַרמאַכט די אויגן. ער וויל נאָך

אַמאָל אַרויסרופן דעם חלום, וואָס ער האָט ערשט פאַר אַ קורצער צייט אַזוי קלאָר און דייטלעך איבערגעלעבט אויף דער וואָר. אַן אויסגעליי־טערטער שמייכל באַווייזט זיך אויף זיין בלייך געזיכט. ער קלערט וועגן עפּעס, וואָס טוט אים גוט, און קעגן זיין ווילן, אָבער אין איינקלאַנג מיט זיין גאַנצן מהות, ווערט ער אָנגעגאָסן מיט פרייד דערפון, און ער איז אפילו שטאָלץ דערויף.

— גאָט מיינער, דאָס קאָן דאָך ניט וואָר זיין? דאָס קאָן דאָך נישט! דאָס קאָן דאָך נישט!

אָבער באַלד קומט דער רעאַלער זכרון און ווייזט אויף דעם חשבון־בוך קלאָר: יאָ, אַזוי און אַזוי איז עס געווען.

ער דערמאָנט זיך דעם פּרייז, וואָס ער האָט דערפאַר צו באַצאָלן.

— פאַרוואָס קומט עס נישט אַליין, ווען מען וויל עס? פאַרוואָס וואַרט עס? — קלערט ער אַ ווײַלע.

און ער לייגט צו הויך פאַר זיך, אויפן קול:

— אַז ער קומט נישט, זעט זיך אויס, וועט מען אים דאַרפן אַרויס־רופן.

ער קוקט זיך אום אין שטוב. און די שטוב זעט שוין אויס ביי אים, ווי אַ צוגעמאַכט טויטן־הויז. פון דאַנען טאָר ער שוין נישט, און וועט ער שוין נישט אַרויסקומען. אַלע דערוואַרטן דאָס פון אים. אַלע נאָענטע און ווייטע, און דער עיקר, ער אַליין פון זיך.

און ער דערזעט זיין לעבן פאַר זיך. אַ שטיקעלע וועג האָט ער נאָך צו לויפן, דאַן קומט ער אָן צו אַ גרוב. דורך דער גרוב וועט ער מוזן דורכשפּרינגען! וואָס איז דער חילוק, פריער צי שפּעטער? קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. ער מוז סיי ווי סיי אָנקומען צו דער גרוב. ער וועט ליבער באַלד אַריבערשפּרינגען. זעט זיך אויס, אַז מען וועט אים באַ־דאַרפן אַליין אַרויסרופן, און וואָס שנעלער איז בעסער.

און כדי נאָך אַ מינוט צייט צו געווינען אָפּצונאַרן זיך, באַשעפ־טיקט ער זיך אין געדאַנק מיט זיינע לעצטע פאַרבערייטונגען. בריוו שרייבן; צו וועמען? צו נינאָטשקען, ביי איר מחילה בעטן, גאָרנישט מער, נאָר איין וואָרט: „נינא סאַלאָמאָנאָוונאַ, זייט מוחל". אָבער צו וואָס? נינאָטשקאַ דערשיינט פלוצלינג פאַר אים, ווי אַ נישט־דערגרייכבאַרע ריינקייט, אַ הייליקע, אַ ליידנדע. — ווי קום איך איר בריוו צו שרייבן?

גיין, מען באַדאַרף נישט. דאָס איינציקע, וואָס זי קאָן דערוואַרטן פון מיר: ווי אַמשנעלסטן און אָן ווערטער, אָפּצוראַמען זיך פון איר וועג, און דאָס וועל איך טון.

— איך באַצאָל, איך באַצאָל, — זאָגט ער צו זיך. און ווי אַ בעל־חוב, וואָס האַלט דעם גאַנצן חוב אין באַר אין זיינע הענט, אַזוי האַלט ער זיין לעבן גרייט אין זיין האַנט צו באַצאָלן. ער איז דורך דעם אַביסל שטאַרקער געוואָרן ביי זיך, און נישט אַזוי געפאַלן.

— איך באַצאָל, איך באַצאָל! — האָט ער כמעט אויסגעשריגן הויך, ווי ער וואָלט זיך קעגן וועמען געוועהרט.

— דעם טאַטן וואָלט מען יאָ באַדאַרפט עפּעס איבערלאָזן אַ וואָרט: „נישט ווערט צו טרויערן, בעסער אַזוי און גלייכער אַזוי". אויך זיין פּאָ־טער ווערט אין זיינע אויגן אויפגעהויבן צו אַ נישט דערגרייכטער הויכ־קייט. ער איז דאָך אַ ריינער עטישער מענטש, נאָך זיינע באַגריפן. ער האָט דאָך זיין מאָראַל. און איך וואָס?

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער האָט אפילו נישט קיין רעכט צו קלערן וועגן דעם. עס איז בלויז פּחדנישעם אָפּשלעפּן, יעדע מינוט, וואָס ער לעבט און קלערט.

— אָן איבערלייגענישן. צום עסק! מ'דאַרף אָנהייבן! — און ווידער ווערט דער פּעסטער באַשלוס פון זיין טאַט צו באַר געלט אין דער האַנט פונעם בעל־חוב, און גיט אים נאָך דרייסטקייט אויף נאָך אַ מינוט.

ער דערוועגט זיך נישט אויפצועפענען די טיר פון דעם גערדאַנק. אָלגאַ מיכאַילאָווגען אוודאי נישט. זי דערוואַרט צו געפינען די נייעס אין דער מאָרגנדיקער ציימונג, אָן יעדער גערעדעכץ.

איצט האָט ער דאָס געפיל, אַז דאָס שטיקעלע וועג איז אָפּגעלאָפן און ער איז אָנגעקומען צו דער גרוב... איצט באַדאַרף מען מאַכן דעם שפּרונג.

לאַנגזאַם, ווי געשמיסן דורך ריטער, הייבט ער זיך אויף פון זיין דיוואַן: — ווי אַזוי עס אויסצופירן? — ער האָט גאָרנישט געקלערט דער־פון. צום לייכטסטן וואָלט עס געווען, אַ רעוואָלווער. קיין רעוואָלווער האָט ער נישט אָנגעגרייט.

קלערט אַ זעלבסטמערדער, ווי אַזוי אויסצופירן זיין טויט? ווייניק וועגן? — מען וואַרפט זיך אַרונטער אונטערן ערשטן בעסטן טראַמוויי,

אין טייך; אַט אַזוי ווי ער שטייט, קאָן ער צוגיין צום פענצטער און אַראָפּ־וואַרפן זיך פון אים.

— ניין, נישט אויף דער גאַס, נישט אויף דער גאַס, אין שניי, אין בלאָטע. מענטשן וועלן טרעטן, — בעט ער זיך ביי וועמען אָפּ.

קלערט אַ זעלבסטמערדער וועגן דעם, וואָס עס וועט פון זיין טויטן גוף ווערן? דאָס זענען דאָך פּשוט פּחדנישע געדאַנקען.

ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַמאָל געלייענט וועגן דעם, ווי אַ סטו־דענט האָט זיך אויפגעהאָנגען מיט זיינע שלייקעס אויפן האָק פון לאָמפּ.

ער נעמט שוין זוכן דעם האָק פון לאָמפּ. יאָ, דאָס איז בעסער, אָבער נאָך נישט איינגאַנצן גוט. צופיל אָנגעשטרענגט, צופיל רעש דעם לאָמפּ אַראָפּצונעמען. די דינסט וועט אויפמערקזאַם ווערן און קאָן שטערן.

נאָך אַלעמען איז דאָך קיינעם נישט קיין חילוק, ווי אַזוי איך וועל עס מאַכן, אַבי איך זאָל עס טון. און טון וועל איך עס נאָך היינט אין אָוונט. איך וועל דאָס צימער נישט פאַרלאָזן מער. מען באַדאַרף נאָר אייסזוכן אַ פּשוטן און איינפאַכן אופן, אָן גערודער, אויף אַן אינטימען אופן.

ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַמאָל געלעזן אַ בוך, אַז אַ פאַרליב־טער האָט זיך דאָס לעבן גענומען דורך דעם, וואָס ער האָט זיך די אָדערן פון זיין האַנט אויפגעשניטן. ער האָט געקוקט די גאַנצע צייט אויף דער פאָטאָגראַפיע פון זיין געליבטער, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. דער טויט איז אַז אומשמערצלעכער, אַן אָנגענעמער, אַזוי צו זאָגן.

— קלערט דער זעלבסטמערדער — צי דער טויט איז אַן אָנגענעמער, אַן אומשמערצלעכער? לאַכט ער זיך אויס, דאָס זענען דאָך פּחדנישע גע־דאַנקען.

דאָך שטעלט ער זיך אָפּ ביי אויפשניידן די אָדערן. דאָס איז אָן רעש, אינטימער.

לאַנגזאַם, ווי אונטער שמיץ, הייבט ער זיך אָן אויסצוטון, איין קליידער־שטיק נאָך דעם אַנדערן, דערביי נישט פאַרגעסנדיק עס אָוועק־צולייגן אין אַ גוטער אָרדענונג, האַבנדיק אַ נישט אויסגעשפּראָכענעם פאַרלאַנג, אַז די שטוב זאָל עסטעטיש אויסזען נאָך אים.

אַז ער האָט זיך דערזען אין שראַנק־שפּיגל אַ נאַקעטן, איז אים מיטאַמאָל אַנטפּלעקט געוואָרן די גאַנצע באַדייטונג פון זיין טאַט.

— גאָט מיינער, דאָס מיינט מען דאָך מיך, דאָס לייב דאָ. און צוליב דעם האָב איך זיך דאָס אויסגעטון, און שטיי אַ נאַקעטער, כדי אַן ענדע צו מאַכן פון מיר?

זיין לעבנס־אינסטינקט האָט אַ פּראָטעסט־ציטער געגעבן אין אים. נישט קלערנדיק, הייבט ער אָן מיט זיין האַנט צו גלעטן זיין לייב, זיין ברוסט, זיינע זייטן, ווי ער וואָלט זיך אַליין געפּיעשטשעט, אַליין זיך געליבט, אַליין זיך באַגלייט אויפן לעצטן וועג.

— מוז עס אַזוי זיין? — איז שוין טאַקע גאָר קיין אַנדערער אויס־וועג נישטאָ? — קלערט דאָרט וואָס אין אים, אָן זיין ווילן.

— וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקער פּחדן איך בין! — ווערט ער בייז אויף זיך. פאַר מיין פּחדנות דאַרף איך שטאַרבן.

מיט האַסטיקע טריט גייט ער צו צו זיין וואַש־טיש און נעמט אַרויס זיין ראַזיר־מעסערל פון דער מאַשינקע, באַווייזט זיינע אָנגעבלאָזענע אָדערן אויפן שלייף פון זיין געלענק: — אָט דאָ איין שנייד געבן, אַ טיפן שניט און דאָס בלוט לאָזן רינען.

זיין קאָפּ ווערט וואַרים. די לופט הייבט אָן דיקער צו ווערן און ער דערהערט מיטאַמאָל זיין האַרץ הויך קלאַפּן.

— אָבער עס איז דאָך נישטאָ קיין אַנדערע עצה. עס איז דאָך נישטאָ! עס איז דאָך נישטאָ! — וויל ער זיך איינשרייען מיט כמעט אַ געוויין.

— איך מוז דאָך! איך מוז דאָך!

ער שטעלט זיך אָפּ פאַרן שפּיגל, אויפן וועג צום דיוואַן מיט דעם ראַזיר־מעסערל אין האַנט און באַטראַכט זיין אייגן לייב. ער דערקענט זיך. דאָס לייב, וואָס איז מיט אים אַזוי לאַנג געווען, פון ערשטן טאָג אָן פון זיין געבוירן. — דאָס לייב, די בריסטן, דער בויך דאָ, די זייטן, אַלץ דאָס, דאָס בין איך, זאַכאַרי גאַווריל‍אָוויטש מירקין. — ער וויל זיך אָפּ־שניידן פון זיין לייב. ער, מירקין, איז עפּעס אַנדערש, און זיין לייב איז ווידער עפּעס אַנדערש. — איך, מירקין, בין אַ באַגריף, וואָס וועל אפשר נאָך ווייטער לעבן, ווען דאָס לייב, אָט דאָס, וועט זיין ערד, בלאָטע, אַש.

דאָס ראַזיר־מעסערל פאַלט אַרויס פון זיין האַנט, ער וואַרפט זיך

א מינוט אויף א שטול, לענט אָן מיטביידע הענט דעם קאָפּ און פאַר־קלערט זיך:

— ווי אַזוי וועט דאָס זיין, אַז איך וועל זיין ערד, פאַרפוילט, און דאָך וועל איך ווייטער זיין?

— דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר זענען געוווינט צו זען דעם טויט מיט די זעלבע אויגן, אינעם זעלבן ליכט, וואָס מיר זעען לעבן. טויט איז גאָר עפּעס אַנדערש, גאַנץ עפּעס אַנדערש. וואָס איז טויט? טויט איז דער וועג צו יענעם אומבאַקאַנטן, אייביקן, וואָס מיר קאָנען נישט באַגרייפן און וויסן. דער וועג דאָרט אַהין פירט דורך פאַרניכטונג. וואָס שנעלער עס קומט די פאַרניכטונג, אַלץ נענטער זענען מיר צו דער אומ־באַקאַנטער, אומבאַגרענעצטער אייביקייט, וואָס מיר קענען נישט. אויב אַזוי, וואָס פאַרצי איך עס? וואָס שלעפּ איך עס אָפּ? אדרבא, איך באַ־דאַרף זען וואָס פלינקער צו קומען דערצו, אַז די וועלט איז פאַר מיר אויס, אויס!

הייסט עס, איך גיי אָפּ אין אַן אַנדער לאַנד, פּשוט איך גיי אוועק פון דאַנען, ווייל דאָ איז מיר אומבאַקוועם.

נישט צוליב קיין זאַך, נישט צוליב וועמען. פּשוט איך וויל אַזוי. מיטן אייגענעם ווילן. דאָס באַדאַרף מיר קלאָר זיין, פאַר זיך.

געשטאַרקט ביי זיך דורך דעם לעצטן געדאַנק, הייבט ער אויף דאָס ראַזיר־מעסערל. גיט אַ טריט נענטער: — ווו? ביים שרייב־טיש? אויפן דיוואַן? בעסער אויפן דיוואַן.

אויפן וועג פון שרייבטיש צום דיוואַן פאַלט דער בליק אויף מאַ־מאַטשקעס פאָטאָגראַפיע, וואָס ווערט איצט, צוליב דער גרינער שיין פון לאָמפּ, באַלויכטן מיט אַ היימיש וואַרים ליכט, אַזוי ווי זי וואָלט אין שטוב געווען, מאַמאַטשקאַ מיטן ווייסן קעלנערל און די ווייסע מאַנזשעטן אויפן שוואַרצן קלייד, מיטן יונגן פּנים, מיטן לעבעדיקן פּנים.

ער שטעלט זיך אַ מינוט אָפּ ביי דער פאָטאָגראַפיע און וווּנדערט זיך. וואָס מאַמאַטשקאָס פּנים איז אַזוי לעבעדיק, אַזוי ווי זי וואָלט אויפן שמיקל פּאַפּיר געצאַפּלט, ווי הינטער דער ראַם ערגעץ־ווו וואָלט זיין באַ־האַלטן איר האַרץ, ניין, איר גאַנצער קערפּער, און זי שטרעקט אַרויס דורך אַ שמיקל פּאַפּיר איר לעבעדיק פּנים, מיט אירע לעבעדיקע אויגן.

— דאָס איז מיין אילוזיע. דאָס איז נאָר אַ שטיקל פּאַפּיר. דער

ווילן פון מיין לעבנס קראפט מאלט מיר פארשידענע זאכן, ווי ער וואלט מיר געוואלט שטערן, לייגן מיר שטיינער אויף מיין וועג צו פארניכטונג, צו „יענעם עולם". אט, ריר איך דאך אן די פאטאגראפיע (ער רירט זי אן), קאלט גלאז, א שטיקל פאפיר הינטערן גלאז. אט, ריר איך אן זיך אליין (ער רירט אן זיין אייגן לייב ביי זיין ברוסט), ווארים, לעבעדיק, מיינע חושים זענען נאך וואך.

— אט דער קערפער דא, וואס איך זע דורכן גלאז, דאס פנים, די הענט דא, זענען פארניכטעט. ווו און וואס זענען זיי? (ער וויל זיך פאר־שטעלן זיין מוטערס לייב אין קבר, נאר א לעבנס אדערל צעמישט דארט דאס בילד און לאזט נישט) און דא לעבט זי ווייטער אין א באגריף. ביי וועמען? וואס איז דער חילוק ביי וועמען? אזא באגריף שוועבט ארום אין דער לופט. כאטש דער עצם, וואס טראגט דעם באגריף, איז שוין לאנג נישטא. מאמאטשקא, הייסט עס, האט שוין דורכגעמאכט דעם וועג פון פארניכטונג, און דערפאר, ווייל מאמאטשקא האט שוין דורכגעמאכט, קומט אים אויס דער וועג אן אויסגערעכנטער און א באקאנטער.

און מיטאמאל דאכט זיך אים: — ניין. עס איז אזוי. פשוט ער זעט עס ווי מאמאטשקא ווינקט צו אים פון דער פאטאגראפיע. יא, זי גיט צו אים א פארשארטן, כמעט נישט קיין אנשטענדיקן ווונק, ווי זי וואלט אים געוואלט איינלאדן צו עפעס אן אומאנשטענדיקער, אינטימער זאך. צו זיך אין קבר אריין. זיך לייגן נעבן איר אין קבר אריין, צו ווארימען זיך נעבן איר.

— גאט מיינער, וואס פארא געדאנקען קומען צו מיר?! דאס זע־נען שוין טויט-אילוזיעס, — דערקלערט עס אים נאך אן איינציק לעבע־דיק חושל, וועלכעס האט זיך נאך נישט געלאזט אינגאנצן פארוועבן פון טויטן געשפין.

און ווי צו פארטרייבן פון זיך די אומאנגענעמע, זינדיקע, אומאנ־שטענדיקע געדאנקען, וואס זענען אים געקומען אין דער לעצטער מינוט פון זיין זיין, ווי זיך צו ראטעווען אויף אן אנדערן וועג, דערמאנט ער זיך אן אן אנדער לייב, וואס קלערנדיק וועגן דעם, געפינט ער זיך נישט אזוי זינדיק, ווי וועגן זיין מוטערס לייב...

מירקין האט דאס לעבעדיקע געפיל, ווי ער וואלט זיך געווען געפו־נען אויפן טייך ניעווא, צווישן די קריעס אייז, און איצט איז ער ארי־

בערגעשפרונגען פון איין שטיק אייז, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין טונ־קען, אויף אַן אַנדערס, אַ זיכערס, און דאָ האָט ער זיך לענגער אָפּגע־שטעלט.

מירקין קומט ביי זיך פאַר, ווי ער וואָלט צוריק אַ קינד געוואָרן אין דער אַלטער היים אין יעקאַטערינענבורג. ער בענקט נאָך מאַמאַטשקען. און דערפאַר, ווייל ער איז אַ קינד, מעג ער נאָך אַלץ.

ער פאַלט אויף זיין דיוואַן אַ נאַקעטער, האַלטנדיק דאָס ראַזיר־מעסערל אין זיין האַנט, גראָבט איין דאָס פּנים אין קישן, און ווי ער מעג שוין אַלץ, דערלויבט ער זיך אַרויסצורופן צוריק אין זיין אילוזיע יענע איבערלעבענישן, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג צוריק, נאָך דעם היינטיקן אָוונט, איבערגעלעבט. יענע איבערלעבענישן, וועלכע זיין מו־טערס געשטאָרבן פּנים האָט אין אים אַרויסגערופן, אַ מינוט פאַר זיין טויט. יאָ, ער מעג שוין אַלץ. — סיי ווי סיי, וועמען איז דער חילוק, פון וואָס אַ זעלבסטמערדער קלערט, כדי זיין שטריק צו באַצוקערן? — פאַר־ענטפערט ער זיך אַליין איבער זיינע אומאַנשטענדיקע געדאַנקען, און לאָזט פריי זיין פאַנטאַזיע. אין דער אילוזיע קומט דאָס איבערגעלעבטע פאַר וואַרימער, טיפער, שטאַרקער, כאָטש פאַרנעפּלט. די גרענעצן פון מענטש און באַגריף ווערן אויסגעמישט. יאָרן פאַררוקן זיך. ער ווייסט זיך אַליין נישט מער, — צי ער איז מירקין, דער היינטיקער, צי ער איז מיר־קין, דאָס קינד, זאַכאַריושקאַ. און מאַריאַ איוואַנאָוונאַ בויגט זיך אַראָפּ איבער זיין בעט און נעמט אים איין אונטער איר שטאַרקער ברוסט. יאָ, איצט דערפילט ער, ווי עס בויגט זיך ווער אַריבער איבער אים, און נעמט זיין קאָפּ אַריין, זיין גאַנץ פּנים צווישן דער וואַרימקייט, אין דער געטלעכער מוטערלעכקייט, וואָס רוט צווישן אַ פּרוים בריסטן. ער דער־פילט דעם גאַנג פון בלוט אין די אָדערן, אונטער דער הויט פון יענעם סאָלידן קערנדיקן מוטער לייב. ער הערט ווי עס שלאָגט אונטער דער הויט, און די בריסטן ווערן אָנגעגאָסן מיט מילך, קערנדיק און שטאַרק. און ער דערפילט זיך צווישן זיי, ווי זיין לעבן וואָלט געווען אַרויסגעכשופט פון זיין ווען אַרויס. זיין נאַקעטע נשמה ווערט געהאַלטן דאָרט. יעדער טראָפּן פון דעם לייב, יעדער זיין באַריר, זיין קילקייט און זיין וואַרימ־קייט, האָט אין זיך די מוטערלעכסטע צערטלעכקייט, אויסגעמישט צו־זאַמען מיט די ווייבלעכסטע פריי־געגעבענע גלוסטיקייטן. אַלץ מעג מען

פאַר אים, פאַר דעם קינד, און ער חזרט איבער אין זיך אַליין נאָך אַמאָל יענעם וואָרט:

— מוטער, טו אַלץ פאַר מיר, אַלץ, „אַלץ".

און ער דערפילט, אַז די מוטער טוט אַלץ...

זיינע חושים ווערן פאַרשכורט פון אילוזיעס, פון פערפומען, און אויף זיינע אויגנהייטלעך, און אויף זיינע ליפּן שלאָגט מענטשלעך קאָכע־דיקער גאַוועך פון אונטער אַ קילער, גלאַטער, קערנדיקער הויט. זיינע הענט, פאַרחלשטע, שטרעקן זיך אויס וועמען אַרומצונעמען, און ער נעמט אַרום און דריקט צו צו זיך אַ גרויס מוטערלעך לייב, וואָס איז צוזאַמענ־געקנעטן פון אַלע פרויען, וואָס האָבן אים ווען ליב געהאַט. פון מאַ־מאַטשקען, פון אָלגאַ מיכאַילאָוונען, נינאַטשקען און מאַריאַ איוואַנאָוו־נען, און נאָך אומבאַקאַנטע און אומגעזעענע. דאָס גאַנצע ווייבער־ווען האָט זיך פאַראייניקט אין דעם מוטער־לייב, וואָס ער נעמט אַרום איצט און הויכט אין אים איין זיין לעבנס הויך...

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן פון מינוטן צו שעהען פאַרחלשט אין דער אילוזיע. ווער קאָן ציילן די צייט?

ביז ער האָט זיך אויפגעוואַכט מיט דעם געפיל: — איצט האָב איך אַלץ דערגרייכט. איצט בלייבט שוין גאָרנישט איבעריק. איצט איז ער אָנגעקומען צו דער גרוב.

און דער שפּרונג מוז זיין מוטיק און פריילעך. מיט דעם טעם פון מוטער־לייב נאָך אויף זיינע ליפּן. איידער דער לעצטער הויך פון דער אילוזיע ווערט פאַרשוווּנדן.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אויסגעשטרעקט זיין לינקע האַנט, גע־מאַכט אַ פויסט, און די אָדערן אויף זיין שלייפן־געלענק זענען אָנ־געלאָפן און זענען ווי בלויע ווערים זיך געקומען צוזאַמענקריכן הינטער דעם איידעלן געוועב פון זיין הויט. זיין אָדערן־געלענק האָט אויסגעזען ווי אַ העלדזל פון אַ הינדל. כדי נישט צו זען דאָס, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, און מיט דער רעכטער האַנט געגעבן אַ פאָר צו דעם לינקן אָדער־געוועב.

ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צי ער איז שוין טויט, אָדער נישט. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער לעבט, פילט גאָרנישט קיין שמערצן. ער האָט אויפגעעפנט זיינע אויגן און דערזען, אַז זיין האַנט מיטן ראַזיר־

מעסערל איז א פינף צענטימעטער געבליבן שטיין, ווי א פּאַרגליווערטע פּאָר זייגע אָדערן און זיי נישט אָנגערירט.

— גאָט, איך קאָן נישט, איך קאָן נישט, — האָט ער א פּאַר־צווייפלטער אויסגעשריגן און דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבן צו זידלען:

— וואָס פאַר א געמיינער פּחדן איך בין! גאָט, ווען זיי וואָלטן געוווסט, ווי שווער און פּחדניש עס איז מיר דאָס אָנגעקומען, וואָלטן זיי דאָך מיך פאַראַכטעט. פאַרוואָס קאָן איך נישט?

און שוין נישט צוליב קיין אַנדערער זאַך, נאָר זיך אַליין צו באַ־שטראָפן, בלויז צוליב זיין געמיינער פּחדנותדיקייט, האָט ער נאָך אַמאָל געפּרוווט.

די האַנט מיטן ראַזיר־מעסערל איז אָבער געבליבן שטיין ביים אָנ־הייב, פּשוט, ווי די האַנט וואָלט אים געוווען ווידערגעשפּראָכן, און אָפּ־געזאָגט צו דינען זיין ווילן.

— איך קאָן נישט! פּשוט איך קאָן נישט! — ער האָט פאַרצווייפלט, מיט כעס דאָס מעסער געגעבן א וואָרף פון זיינע הענט און אויסגע־שריגן: — אָ, נידערטרעכטיקער פּחדן!

ער האָט אָנגעהויבן צו לויפן איבער דער שטוב אַרויף און אַראָפּ א פאַרצווייפלטער, און געזוכט אין זיין געדאַנק א רעטונג, א שטרוי, אָן וועלכער ער זאָל זיך אָנכאַפּן: — נישט לעבן קאָנען און נישט שטאַרבן קאָנען. גאָט, ווי שרעקלעך!

זיין געדאַנק האָט שנעל געאַרבעט, ווי וועלנדיק וועבן פאַר אים א פּלאַכטע, אויף וועלכער עס זאָל ווערן אונטערגעהאַלטן זיין פאַלנדיק לייב.

— אַז איך קאָן נישט שטאַרבן, הייסט עס, אַז איך בין נאָך נישט רייף צום טויט. הייסט עס, די נאַטור לאָזט מיך נישט, מיין אייגענער גורל לאָזט מיך נישט.

— אָבער איך בין דאָך א נידערטרעכטיקער מענטש. איך באַ־דאַרף דאָך נישט לעבן, איך טאָר נישט לעבן. איך טאָר נישט. מען דער־וואַרט עס פון מיר, מיין גורל אַליין דערוואַרט עס פון מיר.

— זי דערוואַרט דאָך דאָס פון מיר. מאָרגן אינדערפרי, די ערשטע זאַך דערוואַרט זי צו הערן די נייעס.

א גרויסער כעס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים איבער זיך אַליין.

ער איז זיך פֿאַרגעקומען, ווי אַ קרעציקער.

— איך וועל שלאָפֿן מיין שמוציקן קערפּער מיט געוואַלד אין גרוב אַריין.

ער האָט זיך איינגעבויגן, ווידער גענומען דאָס ראַזיר־מעסער אין האַנט אַריין.

נאָר אין דעם האָט דער טעלעפֿאָן אויף זיין טיש פּלוצלינג אָנגעהויבן אויסטערליש הויך, ווי עס האָט זיך זאַכאַרין אויסגעוויזן, צו קלינגען.

— צו אַלדי טייוואָלאָנים! געפֿונען אַ צייט! — האָט ער אויפֿגעציטערט. ער האָט נישט אַכט געלייגט אויפֿן קלינגען פֿון טעלעפֿאָן און ווייטער געפּרוווט אויפֿהייבן דאָס מעסער פֿון דער ערד.

אָבער דער טעלעפֿאָן האָט דענערווירט קלינגענדיק, און נישט געגעבן קיין מנוחה...

זיינע קניען האָבן זיך געפֿילט אונטערגעשניטן, און זיין האַנט האָט געציטערט.

עס איז געווען אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס שטימע אין רערל:

— זאַכאַריושקאַ! זאַכאַריושקאַ! איר זענט עס? גאָט צו דאַנקען! גאָט צו דאַנקען! איך ווייס נישט, פֿאַרוואָס איך ציטער? איך האָב מורא. דאָס האַרץ שרעקט מיך וועגן אייך. געדענקט אָן גאָט, טוט נישט קיין נאַרישקייט! אין גאָטס נאָמען! עס וועט זיך אַלץ דערקלערן!

עס איז געווען אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס פֿאַרשעמטע, ציטערדיקע שטימע, וואָס האָט זיך געבעטן דורכן טעלעפֿאָן:

— פֿאַרוואָס שווייגט איר? זאָגט מיר צו, ווען נישט קום איך צולויפֿן צו אייך. איך ציטער אינגאַנצן.

— איך זאָג אייך צו, — האָט זאַכאַרי אַ שטאַמלדיקער און פֿאַרשעמטער אָפּגעענטפֿערט.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט זאַכאַרי נאָך געשטאַמלט.

קאפיטל 9

ווייסע רויזן

דער מענטש איז נאָך אַלעמען צו זיין הויט דער נאָענטסטער, צו זיך אַליין — דער נאָקעטסטער. דער לעבנס־ווילן אין מענטשן האַלט יעדן אויגנבליק אין שפּינען בריקן איבער אָפּגרינטן — דעם נויטיקן שפּאַן פאַרן מענטשנס גאַנג.

אויפגעהויבן זיך אויפן צווייטן טאָג נאָך אַ לאַנגן און שווערן שלאָף, האָט מירקין געפונען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין טאָג לעבן. זיין לעבנס־ווילן האָט שוין געהאַט באַפוילן זיין געדאַנקען־מאַשין פאַר אים דאָס אויסצו־אַרבעטן.

— נו, בין איך אַ פּחדן. און וואָס איז? — האָט ער צו זיך געזאָגט.

— וואָס איז פּחדנות? פּחדנות איז אַ זעלבסטדערהאַלטונגס־געפיל, וואָס די נאַטור האָט איינגעפלאַנצט אין מענטשן. פּונקט אַזוי ווי זי האָט אַריינ־געוואָרפן אין זיינע גלידער אַריין אַ ברענענדיקע תאווה, וואָס אָן איר וואָלט אוממעגלעך געווען אונדזער פאָרזעצונג, אַזוי האָט זי אין אונדז אַריינגעגעבן דאָס געפיל פון מורא און פּחדנות, כדי מיר זאָלן נישט אוועק־וואַרפן דאָס לעבן. פּונקט אַזוי ווי דער עגאָאיזם איז אַ טרייב־קראַפט פאַר אונדזערע שטרעבונגען, אַזוי איז פּחדנות אַן אויפהאַלטונגס־געפיל, אין וועלכן מיר נויטיקן זיך פאַר אונדזער לעבן.

אין די טיפענישן האָט ער געהאַט אַ באַוווסטזיין, קעגן וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט ווערן, אַז דאָס באַשאַפט ער אַליין פון זיין נידער־טרעכטיקער טאַט פון נעכטן — אַ טוגענד. אָבער אַ תירוץ איז עס גע־ווען איבערצולעבן דעם טאָג. דאָס פּחדנות איז אַ געפיל נישט פון אַ קראַנקן, נאָר פאַרקערט, דווקא פון אַ געזונטן מענטש. עס איז אַ פּועל־יוצא פון אַ שטאַרקן לעבנס־שטראָם, וואָס לאָזט נישט ריזיקירן מיט זיך אַליין. דווקא שוואַכע, לעבנס־מידע נאַטורן באַווייזן אַרויס גבורות און אָפּ־פערוויליקייט. געזונטע און שטאַרקע נאַטורן היטן אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ זייערע לעבנס.

— יאָ, נאָך אַלעם האָב איך באַזיגט דעם טויט, — האָט ער זיך

געזאָגט נישט אָן שטאָלץ, — באַזיגט דעם טויט, נאָך וואָס? פאַרוואָס, פאַר א לעבן?

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש, אונטערשפּאַרנדיק זיין קאָפּ מיטביידע אָרעמס. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט אָנצוטון. נאָך וואָס? צו וואָס גיין אין גאַס מענטשן זען? ווי אַזוי וועט ער קוקן אין די אויגן אריין גינאַטשקען? און טויזנט מאָל נאָך שרעקלעכער, — ווי אַזוי וועט ער זיך באַגעגענען מיט איר, מיט אָלגאַ מיכאַילאָוונען?

א פאַרצווייפלטער יאוש, צוזאַמען מיט אַן אומדערגרייכבאַרער בענקשאַפט האָט אים איצט איינגענומען באַהערשט. אויף די ראַנדן פון זיין מויל איז איבערגעבליבן א ביטערקייט, אַן איבערגעזעטיקטקייט, אין האַרץ האָט געהערשט א פוסטקייט פון זעלבסטאומצופרידנקייט. ער האָט זיך געפילט ווי איינער וואָס טראָגט אין זיין קערפּער א סם, וועלכער איז ראוי יעדן אויגנבליק צו ווירקן ערגער; ער האָט זיך געפילט ווי א קראַנקער מיט אַן אַנשטעקנדער קראַנקהייט. און מיט דער קראַנקהייט וועט ער גיין צו מענטשן? מיט זיין קראַנק לייב וועט ער זיך אָנרירן אָן גינאַטשקען? ער וועט זי אָנשטעקן מיט זיין קראַנקהייט, זיין אייגן ווייב, זיינע ניי־געבוירענע קינדער.

— גאָט מיינער, שטאַרבן קאָן איך נישט, און ווי אַזוי וועל איך לעבן? ווי אַזוי וועט אויסקוקן מיין לעבן מיט דעם אייביקן יאָך פון א לאַסטיקער זינד?

ווי א געבונדענער האָט ער זיך געוואָרפן און נישט געקאָנט אַרויסקריגן זיך פון דער שרעק, מיט וועלכער ער איז געווען געפּענטעט. „עס וועט נישט זיין דאָס לעבן, עס וועט נישט זיין דאָס לעבן", — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן צו זיך די זינלאָזע ווערטער, כאָטש ער האָט נישט ריכטיק פאַרשטאַנען ווי אַזוי, דורך וואָס ער וועט עס פאַרמיידן.

— עס קאָן נישט זיין, עס טאָר נישט זיין, — האָט ער געוואָלט פאַרשטאַרקן זיין באַשלוס. אָבער עס האָט דאָך נישט געהאָלפן קלאָר צו מאַכן דעם וועג.

אין דעם האָט זיך זיין טיר אויפגעעפנט נאָך א קלאַפּ, און זיין דינסט האָט אים אַריינגעבראַכט א קליינעם בוקעט רויזן, איינגעוויקלט אין קלעקפּאַפּיר.

— ערשט געבראכט פון שטאט, א שטאט־שליח. קיין קארטע נישט געווען.

זאכארי האט אויפגעעפנט דאס פאפיר און געפונען אין זיין האנט דריי ווייסע רויזן פון אן אומבאפלעקטער ווייסקייט. די טוי־טראפנס פון ארויסגעשפריצטן וואסער זענען ווי טרערן געהאנגען אויף די רויזן־אויגן־בלעטלעך.

— פון וועמען?

— נישט געזאגט.

— ווו איז ער? — לאזט זיך זאכארי לויפן צו דער טיר.

— אוועק, געווען באצאלט פארן שליחות.

זאכארי האט געהאלטן די בלומען, ווי א זינדיקער מענטש א ספר־תורה; מורא געהאט זיך צוצורירן צו זיי: ער האט געוווסט, פון וועמען זיי קומען.

א גלוסטונג האט אים אנגענומען צו בארירן די אומשולדיקע פייכטע רויזן מיט זיינע אייגענע הענט, ווי ער וואלט זיך געוואלט דורך זיי רייניקן

— נישט געוואגט.

— נעם, שטעל עס אין וואסער, — זאגט ער צו דער דינסט און כאפט באלד צוריק, — ניין, איך וועל זיך שוין דערמיט אליין אפגעבן. קאנסט גיין צו דיין ארבעט.

זאכארי האט זיך ארומגעטראגן מיט די רויזן און נישט געוווסט, וואס מיט זיי צו טון... ער האט געהאט דאס געפיל, ווי ער איז קרעציק און עס האט זיך אנגערירט אן אים א פינגער פון א ריינעם. א ציטער איז דורכ־געגאנגען דורך זיינע גלידער און געלענקען, א ציטער, וואס האט געריי־ניקט, געלייטערט און געהיילט.

דער טעלעפאן האט געקלונגען.

באשטימט נישט צוצוגיין. געוווסט, ווער עס שטייט ביי דער צוויי־טער זייט דראט, אזוי ווי מען קאן דורך דעם טעלעפאן נישט בלויז הערן, נאר אויך זען. נאר דער טעלעפאן האט געמאנט און געטריבן צוצוגיין, באטש מיט אונטערגעשניטענע פים און א בלוטלאז פנים.

איר שטימע איז איצט געווען נישט ענערגיש, ווי נעכטן, נאר ציטער־דיק. ער האט דערפילט אין איר שטימע דאס קלאפן פון איר הארץ און גע־זען, ווי זי פארשליסט אירע אויגן מיט אירע אויגן־הערלעך. קלאר אבער

האָט ער דורכן טעלעפאָן געזען אירע אראָפּגעבויגענע שוואַרצע ברעמען.

— דאָס זענט איר, זאַכאַרי גאַוורילאָוויטש? גאָט צו דאַנקען. קומט, איך בעט אייך, קומט, ווי שטענדיק, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. ניין, קומט גלייך, זאָפאָרט; איך מוז אייך זען.

— ווי אַזוי קאָן איך?

— ווי אַזוי קאָן איך? און איך בין דאָך בלויז אַ פרוי. פאַרוואָס זאָל איך טראָגן דעם גאַנצן יאָך אַליין?

— אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, דאָס האָט איר מיר געשיקט רויזן און ווייסע?

— יאָ, דאָס האָב איך אייך געשיקט רויזן און ווייסע, — האָט איר שטימע צוריקגעקריגן איר פעסטקייט.

זאַכאַרי איז שטיל געבליבן.

— זאַכאַרי, קומט דעם אויגנבליק, איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געבאָדן זיך אין אַנגסטן; קומט, זייט שטאַרק, זייט גובר אַלץ. קומט, איר מוזט, אַז נישט — גאָט ווייסט, וואָס איך וועל טון.

זאַכאַרי האָט געשוויגן.

— פאַרוואָס שווייגט איר? פאַרוואָס פייניקסטו מיך אַזוי, — איז זי איבערגעגאַנגען אויף „דו“. — איך בין דאָך אין אַלעם שולדיק. איך, איך, איך! — האָט זי כמעט געשריגן דורכן טעלעפאָן, און מען האָט געהערט, ווי איר האַרץ ליגט אין רערל פון טעלעפאָן.

— איך קום, איך קום, איך קום די מינוט! — האָט זאַכאַרי אָפּגעענטפערט.

— און גלייך אין מיין צימער. איך וואַרט אויף אייך.

ער האָט שנעל געמאַכט זיין טואַלעט, אויף גיך אויסגעטרונקען עפּעס צו שטאַרקן זיך, און גענומען אַ דראָשקע און געהייסן זיך איילּיק פאַרפירן אויף קאַזאַנסקאַיאַ צו אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס וווינונג.

זי האָט אים כמעט דערוואַרט ביי דער טיר פון איר צימער און האָט אויסגעשטרעקט צו אים אַ בלייכע האַנט פון איר לויזן, אַראָפּהענגענדיקן מאָרגן-ראָק, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען. די האַנט איז געווען אויסער־געוועגלעך בלייך, ווי עס האָט זיך אים אויסגעוויזן. ער האָט געקוקט אויף איר פּנים און ער האָט זי כמעט נישט דערקענט. אַ העלפט איז געוואָרן פון איר איבער איין נאַכט. איר פּנים — בלוטלאָז, ווי עס וואָלט זי ווער געמוטשעט. דערביי אָבער האָט איר פּנים אין דער בלייכקייט אויסגעזען

נאָך פיל איידעלער און צוציענדיקער. א דערוואָרבענע דערפאַרונג, ביז איצט נישט באַקאַנט, האָט געלאָזט א צייכן אויף איר, ווי דאָס פּנים פון א בלייבער כלה „צומאָרגנס”. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין מיט אַזאַ פריינט, נאָענטן בליק, אַז זאַכאַרי האָט מיט איינמאָל דערפילט דורך דעם בליק די גאַנצע נאָענטקייט, וואָס האָט זיך איינגעוועבט צווישן זיי.

— איך ווייס פון אַלעם, זאַכאַרי; איך ווייס, וואָס איר האָט געטראַכט די נאַכט, וואָס איר האָט איבערגעלעבט. איך ווייס אַלץ. איך האָב זיך געפּייניקט אין שרעק מיט אייך צוזאַמען. זעט, מיין האַרץ האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן. — זי האָט צוגעפירט זיין האַנט צו דעם זיידנס פון איר שלאָף־ראָק. — אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט, ביז איך האָב אייך דערלעבט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן, גאָט צו דאַנקען!

— פאַרוואָס האָט איר זיך געשראָקן? — האָט זאַכאַרי געזאָגט און אויסגעמיטן איר בליק.

— איך ווייס נישט. מיין האַרץ האָט מיר עפּעס נישט גוטס געזאָגט. און איך האָב גאָט געבעטן פאַר אייך. איר זענט דאָך גאַרנישט שולדיק. איר זענט דאָך א קינד, א ריין, אומשולדיק קינד. איך, איך, איך! — האָט זי זיך געקלאַפּט אין האַרץ, און איז דערביי רויט געוואָרן, ווי א כלה־מיידל.

— אָלגאַ! — האָט זאַכאַרי אויסגעשריגן, — וואָס טוט איר? איך בין דאָך א נידערטרעכטיקער מענטש; איך טאָר דאָך נישט לעבן, און א פּחדן אויך, וואָס האָט נישט גענוג מוט געהאַט צו זיין געמיין לעבן אַן ענדע צו מאַכן!

— ניין, ניין, — פאַרשטעלט זי אים דאָס מויל מיט איר האַנט, — דו ביסט אַן אומשולדיקער, א ריינער! דו ביסט דאָך א קינד, א פאַרוואָרלאָזט קינד, וואָס איך האָב גענומען צו מיר, איך בין אין אַלעם שולדיק. דאָס האָב איך אַלצדינג געטון; איך, איך אַליין, כדי דיך געזונט צו מאַכן, כדי דיך אויסהיילן. און איצט ביסטו געזונט און געלייטערט און אויסגעהיילט. און איך שעם זיך נישט, וואָס איך האָב עס געטון. ניין, איך שעם זיך נישט. יעדע איינע וואָלט עס געטון. איך האָב געזען, ווי דו האָסט זיך

געמוטשעט... און נישט געקאָנט, — לייגט זי צו די לעצטע ווערטער פאַר־שעמט און פאַרשמאַכט.

זאַכאַרי האָט פאַרביסן זיינע ליפּן און האָט זיך נישט געקאָנט העלפן, אַז זיינע טרערן זאָלן נישט אַרויסשפּריצן אויף זיינע אויגן־ראַמען.

— און איצט מוז אַלץ פאַרגעסן ווערן, אַראָפּזינקען אין דער נאַכט אַריין, אויסגעלאָשן ווערן אויף שטענדיק, אויף שטענדיק אין געדאַנק, אין זכרון — אין אַלע חושים. גאָרנישט טאָר דערפון איבערבלייבן, אַלץ מוז פאַרגעסן ווערן, אַזוי ווי עס וואָלט מיט דיין אייגענער געבוירענע־מוטער געשען, — לייגט זי צו אין אַ סודותדיקער שטילקייט.

זאַכאַרי שטייט אין שווייגן, און די גרימאַסע פון טרוקענעם גע־וויין שניידט, פאַרקרימט זיין אויבערשטע ליפּ.

— זאָגסט עס מיר צו?

— יאָ! — זאָגט זאַכאַרי אין צושאָקלען מיטן קאָפּ.

— פאַרן גליק פון אונדזער משפּחה, — לייגט זי צו.

— יאָ, — ענטפערט אָפּ זאַכאַרי.

זי האָט גענומען זיין קאָפּ און ווידער צוגעבויגן; אָנקלייגנדיק אים אויף איר ברוסט, פאַרמאַכט זי די אויגן און שטייט אַזוי אַ ווייל. דאַן זאָגט זי ווי צו זיך:

— ווער וועט מיך משפּטן דערפאַר, וואָס איך האָב געטון פאַר מיין קראַנק קינד?

און דאַן קושט זי אים מוטערלעך אויפן שטערן און ווישט זיך די אויגן מיט איר געהאַפטן טיכל.

זאַכאַרי האַלט זי אין איין אָנקוקן, ווי אַ שטומע חיה, וואָס קאָן נישט רעדן.

— נו, און איצט גיי אַריין צו ניוּאָטשקען; זי איז זייער טרויע־ריק, פאַרענטפער זיך, פאַרוואָס דו ביסט נעכטן צו זיי נישט אַרויס־געקומען. זאָג, וואָס דו קענסט, לייקן, פאַר דעם גליק פון אונדזער משפּחה.

— אָלגאַ מיכאַילאָווונאַ, נישט איצט, נישט איצט.

— דו מוזט. אַלץ מוז אָפּגעווישט ווערן מיטאַמאָל, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. (דאַן איז זי שטייף געוואָרן, אויסגעצויגן זיך אין איר גאַנצער לענג און האָט געזאָגט מיט אַ זיכערן, פעסטן טאָן, קוקנדיק

אים גלייך אין די אויגן אַריין, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט מיט דעם וואָרט אַלץ אָפּמעקן:) — זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש, צווישן אונדז איז גאָרנישט געווען. פאַרשטאַנען?

— גאָרנישט געווען, — האָט זאַכאַרי אָפּגעענטפערט אין דער שטיל.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, און צוגעפירט צו דער טיר פון איר צימער און צוגעלייגט שוין מיט אַ זיכערדיק מוטער־פריינטלעך שמייכעלע:

— זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש, ניגאַטשקאַ וואָרט אויף אייך, — און זי האָט אים געוויזן אויף דער טיר פון קאָרידאָר. זאַכאַרי האָט זיך פאַרבויגן פאַר איר טיפער, ווי אַן אַנדערשמאָל, און פאַרלאָזט איר צימער, און אונטער איר באַפעל איז ער געגאַנגען אויספירן איר געבאָט.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ איז געבליבן שטיין, ווען זאַכאַרי האָט זי פאַרלאָזט אין דער טיר, ווו זי האָט אים באַגלייט, האָט פאַרזשמורעט אירע אויגן און איז געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע אין נאָכקלערן.

דאַן האָט זי זיך אויפגעוועקט און איז צוריקגעגאַנגען מיט דער גאַנצער רואיקייט פון איר מוטערלעכקייט צו דער טעגלעכער באַשעפטיקונג.

קאַפּיטל 10

געביטן זיך מיט די ראָלן

דערמוטיקט דורך אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס ווערטער, האָט זאַכאַרי אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זיין כלהם שטוב.

— נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ — מען קאָן צו אייך?

— דאָס זענט איר? — וווּנדערט זי זיך, ווען זי דערזעט אים — און שווייגט.

ער האָט זי געפונען נאָך אין איר מאָרגן־קלייד, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג — אין אירע פּיזשאַמעס, אין איר אויסגע־האַפטענעם יאַפּאַנעזישן שלאָף־ראָק, אירע האָר צעוואָרפן אין טויזנ־

טער קליינע קוואַלן לאָקן. אירע אויגן זענען געווען רויט — ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט זאַכארין — פון וויינען. זי האָט זיך אפילו נישט גע־מיט צו באַהאַלטן זיי פון אים. איר פּנים איז נישט געווען געפּודערט, און האָט איצט געהאַט די גאַנצע פרישקייט פון איר יונגער הויט, כאָטש זי איז געווען אויסערגעוויינלעך בלייך. זי איז געזעסן אין אירע אָריענ־טאַלישע מאָרגן-שטעקשיך אונטער זיך, ווי אַן אָריענטאַלישע פּרינצע־סין, אָנגעשפּאַרט איר שוואַרצן קאָפּ האָר אויף די איידעלע גאָל־העלע פעלדער פון בוכאַרישן דיוואַן, וואָס איז געהאָנגען פאַר איר קאַנאַפּע, און האָט געריכערט נערוועאיש, פאַרצוקט אַ ציגאַרעט פון אַ לאַנגן ציגאַרן־שפּיץ.

אין זאַכארים אויגן האָט זי אויסגעזען באַנייט. קיינמאָל האָט ער זי נישט געזען אַזאַ ערנסטע און פאַרטראַכטע, און איר בלייך געזיכט האָט מיטאַמאָל זיין האַרץ פאַרקלעמט.

— נינא טאַלאָמאַנאָווגאַ — איך בין געקומען אייך איבערבעטן פאַר דער נעכטיקער פאַרנאַכלעסיקייט. — איך האָב זיך פאַרבלאָנ־דזשעט אין די גאַסן און נישט געוווסט, אַז איר וואַרט אויף מיר, — האָט ער געזאָגט, וווּנדערנדיק זיך איבער דעם, וואָס ער האָט אַזוי לייכט געפונען לשון.

— אָ, איבער דעם, נישט באַדאַרפט זיך מיען אַזוי פרי. מיר האָבן זייער גוט די צייט פאַרבראַכט מיט אייער פּאַפּאַטשקען.

זיי האָבן ביידע געשוויגן אַ ווײַלע.

נינאַ האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן פון איר דיוואַן און נערווע־איש זיך איבער איר צימער אַרויף און אַראָפּ געדרייט, ווי עפּעס רעדנ־דיק צו זיך.

— באַדויער פון גאַנצן האַרצן — וואָס פאַרזוימט די געלעגנהייט, — לייגט ער צו, נישט ווויסנדיק, וואָס ער רעדט.

— און ווו האָט איר די צייט פאַרבראַכט דעם ערשטן פרילינגס־טאָג?

— אָ, פאַרשידן, — שטאַמלט ער פאַר זיך.

נינאַ האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט נעבן אים און געקוקט אים אין פּנים אַריין.

— זייט זיך מודה — דאָס האָט אייך מאַמאַטשקאַ געשיקט צו

מיר. — פון אייער אייגענעם ווילן — וואָלט איר דאָך נישט געקומען, — און ווי רעדנדיק צו זיך אַליין, לייגט זי צו:

— אָבער דאָס קאָן דאָך נישט ווייטער אַזוי אָנגיין? — עס מוז דאָך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף נעמען.

— דאָס מאָל מאַכט איר אַ טעות. דאָס מאָל בין איך געקומען פון מיין אייגענעם ווילן, פון מיין אייגענעם געדאַנק, — האָט ער געזאָגט, און זיין שטימע האָט געקלונגען אויפריכטיק.

ניניאַטשקאַס פּנים האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט. אַנשטאָט די קאַלטקייט, די ביטערקייט, די פרעמדקייט, וואָס האָט ביז איצט אויסגעדריקט איר מינע — איז איר פּנים וואַרים געוואָרן און ליידנדיק. אירע באַקן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן, ווי צו אַ פייף. זי האָט זיך געשטאַרקט אויסצומיידן די גרימאַסע פון צער, וואָס האָט זיך געשניטן אויף איר ווייכער ליפּ און לאַנגער גאָמבע. עס איז איר נישט געלונגען. זי האָט זיך פאַרמישט, ווי זי וואָלט אַ טרער אַראָפּגעשלונגען און זי איז איר שטעקן געבליבן אין האַלדז. אירע אויגן האָבן געהאַט אין זיך דעם חלב-גלאַנץ פון וויינען — דערביי אָבער האָבן זיי געשמייכלט.

זי האָט זיך ווידער אַפּגעשטעלט נעבן אים, און ווידער געקוקט אים אין פּנים אַריין. דאָס מאָל נישט פאַרשנדיק, נאָר באַהאַרציקט און בעטנדיק, און זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ צעבראָכענער שטימע:

— זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש, וואָס האָב איך אייך געטון אַזעלכעס? פאַרוואָס האַלט איר מיך אין איין שטראָפן?

— זאַכאַרי האָט געשמייכלט נאַריש.

— איך אייך שטראָפן? — וואָס רעדט איר זיך איין?

— יאָ, זאַכאַרי גאַווריליאָוויטש... יאָ, יאָ, איר גייט אַרום, ווי גאָט אַליין וואָלט אייער ריכטיקער פאָטער געווען, און ער האָט אייך געשיקט איבער דער ערד, איבער די מענטשן אַ שופט צו זיין. וואָס משפט איר מיך? וואָס האַלט איר אין איין האַלטן די וואָגשאָל איבער מיין קאָפּ? געוויס, געוויס בין איך זינדיק. געוויס. — נו, איז וואָס? צו אייך און צו מאַמאָטשקען קאָן זיך קיינער נישט גלייכן. איך בין שוין אַזאַ נאַטור. און לאָמיך אייך זאָגן גאַנץ אָפן, ווען איר האָט אַזאַ מיינונג וועגן מיר, ווען איר האַלט מיך אין איין וועגן — אין איין טראַכטן איבער מיר — פאַרוואָס מיידט איר מיך נישט אויס? — עס קומט דאָך אויס,

ווי איר וואָלט זיך געוועזן געפרייט אויף דעם, וואָס איך קאָן נישט צו־קומען צו אייער הויך. איך ווייס נישט, צי אַלע ריינע מענטשן האַנד־לען אַזוי ווי איר, צי אַלע ריינע מענטשן קוקן אַזוי אויף די אַנדערע, מיט אַזעלכע אויגן ווי איר... אויב אַזוי — וויל איך נישט זיין קיין ריינער מענטש, בין איך שוין צופרידן, אַז איך בין אַזעלכע, ווי איך בין — און איך וועל באַלד אין גיהנום קומען.

זי האָט גערעדט פלינק, מיט פייער, מיט אויפרעגונג, מיט ביטער־קייט. — אירע האָר האָבן זיך צעוואָרפן דערביי, און עס האָט זיך אַנט־דעקט אַ קלאַפּע פון איר מאָרגן־ראָק און אַרויסגעוויזן די רונדיקייט פון איר ברוינער נאַקעטער פּלייצע.

מירקין איז געשטאַנען אין מיטן שטוב און געלאָזט פאַלן איבער זיין קאָפּ אירע ווערטער, ווי שטיינער — ביז זי האָט זיך איינגעשטילט. דאַן האָט ער זיך אָנגערופן רואיק, ווי פלעגמאַטיש אַ ביסל, נישט אויפ־הערנדיק נאַריש צו שמייכלען.

— דאָס איז אמת, איך האָב אייך געמשפט. איך פאַרלייקן דאָס נישט, נאָר ווייסט איר דען נישט, אַז אַלע וואָס טראָגן אַליין לאַסטן — זענען די ערשטע צו משפטן אַנדערע? אַלע, וואָס זענען אַליין אָנגע-לאָדן מיט זינד.

עס איז מער געוועזן דער טאָן, דער שטילער און ערנסטער, ווי זיי־נע ווערטער, וואָס האָבן זי פאַרוווּנדערט. זי איז שוין איצט געזעסן צוריק אויף איר דיוואַן, און האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט פאַרשנדיק — דאַן איז זי מיטאַמאָל איבערגעגאַנגען אין אַ נערוועאיש לאַכן, אין אַן אומנאַטירלעכן.

— איר זינדיק? איר אַ שוואַרצע נשמה — וואָס פּלאַפּלט איר, זאַכאַריושקאַ? איר זענט דאָך אַן אומשולדיק קעצל, וואָס האַלט זיך יעדע ווײַלע אין איבערוואַשן מיטן צינגל.

זאַכאַרי האָט איר צוריק אָפּגעענטפערט מיט אַ פרעכן שמייכלדיקן בליק.

— פון וואַנען ווייסט איר, וואָס ביי מיר טוט זיך?

זי איז אַ ווײַלע ערנסט געבליבן, נישט אויפהערנדיק צו שמייכ-לען.

— יאָ, ווער קאָן וויסן? מען זאָגט, אַז שטילע וואַסערן גראָבן טיף. — נאָר אויב עס איז אַזוי, בין איך צופרידן.

— יאָ, — ענטפערט אָפּ זאַכאַרי, — איך האָב אָפּטמאָל נאָכגע־קלערט נאָך אייערע ווערטער, וואָס איר פּלעגט זאָגן וועגן די גערעכטע. איר ווייסט, נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, איך האָב זיך איבערצייגט, אַז איר האָט רעכט. נישט שטענדיק זענען די גערעכטע געלייטערטע.

זי איז דערשטוינט געבליבן:

— וואָס איז עס מיט אייך היינט? איר אין דער ראָלע פון אַ מתוודהדיקן! ווארפט עס אַוועק, אַ נישט בין איך אייך גרייט צו גלויבן, — לאַכט זי. — איר, זאַכאַריושקאַ, אין דער ראָלע! ניין, אַזוי בין איך אייך נישט געוווינט צו זען, — לאַכט זי הויך.

זאַכאַרי העלפט איר מיטלאַכן.

— נו, גענוג זיך געשלאָגן מיטן שטערן אין פּאָדלאָגע. איך בין נישט קיין פּאָפּ, פאַר וועמען זיך מתוודה צו זיין. אַז איר האָט עפּעס — באַהאַלט עס, עס וועט אייך בעסער מאַכן. קומט בעסער דאָ אַהער צו מיר. וואָס שטייט איר דאָרט אין מיטן שטוב, ווי אַ תשובה־טוענ־דיקער? קומט דאָ אַהער, אַז איר זענט שוין געקומען. דערציילט מיר בעסער, וואָס האָט איר נעכטן געטון אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן אייך גע־זוכט. אין ערגעץ נישט געווען אייך אויסצוגעפינען. אַ שאָד! געפאָרן זענען מיר מיט אייער פּאַפּאַטשקען אין „נאָוואַיאַ דערעוווניאַ". אָך, ווי שיין עס איז געווען אַלץ אין דרויסן! שטעלט אייך פאָר — די פעלדער הייבן שוין אָן צו גראָזן, נאָך ליגט דער שניי, און עס סטאַרטשען שוין אַרויס גרינע קעפּלעך, און דאָס געזייעכץ קוקט שוין גרין אַרויס, און די ערד איז שוין אַזאַ אָפענע, אַזאַ וואַרימע, אַזאַ פייכטע. אָך, ווי גוט עס איז צו זיין אויפן לאַנד, ווען דער פרילינג קומט. איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט דערפון, אַז די נאַטור קאָן אַזוי אָפּוואַשן און אויפפרישן. מיר האָבן זיך דאָך ביידע געפילט, פּאַפּאַטשקאַ און איך, ווי נײַ־גע־בוירענע. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז גבריאל חיימאָוויטש האָט אַזוי ליב פעלדער און ביימער. ביי יעדן פויער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך וועגן זריעה. אָך, ווי עס רויעט זיך אויף די פעלדער, ווי דער מענטש אַרבעט. דאָס גאַנצע דאָרף איז אויף דער ערד: די ווייבער, די קינדער, די מענער. און ווייסט איר, זאַכאַריושקאַ,

אז מען קוקט זיך אזוי צו, ווי דאָס אַלץ ארבעט — ווערסטו פאַרשעמט פאַר דיין לײדיקגיין. צום ערשטן מאָל בין איך פאַרשעמט געוואָרן פאַר מיין לעבן. איך בין דאָך אייגנטלעך אַ פּאַראַזיט, מיר אַלע זענען פּאַראַזיטן. גוט אזוי אויסצובאָדן זיך איינמאָל אין ווינט, אין פעלד — און זען ארבעט. דו ווערסט גאָר אַ ניי- געבוירענער. נישט אַנדערש, זאַכאַריושקאַ, מיר מוזן יעדעס יאָר פאַרברענגען אַ שטיק צייט אויפן דאָרף. עס איז דאָך אזוי ווי גאָט דינען — ווי אין אַ קלויסטער זיין. דער מענטש ווערט געלייטערט פון אַלע זיינע זינד דורך דעם אַנבליק פון רויען פעלד. ווייסט איר דורך וואָס? — דורך דער טרויעריקייט פון דער נאַטור. עס איז ווי די נאַקעטע פעלדער וואָלטן טרויעריק זיך געפרייט, געלייטערט זיך פון ווינטער. איר, זאַכאַריושקאַ, וועט אפשר נישט פאַרשטיין. איר זענט סיי ווי סיי שטענדיק אַ געוואַשענער, אַ געצוואָגענער. איך מיט אייער פאָטער האָבן דאָס פאַרשטאַנען. מיר, מענטשן פון שטאָטישן „קאַבאַק", וואָס מיר פּרעגלען זיך דורכן יאָר אין רויך, אין פערפום פון קאַבאַרעטן, — מיר באַדאַרפן אָט דאָס לייטערנדיקע טרויעריקע פרייען זיך פון דער נאַטור.

זאַכאַרי איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן און צוגעהערט זיך צו איר פרייליכער, קינדישער שטימע, וואָס האָט אָפּגעקלונגען, ווי איר שטימע וואָלט זיך דורכן נעכטיקן טאָג געוואַשן אין די פרישע קוואַלן, אין די ווינטן, וועגן וועלכע זי האָט דערציילט. עס האָט גאָר אַנדערש געקלונגען. ער איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אריינגעקוקט אין זיך. און אַ וואונדערלעכע זאַך: קיין חרטה-געפיל האָט שוין מער נישט גענאָגט אין אים. ער האָט זיך געפילט ווי געלייטערט דורך אירע ווערטער.

— וועגן וואָס קלערט איר, זאַכאַריושקאַ? — זאָגט זי, אַדורכפירנדיק אירע פינגער צווישן זיינע האָר.

— איך קלער וועגן טרויעריקן פרייען זיך פון דער נאַטור, — זאָגט ער פון זיך.

— יאָ, עס איז אזוי. איך ווייס נישט, פאַרוואָס דער נעכטיקער טאָג האָט אויף מיר אַ גרויסע ווירקונג געהאַט. עס איז דאָך לעכערלעך, עס איז אזוי ווי איך וואָלט זיך פאַר וועמען מתוודה געווען. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן און געקלערט וועגן זיך. איך פאַרשטיי אייך

איצט, זאַכאַריושקאַ — איך פאַרשטיי אייער קוקן אויף מיר, אייער משפּטן מיך. יאָ, איר האָט רעכט: איך בין דאָך געווען אַזאַ מיאוסע, ווי אַזוי האָט איר מיך געקאָנט גערן האָבן, איר מיט אייער שיינקייט! יאָ, איך זע זיך איינגאַנצן איצט, — איך וויל זיך ענדערן, זאַכאַריושקאַ, איינגאַנצן ענדערן. העלפט מיר צו ענדערן זיך, — זאָגט זי, און באַהאַלט איר שוואַרצן קאָפּ אין זיין ברוסט, און שטאַמלט אַרויס פון דאָרט: — איר זענט אַזאַ ריינער, איך בין אייך נישט ווערט...

זאַכאַרי האָט געשוויגן. אויף די ליפּן איז געלעגן אָנגעגרייט אַ וואָרט, אַ שרעקלעך וואָרט, נאָר אַן אינערלעכער אינסטינקט, פיל שטאַרקער פון אים, איז, ווי אַמאָל, געשטאַנען איבער אים און געהאַלטן וואַך — און פאַרמאַכט אים די ליפּן...

מיטאַמאָל נעמט זי אַוועק איר לאַכנדיק פּנים און ווישט זיך אָפּ מיט דער נאַקעטער האַנט די אַרויסגעשפּראָצטע טרערן אויף דער שיין פון איר שמייכל.

— זייט מיר מוחל, זאַכאַריושקאַ, איך בין אַ נאַר. איר ווייסט, זאַכאַריושקאַ, וואָס איך האָב באַשטימט: ניין, נישט לעבן ווי צוויי באַזונדערע מענטשן, אַז קיינער זאָל קיינמאָל ביים אַנדערן גאָרנישט פרעגן. פון נעכטן אָן האָב איך אַנדערש אָפּגעמאַכט: צווישן אונדז טאָר קיינמאָל קיין סודות נישט זיין. מיר וועלן לעבן איינער אין אַנדערנס לעבן. מיר וועלן גאָר אַנדערש לעבן, ווי אַלע היינטיקע. מיר וועלן זיין אַלטמאָדישע, ריכטיקער — מאַן און ווייב. נישט אַזוי, זאַכאַריושקאַ?

זאַכאַרי האָט געשמייכלט:

— ווי איר ווילט.

— זאָגט מיר, וואָס האָט איר נעכטן געטון? איך וויל אַלץ וויסן.

— נעכטן, — קלערט ער אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, — אָ, גאָרנישט באַזונדערס. אַרומגעשלײַכט זיך איבער די גאַסן, געזען, ווי דאָס אייז שווימט איבער דער „ניעוואַ“, דערנאָך צווישן פּסח-עולם אויף „ניעווסקי“. אין אָוונט האָב איך פאַרבראַכט מיט אָלגאַ מיכאַילאָווגען.

נינאַ האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט זיך פאַרשעמט אַליין פאַר זיך און פאַרשוויגן, נאָר מיט קיין אַנדער וואָרט האָט עס זיך נישט געלאָזט איבערטוישן — איז אַריינגעטראָטן אַ הפסקה אין זייער

שמועס, א הפסקה, וואָס האָטביידן דענערווירט. נאָר קיינער פון זיי האָט נישט געוווּסט ווי די הפסקה אָוועקצושאַפן.

זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע גרויסע אויגן, און אים אָנגעקוקט. זאַכאַרי האָט אַליין נישט געוווּסט, צי זי לאַכט, אָדער זי וויינט.

שליסלעך האָט זי געזאָגט מיט מיטלייד, איבערפירנדיק אירע פינגער צווישן זיינע האָר:

— און פאַרוואָס זענט איר אַזוי בלייך, זאַכאַריושקאַ?

— זאַכאַרי האָט געשמייכלט:

— איך בין בלייך? — נישט געוווּסט דערפון.

אויף דעם האָט זיך נינאָטשקאַ צעלאַכט.

— ווי סענטימענטאַל איך בין היינט. אַליץ דער נעכטיקער פרילינגס־טאָג שולדיק. עס איז אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך געטווישט מיט די ראָלן. אויף מיר האָט דער ערשטער פרילינגס־טאָג געווירקט סענטימענטאַל און אויף אייך עפּעס אַנדערש.

— ווי אַנדערש? — פרעגט זאַכאַרי נייגיריק.

— כ'ווייס נישט. איר קומט מיר עפּעס פאָר היינט אַזוי פרעמד, אַזוי אַנדערש — איך דערקען אייך נישט. וואָס איז דאָס געשען מיט אייך נעכטן?

— ווי אַנדערש? — האַלט זאַכאַרי אין איין איבערחזרן זיין פראַגע.

— שווער צו זאָגן, — קוקט זי אים אָן באַפרעמדט, — ווי עס וואָלט אייך ווער... קאָן נישט וויסן, מ'דאַרף פרעגן מאַמאַטשקען, וואָס עס איז נעכטן געשען מיט אייך. (און זי לויפט צו צו דער טיר און הייבט אָן צו רופן):

— מאַמאָטשקאַ, מאַמאָטשקאַ, מען קאָן צו אייך?

— וואָס טוט איר? — שרייט אויס זאַכאַרי מיט אַן אומנאַטירלעכער שטימע.

נינאָטשקאַ ווערט בלייך, קוקט אים אָן פאַרוואונדערט און זאָגט ווי פאַר זיך:

— זייט מוחל, נישט געוווּסט, אַז עס איז אַזוי ערנסט.

— וואָס ערנסט? — נאָר נאָך וואָס מאַמאָטשקען אינמיטן דרינען? נינאָטשקאַ ווערט פאַרשעמט.

— זייט מוחל, איר זענט דאָך געוווינט מיט מאַמאַטשקען. איר פאַרטרויט דאָך איר מער פון מיר.
זאַכארי האָט געשוויגן.

***

שפּעטער אין אָוונט האָט זיך אין אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס צימער געפונען גבריאל חיימאָוויטש. ער איז געקומען דורכרעדן זיך מיט אָלגאַ מיכאַילאָוונען איבער אַ משפּחה־ענין, וואָס איז נוגע דעם יונגן פּאָר. ער האָט זיך אָנגערופן צו אָלגאַ מיכאַילאָוונען:

— אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, איר ווייסט, וואָס איך האָב היינט געזאָגט מיין זון? יונגערמאַן, האָב איך אים געזאָגט, דו באַדאַרפסט חתונה האָבן, „וואָס פריער איז בעסער". און פון דעם, ווי די יונגע מענטשן פירן זיך אויף, זע איך איין, אַז מען באַדאַרף נישט לאַנג פאַרציען. דענקט איר נישט אַזוי?

— יאָ, איך מיין, אַז איר האָט רעכט, — זאָגט אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, און אַ רויטלעכע שיין, ווי אַ לעצטער בליאַסק פון אַן אונטערגייענדיקער זון אויפן הימל, צינדט אָן אירע באַקן און מישט זיך באַלד אויס מיט דער איידעלער ווייסקייט פון איר הויט.

קאַפּיטל 11

„ווידער אויף דער קוואַסנעצאָוואַס ווינונג"

גבריאל חיימאָוויטש האָט געלאָזט וויסן דעם זון, אַז ער האָט געקריגן אַ ידיעה פון אַקימאָוון, אַז דער עסק פונעם יידישן סאָלדאַט, וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן אין „אַרעסטאַנטסקע ראָטע", ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו עסן טרפהס, וועט פאַרגעבראַכט ווערן פאַרן צאַר אין „פּעטערהאָף" אין פאַרלויף פון די נאָענטסטע טעג. דער עסק וועט צוגעשיקט ווערן דעם צאַר דורך אַקימאָוון (וועלכער ווערט צום ערשטן מאָל צוגעלאָזן אין הויף). די גאַנצע זאַך, וועלכע איז עפּעס באַקאַנט געוואָרן אין די הויפישע קרייזן אויך דורך אַנדערע אומבאַוווסטע קוועלן

(גבריאל חיימאָוויטש האָט נישט געוווּסט פון דער „קוואַסנעצאָוואַס אינ־סטיטוט"), האָט געמאַכט אַ רושם אין די אָפיציעלע קרייזן, און עס זע־נען דאָ אַלע אויסזיכטן אויף דערפאָלג.

— און איצט, מיין יינגל, קאָנסטו אוועקגיין צו דיין יידענע פון דער פוילישער פּראָווינץ, ווי זי הייסט דאָרט, און איר לאָזן וויסן דער־פון. זאָל זי בעטן, אַז עס זאָל אָפּלויפן גוט.

מירקין, וועלכער איז די לעצטע וואָכן געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיך אַליין, האָט אינגאַנצן געהאַט פאַרנאַכלעסיקט זיין פּראָפעסיאָנעלע באַשעפטיקונג, און איז נישט מער געווען באַהאַוונט, וואָס עס טוט זיך ביים באַרימטן אַדוואָקאַט. זייט ער האָט דאָס פאַריקע מאָל באַזוכט דאָס הויז פון דער „קוואַסנעצאָווא", — איז ער מער נישט דאָרט גע־ווען. הייַנט, נאָך דעם פאַטערס ידיעה, האָט ער זיך געקליבן אַהינצוגיין, כדי צו ברענגען פערזענלעך די בשׂורה צו דער יידענע, מיט וועלכער ער האָט זיך אין אַנהויב געהאַט אַזוי אינטערעסירט.

ביי דער „קוואַסנעצאָווען" אויף קוואַרטיר האָט ער כמעט נאָך גע־פונען אַלע איינוווינער, ווי פריער. די עסקים פון די באַשולדיקטע האָבן זיך זייער לאַנגזאַם באַוועגט, געוואַנדלט פון איין פּאַלאַטע צו דער אַנ־דערער — און עס איז אָפטמאָל אויסגעקומען די פאַראינטערעסירטע פערזאָנען צו זיצן חדשים־לאַנג אין פעטערבורג, ביז זיי האָבן זיך דער־שלאָגן צו עפּעס אַ רעזולטאַט, אָדער אפילו אַן אויפקלערונג אין זייערע עסקים.

אויף דער קוואַרטיר ביי דער „קוואַסנעצאָווען" האָט זיך אויך נאָך אַלץ געפונען פרוי הורוויץ פון וואַרשע. די איבערזעצונג פון איר זונס נאָטיצן איז שוין אפילו צוריקגעקומען פון פּראָפעסאָר, און זי האָט זיך געפונען ביי דער זשאַנדאַרמעריע, אָבער צו קיין רעזולטאַט האָט עס נישט געפירט. מען האָט אפילו נישט געוווּסט, ווען דאָס געריכט וועט פאָרקומען. נאָר מען האָט נאָך קיינעם נישט צוגעלאָזט צו אים, פּשוט דערפאַר, ווייל מען האָט נישט געוווּסט, וווּ ער געפינט זיך. די פרוי האָט פאַרלוירן אַ העלפט פון איר וואָג דורך דער צייט, וואָס זי געפינט זיך אין פעטערבורג. דאָך האָט זי נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַר־צווייפלונג. פאַרקערט, זי האָט אַלעמען אויף דער קוואַרטיר ביי דער „קוואַסנעצאָווען" געמוטיקט מיט איר האַלטן זיך, מיט איר שטאַר־

קייט, מיט איר אָפּטימיסטישקייט. אַ געזונטקייט און אַ פרייל‏עכקייט האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דער פרוי, וואָס האָט זיך אויך איבערגע־טראָגן אויף די אַנדערע. פון דער נאַטור זייער ענערגיש און אונטערנע־מונגס־לוסטיק, האָט זי פאַר די איינוווינער פון דעם הויז איינגעאָרדנט אַן אייגענע קיך, און מיט דער הילף פון נאָך אַ פרוי, אַ צווייטע מוטער פון אַן אַנדערן פּאָליטישן באַשולדיקטן, האָט זי אויף אַ בשותפותדיקן אופן צוגעשטעלט פאַר אַלע קוואַרטיראַנטן זייער טעגלעך עסן. עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען מער פאַראינטערעסירט אין די אומגליקן און גורלות פון די אַנדערע, איידער ווי פון איר אייגן קינד. זי האָט געוווסט דעם צושטאַנד פון יעדנס עסק, און זי האָט יעדערן אָנ־געזאָגט מיט איר לעבנס־לוסט צו מער ענערגישע שריט. ווען עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז יענער זאָל אָפּלאָזן די הענט און פאַרצווייפ־לען, האָט זי צוגעגעבן מוט און שטאַרקייט.

— וואָס פאַר אַ שלימזל זענט איר: און אַז ס'גייט נישט אַזוי ווי מען וויל, לאָזט מען שוין אַלץ פאַלן איבער די הענט? זיי ווילן דאָך נאָר דאָס, אונדז אויסמוטשען, אַז מיר זאָלן איבערלאָזן אונדזערע איי־גענע צו זייער אייגענעם גורל, אונדז פאַרטרייבן פון דאַנען. אַ קרענק אויף זיי, לאָזט זיי נישט רוען, מאַכט גוואַלדן. מען וואַרפט אייך פון איין טיר אַרויס — גייט אין דער אַנדערער אַריין.

און נישט קענענדיק קיין וואָרט רוסיש, נאָר אַ פּויעריש פּויליש (פרוי הורוויץ איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ פּוילישן דאָרף), פלעגט זי אָפּשלאָגן די טירן פון אַלע פּאַלאַטעס. ווו האָט זי נישט אָנ־געשלאָגן? פון אַדוואָקאַטן איז אָפּגערעדט. זי איז געווען ביים פּראָקו־ראָר, וועלכער האָט געזאָלט מאַכן די איבערזעצונג פון איר זונס אומ־פאַרשטענדלעכע נאָטיצן, און געצוווּנגען אים כמעט, אַז ער זאָל מאַכן אַ פאַלשע איבערזעצונג. זי האָט געווירקט אויף אים מיט אַלעם מעג־לעכן, מיט איר מוטערלעכקייט און מיט איר ווייבלעכקייט: מיט אירע טרערן און מיט איר שמייכל. איצט איז זי שוין אפילו דערגאַנגען, אין וועמענס הענט עס געפינט זיך איר זונס עסק, און האָט זיך דערשלאָגן שוין דאָרטן אַהין. מ'האָט שוין זי אפילו געסטראַשעט מיט אַרויס־שיקן פון פּעטערבורג, נאָר זי האָט זיך פאַר קיינעם נישט געשראָקן, פאַר קיין נאַטשאַלסקען מונדיר.

אויך האָט זיך געפונען אויף דער וווינונג דער מאָדנער הויכער ייד, דער „יושב ראש" פון דער טאָלסטינער קהלה, וועלכע מען האָלט אין אַרויסשיקן, — ר' ברוך האָמסקי. ר' ברוך האָט שוין פון לאַנג גע־וואָלט אַוועקוואַרפן די זינדיקע שטאָט. ער איז מיד געוואָרן פון צו־שלאָגן זיך צו די שתדלנים און פון דער וווינונג ביי דער „קוואַסנעצאָ־ווען", וועלכע האָט באַליידיקט זיין כבוד: (ער, אַ פאָטער פון דערוואַק־סענע טעכטער, מוז זיך אויף דער עלטער אויפהאַלטן אין אַזאַ „הויז"), און פון דעם פרעכן פאַרהאַלטן זיך פון די פאַרשידענע באַאַמטע, וועל־כע האָבן זיך געשפּילט מיט אים ווי מיט אַ באַלאָן, אים געשיקט פון איין מיניסטעריום צום אַנדערן. וועגן דעם אויסגאַנג פון דער שתדלנות האָט ער זיך שוין לאַנג מיאש געווען, און וואָלט עס געווען געווענדט אָן אים, וואָלט ער שוין פון לאַנג געווען פאַרלאָזן פעטערבורג און אי־בערגעגעבן זיך צו די הענט פון גורל; אָבער פון זיין שטעטל האָט מען אים געהאַלטן אין איין אויפפאָדערן, אַז ער זאָל זען אַלץ צו טון, אַז די קהלה, וואָס זיצט שוין מכמה וכמה יאָרן אויף איר אָרט, זאָל ניצול ווערן. אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער „יושב ראש", האָט ער נישט געוואָלט פאַרלאָזן פעטערבורג ביז ער וועט נישט האָבן אַלע מיטלען אויסגע־נוצט.

האָט ער געדולדיק געוואַרט, אַרומגעלאָפן אַ גאַנצן טאָג פון איין שתדלן צום אַנדערן, פון איין אַדוואָקאַט צום אַנדערן, פון איין פּאַלאַטע צו דער אַנדערער, געלאָזט פאַלן אויף זיך די אַלע דערנידערונגען און שפּאַסן, וואָס די באַאַמטע האָבן געטריבן מיט אים, אַזוי ווי ער וואָלט דאָס געקומען צו טראָגן אויף זיך אַ תשובה פאַר אַ זינד, און געדולדיק געהאַלטן זיך אויף זיין פּאָסטן, כאָטש ער האָט מער נישט געגלויבט אין זיין מיסיע. ער איז דורך דער צייט נאָך העכער געוואָרן, און נאָך דינער, און זיין אויסערגעוועלעך לאַנגע באָרד איז נאָך לענגער גע־וואַקסן.

ווען מירקין האָט אויפגעזוכט די קוואַרטיר, האָט ער שוין נישט געטראָפן די קוואַרטיראַנטן, ווי אַמאָל, ביים תהילים זאָגן. זעט זיך אויס, אַז זיי זענען אויך מיד געוואָרן, און האָבן זיך איינגעוווינט אויף דער מאָדנער קוואַרטיר צו פירן זייער נאָרמאַל לעבן. עס איז געווען קעגן אָוונט־צו, און די קוואַרטיראַנטן האָבן זיך אַלע געפונען אַרום טיש ביים

אראָפּהענגענדיקן לאָמפּ, וועלכער איז געוואָרן איבערגעמאַכט פון אַ גאַז־לאָמפּ אין אַן עלעקטרישן, און די מילך־ווייסע גאַז־באַלאָנען האָבן צעשפּרייט אַ שאָטנדיק ליכט אויף די אַלע מידע, באַזאָרגטע פּנימער פון די, וואָס האָבן זיך געפונען אַרום טיש. יעדער איינער פון די קוואַר־טיראַנטן איז געווען באַשעפטיקט ביי עפּעס אַנדערש. צוויי יידן, שוין מיט אונטערגעשווירענע בערד, האָבן געשפּילט אַ דאָמינע. דער הויכער, מיט דער אויסערגעוועגלעך לאַנגער באָרד, איז געזעסן נאָענט ביים לאָמפּ און האָט געשריבן אַ בריוו. אַ יידענע פון אַ ווינקל האָט פאַר זיך אַליין גענעסן פון אַ טעלער אַרויס. נאָר אסתר־האָדעל, די מאַמע פון יידישן סאָלדאַט, האָט מער צוליב געוווינהייט איידער אויס פרומקייט געהאַלטן אין איין מורמלען מיט די ליפּן. און מיט אַלע האָט קאָמאַנ־דעוועט פרוי הורוויץ פון וואַרשע, אויסטיילנדיק זיך פון די איבריקע. מיט איר ענערגיש געזיכט, מיט די שטאַרק־אַנטוויקלטע מוסקול־ביינער פון איר פּנים, איז זי געשטאַנען ביי אַ פּראָוויזאָריש איינגעאָרדנט קיכל נעבן דעם גרויסן צימער, האָט מיט אירע אויפגעקאַשערטע אַרבל אָנגע־גאָסן פון אַ טאָפּ געקעכץ אין אַ טעלער אריין און אויסגערופן ביי די נעמען יעדן איינעם פון די איינוווינער, אַז זיי זאָלן קומען נעמען זייע־רע טעלער זופּ.

— ר׳ ברוך, קומט אַהער, זייט מוחל. נעמט זיך אייער טעלער, עס ווערט קאַלט, — האָט זי גערופן צום דאָזאָר פון דער טאָלסטינער קהלה.

— הערט נאָר, מאָסקאָוויטש, איר ווילט היינט עסן אָדער נישט? איך גיי באַלד אַהין און צעוואַרף אייער דאָמינע. וואָס מיינט איר, מירן אַ גאַנצע נאַכט דאָ שטיין און די טעלער וואַשן פאַר אייך? — האָט זי אויסגערופן צו איינעם פון די שפּילנדיקע.

זעט זיך אויס, די קוואַרטיראַנטן האָבן מורא געהאַט פאַר איר, ווי קינדער פאַר אַ שטרענגער מאַמען, און יעדער איינער איז צוגעקומען צום קיכל, צוגענומען זיין טעלער און אים אַוועקגעטראָגן צו זיין אָרט. אפילו דער „יושב־ראש" פון דער טאָלסטינער קהלה האָט אויף אַ מינוט געמוזט אַוועקלייגן זיין שרייבן און פאָלגן פרוי הורוויצס געבאָט. נאָר די טעלער מיט דעם זופּ, וואָס זיי האָבן אַוועקגעשטעלט פאַר זיך, האָבן זיי נישט געשטערט ווייטער אָנצוגיין מיט זייער באַשעפטיקונג. די שפּי־

לערס אין דאָמינע האָבן געמיטלעך געזופּט זייער זופּ און ווייטער אָנגע-גאַנגען מיטן שפּיל, צוברומענדיק פון דער זופּ ארויס מיט אַ גמרא־ניגונדל. דער „יושב־ראש" פון דער טאָלסטינער קהלה האָט זופּנדיק ווייטער גע-שריבן זיין בריוו, פאַרזיכטיק, נאָר נישט צו פאַרגיסן אויף זיין באָרד און אויף זיין בויגעלע פּאַפּיר.

נאָר אסתר־האָדעל גרינשפּאַן פון דאָמבראָווע, די מוטער פון יידי-שן סאָלדאַט, זי אַליין האָט נישט געגעסן פון דעם געמיינזאַמען קיכל, וואָס פרוי הורוויץ האָט אָרגאַניזירט. זי האָט נישט געהאַט קיין גרויס צוטרויען צו פרוי הורוויצס כשרות. און אַזוי ווי „קוואַסנעצאָוואַס" גוטהאַרציקייט, וואָס זי האָט געהאַט לכתחילה אַרויסבאַוויזן צו דער יידענע, און זי אויסגעטיילט פון אַנדערע, איינשאַפּנדיק פאַר איר עסן באַזונדער, האָט געהאַט אויפגעהערט, האָט זיך די יידענע אין דער קופּ-קע באַגנוגנט מיט טרוקנס. זי האָט איצט פאַרצערט אַן אַלטע בולקע מיט אַ ציבעלע פון איר בוזים אַרויס (צו קיין אַנדערער שפּייז האָט זי זיך צוליב איר פרומקייט נישט צוגערירט אין דער טרפהנער שטאָט), געברומט דערביי, מער אויס געוווינהייט איידער אויס פרומקייט, איר תהילים, אויסגעמישט מיט קרעכצן:

— אשרי יושבי ביתך — וויי און ווינד איז מיר.

קאַפּיטל 12

היימישע זופּ

אַז די איינוווינער האָבן ווידער אַמאָל דערזען דעם אומגעריכטן גאַסט, דעם אַדוואָקאַטס באַהעלפער, זענען זיי אַלע אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ביי יעדן איינעם פון זיי האָט זיך געהאַט דערוועקט אַ האָפענונג: אפשר צו אים (זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אויסערגעוועגלעכס האָט געמוזט געשען). נאָר מירקין האָט זיי באַלד אַנטוישט, אַנווייזנ-דיק, צו וועמען ער איז געקומען.

— פאַרוואָס האָט זי מער מזל פאַר אונדז אַלע? וואָס איז, זי איז

אין אַ יידן העמדל געבוירן? איר קינד האָט אַ מוטער און אונדזערס אַ שטיין?

די נייעס, אַז איר עסק וועט פאַרגעבראַכט ווערן פאַרן צאַר אַליין און האָט די בעסטע אויסזיכטן אויף אַ גליקלעכן אויסגאַנג, האָט אַרויס־גערופן נישט נאָר אַ סענסאַציע ביי די איינוווינער פון דער קוואַרטיר, נאָר אַן אמתע קנאה און שנאה.

אַלע האָבן מיטאַמאָל די פרומע יידענע אין דער קופּקע אָנגעהויבן פיינט צו האָבן. נאָר די יידענע האָט זיך געלאָזט וויניק שטערן פון די אַנדערעס קנאהשע בליקן. זי האָט זיך פרום געשאָקלט, פאַרגלאָצט די אויגן, אויפגעהויבן אירע הענט און איר קאָפּ אין דער הויך און האָט אויסגערופן:

— דאָס האָט „ער זאָל לעבן" זיך געמיט, עס איז מיט זיין כוח.

פרוי הורוויץ איז איצט אַריינגעקומען פון איר פּראָווינזאַריש קיכל, און אַלס אַפּיקורסטע, וועלכע האָט געלעבט ביי זיך אינדערהיים אין אַן אַטמאָספערע פון אייביקן קאַמף מיטן יידישן פאַנאַטיזם, האָט זי זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן צו מאַכן די באַמערקונג, וועלכע איז אַרויס־געקומען פון אירע פליישיקע ליפּן מיט די שאַרפע ציין, מיט אַ געפיל פון קאַמף, נישט פון קנאה:

— אסתר־האָדעל, איר ווילט וויסן, מיט וועמענס כוח דאָס איז געשען? — אָט מיט וועמענס כוח, מיט זייערס דערינען! — האָט זי געוויזן מיט איר פינגער אויף דער טיר פון דער קוואַסנעצאָוואַס „אינ־סטיטוט".

דער עולם האָט כיטרע צופרידן צוגעשמייכלט. אסתר־האָדעל האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען מיינט, האָט זי פרום צוגעלייגט.

— איר וועט אויך געהאָלפן ווערן, מיטן רבונו של עולמס הילף. אַלע גוטע מוטערס פון פרומע קינדער וועלן געהאָלפן ווערן — ווי דען אַנדערש!

— אַז מיר וועלן האָבן אַ צד ביים טיש, — האָט פרוי הורוויץ צוגעלייגט.

— דעם הייליקן רבינס תפילה.

— נישט דאָס, מיין ליבע מוטער. אָט ווער עס וועט זיך אָננע־מען פאַר זיי — די געסט פון דערינען.

און וועגדנדיק זיך צום פארלוירענעם מירקין, האָט זי געזאָגט צו אים מיט אירע באַלעבטע אויגן פון איר ענערגיש געזיכט ארויס, ווי אַנשרייענדיק אויף אים:

— אַליין קאָנט איר גאָרנישט, אַז מ׳העלפט אייך צו פון דערינען, זענט איר מאַכערס.

— זי האָט דען נישט רעכט? — זאָגט אַ ייד פון דאָמינגע ארויס, — אָט זיצן מיר שוין דאָ חדשים־לאַנג, מיר לויפן זיך די פיס אָפּ פון איי־נעם צום אנדערן, און עס רירט זיך נישט פון אָרט. און אָט איז געקומען אַ יידענע מיט אַ „דיעלע״ פון פוילן, און מיט אַ שווערער „דיעלע״ אויך, קיין מענטש נישט געקענט, געפונען חן אין די אויגן פון אַ פאַר־וואַלטערין פון אַ „הייזל״ און איז צום סאַמע קייסער דערגאַנגען. הלוואי וואָלט איך אַזאַ צד ביים טיש געהאַט.

— נאַר איינער, ווער ביסטו? וואָס איז דיין זון אַ פרומער, צי וואָס? אַלע פרומע האלטן זיך צוזאַמען, מעג עס זיין פון פארשידענע אמונות.

דורך דער צייט, ווען דער עולם האָט זיך אַזוי צווישן זיך דורכ־געשמועסט, איז פרוי הורוויץ צוגעגאַנגען צו מירקינען און ארויפלייגנ־דיק איינע פון אירע נאַקעטע הענט, מיט וועלכע זי האָט ערשט די זופּ אַנגעגאָסן פאַר די איינוווינער, אויף זיין אַקסל, האָט זי זיך אָנגערופן האַלב אויף פויליש, האַלב אויף שלעכט רוסיש:

— יונגערמאַן, אַ שאָד אייער צייט דאָרט צו פארלירן אין ביוראָ. וואָס מאַכט איר זיך צום נאַר? איר וואָלט ליבער צו אונדז קיין וואַרשע אריבערגעקומען און זיך גענומען צו דער ריכטיקער ארבעט! כ׳לעבן, איר וואָלט מער נוצן געבראַכט, ווי צו זיצן ביי זיך אין ביוראָ און זיך אַליין אָפּנאַרן און נאַרן אַנדערע. איר ווייסט דאָך, אַז איר קאָנט גאָרנישט אויפטון.

זי האָט אים בשעת מעשה אָנגעקוקט מיט אַ גוט־מוטערלעכן בליק פון אירע אויסערגעוועגלעך באַלעבטע אויגן. מירקין האָט געזען, ווי אי־רע שטאַרק אַנטוויקלטע יאַסלעס, מיט איר מויל פול מיט געזונטע ציין, באַוועגן זיך. אירע אויגן האָבן אים וואַרים אָנגערירט, און מיט איר שטאַרקער האַנט האָט זי אים פעסט געהאַלטן, ווי אַ מוטער איר קליין קינד.

מירקין האָט געהאַט בדעה צוערשט זיך אָפּצוטרייסלען פון דער פרוי און צו מאַכן אַ ברוגזדיקע מינע. אינערלעך האָט עס אים פאַר־דראָסן, איר דרייסטקייט אַזוי צו רעדן צו אים. נאָר עס איז זיך נישט געווען וואָס צו בייזערן. די פרוי האָט עס אַזוי גוטהאַרציק און אויפ־ריכטיק געמיינט, און דערביי האָט עפּעס אַ וואַרימקייט און אַ היימיש־קייט געשלאָגן פון איר געזונטן, רירעוודיקן קערפּער, פון איר שטאַרקן נידעריקן האַלדז, פון איר אָפן ליכטיק פּנים אַרויס, וואָס די אויגן און די שטאַרקע ליפּן האָבן באַלעבט.

ער האָט עס אויך גענומען גוטמוטיק, און שמייכלענדיק, האָט ער אָפּגעענטפערט:

— וואָס וואָלט איך דאָס געקאָנט טון ביי אייך אין וואַרשע?

— דאָס זעלבע, וואָס מיין מאַן טוט, וואָס מיין זון האָט געטון. פאַרוואָס זאָל אַזאַ געזונטער יונגערמאַן, ווי איר זענט, מיט אַ ברייט לעבן פאַר זיך, אויך נישט צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט? וואָס טוט איר דאָ? דאָס איז דאָך אַלץ באַלמוטשעריי מיט אייער פּאַפּיר־שרייבן. עס ברענגט דאָך קיין נוצן נישט, נישט אַנדערע און נישט זיך.

— וואָס פאַר אַ נוצן וואָלט איך געקאָנט ברענגען ביי אייך? — פרעגט מירקין נייגיריק, קוקנדיק בשעת מעשה אין איר באַלעבט פּנים אַריין, און וווּנדערט זיך, פון וואַנען ער קען דאָס געזיכט? עס איז אים, נעמלעך, פאַרגעקומען, אַזוי ווי ער וואָלט שוין אַמאָל די פרוי געווען גע־זען. מער נאָך — ער האָט שוין געהאַט מיט איר צו טון, און זי קומט אים פאַר זייער באַקאַנט.

— וואָס פאַר אַ נוצן? — פרעגט איבער די יידענע און גיט דער־ביי גנביש, ווויל־ווייבעריש אַ ווונק מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, — איר ווייסט שוין, וואָס פאַר אַ נוצן, פאַר וועלכע מען טיילט נישט קיין לעקעכלעך, און מען וועקט אויף ביינאַכט.

זאַכאַרי איז רויט געוואָרן, אי צוליב איר ווויל־ווייבערישן ווונק, און אי איבער דער אָנצוהערעניש, וואָס זי האָט אים געגעבן, צו וואָס זיך צו נעמען. ער ענטפערט אָפּ:

— איך ווייס נישט, אויב איך וואָלט פּאַסיק געווען צו דער אַר־בעט, וואָס איר מיינט.

— איז כאָטש מיט יונגעלייט רוסיש צו לערנען, צוצוגרייטן צו אַ

קלאַס. זיי קומען צולויפן יעדן טאָג פון דער פראָווינץ און מען ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט זיי. עס פאַלט פון די הענט. אָ, ארבעט וועט אייך שוין נישט פעלן: ווילט נאָר עפּעס טון, נישט זיצן דאָ מיט פאַר־לייגטע הענט און אָפּגעבן זיך מיט נאַרישקייטן, און איר זענט דאָך נישט צופרידן פון דער ארבעט אויך.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין נישט צופרידן פון דער ארבעט?

— אָ, דאָס קאָן מען דאָך גלייך אָנזען אָן אייך. וואָס מיינט איר, אַז מיר פאַרשטייען זיך נישט? אָט, אייער קאָלעגע, דער צווייטער העלפער, ווי רופט מען אים דאָרט, וויינשטיין, גאַספּאָדין וויינשטיין, איז זייער צופרידן פון דער ארבעט. — דער באַרימטער אדוואָקאַט אויך. אָבער איר? איר דרייט זיך דאָך ארום, ווי אַ שאָטן, ווי אַן איבריקער גאַר. מען זעט דאָך אָן אייך אָן, אַז די ארבעט איז אייך נישט צום הארצן.

מירקין איז ווידער רויט געוואָרן און אָנגעקוקט זי פאַרוואונדערט, און מיט שרעק:

„פון וואַנען ווייסט זי דאָס?" אַ מינוט איז אים געווען, ווי ער וואָלט שוין פון וועמען געהערט די רייד, און טאָקע אפשר פון דער פרוי אליין.

און עס איז געווען, ווי פרוי הורוויץ וואָלט געווען געוווּסט זיינע געדאַנקען, לייגט זי צו מיט אַן אמתן מוטערלעכן אָנטייל:

— און אַ רחמנות אויף אייך אויך. איר זענט אַזאַ ווילער, — שמייכלט זי אים אין פּנים אריין, און אירע באַלעבטע אויגן ווערן גוט.

ווידער קומט מירקינען פאָר, ווי ער וואָלט זי שוין ווען עס איז געווען געהערט, אָט דעם זעלבן טאָן, דעם טיפן אָנטייל אין זיין גורל. ער געפינט זיך אַ מינוט ווי אין חלום — זיין געפיל איז וואָך, ער שמייכלט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס, אַז איך בין אַ ווילער? — לאַכט ער.

— אַז איר וואָלט נישט געווען קיין ווילער, וואָלט איר צו אונדז דאָ נישט אריינגעקומען, און אונדז נישט קיין וויזיטן געמאַכט, און נישט געווען זיך אינטערעסירט מיט אַ יידענע דאָרט, וואָס איר זון איז

פארפאלן געוואָרן ביי די סאָלדאטן. פארוואָס מאכט אונדז אייער קאָלע־גע נישט קיין וויזיטן, און דער בארימטער אדוואָקאט?

— און איר מיינט, אַז די אדוואָקאטישע אַרבעט איז נישט קיין וויכטיקע? דער קאמף מיט דער ביוראָקראטיע, וואָס מיר פירן; אונדזער איינשטעלן זיך פארן געזעץ! — וויל זיך זאכארי ראטעווען.

— וואָס פאר אַ קאמף איז דאָס, מ'שטיינסגעזאָגט?! זיי לאכן דאָך אייך גאָר אויס! און איר העלפט זיי נאָר מיט צו מאכן אַן אָנשטעל, אַז עס זאָל אויסזען, ווי עס וואָלט אין דער אמתן געווען גערעכטיקייט. ניין, קעמפן, יונגערמאַן, באַדאַרף מען גאָר גאַנץ אַנדערש — פון אונטן אָן, פון פונדאַמענט, אים אַרויסצוזעצן, אַז עס זאָל געבן אַ קנאַל, אַז די וועלט זאָל הערן! — גיט זי ווידער אַמאָל אַ ווויל־ווייבערישן ווונק צו אים, פארדוקט איר ברוינעם אויג־אַפּל אין אַ ווינקל פון אויג־אויס־שניט. אַ שטילער שמייכל גיט זיך אַ שנור אריבער איבער אירע לענגלע־כע צוגעמאכטע ווייכע ליפּן, דאָס פּנים באַלויכטן אין פּראָפיל פון וואַרפנדיקער מילך־שיין, און אַ שאָטן־ליכט שניידט זיך אויס מיט דער שאַרפקייט פון זיינע קאָלירטע שטאַרקע ריסן אַזוי, אַז איר שמייכל און איר ווונק ווערט פארוואַנדלט אין עפּעס פארשייטעס און איידל־גוטס.

זאכארי קאָן זיך נישט העלפן, און זיינע אויגן, אָנגעצונדן דורך איר שמייכל, לאכן מיט, און ער זאָגט:

— איך וועל זיך איבערלייגן. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס אַ פּלאַן.

— געוויס איז עס אַ פּלאַן. איר וועט אויפלעבן, נישט זיך נאַרן דאָ. ווייסט, אַז איר וועט קומען, גלייך פארפאָרן צו מיר אויף קוואַרטיר. נישקשה, מיר זענען געוווינט דערצו. יעדן טאָג קומען צו אונדז אַזעלכע יונגעלייט, אַנטלאָפענע פון דער היים, וואַרפן דאָס בית־המדרש, די ישיבות, אַנדערע — זייערע היימען, זייערע פאָטערס, מוטערס, אויך זייערע כלות. יעדן טאָג געפין איך אַ פּאָר הינטער מיין טיר. זיי זאָגן, אַז זיי האָבן גערן מיין זופּ, וואָס איך קאָך, — שמייכלט זי ווידער צו אים מיט יענעם אומאָנשטענדיקן ווונק. — איר האָט נאָך נישט פאר־זוכט מיין זופּ? שאַ, אפשר וועט איר פארזוכן?

און זי נעמט אים אָן אונטערן אָרעם און פירט אים צו צום טיש.

מירקין האָט איר שוין געלאָזט טון, וואָס זי וויל; ער איז געווען ביי איר אין די הענט.

— מאַכט נאָר אַ פּלאַץ, לאָזט דעם אַדוואָקאַט פאַרזוכן פון מיין זופּ! — און זי האָט אים אַוועקגעזעצט ביים טיש און דערלאַנגט אים אַ טעלער זופּ.

איידער מירקין האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער זיך געפונען ווי אַ היימישער צווישן דעם פרעמדן עולם, און ער האָט זיך גוט געפילט אויך. עפּעס אַן אומבאַקאַנטע היימישקייט און וואַרימקייט האָט אים אַרומגענומען, אַזעלכעס, וואָס מאַכט פאַרגעסן אָן אַלע זאָרגן, אָן אַלע צרות. אונטער דעם שוץ פון פרוי הורוויץ פון וואַרשע האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט, ווי עס קאָן אים גאָרנישט געשען.

— אייער זופּ שמעקט מיר גוט. אַ דאַנק אייך, — האָט ער געזאָגט, אויפהויבנדיק זיך צו גיין.

— איך האָף, איר וועט באַלד ווידער קומען זי צו פאַרזוכן, — האָט זי אים אָפּגעענטפערט און צו אים אויסגעשטרעקט אַ וואַרימע שטאַרקע האַנט, מיט וועלכער זי האָט פעסט אָנגענומען זיינע.

— איך האָף אויך אַזוי, — האָט ער אָפּגעענטפערט עפּעס אַ גליקלעכער, איבער וואָס ער האָט זיך קיין דערקלערונג נישט געקאָנט אָפּגעבן.

קאַפּיטל 13

אַ פּאַטערלעכע שטימע

אַז ער איז אַרויס פון דער קוואַרטיר, איז אים, ווי דאָס פריערדיקע מאָל, נאָכגעגאַנגען אויף די טרעפּ דער הויכער ייד מיט זיין לאַנגער באָרד, ר׳ ברוך, דער „יושב ראש” פון דער טאָלסטינער קהלה.

אָפּגעשטעלט זאַכאַרין אויף די טרעפּ, רופט ער זיך אָן:

— זי האָט רעכט, די יידענע, די פרוי הורוויץ פון וואַרשע — איר קאָנט דאָך גאָרנישט טון. עס איז דאָך אַרויסגעוואָרפענע צייט, אונדזער זיצן דאָ.

— אָ, איר זייט עס, ר' ברוך? וווהין, ווידער צו אייער אָוונט-געבעט דאָרט אהין?

— אַלץ בעסער, ווי אַרומצוטלויפן איבער די פּאַלאַטעס און אויסצושטיין די בזיונות. אפשר וועט אַמאָל עפּעס דערפון אַרויסקומען. מיר וועלן אַזוי לאַנג בעטן, ביז עס וועט מקוים ווערן. עס מוז מקוים ווערן, און עס וועט מקוים ווערן, — זאָגט דער ייד, באַטאָנענדיק די לעצטע ווערטער.

— פון וואַנען האָט איר די זיכערקייט? אונדזערע עלטערן האָבן דאָך אויך געבעטן!

— פון וואַנען איך האָב די זיכערקייט? וואָס מיינט איר, ס'איז שוין גאָר נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט, דערפאַר ווייל מיר זעען עס נישט? דער רבונו של עולם לעבט אייביק, און ער האָט צייט צו וואַרטן. ער לאָזט יעדן קרוג אָנזאַמלען זיין מאָס וואַסער. דערפאַר ווייל עס איז פאַר אונדזערע אויגן שוואַרץ, מיינט מען, אַז עס איז נאַכט אומעטום. הינטער אונדז שיינט אָבער אַ ליכט, צי מיר זעען עס, צי נישט. ניין, יונגערמאַן, גאָט פירט זיין וועלט מיט יושר, כאָטש אונדז דאַכט זיך אויס אַנדערש פון אויבן־אויף. אָבער סוף כל סוף קומט די גערעכטיקייט און זיגט. מיר אַליין וועלן עס אפשר נישט זען, וועלן עס אונדזערע קינדער דערלעבן. דער מענטש איז פּונקט ווי אַ פינטעלע אָנגעשריבן אויף אַ ספר־תורה. דאָס פינטעלע דערשיינט נאָר אויף אַ ווייַלע, ווען מען מישט אויף די סדרה; באַלד ווערט עס פאַרשוווּנדן, ווען מען האָט אָפּגעלייענט די סדרה. אָבער די ספר־תורה לעבט, און דאָס פינטעלע שטייט פעסט פאַרשריבן אין דער סדרה, אין פּסוק, אויף זיין אָרט, און קיינער וועט עס שוין נישט אויסמעקן.

מירקין האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער ייד מיינט, דאָך איז אים דעם יידנס אויספיר געוווען זייער אינטערעסאַנט און באַלערנד. אים האָט שוין אַלץ פאַראינטערעסירט, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער „קוואַסנעצאָוואַס" וווינונג. דער מיסטישער ייד מיט זיין פאַרבאָרגענער תפילה ביינאַכט האָט נאָך איבערגעלאָזט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק פון דער פריערדיקער באַגעגעניש, און איצט, ביי זיין איצטיקן צושטאַנד, איז ער פאַר אַלעם, וואָס האָט געקאָנט אויסשפרייטן כאָטש אַ שטרוי איבער דעם אָפּגרונט, אויף וועלכן ער האָט זיך געפּער־

נען, געווען דאַנקבאַר. ער האָט עפּעס געזוכט, און ער האָט אַליין נישט געוווסט וואָס. דורך דעם האָט ער זיך אַריינגעלאָזט מיט דעם יידן אין אַ טיפן שמועס.

— יאָ, מיין ליבער פריינט, אָבער עס איז דאָך נאָך נישט זיכער, אַז עס איז טאַקע אַזוי. מיר בלאָנדזשען און מיר ווייסן נאָך נישט, אויב דאָס גאַנצע גרויסע לעבן איז נישט איין לאַבירינט, איין פּלאָנטער, אָן אָן אויסגאַנג. קיין ריכטיקן באַווייז האָבן מיר נישט פאַר דעם, אויב די וועלט ווערט טאַקע געפירט מיט גערעכטיקייט, און אויב עס איז דאָ אַ לאָגיק אין אונדזער געשיכטע. ביישפּילן, פאַקטן קען מען אויסטייטשן אַהין און צוריק.

— אַ, וואָס רעדט איר! — האַקט אים איבער דער ייד — איך בין נישט קיין גרויסער געלערנטער און איך ווייס נישט, וואָס די גרויסע מחקרים זאָגן דאָרט אין דער וועלט. אָבער, ווי אַמאָל אין די יונגע יאָרן, אַזוי אויך היינט אויף דער עלטער, ווען מען האָט נאָר צייט, כאַפּט מען זיך צו צו אַ ספר. לשון קודש קען איך, גאָט צו דאַנקען; אַמאָל געשמט פאַר אַ משכיל. היינט — ווער האָט דערצו צייט? אָבער דאָך, אַ מענטש איז דאָך נישט קיין בהמה, ליג איך ביינאַכט, מ'קאָן נישט שלאָפן, און מ'קלערט וועגן דעם תוך פון דער וועלט. טיילמאָל פאַלט מען דאָך אַריין אין ספקות, און ספקות פאַר אַן אַלטן מאַן איז נישט דאָס וואָס פאַר אַ יונגן. אַז איר פאַלט, גאָט באַהיט, אַריין אין ספקות, פאַרגעסט איר זיך באַלד. דער כוח־החיים, די לעבנס־קראַפט, ציט אייך אַרויס דערפון און שלעפּט אייך מיט מיט זיין שטראָם. אָבער אַן אַלטער מאַן, ווי איך, חלילה, אַז מען פאַלט אַריין אין אַ ספק, איז פונקט ווי מען וואָלט זיך געווען אָנגעשלאָגן מיטן פּנים און מיטן שטערן אָן אַ וואַנט. איר פאַרשטייט, דאָס קבר שטייט שוין אָפן, מוז שוין דאָס פּעקל זיין געפּאַקט; אַז נישט, איז נישט גוט. מילא, איינער גרייט זיך אָן חלק לעולם הבא דורך תהלים זאָגן, דורך עבודה; איז ער אַ בלינדע קו. אַ צווייטער גרייט זיך אָן די אַנדערע וועלט אויף אַן אַנדערן וועג. ער באַשאַפט זיך די צווייטע וועלט מיט זיין אייגענעם שכל. ער גייט און גייט, ביז ער דערגייט אַליין צו עפּעס.

—און צו וואָס זענט איר דערגאַנגען? — פרעגט מירקין.

— איך בין דערגאַנגען, איך בין דערגאַנגען מיט מיין גאַנצן מהות,

אַז עס איז יאָ דאָ אַ שכל הישר, וואָס פירט דאָס גאַנצע. און דערגאַנגען בין איך דאָס אויף אַ פשוטן אופן; מען דאַרף דערצו נישט זיין קיין גרויסער חוקר. מען דאַרף עס נאָר דערפילן, ווי איך האָב עס דערפילט. טיילמאָל זאָגט מען אַ וואָרט, און מען פאַרשטייט אַליין נישט דעם געדאַנק פון דעם וואָרט. אַ וואָרט — דאָס איז פונקט אַזוי ווי אַ פרוכט; מען באַדאַרף אַ וואָרט קאָנען אויפעסן און דערפילן דעם טעם דערפון. נעמט כאָטש דאָס וואָרט, וואָס אונדזערע חוקרים זאָגן, אַז פון פרטיות קאָן מען דערגיין צו כלליות. דאָס הייסט, דורך דעם פרט קאָן מען משפטן אויך דעם כלל. אין פרט איז דאָך יאָ דאָ שכל הישר. דאָס איז דאָך ידוע, וואָרים אויב נישט, וואָלטן מיר דאָך קיין קיום נישט געהאַט. פון קלענסטן ביז צום גרעסטן, סיי אין חי, סיי אין דומם, סיי אין צומח. איר קאָנט זיך פאַרשטעלן, ווי אַזוי דאָס מינדסטע ווערימל וואָלט אַ מינוט געקאָנט בלייבן ביי זיין לעבן, דאָס קלענסטע גרעזל בליען, דער שטיין וואַקסן, ווען עס וואָלט זיך נישט פירן פון פריער, לויט פעסטגעזעצטע געזעצן און חוקים? אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס זאָל נישט זיין קיין שכל הישר אין גאַנצן, אין גרויסן, אין דעם פירן פון דער וועלט? איך האָב געלעזן וועגן דעם אין חקירה־ספרים, און האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען דעם טיפן מיין דערפון, ביז איך בין עס אַליין דערגאַנגען דורך מיר. ווייסט איר, וואָס עס איז דער כלל? דער כלל איז אַ חי, פונקט אַזוי ווי דער קלענסטער פרט. יאָ, דער „כלל" לעבט. עס לעבט דאָס גרויסע גאַנצע. מיר זעען עס נישט, ווייל מיר זענען אַ קליינטשיק, אַ פיטשינק פעדימל אין גרויסן געוועב, און מיר זענען אַזוי איינגעטונקט אין דער פוסטקייט, אין די קליינלעכקייטן און נישטיקייטן פון אונדזער אייגענעם פרט, אַז מיר האָבן גאָר קיין צייט נישט צו פילן דאָס גרויסע לעבן אין כלל. ווי מיר וואָלטן ווי קליינטשינקע ווערימלעך פאַרקראָכן אין די פינצטערע קאַמערן, אין די פינצטערע, קליינטשינקע קאָרידאָרן פון אונדזער אייגענעם פרט, און מיר האָבן גאָר קיין צייט נישט זיך אַרויסצורייסן אויף דער ליכטיקער וועלט און צו זען די גרויסע זון און דאָס גרויסע ליכט. רייסט אייך אַרויס, יונגערמאַן! רייסט אייך אַרויס פון די פינצטערנישן פון אייער אייגענעם קליינעם לעבן, און איר וועט דערזען דאָס גרויסע ליכט. איר וועט דערפילן דעם גרויסן דופק, דאָס קלאַפּן פון דעם וועלט־האַרץ.

מירקין האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווען דער אַלטער האָט פאַרענדיקט זיינע רייד, און אים אָנגעקוקט. אַ מינוט האָט ער געצווייפלט, און נישט געוווּסט, אויב דער אַלטער רעדט דאָס נישט צו אים מיט אַ באַזונדער כוונה: ער ווייסט אפשר פון זיינע פאַרבאָרגענע איבערלעבונגען. ער קאָן אַלץ און ווייסט אַלץ וועגן אים, און מיט זיינע רייד מיינט ער אים צו טרעפן. דערצו האָט צוגעהאָלפן דאָס אויסטערלישע אויסזען פון דעם אַלטן אין דעם העלן ליכט פון דער ליכטיקער נאַכט, וואָס האָט אויסטערליש, פערל־שימערירנדיק געלויכטן.

דער ייד האָט גערעדט אַ רוסישן יידיש, געמישט מיט העברעאישע ווערטער. דאָך האָט מירקין אים פאַרשטאַנען. עס איז געווען, ווי די ווערטער וואָלטן זיך מיט אַמאָל אַנטפּלעקט פאַר אים, ווי ער וואָלט זיי שוין לאַנג אין זיך געהאַט.

— איך האָב קיינמאָל נישט געפילט דעם דופק פון דער וועלט, — האָט מירקין אים געענטפערט אויף רוסיש. — איך האָב קיינמאָל נישט געהערט דאָס קלאַפּן פון דעם כלל־הארץ, אַז איך זאָל קאָנען זאָגן, אַז עס איז דאָ אַזעלכעס. איך ווייס נישט, אויב דאָס איז שוין אַזאַ פעסט־אָפּגעמאַכטע זאַך, אַז דורך דעם, וואָס דער „פּרט" לעבט, מוז אויך דער „כלל" לעבן. און דערפאַר, ווייל עס איז דאָ לאָגיק אינעם אָרגאַניזם פון „פּרט", איז נאָך דערפון נישט געדרונגען, אַז עס מוז אויך זיין לאָגיק אינעם אָרגאַניזם פון „כלל". און נישט אַלע מאָל לויפט לאָגיק מיט גע־רעכטיקייט צוזאַמען, וואָרים גערעכטיקייט האָט נישט קיין פעסטגעזעצ־טע כללים. עס איז מער אַ באַגריף פון עמפּפינדונג און דער מענטש משפט זאַכן, נישט מיט אַן אַבסטראַקטער מאָס, נאָר שטענדיק אין צו־זאַמענהאַנג מיט זיין אייגענער פּערזאָן, ווי עס איז אים באַקוועם.

— און ווי אַזוי לעבט איר? — שרייט כמעט אויס דער אַלטער.

— ווי אַזוי קאָנט איר זיך אויפהאַלטן? וואָס לערנט מען אייך אין די שקאָלעס, אין וועלכע איר האָט פאַרבראַכט אַזוי פיל יאָרן? מען לערנט אייך אויסגעבן וואָס באַקוועמער און פאַרשווענדערישער אַ פאַרמעגן, וואָס איר פאַרמאָגט נישט, וואָס מען שאַפט איין פאַר אייך. איר זענט אַ פוסטער קרוג מיט אַ סך שנויצן, אָנצוגיסן דעם ווייַן, וועלכן איר האָט נישט.

און נאָך אַ ווײַלע הפסקה האָט ער געזאָגט אין אַ שטילן ערנסטן טאָן, ווי אַ געבעט:

— אונדזערע חוקרים זאָגן, אַז דער מענטש האַלט אין זײַן געדאַנק אַנגעבונדן די גאַנצע וועלט, דעם גאַנצן מהות, אפילו דעם כביכול אַליין. מיר האַלטן אונטער די וועלט מיט אונדזער געדאַנק. לאָזט איינער פון אונדז פאַלן דעם געדאַנק, לאָזט ער נישט בלויז פאַלן זײַן אייגן לעבן, נאָר די גאַנצע וועלט, דעם גאַנצן כלל, און אפילו גאָט אַליין. וואָרים אונדזער געדאַנק און אונדזער האַרץ — דאָס איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן אַלץ שטייט. און ווי אַזוי קאָן זיך אַ מענטש אַזוי לײַכט אָפּזאָגן דערפון, און נאָך דערצו אַ יונגער מענטש? ווי אַזוי וועט איר אויספירן אײַער לעבן, וואָס שטייט פאַר אײַך? אויף וואָס פאַר אַ יסודות וועט איר עס אונטערשטיצן?

— מײַן לעבן, וואָס שטייט מיר פאַר, — האָט מירקין איבערגעחזרט, — מײַן לעבן באַלאַנגט נישט צו מיר. איך האָב עס געוואָלט אוועקוואַרפן און נישט געקאָנט. טראָג איך עס ווי אַ פרעמדע זאַך, — האָט זיך פּלוצלינג מירקין מודה געווען פאַרן אַלטן.

דער אַלטער איז שטיין געבליבן, אָנגעקוקט מירקינען מיט גרויסע, אויפגעריסענע אויגן, אַזוי אַז מירקין האָט זיך אַ ווײַלע דערשראָקן. באַלד האָט ער אים אָנגענומען בײַ דער האַנט, פעסט זי געהאַלטן און זיך אָנגערופן צו אים:

— יונגערמאַן, רײַסט זיך אַרויס פון די פינצטערע חדרים פון אײַער קליינעם „פּרט", אין וועלכן איר האָט זיך אַרײַנגעשטופּט. וווּ וועלן אײַך די פינצטערע חדרים דערפירן? צו אַ כף הקלע. דאָס איז דאָך שרעקלעך. איר זײַט יונג, איר הייבט ערשט אָן. וואָס זינקט איר דאָרט אין אײַער אייגענעם „איך" און נאָרעט זיך ווי אַ וואָרעם אין כריין? אַרויס פון דאָרט! איר וועט דערפילן דעם דופק פון דער וועלט און איר וועט אָנקניפּן אײַער געדאַנק מיטן גרויסן כלל. איר וועט זיך דערפילן גאָר אַן אַנדערער. זאָגט דאָס מיר צו, יונגערמאַן! אַ שאָד אײַער לעבן.

דער אַלטער האָט אים לאַנג און פעסט געהאַלטן בײַ דער האַנט און געקוקט אים אין די אויגן אַרײַן.

— ווער ווייסט, איך וועל עס אפשר פּרובירן. סײַ ווי סײַ איז מיר אַלץ אײנס, — האָט מירקין געזאָגט.

— מיט דעם פערד וועט איר נישט פארפארן אויפן גרויסן טראקט. ניין, נישט פרובירן, נאר אויף זיכער גיין. און נישט „אלין איינס". עס איז נאר דא איין דרך: די, וואס דערהויבן מיט זייער געדאנק די וועלט, און די, וואס ווארפן זי. די, וואס באהעפטן זיך מיטן איבעריקן לעבן, אדער די, וואס ווערן פארפאלן אין זייער אייגענעם קלײנעם טויט. איר האט מיך פארשטאנען?

— יא.

— זאגט איר מיר צו?

— איך זאג אייך צו.

דער אלטער האט אפגעלאזט מירקינס האנט.

— און דאס, וואס איר מיינט, אז דער יושר איז פארשידן, דאס איז נאר דער קליינער יושר, דער מענטשלעכער. דער גרויסער יושר, דער אייביקער, שטאמט פון איין מקור, מעג ער נאך אויסקוקן ווי פארשידן, און ער איז דער מקור החיים, דאס ליכט, וואס פירט צום גרויסן טראקט.

— ווייל איז צו די, וואס גלויבן.

— אן ספקות איז קיין אמונה נישטא, ווי אן פינצטערניש איז נישטא קיין ליכט. זאל אייך נישט ארן, וואס איר האט א מינוט געצווייפלט. עס וועט נאר פארשטארקן אייער אמונה, — האט דער אלטער ארויפגעלייגט זיין האנט אויף מירקינס אקסל, איידער ער האט זיך דערווייטערט פון אים.

מירקין האט אים א ווײלע נאכגעקוקט, און ער האט געהאט דאס געפיל, אז דער אלטער איז איינגעהילט אין ווייסע קליידער. אין ווייסן גייט ער איבער די גאסן פון פעטערבורג. ער האט זיך געוווּנדערט, פאר וואס דער אלטער רופט נישט ארויס קיין אויפמערקזאמקייט.

עס איז געווען דאס קראנקע טאג־ליכט, וואס האט זיך געגאסן פון אן אויסגעבלאסטן הימל — די ווייסע נעכט האבן זיך אנגעהויבן.

קאַפּיטל 14

אין אַ מוטערס אַ האַנט

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מירקין געקאָנט ברענגען דער מוטער פון יידישן סאָלדאַט, אסתר־האָדעל גרינשפּאַן, פון דאָמבראָווע, די פריי־לעכע בשורה, אַז דער צאַר האָט באַגנעדיקט איר זון. נישט נאָר געשאָנ־קען אים זיין שווערע שטראָף, נאָר אינגאַנצן באַפרייט אים פון זעלנע־רישן דינסט, אויף זיין גאַנץ לעבן.

ווי דער סענאַטאָר אַקימאָוו האָט דאָס איבערגעגעבן זיין פאָטער, האָט זיך דער צאַר צאַקע צעוויינט, אויסהערנדיק דעם ראַפּאָרט וועגן דעם יידישן סאָלדאַט. „זיין האַרץ איז אַזוי גערירט געוואָרן, — האָט אַקימאָוו איבערגעגעבן, — אַז ער האָט צוגעלייגט זיין האַנט צום צייכן פון דער „שוואַרצער מאַה", וועלכן דער צאַר האָט שטענדיק געטראָגן, און געזאָגט: „כאָטש אַ „זשיד", אָבער פאָרט אַ גלויביקער מענטש".

און ווי אַקימאָוו האָט איבערגעגעבן, האָט איבערהויפּט דער יידי־שער סאָלדאַט געהאַט גרויסע פּראָטעקציע אין הויף אויך פון אַנדערע זייטן, און דאָס זייער איינפלוסרייכע פּערזאָנען האָבן זיך אויך געמיט וועגן דעם סאָלדאַט און זענען געווען באַזאָרגט וועגן זיין גורל.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם זעלבן טאָג וואָס מען האָט איר זון באַפרייט האָט מען די מוטער, די פרומע יידענע, אַרעסטירט. די סבה דערפון איז געווען פאָלגענדע: אסתר־האָדעל האָט געהאַט אַ סגולה פון איר רבין פון דער היים, אַז בשעת מען וועט פאַר־ברענגען פאַרן משפט איר זונס עסק, זאָל זי דריי מאָל אַרומגיין דאָס הויז פון בית־דין און זאָגן גרויסע פּסוקים תהילים. די „קוואַסנעצאָוואַ", וועלכע זי האָט אַריינגעצויגן אין איר סוד, האָט זי אַליין, צוליב אירע רעליגיעזע געפילן, אַהינגעפירט צום ווינטער־פּאַלאַץ, מיינענדיק אַז איר זונס עסק ווערט דאָרט פאַרגעבראַכט — און אָנגעוויזן דאָס הויז. די געהיים־אַגענטן, וואָס האָבן באַוואַכט דעם פּאַלאַץ, זענען אויפמערק־זאַם געוואָרן אויף דער פאַרדעכטיקער פּערזאָן אין ווייבערשע קליידער.

און אָננעמענדיק זי פאַר אַ פאַרשטעלטן געפערלעכן רעוואָלוציאָנער, וועלכער דרייט זיך אַרום פּאַלאַץ, — האָבן זיי די יידענע אַרעסטירט.

נאָך דעם באַרימטן אַדוואָקאַט איז נישט שווער געווען איבערצו־ציינן די פּאָליטישע פּאָליציי, אַז אסתר־האָדעל איז נישט קיין פאַר־שטעלטער מאַנספאַרשוין און אויך נישט קיין רעוואָלוציאָנער. און מיט דער „קוואַסנעצאָוואַס" הילף איז איר געלונגען זי צו באַפרייען פון „עטאַפּ", דורך וועלכן די פּאָליציי האָט זי געוואָלט צוריקשיקן אין איר געבורט־שטעטל.

אין אָוונט, ווען מען האָט באַפרייט אסתר־האָדלען פון קאָזע, — האָט מען אין דער „קוואַסנעצאָוואַס" וווינונג געפּראַוועט די באַפריי־אונג פון איר זון, און אויך מירקין האָט זיך דאָרט געפונען. מירקין איז שוין איצט געווען אַן אָפטער גאַסט ביי דער „קוואַסנעצאָווען" אויף דער וווינונג. ווי עס האָט זיך נאָך געמאַכט אַ געלעגנהייט, האָט ער זי באַזוכט, כדי צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון דעם אַלטן ר' ברוך און די פרוי הורוויץ, מיט וועלכע ער איז אַזוי באַפריינדעט גע־וואָרן לעצטנס. דאָרט, ביי דער „קוואַסנעצאָווען" אויף דער וווינונג, האָט ער פאַרגעסן אָן זיין צושטאַנד, אָן אַלע ריסן פון זיין נשמה — און געפילט זיך ווידער געהיילט און גאַנץ. עס איז געווען אַן אַנטלויפן פון זיך אַליין; וואָרים דאָרט, אויף דער וווינונג, האָט ער זיך געפילט היימיש און גוט — אַזוי ווי ער וואָלט אַ גאַנץ אַנדערער מענטש גע־ווען און צו אַ גאַנץ אַנדערער וועלט באַלאַנגט.

היינט האָט ער געהאַט אַ באַזונדערע אורזאַך צו באַזוכן די וווי־נונג פון דער „קוואַסנעצאָווען". צוזאַמען מיט אסתר־האָדלען האָט זיך אויך געקליבן אהיימצופאָרן פרוי הורוויץ. זי האָט גאָרנישט געקאָנט אויסגעפינען וועגן איר זונס גורל, זיין עסק איז פאַררוקט געוואָרן אויפן האַרבסט. זי האָט אפילו נישט געוווסט, אין וועלכער שטאָט ער גע־פינט זיך אין טורמע, צי אין פעטערבורג, צי ערגעץ אַנדערש־ווו. דער עסק האָט געהאַלטן נאָך אין אויסגעפאָרשט ווערן, און איר איז פאַר־מיאוסט געוואָרן צו זיצן מיט „לייטיקע הענט" און וואַרטן אין פּעט־טערבורג, אין דער צייט ווען „אירע קינדער" קאָנען זיך אָן איר קיין עצה נישט געבן אינדערהיים.

זאַכאַרי האָט זי געטראָפן דעם אָוונט אָנגעטון אין אַ בלוי גע־

בלימלט היימיש ציצן קלייד (עס איז שוין געווען ווארים אין פּעטער־בורג), נישט ביי איר פּראָוויזאָריש קיכל, אָדער קאָמאַנדעוועָנדיק ביים טיש, נאָר אין אַ ווינקל פון שטוב, אָנגעלעגט איר שטאַרקן אויסמאָדע־לירטן קאָפּ אויף אירע נאַקעטע אַרויפגעשטאַרצטע הענט, אַ פאַרזאָרג־טע און אַ טרויעריקע. פון איין זייט — דער אומבאַוווּסטער גורל פון איר זון, וועלכן זי פאַרלאָזט איצט צו זיין אייגן מזל; פון דער צווייטער זייט — די קנאה, וואָס זי האָט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע איינוווי־נער פון דער „קוואַסנעצאָוואַס" וווינונג געהאַט צו דער יידענע, וועלכע עס איז געלונגען איר קינד צו באַפרייען. אירע באַקן האָבן רויט גע־פלאַמט, אירע אויערן זענען רויט געווען, אין אירע אויגן איז געלעגן אַ חלבדיקער פייכטער גלאַנץ, וואָס האָט געשראָקן. עס איז געווען דאָס פּרימיטיווע געשריי, וואָס ליגט אין די אויגן פון יעדער זי־חיה, ביי וועלכער מ'רויבט אַוועק איר קינד. זי האָט זיך דאָס מאָל נישט אומגע־קוקט אויף מירקינען. זי האָט אים גאָרנישט באַמערקט — זי האָט קיי־נעם נישט געזען, זי איז געזעסן איינגעביסן מיט אירע ציין אויף אירע פליישיקע ליפּן, דער שטאַרקער, געשליפענער ביין פון איר קין־באַק האָט זיך באַוועגט דורך איר הויט, ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס געקייעט.

מירקין האָט געקוקט אויף איר. ער האָט מורא געהאַט צוצוגיין צו איר. דורך דער צייט, וואָס ער קומט אַרויף אין דער „קוואַסנעצאָ־וואַס" קוואַרטיר, האָט ער זיך צוגעוווינט צו דער פרוי. ער האָט ליב געהאַט צו הערן איר פעסטע, ענערגישע שטימע, צו באַאָבאַכטן אירע זיכערע באַוועגונגען און אפילו צו ווערן באַפוילן פון איר — צו פאַר־זוכן איר זופּ. עס האָט זיך געדאַכט, אַז איר קאָן מען נישט און מען טאָר נישט רעדן אַנטקעגן. נאָך קיינמאָל האָט ער זי נישט געזען אַזעלכע ווי היינט. שטענדיק אַ פרייליכע און אַ באַפעלנדיקע — איצט זיצט זי צום ערשטן מאָל פאַרלוירן, פאַרנומען מיט זיך אַליין. ער האָט דערשפּירט אַ טיף מיטגעפיל צו איר, און עס האָט אים געריררט איר מוטערלעכער וויי. ער האָט איר נישט געוואָלט שטערן — און ער האָט זי אויסגע־מיטן. אָבער צום סוף האָט זי אים דאָך באַמערקט, און פון איר ווייַ־נענדיק פנים געגעבן צו אים אַ ליכטיקן שמייכל.

מירקין האָט זיך דערנענטערט צו איר.

— פרוי הורוויץ, וואָס זיצט איר עפּעס אַזוי אַליין?

— וואָס זאָל איך, טאַנצן? — זאָגט זי אין אַ ביטערער גרימאַסע, זווישנדיק זיך איבער איר ליפּ, — איך לאָז אים, אַ יינגל, אַליין. ער איז דאָך נאָך אַ קינד. ווי אַלט איז ער — צוויי און צוואַנציק יאָר! אַליין נאָך אַ ציג געווען, ווען איך האָב אים געבוירן, קוים אַכצן יאָר אַלט געווען — לאָז איך אים איבער. איך ווייס, ווו איך לאָז אים איבער? וואָס עס טוט זיך מיט אים? ווו זיין געביין געפינט זיך?

— וואָס, איר פאָרט טאַקע אהיים?

— וואָס וועל איך זיצן דאָ? ווי קאָן איך דאָ זיצן? איבערגעלאָזט אַ שטוב מיט קינדער אינדערהיים, איינס קלענער פון אַנדערן. און היינט מיינע „קינדער”, וואָס ווייגען ביי אונדז! ווער וועט זיך אַרומקוקן אויף זיי? איך בין דאָ — און מיין קאָפּ איז דאָרט. איך האָב אפילו אַ טאָכטער — מוז זי, ערשטנס, דעם פאָטער העלפן אין דער שולע און, צווייטנס, שלעפּט זי זיך אַליין אַרום מיט פעקלעך אונטערן אָרעם. וועט זי אוודאי אויך אַ ליאַדע טאָג אַריינפאַלן.

אַ טרער האָט געגעבן אַ שפּראָץ אַרויס אויף איר אַן אויג. די פרוי האָט זיך פאַרשעמט אַ ווייַלע, געגעבן אַ וויש איבערן אויג פלינק מיטן טיכל, וואָס זי האָט פון איר בוזים אַרויסגענומען, און געגעבן אַ לאָך מירקינען אין פּנים אַריין:

— אַ נאַרישע ציג, זייט מיר מוחל. וואָס האָב איך צו וויינען? וואָס וועט מיר אַרויסקומען פון וויינען?

מירקין איז פאַר גערירטקייט בלייך געוואָרן. ער האָט אָנגענומען דער פרוים האַנט און געזאָגט:

— פרוי הורוויץ, וואָס קאָן איך טון פאַר אייך? זאָגט מיר, איך וועל אַלצדינג טון.

— וואָס קאָנט איר טון? — שמייכלט זי צו אים מיט פאַרווייַנטע אויגן. — גאָרנישט קאָנט איר טון. מיין זון קאָנט איר מיר נישט אַרויס־ראַטעווען; קיינער קאָן עס נישט. ער מוז זען וואָס ער קאָן טון פאַר זיך אַליין — דאָרט ווו ער איז. מיר זענען אָרימע מענטשן און קיין פּראָ־טעקציע האָבן מיר נישט — און ווילן נישט האָבן.

דאָן האָט זי זיך פלוצלינג אויסגעדרייט צו מירקינען און האָט אים אָנגעקוקט — ווי עס האָט זיך אויסגעדאַכט מירקינען — מיט פאַראַכ־טונג. אירע אויגן זענען שוין טרוקן געווען, קיין שפּור פון טרערן. נאָר

אַ ווילד פייער האָט געברענט אין זיי. אירע נאָזלעכער האָבן געציטערט, און אַרום איר מויל איז געלעגן אַ פאַרביטערטער, פאַראַכטנדיקער שמייכל, וואָס האָט געשניטן:

— מיינע קינדער זענען נישט, ווי איר דאָ, אַזעלכע איידעלע, וואָס ווען עס געשעט זיי עפּעס, ווערן זיי באַלד פאַרלוירן. זיי זענען געוווינט, אַז זיי האָבן זיך אונטערגענומען, ווייסן זיי, דאַרף מען גרייט זיין צו צאָלן. און איך האָב נישט קיין מורא פאַר זיי. עס וועט זיי גאָרנישט געשען. און אַז יאָ — איז אויך פאַרפאַלן. מיר זענען געוווינט דערצו. און מיר ווייסן ווויל, אַז די וואָס ווילן לעבן — מוזן קאָנען שטאַרבן, יעדן אויגנבליק גרייט זיין צו באַצאָלן מיטן טויט. אָט וואָס — איך האָב נישט קיין מורא.

נאָר עס האָבן נישט געהאָלפן אירע ווערטער. ווי להכעיס אירע ווערטער — זענען אירע אויגן ווידער באַגאָסן געוואָרן מיט גרויסע טרערן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצורינען איבער אירע באַקן און געבליבן הענגען אינמיטן.

מירקין האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן קיין ווייבערשע טרערן. עס האָט אים אויפגערעגט צו משוגעת. ער האָט זיך פאַרגעסן און אָנגעכאַפּט איר האַנט:

— פרוי הורוויץ, הערט אויף, איך בעט אייך. איך האָב געמיינט אַז איר זענט אַזאַ שטאַרקע.

— שטאַרקע אַהין, שטאַרקע אַהער — וואָס קאָן מען טון?

דאַן האָט זי מיט איר נאַקעטער האַנט גענומען מיט אַ געבייזער (ווי בייז אויף זיך אַליין) אַ וויש איבער אירע באַקן און האָט שוין געשמייכלט צו אים:

— זעט איר, אַזוי זענען ווייבער. איינס זאָגן זיי און אַ צווייטס — טוען זיי.

און ווידער האָט זי שוין אים גוט-מוטערלעך געקוקט אין פּנים אַריין און צוגעשמייכלט.

אין מירקינען זענען אַריין די ווערטער, וואָס די פרוי האָט געזאָגט וועגן „קאָנען שטאַרבן", און געשטאָכן ווי שפּיזן. „הייסט עס, אַז די וואָס קאָנען נישט שטאַרבן — קאָנען נישט לעבן. און איך בין איינער פון די".

נאָר פרוי הורוויץ האָט שוין באַמערקט די טרויעריקייט, וואָס האָט

זיך גענייגט אויף אים. זי האָט אַלץ באַמערקט, און זי רופט זיך אָן צו אים מיט אַנטייל:

— פאַרוואָס זענט איר דאָס מיט איין מאָל אַזוי טרויעריק געוואָרן? האָבן דאָס אויף אייך מיינע ווערטער אַזוי געווירקט? אַזוי, זעט איר, איז אַ יידענע.

מירקין האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— נישט דאָס, נאָר איך האָב געקלערט וועגן דעם, וואָס איר האָט געזאָגט. יאָ, איר האָט רעכט: די קאָנען נאָר לעבן, וואָס קאָנען שטאַרבן; אָבער די, וואָס קאָנען נישט שטאַרבן, — קאָנען נישט לעבן און נישט שטאַרבן.

עס איז עפּעס געווען, ווי פרוי הורוויץ וואָלט אים פאַרשטאַנען, און דאָס איז געווען צוליב דעם טאָן, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט די ווערטער.

— קאָנען שטאַרבן! יאָ, פאַר עפּעס, נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. נישט די קאָנען שטאַרבן, וואָס וואַרפן אַזוי לייכט אַוועק זייער לעבן, ווייל עס געפעלט זיי עפּעס נישט, נאָר ווען מען קאָן עפּעס נוצן ברענגען מיט דעם אַוועקגעבן דאָס לעבן פאַר אַ גרויסער זאַך. דאָס רוף איך אָן קאָנען שטאַרבן.

— און פאַרוואָס פאַר אַ גרויסער זאַך?

— אָ, עס זענען דאָ זאַכן אויף דער וועלט, פאַר וועלכע עס לוינט זיך אַוועקצוגעבן דאָס לעבן, גלויבט מיר.

— איר מיינט אַזוי?

— נישט איך מיין, נאָר איך וויים עס. קומט נאָר אַריבער צו פאָרן, וועט איר שוין אַליין געוווירן.

מירקין האָט זיך פאַרקלערט.

— און נאָך אַלעמען איז עס וואונדערלעך, וואָס אַזאַ יונגערמאַן ווי איר, אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי פּעטערבורג, נעמט זיך צייט און מי אַוועקצוזעצן זיך מיט אַן אַלטער יידענע, — זאָגט זי צו אים מיט דאַנק אין די אויגן.

מירקין איז רויט געוואָרן.

— מיט אַן אַלטער יידענע. עס טוט מיר פאַרגעניגן. איך האָב ליב צו הערן, וואָס איר דערציילט, צו הערן אייך רעדן פון אייער היים, —

און ווידער, לייגט ער צו מיט אַ שמייכל: — איר זענט גאָרנישט אַזוי אַלט, פרוי הורוויץ.

— איר וואָלט געקאָנט מיין זון זיין, און איר ווייסט וואָס? איר זענט אַביסל ענלעך צו אים, נאָר איר טראָגט אַ שוואַרץ בערדל, און ער — בלויז נאָר שוואַרצע וואָנסעלעך.

— אויב אַזוי וועל איך מיר אויך לאָזן דאָס בערדל אָרומשניידן, וועל איך אינגאַנצן ענלעך זיין צו אייער זון, — שמייכלט זאַכאַרי.

— וואָס איז דאָס פאַר אייך אַזוי וויכטיק? — פרעגט זי, רויט ווערנדיק.

— אפשר איז עס פאַר מיר יאָ וויכטיק, — און ער האָט אָפּגע־האַקט.

זי האָט אויך געשוויגן.

— פרוי הורוויץ, — רופט זיך פּלוצלינג מירקין אָן, — איר מיינט, עס וועט זיך געפונען דאָרט אַרבעט ביי אייך פאַר מיר? — איך האָב זיך איבערלייגט. איך גלויב, אַז — איך וועל אייך פאָלגן.

— וואָס, איר מיינט עס מיט אַן אמת? גייט שוין גייט, אַנישט וועט איר דען פאַרלאָזן פּעטערבורג און אייער רייך הויז?

— פאַרוואָס נישט? איך זאָג אייך יאָ, איך וועל עס פאַרלאָזן, איך מיין עס גאַנץ ערנסט. דענקט איר, אַז איך קאָן עפּעס דאָרט ביי אייך נוצן ברענגען? פרוי הורוויץ, זאָגט מיר?

עס איז געוועזן זיין ערנסטער און בעטנדיקער טאָן, וואָס האָט זי גערירט.

— נוצן ברענגען קאָנט איר געוויס. איר זענט אַ געבילדעטער מענטש, און ביי אונדז דאַרף מען אַזוי נייטיק אַזעלכע מענטשן. אָבער וואָס רעדט איר? איר זענט אַ רייכער יונגערמאַן מיט אַ רייך לעבן פאַר זיך. וואָס וועט איר טון דאָרט ביי אונדז? מיר זענען אָרים, מיט אייערס גלייכן קומען מיר זיך נישט צוזאַמען, און מיר לעבן זייער ענג. ווי אַזוי וועט איר זיך געפינען ביי אונדז? איר וועט נאָר האָבן בלויז צרות. — און דאָן רעכנט איר צו טון? איז דען דאָס אַ לעבן פאַר אייך?

— דווקא דאָס וויל איך, איך מוז. דאָס אַנדערע איז מיר פאַר־מיאוסט. איך וויל אַוועק פון דעם אַנדערן לעבן. איך מוז אַוועק, איך מוז אָפּשניידן. איך האָב נישט קיין אַנדערע עצה. דאָס איז מיין איינציקע

רעטונג — אַז נישט בלייבט...

נאָר מירקין האָט נישט געענדיקט דעם זאַץ. ער איז געבליבן שטעקן אין מיטן. פרוי הורוויץ האָט אים אָנגעקוקט מיט מיטגעפיל. מירקין איז גערירט געוואָרן פון איר בליק. עס האָט זיך אים גערדאַכט, אַז אַזוי מוז זי קוקן אויף אירם אַ קינד. זי האָט אים אָנגערירט מיט איר האַנט, און מירקין האָט דערפילט אַ ציטערנדיקע וואַרימקייט, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך זיין לייב.

— אַז איר ווילט נאָר — מיר וועלן אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. מיין מאַן וועט זיך זייער פרייען מיט אייך. איר וועט אים זייער גוט צונויץ קומען צו לערנען רוסיש אין אונדזער שולע, לעקציעס צו געבן די יונגעלייט, מיין טאָכטער ארויסצוהעלפן, איר קאָנט פּראַקטיצירן ביי אונדז אייער פּראָפעסיע. אדרבא — וועלן מיר האָבן אַן אייגענעם מענטש אַן אדוואָקאַט.

— מיינט איר, אַז איך קאָן נוצן ברענגען? אַז איך קאָן וועמען מיט עפּעס העלפן?

— וואָס רעדט איר? איר הייבט דאָך ערשט אָן; איר האָט דאָך נאָך אַ גאַנץ לעבן פאַר זיך; איר זענט דאָך נאָך אַ קינד. אַזאַ יונגערמאַן, אַן עין־הרע, אַ געזונטער, אַ געבילדעטער. וואָס פעלט אייך? קומט צו אונדז אריבער. מיין מאַן וועט שוין אויסגעפינען פאַר אייך ארבעט, אויב איר ווילט נאָך עפּעס טון, און אפשר וועלן מיר אויסזוכן פאַר אייך אַ כלה אויך.

מירקין איז רויט געוואָרן.

— וואָס האָט איר זיך פאַרשעמט? איר זענט שוין אַ בחור אין די יאָרן. שאַ, איך האָב דאָך גאָר געהערט, אַז איר זענט שוין, דאַכט זיך, אַ חתן מיטן אדוואָקאַטס טאָכטער. ווי וועט דאָס זיין?

מירקין איז בלייך געוואָרן און דערשטוינט.

— אָ, דאָס מיינט איר, — זאָגט ער פאַרלעגן. — פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן. עס וועט גאָרנישט ווערן. (ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער קאָן אַזוי לייכט דאָס וואָרט ארויסברענגען, וואָס האָט זיך אים אויסגעדאַכט ערשט פאַר אַ מינוט — פאַר אוממעגלעך. און מיט דעם, וואָס ער האָט דאָס פּוז מויל ארויסגעבראַכט, איז ער אין זיין גאַנצן מהות זיכער געוואָרן, אַז ער וועט עס טון — און ווי אמשנעלסטן.)

די פרוי איז אויך אין פאַרלעגנהייט געבליבן, און כדי זיך אַרויס־צוקריגן פון דעם, פרעגט זי:

— און ווען רעכנט איר דאָס צו אונדז אַריבערצוקומען?

— גאָר אין קורצן, גאָר אין קורצן.

— און אַז איר וועט קומען, לאָזט פון אייך וויסן, אונדזער אַדרעס האָט איר דאָך — אויף נאָוואָליפּיע, צו הורוויצן דעם לערער. אַלע וועלן אייך זאָגן, ווער דאָס איז.

מירקין האָט זיך אויפגעהויבן.

— ווען פאָרט איר? איר וועט מיר דערלויבן אייך צו באַגלייטן צו דער באַן?

— מ'דאַרף נישט, מיר זענען נישט געוווינט דערצו. אונדזערס איי־נע, אַז זי באַדאַרף פאָרן, — טרעפט זי דעם וועג אַליין.

מירקין האָט גענומען איר האַנט און האָט זי צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן.

— און מיט דעם באַדאַרפט איר אויך פאַרזיכטיק זיין. ביי אונדזערס איינער איז נישט שטענדיק די האַנט צוגעפּאַסט צום קושן — מער צום קאָכן, — לאַכט זי.

— דערפאַר איז זי מיר טויזנט מאָל ליבער. — און מירקין נעמט נאָך אַמאָל איר האַנט און קושט זי שטאַרק.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, — רופט זי זיך אָן, אַרויסבאַגלייטנדיק אים צו דער טיר, — אַז איר זענט נאָך גאָר אַ קינד, אַזאַ גרויסער, מיט אַזאַ שוואַרצער באָרד — און איר דאַרפט נאָך האָבן אַ מוטער. איך האָב נאָך נישט געזען אַזאַ מאַנספּאַרשוין, — און זי האָט אים אַ ווייכן גלעט געגעבן מיט איר וואַרימער, אויסגעאַרבעטער האַנט איבער זיין שוואַרץ בערדל.

אַז ער איז אַרויסגעקומען אין דרויסן, איז ער פאַרוווּנדערט גע־וואָרן פון דעם ליכט, וואָס האָט געשפּילט איבער פּעטערבורג.

קאַפּיטל 15

זיי געטרייסט!

די נאַכט איז געווען פאַרוואַנדלט אין אַ קראַנקן טאָג, און דאָס פערלדיקע ליכט — אין אַ קראַנקע שיין. מענטש און זאַך האָבן זיך באַוויגן ווי אונטער שלייערס. אַלץ איז געווען פאַרשטעלט: הויז, בוים, מענטש און פערד. ווי שדים וואָלטן אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן: שדים־מענטשן, שדים־פערד, מיט אויסטערלישע, יענע־וועלטיקע אויסזעענס, מיט פּנימער ווי פון חלומות אַרויס, מיט שאָטן־פאַרשפּיצטע גר־פים, ווי קראַנקע אילוזיעס.

וואָס טוט זיך דאָ? די ערד איז קיין ערד נישט, אַלץ שוועבט און באַוועגט זיך און ציט זיך עלאַסטיש אויס, און נעמט אָן מאָדנע פאָרמען. עס שווימט און רירט זיך. די הייזער ציען זיך אויס, ווערן לענגער און דינער, דאָן־קיכאָטיש, און די מענטשן מיט לאַנגע, שפּיציקע קעפּ. און די שאָטנס פון די מענטשן האָבן זיך ענדלעך באַפרייט, אָפּגעריסן זיך פון זייערע זאַכן, און שפּאַצירן אַליין פאַר זיך אַרום, גייען, וווהין זיי ווילן, מישן זיך אויס מיט די לעבעדיקע מענטשן, און מען ווייסט נישט מער, וואָס עס איז אַ מענטש און וואָס עס איז אַ שאָטן...

און אַזוי ווי די ממשותדיקע זאַכן, אַזוי זענען די געדאַנקען און די געפילן. עס מישן זיך אויס צוזאַמען פאַרלאַנגען מיט רעאַליטעטן, חלומות און וואָרהאַפטיקייטן, און מען ווייסט נישט מער, וואָס עס איז אמת און וואָס עס זענען ווונטשן.

אין דעם געוועב פון פערלדיקע שאָטנס איז זאַכאַרי געגאַנגען — אַליין אַ שאָטן — און ער האָט נישט מער געוווסט, צי דאָס וואָס ער האָט איבערגעלעבט די לעצטע טעג זענען חלומות, אָדער וואָרהייטן.

געזאָגט האָט ער צו זיך: „מיין טאַטע־מאַמע האָב איך געפונען אויף דער קוואַרטיר פון דער „קוואַסנעצאָוועו". איז דאָס נישט קיין ווונדער?" וואָרום דער אַלטער ר' ברוך און די פרוי הורוויץ פון וואַרשע זענען אים פאַרגעקומען אַזוי נאָענט, ווי ער וואָלט זיי שוין דאָס גאַנצע לעבן געווען געקענט. דאָס גאַנצע לעבן זענען זיי געווען אַרום אים. ער האָט זיי נישט

געזען. ער האָט אפילו נישט געוווסט דערפון. און דאָך זענען זיי געווען, און זיי האָבן אים געהיט און דערהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג.

ער זעט זיך צוריק אין דער קאַלטער שטאָט, אין דעם ווייטן יעקאַטערינענבורג, אין אַ ווינטער ביינאַכט. אומהיימלעך רינגלט אַרום דער סיבירער פראָסט, אַרויסקומענדיק פון די וועלדער צו דער שטאָט און זייער הויז. ער איז אַליין. פאַרלוירן אין זיין גרויסן שטודיר־צימער. ער ליגט איינער אַליין אין זיין בעט און ער קוקט מיט אָפענע אויגן אין דער קאַלטער נאַכט אַריין. די מאַמאַטשקאַ איז נישטאָ. עמיצער זיצט ביים בעט. עס איז נישט זיין דערציערין. עס איז אַ נישט־זעבאַרע פיגור. איצט ווייסט ער, ווער דאָס איז געווען. דאָס איז, פאַרהוילן אין דער נאַכט, געזעסן ביי זיין בעט די פרוי הורוויץ פון וואַרשע, מיט אירע נאַקעטע, אַרויפגעשטאַרטשטע מוטער־הענט, ווי עמיצן צו באַשיצן, אָפּצוראַטעווען, ווי אַ צערייצטע חיה, ווי ער האָט זי היינט אָוונט געזען, מיט אירע גליענדע אויגן, און זי האָט איבער אים געוואַכט.

איז עס נישט נאַריש אַזוי צו קלערן? דאָס זענען דאָך קינדערשע אילוזיעס. אָבער דאָך זענען זיי גוט געווען, די קינדערשע אילוזיעס. און וועמען אַרט עס, וואָס אַ דערוואַקסענער מענטש גייט אין אַ ווייסער נאַכט איבער די פּעטערבורגער גאַסן, און טראַכט וואָס ער טראַכט?

וואָס איז לייבלעכע פאָטער־מוטער? אַ פיזישע סיבה. דאָס אַטאָמל, וואָס איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין לעבן אַריין, איז טאַקע די פאַראורזאַכערין פון אַלעם און פון גאַנצן, דער ערשטער כוח, וואָס האָט עס געשאַפן. אָבער דאָס אַטאָמל איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן און איינגעטונקט געוואָרן אין מבול פון לעבנס־עמפינדונגען, וואָס דער חי טראָגט. יעדע סעקונדע לעבן פון חי איז וואַקסן אין אַנדערע וועלטן אַריין. מעג דער חי טראָגן אין זיך די אַלע איינגעשאַפטן פון ערשטן אַטאָמל, אָבער ער באַשאַפט טויזנטע נייע איינגעשאַפטן פון מינוט צו מינוט אין זיין וואַקסן.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך מיט מיינע פיזישע פאָטער און מוטער, וואָס האָבן מיך געבוירן? מאַמאַטשקען האָב איך כמעט נישט געקענט. דאָס וואָס זי איז געווען פאַר מיר, האָב איך זיך אַליין געשאַפן, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — אַרויסגעוועבט פון מיין אייגענעם לעבנס־מוט, צונויפגעגאָסן זיך אַ געטראַנק צו אַ דורשט, וואָס איך האָב גע־

האט. אפשר אין לעבן, אין דערווירקלעכקייט, איז זי גאר עפעס אנ־דערש געווען, נישט מאמאטשקא. און מיין פאטער? ווען איך וואלט גע־האט די ברירה, וואלט איך דאך מיר געווען אויסגעקליבן דעם פאטער־מענטש, וואס וואלט געווען צוגעפאסט פאר מיין אידעאל, נישט צוגע־שמידט צו א פרעמדן קערפער דורך משפחה־שנורן. פאפאטשקא איז דאך מיר גאר אינגאנצן א פרעמדער, אן אומסימפאטישער, און וואלט ער נישט געווען מיין פאטער — וואס פאר א נאענטקייט וואלט איך געהאט מיט אים?

יעדער מענטש ווערט געבוירן אליין, ווי א שטיין. עס זענען נישטא קיין משפחה־אינסטינקטן, אן איינגערעדטע זאך. זי שטאמט פון ריין־מאטעריעלע אורזאכן, כדי צו פרעטענדירן אויף די אנגעקליבענע רייכ-טימער. עס לעבן פיל שטארקער אין אונדז די אבסטראקטע געזעלשאפט־אינסטינקטן, ווי משפחהדיקע. די נויט האט אין אונדז אנטוויקלט א באדערפעניש צו לעבן אין געזעלשאפטן, אין קיבוצים. די הערשער־לוסט אין אונדז, דער עגאאיסטישער פארלאנג פון איינהאלטן אנגעקליבנס — האט באשאפן דעם פאטריארכיזם. דער געזעלשאפטלעכער אינסטינקט וועקט אין אונדז דערהויבענע און אידעאלע טאטן — לערנט אונדז מקריב צו זיין זיך פארן כלל. פארקערט, דער פאמיליע־אינסטינקט מאכט אונדז ענגהארציק, שטארקט די אייגנליבע. דערפאר באדארף מען אים באקעמפן, אויסראטן, פונקט אזוי ווי מיר מיען זיך צו באקעמפן אין אונדז אנדערע שלעכטע מידות.

אבער אין אמתן זענען יא דא פאטער און מוטער. זיי לעבן ערגעץ־ווו איינגעווארצלט אין דער טיפעניש פון אומבאקאנטן, פארהוילענעם לעבן. אמאל באגעגנט זיך דער מענטש מיט זיין „פאטער און מוטער"; מערסטנס אבער נישט.

מירקינען דאכט זיך, אז דער אלטער ייד, וואס האט אים אזוי ווא־רים ביי דער האנט אנגענומען און גערעדט צו אים די ווערטער, וואס ער האט באדארפט; די פרוי הורוויץ, וואס האט אים צוריקגערופן אין לעבן אריין און באפוילן אים צו גיין ערגעץ מיט א שליחות, — אז זיי זענען זיינע ריכטיקע „פאטער און מוטער". דאס לעבן האט זיי דורך א צו־פאל אריינגעווארפן אין דער „קוואסנעצאוואס" ווינונג. אים איז בא־שערט געווען מיט זיי זיך צו טרעפן.

— עס איז דאָך ווירקלעך ווי אַ שפּאַס: מיין טאַטע־מאַמע האָב איך געפונען אויף דער ווינונג פון דער „קוואַסנעצאָווען”. אָבער ווער זענען זיי דאָס, זיינע נייע טאַטע-מאַמע, וואָס ער האָט געפונען? ווער זענען די איינוווינער פון דער „קוואַסנעצאָוואַס” ווינונג! זיי קומען פון אַ ווייטער, פאַרהוילענער וועלט, פון די טיפענישן פון יידישן תחום, וואָס ער קען נישט, און האָט קיינמאָל נישט געזען. פון דאָרט האָט זיך אַרויסגעצויגן דורך אַ צופאַל די שנור, וואָס בינדט אים צו צום לעבן.

— הייסט עס, אַז דאָרט באַלאַנג איך, דאָרט ליגט אָנגעגרייט פאַר מיר דער וועג, אויף וועלכן איך דאַרף גיין. עס וואַרטן אויף מיר די מעשים, וואָס איך האָב צו טון. עס ליגט דאָרט דער אינהאַלט פון מיינע טעג.

דורך אַ צופאַל, דורך אַ נאַרישן טעותדיקן צופאַל, בין איך געבוירן געוואָרן אין אַן אַנדער לעבן אַריין ביי אַנדערע „פאָטער און מוטער”, אין אַנדערע אומשטענדן. און איך דאַרף פאַרריכטן דעם טעות, וואָס די נאַטור האָט געמאַכט. פונקט אַזוי ווי מען פאַרריכט אַ פעלער, ווי מען שניידט אָפּ אַ הויקער. מען דאַרף פאַרריכטן די נאַטור.

דאָרט האָב איך שטענדיק באַלאַנגט, און עס איז געווען געווען אַן אַלטער ייד, וואָס זאָל מיך אָננעמען ביי דער האַנט, און אַ פרוי, וואָס זאָל אָנווייזן מיטן פינגער דעם וועג, און איך ווייס שוין, וואָס איך האָב צו טון.

עס איז מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן אויף די פּעטערבורגער גאַסן. ליכטיק, ווי ביי טאָג, נאָך מער ווי ביי טאָג. אַן אַנדער ליכט פון אַן אומבאַקאַנטער וועלט האָט באַהערשט די הייזער, די גאַס און די איינצלנע איינזאַמע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשלייכט אויף די גאַסן. אַ פּיאָלעטרויטלעך ליכט, וואָס די נאָרד-שיין האָט אַהער פאַרוואָרפן, איז אויף די גאַסן געווען פאַרשפּרייט. אין אָט דעם ליכט זענען זאַכן און מענטשן באַלויכטן געוואָרן מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שטייט אויפן ערשטן פּלאַן. עס האָט נישט געהערשט קיין פּערספּעקטיוו אין דער נאַטור, און קיין זאַך האָט נישט געהאַט קיין שאָטן. די שאָטנס זענען פאַרשוווּנדן, און עס האָט זיך בולט אויסגעשניטן, מיט דעם גאַנצן מהות, וואָג און מאָס, דער עצם פון יעדער זאַך. שאַרף און קאַנטיק האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון דער לופט די קאָנטורן, און אָפּגעשניטן יעדע זאַך

פאַר זיך אַליין. און פּונקט אַזוי ווי די וועלט איז באַלויכטן געוואָרן פון דרויסן, אַזוי איז דער געדאַנק און דאָס געפיל באַהעלט געוואָרן פון אינעווייניק. ווי שפּינוועבס פאַרוועבטע מטושטשדיקע מחשבות זענען איצט געשטאַנען קלאָר, בולט, איינגעוואָרצלט אויף שטענדיק.

אַלץ איז געוואָרן קלאָר און ליכטיק: זיין ביז איצטיק לעבן, זיין ראַנגלען זיך מיט זיין גורל — דאָס האָט זיך אַלץ אַרויסגעאַרבעט פון אַ טעות, אין וועלכן ער איז, אָן זיין שולד, פאַרוועבט געוואָרן. און איצט שטייט ער אַ באַפרייטער. גאָרנישט איז פאַר אים און נאָך אים, נאָר ער אַליין. אַלץ איז ריכטיק, אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין, און ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז געווען אַזוי. און מער פון אַלע זיינע מעשים איז אים קלאָר געוואָרן זיין פּחדנות.

עס איז נישט געווען קיין נידעריקע פּחדנות, דאָס ראַנגלען זיך מיטן טויט. עס איז געווען אַ קלאָרע, מעכטיקע גבורהשאַפט, אַ קראַפט, וואָס האָט באַזיגט דעם טויט. אַ געראַנגל מיט אַ פינצטערן שאָטן. איצט פאַרשטייט ער אַלץ. ער האָט באַזיגט דעם נאַרישן, אומפּרוכטבאַרן, אומבאַרעכטיקטן טויט — פאַר אַ קלאָר, ליכטיק לעבן, — אַ לעבן, וואָס ליגט דאָרטן, אויף יענער זייט, ווייט אַוועק פון נאָרד-ליכט, אַ לעבן נאָך נישט קיין גענאָסנס.

אין דער ליכטיקער נאַכט האָט ער געזען זיין וועג קלאָר פאַר זיך; ביים אָנהויב פון דעם וועג שטייט אַ פרוי. בולט און שאַרף זעט ער איר פיגור. אירע גלידער זענען ווי פורמדיקע פליישיקע רערן, געפּרעסט, אָנגעגאָסן מיט לעבנס-לוסט און גבורה, מיט חשק און ליבע. איר פליישיק לייב איז אַריינגעגאָסן אין אַן ענגער פאָרם פון אַ שוואַרץ קלייד. פון קלייד צאַפּלען אַרויס אירע נאַקעטע הענט, טוענדיק און שאַפנדיק. ער זעט זי ביי אַ גרויסער קיך, און זי האַלט אין אָנגיסן זופּ פאַר אַלע קינדער. און, ענדלעך, זענען די טעלער פול, זי האָט גענוג פאַר אַלעמען. און אַלע פאַרלאָזטע קומען צו איר. שטאַרק און ברייט איז איר ברוסט, די ברוסט פון דער מוטער, און ווייך, שאַרף-קאַנטיק שניידט זיך אויס איר פּנים. די געשליפענע קינבאַקן זענען געווענדעט צו אים. אין אירע אויגן בלישטשען כעס און רחמנות-טרערן, מוטערלעך געוויין און ווייבערשע העלדישקייט. ווי אַ ווילדע פריער אויפן גורל פון איר זון, מיט דעם זעלבן לאַכנדיקן געוויין, קוקט זי איצט אויף אים, און זי רירט אָן מיט איר האַנט

זיין מיט אנגסט־באַלאַפּענעם שטערן, און זי זאָגט צו אים: „זיי גע־טרייסט!"

זיכער און באַשיצט פילט זיך דאָס קינד אונטער דער מוטערס ברוסט. אים קאָן שוין גאָרנישט געשען.

די נאַכט איז זאַכאַרי צום ערשטן מאָל איינגעשלאָפן. עס האָבן אים מער נישט געפּייניקט די קאָשמאַרישע נאַכט־חלומות. פון שלאָף אַרויס האָט זיין בלייך פּנים, איינגעראַמט אין שוואַרצן בערדל, געלויכטן זיך מיטן שמייכל פון געלייטערטקייט און געטרייסטקייט.

קאַפּיטל 16

אין אַ טעאַטער־לאָזשע

מיטן פרילינג איז אָנגעקומען קיין פּעטערבורג, ווי יעדעס יאָר, דאָס מאָסקווער קונסט־טעאַטער אויף גאַסטראָלן. אויף טשעכאָווס „קארשן־גאָרטן" האָט גבריאל חיימאָוויטש פאַרגעבריייט אַ לאָזשע, אין וועלכער ער האָט איינגעלאַדן די האַלפּערנס און די חתן־כלה פּאָר.

דאָס טעאַטער האָט זיך ממש געבראָכן. די גאַלעריעס און אַ האַל־בער פּאַרטער זענען געווען אָנגעפּילט פון אַ פּובליקום, וואָס איז געווען הונגעריק נאָך עמאָציעס. די סטודענטן, קורסיסטקעס, פּראָפעסיאָנעלע אָרימע אינטעליגענץ, וואָס האָבן מיט אומדערהערטער מי און מאַטער־ביש אַריינגעקראָגן זיך אין טעאַטער (אַ טייל פון זיי האָט געוואַרט צוואַנ־ציק שעה ביי דער קאַסע. אַנדערע האָבן זיך איינגעשאַפּט די בילעטן פּאַר פאַנטאַסטישע פּרייזן, וועלכע עס האָט זיי געקאָסט וואָכן און חדשים פון זייערע טעגלעכע באַקוועמלעכקייטן און אפשר אויך באַדערפענישן), זענען נאָך פאַר דער פאַרשטעלונג געוואָרן אַזוי אויפגערעגט און באַלעבט פון דערוואַרטונג, אַז עס איז זיי געווען אוממעגלעך איינצושטילן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער עולם דערוואַרט דאָ נישט קיין טעאַטער־פאַרשטע־לונג, נאָר אַ געשעעניש פון ערשטער וויכטיקייט, וועלכעס רירט אָן זיינע אינטימע אינטערעסן. די אויפרעגונג האָט אויך עלעקטריזירט דאָס מער

זאַטע און באַקוועם זיצנדיקע פּובליקום פון די ערשטע רייען און לאָזשען. אַלע זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, ביי אַלעמען האָט דער פּולס שנעלער געקלאַפּט, און אַלע זענען געווען ווי פאַרשלונגען אין דער־וואַרטונג פון עפּעס אויסטערלישעס.

אין גבריאל חיימאָוויטשעס לאָזשע איז מען נישט ווייניקער געווען אויפגערעגט פון דער אַלגעמיינער דערוואַרטונג, ווי אויף אַנדערע פּלע־צער. נאָר אין דער לאָזשע האָט מען נאָך געהאַט אַ באַזונדערע אורזאַך צו זיין אויפגערעגט. עס איז שוין איייניקע מינוט פאַר דער אויפהיי־בונג פון פאָרהאַנג, און דער יונגער מירקין האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַ־וויזן. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט געבן קיין קלאָרע דערקלערונג. און אַלע זענען געווען אין דערוואַרטונג אויף עפּעס, וואָס וועט געשען. דער יונגערמאַן איז פּשוט די לעצטע טעג פאַרשוווּנדן, און האָט זיך נישט באַ-וויזן ביי די האַלפּערנס. כאָטש מען איז געוווינט געווען צו זיין פירן זיך און מען האָט אַלץ צוגעשריבן צו זיין פלעגמאַטישער נאַטור, האָט אָבער זיין באַנעמען זיך די לעצטע טעג שטאַרק באַאומרואיקט אָלגאַ מי־כאַילאָוונען, און זיין היינטיק טאַקטלאָז פאַרשפּעטיקן זיך (נישט געקו־מען אפילו אָפּגעמען זיין כלה) האָט איר אָנגעזאָגט אַן אָנהייב פון אַ קאַטאַסטראָפע. אויסערלעך אָבער איז זי געווען מער רואיק פון אַלעמען: מער פון נינאָטשקען, וועלכע האָט דורך איר איבערגעטריבענער באַלע-בונג און אינטערעס אין דער פאָרשטעלונג אַרויסגעצייגט איר אומרואי־קייט; מער פון דעם פון כעם סקאַנדאַליעז רויט־געוואָרענעם גבריאל חיי־מאָוויטש; מער אפילו פון איר מאַן סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, וועלכער, פון גאָרנישט וויסנדיק, האָט נאַאיוו איייניקע מאָל געפרעגט: „פאַרוואָס זעט מען נישט זאַכאַרין?” זי, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, האָט מיט איר אומ־געצוווּנגענעם שמייכל, מיט אירע גלייכגילטיקע באַמערקונגען און לייכטע באַוועגונגען אַריינגעבראַכט באַרואיקונג אין דער קליינער געזעלשאַפט. אָפּענטפערנדיק אויף איר מאַנס פראַגע, „אַז, ווי שטענדיק, וועט זאַכאַר־יושקאַ אוודאי אָנקומען, ווען די פאָרשטעלונג וועט זיך אָנהייבן, און וועט נישט ווערן אַריינגעלאָזט פון די היטערס אין טעאַטער (ווי עס איז דער מנהג ביי די מאָסקווער, כדי נישט צו שטערן די שטימונג), ביז דער פאָרהאַנג וועט זיך אַראָפּלאָזן”.

כאָטש אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס רואיק פאַרהאַלטן זיך, און איר באַלעבט

געשפּרעך מיט גבריאל חיימאָוויטשן האָט געהאָלפן אויפצולייזן די שפּאַנונג, וואָס האָט ביי אַלעמען געהערשט, דאָך זענען אַלע צופרידן געווען, ווען עס איז פינצטער געוואָרן, און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן, אַז זיי זאָלן נישט באַדאַרפן איינער קוקן דעם אַנדערן אין פּנים אַריין.

אַלע זענען געוואָרן אַריינגעצויגן אין די האַנדלונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אויף דער בינע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער איינער פון די צוקוקערס האָט אויפגעגעבן זיין אייגן לעבן, און זיין אייגענע אומגעבונג, און איז אַריינגעצויגן געוואָרן דורך דעם היינטיקן אָוונט אין דער וועלט, אין דעם לעבן, וואָס טוט זיך אויף דער בינע. אויך אין דער לאַזשע ביי גבריאל חיימאָוויטשן האָבן אַלע צוקוקערס געמאַכט זיך, ווי זיי וואָלטן געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט דער האַנדלונג אויף דער בינע, כאָטש אין אמתן האָבן אַ טייל פון זיי באַנוצט די פאָרשטעלונג נאָר אַלס אַ פאָרהאַנג, הינטער וועלכן זיי קאָנען באַהאַלטן זייערע באַזאָרגטע גרימאַסן, און איבערגעבן זיך צו זייערע אייגענע געדאַנקען.

אַממיינסטן האָט אויסגענוצט דאָס טעאַטער-שפּיל נינאָטשקאַ. זי איז אין היינטיקן אָוונט זייער ווייט געווען פון אַ פרעמדער דראַמע. זי האָט דערפילט, אַז עפּעס וואַלקנט זיך אין דער לופט און ציט אָן פּאַר אַ שטורעם. און זי איז שוין געווען גערירט פון דעם עלעקטרישן שטראָם פון דעם אָנציענדיקן דונער. זי האָט זיך נישט געשראָקן דערפאַר. זי איז אויך נישט נייגיריק געווען דעריבער. עס האָט איר נאָר פּאַר עפּעס באַנג געטון.

צוערשט איז איר זאַכאַריושקאַ געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק, אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך איר געדוכט, אַז ער „אוכאַזשעוועט" נאָך איר. זי האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די פיל פון אירע פאַרערער, יונגעלייט, וואָס זי איז געוווינט געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיך באַוועגן אַרום איר, ווי בינען אַרום אַ בלום, מען זאָל איר קוקן אין די אויגן מיט גלוסטונג — מיט איין וואָרט, אַז מען זאָל אויסגיין נאָך איר. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך פאַרקנסט, איז איר זאַכאַריושקאַ אינטערעסאַנט געוואָרן דורך דער נייגיריקייט, אַז דאָס איז איר באַשערטער, מיט וועלכן זי וועט זיין אָפיציעל פאַרבונדן, און עס וועט איר אויסקומען צו לעבן מיט אים אין איין וווינונג, און אפשר נאָך אינטימער... אַז ער האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן, און נישט אַרויסגעוויזן קיין פיבערדיקן באַגער, ווי זי

איז געווינט געווען פון אַלעמען וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, האָט זי זיך געפילט באַליידיקט און געקרענקט. זי איז אָבער צופיל שטאָלץ געווען, נישט נאָר בלויז דאָס אַרויסצוווייזן, נאָר אפילו צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז זי פילט זיך דערפון געקרענקט. זאַכאַריושקאַ איז פאַר איר גאָרנישט מער געווען, ווי אַ צוקונפטיקער מאַן, מיט וועלכן מען האָט חתונה דער־פאַר, ווייל אַן אָנשטענדיק מיידל פון אַ גוט הויז מוז דאָך סוף כל סוף חתונה האָבן. און וואָס איז דער חילוק מיט וועמען? ער מיט זיין פלעג־מאַטישער נאַטור וועט נישט זיין אַזוי אויפדרינגלעך ווי אַנדערע, און זי האָט צוגענומען די אַלע אויפמערקזאַמקייטן פון אַלטן מירקין. ערשטנס, צוליב פאַמיליען־סענטימענט (זי האָט דורך דעם געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז די גאַנצע אַפערע מיט די מירקינס איז נישט קיין אינטים פאַרהעל־טעניש, נאָר אַ פאַמיליען־זאַך), און, צווייטנס, אַביסל צו שטילן איר גע־קרענקטע איינגליבע. עס איז געווען ווי אַ רייצן זיך מיט זאַכאַריושקען, מיט די היינטיקע יונגעלייט, וועלכע פאַרשטייען נישט צו זיין אַזוי ראָ־מאַנטיש און גאַלאַנט צו דאַמען, ווי דער אַלטער דור. נאָר זייט אַ געווי־סער צייט, זייט יענעם פרילינגס־אָוונט, פילט זי, אַז זי האָט זיך מיט אַן אמת פאַרליבט אין זאַכאַריושקען. זי זעט איין, אַז זי האָט אים נישט גע־קענט, נישט פאַרשטאַנען זיין שווייגן, זיין טיף איבערלעבן זאַכן. עס דאַכט זיך איר, אַז זי האָט מיט איר גערויש פאַרשריגן זיין שטילקייט. זי האָט מיט איר רעש פאַריאָגט אים, און זי האָט געבענקט נאָך אים.

זי האָט געבענקט נאָך זיינע וואַכיקע, רעדנדיקע בליקן און שטיל מויל. זי האָט געבענקט נאָך זיין סילועט, אַז ער זאָל זיצן ביי איר אין בודואַר, דאָרט אויפן פאָטעל, אין אַ ווינקל, מיט זיין בערדל־באַקראַנצט פנים, און זאָל מיט זיינע לעבעדיקע אויגן נאָכקוקן אירע באַוועגונגען. זי האָט געבענקט נאָך זיין שטראָף־בליק, און נאָך דעם, אַז זי זאָל ווי אַמאָל מורא האָבן פאַר אים.

זי האָט מיט איינמאָל דערפילט די פוסטקייט פון איר ביז איצטיק לעבן, פון דעם שרייענדיקן פעטערבורגער בולוואַר, פון אירע ביז איצ־טיקע חברים און פריינט. די אויסגעלאַסענע אָוונטן ביי סאָפיאַ אַרקאַד־יעווגען, דער רויך און שוויס פון איבערגעזעטיקטע מענער און פון ראַ־פינירט־דורשטיקע פרויען, וואָס זוכן צו שטילן אַ פאַרהילטן באַגער. גאָט, וואָס האָט זי צו טון צווישן זיי? ווי קומט זי צווישן זיי? זי האָט זיך

דערמאָנט אָן דעם קאַבאַרעט־פֿילאָזאָף, דעם טאַנץ־קריטיקער באָריס אַבראַמאָוויטש, וואָס זי האָט ביז איצט אַזוי גערן געהאַט. זי האָט שוין איצט דערפֿילט דעם ביליקן שאַנסאָנעט־פּערפֿום, און דעם אומאָנשטענדיקן געשמאַק, וואָס עס הערט זיך פֿון זיינע קלוגע לעבנס־רייד. — „גאָט, ווי האָב איך געקאָנט דאָס פֿאַרטראָגן, און פֿאַרברענגען מיט זיי! און נאָך אים אַריינפֿירן, און צוזאַמענברענגען מיט זיי, און דאָס באַלד אין אָנהייב פֿון אונדזער פֿאַרקנסן, ווען ער האָט אפשר געבענקט נאָך אינטימע שטילע איבערלעבענישן, נאָך פֿאַרחלומטע חתן־כּלהדיקע נשמה־פֿאַרבינדונגען. ער איז דאָך אַזאַ ריינער, אַזאַ אומבאַפֿלעקטער, אַזאַ נאַאיוו קינד. פֿאַרוואָס האָב איך אים נישט פֿאַרשטאַנען? פֿאַרוואָס האָב איך אים נישט אַרויסגעפֿילט באַלד פֿון דער ערשטער מינוט? ווו איז געווען מיין געפֿיל צו דערקענען מענטשן, וואָס איך רעד זיך אַזוי איין, אַז איך באַזיץ עס?

און איך האָב דאָך געבענקט נאָך חתן־כּלה־חלומות. כ׳האָב דאָך דאָס געוואָלט. פֿאַרוואָס האָב איך זיך געשעמט דערמיט? און דווקא זיך געוואָלט פֿאַרשטעלן פֿאַר עפּעס אַנדערש, ווי איך בין, און וואָס איך וויל זיין, ווי איך וואָלט שטענדיק געוואָלט אַ מאַסקע טראָגן, אויף שטאָלצן אַרומגיין, כּדי אויסצוווזען העכער, ווי איך בין אין דער אמתן״.

זי האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע פֿאַרשעמטע חתנדיקע נישט דערוועגנדיקע באַרירונגען, ווי ער האָט זי אַרומגענומען שליטנדיק זיך צוזאַמען איבער דער „ניעוואַ״ אין ווינטער־שניי. ווי ער האָט גנבהדיקערהייט אויפֿגעשנופֿט איר פּערפֿום־געשמאַק, אַ גלעט פֿון אירע האָר־לאָקן, אַ באַרירונג פֿון איר טאַליע. זי האָט אים דענסטמאָל אין זיך אויסגעלאַכט, זיין נישט דערוועגנדיקייט, און זיין חתן־באַנעמונג. „דאָס איז דאָך שיין. איך האָב דאָך דאָס געוואָלט. פֿאַרוואָס האָב איך זיך פֿאַרשטעלט? איך האָב אים פֿאַריאָגט פֿון מיר מיט מיין גערויש, מיט מיין קאַבאַרעט־רויך. איך האָב עס געטון אַליין״.

אַ פּייכטער גלאַנץ האָט איצט אַ בלאַסק געגעבן פֿון אירע אויגן אין טונקעלן אוידיטאָריום אַריין.

— און נאָך אַלעמען איז עס זיין שולד אויך. וואָס האָב איך געטון אַזעלכעס, וואָס עס איז מיר געקומען מיך צו האַלטן אין איין שטראָפֿן, אין איין משפּטן? מיט וואָס האָב איך באַרעכטיקט די אַלע פֿאַרדעכטי־

קונגען, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף מיר? איך האָב זיך געשפּילט, איך בין אַ נאַר געווען, קינדיש ווי ער, נאָר אויף אַן אַנדערן שטייגער. פאַרוואָס קומט מיך אַזוי צו שטראָפן, און זיך אַרומצוטראָגן מיט אַזעלכע געדאַנקען וועגן מיר?

זי האָט לעצטנס געזוכט אַ געלעגנהייט צו האָבן מיט אים אַן איניטים געשפּרעך און אַלץ אויפצוקלערן. זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אים קלאָר צו מאַכן, אַז זי איז נישט דאָס, וואָס ער מיינט, אַז זי איז. אַז די גאַנצע געזעלשאַפט מיט דער גרעפין, מיט דעם טאַנץ-קריטיקער, איז איר אַליין נמאס, און זי וויל אַ סוף מאַכן דערפון; אַז זי שטעלט זיך גאַנץ אַנדערש פאָר זייער צוקינפטיק לעבן, ווי ער מיינט. זי וויל דאָס זעלבע לעבן, וואָס ער. אַ שטיל באַשיידן לעבן, פאַרנומען אין אייגענעם גליק.

ער האָט איר נישט געגעבן קיין געלעגנהייט זיך אויסצורעדן, שטענדיק זי אויסגעמיטן. גענומען אויף זיך זייער פאַרקנסונג, ווי עפּעס אַ פּסק־דין, וואָס מען מוז אויספירן. זענען זיי צונויפגעקומען, איז ווידער געקומען דער באַליידיקטער שטאָלץ איבער זיין משפּטן, און האָט איר פאַרשנורט דאָס מויל און פאַרמאַכט דאָס האַרץ. און אָנשטאָט ווערטער, אויפריכטיקע ווערטער, אמתע, וואָס זענען נויטיק צו וויסן, זענען געקומען פאַרשטעלטע און פרעמדע, קאָמעדיאַנטישע.

— עס מוז אַן ענדע נעמען. ער מוז עס וויסן. באַלד, נאָך היינט — מיר מוזן זיך דורכרעדן. אַזוי ווייטער קאָן דאָך נישט זיין.

נאָר פאַרוואָס קומט ער נישט, פאַרוואָס שטראָפט ער מיך אַזוי? וואָס האָב איך אים געטון!

היינט מוז עס געשען, נאָך דער פאָרשטעלונג. פון היינט ביינאַכט אָן מוזן אונדזערע באַציאונגען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט באַלויכט ווערן, אָדער אָפּגעהאַקט. נאָר פאַרוואָס קומט ער נישט — גאָט, ווו איז ער?

אפשר האָט מאַמאָטשקאַ רעכט. ער דרייט זיך איצט אין די קאָרידאָרן אַרום, און וואַרט ביז דער פאָרהאַנג וועט זיך אַראָפּלאָזן.

ווי לאַנג ציט זיך דער אַקט היינט, עס מוז דאָך אַמאָל אַן ענדע נעמען!

ווען דער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעפאַלן, האָבן אַ נייע כוואַליע מענטשן, פאַרשפּעטיקטע, זיך אַריינגעלאָזט דורך די טירן און געזוכט זייערע ערטער. די פרייען זענען געווען צו שטאָלץ אַרומצוקוקן זיך, אויב זאַכאַר־

יושקא איז נישט צווישן זיי. די מענער האָבן אומגעדולדיק געוואַרט. נאָר אַז דער עולם האָט זיך איינגעשטילט, אַוועקגעזעצט זיך אויף די ערטער, און זאַכאַריושקא איז נישט געקומען, איז די שטימונג אין דער לאָזשע ביי אָלגאַ מיכאַילאָוונען געוואָרן פיינלעך.

קיינער האָט שוין נישט גערעדט, אפילו פאַר אָלגאַ מיכאַילאָוונען איז שוין שווער געווען אַ פּאַסיק וואָרט צו געפינען, און אירע באַמערקונגען איבער דער אויפפירונג פון ערשטן אַקט האָבן זיך נישט געקלעפּט, כאָטש אַלע האָבן צוגעשטימט צו זיי, מער מיט שאָקלען מיט די קעפּ, איידער מיט די מיילער.

נאָר גליקלעכערווייז איז די פּויזע נישט געווען קיין לאַנגע. דער פאָרהאַנג האָט זיך נאָר אַראָפּגעלאָזט, כדי דעם פאַרשפּעטיקטן עולם אין טעאַטער אַריינצולאָזן. באַלד האָט זיך ווידער די האַנדלונג אויף דער בינע אָנגעהויבן, און אַלע האָבן געקאָנט באַהאַלטן זייערע געדאַנקען אין דער טונקלקייט.

דער צווייטער אַקט פון דער פאָרשטעלונג איז געוואָרן אַזוי רעאַליסטיש פאָרגעשטעלט, אַז עס האָט זיך ווירקלעך געדאַכט, אַז מען געפינט זיך אינמיטן זומער אויף די פרייע בליענדע לאַנקעס, וואָס די סצענע האָט פאָרגעשטעלט. פון דער בינע האָט זיך געטראָגן דער געשמאַק פון געשניטן היי. עס האָט זיך געהערט דאָס קוויטשען און שושקען פון פאַרשידענע פויגלען, און עס האָט זיך געגלוסט, צוזאַמען מיט די העלדן פון דער דראַמע, אַראָפּצוואַרפן פון זיך די קליידער און צו גיין זיך אויסבאָדן. נישט צו קאָנען זיך דערקלערן פאַרוואָס — האָט די סצענע אַזוי געווירקט אויף נינאָטשקען, אַז עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט זען קיין זומער, שמעקן אָפּגעשניטן היי אויף די פרייע בליענדע לאָנקעס. אירע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן. פון מיען זיך צוריקצוהאַלטן איר וויינען, האָט זי באַקומען אַ קאָפּ־ווייטיק. נאָך דער ענדע פון צווייטן אַקט, האָט זי געמוזט פאַרלאָזן דאָס טעאַטער און אַהיימפאָרן, וואָס זי האָט געטון אין איר מוטערס באַגלייטונג. זיי האָבן אין דער לאָזשע איבערגעלאָזט די מענער וואַרטן אַלץ אויף דעם פעלנדיקן זאַכאַרין.

קאַפּיטל 17

מוטער און טאָכטער

אינדערהיים האָט שוין געוואַרט פאַר נינאָטשקען אַ בריוו.

זי איז גלייך געוואָרן ביים אָנבליק. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט עס אָנטרעפן און האָט אויך געוווּסט דעם אינהאַלט. זי האָט זיך צוגע־שלאָסן אין צימער, מיט ציטערנדיקע הענט אויפגעריסן דעם קאָנווערט און זי האָט געלעזן אַזוי:

„עס איז עפּעס וואָס געשען, וואָס מאַכט מיך פילן, אַז איך האָב נישט קיין רעכט צוצורירן זיך צו אַ ריין וועזן, וואָס איך האָב געהאַלטן אין מיין נידעריקן געדאַנק אין איין משפּטן — דורך דעם דערלויבט מיר צו דערווייטערן זיך פון אייך. איך בעט אייך, זייט מוחל אַ שוואַכן, וואָס האָט נישט געפונען קיין קראַפט אויף אַן אַנדערן וועג אייך צו באַ־פרייען פון אַ באַלעסטיקנד פאַרהעלטעניש".

זי האָט דורכגעוואָרפן איר בליק איבער דער קליינער, כמעט גע־טאַקטער מירקינס האַנטשריפט. איר ערשטער איינדרוק איז געווען: אַ ליגן, ער זאָגט ליגן פון אָנהייב ביזן סוף... דאָס נעמט ער אויף זיך אַ שולד, וואָס ער שרייבט אַוודאי איר צו אין זיין געדאַנק, און עס האָט זי אַרומגענומען אַן עקל און אַ כעס איבער זיין היפּאָקריטישקייט און איבער זיין פאַרשטעלטקייט.

— פאַרוואָס האָט ער קיין מוט נישט אָפן צו זאָגן דאָס, וואָס ער דענקט וועגן מיר? נאָר צוצושרייבן זיך נישט געפלויגענע און נישט גע-שטויגענע מעשים?

נאָך אַלעמען איז עס אַ יידישע געמיינהייט, און זי האָט מיט עקל אָוועקגעוואָרפן דאָס בריוו, ווי עס וואָלט איר ווייטער מער נישט אָנ־געגאַנגען — אינערלעך צופרידן, וואָס עס איז שוין איינמאָל פאַר אַלע-מאָל אַן ענדע געוואָרן.

זי האָט אפילו נישט געפונען פאַר נויטיק באַלד אַריינצוגיין צו דער

מוטער און איר מיטטיילן דערפון, כאָטש זי האָט געפילט, אַז די מוטער־וואָרט דאָרט מיט אומרואיקייט.

עס איז איר געווען גלייכגילטיק.

מער אויס נייגיריקייט ווי אויס אינערלעכן אינטערעס, האָט זי נאָך אַמאָל אויפגעהויבן דאָס בריוול, און אַ צווייט מאָל איבערגעלעזן.

דאָס מאָל האָט זי עפּעס געפילט, און זי איז בלייך געוואָרן.

— דאָס איז נישט דער וועג פון זאַכאַריושקען, זיך אַזוי צו דער־נידעריקן, עס האָט עפּעס מיט אים געמוזט געשען.

„איך בעט אייך, זייט מוחל אַ שוואַכן, וואָס האָט נישט געפונען קיין קראַפט אויף אַן אַנדערן וועג אייך צו באַפרייען פון דעם פאַרהעל־טעניש". — וואָס מיינט ער „אויף אַן אַנדערן וועג", און פאַרוואָס?

אין איר זכרון איז דורכגעלאָפן דאָס בילד פון זאַכאַריושקען ביי זייער לעצטן טרעפן זיך.

— וואָס איז עס געשען מיט אים? פון וואַנען די ענדערונג?

און ווי עפּעס וואָלט איר אַנטפּלעקט געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן אַרויסצולויפן פון איר צימער אין דער מוטערס אַריין און גערופן מיט אַן אוממענטשלעך קול איבערן וועג:

— מאַמע, מאַמע, מאַמע!

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ — ווי זי וואָלט זיך געווען געריכט אויף דעם געשריי — איז איר געקומען אַנטקעגן, דאָס מאָל נישט מיט איר גע־וועגלעכער מאַיעסטעטישער רואיקייט, ווי איר קאָן גאָרנישט געשען, נאָר אַ בלייכע ווי די וואַנט, מיט אונטערגעהאַקטע קני.

אין איר דערשראָקן פּנים אַריין האָט די טאָכטער געהאַלטן אויס־געשטרעקט דאָס בריוול און גערופן:

— זאָג, וואָס איז געשען מיט זאַכאַריושקען?

מער אויס געוווינהייט איינצוהאַלטן איר גלייכגעוויכט און רואי־קייט ביי אַלע אופנים, איידער אויס אינערלעכער רואיקייט, האָט זיך אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ אָנגערופן:

— וואָס שרייסטו? וואָס ביסטו פון זינען אַראָפּ? און ווער ווייסט, וואָס עס איז געשען מיט דעם זאַכאַריושקען?

זי איז פלינק דורכגעלאָפן מיט איר בליק דאָס בריוול, דאַן האָט זי אויסגערופן מיט עפּעס אַ ביטערן, אומדערקלערלעכן כעס, וואָס די

טאָכטער האָט קיינמאָל נאָך נישט באַמערקט ביי איר מוטער:

— דאָס קאָן נישט זיין! ניין, ניין, ניין.

— פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס קאָן עס נישט זיין? — האָט די טאָכטער אָנגעכאַפּט די מוטער ביי דער האַנט, און ווי דורך דעם וואָרט וואָלט זי געוואָלט עפּעס פאָדערן פון איר אַן אַנדערע זאַך, האָט זי גע־האַלטן אין איין שרייען:

— פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס קאָן עס נישט זיין? זאָג, זאָג, זאָג!

אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ האָט געקעמפט איינצוהאַלטן איר גלייכגעוויכט און עס איז איר געלונגען; זי האָט עס דערקלערט מיט אַ פייערדיקן מו־טערלעכן אויסברוך:

— וואָס מיינט ער, וואָס? איצט אַזוי גאָענט פאַר דער חתונה. ווען אַלץ איז שוין גרייט, די גאַנצע שטאָט ווייסט דערפון, וועלן מיר זיך לאָזן בלאַמירן און אָננעמען זיין היפּאָקריטיש שרייבן פאַר אַן אמת? דו זעסט דאָך, אַז עס איז היפּאָקריטיש.

— ניין, דאָס איז אמת, אמת, אמת! — שרייט די טאָכטער.

— וואָס שרייסטו, וואָס? די דינערשאַפט וועט זיך צונויפקומען. וואָס איז אמת?

— אַז עס איז עפּעס וואָס געשען מיט אים ערנסטעס און פאַטאַ־לעס. — און פלוצלינג האָט זי זיך געשטעלט אין דער מוטערס פּנים אַריין מיט טרערן אָנגעפילטע אויגן, ווי זי וואָלט פון איר עפּעס גע־פאָדערט:

— וואָס האָט מען געטון זאַכאַריושקען? דו זעסט דאָך, ער איז טויט. עס האָט אים ווער געטויט. וואָס האָט מען געטון מיט אים?

אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ איז בלייך געוואָרן. זי האָט געביסן איר ליפּ, נאָר אַן אינערלעכער אויפהאַלטונגס־אינסטינקט האָט געטון דאָס זייַ־ניקע, און וואָך־געהאַלטן איבער איר שכל און קלאָרקייט. זי האָט גע־קעמפט פאַר איר מוטערלעכקייט.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס פאַרהעלטעניש רירט דיך אַזוי טיף אָן. באַרואיק זיך, איך גלויב, אַז דאָס אַלץ איז אַ פאַטאַלער טעות, עס וועט זיך לאָזן נאָך אַלץ דערקלערן.

די טאָכטער האָט איצט אָנגעקוקט די מוטער. אין איר בליק איז עפּעס געלעגן פון אַ ווילד־געוואָרענער חיה, אַ פרעמדער בליאַסק, ווי אַ

גרינער שטראַל. די מוטער האָט זיך דערשראָקן.

— נינאָטשקאַ, איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט דיר, — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַנגסט־שרעק.

— דו ווייסט נישט? אָבער איך ווייס, איך ווייס שוין אַלץ!

מוטער און טאָכטער האָבן ביידע אַ ציטער געגעבן, ווי ביידע וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר דעם וואָרט. נינאַ האָט געכאַפּט אירע הענט און פאַרדעקט מיט זיי איר פּנים, ווי זי וואָלט עס נישט געוואָלט זען. נאָך דער דערהאַלטונגס־אינסטינקט האָט שוין ווידער געאַרבעט אין אָלגאַ מיכאַילאָוונען. זי איז געבליבן שטיין ווי אַ טויט־געוואָרענע סטאַטוע אין איר גאַנצער געהויבענער שטעלונג, קאַלט און שטייניק, און האָט אָנגעקוקט איר טאָכטער.

— נינאַ, דו ביסט קראַנק, איך באַדויער דיך. איך בעט דיך זיך צו פּאַסן. קיין לייד באַרעכטיקט נישט דיין באַנעמען. איך קאָן דיך פאַרשטיין און מיטלייד האָבן מיט דיר, און דיר מוחל זיין. דו ווייסט אָבער אַליין נישט, וואָס דו רעדסט. דו וועסט זיך שעמען שפּעטער. דאָס איז פאַרצווייפלונג.

נינאָטשקאַ האָט געשוויגן. די מוטער, בלייך ווי די וואַנט, האָט געקוקט אויף איר מיט פאַראַכטונג.

דאַן האָט זי געזאָגט מיט אַ געמילדערטער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געהערט רחמנותדיקע באַליידיקונג.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס פאַרהעלטעניש גייט דיך אַזוי טיף אָן. אויב אַזוי, וועט מען עס באַדאַרפן צוריקשטעלן. עס איז גאָרנישט ערנסטעס געשען, נאָר אוודאי קינדערשע חלומות און קענגזייטיקע אומצוטרויען. מ'וועט באַדאַרפן אַלץ אויפקלערן.

— ניין, ניין. נישט דאָס, נישט דאָס! — האָט נינאָטשקאַ ווילד געשריגן.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ איז ווידער בלייך געוואָרן.

— אין דעם צושטאַנד איז מיט דיר נישט צו רעדן. איך האָב מורא, אַז דו זאָלסט נישט זאָגן אַזעלכעס, פאַר וועלכן דו וועסט זיך באַדאַרפן שעמען. — און זי האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען פאַרלאָזן דאָס צימער מיט פעסטע, שטאָלץ־באַליידיקטע טריט.

***

אז דער קרענקלעך־אויסזעענדיקער סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש איז צו־ריקגעקומען פון טעאַטער, איז ער נאָך אין זיין פעלץ אַריינגעקומען צו לויפן צו זיין טאָכטער.

— וואָס איז געשען?

נינאָטשקאַ האָט אים נישט געענטפערט, נאָר איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט באַהאַלטן איר קאָפּ אין זיין אָפענעם פעלץ, און ערשט דענסטמאָל זענען געקומען די טרערן.

ער האָט רירנד, מיט זיינע ציטערנדיקע הענט, געטאַפּט איר קאָפּ, און גערופן מיט אַ פאַטעטישער שטימע, ווי זיין געוווינהייט איז געווען:

— מיין קינד, איך וועל פאָדערן דיין כבוד, פון וועמענס האַנט דאָס זאָל נישט זיין.

נינאָטשקאַ האָט אים איבערגעלאָזט אַ שטייענדיקן, און איז אַליין אַוועקגעגאַנגען אין איר שטוב אַריין זיך אויסוויינען.

קאַפּיטל 18

אויף דער פּרווו

— מיט וואָס דערקלערסטו דיין נעכטיק אויפפירן? עס איז דאָך נישט צו פאַרשטיין, סיידן דו ביסט פון זינען אַראָפּ, אָדער וואָס? ווו איז דיין דערציאונג? — האָט דער פאָטער אויפגענומען זיין זון זאַכאַ־ריין אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם פאַרלאָפענעם אָוונט אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט, אין ביורא, וווהין ער האָט אים אַרויסגעפאָדערט טעלעפאָניש.

גבריאל חיימאָוויטשעס פּנים האָט נאָך איצט געפלאַמט פאַר חרפּה, צי פאַר עפּעס אַנדערש. מען האָט אָנגעזען, אַז אין אים ברענט אַ כעס, וועלכן ער האַלט איין מיט אַלע זיינע כוחות, אַז ער זאָל נישט אויסברעכן אין אַ ווילד פייער. ער איז געזעסן אין זיין וואַקלענדיקער פאָטער־שטול און אויסגעבויגן זיך אויף הינטן, כמעט צו פאַלן. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם גרויסן מאַסיוון פּאַפּיר־שניידער, ווי קראַמפּהאַפטיק פעסט אָנגרייפנדיק אין אים. זיינע אויערן האָבן געפלאַמט, און זיינע

וואַסערדיקע אויגן־אַפּלען האָבן זיך הויך אַרויסגעהויבן פון דעם אויס־שניט.

פאַרקערט פון זיין פאָטער, איז דער זון געווען רואיק. ער איז גע־זעסן קעגנאיבער אים אויף אַן עק פון דער גרויסער לעדערנער פאָטער־שטול, וואָס איז געשטאַנען גרייט פאַר בכבודיקע באַזוכער, און זיין פּנים האָט כמעט אויסגעדריקט גלייכגילטיקייט, ווען נישט אַ קוים־אָנזעענדיק שמייכעלע איבער די שוואַרצע וואָנסעס זיינע אין זיין שוואַרץ בערדל אַריין — אַ שמייכל, וואָס האָט געקאָנט קומען פון אַן אינערלעכער צו־פרידנקייט און אויך פון אַ להכעיסדיקן טריאומף. ער האָט זיין פאָטער פשוט אָפּגעענטפערט:

עס איז נישט שווער צו דערקלערן. איך האָב באַשטימט אַן ענדע צו מאַכן פון דעם פאַרהעלטעניש, און איך מיין, אַז נינאַ סאַלאָמאָנאָוו־נאַ ווינטשט עס זייער.

— אַן ענדע צו מאַכן פון דעם פאַרהעלטעניש? — פרעגט דער פאָ־טער דערשטוינט.

— איך מיין פון דעם פאַרקנסן מיט נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, און איך האָב שוין געטון דעם נויטיקן שריט אויך.

— דעם נויטיקן שריט אויך, — האָט דער פאָטער מעכאַניש אי־בערגעחזרט זיינע ווערטער, — וועלכן נויטיקן שריט?

— איך האָב נעכטן דורך אַ בריוו געלאָזט וויסן נינאַ סאַלאָמאָנאָוו־נען, אַז איך באַפריי זי פון דעם פאַר איר באַלעסטיקנדיקן פאַרהעלטעניש. און איך בין איבערצייגט, אַז זי האָט די ידיעה אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט.

— וואָס? — שרייט דער פאָטער אויס אומנאַטירלעך, און כאַפּט זיך אויף פון זיין שטול און בלייבט שטיין. — דו ביסט משוגע געוואָרן, צי וואָס?

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר רעגט זיך אויף? דאָס איז מיין עסק, און איך האָב געפונען פאַר נויטיק אַזוי צו האַנדלען.

גבריאל חיימאָוויטש איז בלייך געוואָרן, צוגעגאַנגען צום זון און געזאָגט, ווי עס האָט זיך זאַכאַרין דענסטמאַל אויסגעוויזן, מיט אַן אוי־סערגעוועגלעך רואיקער שטימע:

— דו ביסט אַ יינגל, און מיט יינגלעך באַגייט מען זיך אַזוי: אַט

ווי מען באַגייט זיך... — און ער האָט אויף זאַכאַרים באַבאָרדטער באַק אָנגעקלעפּט אַ פּאַטש.

דער פּאָטער איז פיל בלייכער געוואָרן, ווי דער זון. אין דער אויסערגעוועגלעכער פאַרבלייכונג פון זיין פּאָטערס פּנים האָט זאַכאַרי אָנגעהויבן צו באַגרייפן, וואָס עס איז געשען. ער איז געבליבן וויטער זיצן אויף זיין אָרט, נאָר דעם פּאָטער פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. דער פּאָטער האָט אויך געקוקט אויף אים. ער האָט געזען, אז זאַכאַרי איז בלייך. נאָר אויף דעם אָרט, וווּ ער האָט צוגעקלעפּט זיין האַנט, האָט זיך ווי קין׳ס צייכן אָפּגעשפּיגלט די פאָרם פון זיין האַנט אין רויטע צייכנס. די פינגער זענען פאַרלוירן געוואָרן אין דער דיקלעכקייט פון זאַכאַרים שוואַרצע באַקן־בערד, — און דאָס, וואָס די פינגער האָבן דערגרייכט צו זאַכאַרים שוואַרצער באָרד, — האָט זיין פּאָטער דערשראָקן.

— וואָס האָב איך געטון? — האָט דער פּאָטער אויסגערופן מיט שרעק, ער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן מיט זיין האַנט, און ער האָט ארויסגעשטאַמלט אַ וואָרט:

— זיי מוחל, זיך פאַרגעסן!

זאַכאַרי האָט נישט געקאָנט אָפּגעבן זיך קיין חשבון דערפון. אָנשטאָט בייז צו ווערן אויף זיין פּאָטער, האָט אים אָנגענומען אַ גרויס רחמנות אויף אים און נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פאַרניכטונג, וואָס ער האָט דערפילט דורכן פּאַטש, האָט ער אָבער בשום אופן נישט געקאָנט בייז ווערן אויפן פּאָטער (פון וואָס ער האָט פאַרדרוס געהאַט). פאַרקערט, ער האָט דערשפּירט אַ גרויסע פאַרלייכטערונג, ווי דורכן פּאַטש וואָלט אַראָפּ פון זיין נשמה אַ שווערע לאַסט, וואָס האָט געדריקט. אַן אינערלעכע צופרידנקייט און באַרואיקונג האָט אים אַרומגענומען. עפּעס ווי אַ מענטש, מיט וועמען ס׳איז געשען אַ גרויס אינערלעך גליק, און ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן דאָס אויסצודריקן.

— איך דאַנק אייך דערפאַר.

דאָ האָט גבריאל חיימאָוויטשעס כעס אויסגעבראָכן.

— וואָס דאַנקסטו מיר, אידיאָט, יינגל אומפאַראַנטוואָרטלעכער. צוריקגעבן האָסטו מיר באַדאַרפט, ווען דו וואָלסט אַ מענטש געווען, נישט דאַנקען.

זאַכאַרי האָט פאַרשטעלטערהייט געשמייכלט, געשמייכלט ווי דורך אַ שלייער, און געשוויגן.

גבריאל חיימאָוויטש איז שוין צוריק געזעסן אויף זיין שטול מיט ביידע הענט אָנגעלענט אויפן טיש, און פאַרשטעלט דאָס פּנים, גערעדט צו זיך, ווי עס וואָלט קיינער אין שטוב נישט געווען:

— אַ גאַנץ לעבן געבויט, קומט אַ ייִנגל און וואַרפט עס דיר אום. געמיינט — זיין ענדלעך אַ היים אויף די אַלטע יאָרן; ווידער אויף דער גאַס, אין האָטעלן. צו וואָס ווידער דאָס אַלץ? — פאַר וועמען?

זאַכאַרי האָט רחמנות געקראָגן אויפן פאָטער. ער האָט געוואָלט דעם פאָטער טרייסטן און נישט געפונען קיין ווערטער, וואָס אים צו זאָגן. און פון דעם האָט ער פאַרדרוס געהאַט און זיך געזידלט בשעת־מעשה, נאָר דאָך געשוויגן.

— איז אַ ווונדער, וואָס מ'גייט פון געדולד אַרויס? — האָט דער פאָטער ווידער גערעדט צו זיך. — נישט נאָר בלויז דאָס — משוגע קאָן מען ווערן, מ'קאָן אַ פאַרברעכן באַגיין, יאָ, אַ פאַרברעכן, — קוקט ער אָן דעם זון און שרייט הויך אויס דאָס וואָרט, און דערנאָך לייגט ער צו מיט אַ פאַרשעמטער מינע: — זיי מוחל, זאַכאַרי, איך האָב נישט געוואָלט. ווי אַזוי האָב איך זיך אַזוי פאַרגעסן, גאָט! — האָט דער פאָטער געהאַלטן אין איין רעדן צו זיך.

— וועגן דעם דאַרפסטו נישט האָבן קיין עגמת־נפש. איך האָב פאַרגעסן, — זאָגט זאַכאַרי פאַר זיך.

— ווי אַזוי דאַרף איך נישט האָבן קיין עגמת־נפש? איך האָב מיין דערוואַקסענעם זון אין באַק געפּאַטשט. דו ביסט דאָך שוין נישט קיין ייִנגל; ביי דיר וואַקסט דאָך שוין אַ באָרד — האָט דער פאָטער געשריגן.

זאַכאַרי האָט געשוויגן.

נאָר דער פאָטער האָט איצט געפונען ווערטער:

— וואָס, דו האָסט טאַקע געמאַכט די נאַרישקייט? פאַרוואָס? פאַרזוען? וואָס איז דיר געשען? אַלץ איז דאָך שוין פאַרטיק. דאָס הויז איז דאָך שוין גרייט, און דו ביסט געגאַנגען און האָסט גענומען אַ מיידל און זי פאַרשעמט פאַר גאָרנישט אין דער וועלט? צעבראָכן זי אויך אויף איר לעבן, — האָט דער אַלטער ווידער זיך געקאָכט. — ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט? ווי אַזוי האָסטו דאָס געוואַגט? דו האָסט קיין האַרץ נישט?

זי איז דאָך אַן איידעלע נשמה! און אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ? ביסט אַריין אין אַ הויז און עס אַ תל געמאַכט. ווי אַזוי וועל איך קאָנען מיינע אויגן עפֿענען פֿאַר מענטשן? וואָס איז דיר איינגעפֿאַלן? די גאַנצע שטאָט האָט דאָך שוין געוווּסט דערפֿון. וואָס וועט מען איצט זאָגן?

זאַכאַרי האָט געלאָזט פֿאַלן די ווערטער איבער זיך ווי שלעק; זיי זענען געווען די פֿאַרזעצונג פֿון פּאַטש, און וואָס ביטערער זיי זענען געווען, אַלץ בעסער. אַט אַזוי באַדאַרפֿן זיי זיין. פֿון האַרצן האָט זיך אַפֿילו געריסן:

— ניין, ניין! פֿאַרשעמט האָב איך זי נישט.

אָבער ער האָט צוריקגעשטופּט די ווערטער אין מויל אַריין, און איז געבליבן זיצן שטום.

— און וועגן מיר אַליין, — האָט דער פֿאָטער איצט געברומט די ווערטער פֿאַר זיך. — געמיינט אַ נייַ לעבן אָנהייבן. איך האָב דערזען דעם טעם פֿון מיין גאַנצער אַרבעט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס איך האָב אַ לעבן אַוועקגעגעבן, פֿאַר דיר אַ צוקונפֿט, דאָס „הויז מירקין" בויען. קומט אַ יינגל און פֿאַרדרייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.

מירקין האָט נאָך אַלץ געשוויגן. נאָר פּלוצלינג האָט זיך אין פֿאָטער ווידער עפּעס אויפֿגעכאַפּט, און ווי ער וואָלט זיך פֿאַרשעמט, וואָס ער איז אַ מינוט שוואַך געוואָרן, לייגט ער צו מיט אַ געהויבענער שטימע אָנקוקנדיק דעם זון:

— נישט אַזעלכע אומגליקן, ווי די, וועלן מיך צעברעכן; געקאָנט זיך מיט גרעסערע אַן עצה געבן, וועלן מיר זיך מיט דיר אויך אַן עצה געבן.

— זיי מוחל, נישט געקאָנט אַנדערש און געהאַנדלט לויט מיין אייגן איינזען, — זאָגט זאַכאַרי און הויבט זיך אויף פֿון זיין אָרט, און נעמט זיך צו פֿאַרלאָזן זיין פֿאָטערס קאַבינעט.

דער פֿאָטער האָט אים אַ מינוט אָנגעקוקט. אויף זיינע ליפּן איז געלעגן אַ וואָרט, וואָס האָט זיך געריסן; ער האָט אים געוואָלט זאָגן: „ווי פֿאַרלאָזטו מיך? וואָס וועט איצט מיט מיר זיין?" נאָר אָנשטאָט דעם האָט אים דער פֿאָטער צוגעוואָרפֿן: „דו האָסט געטון, ווי דו פֿאַרשטייסט, און איך וועל טון, ווי איך פֿאַרשטיי"...

מירקין האָט, אומפּאַרענטפערט, דעם פאָטערס קאַבינעט פאַרלאָזט.

**
*

אַז זאַכאַרי איז אַהיימגעקומען צו זיך, האָט ער געהאַט דאָס געפיל אויסצוטון זיך זיינע קליידער, אָפּצושיקן דעם פאָטער דאָס זייניקע. אַזאַ אינערלעכע צופרידנקייט האָט רייך געמאַכט זיין האַרץ, אַז ער האָט שוין גאָרנישט באַדאַרפט און אין גאָרנישט זיך גענויטיקט. עס איז געווען ווי דורך דעם פּאַטש, וואָס דער פאָטער האָט אים געגעבן, האָט ער אַלע זיינע חובות באַצאָלט. ער איז שוין קיינעם גאָרנישט שולדיק.

ער האָט געקלערט, ווי אַזוי איינצואָרדענען זיינע ווייטערדיקע געלט־ענינים. פון פאָטער, האָט ער באַשטימט, וועט ער מער קיין געלט נישט נעמען. אויף זיין נאָמען איז געלעגן אין באַנק אַ קליינער קאַפּיטאַל, זיין טייל פון זיין מוטערס ירושה, וואָס דער פאָטער האָט אים פאַרשריבן, ווען ער איז פּוליעריק געוואָרן. מיט דעם קאַפּיטאַל וועט ער זיך יאָ באַנוצן און וועט אים אויסגעבן ביסלעכווייז אין קליינע סומעס צו דערהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגן. ער האָט באַשטימט וועגן די געלט־ענינים מיטצוטיילן דעם פאָטער.

מיט דער צופרידנקייט פון אַ מענטש, וואָס האָט נאָר וואָס דורכגעמאַכט אַ געפערלעך שטיקל וועג און איז בשלום דערפון ארויסגעקומען, האָט ער זיך גענומען איינאָרדענען זיינע ענינים. נאָר באַלד איז געקומען אַ חרטה־געפיל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו נאָגן זיין האַרץ.

ער האָט מיט איינמאָל דערזען דעם פאָטער אַ פאַרצווייפלטן זיצנדיק ביים טיש, ווען ער פאַרלאָזט אים. (די עוולה, וואָס דער פאָטער האָט אים געטון, אָן דעם האָט ער גאָר פאַרגעסן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז נישט דער פאָטער, נאָר ווער אַנדערש האָט אים באַצאָלט זיין שכר, וואָס איז אים געקומען.) און דאָס, וואָס ער איז גערייניקט געוואָרן דורך אים, האָט נאָך מער געהאָלפן אויסצולעשן יעדע ביטערקייט און כעס, וואָס די טאַט אַליין האָט געקאָנט ביי אים איבערלאָזן. איצט האָט ער גאָרנישט מער פאַרמאָגט פאַר זיין פאָטער, נאָר רחמנות. און אפשר אויך ליבע. וועגן נינאָטשקען האָט ער ווירקלעך געטראַכט, ווי וועגן אַ ריינקייט, צו וועלכער ער האָט זיך באַצויגן מיט אַ געמיינער נידערטרעכטיקער באַציאונג. צו אַלגאַ מיכאַילאָוונען האָט ער געהאַט געמישטע געפילן: אי אַן אינטים פאַרנעפּלט, פאַרליבט מוטער־געפיל, אי אַ זינדיק,

שעמעוודיק נקמה־געפיל. יעדנפאַלס איז זי ביי אים איבערגעבליבן אומ־באַפלעקט און ריין. פאַרקערט נאָך, פאַרקניפּט אין אַן אייביקן באַנד דורך יענער נישט־אָפּווישנדיקער טאַט. אַלע דריי מענטשן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי רוי און ברוטאַל אָפּגעשניטן, האָבן געבלוטיקט אין זיין האַרץ פון דעם פרישן ריס. אָבער אָפּגעשניטן זענען זיי נאָך נישט גע־ווען. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, וואָס עס האָט אַ מענטש, וועלכן מען אָפּערירט און וואָס פילט אַ שטיק צייט נאָך דער אָפּעראַציע דעם נערוו פון אָפּגעשניטענעם אבר. ער האָט זיך געפרעגט:

— האָב איך אַ רעכט אויף אַ רעטונג? איז עס שוין נישט צו שפּעט? דאָס איז דאָך אַ געמיינע פּחדנות, וואָס איך טו — פּשוט איך אַנטלויף, ווי אַ גנב, וואָס האָט געגנבעט? איך בין אריינגעגאַנגען אין אַ משפּחה — און האָב זי דערנידעריקט מיט מיינע נידעריקע אינסטינקטן און איצט אַנטלויף איך?

נישט אויף אַזאַ אופן באַדאַרף איך זי באַפרייען. איך באַדאַרף באַ־צאָלן דערפאַר מיט מיין לעבן. קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ. בחנם מיין אַנטלויפן פון דעם הענקערס פּעטליע — זי לויפט דאָך מיר סיי ווי סיי נאָך.

און אַן ענדע איז געוואָרן צו דער פריערדיקער אינערלעכער רואי־קייט און צופרידנקייט, ער האָט זיך געזען, ווי אַן אָפּגעהעשעטער הונט. ער איז אַנטלאָפן, אַנטלאָפן — און ווידער אָנגעקומען צום היצעלס שנור.

— ווי וועל איך אַנטלויפן? מיט וואָס קויף איך אָפּ מיין ווייטערדיק לעבן? וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך דערצו? —

דער קאָפּ איז ווידער וואַרים געוואָרן, און די שטוב ענג, ווי אַ קבר — נישט אַרויסצוגיין.

ער איז געבליבן אַ פאַרלוירענער שטיין אין מיטן שטוב און האָט שוין ווידער נישט געזען קיין אויסוועג. עס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי ער געפינט זיך אין אַ ראַם. די ראַם איז דאָס לעבן. אויסער דער ראַם איז גאָר נישטאָ, נאָר טויט און פאַרניכטונג, און עס יאָגט אים ווער אַרויס פון דער ראַם מיט קאַנטשיקעס. ער האַלט זיך אָן קראַמפּהאַפטיק אָן די לייסטלעך און וויל נישט אַרויסגיין, נאָר ער מוז, ער מוז.

מ'האָט געקלאַפּט אין דער טיר.

מער אוים נעוווינהייט, ווי ווינדיק, וואָס ער טוט, האָט ער אויס־
גערופן:

— אריין:

זאַכאַרי איז דערעטווינט געבליבן. עס איז געוועזן אַזוי איינפאַך —
און דאָך, אַזוי אויסטערליש עפּעס. אַזוי פאַרשטעטנדלעך — און דאָך,
ווי אַ וווּנדער וואָלט געשען. אין דער טיר איז געשטאַנען אָלגאַ מיכאַי־
לאָוונאַ. אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ אַליין אין איר גאַנצער געשטאַלט. אַ מיס־
טיש־שרעקנדיקע רואיקייט איז געלעגן אין איר זייער אויסגעבלייכט
פּנים, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון איר אויפגעהויבענעם וואַלקע־שלייער.
זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין איין הויך פון איר מויל, נאָר אָנגע־
קוקט מירקינען. זי האָט זיך פאַר שוואַכקייט אָנגעלענט אויף אַ טיר־גע־
זימס און געהאַלטן אים אין איין אָנקוקן. זאַכאַרי מירקין איז וואָס אַמאָל
קלענער געוואָרן פון אירע בליקן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די, וואָס
שטייט דאָרט, — האָט גאָרנישט וואָס צו טון מיטן לעבן, נאָר איז גע־
קומען ווי אַ געשטאַלט מאָנען פון אים אַ גרויס געמאָנס.

— זייט מוחל, איך האָב געוואָלט אויף אַן אַנדערן אופן מאַכן אַן
ענדע פון דעם אַלעם. איך האָב נישט געקאָנט, — האָט מירקין געזאָגט,
איינבויגנדיק זיך פאַר איר אין דרייען.

— פאַרוואָס אַן ענדע? — האָט זי געפרעגט אין דער שטיל.

— איך קאָן נישט אַזוי לעבן, — האָט מירקין אויסגערופן פאַר־
צווייפלט.

— פאַרוואָס קאָנט איר נישט לעבן מיט אַ לאָך אין הארצן, ווי מיר
אַלע לעבן? ווי איך מוז לעבן? — האָט זי געפרעגט, און אירע אויגן זע־
נען שוין איצט פול געוואָרן — פאַרוואָס דער עגאאיזם?

ס'איז מער געוועזן דאָס טראַגישע אין איר שטימע, וואָס האָט אים
גערירט, ווי די ווערטער אַליין, וואָס אין זיין צעמישטקייט האָט ער זיי
קוים געקאָנט ריכטיק פאַרשטיין. די ווייכקייט פון איר קול, וואָס האָט
אין אים אויפגעוועקט אַ געפיל, וואָס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז שוין
אָפּגעשטאָרבן. ניין, עס איז נישט אָפּגעשטאָרבן. די שטימע דערציטערט
און כשופט אַרויס דעם זיס־זינדיקן טעם. ער הויבט אויף די אויגן און
וויל זי אָנקוקן. ער דערזעט דעם שאָטן, וואָס פאַלט אויף אירע אויגן

פון דער איבער איר הוט אראָפּהענגענדיקער וואַלקע, און זיינע פינגער קאָרטשען זיך.

— פאַרוואָס טאַקע נישט לעבן מיט אַ לאָך אין האַרצן, ווי אַלע, ווי אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ? וואָס איז ער מער מורנו פון אַנדערע? „מיט אַ לאָך אין האַרצן" — דאָס איז דאָך אויך אַן ענין. וועגן דעם, אַז מ'קאָן אַזוי לעבן, האָט ער גאָרנישט געקלערט ביז איצט. און אַז עס איז אַן עגאָאיזם פון זיין זייט אַנדערש וועלן צו לעבן, ווי אַנדערע — האָט ער אויך נישט געקלערט.

— אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, — האָט ער געשטאַמלט אין זיך די ווערטער, איידער ער האָט זיי אַרויסגערעדט.

ער האָט דערפילט, אַז אַלע זיינע באַשלוסן ווערן צעגאַסן, צערינען, אַז זיין האַרץ קנעט זיך אויס אונטער די בליקן פון אירע אַראָפּפאַלנדיקע אויגן. און אָט באַלד וועט ער פאַלן צו איר. ער וועט קושן דאָס קלייד, שמעקן איר פערפום — און זאָגן דאָס וואָרט, וואָס ליגט שוין אויף זיינע ליפּן אַנגעגרייט פון לאַנג: „אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, מאַכט מיט מיר — וואָס איר ווילט".

נאָר הינטער אים שטייט שוין ווער, וואָס היט אים. ער דערפילט דעם בליק פון פרוי הורוויצס אויגן. די טרערן שמייכלדיקע, מיט אירע שטאַרקע ווייבערשע הענט, אויסגעשטרעקט צו אים. ער דערפילט זיך פאַרקנסט צו איר, פאַרקנסט ווי אַ קינד. — אַ מוטער איז זי איבער אים, און ער וויל זיך גרויסן, אין אירע אויגן טון עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל איר געפעלן, פאַר וועלכן זי זאָל אים רימען. זי זאָל אים ווי אַ מוטער גלעטן איבער דער באַק און צופרידן זיין פון אים.

ער הערט גאַנץ קלאָר איצט אירע ווערטער, וואָס זי רעדט וועגן אירע קינדער. „מיינע קינדער קאָנען שטאַרבן". „די וואָס ווילן לעבן — מוזן קאָנען שטאַרבן". ער וויל אויך ראוי זיין איר קינד צו זיין, צו קאָנען שטאַרבן. יאָ, ער פילט, אַז ער איז שטאַרק — ער קאָן אויך שטאַרבן ווי פרוי הורוויצס קינדער.

— אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, איר קאָנט פאַרלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל שטאַרבן, נאָר מיט אַ לאָך אין האַרצן קאָן איך נישט לעבן.

אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אים נאָך אַ ווײַלע אָנגעקוקט. אין איר בליק איז געלעגן פאַרוואונדערונג און באַוואונדערונג, ווי זי וואָלט אים

נישט דערקענט. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איר ליפּ האָט זיך אַ בלויזן טרייסל געגעבן. זי האָט זיך אומגעדרייט און פאַרלאָזט שנעל זיין צימער.

קאַפּיטל 19

אַן אַלטער לייב

אַז דער אַלטער מירקין איז געבליבן אַליין, האָט דער כעס ערשט ריכטיק גענומען זיך פונאַנדערפלאַקערן אין זיינע גלידער, און צוזאַמען מיט דעם כעס איז געקומען אַ פרישע ענערגיע און אַ גלויבן אין זיך. דער כעס זיינער האָט אין אים אויפגעוועקט דאָרט נייע קוואַלן פון אייגנליבע, קוואַלן, וואָס דאַכט זיך, זיין פאָטער-ליבע האָט לעצטנס געהאָט פאַרשטאָפּט.

— וועסט גאָרנישט מאַכן, גאָר נישטאָ אין דער וועלט, נאָר דו אַליין; נישט קיין פאַמיליע, נישט קיין פריינט. און אויב דו וועסט אויף זיך אַליין זיך נישט אַרומקוקן, וועט דיך דיין אייגן בלוט אַ שטופּ טון אין קבר אַריין.

ער האָט געהאַלטן אין איין שפּאַנען איבער דער שטוב, און ווען ער האָט גערעדט מיט די ליפּן די אויבנדערמאָנטע ווערטער, האָט זיין קאָפּ געהאַלטן אין איין אויפקלערן די לאַגע, און וואָס ער האָט צו טון.

— און איך בין דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעם, איך בין דאָך דאָ אין שפּיל. ווער איז ער נאָך אַלעמען? אַ יינגל אַ נאַריש.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב און פאַר עמאַציע, וואָס אַ געוויסער געדאַנק, וואָס איז אים איצט איינגעפאַלן, האָט אַרויסגערופן אין אים, האָט ער זיך אַ טרייסל געגעבן, פאַריאָגט אים מיט געוואַלד, נישט אַפילו געוואָלט איבערחזרן אים אין געדאַנק נאָך אַמאָל.

— נאָר וואָס מ'וועט באַדאַרפן יאָ טון — נינאָטשקען דאָס פאַרמעגן איבערלאָזן. זי האָט מער רעכט דערויף ווי ער, און זי איז מיר נענטער אויך. — יאָ, נענטער, כאָטש ער איז מיין זון.

דאַן האָט ער זיך איבער עפּעס פאַרוואונדערט: זעט זיך אויס, אַ מזל אַזעלכער, שוין אַזוי באַשערט, נישט קיין פאַמיליע צו האָבן. און איך, אַלטער נאַר, האָב עס מיט געוואַלד געוואָלט מאַכן, וואָס עס האָט זיך נישט געלאָזט.

און ווי זיין געוווינהייט אין מסחר איז געווען, נישט אָפּצולייגן אַ באַשלוס, וואָס ער האָט געפּאַסט, נאָר באַלד זיך אים נעמען אויסצופירן, איז ער צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ דאָ־קומענט, איבערגעוואָרפן אים מיט זיינע אויגן, דאַן האָט ער גענומען אַ פעדער און מיט רויטן טינט איבערגעשטראָכן און אויפגעשריבן „נישט גילטיק". דערנאָך האָט ער גענומען דעם דאָקומענט, איינגעריסן אים און געלייגט אים אין טאַש.

דאָס האָט אַביסל געשטילט זיין כעס. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַפּרוען. וואָרים דאָס פאַרניכטן דעם דאָקומענט, וועלכער איז געווען זיין צוואה, האָט אים מער אָנשטרענגונג געקאָסט, ווי די סצענע מיטן זון. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַזוי ווי צוזאַמען מיטן דאָקומענט האָט ער אויך צעריסן, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, זיין באַנד מיט „משפחה", און ער האָט זיך איצט געזען ווי אַ „באָסיאַק", וועלכער האָט גאָרנישט געהאַט אין זיין לעבן, נאָר דעם האָטעל.

— איז שוין אַזוי באַשערט, זעט זיך אויס, — האָט ער געזאָגט, און אַ מינוט שוואַך געוואָרן, אָנגעלענט זיין קאָפּ אויף זיינע הענט, שווער געאָטעמט און באַדויערט זיין אייגענעם „איך". עס האָט זיך אים אויס־געדאַכט, אַז זיין „איך" האָט זיך אָפּגעשיידט פון אים, און זיצט אויף דער צווייטער זייט פון זיין שרייב־טיש. אָן איין ציטער אין האַרץ, כאַטש מיט אַ ציטערנדיקער האַנט, האָט ער גענומען דאָס טעלעפאָן־רערל און זיך געהייסן פאַרבינדן מיט די האַלפּערנס, מיט נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ האַלפּערן. מיט קיין אַנדערע נישט, נאָר מיט איר אַליין. און אָפּגעמאַכט האָט ער ביי זיך: וועט זי זיך אָנרופן, איז גוט, אַז נישט — איז אַלץ איינס.

נאָך צו זיין פאַרוואונדערונג האָט ער געקראָגן די פאַרבינדונג פיל פריער און פיל לייכטער, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

דורכן טעלעפאָן האָט געקלונגען איר שטענדיק לאַכנדיק קול:

— איך הער אייך, גבריאל חיימאָוויטש.

— גאָט צו דאַנקען, — האָט דער אַלטער אויסגערופן דורכן טע־לעפאָן, און אַרויסגעכאַפּט זיין ווייס טיכל און זיך אָפּגעווישט די אַנגסטן פונעם שטערן.

— נינאַ סאָלאָמאָנאָוונאַ, איך ווייס נישט, וואָס עס איז דאָרט גע־ווען צווישן אייך, נאָר איך מוז אייך זען. איך בעט אייך, זאָגט נישט אָפּ אַן אומגליקלעכן אַלטן מאַן. איך מוז אייך זען, כאָטש נאָר אויף איין־מאָל, איך בעט אייך.

נאָר צו זיין פאַרוואונדערונג איז זי פלינקער איינגעגאַנגען, ווי ער האָט געמיינט.

— געוויס, געוויס, פאַרוואָס נישט? ווען ווילט איר מיך זען? און וווּ ווילט איר מיך זען, גבריאל חיימאָוויטש? איך בין גרייט.

— ווי הייסט וווּ? נו, נאַטירלעך, ביי אייך. איך קאָן קומען צו אייך, ווען איר ווילט, כאָטש איצט.

— ניין, ניין. ביי מיר נישט, און איך וויל נישט, אַז מיינע עלטערן זאָלן וויסן דערפון, אַז איך האָב אייך געזען. איך וויל נישט, אַז ווער זאָל וויסן דערפון. איך וויל אייך זען, אייך אַליין, און נאָר צוליב אייך אַליין, דאָס איבריקע גייט מיך נישט אָן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק אַ גרויסן. געוויס, אַז איר ווינטשט עס. נו, זאָגט וווּ ווילט איר, אַז איך זאָל אייך טרעפן? דאָס, וואָס איך האָב צו רעדן מיט אייך, איז ערנסט.

— אַז איר ווילט, קאָנען מיר צוזאַמען הינטער דער שטאָט אַרויס־פאָרן און האָבן ערגעץ טיי. עס איז זונטיק. איך וועל זיין פיר אַזייגער אויף דער ענדע סאַדאָוואַ. איר קאָנט פאַרבייפאָרן מיט אייער אויטאָמאָ־ביל און מיך מיטנעמען.

— וווּ איר ווילט און ווי איר ווילט. איך וועל זיין. אַ דאַנק, אַ דאַנק.

— און איך וועל וואַרטן פּונקט פיר, — האָט זי געזאָגט, — און ווי עס האָט זיך דעם אַלטן מירקין אויסגעדאַכט, האָט זיך עפּעס גע־הערט אין איר שטימע אַן אומפאַרשטענדלעכער טאָן.

ער האָט זיך גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט די זעאונג. ערנסט און פייערלעך, אין אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס בודואַר. צו דעם צוועק וועט ער זיך איבערטון אין שוואַרצן, — האָט ער שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך,

— נאָר אַז זי וויל עס עפּעס אויף אַזאַ ראָמאַנטישן אופן, וועסטו גאָר־ניַשט מאַכן. באַדאַרף מען אַזוי טון. די גוטע יאָר ווייסט זיי, די היינ־טיקע, וואָס זיי טראַכטן.

ער האָט פאַרלאָזט זיין ביוראָ און איז אַהיימגעפאָרן צו זיך אין האָטעל אַריין. ער האָט נאָך געהאַט צוויי שעה צייט. האָט ער זיך אויס־געצויגן אויף דער קאַנאַפּע און זיך געהייסן אַ הייסן סאַמאָוואַר דער־לאַנגען. הייסע טיי איז ביי אים געווען אַ סגולה צו באַרואיקן זיינע נערוון שוין פון לאַנגע צייטן אָן. דערנאָך האָט ער גענומען אַ וואַרים באָד, געלאָזט זיך פון אַ דינער זיין גאַנץ פעט לייב מיט „אָ־דע־קאָלאָן" אַזוי אויסרייבן, אַז ער האָט געפּאַרעט, געלייגט זיך אויף דער קאַנאַפּע אויסרוען, געפּרוווט אַ דרימל כאַפּן, וואָס עס איז אים נישט געלונגען, פרישע וועש איבערגעטון, דעם שוואַרצן סורדוט, אַ נייעם קראַוואַט, און זיינע שפּיצן באַקן-בערד מיט פּערפומירטן „אָ־דע־קאָלאָן" באַשפּריצט, און אַריינגעזעצט זיך אין זיין אויטאָמאָביל און געהייסן פאַרפאָרן אויף עק סאַדאָוואַ און ניעווסקי, וואָרים עס איז צייט געווען.

ער האָט זי שוין באַמערקט פון דערווייטנס, ווי זי איז אָנגעקומען פון דער זייט פון ניעווסקי אין אַ גרויען גאַס־קאָסטיום, מיט אַ גרויסן בוקעט פיילכן אויף איר בוזים. איר פּנים האָט אַרויסגעקוקט פונעם ברייטן ראַנד פון איר שוואַרצן שטרוי הוט, מיט טרויער און אומנאַטיר־לעכער באַלעבונג. זי האָט געפּאָכעט צו אים פון דערווייטנס מיט אַ וויי־סער הענטשקע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די באַוועגונג רופט אַרויס אויפמערקזאַמקייט ביי די פאַרבייגייער. דער גרויסער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט, און עס איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען דעם שווערן מירקינען זיך צו באַוועגן, ווען ער האָט געוואָלט איר העלפן אַריינשטייגן אין אויטאָמאָביל. זי האָט אים געמוזט העלפן צו דער גאַלאַנטקייט, וואָס זי האָט געטון מיט אַ שמייכל פון איר גלאַנצנדיקע, אַזוי ווי שכורדיקע אויגן.

— זאָל ער פאָרן אין „אַרקאַדיאַ", ווי ס'לעצטע מאָל, — האָט זי באַפוילן דעם שאָפער.

— אַ דאַנק אייך, אַ דאַנק אַ גרויסן, וואָס איר האָט נישט פאַר־לאָזט אַן אַלטן מאַן אין פאַרצווייפלונג, — האָט דער אַלטער מירקין גע־

זאָגט באַלעבאַט און ערנסט, און רירעוודיק געקושט איר האַנט, נאָכדעם ווי דער אויטאָמאָביל האָט זיך גערירט.

— וואָס איז דאָ צו דאַנקען? מיטן זון האָבן מיר נאָר אָפּגעריסן, אָבער מיטן פֿאָטער, האַלט איך, בלייבן די באַציאונגען אַזוי ווי זיי זע־נען געווען, — זאָגט זי מיט אַ נאַטירלעכן שמייכל.

— איך האָב אייך געמוזט זען, געמוזט זען. איך האָב אייך עפּעס מיטצוטיילן זייער ערנסטעס, — זאָגט דער אַלטער.

— נישט דאָ, נישט דאָ. איר וועט מיר אַלץ זאָגן, ווען מיר וועלן זיין אויפֿן אָרט. איך וועל נישט הערן אויף דער גאַס, — האָט זי געזאָגט ווי ברוגזלעך.

זיי זענען שוין ביידע שטיל געבליבן איבערן גאַנצן וועג.

אַז זיי זענען אָנגעקומען אין דעם עלעגאַנטן רעסטאָראַן, וועלכער איז שוין געשטאַנען אַ פּאַרטרונקענער אין גרינע ביימער, האָט דער אַל־טער מירקין געפֿרעגט:

— ווו פֿאַרלאַנגט איר צו נעמען טיי — אין אַלגעמיינעם זאַל?

— ניין, דאָרט וועט מען אונדז שטערן. הייסט צוגרייטן אין אַ קאַ־בינעט, — האָט זי געזאָגט געשווינד.

דער אַלטער מירקין האָט אויפֿגעצויגן זיינע אַקסלען. זיינע אויערן זענען אומנאַטירלעך רויט געוואָרן.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אינעם לופֿטיקן, מיט בלומען באַשטעל־טן קאַבינעט, האָט זיך נינאָטשקאַ אַריינגעוואָרפֿן אויף דער ערשט בעס־טער פּלושענער שטול, לויז געמאַכט איר פוטערנעם קאָלנער, אויפֿגעמאַכט איר זשאַקעט, און עס האָט זיך באַוויזן דאָס איידעלע געוועב פֿון איר שפּיצנדיק העמד איבער איר אויסגעהויבענעם האַרץ־ברעט פֿון איר סאַ־טין העלער בלוזע אַרויס. זי האָט זיך מיט אירע פֿינגער אַרונטערגערוקט די שוואַרצע געשניטענע לאָקן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון אונטער איר ברייטן הוט, און זי האָט געזאָגט אומגעדולדיק:

— וואָס האָט איר מיר צו זאָגן, גבריאל חיימאָוויטש?

— איר ווילט עס איצט, איידער מ׳ברענגט נאָך דעם טיי?

— טיי גלוסט זיך מיר נישט, — זאָגט נינאָטשקאַ אומגעדולדיק, — עפּעס קאַלטס. זאָל ער ברענגען שאַמפּאַניער.

— פֿאַרוואָס שאַמפּאַניער אינמיטן טאָג? — וווּנדערט זיך דער אַל־

טער, — און ווידער, זאָל זיין שאַמפּאַניער. ברענגט שאַמפּאַניער „מאָ־נאָפּאָלקע".

— נאָר גוט געאייזט, — רופט נאָך נינאָטשקאַ נאָכן אַפּגייענדיקן קעלנער.

אַז דער קעלנער האָט זיי געלאָזט אַליין, רופט זיך אָן נינאָטשקאַ:

— נו, וואָס גבריאל חיימאָוויטש?

— גאָרנישט, — רופט זיך אָן דער אַלטער, — איך ווייס נישט, וואָס ס'איז דאָרט פאָרגעקומען צווישן אייך און וויל אויך נישט ווייסן. ווער קאָן אייך פאַרשטיין, היינטיקע? געמיינט, אַז עס איז שוין אַלץ פאַרטיק, און דאָ מיט איינמאָל — נאָר נישט דאָס. איך ווייס נישט, וואָס עס וועט דאָרט זיין צווישן אייך ווייטער. דאָס איז אייער אייגענער עסק — אייערער און זאַכאַרים. נאָר איך וויל נאָר איין זאַך, און דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, און איך בעט אייך, פאַרשטייט מיך, נינאַ סאָלאָמאָ־נאָווגאַ, איך בין דאָך אַן אַלטער מאַן — און נאָך אַלעם ווייניק פרייד געהאַט אין מיין לעבן; איך האָב ערשט אָנגעהויבן צו פילן פרייד, צו פאַרשטיין אמתע פרייד, זייט איך האָב זיך באַקענט מיט אייך, זייט איך האָב זיך איינגערעדט, אַז איר באַלאַנגט אַזוי צו זאָגן, צו אונדז, צו זאַכאַריושקען. איר זענט אַ טייל פון מיין פאַמיליע. איר זענט, אַזוי צו זאָגן, מיינס אַ קינד, מיינס אַן אייגנס, און פאַר אייך אַרבעט איך. איך האָב פאַרשטאַנען דעם טעם פון מיין לעבן, פון מיין אַרבעט, פון מיין קאַמף. און דאָ מיט איינמאָל אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק. וואָלט איך געווען מיט צוואַנציק דרייסיק יאָר יינגער — אַ, וואָלט איך געוווסט, וואָס איך האָב צו טון, — זאָגט דער אַלטער, און גיט זיך פוןביידע זייטן אַ צעשפּרייט די באַקן־בערד.

— וואָס וואָלט איר דאַן געטון אַזעלכעס, גבריאל חיימאָוויטש? — פרעגט אים נינאָטשקאַ, און קוקט צו אים מיט אַ בליק פון הינטער אירע שווערע אויגן־לעפּלעך — אַ בליק נישט אומקאָקעטיש.

— וואָס איך וואָלט געטון? — זאָגט דער אַלטער אין ערנסטן שפּאַס. — ווען איך וואָלט אייך נישט דערווידער געווען, וואָלט איך אַליין געווען אַ קאָנקורענט פון מיין זון, דעם יינגל. איך וואָלט אייך דעמאָלט געבעטן, אַז איר זאָלט מיך ערן מיט דעם גליק. זיין מוחל אָן אַלטן נאַ־רישע רייד, — כאַפּט ער זיך צוריק, — עס איז פּשוט פאַר וויטיק צו

פארלירן אייך פון מיין פאמיליע, — זאגט דער אלטער מירקין מיט טיפן ווייטיק און ווישט עפעס אפּ פון זיינע אויגן, — איר זענט דאך נישט בייז אויף מיר דערפאר?

נינאטשקא האט אים אנגעקוקט נישט אן אינטערעס און מיט א ביטערן שמייכל און געשוויגן.

דער קעלנער האט זיי איצט געשטערט. נאר נינאטשקא האט אים באפוילן פלינק צו עפענען און האט איר האנט אויסגעשטרעקט צום גלאז אומגעדולדיק. זי האט אויסגעטרונקען אין איין שלונג מיט דורשטיקייט. דער אלטער מירקין האט אויך נאס געמאכט זיין גארגל.

אז דער קעלנער האט זיי פארלאזט, האט דער אלטער מירקין ווייטער אנגעהויבן:

— זייט מוחל, נינא סאלאמאנאוונא, מיינע נארישקייטן. עס ווילט זיך נישט אזוי אייך פארלירן פון לעבן. איר ווייסט עס אליין נישט. איר ווייסט נישט, ווי איר זענט איינגעוואקסן ביי מיר. און אויב פארלירן אייך אלס א שנור (איך קאן נישט העלפן; דאס איז נישט אין מיין האנט), וויל איך אייך נישט פארלירן, אלס א טאכטער. דערלויבט מיר דאס ווארט געברויכן, איך בין שוין געוווינט דערצו. דערלויבט דאס אן אלטן צעבראכענעם מאן. איך וויל, אז איר זאלט ווייטער בלייבן א טייל פון אונדז. איך וועל נאר דענסטמאל פארשטיין מיין קאמף און מיין לעבן. איך ווייס, עס איז א נארישע בקשה, וואס איך בעט ביי אייך. נאר איך בעט אייך, זאגט מיר נישט אפּ.

— גבריאל חיימאוויטש, איך פארשטיי נאך נישט, וואס איר פארלאנגט פון מיר. איך האב געוואלט זיין אייער טאכטער; אנדערע האבן עס דאך נישט געוואלט. איר ווייסט דאך אוודאי, אז נישט איך האב אפּגעלאזט דעם שדוך. זאגט מיר, וואס ווילט איר פון מיר.

— וואס איך וויל פון אייך? — וואס איך וויל פון אייך? אט דאס: איך, וויל אייך באשטימען פאר א יורש פון מיין פארמעגן, אזוי ווי איר וואלט א קינד געווען. ביי מיר זענען זיי דאך נישטא, קיין קינדער נישטא, נישטא, און דאס, וואס איך וויל טון, איז נישט חלילה עפעס צו פארגיטיקן אן אומרעכט, וואס א נאריש יינגל איז באגאנגען. ניין, ניין, עס איז נאר אויס דעם איינציקן גרונט, כדי צו געבן אן אילוזיע אן אלטן אומגליקלעכן מאן, אז ער האט נישט אומזיסט געקעמפט, געלעבט. איך

וועל דענסטמאָל פילן, אַז איר זענט נאָך אַ שטיק פון מיר, אַזוי צו זאָגן. איך בעט אייך אויף מיינע קני, זאָגט מיר דאָס נישט אָפּ, נינאַ סאַלאָ־מאָנאָוונאַ.

נינאָטשקאַ איז איצט אויסערגעווענלעך בלאַס געוואָרן. אַרום אירע אויגן זענען נאָר שטיין געבליבן טונקל־פיאָלעטאָווע ראַמען. און די אָפּגע־פאַרבטקייט פון אירע ליפּן האָט זיך אומנאַטירלעך אַרויסגעהויבן מיט דער רויטלעכקייט. זי האָט זיך אָנגערופן צו אים פאַרשעמט, מיט געבראָ־כענע ווערטער, אויסמיידנדיק זיין בליק:

— און מיר ווילט זיך אויך נישט אייך פאַרלירן, גבריאל חיימאָ־וויטש. פאַרוואָס קאָן מען דאָס נישט איינאָרדענען אויף אַן אַנדערן וועג?

— אויף וואָס פאַר אַ וועג מיינט איר? — פרעגט דער אַלטער דער־שראָקן.

— פאַרוואָס אַלס טאָכטער, אַלס קינד?

— גאָט איז מיט אייך. וואָס רעדט איר, נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ? — זאָגט דער אַלטער בלייך ווערנדיק.

— איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס נישט? איר האָט אַליין געזאָגט, אַז ווען איר וואָלט מיר נישט דערווידער געווען. איר זענט מיר נישט דערווידער.

— איך בין דאָך אַן אַלטער מאַן. איך קאָן דאָך אייער פאָטער זיין.

— איר זענט קרעפטיקער, מוטיקער און בעסער פאַר אַלע יונגע, און איר געפעלט מיר אויך בעסער — שטענדיק מיר געפעלן!

אויף דעם אַלטן מירקינס אויסגעפאַרעט לייב האָבן איצט אנגסטן אָנגעהויבן אַרויסצושלאָגן.

— נינאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ, וואָס איז מיט אייך? וואָס טוט איר מיט אַ אַלטן מאַן? ווי אַזוי וועט דאָס זיין? איר זענט דאָך מיין זונס כלה געווען. וואָס וועט די וועלט זאָגן, אייער מאַמאָטשקאַ, אַלגאַ מיכאַילאָוו־נאַ?

נאָר ביים וואָרט מאַמאָטשקאַ האָט נינאַ געקראָגן לשון. זעט זיך אויס, אַז זי האָט זיך שוין פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט.

— איך האָב געמיינט, אַז איר זענט געוווינט צו טון זאַכן, וואָס זענען אייך אויס רעכט, און איר קוקט נישט, וואָס די וועלט וועט זאָגן

און וואָס אָנבאַטרעפט מאַמאַטשקען, איז דער שדוך מיט זאַכאַריושקען געווען מאַמאַטשקאַס, און ער איז זיך צעפאַלן. דער שדוך מיט אייך וועט זיין מיין אייגענער.

נאָר גבריאל חיימאָוויטש איז שוין געקומען צו זיך. ער איז קאַלט געוואָרן און ערנסט.

— דאָס, וואָס איר ווילט טון, נינא סאַלאָמאָנאָוונא, דאָס וואָס איר האָט מיר איצט געזאָגט — דערלויבט מיר עס אָנצורופן — איז פאַר־צווייפלונג, איז אוועקגעוואָרפן זיך, און איך וואָלט זיך באַטראַכט, אַלס א נידעריקן און געמיינעם מענטש, צו באַנוצן זיך מיט א מאָמענט פון אייער שוואַכקייט, ווען איך וואָלט עס נישט באַטראַכט פאַר א באַזונדע־רע גנאָד פון גאָט, ווי איר פאַרשטייט עס אַליין.

— ניין, ניין, ניין! דאָס איז נישט אוים פאַרצווייפלונג, איך פאַר־זיכער אייך, אַז זאַכאַריושקאַ איז מיך קיינמאָל גאָרנישט אָנגעגאַנגען, און אייך האָב איך שטענדיק גערן געהאַט, — האָט זי געזאָגט און גע־מאַכט א טריט נענטער צו אים, און זי איז שוואַך געפאַלן אין זיינע אָרעמס.

ער האָט זי לייכט געקושט פאָטערלעך אויף איר שטערן.

— אָבער דאָס קאָן דאָך נישט זיין אימער ערנסט. איר וועט דאָך חרטה האָבן.

— ניין, ניין, ניין! — האָט נינאָטשקאַ געשטיקט אירע ווערטער אויף זיין ברוסט.

שפּעטער, אַז ער האָט די בלייכע נינאָטשקאַ אָפּגעפירט אין זיין אויטאָמאָביל אין שטאָט אריין, האָט דער אַלטער מירקין זיך געטראַכט, זי אונטערשטיצנדיק מיט זיין האַנט:

— דער טייוול ווייסט זיי, די היינטיקע. פאַרשטיין קאָן איך זיי נישט...

און דאַן האָט ער זיך פאַרטראַכט אין זיין געדאַנק און צוגעלייגט:

—זאָל מיר נאָך דאָס זיין באַשערט אויף מיינע אַלטע טעג?

און ווידער האָט ער צו זיך געזאָגט:

— נאָך אַלעמען, צו פרי אָפּגעריסן מיט העלענאַ סטעפּאַנאָוונען. מען קאָן נאָך אַמאָל באַגיין א נאַרישקייט.

קאפיטל 20

ווערטער

אין דער זעלבער צייט איז עפּעס פּאַרגעפאַלן אין דער האַלפּערן־פאַמיליע, וואָס האָט אויף אָלגאַ מיכאַילאָווגען געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז עס איז צעקראָכן געוואָרן מיט אַמאָל ווי שפּינוועבס דער פּאַנצער, וואָס די מאַדאַם פּונעם הויז האָט געטראָגן אויף זיך, און וואָס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער קאָן גאָרנישט צולאָזן צו איר אינערלעך וועזן. אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ האָט צום ערשטן מאָל אויף אַן אמת דערפילט, אַז זי איז אַ מוטער.

און געשען איז עס אַזוי:

אַז מען איז געגאַנגען די מירקינס אָפּשיקן די כלה־מתנות, מיט וועלכע נינאָטשקאַ איז אַזוי רייך באַשאָנקען געוואָרן, דורך דער צייט פון איר פאַרקנסונג, פון אַלטן מירקין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינס פון די רינגלעך, אַ דריי־קאַראַנדיקער בלוי־ווייסער שטיין, געפאַסט אין דער נייער אַמעריקאַנישער אַרט אין פּלאַטין, איז פאַרפאַלן געוואָרן. ער איז פּשוט נישט געווען. נינאָטשקאַ האָט אים זעלטן געטראָגן צוליב זיין אויפפאַלנקייט. אין צעוואָרפנקייט האָט זי נישט גוט אַכטונג געגעבן אים תמיד צו באַהאַלטן אונטער אַ שלאָס, האָט אים איבערגעלאָזט אויפן טואַלעט־טיש, אָדער אין באָד־צימער. מיט איין וואָרט: ער איז נישטאָ. דער חשד איז געפאַלן אויף אַנושקען, וועלכע איז געווען די איינציקע, וואָס האָט באַדינט נינאָטשקען, און געהאַט צוטריט צו איר גאַרדעראָבע. און וואָס האָט אויך ביי דעם ערשטן אויספרעגן דורכן אַדוואָקאַט אַרויסגעוויזן אַזאַ נערוועאישקייט און פאַרלוירנקייט, אַז דאָס געניטע אויג פון דעם באַרימטן אַדוואָקאַט האָט גלייך געכאַפּט, אַז ער האָט אָנגעטראָפן אויף דעם ריכטיקן אַדרעס.

אַזוי ווי פון אַנושקען איז גאָרנישט געווען אַרויסצוקריגן, אַ חוץ פאַרלוירנקייט און טרערן. און אַזוי ווי דער רינג האָט אַ חוץ זיין גרויסן ווערט, פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זאַך פון ערע, האָט מען זיך אַנטשלאָסן נאָך אַן אויפרעגנדער סצענע צווישן נינאָטשקען, מוטער און פאָטער,

איבערצוגעבן אַנושקען אין די הענט פון דער פּאָליציי (אַ זאַך, וואָס האָט געקאָסט פיל געזונט), כדי זי זאָל מיט אַנדערע, מער איבערצייגנדע אַר־גומענטן, ווי מיט ווערטער, אַרויסקריגן פון דעם אומגליקלעכן מיידל אַ מודה־זיין.

נאָך דריי טעג האָט מען אַנושקען צוריקגעבראַכט אויף דער וווי־נונג פון די האַלפּערנס. זי האָט געטראָגן אויף איר לייב און אויף איר פּנים בולטע סמנים פון די „פּאָליצייאישע אַרגומענטן". אירע אויגן זע־נען געווען באַהאַלטן אין די טיפע לעכער פון אויפגעבלאָזענע בלויע רינ־גען, אַזוי אַז מען האָט זיי קוים אַרויסגעזען. איר נאָז איז געווען אומ־נאַטירלעך דיק פון געשוואָלנקייט. פון איר ליפּ האָט אַרויסגעקוקט אַ מויל מיט פעלנדע ציין, ווי אויסגעהאַקטע שויבן פון אַ פענצטער אַרויס. אַנושקאַ האָט זיך טאַקע מודה געווען, אַז זי האָט צוגענומען דעם רינג. און דאָס האָט זי געבראַכט די פּאָליציי אויף דער וווינונג ווייזן, ווו זי האָט אים באַהאַלטן. מען האָט געזוכט אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט — אין אַ שעניק פון איר געלעגער — און נישט געפונען אים. אַנושקאַ האָט געטענהט, אַז עס האָט אים ווער פון דאָרט אַרויסגענומען, אָדער ער איז פאַרלוירן געוואָרן אינעם שטרוי. דער באַרימטער אַדוואָקאַט, ווי אויך די פּאָליציי, וועלכע זענען געווען גענייט אין אַזעלכע זאַכן — האָבן געהאַלטן, אַז עס האָט אים קיינער נישט צוגענומען. אַנושקאַ האָט דעם צוגעגנבעטן רינג אָפּגעשטעקט עמיצן זייער אַ נאָענטן, וועלכן זי וויל באַין אופן נישט אַרויסגעבן און אַז אַ פּאָר ווייטערדיקע „אַרגומענטן" וועלן אַרויסטרייבן די ראָמאַנטישקייט, און זי וועט אַרויסגעבן איר „העלד".

עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס נינאָטשקאַ, זעענדיק דעם מיידלס געשוואָלן פּנים פון די פּאָליצייאישע קלעפּ, האָט געקראָגן ספּאַזמען און געבעטן זיך, אַז מ'זאָל זי אָפּלאָזן, און זי וועט אַליין אָוועקגיין צו די מירקינס און זיי דערקלערן, וואָס ס'איז געוואָרן מיט דעם רינג. נאָר סיי די פּאָליציי, סיי די האַלפּערנס (דער אַדוואָקאַט צוליב אָרדענונגס וועגן, אָלגאַ מיכאַילאָווגאַ צוליב „ערע", וואָס דער רינג שטעלט פאָר מיט זיך), זענען דורכאויס באַשטאַנען, אַז מ'זאָל נעמען אַנושקען אויף דעם וויי־טערדיקן פאַרהער, און וואָס עס זאָל נישט געשען, אַרויסקריגן דורך אַלע אופנים פון איר דעם העלד, וועלכן זי פאַרשטעלט אַזוי העראָאיש מיט איר אייגן לייב. נאָר אַז מ'האָט אַנושקען אַרויסגעפירט פון שטוב צו

נעמען זי אין צירקל אריין, האָט זי זיך אָנגעטראָפן אין דער טיר מיטן זון פון הויז, מיט מישענקען, וועלכער איז געקומען, ארויפלויפנדיק אויף די טרעפ ארויף אָן אַן אָטעם, מיט די ביכער אונטערן אָרעם, פון גימנאַזיע, זעט זיך אויס. כאָטש דאָס באַגעגעניש איז געווען אַזוי צופעליק און עס האָט געדויערט קוים מער ווי עס האָט באַדאַרפט געדויערן — דאָך האָט עס אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט ביי אַ טייל פון דער פּאָליציי, און דאָס נישט אינעם האַלטן זיך פונעם מיידל, נאָר דווקא אין דער נערוועזישקייט פונעם יונגנמאַן, וועלכער איז ביי אַנושקאַס אָנבליק זייער בלייך געוואָרן, און האָט פּאָר שרעק זיינע ביכער אַרויסגעלאָזט פונעם אָרעם. אַנושקאַ האָט געהאַלטן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד, נאָר האָט ביים אַרויפקומען פונעם יונגנמאַן איין איינציקן בליק געוואָרפן אויף אים פון די טיפע געשוואָלענע לעכער פון איר פּנים אַרויס. אין דעם בליק איז נישט געלעגן נישט קיין בייזקייט, נישט קיין חרטה, נישט קיין ווייטיק אפילו, נאָר לייטזעליקייט און גליקלעכקייט. אויף איר געשוואָלענער ליפּ, איבער די אויסגעהאַקטע ציין, האָט געשפּילט אַ שמייכל, און איר בליק האָט אויסגעדריקט אַ באַרואיקונג.

כאָטש די סצענע האָט נאָר קוים געדויערט איין מינוט, וואָרים אַנושקאַ, ווי זי וואָלט זיך געווען געכאַפּט, אַז זי פּאַרראַט עפּעס, האָט גלייך געוואָרפן איר קאָפּ צו דער ערד און ווי פריער, פּאַרעקשנט, געצויגן דעם טוך איבער איר פּנים, אָבער שוין ווי געזאָגט: דעם יונגנמאַנס נערוועזישע צוקונג, זיין פּאַרלירן זיך ביי איר אָנבליק, דאָס אַרויסלאָזן די ביכער פון זיינע הענט, און זיין אויסערגעוועגלעכע בלייכקייט — האָט אויף איינעם פון אַנושקאַס באַגלייטער געמאַכט אַן איינדרוק, ווי דער יונגערמאַן שטייט עפּעס אין אַ שייכות מיט אַנושקעס גנבה.

מ'האָט אָנגעהויבן צו פירן די אויספאָרשונג אין דער ריכטונג. פון אַנושקען איז אוממעגלעך געווען עפּעס וואָס אַרויסצוקריגן, עס האָט נישט געהאָלפן קיין קלעפּ, קיין אַנדערע אינקוויזיציע־מיטלען אַרויסצופּרעסן פון איר אַ וואָרט. ביים דערמאָנען מישענקאַס נאָמען האָט זי נישט פאַרלוירן אפילו דאָס גלייכגעוויכט, און נישט אַרויסגעוויזן קיין נערוועזישקייט מער ווי אַן אַנדערשמאָל. זי האָט נאָר פאַרווונדערט אַרויפגעצויגן אירע שמאָלע אַקסלען און געטענהט, אַז זי ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. עס איז נישט געווען קיין גענוגנדע באַווייזן צו באַ־

אומרואיקן נאָך דעם באַרימטן אַדוואָקאַט און אַריינציען זיין זון אין דעם מיאוסן עסק, וואָס וואָלט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אין דער פּרעסע. די פּאָליציי האָט זיך נאָך עפּנטלעך דערפון אָפּגעהאַלטן. דערווייל האָט זי זיך באַגנוגנט מיט נאָכשפּיאָנירן דעם אַדוואָקאַטס זון, און אויספרעגן די אַנדערע דינערשאַפט וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען.

זיי זענען אָבער באַלד געקומען אויף אַ שפּור: עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דעם אַדוואָקאַטס זון צוזאַמען מיט זיין חבר מאַרקאָוויטש האָבן פאַרבראַכט די לעצטע אָוונטן אין צווייפלהאַפטע רייכע פּלעצער, ביידע אין ציוויל־קליידער, אין אַ געזעלשאַפט פון מאָראַליש פאַרדעכ־טיקטע לייט... אויך האָבן די אַנדערע הויז־מענטשן, וואָס מ׳האָט פאַר־הערט, געגעבן עפּעס ווינקנדיקע אָנצוהערענישן וועגן די באַציאונגען צווישן אַנושקען און דעם אַדוואָקאַטס זון. זיי האָבן דערציילט, אַז זי האָט ביי אַלעמען געהאַלטן אין איין געלט באָרגן, און אַלעמען שולדיק געווען.

די פּאָליציי האָט דאָ געפונען אַ מעגלעכקייט, ווי זיך אָפּצורעכענען מיט דעם פּראָגרעסיוון יידישן אַדוואָקאַט, און האָט אָנגעהויבן צו פירן די אויספאָרשונג אין דער ריכטונג. כאָטש די אויספאָרשונג איז פאָר־געקומען שטרענג אין געהיים, כדי דער אַדוואָקאַט זאָל זיך נישט צו פרי כאַפּן, האָט ער דאָס דאָך דערשפּירט דורך זיין אויסערגעוועגלעכן חוש פאַר פּאָליצייאישע זאַכן (און אויך צוליב דעם, ווייל עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן זיין אייגענעם פּרעסטיזש, האָט ער זייער געוואַכט איבער דעם גאַנג פון דער אויספאָרשונג), און איז באַצייטנס געקומען אויף די שפּורן, ווי אַזוי די פּאָליציי וויל פאַרקירעווען די אויספאָרשונג.

נאָכדעם ווי איינער פון זיינע הויז־מענטשן האָט אים פאַרטרויט, אַז מען האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אים אויף מישענקען, איז דער אַדוואָ־קאַט זיכער געווען, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ בלבול, וואָס די פּאָ־ליציי וויל אויף זיין משפּחה אַרויפוואַרפן, האָט ער באַלד געלאָזט אַריינ־רופן זיין זון, און איינגעשלאָסן זיך מיט אים אין זיין קאַבינעט. ביי מי־שענקען האָט עס נישט אַזוי לאַנג גענומען, ווי ביי דעם דינסטמיידל. ווי אַ קראַנק קינד האָט ער זיך מיט געוויין פון זיינע שיינע אויגן באַלד אין אַלעם מודה געווען...

***

אין איר בודואר, אויף איר געוועלנלעכער פאָטער־שטול, אין איר באַליבט ווינקל, איז געזעסן אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ, און צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי נישט געדענקט וועגן דעם, ווי איר אויסזען דערשיינט פאַר דער עפנטלעכקייט, און זי האָט געטראָגן פאַר אַלעמען אין די אויגן אַ ווייסע ראָגעווקע, פאַרבונדן איבער איר שטערן, און מ׳מוז מודה זיין, אַז די אַזוי נוצלעכע, אָבער נישט שיינע האָר־פאַרבינדונג האָט אַרויסגעגעבן מיטאַמאָל איר עלטער. פון איר קאָפּ זענען מיט איינמאָל אַרויסגעקומען די פּאָר גרויע האָר, וואָס האָבן זיך ביז איצט באַהאַלטן אין דעם געדיכטן ים פון שוואַרצקייט. פון די אויגן האָבן זיך איר געגאָסן די טרערן איבער איר פּנים און געגרונצלט דעם פּודער, געבראָכן אים אין געקעסטלטע שטיקלעך, און זי האָט נישט געקלערט וועגן דעם עפעקט, וואָס אירע טרערן וועלן מאַכן אויף דער פאַרב פון איר פּנים־הויט. זי האָט אומעסטעטיש אפילו פאַרבראָכן די הענט איבער אירע קני, און האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען עפּעס דאָרט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש, דער באַרימטער אַדוואָקאַט, האָט זיך, אַ דענערווירטער, געטראָגן אַרויף און אַראָפּ איבער דעם ווייכן דיוואַן פון אָלגאַ מיכאַילאָוונאַס בודואַר. זיינע האָר זענען היינט געווען צעשויבערט מער ווי אַלע מאָל. און מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן, אַז סאָלאָמאָן אָסיפּאָוויטש איז שוין גאָרנישט קיין יונגערמאַן. נאָר די צוויי פינגער פון זיין רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אויפגעהויבן אין דער הויך, — אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן זייער פּאַטעטישעס און איינדרוקספולעס. וואָרים ביי יעדער אַזאַ געטלעכער באַגנעדיקונג פלעגט ער אויפהויבן די צוויי פינגער פון זיין רעכטער האַנט, צי דאָס איז געווען אין הויכן געריכט, צי אין געזעלשאַפט, צי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קהלשן עסק, אָדער וועגן אַ פּריוואַטער אינטימער זאַך.

— אין מיין שטוב, — האָט ער געזאָגט, און זיין שטימע האָט געציטערט מיט די טיפסטע טענער, — איז שטענדיק געוואָרן פאַרטיידיקט די גערעכטיקייט. דאָ אַהער האָבן זיך געראַטעוועט אַלע פאַרפאָלגטע און געיאָגטע צו זוכן שוץ און רעטונג פאַר ווילקיר און אומרעכט. איצט האָט זיך אין מיין שטוב אַריינגעגנבעט די נידערטרעכטיקייט, די געמיינסטע זינד. איך וועל עס אַליין נעמען מיט מיינע אייגענע הענט און אויסראָטן און איבערגעבן אין די הענט פון געזעץ. און מעג זיך דאָס אומרעכט באַ-

האַלטן אין מיין האַרץ אַליין, וועל איך אויסרייסן עס מיט אַ שטיק פון מיין פלייש און איבערגעבן אַהין, ווו עס באַלאַנגט.

אַלגאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אים נישט אָפּגעענטפערט, אַזוי ווי פאַר־טיפט אין איר אייגענעם טרויער, וואָלט זי אים גאָרנישט געוועזן גע־הערט. זי האָט ווי פריער געהעשעט:

— אונדזער שולד, מיין שולד.

דער אַדוואָקאַט, נאָך אַ ווײַלע הפסקה, איבערלויפנדיק אַ פּאָר מאָל ווידער די שטוב, האָט ווייטער גערעדט ווי צו זיך:

— אַ פּאָר אַ פּאָר וואָכן ערשט האָב איך פון מיין טיר אוועקגע־יאָגט אַ מענטש, וואָס איז ווינציקער שולדיק געווען, און האָט מער רעכט געהאַט אויף פאַרטיידיקונג און באַשיצונג, ווי מיין זון. יענער האָט דאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון. נישט קיין לעבעדיקן מענטש האָט ער באַוואָלהט, נאָר אַ פּרינציפּ, אַ טויטע זאַך. דאָך האָב איך אים אומ־רחמנותדיק פאַריאָגט. און ער, דערפאַר, ווייל ער איז מיין אייגן בלוט און פלייש, זאָל איך אים באַהאַלטן, באַשיצן דערפאַר, ווייל עס רירט מיין אייגענע הויט אָן? פאַרקערט, דווקא דערפאַר, ווייל עס איז מיין אייגן בלוט און פלייש, ווייל איך בין פאַראַנטוואָרטלעך, דערפאַר וועל איך אים איבערגעבן צום געזעץ. איך אַליין וועל אים איבערגעבן מיט מיינע אייגענע הענט. מיר באַדאַרפן דינען פאַר אַ משל פאַר אַנדערע. ווען נישט? ווי אַזוי וועל איך געפינען אין מיר די מאָראַלישע קראַפט צו שטיין אין פּנים פון דער וועלט, פון מיינע שונאים, און צו פאַרטיידיקן דאָס, וואָס איך פאַרטיידיק?!

— ווערטער, ווערטער, ווערטער! — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַן אויסגעשריי, — איך בין שוין קראַנק פון די ווערטער. אונדזער גאַנץ לעבן האָבן מיר אָפּגעלעבט מיט ווערטער. מיט שיינע, געדעכטע, גע־טאַקטע — נאָר פּראַזן, בלויזע, ליידיקע, גאָרנישט טוענדיקע. דאָס איז דאָך אונדזער שולד, אונדזער אייגענע שולד — מיינע און דיינע. מיר האָבן זיך געשפּילט, קאָקעטירט דורך אונדזער לעבן. וואָס האָבן מיר גע־טון פאַר אונדזערע קינדער? גאָרנישט! איך בין געווען פאַרנומען מיט מיר, מיט מיין נאַרישער שיינקייט, מיט מיין ווייבלעכקייט, און דו ביסט געווען פאַרנומען מיט דיר — מיט דיין שיין רעדן, מיט דיין ליבעראַלן קאָקעטישן רעדן. ביידע האָבן מיר געקאָקעטעוועט. ביידע זענען מיר גע־

ווען ענגאַיסטן, נידערטרעכטיקע, געמיינע. מיר האָבן גאָרנישט אין זינען געהאַט, אפילו אונדזערע קינדער נישט, נאָר זיך, זיך — זיך אַליין!

סאַלאָמאָן אָסיפּאָוויטש איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב א בליי־כער, און האָט אָנגעקוקט זיין ווייב מיט אויפגעריסענע, דערשראָקענע אויגן. ער האָט זי כמעט נישט דערקענט. קיינמאָל האָט ער זי נישט גע־זען אַזעלכע. אירע נישט־געמאַכטע האָר האָבן זיך ווילד אַרויסגעריסן פון איר פאַרבונדענער ראָגעווקע, און ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען די שלאַבריקע, איינגעפאַלענע, געפאַלדעוועטע הויט אַרום איר מויל און גאָמבע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פונעם טרערן-צעבראָכענעם פודער.

— וואָס איז מיט דיר? — פרעגט דער אַדוואָקאַט דערשראָקן.

— גאָרנישט. אַן אומגליק איז געשען. מ'באַדאַרף דאָס קינד ראַטע־ווען, און דו וואַרפסט ווערטער; דו ווייסט דאָך, דו וועסט עס נישט טון.

דער אַדוואָקאַט איז שטיין געבליבן. זיין שטערן געקנייטשט און די צוויי פינגער פון דער האַנט אַראָפּגעלאָזט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף אַ פאַרוואורף, און ער האָט אויך נישט געענטפערט.

זיין אומבאַהאָלפנקייט און זיין פאַרלוירנקייט האָט אָלגאַ מיכאַי־לאָוונען אפּנים גערירט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און זי האָט איר פון טרערן פאַרגרימאַסעט פּנים אוועקגעלייגט אויף זיין ברוסט און געשלוכצט, ווי אַן איינפאַכע מוטער.

— אָסיפּ, נישט ער, נאָר מיר זענען שולדיק! אין אַלעם שולדיק!

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)

2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)

3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)

4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)

5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)

6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)

7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)

8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)

9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)

10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)

11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספארקויפט)

12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספארקויפט)

13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)

14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)

15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ

16) קינדער-מאַרטירעלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)

17) חיים גראַדע: פּליטים

18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)

19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)

20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק

21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט

22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט

23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף

24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן

25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג

26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן

27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)

28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען

29) יעקב פאַט: הענעך

30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפּורה קאַצענעלסאָן - נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס-לידער
44) ז. סעגאַלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל-אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער
48) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) באַנד איינס
49) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) באַנד צוויי
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה-קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג-בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן (זכרונות)
54) יצחק פּערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן
56) שלום אש: פּעטערבורג

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך.
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן)
בעלכאַטאָוו (זאַמל-בוך)
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
אברהם לעוו: אַ ליד נאָך אייך
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי: אַמאָל איז געווען...
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
רבקה קוויאַטקאָווסקי: פון לאַגער אין לאַגער

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פוילישע יידנטום

פנחס ביזבערג שרייבט אין צוזאמענהאנג מיטן דערשיינען פון פופציק בענד פון דער ביכער־סעריע „דאס פוילישע יידנטום" אין זיין ארטיקל א״נ „אין דער שטאט בוענאס־איירעס שרייבט זיך די נייעסטע געשיכטע פון אונדזער פאלק" („די נייע צייט", בוענאס־איירעס, 8טער יולי 1949):

מען קען נישט גענוג רימען דעם אומפארגלייכלעכן אויפטו פון פארלאג פון פוילישן יידנטום, וואס האט זיך אונטערגענומען צו שאפן א סך הכל פון דער רעגנבויגן־סימפאניע פון חרובן פארלענדטן פוילישן יידנטום.

מיר האלטן שוין באלד ביים פופציקסטן בוך פון דעם דאזיקן איבערראשנדיקן פארלאג, די טיטאנישע אנשטרענגונג פון מארק טורקאוו און אברהם מיטלבערג, וואס האבן באוויזן ניט נאר צו באהויפטן די אומגלויבלעך מאטעריעלע זייט פון די הונדערט טויזנט עקזעמפליארן, נאר אויך דעם גוטן חוש אין דעם אויסוואל פון די ביכער. אלע ביז איצט ארויסגעגעבענע ביכער זענען וויכטיק, אלע זענען זיי א טייל פון לעבן, ליידן, פריידן, מארטיראלאגיע און אומקום פון רירעוודיקסטן שבט פון פאלק ישראל, וואס האט געהאט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן ביי די ברעגעס פון ווייסל, בוג, נארעוו און ווארטא.

צום באדויערן מוז מען אפשליסן דאס קאפיטל יידישע געשיכטע פון מדינת פוילן. מיר זענען א פאלק וואס האט פארשריבן זיין געשיכטע מיט אלע אירע פרטים; נישט געקוקט אויף דער בלוטיקייט פון די פרטים — זענען תמיד שוין אויפגעשטאנען געשיכטע־שרייבער און האבן פארצייכנט די קרייץ־צוגן, די שווארצע טויטן, די גירושים, די אינקוויזיציעס, די גזירות ת״ח ות״ט, די אוקראינער הריגות און צולעצט דעם אומקום פון די מיליאנען.

א טייערן פערל האט געהאט דאס יידישע פאלק — און דאס איז געווען דער פוילישער ייד. און זיין היסטאריע איז נישט אויסצושעפן. דעריבער טורעמען זיך אזוי די בערג מאנוסקריפטן וועגן דעם עבר פון ווארשעווער, לאדזשער, לובלינער, סאקאלאווער, גערער, אלעקסאנדערער ייד, און וועלכעס שטעטל האט נישט זיין בארימטע שיל, זיין גאון, זיין שרייבער, זיין זינגער, זייז בארימטקייט, זיין פערזענלעכקייט, וואס האט קונה שם געווען אין דער וועלט?

דעריבער — איז דער וכל המרבה

לספר הרי זה משובח. שרייבט לעאָ פינקעלשטיין ברייט לירישׂ וועגן דער דורותדיקייט פון מגילת פוילן, קו־מען אים נאָך אברהם נחתומי און צוויבערן אַרויס אַ „שאָטן פון דורות" און מנשה אונגער כישופט אונדז אַרויס די צוויי געוואַלדיקע חסידישע זיילן דעם קאָצקער און דעם פּשיס־כער, און פריער נאָך פירט אונדז אַריין אין די פאַרדרייטע געסלעך פון דער יידן־שטאָט לובלין דער היסטאָ־ריקער־קדוש מאיר באַלאַבאַן; און אין דעם הויז אויף גזשיבאָוו ציט דוד פלינקער זיינע התלהבותדיקע חסידי־שע לייוונטן פון מאַיעסטעטישן צע־פלאָסן־זינגעוודיקן גערער חסידישן הויף. אַזוי פיל אַספּעקטן: וואַרשע־זוער הייף (אברהם טייטלבוים, א. אַלמי) אין זייער געטומל, זייער גע־ווימל, זייער אָרימקייט, די אייגנאַר־טיקע יידישע אונטערוועלט, די באַ־רעדעוודיקע אביונישקייט וואָס האָט טראָץ אַלעם געהאַט אַזאַ שיינעם שבת־יום־טובדיקן גלאַנץ אין דער סאַמע גרויער וואָכעדיקייט. אַן איי־דעלער גוף מיט אַ קאָפּ — וואַרשע, וואַרשע ווו עס האָבן זיך אָפּגעזעצט שיכטן פון ברילאַנטן פון יידישער קאָנדענסירטער גאונות. יעקב שאַצקי ווייזט זיי אונדז אין זיינע עסייען: „אין שאָטן פון עבר" און נחום סאָ־קאָלאָוו, אַליין אַן איידלסטער פּראָ־דוקט פון פויליש־יידישן תורה וחכ־מה־אויוון, זינגט אונדז דאָס געזאַנג פון די פּערזענלעכקייטן פון דער עיר ואם בישראל וואַרשע. וואַרשע דער מאַגנעטישער צענטער פון דעם רע־נעסאַנס פון דער יידישער און העב־

רעאישער ליטעראַטור, פון פרצן, ביאַליקן, פרישמאַנען, פון הלל צייט־לינען, אַרום וועלכן עס קאָנצענטרירט זיך אַ „ליטעראַרישע שטוב", וועלכע עס באַזינגט מיט אַזאַ יראת הכבוד, מיט אַזאַ ליבשאַפט זיין גערעאָטענער ברענענדיק־חדוההדיקער זון אלחנן ציימלין; און שפּעטער קומט דאָס עלעגישע „טלאָמאַצקע 13", דאָס אָד־לער־נעסט פון די מחנות־מחנות פוי־לנס יידישע זינגער, דיכטער, פּאָ־עטן, דערציילער, נאָוועליסטן, ראָ־מאַניסטן, עסייאיסטן, וואָגיקע וואָרט־זאָגער, מנהיגים, זייער שאַר איז גע־ווען גרויס און אכפּערדיק; זייער שבח זאָגט נאָך אין איינגעהאַלטע־נעם טשעלאָ־טאָן ז. סעגאַלאָוויטש.

דער ריח פון דער קומענדיקער בלוטיקער שחיטה, די אנונג פון דער־נענטערנדיקן אומקום האָט זיך ווי



געפילט אין דער לופט פון די יידישע
קווארטאלן פון פארהונגערטן, אויס־
געמוטשעטן פוילן. יעקב לעשטשינ־
סקי האט שוין געהאט דאס פארגע־
פיל פון דעם וואס וועט קומען, ווי
מיר זעען עס אין זיין בוך „אויפן
ראנד פון אפגרונט", פאר דער נאצי־
שער אינוואזיע נאך האבן יידן זיך
געריסן ארויס פון די פלוינעס (מ.
בורשטין „אויף די חורבות פון פלוי־
נע"), פון ווארשע, לאדזש, ארויס
אין דער וועלט פון די שכנים־פאליא־
קן, וואס זענען גרייט געווען צו פאר־
ראטן, צו דערווערגן, צו דערשטיקן.
ביכער, ביכער, יידישע היסטאריע
פון די נייעסטע גזירות תרצ"ט -
ת"ש - תש"א - תש"ב - תש"ג -
תש"ד. אך, יארן פון ברענענדיקע
טריט, פון נע־ונד'ס, פון וואנדערונ־
גען, פון געטאס, פון יודענראטן, פון
חורבות, פון פארגאזונגען, פון פלאמ־
בירטע וואגאנעס, פון פארברענטע
קינדער, פון טרעבלינקע, מאידא־
נעקס, פון שטעט און שטעטל — יע־
דעם זיין היסטאריע פון עינוים, פון
פייניקונגען, פון אויסטערלישע ליידן,
וואס די שפאנישע אינקוויזיציעס
פארבלאסן קעגן זיי; יארן פון געט־
טא־אויפשטאנדן, פון פארטיזאנער,
פון פינצטערע טעג און נעכט אין די
שחיטה־שטעט. צעשפליטערט, צע־
שטויבט, צעריבן אין אש, פארעך
איז געווארן דאס פוילישע יידנטום.
אזעלכע מעשים תעתועים, אזעלכע
גרוילטאטן באגאנגענע פון פאלק פון
מוזיק, פילאזאפיע, פון פאלק פון
דענקער און דיכטער. פון די דייי־
טשוקעס — דארפן נישט ווערן פאר־
שוויגן. בשום אופן ואופן. און גע־
ווען אזעלכע וואס האבן דאס איבער־
געלעבט און די שאנד פארצייכנט
לדור דורות. א דאנק מרדכי שטריג־
לער ווייסן מיר וואס עס האט זיך
אפגעטאן אין די פאבריקן פון טויט;
וו. גראסמאן, ווייערניק, פאליאקע־
וויטש שילדערן טרעבלינקע: די איי־
ביקע שאנד פון דער מענטשהייט;
דר. זיידמאן, יאנאס טורקאוו האבן
געשריבן טאג־ביכער, פראסט, נישט
באפוצט, ארויסגעבראכט די כראניק
פון דעם ווי אזוי איז דאס געווען.
מ'מוז דאס לייענען, מ'טאר נישט
געפינען קיין תירוצים נישט צו לייע־
נען די „זאכן וואס לאזן נישט שלא־
פן", מ'טאר נישט פארגעסן צו לייע־
נער די דאקומענטן פון דער קינדער
מארטיראלאגיע, מ'טאר זיך נישט
ארויסדרייען, נאך נישט געקומען די

צייט וועגן דעם אויפהערן צו רעדן.
די געשרייען פון די זעקס מיליאנען
זענען נאך נישט פארשטומט. די
וועלט האט אפילו נאך נישט גע-
פרווט זיך צו פארענטפערן וועגן
דעם ענין און די דייטשוקעס ווייזן
נישט ארויס דעם מינדעסטן סימן פון
חרטה. יידן האבן א חוב צו שרייבן
געשיכטע און צו לערנען זייער גע־
שיכטע מיט גרויס אויפמערקזאמ־
קייט. היסטאריע איז א וועגווייזער,
א מיילנפונקט, היסטאריע לערנט,
ווארנט, קעגן סכנות. האלט אונטער־
דעם בטחון, ציט שלוסן, עפנט פער־
ספעקטיוון.

דעריבער איז אזוי געוואלדיק וויכ־
טיק דער אומגלויבלעכער פאקט וואס
אין דער שטאט בוענאס איירעס
ווערט צונויפגעשטעלט דאקומענטא־
ריש די נייעסטע געשיכטע פון אונ־
דזער פאלק — א דאנק די צוויי טיכ־
טיקע שעפער און בויער מארק טור־
קאוו און אברהם מיטלבערג.

וועגן אלע ענינים, וואס האבן א שייכות צו דער ביכער־סעריע, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires (Rep. Argentina)**

Este libro se terminó de imprimir
el día 12 de noviembre de 1949,
en los Tall. Gráf. Julio Kaufman,
Corrientes 1976, Buenos Aires